STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07682

# MAYNE ANI MAMINS

Chaim Zhitlowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי
אלע ווערק

אַלע ווערק פון

# ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

באַנד 4

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

# מײנע „אני מאמינס״

## און אַנדערע אָפּהאַנדלונגען

איקוף פארלאג

ניו-יאָרק

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון פריינט
און פאַרערער פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי
(רשימה פון די ביישטייערער צום סוף פון בוך)

# DR. CHAIM ZHITLOWSKY
# MEINE ANI MAMINS

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.
1953

Printed in U.S.A. by
Aber Press, Inc., 37 E. 18th St., New York 3, N. Y.

געדרוקט מיט דער צושטימונג פונעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ,
אין הסכם מיט דער צוואה פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

# אינהאַלט

צו דעם לייענער — נחמן מייזיל ........ 7

## מיינע „אני מאמינס"

א. מיין גלויבן אין דער רעלאַטיוויטעט פון אַלע מענטשלעכע אמתן .... 13
ב. מיין גלויבן אין גאָט ........ 17
ג. אין וואָס פאַר אַ גאָט איך גלויב ........ 22
ד. דער גלויבן, אַז גאָט איז די אייביקע אורזאַך פון אַלע וועלט־פּראָצעסן 27
ה. וועגן גאָט און וועלט ........ 32
ו. די רעלאַטיוויטעט פון אַלע מענטשלעכע אמתן און דער אינדיווידועלער כאַראַקטער פון יעדן גאָט־גלויבן ........ 37
ז. די „וועלט" — אַ „פּאָעמע" פון „געטלעכער נויטווענדיקייט" ........ 41
ח. מיין גלויבן אין אַלגעמיינעם געזעץ פאַר דער וועלט־נויטווענדיקייט .. 45
ט. דאָס געזעץ פאַר וועלט־נויטווענדיקייט ........ 49
י. מיין גלויבן אין „קאָסמישן טראַנספאָרמיזם" ........ 55
יא. דער פריהייטלעכער סאָציאַליזם ........ 59
יב. דער גלויבן אין אינטערנאַציאָנאַליזם ........ 63
יג. „רעליגיע איז אַ פּריוואַטע זאַך" ........ 67
יד. די צוקונפט פון אונדזער פאָלק ........ 71

מיין סאָציאַליסטישער „אני מאמין" ........ 76

דער אויפקום פון דעם אַריסטאָטעלישן פּעריאָד אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע ........ 83

מאַטעריאַליזם און מאַראַל ........ 143

אַלבערט איינשטיינס רעליגיעזע פילאָסאָפיע ........ 151

## אמת, יושר און שיינקייט

א. דער מאַטעריאַליזם אין וועלט־באַטראַכט און לעבנס־באַנעם ........ 165
ב. אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם אין דעם לעבנס־באַנעם ........ 170
ג. קאַרל מאַרקס, ענגעלס און קאַוטסקי ........ 175
ד. דער חוש פאַר שיינקייט אין דער נאַטור ........ 180
ה. דאָס ערשטע קערנדל פון אמת זוכעניש ........ 184
ו. וואָס אַזוינס איז שיינקייט? ........ 188

ז. האַרמאָניע צווישן אינהאַלט און פאָרם .......................... 193
ח. פאַרשיידענע באַגריפן פון שיינקייט .......................... 198
ט. אינהאַלט און פאָרם .......................... 202
י. עסטעטישע אויסבילדונג .......................... 207
יא. נייקייט און אָריגינאַליטעט .......................... 211
יב. די ראָליע פון יושר .......................... 216
יג. צווישן עטיק און עסטעטיק .......................... 220
יד. מאָראַלישער באַוואוסטזיין .......................... 225
טו. טעאָרעטישע קעגנער פון דער מאָראַל .......................... 229
טז. די אוטיליטאַריסטישע טעאָריע. — „פרייער ווילן" און מאָראַל .... 233
יז. די פראַגע וועגן גוטס און שלעכטס .......................... 237

## מאָדערנע יידישע פּראָבלעמען

א. רעליגיע אָדער נאַציע ? .......................... 243
ב. אַ רעליגיעזע נאַציע אָדער אַ וועלטלעכע .......................... 259
ג. אַן אייגן לאַנד, גלות־נאַציאָנאַליזם אָדער אַ „קולטור־צענטער" ? .... 284
ד. ציוניזם אָדער טעריטאָריאַליזם .......................... 320

# צו דעם לייענער

אין סעפּטעמבער 1943, אַ פּאָר חדשים נאָך ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס טויט, איז, לויט דער איניציאַטיוו פונעם שרייבער און קינסטלער־קאָמיטעט און פונעם איקוף, וואָס דער פאַרשטאָרבענער דענקער און שרייבער איז געווען זייער ערן־פּרעזידענט, צונויפגערופן געוואָרן אַ באַראַטונג פון פאַרשטייער פון פאַרשיידענע קולטור־ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס וועגן פאַראייביקן דעם נאָמען פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי. אויף אָט דער פאַרזאַמלונג איז פייערלעך באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ פאָלקס־קאָמיטעט אויף אַרויסצוגעבן ד״ר ח. זשיטלאָווסקיס ווערק. דער זשיטלאָווסקי־פאָלקס־קאָמיטעט האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פון יידישע שרייבער און וויסנשאַפטלער צו־צוגרייטן צום דרוק די פאַרבליבענע מאַנוסקריפּטן און סיסטעמאַטי־זירן די אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען און ווערק פונעם נפטר, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין צייטונגען און צייטשריפטן. ס׳איז דערביי באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן די ערשטע דריי בענד אין לויף פון די נאָענטע חדשים.

ס׳איז אַלע מאָל, משמעות, גרינגער אַרויסצוזאָגן גוטע וואונטשן און אָנצונעמען שיינע באַשלוסן ווי זיי דערנאָך צו רעאַליזירן. דער ד״ר ח. זשיטלאָווסקי פאָלקס־קאָמיטעט האָט, אָנשטאָט דעם ערשטן באַנד פון ד״ר זשיטלאָווסקיס ווערק, געמוזט צוערשט אַרויסגעבן אַ זאַמלונג „קעגן די אָנפאַלער אויף ד״ר ח. זשיטלאָווסקי״ מיט ענטפערס אויף די וויסטע אָנפאַלן, מיאוסע בלבולים און הפקר־פאַרליימדונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן ד״ר זשיטלאָווסקי דורך דער ״פאָר־ווערטס״־חבריא בראש מיט חיים ליבערמאַן, הלל דאָגאָף און אַב. קאַהאַן. אין דעם פאָרוואָרט צו דער זאַמלונג האָט דער פאָרזיצער פונעם ד״ר ח. זשיטלאָווסקי פאָלקס־קאָמיטעט, ב. צ. גאָלדבערג, צווישן אַנ־דערן געשריבן, אַז די זאַמלונג ווערט אַרויסגעגעבן פונעם ד״ר ח. זשיטלאָווסקי פאָלקס־קאָמיטעט, וואָס „האָט זיך געשטעלט די אויפ־

גאַבע אַרויסצולאָזן אַלע ווערק פון דעם גרויסן שריפטשטעלער אין אַ פאָלקס־אויסגאַבע. די ערשטע צוויי בענדער פון דער דאָזיקער אויסגאַבע זיינען שוין אין דרוק און וועלן האָפנטלעך דערשיינען צום ערשטן יאָרצייט... אַז דער ד״ר זשיטלאָווסקי־קאָמיטעט זאָל פאַר זיין ערשטער אַרבעט דאַרפן אַרויסגעבן אַזאַ ביכל, איז אַ טרויעריקער אָנווייז אויפן מאָראַלישן מצב פון אַ געווויסן טייל פון דער יידישער עפנטלעכקייט..." (ז׳ 6)

דאָס זיינען געווען די ערשטע שריט פונעם ד״ר ח. זשיטלאָווסקי־פאָלקס־קאָמיטעט.

*****

מיר האַלטן איצט ביים צענטן יאָרצייט פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי און מיט צער באַדאַרפן מיר קאָנסטאַטירן, אַז ס׳איז דעם איקוף, וועל־כער האָט דערנאָך איבערגענומען אַרויסצוגעבן ד״ר זשיטלאָווסקיס ווערק, אָנגעקומען זייער שווער צו פאַרווירקלעכן די גוטע וואונטשן און שיינע רעזאָלוציעס פון די פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע קול־טור־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. מיט גרויס מי האָט דער איקוף באַוויזן פאַר די צען יאָר אַרויסגעבן בלויז דריי בענד און איין ביכל פון דער גייסטרייכער זשיטלאָווסקי־ירושה.

עס זיינען, ווי באַקאַנט, ביז איצט דערשינען פון ד״ר זשיטלאָווסקיס ווערק:

1. ייד און וועלט (1945, 318 ז״ז), — אַ זאַמלונג אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם פראָבלעם ייד און וועלט, געשריבן אין די יאָרן 1892־1943.

אינעם וואָרט „צו די לייענער" האָבן מיר געשריבן, אַז „מיט אָט דעם באַנד הויבט אָן דער איקוף אַרויסצוגעבן די ווערק פון דעם גרויסן דענקער און אומדערמידלעכן קעמפער און באַגרינדער פון דער פראָגרעסיווער יידישער קולטור".

2. דער זין פון מענטשלעכן לעבן (1945, 319 ז״ז), — אין דעם באַנד „זיינען אַריין אָפּהאַנדלונגען וואָס האָבן צו טאָן מיט פילאָסאָפישע פראָבלעמען פונעם מענטשלעכן זיין און לעבן, ווי אויך מיט פראַגן פון סאָציאַלער עטיק און אינדיווידועלער מאָראַל".

מחמת פינאַנציעלע שוועריקייטן איז געקומען אַ לענגערער אי־בעררייס אין דער דערשיינונג פון די ווייטערדיקע בענד. און ערשט מיט 6 יאָר שפּעטער איז דערשינען:

3. וויזיע און געדאַנק, איז אַרויס ערשט אין 1951 (357 ז״ז). דער באַנד נעמט אַריין אַרטיקלען פון ד״ר ה. זשיטלאָווסקי איבער ליטעראַטור־פּראָבלעמען און קונסט־פראַגן, ווי אויך אָפּרופן וועגן שרייבער און ווערק, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די יאָרן 1904־1943 און וועלכע זענען נישט פאַרעפנטלעכט אין אַ בוך־פאָרם.

מיר האָבן אויך, צו דער געלעגנהייט פון י. ל. פּרצס 100סטן געבוירנטאָג, אַרויסגעגעבן אַ ביכל פון ד״ר ה. זשיטלאָווסקי:

4. יצחק לייבוש פּרץ, (1951, 48 ז״ז), — אַרטיקלען און רעדעס, געשריבן און געהאַלטן דורך ד״ר ה. זשיטלאָווסקי ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אין די יאָרן 1905, 1915, 1940.

דער איצטיקער, פערטער, באַנד פון ד״ר ה. זשיטלאָווסקיס ווערק נעמט אַריין אַ צאָל ערנסטע, וויכטיקע אָפּהאַנדלונגען, געשריבן דורך ד״ר זשיטלאָווסקי אין די לעצטע פופצן יאָר פון זיין לעבן, — גרעסערע אַרבעטן איבער פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, סאָציאַל־עטישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע פראַגן, וואָס האָבן פאַרנומען דעם דענקער און קעמפער זינט זיינע יינגערע יאָרן ביז די לעצטע טעג פון זיין שטורמיש און גייסטרייך לעבן, די אָפּהאַנדלונגען זיינען געדרוקט געווען אין פאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפטן, וואָס זענען איצטער נישט צוגענגלעך דעם לייענער.

***

ד״ר ה. זשיטלאָווסקי, האָט אַלעמאָל אַרויסבאַוויזן אַ טיפן אינטערעס צו דער פילאָסאָפיע־וויסנשאַפט. אין פאַרשיידענע צייטן איז ער אַוועק פון די קאָנקרעטע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע קאַמפן און טראַכטענישן און זיך געלאָזט שוועבן אין די הימלען פון די אַבסטראַקטע וויסנשאַפטן. נאָך אין די יאָרן 1909־1910 האָט ד״ר זשיטלאָווסקי געהאַלטן אַ סעריע פאָרלעזונגען אונטער דעם נאָמען „די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון דעם פילאָסאָפישן געדאַנק", וואָס איז דערנאָך אויסגעוואַקסן אין אַ גרויס בוך „די פילאָסאָפיע, וואָס זי איז און ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט" (ניו־יאָרק 1910, 2 בענד, 586 ז״ז). אינעם פאָרוואָרט צום בוך האָט ד״ר ה. זשיטלאָווסקי געשריבן: „...אונדזער ווערק וויל זיין ביט נאָר אַ געשיכטלעכע סקיצע פון דעם פילאָסאָפישן אַנטוויקלונגס־גאַנג. עס וויל דורכפירן אַ נייעם געדאַנק וועגן די אויפגאַבן פון דעם פילאָסאָפישן שאַפן און די גרונט־פּרינציפּן, וואָס דאַרפן דערביי אָנגעווענדט ווערן". ער האָט די צוויי בענד,

„די פילאָסאָפיע", באַטראַכט ווי דעם ערשטן טייל פון אַ גרעסערן ווערק, וואָס האָט באַדאַרפט באַשטיין פון נאָך צוויי גרויסע טיילן. און ער האָט באַדויערט, וואָס ער קאָן נישט, צוליב ריין־פּערזענלעכע סיבות, צוטרעטן, ווי ער זאָגט, צו „דער דורכפירונג פון די איבעריקע טיילן פון דעם בנין". ער וואָלט געוועזן צופרידן און גליקלעך, ווען עס זאָל זיך אים „איינגעבן וויניקסטנס אויסצואַרבעטן אַ היבשן טייל מאַטעריאַל, וואָס איז נויטיק פאַר אַזאַ געביי" (ז"ז ו־וו).

אין אַלע שפּעטערדיקע יאָרן זיינען מיר עדות ווי ד"ר ח. זשיטלאָווסקי קערט זיך אום צו דער פילאָסאָפישער וועלט, וואָס איז ביי אים נישט אַ ריין־הימלשע, אַ ווייט־אָפּגעשיידטע פונעם רעאַלן לעבן און פון דער עקזאַקטער וויסנשאַפט. אין זיינע אומצאָליקע ביכער טרעפן מיר כסדר אַרבעטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט די פילאָסאָפישע סיסטעמען און פּראָבלעמען. מיר וועלן דערמאָנען באַזונדערס די לענגערע אָפּהאַנדלונג פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי „וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע, רעליגיע" (וואָס באַשטייט פון צוויי לעקציעס, געהאַלטן אין 1931, פאַרעפנטלעכט אין בוך „דער זין פון מענטשלעכן לעבן", ניו־יאָרק 1945, ז"ז 159־225), וואו ד"ר זשיטלאָווסקי באַמיט זיך אָנצוצייכענען די גרענעצן פון פילאָסאָפישן געדאַנק און זיינע שייכותן מיט וויסנשאַפט און רעליגיע.

דאָרטן האָבן מיר אַזאַ טרעפלעכע, קורץ־פאָרמולירטע באַצייכענונג: „די פילאָסאָפיע איז פאַראינטערעסירט אין דער קלאָרער באַטראַכטונג פון דעם גאַנצן וועלט־געשעען, ווי אויך אין דעם קלאָרן איינזען אין די כוחות פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש, וואָס ברענגען אַרויס יענע קלאָרע באַטראַכטונג" (ז' 223). און נאָך: „די וויסנשאַפט איז אַ חוב, אַ מוז פאַר דעם פרייען מענטשלעכן שכל, פילאָסאָפיע און רעליגיע זיינען אַ רשות, אַ ריין־ פרייער שריט. די פעלערן פון דער אַלטער פילאָסאָפיע און די אַלטע רעליגיעס זיינען באַשטאַנען דער עיקר אין דעם, וואָס זיי האָבן זיי זייערע כוואַליעס געוואָלט פאַר־טרינקען אויך די יבשה פון דעם רעאַלן געשעען" ... (ז"ז 224־225).

ווי זיינע באַטראַכטונגען און אַרויסזאָגונגען וועגן פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, אַזוי זיינען פאַר אונדז אויך זייער אינטערעסאַנט זיינע געדאַנקען און מיינונגען אין דער לענגערער אָפּהאַנדלונג איבער „מאָדערנע יידישע פּראָבלעמען" („צוקונפט" אין 1932). זיי זיינען פאַר אונדז וויכטיק, כדי צו באַגרייפן דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם גרויסן דענקער און זיין באַזונדערע אויפפאַסונג פון דער יידישער ווירקלעכ־

קייט און דעם העפטיקן קאַמף פון די אידעאָלאָגישע ריכטונגען אין דער וועלט די לעצטע יאָרצענדליקער. אוודאי האָט זיך פאַר דער צייט, פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, פיל געענדערט אין דער וועלט בכלל און ממילא — אויך אין דער יידישער וועלט. פיל פעסטגעשטעלטע הנחות, פיל אַרויסגעזאָגטע אמתן לאָזן זיך אָפּפרעגן און ד"ר ח. זשיט־לאָווסקי וואָלט זיי זיכער אַליין איצט אָפּגעפרעגט, ווי ס'איז שטענדיק געווען זיין שטייגער אויפצונעמען און רעווידירן זיינע איינשטעלונגען אין ליכט פון די נייע געשעענישן און ענדערונגען אין דער וועלט. ווי האָט ד"ר זשיטלאָווסקי אַליין אַמאָל געזאָגט: „...פּראָגראַמען קאָנען זיך ענדערן, דאָס גרויסע און וויכטיקע איז די שטעלונג...” און אָט די שטעלונג באַדאַרף מען גוט וויסן און באַגרייפן.

אין זיין פּרעכטיקער, טיף־אינטערעסאַנטער רעדע „פּרץ, דער נביא פון קאַמף” (געהאַלטן אויף דער פּרץ־פייערונג פון איקוף, 1940, פאַרעפנטלעכט אין זיין ביכל „י. ל. פּרץ”, ניו־יאָרק, 1951), האָט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי געזאָגט: „...אין פּרצן הויבט אָן דער יידישער קינסט־לערישער גייסט צו רעאַגירן אויף אַלע טיפסטע פּראָבלעמען פון אַ מענטשלעכן לעבן, ווי זיי ווערן געשטעלט אין דער פּראָגרעסיווער קולטור פון דעם אייראָפּיאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז. פּרץ איז דער ערשטער יידישער קינסטלער, וואָס וואַרפט זיך אַריין אין די גייסטיקע קאַמפן פון זיין צייט: די סאָציאַלע, די פריי־דענקערישע, די פילאָסאָפישע, די רעליגיעזע, ווי אויך די גייסטיקע קאַמפן אַרום די טיפסטע פּראָבלעמען וועגן דעם זין פון אַ מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט” (ז"ז 37־38).

און ווייטער: „...ער, פּרץ, וואַרפט זיך אַריין אין אָט די גייס־טיקע קאַמפן פון דער צייט ניט נאָר ווי אַ מענטש בכלל, ניט נאָר ווי אַ יחיד, וואָס שטרעבט צו באַשטימען זיין פּלאַץ און זיין באַדייט אין דעם וועלט־באַשאַף, ניין! דער יחיד, פּרץ, באַקומט דערביי אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַל־יידישן מהות. דאָס פירט דערצו, אַז אין דעם צענטער פון זיין גייסטיקן געראַנגל ווערט אַוועקגעשטעלט פּרצעס הויפּט־פּראָבלעם: די מענטשלעכע וועלט פון איין זייט און דער ווערט, ווי אויך דעם באַדייט פון דעם יידישן פאָלק אין אָט דער מענטשלעכער וועלט, פון דער אַנדערער זייט. פּרץ האָט געקאָנט זאָגן אויף זיך: עס איז מיר ניט פרעמד קיין זאַך, וואָס באַוועגט אַ מענטש־לעכע ברוסט, און עס איז מיר ניט פרעמד קיין זאַך, וואָס פּלעגט אויפ־

רודערן און רודערט עד היום אויף די נשמה פון מיין יידישן פאָלק" (ז' 38).

איז דען נישט אָט די טרעפלעכע באַצייכענונג און כאַראַקטעריס־טיק, וואָס ד"ר זשיטלאָווסקי גיט פון י. ל. פרץ, נישט קיין פּרעכ־טיקע, גלענצענדיקע באַצייכענונג און כאַראַקטעריסטיק פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי גופא?

דאָס נייע בוך „מיינע אני מאמינס" איז אַ ווערק צום לייענען, און נאָך מער — צום לערנען און שטודירן.

*****

דאָס דאָזיקע נייע בוך פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורכן איקוף צום צענטן יאָרצייט פונעם גרויסן דענקער און לערער, איז אַ באמתע פאָלקס־אויסגאַבע. אַרום דריי הונדערט פריינט פונעם יידישן וואָרט, פאַרערער פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האָבן זיך בייגעשטייערט און דערמיט מעגלעך געמאַכט, אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

דעם ניו־יאָרקער שטאָטישן איקוף־קאָמיטעט קומט אַ יישר־כוח, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צוצוטרעטן אַרויסצו־געבן דאָס דאָזיקע בוך.

זאָל עס סטימולירן ד"ר זשיטלאָווסקיס פּילצאָליקע פריינט און פאַרערער, זיי זאָלן מעגלעך מאַכן טאַקע גאר איינגיכן אַרויסצוגעבן נאָך אַ באַנד, דעם פינפטן.

**נחמן מייזיל**

דעם 6־טן מאַי, 1953

# מיינע „אני מאמינס"

## קאַפּיטל איינס

## מיין גלויבן אין דער רעלאַטיוויטעט פון אַלע מענטשלעכע אמתן

אין איינעם מיט פּראָטאַגאָרן, וואָס האָט געלעבט מיט אַן ערך אַ צוויי טויזנט פיר הונדערט יאָר צוריק, גלויב איך באמונה שלימה, אַז „דער מענטש איז די מאָס פון אַלע זאַכן: פון די וואָס עקזיסטירן — צי (און ווי) זיי עקזיסטירן, און פון די וואָס זיינען נישטאָ — צי (און פאַרוואָס) זיי זיינען נישטאָ".

דאַרף מען אָבער האָבן אין אויג, אַז דאָס וואָרט: „מענטש" האָט אַ פילפאַכן טייטש. קודם דאַרף אונטער דעם וואָרט פאַרשטאַנען ווערן דער גאַנצער מענטשלעכער מין. אַ נאָרמאַלער מענטש גלויבט, צ. ב. (און מיינט, אַז ער ווייס דאָס אויף זיכער), אַז „יעדע זאַך מוז האָבן אַן אורזאַך". וויסן אויף זיכער קאָן מען ניט, צי טאַקע יעדע זאַך האָט אַן אורזאַך. ווייל ווער האָט דאָס דען אין דער אמתן אויסגעפאָרשט יעדע זאַך, סיי אין דער איצטיקער צייט, סיי אין דער אומענדלעכער געוועזנקייט, כדי אויסצוגעפינען, צי איז ניט געווען עפּעס אַ זאַך, וואָס איז אַריינגעשפּרונגען אין דער ווירקלעכקייט גלאַט אַזוי, אָן אַ פאַרוואָס, און צי שפּרינגען נאָך עד היום נישט אַרייך אַזעלכע זאַכן אין דעם ווירקלעכן זיין פון דער וועלט.

צו באַטראַכטן, אַז אין דער וועלט הערשט „קאַוזאַליטעט", אַז יעדע זאַך האָט אַן אורזאַך, וואָס האָט זי „באַווירקט", און צו שליסן פון דער זאַך אויף דער „אורזאַך", וואָס האָט זי אַרויסגעבראַכט, אָדער וואָס ברענגט זי כסדר אַרויס, — דאָס איז אַ „מענטשלעכע מאָס", הגם עס זיינען דאָ גענוג טעמים אָנצונעמען, אַז אויך אַנדערע לעבעדיקע ברואים ווענדן אָן די זעלביקע „מאָס" אין זייער צופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען פון דעם לעבן.

דער „מענטש״ באַשטימט, צי עס זיינען דאָ אורזאַכן אין דער וועלט אָדער ניט. ער, דער מענטש, באַשטימט אויך אין וואָס זיי באַשטייען און ווי זיי ווירקן: געווען צייטן ביי דעם „מין מענטש״, ווען ער האָט אַלע זאַכן און פּאַסירונגען באַטראַכט, ווי אַ ווירקונג פון גייס־טיקע פּאָטענצן, וואָס פילן אָן די גאַנצע נאַטור: געטלעכע קרעפטן, מלאכים, שדים, געטער אָדער אָן איין־איינציקער גאָט. שפּעטער האָט מען די פאַרשיידענע גייסטיקע פּאָטענצן פאַרביטן מיט ריין מעכאַנישע מאַטעריעלע פּראָצעסן: שטויסן, שלעפּן, דריקן, הויבן. דער בליק אויף דעם מהות פון די „אורזאַכן״, וואָס „ווירקן״ אין דער וועלט, האָט זיך געביטן און האַלט נאָך אין בייטן זיך עד היום. און אַלע־מאָל, צו אַלע צייטן, איז דער מענטש געווען די „מאָס״, וואָס באַ־שטימט, צי אַזאַ אָדער אַן אַנדער אורזאַך עקזיסטירט, און צי דער אופן פון איר ווירקונג איז אַזאַ אָדער אַן אַנדערער.

ווען דער „מענטש״ האָט געגלויבט אין שדים און אין זייער וויר־קונג אויף מענטשן, זיינען די שדים געווען רעאַלע עלעמענטן פון דעם מענטשנס „ווירקלעכער וועלט״, און דורך זייער ווירקונג זיינען דערקלערט געוואָרן אַ סך פּראָצעסן און איינצלנע געשעענישן אין דעם מענטשלעכן לעבן. לסוף איז אויפגעקומען אַ גאַנצע סיסטעמאַטישע „וויסנשאַפט״: די „דעמאָנאָלאָגיע״, וואָס האָט אויף דעם סמך פון די „דערפאַרונגען״, וואָס מענטשן, — דער עיקר די „מכשפות״, — האָבן געהאַט מיט שדים, „אויסגעפאָרשט״ זייערע פאַרשידענע מינים און די פאַרשיידענע אַרטן, ווי זיי ווירקן.

די שדים־וועלט איז איצטער פאַרשוואונדן פון דער וויסנשאַפט־לעכער מענטשלעכער דערקענטניש. זי איז אָבער נאָך עד היום אַ טייל פון יענער רעאַלער ווירקלעכקייט, אין וועלכער עס לעבן יענע מענטשן, וואָס גלויבן אין שדים. פאַר אונדז איז דאָס אַן „אָבער־גלויבן״. פאַר זיי איז דאָס ניט נאָר אַ גלויבן, נאָר נאָך עפּעס מער: אַ זיכערער וויסן. זייער רעאַלע וועלט איז דעריבער אַ גאַנץ אַנדערע איידער אונדזער רעאַלע וועלט. ווייל „רעאַל״ פאַר דעם מענטשן איז דאָס, וואָס ער נעמט אָן מיט זיכערקייט, אַז דאָס עקזיסטירט מחוץ זיין מענטשלעכער דערקענטעניש.

אין דער איצטיקער צייט, — דער עיקר, זינט נאָך איינשטיינס רעוואָלוציע אין די פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן, — ווערט אַרייגעוואָרפן אין צווייפל די עקזיסטענץ גופא פון „ווירקנדיקע אורזאַכן״. מען רעדט וועגן „פונקציאָנעלע צונויפבונדן״ אין די זאַכן און פּאַסירונגען.

אויב דער געדאַנק פון „פונקציאָנעלע צונויפבונדן" וועט זיך איינ־שטעלן אומעטום אין דער וועלט פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש, וועלן זיי ווערן די „רעאַלע ווירקלעכקייט" פאַר אַלעמען.

אָבער ווי פאַרשיידן עס זאָלן ניט זיין די פאַרטייטשונגען פון דעם ענין: „אורזאַך און ווירקונג", האָבן זיי אַלע איין־איינציקן אַלגעמיין־מענטשלעכן שטריך: די זיכערקייט, אַז יעדע זאַך מוז האָבן אויב ניט קיין „אורזאַך", איז אַ טעם מספיק, אַ גענויען גרונט פאַר־וואָס זי עקזיסטירט און פאַרוואָס זי איז אַזוי ווי זי איז.

און אָט דער גרונט־שטריך איז ניט אַרויסגעפונען געוואָרן פון דער דערפאַרונג, ווייל עס קאָן גרינג באַוויזן ווערן, אַז אָן אָט דעם גרונט־שטריך אין דעם מענטשנס באַטראַכט וואָלט ניט מעגלעך געווען קיין שום דערפאַרונג. דער מענטש געפינט אים אין דער דערפאַרונג, ווייל ער אַליין טראָגט אים אומבאַוואוסטזיניק אַריין אַהין, איידער ער טרעט נאָך צו עפּעס צו דערפאַרן.

און אָט דער גרונט־פּרינציפּ פון אַ „טעם מספיק", פון אַ גענוגישן „גרונט", איז ניט דער איינציקער אין דער „מענטשלעכער מאָס" פון אַלע זאַכן, — אַ מאָס, וואָס שטאַמט פון דעם מענטשלעכן מין בכלל און וואָס מאַכט ערשט מעגלעך אַ מענטשלעכע דערקענטעניש. עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע גרונט־פּרינציפּן, אָדער „פונדאַמענטאַלע רעאַליטעטן", ווי צ. ב., דער רוים — די אויסגעשפּרייטקייט — און די צייט; אָדער די „סובסטאַנץ", די ממשות, און די באַוועגונג. אויך וועגן זיי האָבן זיך די מענטשלעכע „זיכערע וויסנס" געביטן מיט דער „צייט"; אויך זיי זיינען נאָר אויף אַזוי פיל רעאַל מחוץ פון דער מענטש־לעכער „רעאַלער וועלט" און פאַרשווינדן פון איר, באַוויזט די זיי אַן פאַר רעאַל. זייער אויספאַרשונג און די געשיכטע פון זייערע ענדערונגען, וואָס זיינען ממילא אויך ענדערונגען אין דער מענטש־לעכער רעאַלער וועלט — דאָס אַלץ געהערט צו דער וויסנשאַפט פון דער דערקענטעניש־טעאָריע און פון איר געשיכטע.

אַז אויך די „אייביקע סובסטאַנצן" קומען אויף אין דער מענטש־לעכער „רעאַלער וועלט" און פאַרשווינדן פון איר, באַוויזט די געשיכטע פון די פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן. אָט האָבן מיר ניט לאַנג געהערט אַזאַ אויסטערלישע „סובסטאַנץ", אַזאַ „מלא עולם כבודו", ווי דער וועלט־עפיר, וואָס זיין אייביקייט האָט אָנגעהאַלטן שיר ניט אַ גאַנצע פאַר הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד. און איצטער — וואו ביסטו, וועלט־עפיר?

און פונדעסטוועגן ווערט דער גרונט־פּרינציפּ פון אַ גערויסער „ממשות״, וואָס פילט אָן דעם רוים, — און זאָל דאָס זיין די איצטיקע „וועלט־ענערגיע״, — ניט פאַרשוואונדן. עס איז אַ „מענטשלעכע מאָס״, וואָס שטאַמט פון דעם „מין האנושי״.

אָבער מענטש, ווי „די מאָס פון אַלע זאַכן״, איז ניט נאָר דער אַלגעמיינער מין מענטש. „מענטש״ איז אויך דער טייטש: „מענטש־הייט״, מענטשלעכע געזעלשאַפט, מענטשלעכע קיבוצים, פעלקער, קלאַסן, רעליגיעזע גרופּעס, פּאָליטישע פּאַרטייען וכו׳ וכו׳, וכו׳ אין זייערע צונויפבונדן און צונויפשטויסן.

איעדער פון אָט די מענטשלעכע קאָלעקטיוון האָט זיינע „מאָסן״ פאַר זאַכן, „צי און ווי זיי עקזיסטירן״. פאַר די אָנהענגער פון אָר־טאָדאָקס־קריסטלעכע אמונות איז קריסטוס, ווי גאָטס אַ זון, אַ פונדאַ־מענטאַלע רעאַליטעט פון דער „ווירקלעכער וועלט״, אין וועלכער זיי לעבן ווי מענטשן. אַזוי אויך אַ סך „הייליקע״. די גאַנצע „יענע וועלט״ איז פאַר דעם גלויביקן בלי ספק רעאַל, פּונקט ווי פאַר אונדז איז אַמאָל געווען „רעאַל״ דער וועלט־עפּיר.

פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס עקזיסטירט דער „קאַפּיטאַליזם״, ווי אַן „אייביקע״ פאָרם פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן. פאַר די פאַרט־געשריטענע קינדער פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס עקזיסטירט ניט די אייביקייט פון דעם קאַפּיטאַליזם. אויך די „אייגנשאַפטן״ פון דעם „קאַפּיטאַליזם״, זייערע „ווירקונגען״ און וואָס פון זיי קומט אַרויס, זיינען פאַרשיידענע אין דער רעאַלער וועלט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס פון איין זייט, און אין דער רעאַלער וועלט פון דעם פּראָלע־טאַרישן קלאַס — פון דער אַנדער זייט.

און „מענטש״ איז נאָר „מענטשלעכער מין״ און ניט נאָר „מענטש־לעכער קאָלעקטיוו״. מענטש איז אויך מענטשלעכער יחיד, דער אינדי־ווידואום, מיט זיינע מאָסן, וואָס זיינען פאַרשיידן פאַר פאַרשיידענע יחידים, — „מאָסן״, וואָס קומען דער עיקר פאַר אין יענע הויכע רעגיאָנען פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, — ווי די פּאָעזיע, פילאָ־סאָפיע, די רעליגיע, וואו אַ יחיד באַשאַפט אין זיי פריי זיינע „רעאַלי־טעטן״, און דערמיט זיין אייגענע רעאַלע ווירקלעכקייט, מיט יענע „מעגלעכקייטן״, „אוממעגלעכקייטן״ און „נויטווענדיקייטן״, וואָס מוזן פאַרקומען אין איר. די יחידימשע „וועלטן״ קומען אויף, דער עיקר, דאָרטן, וואו די גרונט־פּרינציפּן פון דעם „מענטשלעכן מין״ און פון דעם אָדער יענעם „מענטשלעכן קאָלעקטיוו״ קאָנען ניט דיקטירן אין

און דעמזעלביקן ענטפער פאַר אַלע דענקענדיקע יחידים: באַשאַפן זיי זייערע אייגענע רעאַליטעטן (אַ וועלט־גייסט, אַ וועלט־„איך״, אַ וועלט־ווילן וכו׳, וכו׳, וכו׳).

דער פועל־יוצא פון אַט דעם פּראַטאַגאָרעאישן „אני־מאמין״ מיינעם, — וואָס קאָן אויך אָנגערופן ווערן „אַנטראָפּאָלאָגיזם״, מענטש־פּרינציפּ, — איז, אַז פאַר דעם מענטשן זיינען נישטאָ קיין אַבסאָלוטע אמתן. יעדער אמת אין אונדזער דערקענטעניש איז אַ מענטשלעכער. יעדער אמת איז רעלאַטיוו, לויט דעם מהות מענטש בכלל, לויט דעם מענטשלעכן קאָלעקטיוו, צו וועלכן איינער געהערט, און לויט דעם מענטשלעכן אינדיווידואום, וואָס שטרעבט אויסצוגעפינען דעם „אמת״ פון אַלע ענינים, לויט זיין אייגענעם שכל און יושר, און אויך לויט זיין חוש פאַר „שיינקייט״, ד. ה. פאַר האַרמאָניע, אָרדענונג און איינהייטלעכקייט, וועלכע ער שטרעבט „אויסצוגעפינען״, ד. ה. בעצם „אַריינצוטראָגן״ אין זיין וועלט.

מער וועגן ענין האָב איך געשריבן אין פאַרשיידענע אַרבעטן, דער עיקר אָבער אין „די מאַכט פון דעם אמת״ (זען געזאַמ. שריפטן, באַנד פערצן, זז. 7 ביז 58).

אַט דעם אַנטראָפּאָלאָגישן „אני מאמין״ מיינעם שטעל איך אַוועק, ווי דעם ערשטן, ווייל פון אים וואַקסן אַרויס, ווי מיר דוכט, אַלע מיינע אַנדערע „אני־מאמינס״. אין דער ערשטער ליניע — דער „אני־מאמין״ פון טאָלעראַנץ און רעספּעקט צו דעם אַנדערנס ערנסט־געגלויבטע „אמתן״, פאַרבונדן אין דעם קאַמף אַנטקעגן יעדן פאַנאַטיזם.

## קאַפּיטל צוויי

# מיין גלויבן אין גאָט

פון אַלע מענטשלעכע „מאָסן״, וואָס מיט זיי שאַצן מיר אָפּ, צי אַ „זאַך״ עקזיסטירט אָדער ניט, ווי אויך דעם „פאַרוואָס״, און דעם „ווי אַזוי״ אירן, — פון אַלע אַזעלכע „מאָסן״ זיינען, — גלויב איך, — די זיכערסטע יענע, וואָס אונדז גיט די מאָדערנע עמפּירישע וויסנשאַפט. אירע געדאַנקען און אויפשטעלונגען, — אַפילו ווען זיי שטייגן

אַריבער די גרענעצן פון דער דערפאַרונג און שטעלן אויף אַלגעמיינסטע „געזעצן", ווערן פאַרט געהאַלטן אין אַ געוויסער צוים דורך דער דערפאַרונג פון די חושים, דורך אָבזערוואַציע און עקספּערימענטן און דורך פּינקטלעכן מאַטעמאַטישן חשבון.

אויך אָט די אַלגעמיינסטע געזעצן, וואָס דער „שכל איז מחייב" אָנצונעמען זיי, בייטן זיך פון צייט צו צייט אין דעם לויף פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש. אַזוי, צ. ב., דער „געזעץ", אַז קיין פּיצעלע „מאַטעריע" אָדער „מאַסע" קאָן ניט געבוירן ווערן אין דער וועלט און קאָן ניט פאַרשווינדן פון איר. די איצטיקע פיזיקאַלישע וויסנשאַפט האָט לגמרי אָפּגעשאַפט אָט דעם „געזעץ". זי באַקרעפטיקט אָבער דעם אַנדער אַלגעמיינסטן געזעץ, וואָס ווערט פאַראַמתט אין דער דער־פאַרונג, אַז קיין קלענסטע מאָס פון „ענערגיע" קאָן ניט צוקומען צו איר אַלגעמיינעם „סכום" אין דער וועלט און קאָן אויך ניט פאַרשווינדן פון איר.

אָבער אויך אָט דער „יסוד כל היסודות" איז ניט קיין אַבסאָלוטער וויסן. אויך ער רוט אויף אַ מענטשלעכן גלויבן, וואָס קאָן קיינמאָל ניט באַוויזן ווערן אָדער אָפּגעלייקנט ווערן מיט די מיטלען פון דער ריינער דערפאַרונג. דאָס איז דער גלויבן, אַז פון „גאָרנישט קאָן גאָר־נישט אַרויסקומען" און אַז „יעדע זאַך מוז האָבן אַ טעם־מספּיק", אַ „גענוגיקן גרונט", פאַרוואָס זי עקזיסטירט און פאַרוואָס זי עקזיס־טירט אַזוי, ווי זי עקזיסטירט.

אַפילו דער שאַרפסטער סקעפּטיקער, יום, וואָס וויל באַווייזן, אַז דער גאַנצער ענין פון „קוואַליטעט" איז אַ מענטשלעכער „טעות אין פשט", ווייל, זאָגט ער, דאָס שטאַמט פון אַ מענטשלעכער פּסיכאָלאָגישער געוואוינהייט, — אַפילו יום, זאָג איך, מוז מיט אָט דעם באַוויז גופא באַקרעפטיקן יענעם זאַץ, וועלכן ער שטרעבט אָפּצולייקענען. דער „טעות אין פשט", באַוויזט יום, שטאַמט פון עפּעס אָפּ. עפּעס האָט אים אַרויס־געבראַכט אין דער דערקענטעניש.

צו וואָס דאַרף יום אָט די דאָזיקע דערקלערונג, וואָס גראָבט פּרינציפּיעל אונטער זיין גאַנצע סקעפּטישע באַוויז־פירונג? אויב עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי דער זאַץ פון דעם „טעם מספּיק", האָבן מיר ניט וואָס צו פרעגן, פון וואַנען אָט דער גלויבן אין אים האָט זיך גענומען. „על פּי צופאַל" איז ער אויפגעקומען אין דער דערקענטעניש, „על פּי צופאַל" קאָן ער מאָרגן פאַרשווינדן פון יעדן מענטשלעכן געדאַנק.

יום איז אָבער אַ מענטש, מוז אויך זיין סקעפּטישער געדאַנקען־גאַנג שטיין אונטער דער שליטה פון דעם מענטשלעכן גלויבן, אַז יעדע זאַך מוז האָבן אַ „טעם מספּיק" פאַר איר עקזיסטענץ.

אַט דער מענטשלעכער גלויבן באַהערשט אַלע מענטשלעכע געדאַנ־קען סיי אין דער וויסנשאַפט, סיי אין דער פילאָסאָפיע, סיי אין דער רעליגיע; אויף אַט דעם גרונט־גלויבן רוט אויך מיין „אני מאמין" אין גאָט.

אין די צוויי אָפּגעדרוקטע לעקציעס מיינע וועגן „וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע", האָב איך די וויסנשאַפט פאַרגליכן מיט אַ שטראָם, וואָס טראָגט זיך איבער דעם „קאָנטינענט", דער פעסטער ערד פון דער דערפאַרונג. דער וויסנשאַפטלעכער שטראָם בייט זיינע ריכטונגען, לויט דעם, אַזוי צו זאָגן, כאַראַקטער פון „דעם באָדן", אין וועלכן ער פליסט, און פאַלט לסוף אַריין אין דעם ים פון דער פילאָ־סאָפיע. דאָרטן איז נישטאָ קיין באַשטימטער שטראָם אין איין באַשטימ־טער ריכטונג. דער מענטשלעכער געדאַנק איז אין דער פילאָסאָפיע פריי צו שווימען אין וועלכער ריכטונג ער וויל, — צי אין אַ מאַטעריאַליס־טישער, צי אין אַן אידעאַליסטישער. די גאַנצע וועלט פון דער דערפאַרונג ליגט שוין הינטער אים, און זי קאָן אים ניט צווינגען, אויסצוקלייבן די אָדער יענע ריכטונג. אָבער איבער דער יבשה פון דער חושים־וועלט און דער וויסנשאַפטלעכער וועלט, ווי אויך איבער דעם „ים" פון דער פילאָסאָפיע, הייבט זיך אויף דער אומענדלעכער בלוי פון דעם הימל מיט דער „סטראַטאָספערע", צו וועלכער עס דערגרייכט ניט קיין איין וואָלקנדל און קיין איין ווינטעלע ניט פון דער וויסנשאַפטלעכער ערד, ניט פון דעם פילאָסאָפישן ים. דאָרטן איז דאָס אָרט פון די רעליגיעזע גלויבונגען.

קיין מענטש איז ניט מחויב צו שווימען אין דעם ים פון פילאָ־סאָפישע געדאַנקען, אָדער זיך אויפהייבן אין אַ פלי־אַרויף צו דער סטראַטאָספערע פון דעם רעליגיעזן גלויבן. דאָס מוז זיין אַ פּראָדוקט פון דעם יחידס אינטערעס אין פילאָסאָפישע חקירות און אין דעם יחידס ווילן צו גלויבן אין אַ געטלעכער קראַפט, וואָס באַהערשט די וועלט. דער פּסיכאָלאָג דזשעימס האָט אויסגעפאָרשט און כאַראַקטע־ריזירט אַט דעם „ווילן צו גלויבן" („דהי וויל טו בעליוו").

עס שטייט אָבער אויך יעדן איינעם פריי צו פאָרשן שטרענג וויסנשאַפטלעך, אי צו חקירהן זיך פילאָסאָפיש, אי צו גלויבן רע־ליגיעז.

מיין געדאַנקען־גאַנג איז באַהערשט פון אַזאַ ווילן צו אַ גאָט־גלויבן. אָבער אַזוי ווי מיין דענקען איז פריי פון די הערשנדיקע רעליגיעס מיט זייערע „דאָגמעס״ און זייערע „אַני־מאַמינס״ און היות, ווי מיין גאַנץ דענקען שטרעבט צו ראַציאָנאַליזירונג, צו קלאָר ווערן אין די חשבונות מיט די פאָדערונגען פון דעם שכל, שטרעב איך, אַז מיין שכל זאָל אויך מיין גאָט־גלויבן אויפנעמען ווי אַ ראַציאָנאַל באַרעכטיקטן.

איך צווינג אים, ער זאָל זיין גרונט־זאַץ פון דעם „טעם־מספּיק״ אָנווענדן אויף דער עקזיסטענץ פון דער גאַנצער וועלט. איך שטעל אים אַוועק פאַר אַן „איינס פון די צוויי״: אָדער עס איז אַלץ, — אויך די עקזיסטענץ גופא פון דער וועלט, — אַ פּראָדוקט פון אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט, — אָדער אַלץ איר אַ „בלינדער צופאַל״. און איך בעט אים, — מיין שכל, הייסט עס, וואָס גלויבט לכתחילה אין אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט, — ער זאָל זיין אַזוי גוט און מיר אָנוויזן אויף אַ וועלכן עס איז עלעמענט פון דער וויסנשאַפט, צי אויף אַן עלעמענט פון דער אַטעאיסטישער, אָדער ניט שטרענג גאָט־גלויביקער פילאָסאָפיע, — אַן עלעמענט, וואָס פון אים זאָל אַרויספליסן דער קלאָרער איינזען, אַז אַ וועלט מוז עקזיסטירן על פּי נויטווענדיקייט. דאָס וואָס זי עקזיסטירט פּאַקטיש, איז ניט קיין באַוויז. אויב זי האָט ניט קיין יסוד פון אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט, איז היינט, — עקזיסטירט זי מיט אַלע אירע „אייביקע געזעצן״ און מאָרגן קאָן זי פאַרשווינדן מיט זיי אינאיינעם, ווי קיינמאָל גאָרנישט ניט געווען.

שאָפּענהאַוערס „בלינדן ווילן צו עקזיסטירן״? אָבער וואו איז דער „טעם מספּיק״, פאַרוואָס אַזאַ וועלט־ווילן מוז עקזיסטירן און נאָך עקזיסטירן אייביק? — גלויבט דאָס שאָפּענהאַוער אַליין, אַז אַזאַ וועלט־ווילן, פון וועלכן עס נעמען זיך אַלע צרות און ליידן אין דער וועלט, קאָן „אויסגעלייזט״ ווערן, ד. ה. אינגאַנצן צעשטערט ווערן?

אָדער — העגעל מיט זיין „וועלט־געדאַנק״, וואָס אַנטוויקלט זיך ביז צו דער „אַבסאָלוטער אידייע״. אויך העגעל גייט אַרויס פון דעם פאַקט, אַז די וועלט עקזיסטירט. הויבט ער אָן זיין פילאָסאָפיע מיט פאַנאַנדערפאַלמעסן דעם באַגריף „זיין״. און דורך אַ פיינעם „דיאַלעקטישן״ דענק־מעטאָד, באַווייזט ער, ווי אַזוי פון אָט דעם באַגריף אַליין וויקלען זיך אַרויס אַלע באַגריפן, אידייען און מאַטעריעלע דערשיינונגען פון דער גאַנצער וועלט. פיל „געדאַנקלעכן שפּינוועבס״ האָט ער

דערביי אַרויסגעבראַכט, אָבער אויך פיל פילאָסאָפיש ווערטפולע געדאַנ־קען, ווי אַזוי צו פאַרשטיין די וועלט.

קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס האָבן איבערגענומען פון העגעלן זיין דיאַלעקטישע דענק־מעטאָדע; נאָר אָנשטאָט דעם געדאַנק פון אַ וועלט־זיין האָבן זיי אָנגענומען דאָס מאַטעריעלע זיין, די וועלט־„מאַטעריע״ (עליה השלום!). אָבער אויך ענגעלס זעט איין, אַז דער פאַקט פון „זיין״, פון אַ וועלט־עקזיסטענץ, איז די גרענעץ פאַר דעם מענטשלעכן טעאָרעטישן געדאַנק. וואָס עס טוט זיך הינטער דעם זיין, און צי דאָרטן „טוט זיך עפּעס״, — דאָס איז פאַר אונדז אויף אייביק פאַרשטעלט. אַזוי שרייבט ער בפירוש אין זיין אַנטי־דיורינג, ז. 31: „דאָס זיין איז דאָך בכלל אַן אָפענע שאלה פון דער גרענעץ אָן, וואו עס הערט אויף אונדזער זע־קרייז״, — דער טעאָרעטישער „זע־קרייז״, נאָ־טירלעך.

אָט די זייער וויכטיקע פילאָסאָפישע באַמערקונג האָט דאָס אַרויס־געבראַכט לעניינס העפטיקן צאָרן. מען טאָר אַזאַ זאַך ניט זאָגן! ווייל — אויב עס איז דאָ אַ „גרענעץ״ פאַר דער מענטשלעכער דערקענטעניש, קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז הינטער דער גרענעץ פון דעם וועלטלעכן זיין איז נאָך, חלילה, פאַראַן, גאָט באַהיט, אַן איבער־וועלטלעכער יש, — אַ גאָט.

אָבער ענגעלס איז פאַרט געווען גערעכט: דער פאַקט פון דעם וועלטלעכן זיין איז ניט קיין „טעם מספיק״ פאַר דער אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט פון אַ וועלטלעכן זיין.

שאַרף דערשפירט דעם ענין האָט שפינאָזאַ. ער נעמט אָן, אַז וועלט איז גאָט. און גאָט איז אַ „קאַוזאַ סואי״, אַן אורזאַך פון זיך אַליין. ד. ה., גאָט איז אַזאַ מין יש, „וואָס זיין מהות שליסט איין אין זיך די נויטווענדיקייט פון זיין עקזיסטענץ״. אויף אָט דעם געדאַנק פון „קאַוזאַ סואי״, גרינדעט זיך מיין גלויבן אין גאָט, וואָס איז אַ גאַנץ אַנדערער איידער שפינאָזאס.

## קאַפּיטל דריי

# אין וואָס פאַר אַ גאָט איך גלויב

אַנרי בערגסאָן האָט אויפגעבויט זיין פילאָסאָפישן סיסטעם אויף אַ במקום גאָט, דעם „עלאַן וויטאַל״, דעם „לעבנס־שוועב״. דאָס איז אַ באַשאַפערישע קראַפט, וואָס איר תוך און עצם איז לעבן. זי ברענגט אַרויס די גאַנצע וועלט פון זיך אַליין, אָבער באַשאַפט אַלץ, ווי אַ קינסטלער, וואָס פאַרריכט, פאַרבעסערט און אַנטוויקלט די אידייען און פאָרמען פון זיין קינסטלערישן באַשאַף אין דעם פּראָצעס פון שאַפן גופא.

אָבער אויך אָט דער בערגסאָנישער „במקום גאָט״ קאָן דאָך אונדז נאָר דערקלערן, וואָס איז דער אינעווייניקסטער תוך פון דער וועלט און ווי אַזוי זי פירט זיך אויף, לויט איר תוך. בערגסאָן דערקלערט אונדז אָבער ניט, פאַרוואָס עס מוז על־פּי אינעווייניקסטער נויטווענדיקייט זיין אַ „לעבנס־שוועב״.

בערגסאָן האָט זיכער געשפּירט, אַז אויך זיין פילאָסאָפיע גיט ניט דעם „טעם מספיק״ פאַרוואָס עס מוז בכלל זיין אַ וועלט און פאַר־וואָס אָט די עקזיסטירנדיקע וועלט זאָל ניט קאָנען — אין אַ מזלדיקער אָדער שלימ־מזלדיקער שעה — לגמרי פאַרשווינדן, אַזוי ווי גאָר ניט געווען: פאַרשווינדן אין אַן אַבסאָלוטן ניט זיין. העלפט זיך בערגסאָן אַרויס מיט אַזאַ אַרגומענט — ער זאָגט: מיר קאָנען ניט דענקען קיין אַבסאָלוטן ניט זיין.

אָבער — מאַלע וואָס מיר קאָנען ניט דענקען? געוויס: כל זמן די וועלט איז נאָך דאָ, און מיר זיינען נאָך דאָ, און יעדער פּולס־שלאָג פון אונדזער האַרץ, און יעדער געדאַנק אונדזערער פאַרזיכערט אונדז, אַז עס איז עפּעס פאַראַן, זיינען מיר ניט מסופק אין דעם פאַקט פון עקזיסטענץ בכלל. אָבער די שאלה איז: מוזן מיר דען דענקען, אַז די גאַנצע וועלט קאָן ניט פאַרשווינדן?

אָט האָבן מיר דאָך אין דער דערפאַרונג טויזנטער און אָבער־טויזנטער דערשיינונגען, וואָס זיינען פאַרשוואונדן. וואו, אַן ערד, גע־פינט זיך מיין נעכטיקער געגעץ, מיין נעכטיקער חלום? איז — אויב טויזנטער דערשיינונגען קאָנען פאַרשווינדן, פאַרוואָס זאָל ניט

קאָנען פאַרשווינדן זייער גאַנצער סכום — ד. ה., די גאַנצע וועלט? מיר קאָנען דאָס גאַנץ גוט דענקען.

שפּאַרט בערגסאָן אונטער זיין אַרגומענט, וואָס לייקנט די מעג־לעכקייט פון אַ ניט־זיין, מיט דעם אונטערשייד, וואָס ער מאַכט צווישן דער מענטשלעכער פאָרשטעלונג פון דעם צייט־לויף, אין וועלכן עפּעס פאַרשווינדט אין דער פאַרגאַנגענהייט, און זיין אייגענעם פּירוש אויף דער „צייט"; די „צייט", זאָגט ער, איז אין תוך אַן אייביקער געדויער. אַלץ נייע און נייע זאַכן, פּראָצעסן און פּאַסירונגען קומען אויף אין דער באַשאַפערישער וועלט־עוואָלוציע און פאַרמערן דעם אַלץ אַנ־וואַקסנדיקן אוצר פון דעם אייביקן געדויער אין דער וועלט, אָבער קיין זאַך, אַפילו ניט די קלענסטע פּאַסירונג, קאָן פון יענעם אוצר ניט פאַרשווינדן.

הייסט עס, אַז מיין נעכטיקער גענעץ און מיין נעכטיקער חלום געפינען זיך נאָך אין יענעם אוצר, וואו זיי וועלן געדויערן אייביק.

איז — ווי זאָלן מיר זיך דאָס פאָרשטעלן?

אין דער מאָדערנער פיזיק באַטראַכט מען „צייט־לויף", ווי די פערטע אויסמעסטונג, אַ צוגאָב צו דער לענג, דער ברייט און דער טיף, וואָס מיר האָבן אין דעם רוים, אין דעם אויסשפּרייט פון דער וועלט. נעמען אַ סך געלערנטע אָן, — אַפילו דזשינס, — אַז אָט די פערטע אויסמעסטונג, די צייט, איז אויך אַ דרימלעכע, אַן אויסגעשפּרייטע; נאָר מיט אַן אַנטשיידנדיקן אונטערשייד. אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער טיף קאָנען מיר זיך באַוועגן אַהין און צוריק. אין דער צייט־אויסמעטונג אָבער קאָנען מיר זיך ניט באַוועגן אויף צוריק.

אויב דאָס איז אַזוי, ווייס איך, וואו מיין נעכטיקער חלום און מיין נעכטיקער גענעץ „עקזיסטירן". ווען איך וואָלט געקאָנט גיין אויף צוריק אין דער צייט, וואָלט איך זיי דאָרטן אָנגעטראָפן: אי מיין נעכטיקן גענעץ, אי מיין נעכטיקן חלום, אי דעם נעכטיקן בעל־דבר (מיין ווייניקייט), וואָס פון אים שטאַמען זיי. (דער היינטיקער בעל־דבר, פאַרגעסט ניט, איז פאַרשיידן פון דעם נעכטיקן בעל־דבר, דער היינטיקער איז שוין מיט אַ שינוי, מיט אַ געוויסער ענדערונג, פונקט ווי ער איז נאָך מער פאַרשיידן פון יענעם בעל דבר, וואָס איז מיט יאָרן צוריק נאָך געלעגן אין ווינדעלעך). די מאָדערנע פיזיקער גיבן — אויף אַזאַ אופן — דעם מענטשלעכן געדאַנק די מעגלעכקייט צו דענקען אַן אייביקן געדויער, אין וועלכן די פאַרגאַנגענהייט, די

קעגנוואַרט און די צוקונפט ליגן איינס לעבן דעם אַנדערן, ווי אין אַ מין אומענדלעכן קאָרידאָר.

אָבער במחילת כבודם הרב, באַפרידיקט מיך ניט אַזאַ פאָרשטעלונג, וואָס שליסט לגמרי אויס די צייט־איינטיילונגען אין „פריער“, „איצטער“ און „שפּעטער“. זיי ליגן ניט איינס לעם דעם אַנדערן אין אַ געוויסער, מיר אומצוגענגלעכער אויסגעשפּרייטקייט, זיי „גייען“ איינס נאָכן אַנדערן.

ווען איך טראַכט וועגן דעם „רבינס ניגון“, ווייס איך, אַז ער ליגט ערגעץ וואו אין מיין זכרון. ווי אַן אייגנהייטלעכע גאַנצקייט, אָן אַ „פריער“, „איצטער“ און אַ „שפּעטער“. אָבער ווען איך הייב אים אָן צו זינגען, וויקלט ער זיך אַרויס אין דער ליניע פון דער צייט. ווען דער ערשטער טאָן פון דעם ניגון פאַרשווינדט, קומט תיכף נאָך אים דער צווייטער טאָן. און דער דריטער איז נאָך אין דער „צוקונפט“. דאָס הייסט, אַז ווען איך האַלט ביים צווייטן טאָן, איז דער ערשטער שוין נישטאָ און דער דריטער איז נאָך נישטאָ. ווי עס זינגט זיך אין דעם לידל: „שוין ניטאָ דער נעכטן; נאָך ניטאָ דער מאָרגן“.

ווי וויכטיק עס זאָלן ניט זיין בערגסאָנס אידייען פון דעם וועלט־געדויער און די מאָדערנע שיטות וועגן דער צייט, — און זיי זיינען זייער וויכטיק, — שליסן זיי ניט אויס די מענטשלעכע פאָרשטעלונג פון אַ ריינעם וועלטלעכן צייט־לויף מיט אַ „פריער“, וואָס איז שוין פאַרשוואונדן, מיט אַן „איצטער“, וואָס האַלט אָן אַ הרף־עין, און מיט אַ „שפּעטער“, וואָס וועט באַלד אויפבליצן און ווידער אויסגעלאָשן ווערן.

איך קאָן מיר גאַנץ גוט פאָרשטעלן, אַז מיין „איך“, וואָס איז אַמאָל געווען אין דער פאָרם פון אַן עופּהלע אין ווינדעלעך, איז „דערזעלביקער איך“, וואָס שרייבט איצטער זיינעם אַן „אני מאמין“. איז, הייסט עס, אָט דער „איך“ אַ „געדויער“ פון באַלד פינף־און־זיבעציק יאָר. אָבער ווען איך טראַכט זיך אַריין רעאַל אין דעם ענין, מוז איך, לויט מיין מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אָננעמען, אַז יענס עופּהלע אין ווינדעלעך איז שוין לאַנג־לאַנג פאַרשוואונדן, און אַז דער „אסרו־חג של פסח תרכ״ה“, אין וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן, איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ. מיינט דאָך דאָס על־פּי נויטווענדיקייט, אַז אַלע אַנדערע וועלט־פּאַסירונגען אין יענעם טאָג זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדן. הייסט דאָך דאָס, אַז די גאַנצע וועלט איז דעמאָלט פאַרשוואונדן, און איז ווידער געבוירן געוואָרן. פּונקט אַזוי ווי די

גאַנצע וועלט, וואָס האָט עקזיסטירט מיט אַ רגע צוריק, איז פאַר־שוואונדן און ווידער געבוירן געוואָרן.

דער בערגסאָנישער וועלט־געדויער איז אין דער צייט, ווי מיר, מענטשן נעמען זי אויף. ד. ה., אַז אויך דער וועלט־געדויער איז ניט קיין אייביקער זיין. נאָר אַן אייביקער ווערן. — אָט ווי העגעל האָט געלערנט, — אַן אייביקער פאַרשווינדן און תיכף אַן אייביקער ניי־געבוירן ווערן: אָט טאַקע בפירוש, ווי די זיך באַוועגנדיקע בילדער אויף דעם לייוונט פון אַ קינעמאַטאָגראַף. זיי „געדויערן" אויף דעם עקראַן אַ קירצערע אָדער לענגערע צייט. אָבער זייער „געדויער" איז נאָר אונדזערער אַ „דמיון". אין דער אמתן פאַרשווינדט אַלע ווײַלע דאָס גאַנצע בילד פון דעם עקראַן און עס ווערט תיכף פאַרביטן אויף אַן אַנדער בילד. דאָס געדויער פון דעם בילד, אָדער פון זיינע טיילן, ליגט ניט אין די בילדער גופא. דאָס נעמט זיך פון עפּעס אַזוינס, וואָס קומט פאַר הינטער דעם עקראַן. די מאָדערנע פילאָסאָפן ציטערן פאַר אָט דער קינעמאַטאָגראַפישער פאַרשטעלונג וועגן דעם גאַנצן וועלט־פּראָצעס, און שטרעבן, אויף דעם אָדער יענעם אופן, זיך אַרויסצודרייען פון איר. איך גלויב אָבער אין איר באמונה שלימה.

און ווייל איך גלויב אין איר, פרעג איך מיך: וואָס איז דער „כוח המהווה", פון „הינטער דעם עקראַן"? וואָס איז די באַשאַפערישע וועלט־קראַפט, וואָס מאַכט עפּעס זאָל זיין, — אַ קראַפט פון וועלכער עס שטאַמען אי דאָס אייביקע „ווערן" (ד. ה., דאָס שטענדיקע פאַר־שווינדן און ווידער דאָס ניי־געבוירן ווערן), אי דער אייביקער, צי צייטווייליקער געדויער, ווי, צ. ב., דער געדויער פון אַ יאָר אין דעם אַרומלויף פון דער ערד אַרום דער זון.

עס איז דאָך קלאָר, אַז אַזאַ „כוח המהווה" קאָן ניט זיין עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין דער אויסשפרייטונג און אין דער צייט, ווייל ביידע זאַכן, און אַלץ וואָס קומט פאַר אין זיי, ווערן דאָך ערשט אַרויסגעבראַכט, ווי די בילדער אויף דעם עקראַן פון אָט דעם „כוח המהווה".

וואָס שטייט הינטער דער רוימלעך־צייטלעכער וועלט? דאָס מוז דאָך זיין אַ כוח, וואָס איז „למעלה מן המקום ומן הזמן"; עפּעס אַזוינס, וואָס אויף אים איז ניט חל אַנצואווענדן די עקזיסטענץ־פאָרמען פון רוים און צייט.

אין אונדזער מענטשלעכער געדאַנקען־וועלט געפינען מיר אַ רמז אויף אַזאַ מין „איזנקייט", וואָס „איזן איז זי" לגמרי אומאָפּהענגיק פון

„אָרט״ און „צייט״ און פון אַלץ, וואָס איז אין זיי. דאָס איז די אידייע, און אַן „אידייע״ רוף איך אָן יעדע אַבסאָלוט נויטווענדיקע שייכות, וואָס מוז עקזיסטירן צווישן צוויי אָדער מערערע געדאַנקען, אָדער פאָרשטעלונגען.

אויב עס איז אמת, אַז „צוויי מאָל צוויי איז פיר״, — און אסור אויב איך בין מסופק אין דעם, — איז דאָס אַן אייביקע „אידייע״, וואָס איז לגמרי אומאָפּהענגיק פון אַ וועלכן עס איז אָרט, פון אַ וועלכער עס איז צייט, אָדער פון אַ וועלכן עס איז מאַטעריעלן פּראָצעס. „צוויי מאָל צוויי „איז״ פיר״ אַלע מאָל און אומעטום און עס „איז״ „פיר״, אַלץ איינס, צי אָט די שייכות ווערט געטראַכט פון אַ מענטשן, אָדער ניט. אָט וואָס פאַר אַ מין „איזנקייט״ דאָס איז!

פון דערזעלבער אַרט „איזנקייט״ מוז אויך זיין דער „כוח המהווה״, די באַשעפערישע קראַפט פון דער וועלט, וואָס ברענגט אַרויס די וועלט, וואָס וועגן איר זאָגט דער יידישער טעאָלאָגישער געדאַנק: „המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית״, (דער וואָס באַנייט יעדן טאָג שטענדיק דעם גאַנצן באַטור־באַשאַף).

דאָס איז ניט בערגסאָנס „במקום גאָט״, דאָס איז ניט שפּינאָזאָס „גאָט־וועלט״, ווייל „וועלט״ איז נאָר דער „עקראַן מיט די בילדער״, וואָס דער „כוח המהווה״ ברענגט אַרויס „בכל יום תמיד״. דאָס איז אפשר דער „אין סוף״, „די אומענדלעכקייט״ פון דער קבלה, ווען איך וואַרף אַראָפּ די „ספירות״ ווי כמעט אומבאַוואוסטזיניקע „אַרויס־שטראַלונגען״ פון אים. דאָס איז דער טראַנסצענדענטער, איבער־וועלטלעכער, איין־איינציקער יידישער גאָט פון אַ רמב״ם, אַ רלב״ג און אַ חסדאי קרשקש, אויב מען זאָל פון אָט דעם גאָט־געדאַנק אַראָפּ־וואַרפן די ספּעציעלע היסטאָרישע טראַדיציעס פון דעם יידישן רעלי־גיעזן גלויבן.

אָבער — אויב אַזוי — וואו איז פאַרט די אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט פון זיין אייביקער עקזיסטענץ און זיין אייביקן ווירקן? — דאָ מוז איך שוין ווידער אָנקומען צו שפּינאָזאָן. „גאָט־וועלט״, זאָגט שפּינאָזאָ, האָט אַן אומענדלעכע צאָל פון אייביקע אייגנשאַפטן, — „אַטריבוטן״, וואָס מען קאָן ניט אָפּשיידן פון זיין עצם, — אָבער נאָר צוויי פון זיי זיינען צוגענגלעך צו אַ מענטשלעכער דערקענטעניש: אויסגע־שפּרייטקייט אין דעם רוים און דענקען. מילא, אויף דער „אויסגע־שפּרייטקייט״, — דעם יסוד פון דעם מאַטעריעלן זיין, — וועט איצטער, נאָך איינשטיינס טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט, זיך קיינער ניט קוואַפּען.

בלייבט געדאַנק. אָבער אויך אין אים ליגט די אינעווייניקסטע נויט־ווענדיקייט צו עקזיסטירן. דאָס אַבסאָלוטע „ניט־זיין״, וואָס הענגט, ווי אַ מעגלעכקייט פאַר דער גאַנצער וועלט, קאָן אויסקומען אָן דענקען. איז אויב מיר גלויבן פאַרט אין דער נויטווענדיקייט פון דעם וועלט־זיין, בלייבט ניט קיין אַנדער ברירה, סיידן אָנצונעמען, אַז די אינעווייניקסטע נויטווענדיקייט פון זיין־בכלל שטאַמט פון אַ וועלכער עס איז אַנדער אייביקער געטלעכער אייגנשאַפט („אַטריבוט״), וואָס איז אַ „קאַוזאַ סואי״, „די אורזאַך פון זיך אַליין״ און פון איר אייביקייט — אַן אייגנשאַפט, וועלכע מיר מענטשן קאָנען, לויט שפינאָזאַ, ניט משיג זיין מיט אונדזער שכל.

אָט אין אָט דעם יידישן גאָט, אָט דעם אַבסאָלוטן „כוח המהווה״ גלויב איך. נאָך אַמאָל: עס איז ניט קיין וויסן, עס איז אַ גלויבן, געבוירן פון מיין ווילן צו אַזאַ גלויבן, און ראַציאָנאַליזירט דורך דעם גלויבן אין נויטווענדיקייט, — ראַציאָנאַליזירט אין דער „סטראַטאָס־פערע״ פון דעם רעליגיעזן געדאַנק, וואוהין עס דערגרייכט שוין ניט קיין איין וואַלקנדל און קיין איין ווינטעלע, ניט פון דער „יבשה״ — דער וויסנשאַפט, — און ניט פון דעם „ים״, — דעם פילאָסאָפישן דענקען.

## קאַפּיטל פיר

# דער גלויבן, אַז גאָט איז די אייביקע אורזאַך פון אַלע וועלט־פּראָצעסן

מיין „קינאָמאַטאָגראַפישער״ בליק אויף דעם פּראָצעס פון „ווערן״ אין דער וועלט, — דאָס הייסט, אויף איר, דער וועלטס שטענדיקן פאַרשווינדן און ווידערגעבוירן ווערן, רוט אויף יענער פאָרשטעלונג פון דער צייט, ווי אַן איין־דימענזיאָנאַלע, ניט־איבערגעריסענע ליניע, איז וועלכער דער „איצט״ שטופּט אַרויס אין פאַרגאַנגענהייט דעם „פריער״, און דער „שפּעטער״, וואָס שפּרינגט אַריין פון דער „צו־קונפט״, פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון דעם „איצט״, און וועלכע מיר מענטשן האָבן, ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אין דעם מהות פון דער צייט.

איינשטיין זאָגט, אַז אַזאַ פאַרשטעלונג איז אַ מענטשלעכע דער־פינדונג. אָבער ער זאָגט דאָך אויך, אַז אַלע פונדאַמענטאַלע באַגריפן פון דער וויסנשאַפטלעכער פיזיק, — אויך זיינע אייגענע, — זיינען מענטשלעכע דערפינדונגען. זיינען מיר גלייכע מיוחסים.

צו וואָס ווערט מיין געדאַנק געטריבן דורך אָט דער „קינאָ־מאַטאָגראַפישער" פאַרשטעלונג, אין וועלכער איך גלויב?

קודם כל איינצוזען, אַז יעדע אַרט פיזיקאַלישער געדויער, וואו דער „פריער", „איצטער" און „שפּעטער" זיינען אינאיינעם, איינצייטיק, — ווי, זאָגן מיר, אַלע מאָמענטן פון דער ערדס באַוועגונג אַרום דער זון זיינען אין „איין יאָר", — אַז אַזאַ „געדויער", פון אַ גרעסערן אָדער קלענערן משך צייט, איז אַ פיזיקאַלישע אוממעגלעכקייט, הגם אַ ווירקלעכער פאַקט. דאָס איז אַ ווידערשפּרוך, וואָס דאַרף דערקלערט ווערן.

די פּשוטע דערקלערונג איז, אַז דער „געדויער" איז אַ דמיון און ניט קיין רעאַליטעט. פילע דערשיינונגען פון דעם לעבן קאָנען באַ־קרעפטיקן אַזאַ השערה. איך צינד אָן אין דער פינצטער אַ שוועבעלע, לעש אויס דעם פלאַם, און בעת דער שפּיץ אירער גליט נאָך, דריי איך אים אין אַ קרייז. זע איך פאַר מיר אַ ניט־איבערגעריסענעם לייכטנדיקן דמיון פון מיין אויג, ווייל אין דער אמתן באַשטייט דאָך דער קרייז פון איינצעלנע ליכט־פונקטן, וואָס ווערן אַרויסגערופן איינער נאָך דעם אַנדערן פון דעם זיך־דערזעענדיקן גליענדיקן איין־איינציקן פונקט. ווען דאָס גליענדיקע שוועבעלע האָט אין דעם דריי פאַרלוירן איין פונקט, האָט אין יענעם אָרט די ליכטיקייט געמוזט תיכף אויסגעלאָשן ווערן. זי בלייבט אָבער אין אַ „געדויער", איך אַ משך, וואָס נעמט צונויף אין איינעם אַ „פריער" מיט אַן „איצט" אין איין אימפּרעסיע.

אַזוי קאָן דאָס געמאָלט זיין מיט אַלע פּראָצעסן אין דער וועלט, אַפילו מיט איר פונדאַמענטאַלסטן פּראָצעס: די באַוועגונג. ווען אַ זיך־באַוועגנדיקע זאַך בייט איר אָרט אין דעם רוים, זאָגן מיר — אַ פויגל אין זיין פלי, קאָן דאָס דערקלערט ווערן אַזוי: ווען דער פויגל האָט פריער זיך געפונען אין דעם אָרט „א", איז דעמאָלט די גאַנצע וועלט פאַרשוואונדן געוואָרן אינאיינעם מיט אים. אָבער אין דעם נעקסטן הרף עין איז די וועלט „געוואָרן", ווידער געבוירן געוואָרן, נאָר מיט אַזאַ שינוי, אַז דער פויגל האָט זיך שוין געפונען אין „ב". דאָס איז ניט קיין „באַוועגונג" פון „א" צו „ב". דאָס איז געווען אַן אָפּבייט פון צוויי וועלטן אין דעם פּראָצעס פון „ווערן". די אַנדערע

וועלטן קומען כסדר אויף אַנדערע איינאָרדענונגען פון „זאַכן" אין דעם רוים.

און וויל מיר קאָנען ניט אויפכאַפּן די מאָמענטן פון פאַרשווינדן און ווערן, באַקומט זיך דער איינדרוק פון אַ באַוועגונג, פונקט ווי מיר האָבן דעם איינדרוק פון אַ גאַנצן לייכטנדיקן קרייז אין דער פינצטער, הגם ער באַשטייט פון פאַרשווינדנדיקע און ווערנדיקע איינצעלנע פונקטן. די באַוועגונג קאָן לפי דעם באַטראַכט ווערן, ווי אַ דמיון אין אונדז — אַט פונקט ווי די באַוועגונג, וואָס מיר זעען בחוש אויף דעם עקראַן פון אַ קינאָמאַטאָגראַף. דאָרטן האָט זיך די זאַך געוויס נישט באַוועגט פון אָרט „א" צו אָרט „ב". דאָרטן איז דאָס געווען נאָר אַן אָפּבייט פון פאָטאָגראַפישע בילדער, אין וועלכע די „זאַך" האָט זיך געפונען אין דעם אָרט „ב" אַנשטאָט דעם אָרט „א", וועלכן זי האָט פאַרנומען אין דעם פריערדיקן בילד.

אונטערן דרוק פון אַזאַ גלויבן, האָט מיך תמיד געצויגן צו טראַכטן, ווי קליין עס קאָן זיין אַ צייט־פונקט, וואָס זיין „משך" זאָל קאָנען „פיזיקאַליש" דערטאַפּט ווערן אין דערווירקלעכקייט. אויך ווען איך האָב ניט לאַנג צוריק געלייענט דאָס לעצטע (פּאָפּולערע) ווערק איינשטיינס און אינגעלדס, האָבן מיך פאַרפלעפט אַ פּאָר צאָלן. די „מאָסע" (מאַטעריע) פון אַ וואַסער־שטאָף אַטאָם ווערט אויסגעדריקט אין אַ צאָל פון „נול" גאַנצע מיט דריי־און־צוואַנציק נולן נאָך דעם פונקט און לסוף מיט זיבעצן איינהייטן. דאָס זיינען „מילי־מילי־מילי־מילי־מיליאָסענטל" פון אַ גראַם. די „מאָסע" פון אַן „עלעקטראָן" איז נאָך צוויי טויזנט מאָל קלענער פון אַט דער צאָל. אָנגענומען, למען הביישפּיל, אַז יעדע מאָסן־איינהייט פאַרנעמט אין דעם רוים אויך אַזאַ טייל, אָבער ניט פון אַ גראַם, נאָר פון אַ מילימעטער. לאָמיר לאָזן אַ ליכטשטראַל, וואָס לויפט דורך דריי הונדערט טויזנט קילאָמעטער אין אַ סעקונדע, פאַרביילויפן אַט דעם „שטח" רוימלעכקייט, וואָס דער עלעקטראָן פאַרנעמט אין דער ווירקלעכקייט, ווען ער ווערט נאָך ניט פאַרוואַנדלט אין אַ כוואַליע. און איצטער — זייט אַ בעלן און רעכנט אויס, וויפיל צייט עס דאַרף נעמען דעם ליכט־שטראַל דורכצולויפן אַט דעם שטח רוימלעכקייט... לאָמיר ברייטהאַרציק אָננעמען, אַז אַט דער „משך צייט" איז אַ „צייט־מיקראָן", די קלענסטע מעגלעכע צייט, אין וועלכער עס קאָן געמאָלט זיין אַ פיזיקאַלישע דערשיינונג. איז דער אַ חידוש, וואָס מיר מענטשן, פאַר וועמען אַ צענטל סעקונדע איז אפשר די קלענסטע צייט־מאָס, וועלכע מיר קאָנען שפּירן בחוש, —

איז דען אַ חידוש, זאָג איך, וואָס מיר קאָנען ניט מערקן, ווי אַזוי „די גאַנצע וועלט" איז אין אונדזער קלענסטער צייט־מאָס מילי־מיליאָסן מאָל פאַרשוואונדן אין מילי־מיליאָסן מאָל ווידער געבוירן געוואָרן ?

דער איינציקער אָפּהאַלט צו דענקען אַזוי איז דער פאַקט, וואָס אונדזער באַוואוסטזיין, ווען מיר זיינען וואַך און ווען מיר דענקען אָנגעשטרענגט, קומט ניט פאַר אין איבערגעריסענע „צייט־מיקראָנען", נאָר אין איין־איינציקן, ניט־איבערגעריסענעם פלוס, ווי אַ ליניע. דאַרף מען אפשר פאַר דעם גאַנצן ענין „באַוואוסטזיין" פירן אַ גאַנץ אַנדערן חשבון.

נאָר לאָמיר לאָזן די פראַגע פון „באַוועגונג" און „באַוואוסטזיין". מיין מיינונג וועגן אָט דעם גרונט־פּראָבלעם פון דעם וועלט־באַטראַכט געהערט צו מיינע פילאָסאָפישע „אני מאמינס", ניט צו די טעאָלאָגישע, ניט צו דעם ענין „גלויבן אין גאָט". בלייבן מיר ביי אָט דעם ענין און ביי דער „קינאָמאַטאָגראַפישער" פאַרשטעלונג פון דעם וועלט־פּראָצעס !

דער וויכטיקסטער אויספיר פון אָט דער וועלט־פאַרשטעלונג איז, אַז אונדזער מענטשלעכער גרונט־געדאַנק פון קאַוזאַליטעט, פון אַ נויטווענדיקן סדר אין דער וועלט, פון נאַטור־געזעצן, קאָן ניט באַרעכטיקט ווערן פון אַ ריין־פיזיקאַלישן אָדער פון אַן אַזוי־גערופענעם „נאַטירלעכן" שטאַנדפּונקט.

אין דער אמתן ! דער פיזיקאַלישער אָדער „נאַטירלעכער באַגריף פון „קאַוזאַליטעט" זאָגט, אַז איין זאַך האָט „באַווירקט", אַז פון איר זאָל אַרויסקומען אַן אַנדער זאַך, ווי די וואַרעמקייט פון מיין קערפּער אונטער דער צונג „באַווירקט", אַז דער קוועקזילבער פון דעם טער־מאָמעטער זאָל זיך אויפהויבן אויף אַזויפיל און אַזויפיל גראַד. הייסט עס, אַז דער פּראָצעס פון „אורזאַך און ווירקונג" איז אַ געוויסער „גע־דויער" אין אַ „משך" פון צייט, אין וועלכן אַ „פריער" (די אורזאַך) איז פאַרבונדן אינאיינעם מיט אַ „שפּעטער" (דער ווירקונג). אָבער ווען איך דענק קינאָמאַטאָגראַפיש, איז דאָך דאָס אַ פּורע אוממעג־לעכקייט. די „אורזאַך" איז דאָך אין איר „צייט־מיקראָן" פאַרשוואונדן אינאיינעם מיט דער גאַנצער וועלט אין דעם אַבסאָלוטן „ניט־זיין". איז ווי אַזוי קאָן פון אָט דעם „ניט־זיין" אַרויסשפּרינגען אַ ווירקונג ? זע איך אָבער בחוש, אַז עס איז יאָ פאַראַן אַ ווירקונג, בין איך גע־צוואונגען אָנצונעמען, אַז די „ווירקונג", ד. ה. אַלע יענע אפשר אומ־

צאָליקע וועלטן, וואָס קומען אויף און אין וועלכע די קוועקזילבער זייל פאַרנעמט פאַרשיידענע ערטער אין דעם טערמאָמעטער, — אַז די אַלע זיך ענדערנדיקע שטעלונגען אין דער וועלט, וועלכע מיר רופן „ווירקונגען", שטאַמען פון איינאיינציקן מקור, וואָס איז דרויסן פון אָרט און צייט; דאָס הייסט פון יענעם מקור, „המחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית", וואָס „באַנייט יעדן טאָג שטענדיק דעם וועלט־באַשאַף", ד. ה. פון גאָט. דאָס וואָס די וועלט „האַלט" אין איין זיך אויפהאַלטן; דאָס וואָס דער אויפהאַלט אירער איז „קאָנטיניואירלעך", נישט קיין עלעמענט אין דער פיזיקאַלישער וועלט: נישט פון דעם רוים, נישט פון דער צייט, נישט פון דער באַוועגונג, און שוין בשום אופן נישט פון דער „מאַטעריע".

נים די פיזיקאַלישע „אורזאַכן און ווירקונגען" זיינען דער לעצטער יסוד פון דעם וועלט־פּראָצעס, נאָר זיי אַליין, ווי אויך די נאַטור־געזעצן, און די אַלערליי „געדויערס" שטאַמען דירעקט פון דער געט־לעכער אור־קראַפט, — אויב מען קאָן זי אָנרופן „קראַפט". דירעקט, אין יעדן קלענסטן טייל פון דעם „תמיד" און נישט דורך וועלכע עס איז פאַרמיטלענדיקע אינסטאַנצן. אגב, שוין די קבלה האָט געוואוסט, אַז נישט נאָר דער גלויבן אין גאָט שטאַמט פון גאָט, נאָר אַז אויך דער אומגלויבן אין גאָט שטאַמט פון גאָט, — ווי אַלץ אין דער וועלט.

און אויב עס זאָל בלי שום ספק באַוויזן ווערן סיי פון דער ווי־סנשאַפט, סיי פון דעם פּינקטלעכסטן ריינעם דענקען, אַז די וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, איז אַ ריין מאַטעריאַליסטישע, — לאָז זיין אַ „דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישע", — איז דאָס אויך נישט קיין סתירה צו יענעם גאָט־גלויבן, ווי ער האָט זיך איינגעשטעלט ביי מיר.

אָן אומענדלעכע, אייביקע, געטלעכע „איכנקייט", וואָס האָט, לויט שפּינאָזאַ, אָן אומענדלעכע צאָל אַטריבוטן, — וואָס ברענגט ממילא אַרויס אומענדלעכע אַרטן „איכנקייטן", פון וועלכע מיר, מענטשן, האָבן נישט די קלענסטע השגה, קאָן אויך אַרויסברענגען אַ „דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישע" וועלט, אין וועלכער מיר מענטשן זיינען נישט קיין גרעסערע מיוחסים, איידער די פליגן און אַנדערע לעבעדיקע ברואים, וועמענס לעבנס עס ווערן בלי שום רחמנות צעשטערט בכל יום ובכל עת ובכל שעה אָן אַ שום אויסזיכט אויף אַ „ווידערבאַ־לעבונג".

איך גלויב נישט אין אַזאַ וועלט. איך גלויב אין איר העכערער אָרדענונג און איר העכערן זין. איך גלויב, אַז אין אונדזער „קאָסמאָס״, אונדזער וועלט, וואָס מיר נעמען אויף אין רוים און צייט, איז פאַר דעם מענטשן אָנגעגרייט אַ קאָסמישע ראָליע: „לתקן עולם במלכות שדי״: איבערבויען די גאַנצע וועלט לויט אונדזער מענטשלעכער פאָר־שטעלונג וועגן אַ געטלעכער ממשלה. איך גלויב אין דער מענטש־הייט.

## קאַפּיטל פינף

# וועגן גאָט און וועלט

איך גלויב אין דער אַבסאָלוטער אחדות הבורא: די געטלעכע אור־קראַפט, וואָס שאַפט שטענדיק אַלץ, איז אַן אַבסאָלוטע איינהייט, אַן איין־און־איינציקייט; זי איז די איינציקע אורזאַך פון אַלע פאַר־קומענישן אין אַלע וועלטן. קאָן זי אויך נישט געפּיצלט זיין. קאָן דעריבער אין קיין פאַרקומעניש פון קיין וועלט זיך נישט געפינען קיין טייל פון דער געטלעכער אורקראַפט, קיין „חלק אלוה ממעל״. אויך נישט אין דעם מענטשן; אויך נישט אין זיין דענקען און זיין שטרעבן צו אמת, יושר און שיינקייט.

די קבלה איז געווען געטריבן דורך דעם געדאַנק פון אחדות הבורא אַפּצולייקענען אַלע אייגנשאַפטן אין גאָט, ווייל זיי אַלע זיינען נאָר מענטשלעכע געדאַנקען און פאָרשטעלונגען. אַזוי האָט איינער פון די ערשטע קאַבאַליסטן, ר׳ עזריאל בן מנחם, אַ דירעקטער תלמיד פון ר׳ יצחק סגי נהור, געפאָדערט אין זיין „פירוש על עשר ספירות״, אַז מען זאָל באַטראַכטן דעם „אין סוף״ (די אומענדלעכע געטלעכע קראַפט) ווי אַן אַבסאָלוטע איינהייט, וואָס איז אידענטיש נאָר מיט זיך אַליין, וואָס האָט נישט קיינע אַטריבוטן, נישט קיין ווילן, נישט קיין כוונות, נישט קיין געדאַנק, נישט קיין „וואָרט״ אָדער „טאָט״.

אין הסכם דערמיט דערקלערט אויך דער זוהר, אַז דער „אין סוף״ איז „אַין״, „גאָרנישט״, ווייל דער מענטש איז נישט ביכולת אַנצואווייזן אויף קיין זאַך, אָדער דערשיינונג, אויף וועלכער מען זאָל קאָנען זאָגן, אַז זי געהערט צו דעם געטלעכן מהות.

איך וואָלט געקאָנט אָננעמען אָט דעם קאַבאַליסטישן גאָט־באַ־נעם נאָר מיט דער הנחה, אַז דער „אין סוף״ קאָן אין קיין פּרט נישט זיין נידעריקער פאַר יענע חשיבותן, וועלכע דער מענטש באַטראַכט פאַר „געטלעך״. בפרט נישט די חשיבות פון באַוואוסטזיניק־שאַפנ־דיקער מאַכט, וואָס איר באַוואוסטזיין איז אין איר מהות און איר קלאָרקייט איז אומענדלעך העכער פאַר דעם מענטשלעכן באַוואוסט־זיין. און דער אָפּשטאַנד צווישן די ביידע, צווישן דעם געטלעכן און דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין איז נישט אין אַן ערך גרעסער, איידער, זאָגן מיר, דער אָפּשטאַנד צווישן דער געדאַנקען־טעטיקייט פון אַ פלוי, — אויב זי האָט איינע, — און דער געדאַנקען־טעטיקייט אין די קעפּ פון אַן איינשטיין, אַ ניוטאָן, אַן עמנואל קאַנט.

און אַזוי אויך מיט אַלע אַנדערע מענטשלעכע חשיבותן, וועלכע מיר זיינען גענייגט צו באַטראַכטן ווי געטלעכע. די אַלע זיינען אָבער נישט קיין טיילן פון גאָט אין דער וועלט, נישט קיין „אָפּגלאַנצן״, נישט קיין „אַרויסשטראַלונגען״ ווי די שטראַלן פון אַ זון, נישט קיין „קאַבאַליסטישע צמצומים״, — „איינגרענעצונגען״ פון דעם געטלעכן מהות, — נאָר מאַניפעסטאַציעס, אַרויסווייזונגען פון זיין באַשאַפעריש־קייט אין אַלץ, אין „גוטן״, ווי אין „בייזן״, „יוצר אור ובורא חושך, עושה שלום ובורא רע. אני ד׳ עושה כל אלה״ (ישעיה מ״ה, ז׳). סיי דאָס „גוטע״, סיי דאָס „שלעכטע״, קומען פאַר, לויט יענער אָרדענונג און צונויפבונד פון פאַרקומענישן, וואָס שטאַמען אויך פון איר, פון אָט דער געטלעכער שטענדיקער באַשאַפערישקייט. און דאָס וואָס מיר רופן „טוב״ און „רע״ און אַלע אונדזערע קאַמפן אַנטקעגן דעם „רע״ צוליב דעם „טוב״ געהערן נאָר צו יענעם געטלעך־דעטער־מינירטן צונויפבונד פון דערשיינונגען, וואָס באַהערשן די מענטש־לעכע וועלט.

אַזוי אַרום איז מיין טעאָלאָגישער אַני־מאמין די אַבסאָלוטע אָפּ־לייקענונג פון אַ וועלכן עס איז פּאַנטעאיזם, אַ שפּינאָזיסטישן, קאַבאַ־ליסטישן, צי חסידימשן. די וועלטן זיינען נישט קיין פאַרקערפּערונגען פון דער געטלעכער קראַפט. זיי זיינען איר באַשאַף.

אָבער אין איין פּרט וואָלט איך פאָרט מסכים געווען מיט דעם הויכן געדאַנק פון דער קבלה, אַז גאָט איז „אַין״, „גאָרנישט״.

שטודירנדיק אונדזער וועלט, וועלנדיק פאַרשטיין מיט אַ מענטש־לעכן שכל איר מהות, איר אינעווייניקסטן תוך, די סודות, וואָס זיינען אַלץ נאָך פאַרבאָרגן אין איר, די אָרדענונג, די האַרמאָניע און דעם

נויטווענדיקן צונויפבונד פון פאַרקומעניש, האָבן מיר ניט וואָס אַריינ־צושלעפּן די געטלעכע קראַפט, פון וועלכער מיר קאָנען ניט האָבן קיין ברעקל השגה. איז זי פאַר אונדז אויך ניט קיין שליסל, מיט וועלכן מיר זאָלן קאָנען עפענען די פאַרבאָרגענע סודות פון דער וועלט. אין דער וויסנשאַפט און אין דער פילאָסאָפיע, וואָס וויל אַריינ־דרינגען אין די סודות פון דער וועלט, איז די געטלעכע קראַפט העכסטנס נאָר דער מקור פון נויטווענדיקייטן און ווייטער „אין״, „גאָר־נישט״.

איך זאָג: „העכסטנס״ און איך מיין דערמיט דעם העכסטן באַרג־שפּיץ פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש.

אין דער אמתן איז די „קינאָמאַטאָגראַפישע״ פאַרשטעלונג פון דעם אייביקן ווערן אין דער וועלט, פון דעם אייביקן פאַרשווינדן אירן און איר תיכף ווידער געשאַפן ווערן, אין אַלע אירע פאַרקומעניש, — געשאַפן ווערן פון אַ געטלעכער באַשאַפערישקייט, — אַט די פאַר־שטעלונג איז ניט קיין באַזיס, אויף וועלכן עס קאָן געבויט ווערן די וויסנשאַפטלעכע פאַרשטעלונג, אָדער דער פילאָסאָפישער איבערטראַכט. דאָס איז דער שפּיץ פון דעם באַרג, וואו פילאָסאָפיע גייט אַריבער אין רעליגיעזן גלויבן, — אָדער ריכטיקער: פון וועלכן דער רעליגיעזער גלויבן קאָן זיך אויפהויבן אין זיין אייגענער „סטראַטאָספערע״.

דעריבער איז דער וועג צו אַט דעם העכסטן באַרג־שפּיץ אַ ריין אינדיווידועלער. קיינער איז ניט מחויב צו קריכן אַהין. די וואָס ווילן אָבער קריכן, קאָנען דאָס טאָן פון אַלע פילאָסאָפישע זייטן, אַפילו פון דער ריין מאַטעריאַליסטישער.

עס איז דאָך מעגלעך, אַז אין דעם שטענדיקן שאַפן פון דער געטלעכער אורקראַפט, ברענגט זי אַרויס פאַרשיידנאַרטיקסטע וועלטן, אויך אַזוינע, וואו עס זיינען גאָר ניט בנמצא אַזוינע זאַכן, ווי „מאַ־טעריע״, „באַוועגונג״, „רוים״, „צייט״, „געדאַנקען״, „ווילן״ וכו׳. יענע וועלטן האָבן אָבער זייערע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן, זייערע „געזעצן״, „אָרדענונגען״ און נויטווענדיקע צונויפבונדן פון פאַר־קומענישן, פון וועלכע מיר, מענטשן, קאָנען ניט האָבן קיין ברעקל השגה.

איז דאָך אויך מעגלעך, אַז אונדזער וועלט, אין וועלכער מיר, מענטשן, לעבן און וועלכע מיר ווילן פאַרשטיין מיט אונדזער מענטש־לעכן שכל, זאָל גראָד זיין אַ ריין מאַטעריאַליסטישע. עס קאָן גריילעך

געמאָלט זיין, אַז דאָס „גייסטיקע" (ווי צ. ב. צאָן־ווייטיק אָדער דער געדאַנק, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר) זאָל תמיד זיין געבונדן מיט אַ וואָסער איז ריין „מאַטעריעלן" פּראָצעס, — אַ באַוועגונג פון עלעקט־ראָנען, — און זאָל תמיד פאַרשווינדן אינאיינעם מיט יענעם מאַטעריעלן פּראָצעס. נאָך מער: עס איז דאָך מעגלעך, אַז די מאַטעריעלע באַ־וועגונגען אין אונדזער וועלט מוזן ניט תמיד זיין צונויפגעבונדן מיט אַ וועלכער עס איז „גייסטיקער" פאַרקומעניש, — אַ שפּירונג אָדער אַ געדאַנק. און דאָס איז דאָך שוין ריינער מאַטעריאַליזם.

ביי דעם אַלמעכטיקן רבונו של עולם איז דאָך אַלץ מעגלעך: ניט נאָר ער אַליין זאָל עקזיסטירן, נאָר ער זאָל אויך באַשאַפן אַ ריין מאַטעריאַליסטישע וועלט.

איך גלויב אָבער ניט: ניט אין דעם מאַטעריאַליזם, ניט אין דעם אידעאַליזם, ניט אַפילו אין שפּינאָזאָס „סינטעטישן מאָניזם", וואו „מאַטעריע" און „גייסט" זיינען תמיד צונויפגעבונדן אינאיינעם, ווי צוויי זייטן פון איין און דערזעלביקער „זאַך".

די אַלע פילאָסאָפישע פאַרשטעלונגען וועגן דעם „תוך" פון אונדזער וועלט זיינען געבויט אויף דעם געדאַנק פון „סובסטאַנץ". סובסטאַנץ איז עפּעס אַזוינס, וואָס בלייבט תמיד, ביי אַלע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר מיט איר. זאָגן די מאַטעריאַליסטן: אָט די אייביקע וועלט־סובסטאַנץ איז די „מאַטעריע". „ניין!" — זאָגן די „אידעאַליסטן", ריכ־טיקער: די „ספּיריטואַליסטן". „די אייביקע וועלט־סובסטאַנץ איז דער גייסט". „ניין". שלאָגט זיי איבער דער שפּינאָזיסטישער סינטע־טישער מאָניסט: „די סובסטאַנץ" איז „מאַטעריע" און „גייסט" אינ־איינעם".

אויך איך באַטראַכט דעם „סינטעטישן מאָניזם" פאַר אַ גאַנץ וואוילער פילאָסאָפישער סברה, אָבער אין אַ גאַנץ רעלאַטיוון זין. מיין פאַרשטעלונג וועגן דער צייט, ווי אַ שטענדיקן פלוס, וואָס שליגט איין יעדן זיין, יעדע פאַרקומעניש, שליסט אויך אויס די פאַרשטעלונג פון אַ וועלכער עס איז סובסטאַנץ, ד. ה. פון עפּעס אַזוינס, וואָס בלייבט אייביק אין דעם פלוס פון די פאַרקומענישן. אייביק איז נאָר די באַשעפערישע געטלעכע קראַפט, וואָס ברענגט זיי אַלע אַרויס: אי דעם עלעקטראָן, אי דעם צאָן־ווייטיק, אי דעם געדאַנק, זאָגן מיר, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט.

איך זע ניט איין, פאַרוואָס איך זאָל די אַלע פאַרקומענישן אַלעמאָל

איינטיילן דווקא לויט די סימנים פון „מאַטעריעל״ אָדער „גייסטיק״; פאַרוואָס איך מוז אָננעמען, אַז דער צאָן־ווייטיק „שטאַמט״ פון דעם עלעקטראָן, אָדער אַז דער עלעקטראָן שטאַמט פון דעם צאָן־ווייטיק, אָדער אַז זיי ביידע שטאַמען פון דער אָדער יענער געדאַנקלעכער וועלט־סובסטאַנץ.

די איינטיילונג פון „פיזישע״ (מאַטעריעלע) און „פּסיכישע״ (גייס־טיקע) איז זייער אַ ניצלעכע פאַר אונדז, מענטשן, מיט אַן „איך״־באַוואוסטזיין, מיט דער פאָרשטעלונג פון אַ „פּערזענלעכקייט״, וואָס שטעלט זיך אַוועק ווי אַן „איך״ אַנטקעגן דעם „ניט־איך״ פון דער דרויסנלעכער וועלט (און פון דעם אייגענעם „קערפּער״). „פיזישע״ (מאַטעריעלע) פּאַרקומענישן זיינען יענע, מיט וועלכע מיר ווערן באַ־באַקאַנט פון דער דרויסנלעכער וועלט מיט אירע באַוועגונגען אין רוים און צייט. „פּסיכישע״ פּאַרקומענישן זיינען אַזעלכע, מיט וועלכע מיר ווערן באַקאַנט פון דעם אינעווייניקסטן לעבן און דעם „איך״, וואָס גייען איינע נאָך דער אַנדערער אין דער צייט.

אין זיך גופא זיינען זיי אַלע נאָר וועלט־פּאַרקומענישן, אַרויסגע־בראַכט פון דער איין־איינציקער, תמיד באַשאַפערישער וועלט־קראַפט. לאָזט מען פאַלן דעם גרונט־באַגריף פון אַ פאַרגליווערטער „סובסטאַנץ״, אויף וועלכן דער פילאָסאָפישער געדאַנק גליטשט זיך תמיד און ברעכט תמיד האַלדז און נאַקן, זעט מען דעמאָלט ניט איין, פאַרוואָס מען זאָל אויסגראָבן אַ תהום צווישן „פיזישע״ און „פּסיכישע״ פּאַרקומענישן. עס זאָל זיין, אַז דער תהום וואָס הערשט צווישן דער באַוועגונג פון אַן עלעקטראָן פון איין זייט און דעם צאָן־ווייטיק פון דער אַנדערער, איז ניט קיין גרעסערער, איידער דער תהום, וואָס עקזיסטירט צווישן דער רויטער פאַרב, וואָס איך זע, און דעם קלונג פון דעם גלאָק, וואָס איך הער.

קאָן פון „מאַטעריע״ ווערן „גייסט״? קאָן פון דער ניט־לעבעדיקער „מאַטעריע״ ווערן „לעבעדיקע״? קאָן פון דער רויטער פאַרב ווערן דער טאָן „דאָ״? — האַלט איר זיך ביי דער פאָרשטעלונג פון „סובּ־סטאַנץ״, קאָנט איר קיין פאַרב ניט אַרויסברענגען פון אַ קלאַנג, קיין „לעבן״ פון אַ „טויטער״ זאַך, און קיין „גייסט״ ניט ארויסברענגען פון אַ „מאַטעריע״. ווי אויך צוריק.

לאָזט איר אָבער לגמרי פאַלן די „סובסטאַנץ״, קאָנט איר ריין ווּיסנשאַפטלעך פאַרשן, ווען אַ ניט־לעבעדיקע מאַטעריע קאָן ווערן לע־

בעדיק, ווען אַ מאַטעריעלע באַוועגונג הערט אויף און עס הייבט זיך אָן אַ „פּסיכישע" פּאַרקומעניש, און אונטער וועלכן צונויפבונד פון וועלט־פּאַרקומענישן קאָנען קלאַנגען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון פאַרבן. און דערביי קאָן איך קיינער ניט פאַרווערן צו גלויבן, אַז די געטלעכע אורקראַפט „עושה כל אלה".

## קאַפּיטל זעקס

# די רעלאַטיוויטעט פון אַלע מענטשלעכע אמתן און דער אינדיווידועלער כאַראַקטער פון יעדן גאָט־גלויבן

איך גלויב באמונה שלימה אין דער רעלאַטיוויטעט פון אַלע אונדזערע מענטשלעכע אמתן. איך גלויב ניט, אַז עס קאָנען פאַר אונדז געמאָלט זיין אַבסאָלוטע אמתן, אומפאַרענדערלעכע, אייביקע אונטער אַלע אומשטענדן, פאַר אַלע דורות, פאַר אַלע אַרטן „מענטש".

דער ענין: „רעלאַטיוו" און „אַבסאָלוט" איז אין דער לעצטער צייט געוואָרן גאַנץ פּאָפּולער, אַדאַנק דער איינשטיינשער רעוואָלוציע אין דער פיזיק. ניטאָ, זאָגט איינשטיין, קיין אַבסאָלוטע באַוועגונג אין דער נאַטור, קיין אַבסאָלוטער רוים, קיין אַבסאָלוטע צייט. זיי זיינען אַלע רעלאַטיוו. וואָס מיינט דאָס? מיר וועלן נעמען נאָר די באַוועגונג, און וועלן זיך באַנוצן מיט איינשטיינס ביישפּיל.

איר פאָרט אין אַ גלעזערנעם וואַגאָן. פון באַלקן פאַלט אַראָפּ אַ שטיינדל אויף דעם ברוק. די באַוועגונג זיינע האָט די פאָרם פון אַ ווירע־גלייכער ליניע. די לענג פון איר וועג איז אַזויפיל און אַזויפיל איילן. די צייט, וואָס דאָס פאַלן „פאַרנעמט", איז עטלעכע סעקונדן. די געשווינטקייט פון זיין פאַלן איז פאַרשידן אין יעדער סעקונדע, און זי וואַקסט אָן אויף אַזויפיל און אַזויפיל מיט יעדער סעקונדע. דאָס קאָן מען אַלץ מאַטעמאַטיש פּינקטלעך אויסרעכענען, און די רעכענונגען זיינען בלי ספק ריכטיק. אָבער נאָר פאַר דעם צוקוקער, וואָס פאָרט אין דעמזעלביקן וואַגאָן. אַ צוקוקער אָבער, וואָס שטייט אין רו דרויסן פון דעם וואַגאָן, זעט דורך דער גלעזערנער וואַנט אַ גאַנץ אַנדער אַרט באַוועגונג פון דעם שטיינדל. די פאָרם אירע איז ניט קיין ווירע־גלייכע

ליניע, נאָר אַן אויסגעקרימטע, אַ פּאַראַבעל. דאָס שטיינדל פאַלט אַראָפּ ניט פּונקט אַנטקעגן דעם אָרט, פון וועלכן ער האָט אָנגעהויבן פאַלן, נאָר אַ סך ווייטער. ממילא איז די לענג פון דעם וועג אַ גרעסערע. און אַזוי ווי די צייט פון דעם פאַלן איז דאָסזעלביקע אָדער „אויף קוים אַ האָר אַן אַנדערע", איז די געשווינטקייט פון דעם פאַלן אַ גרעסערע.

אין דערזעלביקער צייט באַוועגט זיך די ערד מיט דעם פאַלנדיקן שטיינדל אין וואָגאָן אַרום איר אייגענער אַקס און אַרום דער זון מיט אומפאַרגלייכלעך גרעסערע געשווינטקייטן. ווי דאַרפן באַרעכנט ווערן די באַוועגונגס־פאָרם, די לענג פון דעם וועג און די געשווינטקייט זיינע פון אַ צוקוקער, וואָס שטייט ניט אויף דער ערד, נאָר, זאָגן מיר, אויף דער זון? מענטשן האָבן זיך ניט געפּוילט אויסצורעכענען, און עס איז, נאַטירלעך, אויסגעקומען, אַז די פאַל־ליניע איז ניט קיין ווירע־גלייכע און ניט קיין פּאַראַבעל, נאָר אַ גאַנץ אַנדער קרומע ליניע, אַז איר לענג דאַרף באַרעכנט ווערן מיט אַזויפיל טויזנטער מיילן און אַז די געשווינטקייט פון דער באַוועגונג ווערט געמאָסטן מיט די טויזנטער מיילן אין דער אָדער יענער סעקונדע.

הייסט דאָס, אַז די אַלע דאַטעס: די פאָרם פון דער פאַל־ליניע, איר לענג און די געשווינטקייט פון דער באַוועגונג, וואָס זיינען אויסגעבונדן צווישן זיך, זיינען אַלע גלייך ריכטיק (מאַטעמאַטיש פּינקטלעך!) פאַר די דריי פאַרשיידענע צוקוקערס. הייסט עס: זייער ריכטיקייט איז ניט קיין אַבסאָלוטע פאַר אַלע דריי, נאָר אַ רעלאַטיווע, אַזאַ וואָס שטייט אין שייכות צו דעם צוקוקער. ווי זיינען אָבער יענע אַלע דאַטעס „אין זיך גופא"? אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוט ליידיקער רוים, וואו צוקוקער זאָל קאָנען אין אַבסאָלוטער רו זיצן און אויפנעמען דאָס פאַלן פון דעם שטיינדל, איז בכלל ניטאָ קיין אַבסאָלוטע באַוועגונג פון דעם שטיינדל „אין זיך גופא". ווייל אַ באַוועגונג איז נאָר רעלאַטיוו, נאָר אין שייכות צו יענעם צוקוקער, וואָס באַטראַכט זיך אַליין, ווי אין אַ צושטאַנד פון רו.

איך נעם אַרויס נאָר אָט די זייט פון איינשטיינס לערע וועגן דער רעלאַטיוויטעט פון באַוועגונג. דער פּועל־יוצא דערפון איז, אַז יעדע באַוועגונג מוז פאַרשיידן באַרעכנט ווערן, לויט דעם „קאָאָרדינאַטן־סיסטעם", אין וועלכן זי ווערט אויפגענומען. די מענטשן, וואָס פאָרן אינאיינעם מיט דעם שטיינדל אין וואָגאָן, האָבן איין „קאָאָרדינאַטן־

סיסטעם", דער צוקוקער אויף דער „רוענדיקער" ערד — אַן אַנדערן, דער צוקוקער אויף דער „זון" — אַ דריטן. יעדע באַוועגונג איז רעלאַטיוו, שטייט אין אינעווייניקסטער שייכות קודם כל צו דעם „קאָאָרדינאַטן־סיסטעם", אין וועלכן זי ווערט אויפגענומען.

נאָך איידער איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט איינשטיינס לערעס, האָט זיך ביי מיר איינגעשטעלט אַן ענלעכער בליק אויף מענטשלעכע אמתן; איך קאָן דאָס איצטער פאָרמולירן אַזוי, אַז מענטשן האָבן פאַר־שיידענע דערקענטעניש־טעאָרעטישע, פּסיכישע, „קאָאָרדינאַטן־סיסטעמן" און יעדע זאַך, יעדע פאַרקומעניש אין דער וועלט, האָט אַן אַנדער אויסזען, אַן אַנדער באַדייט, עס ווענדט זיך, פון וועלכן מענטשן און אין וועלכער דערקענטעניש־ספערע זי ווערט אויפגענומען און באַ־טראַכט. דער „אמת" וועגן דער זאַך, אָדער די וועלט־פאַרקומעניש הענגט אָפּ פון דער דערקענטעניש־ספערע ביי דעם אָדער יענעם דענקענדיקן מענטשן, אָדער ביי דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. אין איין דערקענטעניש־ספערע איז די „זאַך" אַזאַ און אין אַן אַנדערער קאָן זי זיין גאָר אַ גאַנץ אַנדערע „זאַך".

דער ביישפּיל, וואָס איך באַנוץ מיך מיט אים אויף צו אילוסטרירן אָט די רעלאַטיוויטעט, איז כמעט אַלעמאָל די זון. אין דער דערקענטע־ניש־ספערע פון אונדזערע חושים, אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן איז די זון אַן ערך אַ זיבנהונדערטל פון דעם האָריזאָנט, וואָס מיר נעמען אויף מיט אונדזער אויג; די זון באַוועגט זיך אַרום דער ערד, זי איז גליענדיק הייס און בלענדענדיק ליכטיק, אָבער איך קאָן איר היץ און איר בלענד פאַרשטעלן מיט דעם הוט, וואָס אויף מיין קאָפּ.

אין דער דערקענטעניש־ספערע פון דער אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפט איז די גרויס פון דער זון, פאַרגליכן מיט דער ערד, ווי די גרויס פון, זאָגן מיר, אַ קירבעס, פאַרגליכן מיט אַן אַרבעס. און ניט זי דרייט זיך אַרום דער ערד, נאָר (פּונקט פאַרקערט!) די ערד אַרום איר.

אין דער וויסנשאַפטלעכער פיזיק איז די זון ניט „הייס" און ניט „ליכטיק". זי איז אַ סכום פון עלעקטראָנען, פּראָטאָנען און — ווייס איך נאָך וועלכע, קליין־קליינטשינקע זיך באַוועגנדיקע טיילכעלעך, וואָס פאַרנעמען אינאיינעם אַזאַ און אַזאַ „אַסטראָנאָמישע" צאָל פון מיילן אין דעם „וועלטנרוים".

און אין דער דערקענטניש־ספערע פון דער קאַנטישער פילאָסאָפיע איז דער גאַנצער וועלטנרוים, אינאיינעם מיט דער זון, ניט קיין ווירק־

לעכקייט אין זיך גופא, נאָר אַ פאָרם, איינע פון די צוויי פונדאַמענטאַלע פאָרמען, פון אַ דערקענטעניש־פּראָצעס, ווי אַזוי צו „קאָאָרדינירן״, איינצואָרדענען די פּאַרקומעניש פון דעם „וועלט־פּראָצעס״. די אַנדער פאָרם איז די צייט. ווי די וועלט איז „אין זיך גופא״, דרויסן פון אַ דערקענטעניש־פּראָצעס, אַן ענלעכן צום דעם מענטשלעכן, קאָן קיינער ניט וויסן. און אפשר איז גאָר ניטאָ אַזאַ מין אַבסאָלוטע זאַך, ווי „אַ וועלט אין זיך גופא״, ווי עס איז, לויט איינשטיינס פיזיק, ניטאָ קיין אַבסאָלוטע באַוועגונג. אָט דאָס איז דער איינשטעל פון רעלאַטיוויטעט אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש, די אַפּלייקענונג פון „אַבסאָלוט־אַבסאָלוטע״ אמתן.

די ערשטע פאָדערונג אָבער פון אַזאַ רעלאַטיוון איינשטעל באַשטייט דערין, אַז מען טאָר ניט „צונויפמישן די יוצרות״. מען טאָר ניט אַריבערשלעפּן די „זאַך״ פון איין דערקענטעניש־ספערע און לאָזן זי געוועלטיקן אין אַן אַנדערער, וואו דער „קאָאָרדינאַטן־סיסטעם״ פון דער דערקענטעניש איז לגמרי פאַרשיידן פון דעם „קאָאָרדינאַטן־סיס־טעם״, וואָס הערשט אין דער ערשטער. ווען איך דאַרף און וויל פאַר־שטעלן מיט מיין הוט די היץ און די בלענד פון דער זון, וואָלט געווען אַן אומזין צו רעכענען זיך דערמיט, וואָס איך און מיין הוט זיינען אומענדלעך קלענער אידער אַ מאַנעלע, לגבי איר גרויס, אָדער אַז „אין תוך״ האָט די זון גאָר ניט קיין „היץ״ און קיין „בלענד״, אָדער אַז „אין תוך״ איז זי גאָר ניט דרויסן פון מיר, ווייל דער גאַנצער רוים איז ניט מער, ווי אַ פאָרם אין מיין דערקענטעניש־פּראָצעס. אין דער דער־קענטעניש־ספערע פון מיינע חושים איז די זון „פאַקטיש״, ד. ה. ווירקלעך, דרויסן פון מיר; זי איז די גרויס, ווי אַ „גרעיפּ־פרוכט״, און איך קאָן זי פאַרשטעלן מיט מיין „קאַפּעליוש״.

דאָס איז אָבער אויך אמת בנוגע מיין טעאָלאָגיש־מעטאַפיזישן גלויבן, אַז די וועלט איז נאָר אַ ווערן, אַ שטענדיקער פאַרשווינדן און אַ שטענדיקער באַשאַפן ווערן, פון אַן אייביק ווירקנדיקער געטלעכער קראַפט, אַן אייביקער ניט אין דעם זין פון אַן אייביקן דויער אין אַ „צייט״.

דער „קינאָמאַטאָגראַפישער״, טעאָלאָגיש־מעטאַפיזישער גלויבן מוז מיט אַלע זיינע עלעמענטן, אויך מיט דעם „אחדות הבורא״, בלייבן נאָר און דורכאויס אין דער סטראַטאָספערע פון דער רעליגיע, וועלכע יעדער איינער קאָן זי אויסבויען רעלאַטיוו צו זיינע אינדיווידועלע גייס־

טיקע באַדערפעניש, אויף וויפיל עס דרענגט אים, זיי צו ראַציאָנאַלי־זירן. קיין זאַך, קיין „אמת״ פון יענער רעליגיעזער „סטראַטאָספּערע״ קאָן ניט און טאָר ניט אַריבערגעטראָגן ווערן אין דער דערקענטעניש־ספערע פון דער וויסנשאַפט, וואָס דאַרף זיין אַ קנין פאַר אַלע דענקענ־דיקע מענטשן.

## קאַפּיטל זיבן

# די „וועלט״ — אַ „פּאָעמע״ פון „געטלעכער נויטווענדיקייט״

מיין גלויבן, אַז די „וועלט״ איז ניט „גאָט״ און ניט אַ טייל פון גאָט, און ניט אַן „אַרויסשטראַלונג״ זיינע, נאָר אות באות גאָטס אַ באַשאַף און אַז די איינציקע קראַפט, וואָס באַשאַפט אַלע וועלט־פּאַר־קומעניש בכל עת ובכל שעה ובכל רגע איז נאָר גאָט אַליין, — אָט דער טעאָלאָגיש־מעטאַפיזישער אני מאמין מיינער איז דער באַזיס פאַר אַ גאַנץ באַזונדערער „קאָאָרדינאַציע״ פון אידייען און „מעגלעכ־קייטן״, וואָס הערשן אין דאָס רוב ריין־רעליגיעזע גלויבונגען.

אָבער לויט דעם פּרינציפּ פון דערקענטעניש־טעאָרעטישער „רעלאַ־טיוויטעט״, גלויב איך, אַז די גרונט־פּרינציפּן פון איין דערקענטעניש־ספּערע קאָנען ניט אַריבערגעטראָגן ווערן אין דער אידייען־קאָאָרדינאַציע פון אַן אַנדער דערקענטעניש־ספערע, ווי אונדזער טאָג־טעגלעכע דערקענטעניש פון דער „זון״ קאָן ניט אַריבערגעטראָגן ווערן אין דער אידייען־קאָאָרדינאַציע פון דער אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפט און פאַרקערט: די „זון״ פון דער אַסטראָנאָמישער און פיזיקאַלישער וויסנשאַפט קאָן ניט אַריינגעדריקט ווערן אין דער אידייען־קאָאָרדי־נאַציע פון אונדזערע טאָג־טעגלעכע דערפאַרונגען פון דער חושים־וועלט.

אַזוי האַלט איך אויך, אַז אַ סך „זאַכן״ און „פאַרקומענישן״ וועלכע דער געווייגלעכער רעליגיעזער גלויבן נעמט אָן פאַר „ווירקלעך״, טאָרן ניט אַריינגעטראָגן ווערן אין אונדזער וויסנשאַפטלעכן שטודירן די „וועלט״־פאַרקומענישן, ווי אויך ניט אין די פּרואוון פון אַ וויסנ־

שאָפּטלעכער פילאָסאָפיע, אויסצוגעפינען זייער „תוך״ און צו דערקלערן זייער נאַטירלעכן גאַנג.

נעמט, צום ביישפּיל, דעם גלויבן אין וואונדער, אין ניסים ונפלאות. אין דער טעאָלאָגיש־מעטאַפיזישער ספערע האָבן זיי איין אָפּשאַץ, אין דער נאַטור־וויסנשאַפטלעכער און דער פילאָסאָפישער — אַ גאַנץ אַנדערן. אַ „נס״ איז אַן איבעררייס אין דעם „נאַטירלעכן״ גאַנג פון די פּאַרקומענישן אין דער וועלט. צום ביישפּיל, אַז אַ ים האָט זיך געשפּאָלטן, אַז זיינע וואַסערן האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט, „ווי ווענט״, באַשאַפנדיק אַזוי־אַרום אַ קאָרידאָר פאַר דעם דורכגאַנג פון דעם יידישן פאָלק. נאָך אַ שענערער ביישפּיל איז דער גלויבן פון די מאַהאָמעדאַנער, אַז די לבנה איז, צוליב מאַהאָמעדן, אַראָפּ פון הימל, האָט זיך צעשפּאָלטן אויף צווייען, און ביידע העלפטן האָבן אַרומגע־קרייזט דעם הייליקן שטיין קאַאַבאַ.

לויט מיין טעאָלאָגיש־מעטאַפיזישן אני מאמין, זיינען די ביידע פּאַרקומענישן גאָר קיין וואונדער ניט. און אָט פאַרוואָס.

לויט מיין מענטשלעכער פאַרשטעלונג פון דעם ענין „צייט״, פאַר־שווינדט די וועלט יעדן קלענסטן טייל פון אַן אויגנבליק. ממילא פאַרשווינדן אַלע „זאַכן״ און „פּאַרקומענישן״, וואָס אין איר, און ממילא פאַרשווינדט אויף אייביק די אָרדענונג, אין וועלכער די „פּאַרקומענישן״ זיינען געשטאַנען. עס ווערט פון איר אַן אַבסאָלוטער „אין״, אַ גאָר־נישט. אָבער „תוך כדי דיבור״ באַשאַפט גאָט אַ נייע וועלט, מיט אַ נייער איינאָרדענונג פון אירע פּאַרקומענישן, אַלעמאָל מיט אַ וועלכער עס איז ענדערונג אין זייער איינאָרדענונג (דער פּרינציפּ פון „ווערן״, פון „חידוש העולם״ בכל עת ובכל רגע), איז פאַרוואָס זאָל דאָס ניט זיין מעגלעך, אַז אין דער ניי־באַשאַפענער וועלט איז די איינאָרדענונג פון וועלט־פּאַרקומענישן געווען אַזאַ, אַז די לבנה איז איינגעשרומפּן געוואָרן צו איר געזעצנער גרויס, האָט ניט פאַרלוירן איר גלאַנץ, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, וכו׳ וכו׳ וכו׳. איז דאָך מאַהאָמעד געשטאַנען דערביי. און מסתמא אויך זיינע פריינט. זיי האָבן דאָך דאָס געזען מיט זייערע אייגענע אויגן און האָבן דאָס איבערגעגעבן „איש מפּי איש״, פון איין דור צו דעם אַנדערן ביז צו דעם איצטיקן מופתי פון ירושלים. איז פאַרוואָס זאָל מען ניט גלויבן דערין?

די מעגלעכקייט פון אַזאַ גלויבן איז געגעבן אין דעם אומשטאַנד, וואָס די באַגריפן פון „אורזאַך״ און „ווירקונג״ זיינען גאַנץ אנדערע

אין דער טעאָלאָגיש־מעטאַפיזישער ספערע, אײדער דיזעלביקע „אורזאַך" און „ווירקונג" אין אונדזער באַטראַכטן נאַטור־געשעענישן.

שטעלט אײך פאָר אַ קרײַז מיט אַ צענטער אין מיטן און מיט ראַדיאוסן, וואָס גײען פון דעם צענטער צו יעדן פּונקט פון דער פּעריפעריע, דעם אַרומקרײַז, ווען אַ זון־שטראַל פאַלט אויף אַ שטײנדל און „מאַכט" אים וואַרעם, זאָגן מיר, אַז די היץ פון דער זון איז געווען די „אורזאַך", און די וואַרעמקייט פון דעם שטײנדל — איר „ווירקונג".

די היץ פון דעם זון־שטראַל און די וואַרעמקייט פון דעם שטײנדל זײַנען, אַזוי צו זאָגן, צוויי פּונקטן פון אַן אַרומקרײַז, וואָס זײַנען אָפּגעשײדט אײנער פון דעם אַנדערן אין דער צײַט. פריער די זון־היץ און שפּעטער די וואַרעמקייט אין דעם שטײנדל. קומט אויס, אַז דאָס „פריער" איז געווען די „אורזאַך", וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם „שפּעטער" — („די ווירקונג"). נעם איך אָבער אָן, אַז אין דעם סאַמע מאָמענט פון דעם „פריער" איז די גאַנצע וועלט לגמרי פאַרשוואונדן געוואָרן ביז צו אַ ריינעם „גאָרנישט", קאָן איך דאָך ניט דענקען, אַז פון דעם „גאָרנישט" האָט געקאָנט אַרויסקומען עפּעס אַ „ווירקונג". „עקס ניהילא ניהיל!" מוז איך אָננעמען, אַז ניט די פּונקטן פון דעם „אַרומקרײַז" ווירקן אויף די אַנדערע פּונקטן זײַנע, — ווײַל דער אַרומקרײַז האַלט דאָך אין אײן פאַרשווינדן און ווידער־באַנײַט ווערן, — נאָר אַז די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין די פּונקטן (ווי דאָס וואַרעם ווערן פונעם שטײנדל) שטאַמען ניט פון פריערדיקע פּונקטן אויף דעם אַרומקרײַז (ניט פון דער זון־היץ, וואָס איז פאַרשוואונדן אינאײנעם מיט אַלע אַנדערע וועלט־פאַרקומענישן אין יענעם צײַט־מאָמענט), — נאָר אַז די „ווירקונגען" שטאַמען דירעקט פון דעם צענטער. די ענדערונגען אין דער וועלט זײַנען לפי דעם ניט קײן פּועל־יוצאס פון פריערדיקע צושטאַנדן, נאָר דירעקטע נײַ־באַשאַפונגען פון דער „צענטראַלער" געטלעכער וועלט־קראַפט.

גיט דאָס אַ ראַציאָנאַלן באַזיס פאַר אַ גלויבן אין ניסים.

איך גײ אָבער מיט דעם דרך, אז מיר קאָנען ניט אַריבערטראָגן אַט די אַבסטראַקטע מעגלעכקייט פון וואונדער — ניט אין אונדזער שטודירן די נאַטור און ניט אין דער אויסאַרבעטונג פון אַ וועלט־באַנעם און אַ לעבנס־בליק, וואָס זאָל זײַן אין האַרמאָניע מיט דער פינקטלעכער נאַטור־וויסנשאַפט פון דער צײַט.

די „נאַטור", אָדער די „וועלט", אין וועלכער מיר לעבן, איז, אמת,

גאָטס אַ באַשאַף, אויב מיר ווילן ניט צולאָזן, אַז זי איז צופאַל, וואָס האָט ניט קיין גרונט פון אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט פאַר איר עקזיס־טענץ. אָבער די „נאַטור״, אַן אַרויסגעבראַכטע פון דעם מקור פון נויטווענדיקייט, איז באַהערשט פון דערזעלביקער נויטווענדיקייט אין יעדער פאַרקומעניש אירער. די נאַטור איז, לויט מיין גלויבן, וואָס שטימט דאָ איין מיט שפּינאָזאַס, — אַ מערקווירדיקע, פאַר אונדז געהייניספולע פּאָעמע, אַ „בוך״, ווי איינשטיין זאָגט, פון וועלכן מיר האָבן אויפגעכאַפּט נאַר עטלעכע אותיות.

אָבער גלויבן מעג איך, — און איך טו, — אַז דאָס בוך איז אַזאַ „פּאָעמע״, אין וועלכער יעדער אות איז אויף זיין אָרט און אין וועלכער זיי אַלע זיינען אַזוי אויסגעבונדן אין איינעם, אַז אין יעדן קלענסטן צייט־מאָמענט שטייען אַלע וועלט־פאַרקומענישן אין אַן אינע־ווייניקסטער שייכות, וואָס איז אונדז ניט באַקאַנט. אויב אין דעם מאָמענט, וואָס איך שרייב אָט די שורה, איז אין אַפריקע פאַרצוקט אַ שעפּס, גלויב איך באמונה שלימה, אַז אויך אָט די דריי, אַזוי פאַרשיידענע פאַרקומענישן, געהערן — מיט אַלע אַנדערע וועלט־פאַרקומענישן — ווי איינצעלנע „אותיות״, צו איין־און־דעמזעלביקן „פערז״ אין דער „פּאָעמע״: „געטלעכע נויטווענדיקייט״, ווי די פאַר־שיידענע טענער פון פאַרשיידענע אינסטרומענטן געהערן צו דעמ־זעלביקן „טאַקט״ אין אַ מוזיקאַלישער סימפאָניע.

אָבער אָט די גאַנצע סימפאָניע, צי פּאָעמע, פון דעם וועלט־געשען, וואָס שטאַמט אין איר גאַנצקייט פון דער צענטראַלער וועלט־קראַפט, איז דער אַרומקרייז, אויף וועלכן מיר לעבן און וועלכן מיר שטרעבן צו פאַרשטיין און צוצופאַסן צו אונדזערע לעבנס־נויטן. די פאַר־שטעלונג פון „אורזאַך״ און „ווירקונג״ מיט דער פאַרשטעלונג פון „נאַטור־געזעצן״ איז דאָ פאַר אונדז, מענטשן, כדי מיר זאָלן פאַרשטיין און פּראַקטיש באַהערשן די נאַטור. קאָנען מיר זיך ניט באַנוגענען מיט דער פאַרשטעלונג פון דער איין־איינציקער „צענטראַלער״ אורזאַך, וואָס קאָן נאַר דערקלערן דאָס גאַנצע, אָבער ניט איינצעלנע פאַלן. מוזן מיר זוכן „אורזאַכן״ און „ווירקונגען״ אויף דעם אומקרייז גופא. אויף מיין שרייבן אָט די שורות האָט געווירקט איין „קייט פון אור־זאַכן״, פאַר דעם געבורט פון דעם קינד אין אַפריקע — אַן אַנדערע און פאַר דעם פאַרצוקט ווערן פון דעם שעפּס — ווידער אַ דריטע. אומעטום ווילן מיר פון דער פעריפעריע גופא אויסגעפינען, „פון וואַנען וואָס עס נעמט זיך״. פאַרגלייכנדיק די פאַרשיידענע „אורזאַכן און וויר־

קונגען" פון דער פעריפעריע, געפינען מיר אויס און מיר פארמולירן געזעצן, וועלכע די אייביקע צענטראל־קראפט האלט אויף פון אייביקייט ביז אייביקייט, ד. ה. באנייט זיי שטענדיק אין יעדן „ווידער־ווערן" פון דער נאטור. איז דא ניטא קיין פלאץ פאר א גלויבן אין ניסים און אין „איבערנאטירלעכקייט".

## קאפיטל אכט

# מיין גלויבן אין אלגעמיינעם געזעץ פאר דער וועלט־נויטווענדיקייט

די „פאעמע" פון דעם וועלט־באשאף, וואו יעדער „אמת", ווי איך גלויב, מוז שטיין אויף זיין ארט און האבן זיין באטייט אין דעם גאנצן, איז פאר אונדז, מענטשן, נאך א טיף־פארבארגענער סוד, וואס וועט אפשר בלייבן אויף אייביק פארבארגן פון אונדז. מיר מיט אונדזער מענטשלעכן שכל שטרעבן צו פארשטיין די פאר טראפנדלעך דער־פארונג, וואס מיר האבן פון דער „וועלט". אונדזער הויפט־מיטל דערביי איז דער באגריף פון „אייביקע געזעצן".

לויט דעם גרונט־באגריף פון „ווערן" (די וועלט „ווערט" תמיד אן אנדערע), מוזן מיר אננעמען, אז דאס פארשווינדן פון דער וועלט אין יעדער קלענסטער צייט־איינהייט און איר ניי־אויפקומען אין דעם „תוך כדי דיבור" מיט א וועלכער עס איז ענדערונג אין איר, ווערן באהערשט פון אט די „אייביקע געזעצן" און אז זיי זיינען „פראדוקטן" פון דער אלוועלטלעכער נויטווענדיקייט.

לויט מיין גלויבן אין דעם אין־איינציקן מקור אירן, — דער תמיד שאפנדיקער געטלעכער „קראפט", — איז ריכטיקער צו רעדן וועגן א „ניי־אויפקומען" דורך א „ניי־באשאפן ווערן". די „געזעצן" ווערן תמיד באנייט און ארויסגעבראכט, לויט זייער אינעווייניקסטן מהות און איינשטעל.

שוין גאר פרי איז אין דעם מענטשנס שכל אויפגעקומען אט דער באגריף פון דעם „אייביקן געזעץ". שוין די אלטע נביאים אונדזערע האבן אים איינגעזען. „חק נתן ולא יעבור". „א געזעץ האט ער גע־

געבן, וואָס ווערט ניט אַריבערגעטראָטן״, זינגט דער מחבר פון דעם קאַפּיטל קמ״ח, אין תהלים, וועגן די נאַטור־דערשיינונגען.

פון וואַנען נעמט זיך אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש אָט דער דראַנג צו „דעטערמיניזם״, צו „אייביקע געזעצן״? — אַ היפּש ביסל מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע פאָרשער (ווי צ. ב. פּואַנקאַרע) ווילן דאָס דערקלערן „עמפּיריש״ דורך דעם אומשטאַנד, וואָס מיר באַמערקן אין דער נאַטור און אין דעם מענטשלעכן לעבן „ענלעכקייטן״ און „פאַרשיידענקייטן״. אַן עפּל־בוים איז ענלעך צו אַ באַרנבוים און איז פאַרשיידן פון אַ טענענבוים (הגם ענלעך אין דעם פּרט פון זיין אַ בוים). אָט די „ענלעכקייטן״ און „פאַרשיידנקייטן״ זיינען לויט אָט דער מיינונג, דער איינציקער עמפּירישער יסוד, פון וואַנען עס האָט אין דער דערקענטעניש זיך איינגעשטעלט דער באַגריף פון געזעצן. די ענלעכקייטן און פאַרשיידנקייטן האָבן געפירט צו דער וויכטיקסטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט פון קלאַסיפיצירן די וועלט־פאַרקומעניש, איינטיילן זיי אין געוויסע „קלאַסן״. נאָך מיין מיינונג נאָך פעלט אין אָט דער סברה די הויפּטזאַך: דער באַגריף פון נויטווענדיקייט. „ענלעכקייטן״ און „פאַרשיידנקייטן״ קומען פאָר אין דער וועלט ניט „סתם אַזוי זיך; זיי שטאַמען פון אַ וועלכן עס איז „טעם מספּיק״ (אַ גענוגיקן גרונט), פאַרוואָס זיי זיינען „ענלעך״ אָדער „פאַרשיידן״.

שוין אין דעם שטודירן די „ענלעכקייטן״־„פאַרשיידנקייטן״, אין פאַרגלייכן די אָדער יענע וועלט־פאַרקומענישן און אַריינברענגען זיי אין געוויסע „קלאַסן״, זיינען מיר „אויסקלייבעריש״. מיר יאָגן זיך ניט נאָך זיי, וואו נאָר זיי קאָנען אויפקומען סתם אין דער וועלט אַריין. קיינער וועט ניט שטרעבן אויסצוגעפינען און צו „באַשרייבן״ די „פאַרשיידנקייטן״, וואָס עקזיסטירן, זאָגן מיר, צווישן אַ זון־אונטער־גאַנג און אַ וועלכן עס איז כלל אין דער אידישער גראַמאַטיק. און ווען מיר זעען די שטאַרקע, באמת פאַרפּלעפנדיקע „ענלעכקייט״ צווישן אַ זון־אונטערגאַנג און אַ געמאָלטן בילד פון אַזאַ זון־אונטערגאַנג, וועט קיינעם ניט אַרויף אויפן זינען, אַריינצושטעלן אָט דיביידע וועלט־פאַרקומענישן אין איין קלאַס. זון־אונטערגאַנג איז אַ נאַטור־דערשיינונג; דאָס געמאָלטע בילד איז אַ קולטור־דערשיינונג. דער באַגריף פון נויטווענדיקייט, פון דעטערמיניזם איז דערביי דער ניט אַלעמען קלאָרער גרונט פון אונדזער „קלאַסיפיקאַציע״. נאָר אָט דער דעטערמיניזם גיט אונדז די מעגלעכקייט אי צו „קלאַסיפיצירן״, אי צו פאַרשטיין, צו „באַנעמען מיט דעם מענטשלעכן שכל״ די וועלט־פאַר־

קומעניִשן. און „דעטערמיניזם" נעמען מיר אין דעם באַטייט, וועלכן שפינאָזאַ האָט אים געגעבן, ווען ער האָט געזאָגט: „אָמניס דעטער־מינאַציע עסט נעגאַציאָ", „יעדע באַשטימונג איז אַן אָפּלייקענונג".

אין איינינקע פון מיינע אַרטיקלען וועגן „דעטערמיניזם" האָב איך דעם ענין דערקלערט באַריכות, — דער עיקר, ווי אַזוי יעדע ספּערע פון דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין האָט אירע „דעטערמינירנ־דיקע" גרונט־פּרינציפּן. דאָ נאָר — דעם אויספיר פאַר אונדזער ביישפּיל.

דער „זון־אונטערגאַנג" איז דעטערמינירט, ווי אַ נאַטור־דער־שיינונג. „נאַטור" איז דאָ דער דעטערמינירנדיקער פּרינציפּ. אַט די וועלט־פּאַרקומעניש דאַרף דעריבער דערקלערט ווערן נאָר דורך פּראָ־צעסן, וואָס ווערן דערפון אויסגעשלאָסן, „אָפּגעלייקנט" אַלץ, וואָס איז ניט „נאַטור". דאָס געמאָלטע בילד איז אָבער אַ קולטור־דערשיינונג, מיר שטעלן עס אַריין אין דעם קלאַס „קולטור", וואָס איר דעטער־מינירנדיקער גרונט־פּרינציפּ איז „מענטש", וועלכער פאַרוואַנדלט „נאַ־טור־דערשיינונגען" אין „קולטור־דערשיינונגען", ווי מיר האָבן דאָס דערקלערט אין דעם „זין פון דעם מענטשלעכן לעבן". דאָס בילד פון דעם זון־אונטערגאַנג געהערט צו דעם אונטער־קלאַס: „קונסט", און צו דעם אונטער־אונטער־קלאַס „מאַלעריי". די אַלע קלאַסן און אונטער־קלאַסן האָבן זייערע דעטערמינירנדיקע פּרינציפּן; און ביי דער באַ־טראַכטונג פון דעם בילד, ביי דער אָפּשאַצונג פון זיין קינסטלערישן, צי עסטעטישן ווערט, צי אפשר פון זיין היסטאָרישן באַטייט אין דער פּייזאַזש־מאַלעריי, שליסן מיר אויס, „לייקענען מיר אָפּ" די ראַליע פון די ריין־פיזיקאַלישע נאַטור־דערשיינונגען, — די „מאַטעריע" פון דעם ליוונט און דער פאַרב, די באַוועגונגען פון דעם מאַלערס מוס־קלען, — און רעכענען זיך מיט קולטור־דערשיינונגען, מיט מענטש־לעכער שאַפונגס־קראַפט. דאָס איז אַ גאַנץ אַנדער מין דעטערמינאַציע.

איז פאַראַן אַ וועלכע עס איז אַלגעמיינע פאָרמול פאַר דעם ענין „נויטווענדיקייט" און „דעטערמיניזם" בכלל? — געוויינטלעך נעמט מען אָן, אַז די אַלגעמיינע פאָרמול ליגט אין דעם באַגריפן־פּאָר „אורזאַך אוןווירקונג". אָבער עס איז שוין לאַנג באַוויזן געוואָרן, אַז אַט די פאָרמול איז צו ענג און ניט אומעטום קאָן מען זיי אָנווענדן אין איין און דעמזעלביקן זין.

אַן אַלגעמיינע פאָרמול דאַרף זיין דער „אַלגעמיינסטער אייביקער געזעץ", וואָס איז כולל אין זיך אַלע אַנדערע. איך גלויב, אַז מיר

קאָנען אים אָנרופן די „לעקס קאָרעליאַציאָניס״, — דאָס געזעץ פון נויטווענדיקע מיט־שייכותן צווישן וועלט־פּאַרקומענישן, וואָס זיינען פאַרבונדן אינאיינעם.

דאָס „קאָרעליאַציע־געזעץ״ ווערט איצטער אונטער דעמזעלביקן נאָמען אָנגעווענדט אין דער שפּראַך־וויסנשאַפט און אין דער ביאָ־לאָגיע.

ווען מיר נעמען די ענלעכע ווערטער: „צאָם״ אין יידיש, „צאַון״ אין דייטש, „טאַון״ אין דער ענגלישער שפּראַך, דעמאָלט זאָגן מיר, אַז זיי שטייען אין אַ „קאָרעליאַציע״, ווייל זיי אַלע שטאַמען אָפּ פון איין־און־דעמזעלביקן וואָרצל און באַדייטן די אַרומצאַמונג פון אַ וועלכן עס איז אַ פּלאַץ, — אויך פון אַ גאַנצער שטאָט („טאַון״). דאָס אייגענע מיט די ענלעכע וואָרט־קלאַנגען: „דוביטאָ״ אין לאַטיין, „דוט״ אין פראַנצויז, און „דאַוט״ אין ענגליש. זיי שטייען אין אַ נויטווענדיקער מיט־שייכות, מחמת זייער געמיינשאַפטלעכן אָפּשטאַם, וואָס קאָן פּאָק־טיש באַווייזן ווערן דורך פאַרשיידענע דאָקומענטן פון פאַרשיידענע צייטן.

צוריק: אַזעלכע דורכאויס גלייך־קלינגענדיקע ווערטער ווי „יעש״ אין רוסיש („עס!״) און „יש״ אין העברייאיש („ס׳איז פאַראַן״) שטייען אין קיין ברעקל נויטווענדיקער מיט־שייכות.

אין דער ביאָלאָגיע ווערט דאָס געזעץ פון מיט־שייכותן אָנגעווענדט אויף שריט און טריט. די שווערע הערנער פון דעם הירש און זיין זייער דיקער שאַרבן זיינען נאַטירלעך „קאָרעלאַטיוו״: אַ דינער שאַרבן וואָלט דורכגעבראָכן געוואָרן פון די שווערע הערנער. די צוויי „וועלט־פּאַרקומענישן״ ביי דעם הירש האָבן זיך מסתמא אַנטוויקלט פּאַראַלעל. דאָ זעען מיר קלאָר איין זייער נויטווענדיקע מיט־שייכות. אָבער נעמט, צ. ב., אַזאַ פאַקט: ווייסע קעץ מיט בלויע אויגן זיינען תמיד טויב. דאָס איז אַ מיט־שייכות צווישן דריי פּאַרקומענישן. מיר ווייסן אָבער ניט יענעם פאַרבאָרגענעם ענין, וואָס איז אינעווייניקסט צונויפגעבונדן מיט זיי און מאַכט זיי פאַר אַ נויטווענדיקער מיט־שייכות.

די ענלעכקייט צווישן „מענטש״ און „מאַלפּע״ איז אויך אַ ביישפּיל פון אַ נויטווענדיקער „קאָרעליאַציע״, ווייל, לויט דער טעאָריע פון עוואָלוציע, שטאַמען זיי אָפּ פון געמיינשאַפטלעכע „אור־אור־עלטערן״.

אין דער פּאַלעאָנטאָלאָגיע גייט די „לעקס קאָרעליאַציאָניס״ אַזוי ווייט, אַז עס ווערט פאַרזיכערט: מען קאָן פון אויסגעגראָבענעם צאָן פון אַ חיה, וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן, ווידער אויפשטעלן ניט

נאָר איר גאַנצן סקעלעט, נאָר אויך דעם גאַנצן אָרגאַניזם אירן: אין אַזאַ ענגער נויטווענדיקער מיט־שייכות שטייען אַלע וויכטיקע נאָרמאַלע טיילן פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם.

פון אַט די ביישפּילן זעען מיר דעם גאַנצן באַדייט פון דער „לעקס קאָרעליאַציאָניס״, דעם אַלגעמיינעם מיט־שייכות געזעץ: ווען איין זאַך, אָדער איין פּראָצעס, איז געגעבן, זיינען דערמיט גופא, על פּי נויט־ווענדיקייט, געגעבן נאָך אַנדערע „זאַכן״ אָדער פּראָצעסן, וואָס אָדער זיי קומען פאַר איינצייטיק, אָדער זיי גייען על פּי נויטווענדיקייט איינס נאָכן אַנדערן אין דער צייט.

אַט דאָס איז די אַלגעמיינע פאָרמול פאַר דעם וועלט־„דעטערמי־ניזם״. מיר וועלן נאָך האָבן צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם, ווען מיר וועלן אַריבער צו דער „מיט־שייכות״, וואָס הערשט צווישן דער אַזוי־גערופענער „מאַטעריע״ און דעם אַזוי־גערופענעם „גייסט״, אין דעם ליכט פון מיין אַלגעמיינעם „אני־מאמין״.

## קאַפּיטל ניין

# דאָס געזעץ פאַר וועלט־נויטווענדיקייט

דער דעטערמיניזם, וואָס הערשט אין אַלע וועלט־פּאַרקומענישן, קאָן אויסגעדריקט ווערן אין אַן אַלגעמיינעם געזעץ — דער „לעקס קאָרעליאַציאָניס״, דאָס געזעץ פון נויטווענדיקע מיט־שייכותן. דאָס האָב איך דערקלערט אין מיין פריערדיקן „אני־מאמין״. אַלע וועלט־פּאַר־קומענישן, סיי די „מאַטעריעלע״, סיי די „אידייעלע״, שטייען אין נויטווענדיקע פאַרבינדונגען, אין נויטווענדיקע מיט־שייכותן איינע מיט די אַנדערע.

אַט די מיט־שייכותן זיינען אָדער איינצייטיק־לאָקאַלידירטע, ווי די שווערע הערנער פון דעם הירש מיט זייער „קאָרעלאַט״ — זיין דיקן שאַרבן, אָדער זיי גייען איינס נאָכן אַנדערן אין דער צייט. ווי דאָס רייבן פון אַ שוועבעלע, וואָס ווערט על פּי נויטווענדיקייט פאַרוואַנדלט אין דער אויפקומענדיקער פלאַם.

די „לעקס קאָרעליאַציאָניס״ באַפרייט אונדז פון יענעם ריין־מענטש־לעכן „אַנטראָפּאָמאָרפישן״ עלעמענט, וואָס שטעקט אין די געוויינלעכע

פאַרשטעלונגען וועגן „אורזאַך און ווירקונג״. די „אורזאַך״ ברענגט ניט אַרויס קיין „ווירקונג״, נאָר די וועלט־פּאַרקומעניש, וואָס מיר רופן „אורזאַך״ (ווי דאָס רייבן פון אַ שוועבעלע) שטייט אין אַ נויטווענדיקער שייכות מיט יענער וועלט־פּאַרקומעניש (די פלאַם), וועלכע מיר באַטראַכטן ווי אַ „ווירקונג״, — אַ מיט־שייכות פון „גיין איינס נאָך דאָס אַנדערע אין דער צייט״.

דאָס געזעץ פון נויטווענדיקע מיט־שייכותן געפינט זיין אויסדרוק אין אַלע באַשיידן, וועלכע אַ וואָסער עס איז וויסנשאַפט שטעלט אויף. שוין אין דעם אַריפמעטישן באַשייד, אַז „צוויי מאָל צוויי איז פיר״, שטייט דער געדאַנק „צוויי מאָל צוויי״ אין אַ נויטווענדיקער מיט־שייכות מיט דעם געדאַנק „פיר״. און אַזוי — אין די נאַטור־וויסנשאַפטן; און אַזוי — אין די קולטור־וויסנשאַפטן, ביז צו די העכסטע עולמות פון לאָגיק, עסטעטיק, מאָראַל און רעליגיע. אומעטום, וואו מיר קאָנען אויסגעפינען אַ נויטווענדיקע מיט־שייכות אין וועלט־פּאַרקומענישן, צי אין איינצייטיק־לאָקאַליזירטע (ווי צ. ב. אין די דאַטן פון אַ געאָמעטרישן טעאָרעם), צי אין דעם נאָכאַנאַנדערגיין־אין־צייט, האָבן מיר וויסנשאַפט.

די שווערסטע זאַך איז אָבער אויסצוגעפינען וויסנשאַפטלעך יענע נויטווענדיקע מיט־שייכותן, וואָס עקזיסטירן צווישן די אַזוי־אָנגערופענע „מאַטעריעלע״ וועלט־פּאַרקומענישן און די אַזוי אָנגערופענע „גייסטיקע״. די פילאָסאָפן, ווי אויך די וויסנשאַפטס־לייט מאַטערן זיך אויסצוגעפינען יענע מיט־שייכותן, וואָס עקזיסטירן צווישן „מאַטעריעלע״ און „גייסטיקע״ וועלט־פּאַרקומענישן. די פראַגע ווערט פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן דעם „תוך״ פון דער וועלט: וואָס איז די „סובסטאַנץ״, פון וועלכער די גאַנצע וועלט באַשטייט? „מאַטעריע״? „גייסט״? אָדער איז זי גאָר אַזאַ „סובסטאַנץ״ אין וועלכער „מאַטעריע״ און „גייסט״ זיינען תמיד צונויפגעגאָסן אינאיינעם?

קיין אַבסאָלוטן ענטפער אויף דער פראַגע האָט מען נאָך ביז אַהער ניט אַרויסגעבראַכט. איך גלויב אָבער, אַז די הויפּט־שוועריקייט נעמט זיך דערפון, וואָס אונדז איז שווער זיך אָפּצוזאָגן פון דעם באַגריף „סובסטאַנץ״, — אַט דאָס וואָס דאַרף, לויט אונדזערע פאַרשטעלונגען, בלייבן אַבסאָלוט אומפאַרענדערלעך אייביק, ביי אַלע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר מיט איר, מיט דער „סובסטאַנץ״, אין דעם וועלט־פּראָצעס.

מילא, וועגן דער „מאַטעריע״, ווי אַ וועלט־סובסטאַנץ, איז איצטער

באמת ניטאָ וואָס צו רעדן. גראָד יענע וויסנשאַפטן, וואָס שטודירן די „מאַטעריע" און אירע באַוועגונגען, האָבן געמאַכט אַ תל פון איר סובסטאַנציעלן כאַראַקטער. דער קלענסטער טייל פון אַ „מאַטעריע" איז אין תוך אַן „עלעקטראָן", צי אַ „פּראָטאָן", צי אַ „קאָסמישער שטראַל", צי וויס איך נאָך וואָס פאַר אַ „מאַטעריעלע" מיניִמאַלקייט עס וועט אויסגעפונען ווערן. זיינען זיי אָבער אַלע, לויט דער מאָ־דערנער פיזיק, ניט קיין אַנדער זאַך, ווי „צונויפגעפּרעסטע ענערגיע". און וואָס איז ענערגיע? — אַזאַ אָדער אַן אַנדער אַרט באַוועגונג, אַן איבערבייט פון דעם פּלאַץ אין דעם רוים. איז אָבער די באַוועגונג גופא, לויט איינשטיינען, ניט קיין אַבסאָלוטע, נאָר אַ רעלאַטיווע וועלט־פאַרקומעניש. דאָס וואָס פון איין שטאַנדפּונקט איז באַוועגונג, איז פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט רו. איז — אויס מיט דער אַבסאָלוטער מאַטע־ריעלער סובסטאַנץ פון דער וועלט!

האָט דאָס געעפנט טיר און טויער פאַר דער אַנדערער „סובסטאַנץ", דעם „גייסט". וואָס איז אַזוינס „גייסט"? — פּונקט ווי „מאַטעריע" איז דער שם־הכולל פאַר אַלע וועלט־פאַרקומענישן, וועלכע מען קאָן וועגן און מעסטן אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער טיף, און וואָס מען קאָן קאָנסטאַטירן זייערע באַוועגונגען אין אָט די דריי „אויסמעסטונגען", — פּונקט אַזוי איז דער „גייסט" דער שם־הכולל פאַר אַלע יענע וועלט־פאַרקומענישן, וואָס קענען ניט געמאָסטן ווערן אין רוימלעכע מאָסן, וואָס מיר קאָנען ניט קאָנסטאַטירן זייערע אַ באַ־וועגונג אין דעם רוים, און מיט וועלכע מיר ווערן באַקענט פון דער אינעווייניקסטער דערפאַרונג אין אונדזער באַוואוסטזיין.

דאָס איז, לויט מיין גלויבן, דער אמתער תוך פון דעם ענין. אין דעם פילאָסאָפישן געדאַנק זיינען אָבער אָט די צוויי אַלגעמיינע באַגריפן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „סובסטאַנצן", אָדער, ווי ביי שפּי־נאָזאַן, אין צוויי ניט־פאַנאַנדערצורייסנדע אייביקע אייגנשאַפטן („אַטרי־בוטן") פון איין און דערזעלביקער „וועלט־סובסטאַנץ". בעת זיי זיינען גאָר צוויי אַרטן וועלט־פאַרקומענישן.

אָט די צוויי אַרטן וועלט־פאַרקומענישן זיינען אין דער אמתן זייער פאַרשיידן. און ווי אַזוי איין אַרט אירע קאָן „אַרויסברענגען" אַ פאַרקומעניש פון דער אַנדער אַרט איז פּשוט ניט צו פאַרשטיין. אַ ביישפּיל פון זייער פאַרשיידנקייט: איך שטיי אין דעם שווייצאַרישן שטעטעלע אינטערלאַקען און זע פאַר מיינע אויגן דעם שיינעם באַרג, די „יונגפרוי". דער באַרג איז אַ מאַטעריעלע וועלט־פאַרקומעניש,

וואָס עקזיסטירט דרויסן פון מיר. אָבער אַט שפּאַציר איך איצטער אַרום אין קראַטאָן־אָן־האַדסאָן, און פּלוצלינג זע איך פאַר מיין „גייסטיקן״ אויג דאָסזעלביקע „יונגפרוי״. און אין וועלכן אָרט אויף דער וועלט איך זאָל ניט זיין, קאָן איך אין מיין „גייסט״ אַרויסרופן דיזעלביקע פאָרשטעלונג. דער פאַרגעשטעלטער באַרג איז אַ פּסיכישע וועלט־פאַרקומעניש און שטייט אין אַ נויטווענדיקער מיט־שייכות מיט יענעם „יש״, וואָס איך רוף אָן „איך״.

איך ווייס, — איך בין זיכער, — אַז די „אמתע״, די „רעאַלע״ „יונגפרוי״ שטייט נאָך עד היום אויף איר אָרט אין שווייצאַריע. איר עקזיסטענץ אין דעם וועלט־רוים שטייט ניט, בין איך זיכער, אין אַ וועלכער עס איז נויטווענדיקער מיט־שייכות מיט מיין זיין אין אינטער־לאַקען. אָבער איר פאַרשטעלונג אין מיין זכרון שטייט באַשיינפּערלעך אין אַ נויטווענדיקער מיט־שייכות מיט מיין „באַוואוסטזיין״, אָדער „גייסט״.

אין דער פילאָסאָפיע האָט מען אָבער צו טאָן ניט מיט ווערנדיקע וועלט־פאַרקומענישן, נאָר מיט „אייביקע סובסטאַנצן״. איז — ווען מען האָט פון דער „וועלט־מאַטעריע״ אַראָפּגעריסן פון קאָפּ די קרוין פון אַ וועלט־סובסטאַנץ, האָט תיכף דער „גייסט״ אונטערגעכאַפּט די דאָזיקע קרוין און זי אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ. איז אויסגעקומען, אַז אַפילו ווען איך האָב געזען די מאַטעריעלע „יונגפרוי״ אין אינטער־לאַקען, איז זי, די „יונגפרוי״, וואָס איך האָב געזען, ניט געווען אַ וועלט־פאַרקומעניש דרויסן פון מיין באַוואוסטזיין, אָדער „גייסט״, נאָר אַ „פאַרשטעלונג״ אין מיין „גייסט״ גופא. ווי אַזוי דאָס ווערט דערקלערט, קאָן מען לייענען ביי בערקלי, ביי שאָפּענהויערן, ביי די סאָליפּסיסטן, וואָס גלויבן, אַז עס איז דאָ נאָר איין באַוואוסטזיין, — אַט דער, וואָס איז תמיד אין „מיר״, און אַז די גאַנצע דרויסנלעכע וועלט באַשטייט, אין דער אמתן, נאָר פון פאַרשטעלונגען, וואָס קומען אויף אין מיין באַוואוסטזיין.

איך גלויב ניט אין דעם סאָליפּסיזם. איך גלויב, אַז „איך״ מיט מיין „באַוואוסטזיין״ בין אַ טייל פון דער וועלט און פון די וועלט־פאַרקומענישן אין איר, הגם איך גלויב אין דערזעלביקער צייט, אַז אַלץ, וואָס קומט פאָר אין מיין באַוואוסטזיין, סיי ווען איך זע די „מאַטעריעלע״ וועלט דרויסן פון מיר, סיי ווען איך זע טיילן אירע אין מיין פאַנטאַזיע, אָדער ווען איך האָב צאָן־ווייטיק, צי די אָדער יענע שטרעבונגען, די אָדער יענע געפילן, — אַלץ דאָס, זאָג איך,

שטייט אין אַ נויטווענדיקער מיט־שייכות מיט מיין אייגענעם זיין אויף דער וועלט.

ווי אַזוי די „מאַטעריעלע" פּראָצעסן און „זאַכן" פון דער דרויסנ־וועלט „רופן אַרויס" אין מיין באַוואוסטזיין דרויסנדיקע בילדער זייערע, האָב איך געפּרואווט שילדערן סיי אין מיינע לעקציעס „וועגן דעם נאַטור־פילאָסאָפישן מאַטעריאַליזם", ווי אויך אין די לעקציעס וועגן „וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע". קיין נייס האָב איך דאָרטן ניט אויפגעטאָן. איך האָב מיך באַנוצט מיט די אלף־בית אמתן פון דער פּסיכאָ־פיזיאָלאָגישער וויסנשאַפט. דער עיקר דערפון איז, אַז ניט דעם באַרג זע איך דירעקט, איך זע נאָר אַ פּסיכישן „פּראָדוקט" פון יענע ריין־מאַטעריעלע באַוועגונגען, וואָס קומען פאָר אין מיינע נערוון און אין מיין מאַרך.

אָבער גראָד דאָ ליגט דאָך די גאַנצע שוועריקייט פון דעם פּראָבלעם: „גייסט און מאַטעריע". ווי אַזוי קאָן פון באַוועגונגען, וועלכע מאַ־טעריעלע טיילכעלעך פירן דורך, ווערן אַ פּסיכיש בילד, אָדער אַפילו פּרימיטיווע שפּירונגען ווי „הייס", „קאַלט", „אָנגענעם", „אומאָנ־גענעם"?

די שוועריקייט ליגט, ווי אויבן אָנגעמערקט, דערין, וואָס מיר קאָנען זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם סובסטאַנץ־באַגריף, ווי איר זאָלט ניט פאַרגרעסערן די באַוועגונגען פון די מאַטעריעלע טיילכעלעך קאָן ער אין זיי ניט געפינען קיין שפּור פון אַ פּסיכישן געשעען. און ווי איר זאָלט זיך ניט מאַטערן, זיך פאַרצושטעלן ווי אַזוי אַ פּסיכישע, אָדער „אידייעלע", דערשיינונג קאָן „אַרויסברענגען פון זיך" עפּעס, וואָס פאַרנעמט אַ פּלאַץ אין דער אויסגעשפּרייטקייט פון דער וועלט און באַוועגט זיך אין איר, וועט זיך דאָס אייך ניט איינגעבן.

קוים אָבער לאָז איך פאַלן סיי דעם באַגריף פון אַ „סובסטאַנץ", סיי פון אַן „אורזאַך", וואָס „ברענגט אַרויס" אַ „ווירקונג", קוים שטעל איך מיך אויף דעם טעאָלאָגיש־מעטאַפיזישן שטאַנדפּונקט פון „ווערן", ווי פון אַ שטענדיקער ניי־באַשאַפונג, אַזוי פאַרשווינדט, גלויב איך, די גאַנצע שוועריקייט. עס זיינען ניטאָ קיין אייביק־דויערנדיקע סובסטאַנצן: ניט קיין „מאַטעריע", ניט קיין „גייסט". עס זיינען נאָר דאָ וועלט־פאַרקומעניש פון פאַרשיידענער אַרט. „מאַטעריע" און „גייסט" זיינען נאָר צוויי שם־הכוללס, אַלגעמיינע באַגריפן פאַר צוויי אַלגעמיינע אַרטן וועלט־פאַרקומענישן, וואָס זיינען אונדז מענטשן באַקאַנט פון דער דערפאַרונג.

שטייט מיר גאָר ניט אין וועג אָנצונעמען און צו גלויבן, אַז עס זיינען פאַראַן וועלט־פאַרקומעניש וואָס שפּילן זיך אָפּ נאָר אין דעם רוים און איך בין ניט מחויב צו גלויבן, אינאיינעם מיט שפּינאָזאַן, אַז אויך אין זיי געפינט זיך אַ וועלכער עס איז „גייסטיקער״ פּראָצעס, וואָס לויפט פּאַראַלעל מיט דעם „מאַטעריעלן״.

און עס זיינען דאָ וועלט־פאַרקומענישן, וואָס שטייען אין אַ נויט־ווענדיקער מיט־שייכות, איינצייטיק מיט פּסיכישע, באַוואוסטזיניקע פּראָצעסן, ווי די וואָס קומען פאָר אפשר אין יעדער לעבעדיקער בריאה און עס זיינען מעגלעך ריין־פּסיכישע וועלט־פאַרקומענישן, וואָס שטייען אין קיין ברעקל מיט־שייכות ניט מיט די „מאַטעריעלע״ וועלט־פאַר־קומענישן.

אין דעם צייט־לויף פון דעם „באַשאַפערישן ווערן״ קאָן דעריבער אַ „מאַטעריעלער״ פּראָצעס פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „פּסיכישן״, ווי די רויטע פאַרב פון אַ שטיקל ליעקמוס־פּאַפּיר אין אַ בלאָער פאַרב. און צוריק: אַ ריין־פּסיכישע וועלט־פאַרקומעניש קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „מאַטעריעלער״, אָדער „פיזישער״, ווי, זאָגן מיר, דער ווילן צו נעמען עפּעס אין די הענט, ווערט פאַרוואַנדלט אין דער באַ־וועגונג פון זייערע מוסקולן.

צי אַלע „פּסיכישע״ וועלט־פאַרקומענישן אין אונדזער באַוואוסט־זיין שטייען אין אַ נויטווענדיקער מיט־שייכות מיט די „פיזישע״ באַוועגונגען אין די נערוון און אין דעם מאַרך, — און אין וואָס אָט די מיט־שייכות באַשטייט, — איז אַ פראַגע פאַר דער פּינקטלעכער וויסנשאַפט. דערווייל האָט זי נאָך ניט באַוויזן, אַז אַלץ אין דעם „באַוואוסטזיין״ שטייט אין אַ נויטווענדיקער מיט־שייכות מיט די „מאַטעריעלע״ פּראָצעסן.

די וואָס גלויבן, אַז די וויסנשאַפט וועט דאָס נאָך ווען עס איז באַווייזן, האָבן אַזאַ גלויבן. איך בינד מיך ניט מיט אים אין מיין וועלט־באַנעם, הגם איך לייקן ניט די מעגלעכקייט פון אַזאַ באַוויז. אויך דעמאָלט וועט ניט אָנגערירט ווערן דער גלויבן, אַז עס קאָנען זיין פּסיכישע וועלט־פאַרקומענישן אָן אַ וועלכן עס איז מאַטעריעלן קאָרעלאַט און אַז זיי קאָנען איבערגיין אין מאַטעריעלע, ווי מאַטערי־עלע — אין פּסיכישע.

## קאַפּיטל צען

# מיין גלויבן אין „קאָסמישן טראַנספאָרמיזם"

„מאַטעריע" איז אַן אַלגעמיינער באַגריף (אַ שם הכולל) פאַר אַלע וועלט־פאַרקומעניש, וואָס קאָנען געמאָסטן ווערן אין רוים (דער לענג, דער ברייט, דער טיף) און וואָס קאָנען („דורך באַוועגונג") בייטן זייער אָרט אין דעם רוים, און מיט אַ געוויסער שנעלקייט אין דער צייט.

„גייסט" איז אַן אַלגעמיינער באַגריף פאַר אַלע יענע וועלט־פאַרקומעניש, מיט וועלכע מיר ווערן באַקאַנט אין אונדזער אינער־וויניקסטן באַוואוסטזיין: שפּירונג (עמפּינדונגען) (ווייטיק, לוסט, זיסקייט, ביטערקייט וכו'), געפילן (ליבע, האַס וכו'), ווילנס־שטרעבונגען (אָנ־שטרענגונג וכו') און געדאַנקען (צווייַ מאָל צוויי איז פיר; יעדע „זאַך" מוז האָבן „אורזאַך" וכו).

אַלע אָט די „גייסטיקע" וועלט־פאַרקומעניש האָבן דעם צד השוה, וואָס זיי קאָנען ניט געמאָסטן ווערן אין דעם רוים און ווערן ניט באַטראַכט ווי אַ זאַך, וואָס באַוועגט זיך אין אים. עס איז ניט חל צו זאָגן אַ קלאַפּטער צאָן־ווייטיק, צי אַ מייל געדאַנק.

און ווען אַפילו מיר זאָגן: אַ „טיפער" געפיל, אַ „הויכער" געדאַנק אָדער אַ „שטאַרקער" ווילן, וויס יעדערער, אַז דאָרט ווערט גערעדט נאָר בלשון מליצה. אין תוך זיינען זיי למעלה מן המקום, דרויסן פון דער אויסמעסטונג אין דעם רוים.

עס איז אָבער פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן געדאַנקען, פון איין זייט און די אַנדערע „גייסטיקע" פאַרקומעניש, פון דער אַנדערער. דער אינהאַלט פון געפילן, שפּירונגען און ווילעניש קאָנען געמאָסטן ווערן אין דער צייט: אַזויפיל און אַזויפיל „צייט" האָט געדויערט דער ווייטיק, די ליבע, דאָס ווילן די אָדער יענע זאַך. מען קאָן אויך מעסטן זייער „אינטענסיטעט", ווי שטאַרק זיי זיינען („שטאַרקער" ווייטיק, „שוואַכער" ווייטיק וכו'), דאָס הייסט, מען קאָן אויף זיי אָנ־ווענדן אַ קוואַנטיטאַטיווע אויסמעסטונג פון „מער אָדער ווייניקער". אגב: לייקנט בערגסאָן אַז אַ וועלכע עס איז קוואַנטיטאַטיווע מאָס קאָן אָנגעווענדעט ווערן אויף „פּסיכישע" פאַרקומענישן און גיט אַ גאַנץ אַנדער פירוש אויף יענע אויסמעסטונגען, וואָס זיינען געמאַכט גע־וואָרן אין דער פּסיכאָ־פיזיאָלאָגישער וויסנשאַפט.

אויף דעם אינהאַלט אָבער פון געדאַנקען (באַגריפן, אידייען און

זייערע פאַרבינדונגען אָדער קאָרעליאַציעס) קאָן ניט אָנגעװענדט װערן אַ װעלכע עס איז קװאַנטיטאַטיװע מאָס: ניט פון „צייט־געדױער״, ניט פון „מער אָדער װייניקער״. יע! דער פּראָצעס פון דענקען קאָן גע־מאָסטן װערן קװאַנטיטאַטיװ. מען װעט אפשר קאָנען מיט אינסטרו־מענטן אױסמעסטן, װיפיל עס „געדױערט״ צו דענקען, אַז „יעדע זאַך מוז האָבן איר אורזאַך״. אָבער אויף דעם אינהאַלט פון אַזאַ געדאַנק איז ניט חל אָנצואװענדן אַ װעלכע עס איז קװאַנטיטאַטיװע מאָס, און בפרט ניט — קיין מאָס אין דער צייט. דער געדאַנק, צ. ב., אַז „צװיי מאָל צװיי איז פיר״ איז ניט נאָר „דרויסן פון רוים״ („למעלה מן המקום״), װייל „צװיי מאָל צװיי״ איז „אומעטום פיר״, נאָר אויך „למעלה מן הזמן״, װייל ער איז אַלעמאָל פיר.

אָט דעם אונטערשייד דאַרף מען, גלויב איך, פאַרפיקסירן אין דער טערמינאָלאָגיע. שפּירונגען, געפילן און װעלענישן װעלן מיר אָנרופן „פּסיכישע״ פאַרקומענישן. באַגריפן, אידייען און געדאַנקען װעלן מיר אָנרופן „אידייעלע״ פאַרקומענישן (דער טערמין „אידייעל״ פאַר גע־דאַנקלעכע פאַרקומענישן שטאַמט, אויף װיפיל עס געדענקט זיך, פון דער העגעלשער שולע. אָבער גאַנץ זיכער באַנוצט פאַר זיי דעם טערמין „אידייעל״ קאַרל מאַרקס).

פאַר מיר איז דער אונטערשייד צװישן „פּסיכיש״ און „אידייעל״ װיכטיק מחמת כמה טעמים. „פּסיכישע״ פאַרקומענישן, נעמען מיר אָן, קומען פאַר נאָר אין אונדז; בעת „אידייעלע״ עלעמענטן מוזן מיר אָננעמען, אַז זיי געפינען זיך אין דער דרויסנדיקער װעלט. און ניט נאָר געפינען זיי זיך, נאָר, לויט אונדזער מענטשלעכן פאַרשטאַנד, באַהערשן זיי די פּראָצעסן פון דער דרויסנדיקער װעלט. די גאַנצע מעכאַניק און פיזיק, װאָס ליגט אויף דעם יסוד פון אַלע נאַטור־װיסנ־שאַפטן, װערט אַפילו אין דער איינשטיינשער װיסנשאַפט, — און אין איר נאָך קאָנסערװאַטיװער אײדער אין דער פריערדיקער, — געבויט אויף דעם געזעץ פון דער אינערציאַלער באַװעגונג, װאָס לערנט, אַז אַ באַװעגונג דאַרף גיין אָן אַן אויפהער אין אַ געװיסער ריכטונג, ביז עס קומט ניט אַ װאָסער עס איז „אורזאַך״, װאָס שטעלט זי אָפּ, אָדער גיט איר אַן אַנדער ריכטונג. דאָס איז אַ „געזעץ״, אַ געדאַנק, אָן װעלכן די נאַטור־װיסנשאַפט קאָן ניט אויסקומען.

און אַזוי — מיט אַלע אַנדערע „נאַטור־געזעצן״, װאָס האָבן צו טאָן מיט די „מאַטעריעלע״ װעלט־פאַרקומענישן. מיר זיינען ניט גע־צװאונגען, מיט ערנסט העקעלן און די „מאָניסטן״, צו דענקען, אַז

אין די „מאַטעריעלע" וועלט־פּאַרקומענישן געפינען זיך „פּסיכישע" עלעמענטן (שפּירונגען, געפילן, וועלעגישן). מיר זיינען אָבער גע־צוואונגען אָנצונעמען, אַז אין זייער יסוד ליגן „אידייעלע" עלעמענטן, „געזעצן", — און זאָל דאָס זיין נאָר אין דער פאָרם פון אַ ריין מאַטעמאַטישער מיט־שייכות צווישן זיי.

עס איז אָבער דאָ נאָך אַ צווייטער טעם, פאַרוואָס איך גלויב אין דעם אונטערשייד צווישן „פּסיכישע" און „אידייעלע" וועלט־פּאַרקומע־נישן. ער איז פאַרבונדן מיט דעם פריער דערקלערטן „אני־מאמין", אַז „מאַטעריע" ווערט „גייסט" און „גייסט" ווערט „מאַטעריע".

דאָס האָט צו טאָן מיט דער „קאָרעליאַציע" צווישן די פיזיאָלאָגישע רוימלעכע באַוועגונגען אין דעם מאַרך און די „פּסיכישע", ווי „אידיי־עלע" פּראָצעסן פון דעם באַוואוסטזיין. וואָס קומען אין אים אויף. מיך באַפרידיקן ניט סיי די מאַטעריאַליסטישע, סיי די שפּינאָזיסטיש־מאָניסטישע דערקלערונגען פון דעם ענין. עס איז ניט דאָ דער אָרט צו פאַרנעמען זיך מיט דער קריטיק פוןביידע דערקלערונגען. לויט מיין פילאָסאָפישן איינשטעל, אַן אַרויסגעוואַקסענעם פון מיין טעאָ־לאָגיש־מעטאַפיזישן „אני־מאמין", שטעלן זיך די פיזיאָלאָגישע באַווע־גונגען אָפּ, גאַנץ אָדער טיילוויז, ווען אין „מאַרך" ווערן געשאַפן „פּסיכישע" און „אידייעלע" פּאַרקומענישן. אָבער — מיט אַן אונטערשייד פאַר אָט די צוויי אַרטן. אין די „פּסיכישע" דערשיינונגען בלייבט נאָך דער עלעמענט פון צייט. אין די „אידייעלע", ריין געדאַנקלעכע באַשאַ־פונגען פאַרלירט זיך אויך אָט דער עלעמענט.

קיין ראיות דערויף האָב איך ניט, אָבער אַ „סימן לדבר" געפין איך אין איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, וואָס לערנט, אַז ווען אַ באַ־וועגונג פון אַ קערפּער דערגרייכט די מאַקסימאַלע געשווינטקייט פון אַ ליכט־שטראַל, ווערט זיין רוימלעכקייט, — אין דער ריכטונג פון דער באַוועגונג, — גלייך נול, דאָס הייסט, זי ווערט „דרויסן פון יעדן אָרט". איר צייט אָבער ווערט אומענדלעך. אומענדלעכקייט אין צייט מיינט אייביקייט. און אייביקייט שטייט אין נאָענטסטער פאַרבינדונג מיט אומצייטלעכקייט. „אייביקע אמתן" זיינען אַזעלכע, וואָס הענגען ניט אָפּ פון דער צייט און ווערן ניט פאַרענדערט אין דער צייט.

שטערט דאָס מיר ניט צו גלויבן, אַז פּונקט ווי פון „מאַטעריע" ווערט, לויט איינשטיינס פיזיק, ריינע „ענערגיע", אַזוי ווערן פון „ענערגיע", אין אַ געוויסן צושטאַנד אירן, באַוואוסטזיניקע פּסיכישע פּאַרקומענישן, און זיי ווידער קאָנען ווערן ריין „אידייעלע" פּאַרקומע־

נישן. דאָס איז דער „וועג אַרויף״. צוריק ווידער איז ניטאָ קיין גרונט אָפּצולייקענען דעם „וועג אַראָפּ״: פון ריין „אידייעלע״ פּאַרקומענישן ווערן „פּסיכישע״, פון „פּסיכישע״ ווערן „ענערגעטישע״, און פון „ענערגעטישע״ — ריין „מאַטעריעלע״. (די „מאַטעריע״, לערנט איינ־שטיין, איז „קאָנצענטרירטע ענערגיע״).

אַזאַ בליק קאָן, דוכט מיר, אָנגערופן ווערן „קאָסמישער טראַנס־פאָרמיזם״. רוימלעכקייט, צייטלעכקייט (אָדער „געדויער״), מאַטעריע, ענערגיע, פּסיכישע פּאָרקומעניש, געדאַנק (ניט נאָר אין אַ מאַרך, נאָר אין דעם וועלט־אַל, ווי דער געדאַנק פון נויטווענדיקייט), — דאָס זיינען די גרונט־עלעמענטן, פון וועלכע מיר בויען אונדזער מענטש־לעכע דערקענטעניש פון דער וועלט. אָט די אַלע עלעמענטן שטייען אין נויטווענדיקע קאָרעליאַציעס איינס צו דעם אַנדערן. די אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט איז אויסצופאָרשן און צו פאָרמולירן אָט די קאָרעלי־אַציעס, די באַדינגונגען, אונטער וועלכע זיי „ווערן״, ד. ה. זיי געהערן איינס נאָכן אַנדערן אין דעם שטענדיקן באַשאַפונגס־פּראָצעס פון דער וועלט.

די וויכטיקסטע קאָרעליאַציע אין דעם „קאָסמישן טראַספאָרמיזם״ איז די, וואָס איז איצט באַקאַנט אונטער דער נאָמען „די טעאָריע פון עוואָלוציע״. אין דעם קאָסמישן פּראָצעס קומען אויף פאַרשיידענע ממשלות פון עוואָלוציע, — יעדע ממשלה מיט אירע „געזעצן״ און מיט אירע אינדיווידועןּ, אין וועלכע די „געזעצן״ ווערן רעאַליזירט: „מילך־וועגן״ (ספּיראַלן פון שטערן), זון־סיסטעמען, פּלאַנעטן און — אויף אונדזער ערד — קריסטאָלן, לעבעדיקע מיקראָסקאָפּישע ברואים, פלאַנצן, חיות און לסוף דער מענטש, וואָס איז דער טרעגער פון דער העכסטער ממשלה אין דעם פּראָצעס פון „קאָסמישן טראַנספאָרמיזם״: די קולטורעלע עוואָלוציע, וואָס פאַרוואַנדלט, דורך „גייסטיקייט״, „נאַטור־פּאָרקומענישן״ אין „קולטור־פּאָרקומענישן״.

אין אָט דער העכסטער ממשלה הערט אויף דער „מענטש״, דער באַוואוסטיניקער „איך״, צו זיין אַ „בלינד מיטל״; ער איז אָבער אויך ניט קיין אַבסאָלוטער „זעלבסט־צוועק״, נאָר אַ „זעלבסט־מיטל״, אַ זיך זעלבסט־באַשטימענדיקער אינדיווידואום, צו זיין אַ שאַפער, העלפער, אָדער געניסער פון די „קולטור־גיטער״. די העכסטע „קולטור־גיטער״ פאַר דעם מענטשן געפינען זיך אין יענע קולטור־ממשלות, אין וועלכע עס ווערן פאַרווירקלעכט די געדאַנקען פון דער דערקענטעניש, די

געפילן פון שיינקייט, דער ווילן צו יושר. זיי אַלע ווערן אַרומגענומען אין דער רעליגיעזער שטימונג פון הייליקייט.

דעם ענין האָב איך געפּרואווט דערקלערן אין מיין אַרבעט: „דער זין פון דעם מענטשלעכן לעבן״ (אַחוץ דעם ענין „רעליגיע״). דער „זין פון דעם מענטשלעכן לעבן״ איז דער באַזיס פאַר מיין גלויבן אין „פרייהייט״ און „סאָציאַליזם״ פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, ווי אויך — פון מיין גלויבן אין דער צוקונפט פון דעם יידישן פאָלק.

## קאַפּיטל עלף

# דער פרייהייטלעכער סאָציאַליזם

איך גלויב אין דעם צוקינפטיקן טריאומף פון דעם פרייהייטלעכן סאָציאַליזם. דאָס איז אַ גלויבן, אַ וואונטש, אַ שטרעבן. ריין וויסנשאַפטלעך קאָן בשום אופן ניט באַוויזן ווערן, אַז די צוקונפט מוז, בלי יפוצה, געהערן אַ פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישן רעזשים. די געזעצן פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, וועלכע מאַרקס און ענגעלס האָבן „אויסגעפונען״, — זיי זיינען אין מיינע אויגן טעאָרעטישע אילוזיעס, „אוטאָפּיעס״ אין דער ממשלה פון דעם וויסנשאַפטלעכן דענקען, כדי זיך צו באַפרייען פון „אוטאָפּיעס״ אין דער ממשלה פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. מען טרייבט אָבער ניט אַרויס דעם טייוול מיט דעם בעל־זבוב (פאַרגלייכט מיין שריפט: „די היסטאָריאָסאָפישע ענדציל־פילאָסאָפיע״).

די נייעסטע טעאָריעס: ניט פון געזעצן, נאָר פון „טענדענצן״ אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, — „טענדענצן״, וועלכע מען קאָן „אויספאָרשן״ ריין „אָביעקטיוו״ און לאָזן באַשטימען אונדזער ענדציל אין פולער האַרמאָניע מיט זיי.

איך נעם צוויי סאָציאַל־פילאָסאָפישע דענקער, וואָס האָבן געאַרבעט מיט אָט דער „אָביעקטיווער״ מעטאָדע: פּראָפעסאָר לודוויג שטיין אין זיין „סאָציאַל־פילאָסאָפיע״ און קאַוטסקי אין זיין „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם״ — און ווי פאַרשיידן זיינען די רעזולטאַטן, צו וועלכע זיי זיינען געקומען! קיין חידוש נישט! יעדער פרואוו צו באַשטימען די צוקונפט ניט אויף דעם סמך פון אידעאַלן, וואָס זאָלן מקוים ווערן דורך אונדזערע

מענטשלעכע אָנשטרענגונגען און ווילנס, נאָך אויף דעם סמך פון „געזעצן״ אָדער „טענדענצן״, וואָס געפינען זיך אין דערווירקלעכקייט גופא, איז אַן אומבאַוואוסטזיניק־פאָרמאַסקירטע „אוטאָפּיע״.

דער סוביעקטיווער אידעאַל פון דעם פאָרשער פאָדערט: „עס זאָל ווערן!״ — נאָרט דער פאָרשער זיך אַליין אָפּ און פאַרוואַנדלט אים אין אַ „עס וועט זיין!״ דער „יהי!״ קליידט זיך אַן אין אַ „והיה באחרית הימים״.

דער גרונט־פעלער אין אַלע אַזעלכע און ענלעכע מעטאָדן איז דער אָביעקטיוויזם אין דער טעאָריע פון דער מענטשלעכער דער־קענטעניש, דאָס יאָגן זיך נאָך „אַבסאָלוטע אמתן״, וואָס מוזן זיין אַ חוב פאַר יעדן נאָרמאַל־ און פריי־דענקענדיקן מענטשן.

עס באַפרידיקט מיך ניט אויך די ריין מאָראַלישע באַגרינדונג פון דעם סאָציאַליסטישן ענדציל: די פאַרווירקלעכונג פון דער „אַב־סאָלוטער גערעכטיקייט״, דער „אַבסאָלוטער גלייכקייט״, דער „אַבסאָ־לוטער פרייהייט״, דער „אַבסאָלוטער סאָלידאַריטעט״, דער „אַבסאָ־לוטער מענטשנליבע״ און דערגלייכן. געוויס מוז די אינדיווידועלע מאָראַל און די סאָציאַלע עטיק שפּילן גאָר אַ גרויסע ראָליע אין די באַשטימונגען פון דעם סאָציאַליסטישן ענדציל. אָבער גראָד אין געזעל־שאַפטלעכע ענינים קאָן קיין פּרינציפּ ניט דורכגעפירט ווערן אין אַן אַבסאָלוטן זין, אין גאַנצע הונדערט־פּראָצענט. סיידן — די נעגאַטיווע פּרינציפּן, די אָפּשאַפונגען: און דאָס אויך ניט אַלע. מענטשנפרעסעריי און שקלאַפעריי זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן, אָבער וועגן אַן אַבסאָלוטער אָפּשאַפונג פון אייגנטום־רעכט טראַכט איצט קיין סאָציאַליסט ניט. און די אַבסאָלוטע אָפּשאַפונג פון אַ שטאַטלעכן צוואַנג איז אין מיינע אויגן גאָר ניט ווינטשנסווערט.

דער מאָראַלישער פּרינציפּ, וואָס טראָגט אַ סוביעקטיוון און רעלאַטיוון כאַראַקטער, איז דער פּרינציפּ פון „דעם גרעסט־מעגלעכן גליק פאַר דער גרעסט־מעגלעכער צאָל״. אין מיין אַרבעט: „דער זין פון דעם מענטשלעכן לעבן״, וואָס כ׳האָב מיט אַ צייט צוריק פאַרעפנט־לעכט, האָב איך געפּרוווט דערקלערן דעם ענין פון „גליק״ פאַרן מענטשן. די מענטשלעכע יחידים זיינען די טרעגער פון דער קולטורעלער עוואָלוציע. זיי זיינען באַשאַפער, העלפער און געניסער פון די קולטור־גיטער. אין אַט דעם פּראָצעס זיינען זיי ניט קיין זעלבסטצוועקן און אויך ניט קיין בלינדע מיטלען אין די הענט פון דער קולטורעלער עוואָלוציע, נאָר „זעלבסט־מיטלען״, זיך זעלבסט באַשטימענדיקע טוערס

אין דעם פּראָצעס פון באַשאַפן אַ מענטשלעך לעבן, ד. ה. אַ קולטורעלן לעבן, אין דער באַפרידיקונג סיי פון זייערע אַנימאַלישע באַדערפענישן, סיי פון זייערע מענטשלעכע, אָדער „גייסטיקע״ באַדערפעגישן. גיט זיך איינעם אין זיך זעלבסט צו באַשטימען, ווי אַ שאַפער, העלפער אָדער געניסער פון די אָדער יענע קולטור־גיטער, קאָן ער דערין געפינען זיין „גליק״, פאַרטרינקען דערין זיין אייגענעם „איך״ און אַפילו אַוועקגעבן זיין לעבן.

אין אַלע ביזאַהעריקע פאַזן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, — אייגעשלאָסן אונדזער קאַפּיטאַליסטישע פאַזע, — איז דער „מענטש״ דאָס רוב נאָך אַ האַלב־ווילדע חיה, ווייל אים קומט נאָך אויס צו פירן אַ קאַמף וואָס ווערט געטראָגן פון דער „דאגת חיונה״. אין אַט די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונגס־פאַזן קאָנען נאָך גאַנץ ווייניק מענטשן זיין זיך־זעלבסט־באַשטימענדיקע מיטלען פאַר דער אָדער יענער ראַליע אין דעם קולטור־פּראָצעס, — אין דער מאַטעריעלער, צי אין דער גייסטיקער קולטור. די אומגעהויערע מאַיאָריטעט מענטשן מוזן נעמען אויף זיך יענע ראַליע, וואָס ווערן אַרויפגעצוואונגען אויף זיי דורך דעם הערשנדיקן עקאָנאָמישן רעזשים.

די אויפגאַבע פון דעם סאָציאַליזם באַשטייט, לפי דעם, אין באַפרייען דעם מענטשן פון דער דאגת־חיונה, כדי ער זאָל, איינגאַנצן אַ באַפרייטער פון אַט דער אַנימאַלישער דאגה, פון דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, קאָנען „שמידן זיין אייגענעם גליק״, ווי ער אַליין פאַרשטייט אים. ד. ה. אויסזוכן און געפינען יענע ראַליע אין באַשאַפן, העלפן אָדער געניסן קולטור, וועלכע האַרמאָנירט אַמבעסטן מיט זיין האַרצנס־פאַרלאַנג און זיין שכלס באַטראַכט. בתנאי, נאַטירלעך, ער זאָל דערביי ניט שטערן די מיט־מענטשן אין דעמזעלביקן פּראָצעס פון „שמידן דעם אייגענעם גליק״.

גראָד אין דער מעגלעכקייט צו זיין באַפרייט פון דאגת חיונה און צו „שמידן דעם אייגענעם גליק״, זע איך „דאָס גרעסט־מעגלעכע גליק״ פאַר דעם מענטשן. דער סאָציאַליזם דאַרף שטרעבן דערצו, אַז אַט „דאָס גרעסט־מעגלעכע גליק״ זאָל פאַרזיכערט ווערן פאַר דער „גרעסט־מעגלעכער צאָל״.

ווי אַזוי דאָס זאָל געשען, האָב איך אין מיינע שריפטן דערקלערט עטלעכע מאָל: אין 1899 אין אַ דייטשן אַרטיקל: „די קריזיס איבער־האַלב דעם מאַרקסיזמוס״; אין רוסיש: אין דעם אַרטיקל „די סאָציאַליסטישע באַלעבאַטישקייט״, דעם לעצטן קאַפּיטל צו באַכס בראָשורע: „דער

קיסר־העגנער״. (די בראָשורע האָט אַרויסגעגעבן די „פּאַרטיי סאָציאַ־ליסטן־רעוואָלוציאָנערן״, און עס איז דעמאָלט פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דער לעצטער קאַפּיטל דריקט אויס אונדזער סאָציאַליסטישן אידעאַל.) נאָך שפּעטער האָב איך דעמזעלביקן גרונט־געדאַנק אַרומגערעדט באריכות אין מיין גרעסערער אַרבעט: „דער סאָציאַליזם און דער קאָמוניזם״ פון דעם יאָר 1921־1922.

אין קורצן איז דער גרונט־געדאַנק אַזאַ: שוין ביי דעם איצטיקן צושטאַנד פון די פּראָדוציר־מיטלען און מיט דער געהעריקער פאָרם פון דעם פּראָדוציר־פּראָצעס קאָן יעדער מענטש מיט אַ פיר־פינף יאָר אַרבעט פּראָדוצירן אַלץ וואָס אַ מענטש דאַרף אויף צו באַפרידיקן זיינע הצטרכותן אין שפּייז, קליידונג, וואוינונג, געזונט און מיטעלערער בילדונג. און דאָס — פאַר זיין גאַנצן לעבן, פון געבוירן אָן ביז צום טויט.

צוליב אָט דעם באַשאַפן פון אַ „קולטור־מינימום״ איז נייטיק, אַז דער שטאַט זאָל אָרגאַניזירן אַן אַרבעטס־אַרמיי, אין וועלכער יעדער איינער דאַרף אַריינטרעטן באַלד, ווי ער ענדיקט די מיטל־שולע. „דינען״ וועט ער נאָר פיר ביז פינף יאָר; זאָגן מיר, פון דעם אַכצנטן ביז דעם צוויי־דריי און צוואַנציקסטן.

אַן אויסגעדינטער און אַלע מאָל אַ באַפרייטער פון דאגת־חיונה, אַ דאַנק דעם „קולטור־מינימום״, איז ער פריי „צו שמידן זיין לעבנס־גליק״ לויט זיין אייגענעם שכל און יושר. אין אָט די טעטיקייטן זיינע טאָר זיך דער שטאָט ניט אַריינמישן. די ראָליע פון דעם שטאָט ווערט אין זיי באַגרענעצט ביז דעם קלענסט־מעגלעכן מינימום.

וויל דער מענטש נאָך מער איידער אַ „קולטור־מינימום״, קאָן ער זיך פאַרבינדן מיט אַנדערע מענטשן אין פרייע קאָאָפּעראַטיוון, אויף צו באַשאַפן לוקסוס־אַרטיקלען, די גייסטיקע אוצרות, פון וועלכער אַרט ער וויל.

וועגן די פּרטים און וועגן דער טעאָרעטישער באַגרינדונג פון מיין צוקונפטס־אידעאַל מוז איך אָפּשיקן צו די אויבנדערמאָנטע אַרבעטן. דאָ וויל איך נאָר אַרויסברענגען, אַז אָט דער סאָציאַליזם איז פאַר מיר „דער וועג אין די פריי״: איך באַטראַכט דעם סאָציאַליזם ווי אַ פּראָבלעם פון פרייהייט.

און אויך דאָס איז ניט שווער אַנצואווייזן, אַז אויך אָט דער אידעאַל מיינער האָט זיינע וואָרצלען אין יענעם זאַץ פון דעם אַלטן פּראָטאַ־גאָראַס, מיט וועלכן איך האָב אָנגעהויבן אַלע מיינע „אני־מאמינס״:

„פאַנטאַן כרעמאַטאַן מעטראַן האַ אַנטראַפּאַס". פון אַלע זאַכן די מאָס איז דער מענטש. פון די וואָס זיינען פאַראַן, צי (און ווי) זיי זיינען פאַראַן; און פון די וואָס זיינען ניט פאַראַן, צו (און פאַרוואָס) זיי זיינען ניט פאַראַן. אָבער דער „מענטש" איז אויך די „מאָס" פון יענע זאַכן, וואָס זאָלן זיין און זאָלן העלפן אים אין זיין שטרעבן צו אַ גליקלעכן לעבן.

די באַפרייאונג פון דער עקאָנאָמישער לעבנס־נויט דורך דער אַרבעטס־אַרמיי פאַר דעם קולטור־מינימום פאַר אַלעמען, איז דער ערשטער באַדינג. דער נויטווענדיקסטער קאָרעלאַט דערצו איז די העכסט־מעגלעכע גייסטיקע פרייהייט, כדי יעדער איינער זאָל קאָנען זוכן און געניסן זיין אמת, זיין יושר, זיין שיינקייט, זיין הייליקייט, און זיך פריי אויסלעבן אין זיי, און לויט זייערע געבאָטן.

גלויב איך, אַז דער דאָזיקער אידעאַל וועט מקוים ווערן? — זיכער! ווייל איך גלויב אין דעם מענטשן, ווי דעם טרעגער פון דער העכסטער ממשלה אין דעם קאָסמישן פּראָצעס, דער ממשלה פון דער קולטורעלער עוואָלוציע.

## קאַפּיטל דרייצן

# דער גלויבן אין אינטערנאַציאָנאַליזם

אין ענגן צונויפבונד מיט מיין בליק אויף דעם זין פון דעם מענטשלעכן לעבן שטייט אויך מיין גלויבן אין דער צוקונפט פון די פעלקער אויף דער וועלט.

דער אָביעקטיווער זין פון אַ מענטשלעכן לעבן, דער „שכלדיקער אינהאַלט זיינער", איז די ראָליע, וועלכע אַ מענטש שפּילט אין באַשאַפן „קולטור", העלפן באַשאַפן זי און געניסן אירע פּראָדוקטן, ד. ה. אויפהאַלטן דעם פּראָצעס פון זייער שאַפן אין יענער העכסטער ממשלה פון דער קאָסמישער עוואָלוציע, — אין דער קולטורעלער, — וואָס איר עובדה איז צו פאַרוואַנדלען נאַטור־דערשיינונגען אין קולטור־דערשיינונגען, — אַרומגעוועבטע מיט אַ מענטשלעכן געדאַנק, ווי אויך אין אַרויסברענגען פון ריין „גייסטיקע" דערשיינונגען דורך דער מענטשלעכער שאַפונגס־קראַפט.

דער פּראָגרעס פון דער קולטור, דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט האָט אויך זיינע „געזעצן", זיינע בויטוועגדיקע מיט־שייכותן („קאָ־רעליאַציעס"). איינס פון אָט די „געזעצן", אין וועלכן איך גלויב, איז, אַז ווען עס שטעלט זיך וואו אַיין אַ קולטורעלע ספערע, אַן אָפּגעשלאָסענע פון אַ וועלכער עס איז איינווירקונג פון דרויסן, שעפּט זיך אויס די אָריגינעלע שאַפונגס־קראַפט פון די יחידים און דאָס לעבן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרגליווערטן שאַבלאָן, אין אַ שטענ־דיקער ווידערהאָלונג פון איין־און־דעמזעלביקן נוסח, וואָס לאָזט צו אינדיווידועלע וואַריאַציעס אין אַ באַגרענעצטער מאָס, ניט אָנגרייפנדיק די יסודות גופא פון דעם איינגעשטעלטן גייסטיקן בנין.

אָט דער גלויבן מיינער גרינדעט זיך אויף אַ סך טעאָרעטישע אונ־טערזוכונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון יענע וויסנשאַפטלעכע דענקער, וואָס האָבן זיך געאינטערעסירט מיט דעם ענין „פּראָגרעס" און „שטילשטאַנד" פון אַ מענטשלעכער קולטור.

איניקע פון זיי, — ווי, צום ביישפּיל, דער אַמעריקאַנער וויסנ־שאַפטסמאַן און קולטור־פילאָסאָפישער דענקער, דזשאָן וויליאַם דרע־פּער, — האַלטן, אַז דער קולטור־פּראָגרעס ביי אַ פאָלק האַלט אָן אַזוי לאַנג ווי לאַנג דאָס פאָלק האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו די נאַטירלעכע באַדינגונגען פון זיין לאַנד. („קלימאַט, פלאָרע, פאונע", און דער „אַלגעמיינער אָנבליק פון דער נאַטור", אויף וועלכע באַקל האָט שוין אָנגעוויזן, ווי אויך אַ סך אַנדערע באַדינגונגען פון דער אַזוי־גערופענער „געאָגראַפישער סביבה"). ווערט אַזאַ פולע צו־פּאַסונג דערגרייכט, שטעלט זיך דעמאָלט איין דער שאַבלאָן. די קול־טורעלע עוואָלוציע דרייט זיך דאָ, אַזוי צו זאָגן, אין איין און דעמ־זעלבן קרייז פון געדאַנקען, געפילן און קולטורעלן שטייגער.

אַנדערע, ווידער, — דאָס רוב זייערע זיינען אַנטראָפּאָלאָגן, — האַלטן, אַז דער פּראָגרעס פון אַ פאָלק גייט אָן נאָר אַזוי לאַנג ביז די פאַרשיידענע ראַסן־עלעמענטן, פון וועלכע דאָס פאָלק באַשטייט, מישן זיך אויס אַזוי גרינטלעך, דורך געמישטע חתונות, — אַז עס באַשאַפט זיך נאָר איין־איינציקער ראַסן־טיפּ. דעמאָלט מוז ווידער אַריינטרעטן דער „שטילשטאַנד", אייגנטלעך, דאָס דרייען זיך אין איין־און־דעמזעלביקן קולטור־קרייז.

די ביידע טעאָרעטישע סברות קאָנען אויסגעגליכן ווערן, ווען מען נעמט אָן, אַז די ראַסן־טיפּן גופא זיינען פּראָדוקטן פון אַ צו־פּאַסונגס־פּראָצעס צו די נאַטירלעכע באַדינגונגען פון דעם לאַנד, אויף

וועלכע זיי האָבן דורות־לאַנג געוואוינט. ווען פאַרשיידענע אַזעלכע ראַסן־טיפּן בילדן אַ געמיינשאַפטלעכע קולטור־ספערע און זיי הייבן זיך אָן אויסצומישן, טרעט ווידער אַריין אַ ניט־אויסגעגליכנקייט, וואָס לאָזט ניט צו קיין שטילשטאַנד.

ביידע סברות ליידן, נאָך מיין מיינונג נאָך, פון אַ צו איינזייטיקן נאַטוראַליזם, וואָס רעכנט זיך נאָר אָדער מיט דער „געאָגראַפישער סביבה״, אָדער מיט דעם „אַנטראָפּאָלאָגישן״, ד. ה. פסיכאָ־פיזישן געבוי פון די מענטשלעכע יחידים. ביידע שאַצן ניט אָפּ די אייגנטימלעכע פּראָצעסן פון דער קולטורעלער עוואָלוציע, וואָס פאַרוואַנדלט נאַטור־דערשיינונגען אין קולטור־דערשיינונגען און ברענגט אַרויס ריין גייס־טיקע פּראָדוקטן. צו אָט די ביידע ריין־נאַטירלעכע אורזאַכן פון „ניט־אויסגעגליכנקייט״, וואָס טרייבט אָן די גייסטיקע שאַפונגס־קראַפט, דאַרף מען, נאָך מיין מיינונג נאָך, צורעכענען די ניט־אויסגעגליכנקייט פון פאַרשיידענע קולטור־ספערעס.

אָנגענומען, אַז ביידע ריין־נאַטוראַליסטישע סברות זייַנען ריכטיק, קאָן מען זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלן ווי אַזוי אַ פאָלק קאָן ווערן אויס־געגליכן סיי אין דער צופּאַסונג צו זיין „געאָגראַפישער סביבה״, סיי אין דעם ראַסנבאַשטאַנד פון אַלע זיינע קינדער. טרעט טאַקע דעמאָלט אַריין דער שטילשטאַנד, דער פעסט איינגעשטעלטער קולטורעלער נוסח פון דעם לעבן. אָבער ווען אָט דאָס פאָלק קומט אין אַ „גייסטיקן״, ד. ה., קולטורעלן באַריר מיט אַן אַנדער פאָלק, פון אַן אַנדער קולטו־רעלן נוסח, באַווייזן זיך קולטורעלע, ד. ה. גייסטיקע ניט אויסגע־גליכנקייטן ביי די ביידע קולטור־ספערעס. און אויך אָט דער אומ־שטאַנד, — און אפשר אָט דער אומשטאַנד מער איידער אַ וועלכער עס איז אַנדערער, — וועקט ווידער אויף די איינגעשלומערטע כוחות פון אָריגינעלן שאַפן — און דערביי זייַנען ניט ביייטיק ניט דער איבערבייט פון דער „געאָגראַפישער סביבה״, ניט דער אַריינפלוס פון „פרעמדן״ „ראַסן־בלוט״.

די געשיכטע פון יאַפּאַן און איצטער פון כינע, ווי די מאָדערנע געשיכטע פון נאָך אַנדערע אַזיאַטישע פעלקער, ליפערן גענוג ביי־שפילן פאַר דער ריכטיקייט פון אָט דעם ריין קולטור־היסטאָרישן בליק. מיט אַזעלכע ביישפילן איז אָבער אויך פול די גאַנצע געשיכטע פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

איך האָב אַמאָל געשריבן, אַז נאָר דאָרטן, וואו צוויי קולטור־ספערעס רייבן זיך איינע אָן דער אַנדערער שפּריצן די פונקן פון

דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. אין אַן אַנדער אָרט האָב איך פּאַרגליכן די ווירקונג און קעגן־ווירקונג פון צוויי קולטור־ספערעס מיט דעם פיזיקאַלישן פּראָצעס פון „ענדאָסמאָס״ און „עקזאָסמאָס״, וואו צוויי פאַרשיידענע פליסיקייטן, אָפּגעטיילטע אין איין כלי דורך אַן אָרגאַ־נישן דורכלאָזעוודיקן ווענטל, געפינען זיך אין אַ שטענדיקער באַ־וועגונג פון „אַריינפלוס״ און „אַרויספלוס״ ביז זיי גלייכן זיך אויס אין זייערע אייגנשאַפטן. דעמאָלט הערט די באַוועגונג אויף.

פון אָט דעם בליק וואַקסט אַרויס מיין אַבסאָלוטע קעגנערשאַפט צו דעם קאָסמאָפּאָליטישן אידעאַל, וואָס פאַרלאַנגט, אַז אַלע פעלקער זאָלן זיך צונויפגיסן אין איין פאָלק, ד. ה. אין איין קולטור און שפּראַך־ספערע. דאָס וואָלט געהייסן אָפּשאַפן יענע „אָרגאַנישע״, דורכ־לאָזעוודיקע ווענטלעך, וואָס אַ דאַנק זיי האַלט זיך אָן דער „איינפלוס״ און „אַרויספלוס״, די ווירקונג און קעגנווירקונג פון איין קולטור־ספערע אויף דער אַנדערער. סוף־סוף מוז, נאָך דער אָפּשאַפונג פון די קולטורעלע, דורכלאָזעוודיקע „ווענטלעך״, אַריינטרעטן ביי דער גאַנצער מענטשהייט דער שטילשטאַנד, דאָס דרייען זיך אין איין און דעמזעלביקן קולטור־קרייז, אָט אַזוי אַן ערך ווי ביי די סאָציאַל־לעבנ־דיקע אינזעקטן (די בינען, מערעשקעס, טערמיטן, הגם ביי זיי איז ניט שייך צו רעדן וועגן „קולטור״).

זאָל דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט אָנגיין שטענדיק, אַן אַ לסופיקן אויסגלייך, און שטענדיק אָנטרייבן די אָריגינעלע שאַפונגס־קראַפט פון יחידים, איז נייטיק, אַז זי, די מענטשהייט, זאָל באַשטיין פון פאַרבריידערטע פאַרשיידענע שפּראַך־און־קולטור־ספערעס, וואָס זאָלן אין פרידלעכן גייסטיקן קאָנטאַקט אַרויסברענגען די שטענדיקע ווירקונג און קעגנווירקונג דורך די שטענדיק־אָנהאַלטנדיקע פאַרשיידענע שפּראַך־און קולטור־ספערעס.

דאָס איז דער אמתער זין פון אינטערנאַציאָנאַליזם, — צווישן־פעלקערלעכקייט, — אין דעם קעגנזאַץ צום קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָפט אויף דער „אָפּשאַפונג פון פעלקער״, און צום „נאַציאָנאַליזם״ אָדער „שאָוויניזם״, וואָס וויל די „אייגענע״ קולטור אַרומנעמען גייסטיק מיט אַ „כינעזישער וואַנט״.

אין אַ „כינעזישער וואַנט״ וועט דאָס פאָלק פאַרגליווערט ווערן אין אַ „כינעזענטום״ (וואָס פאַרשווינדט אגב אויך ביי די כינעזער, אַ דאַנק דעם קאָנטאַקט מיט דער אייראָפּיאישער קולטור). אין דעם קאָסמאָפּאָליטיזם וואָלט די גאַנצע מענטשהייט גייסטיג אַרומגענומען

געוואָרן מיט אַ „בינעזישער מויער", ווייל עס וועט דאָך ניט זיין קיין אַנדער מענטשהייט, מיט וועלכער זי זאָל אַריינטרעטן אין אַ ווירקונג און קעגנווירקונג.

איך גלויב אין דעם שטענדיקן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, ד. ה. פון פעלקער. אַ פאָלק איז אין מיינע אויגן אַ כמו־אָרגאַניזם, וואָס זיצט ביי זיין וועבשטול און וועבט זיין אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור אין זיין נאַציאָנאַלער שפּראַך און לויט זיין נאַציאָנאַלן נוסח. פּראָגרעסירן קאָן דאָס פאָלק נאָר דעמאָלט, ווען עס וועט שטיין אין שטענדיקן ענגען קאָנטאַקט מיט די אַנדערע פעלקער, ד. ה. מיט זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַך־און־קולטור ספערעס.

איך גלויב אין דעם פולן טריאומף פון אַזאַ אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס שטרעבט אין דער פעלקער־פאַרברידערונג אויפצוהאַלטן די אייגנאַרט פון יעדן פאָלק. איך גלויב דערינען דערפאַר, ווייל אַזאַ אינטערנאַציאָנאַליזם איז אַ לעבנס־נויט פאַר דעם שטענדיקן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט.

## קאַפּיטל פערצן

# „רעליגיע איז אַ פּריוואַטע זאַך"

מיט די אידייען, גלויבונגען און האָפענונגען, וואָס זיינע מעגלעך אין דער ריין־רעליגיעזער „סטראַטאָספערע", קאָן מען ניט קומען ניט אין דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, ניט איז אַזאַ פילאָסאָפישן וועלט־באַנעם, וואָס זאָל פּרעטענדירן צו ווערן אַ קנין פון יעדן דענקענדיקן מענטשן.

די רעליגיע בלייבט די אינדיווידועלסטע פּריוואַט־זאַך.

מיר האָבן פריער געזען, אַז ניסים זיינען מעגלעך אין אַ טעאָלאָגיש־מעטאַפיזישער „אידייען־קאָאָרדינאַציע", אַפילו ווען זי איז, ווי מיין „אני מאמין", געבויט דער עיקר אויף דעם פּרינציפּ פון „נויט־ווענדיקייט". גיט מען אָבער צו אָט דעם „אני מאמין" צו דעם אַנדער „אני מאמין", אַז אויך דער וועלט־פּראָצעס איז דורך און דורך באַ־הערשט פון אַזוי גערופענע „נאַטור־געזעצן", וועלכע ווערן תמיד אויפ־

געהאַלטן פון דער איינציקער „צענטראַלער" געטלעכער וועלט־קראַפט, איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַ גלויבן אין ניסים.

די דערציילונגען וועגן די פאַרשיידענע ניסים, אַפילו ווען זייער „ווירקלעכער פאַרקומען" ווערט פאַראמתט מיט עדות פון „איש מפי איש", רופן אין אונדז אַרויס נאָר דעם טעאָרעטישן פאַרלאַנג, אויס־צופאָרשן קולטור־היסטאָריש און פּסיכאָלאָגיש, ווי אַזוי און פאַרוואָס מענטשן קאָנען גלויבן אין, זאָגן מיר, אַ „געשפּאָלטענעם ים", אָדער „אַ געשפּאָלטענער לבנה, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד". די קולטור־געשיכטע און די מענטשלעכע פּסיכאָלאָגיע גיט אונדז די נייטיקע קאַוזאַלע דערקלערונג פון אַלע גלויבונגען אין ניסים ונפלאות. האָבן מיר קיין ברעקל גרונט ניט אָנצונעמען אַז אין זיי איז ווירק־לעך געווען אַ דורכרייס פון דעם „דרך הטבע", הגם, לויט דעם טעאָ־לאָגיש־מעטאַפיזישן איינשטעל (דעם „קינאָמאַטאָגראַפישן"), איז יעדער דורכרייס פון דעם „דרך הטבע" מעגלעך אין יעדן קלענסטן מאָמענט פון דער וועלטס „ווערן", פון איר פאַרשווינדן און איר ווידער דער־שיינען מיט אַזאַ אָדער אַן אַנדער ענדערונג אין דער אָרדענונג פון די וועלטלעכע פאַרקומענישן.

נאָר יענע יחידים, וואָס ווערן פּסיכאָלאָגיש געצוואונגען צו גלויבן אין אַזעלכע איבעררייסן, מעגן פירן זייער פּריוואַט חשבון פאַר זיי. אַזוי האָט ר׳ יהודה הלוי געשריבן וועגן דעם יידישן פאָלק: „אין אנו כמעלת המת, אלא אנחנו כמעלת החולה הנשחף, אשר נתיאשו ממנו כל הרופאים והוא מצפה את תשועתו מצד המופת ושינוי המנהג" (מיר זיינען ניט טויט. מיר זיינען, ווי אַ פיבערנדיקער חולה, וועלכן עס האָבן אָפּגעזאָגט אַלע דאָקטוירים, און ער דערוואַרט זיין הילף פון אַ נס, פון אָפּענדערן דעם נאַטירלעכן גאַנג פון דער וועלט).

אין דערזעלביקער לאַגע קאָן זיך געפינען אויך אַ יחיד, וואָס מוז דערוואַרטן זיין הילף נאָר פון דעם רבונו של עולם אַליין, צו וועלכן ער ווענדט זיך מיט זיין תפילה „ממעמקים", פון די סאַמע טיפעניש פון זיין צער און יאוש.

ווי אַזוי אַפילו גאָר געבילדעטע יחידים קאָנען פירן אַזאַ „טאָפּעלטע בוכהאַלטעריע", וואָס הלואי זאָל קיינער ניט דאַרפן אָנקומען צו איר, — באַווייזט, צ. ב., דער זייער געלערנטער אַסטראָנאָם, דער אַבבאַט מואניאָ, וואָס האָט געזאָגט אויף זיך, אַז בעת ער איז אין דער אָבסערוואַ־טאָריע, איז ער אַ קאָפּערניקאַנער, און בעת ער פירט אָן דעם קאַ־

טוילישן גאָט־דינסט אין דער קירך, גלויבט ער אין אַלע דאָגמען פון דער קאַטוילישער אמונה.

אַזוי האָט אויך דער אינטערעסאַנטער דייטשער דענקער יאַקאָבי, איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען און געשעצט שפּינאָזאַס פילאָסאָפיע און זי ווידער לעבעדיק געמאַכט אין דעם פילאָסאָפישן געדאַנק, געזאָגט אויף זיך, אַז מיט דעם „קאָפּ" איז ער אַ „שפּינאָזיסט", אָבער מיט דעם האַרצן — אַ גלויביקער קריסט. נאָך שאַרפער האָט דאָס אויסגעדריקט דער „קירכענפאָטער" טערטוליאַן, מיט זיין באַ־רימטן „קרעדאָ קוויאַ אַבסורדום", „איך גלויב (דערין גראַד) דערפאַר, וואָס דאָס איז אַן אַבסורד".

דאָס אַלץ איז זייער פּריוואַט זאַך און אויב זיי צווינגען אויף קיינעם ניט אַרויף זייער גלויבן, איז — זאָלן זיי באַקומען אַלץ, וואָס זיי דערוואַרטן פון אים: אי אַ געזונט־ווערן, אי אַ באַפרייאונג פון זייערע יסורים און צרות!

און דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם גלויבן אין „השארת הנפש", אין אַ לעבן נאָכן טויט. געוויס איז פאַר דער אַלמאַכטיקער, אַליין ווירקנדיקער געטלעכער וועלט־קראַפט גרינג ווי אַ האָר פון מילך, צו באַשאַפן נאָך אַן אַנדער וועלט און לאָזן ווייטער עקזיסטירן, ד. ה. ווידער תמיד באַנייען דאָס „איך־באַוואוסטזיין" פון אַ וועלכן עס איז יחיד, אפילו, ווען זיין גוף ווערט שוין צעפוילט.

פאַר מיר איז נאָר די פראַגע: פאַרוואָס זאָל איך גלויבן אין אָט דער מעגלעכקייט? אַז דער גלויבן וואַקסט אַרויס פון דאַרשט צו עקזיס־טענץ, וואָס איז אַזוי נייטיק פאַר אַ לעבן אויף דער וועלט, איז פאַר מיר קלאָר. עס איז אויך פאַר מיר קלאָר, וואָס פאַר אַ זין עס האָט אַן „איך־באַוואוסטזיין" אין דעם פּראָצעס פון דער קולטורעלער עוואָלוציע, וואָס פאַרוואַנדלט „נאַטור־דערשיינונגען" אין „קולטור־דערשיינונגען". (באַריכות וועגן דעם ענין האָב איך געשריבן אין דעם „זין פון אַ מענטשלעכן לעבן"). אָבער וואָס פאַר אַ זין עס קאָן האָבן די עקזיס־טענץ פון אַן „איך־באַוואוסטזיין" (פון אַ „נשמה" אָן אַ „גוף") אין אַ באַזונדערער נשמה־וועלט, הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין. איז — פאַרוואָס זאָל איך גלויבן דערין?

איך זע אויך ניט איין, פאַרוואָס איך זאָל אין אָט דעם פּרט אַרויס־נעמען דעם מענטשן פון אַלע אַנדערע לעבעדיקע ברואים. וואו איז די „נשמה" פון דער מויז, וואָס די קאַץ האָט „פאַרצוקט"? וואו זיינען די „נשמות" פון יענע מאָסקיטאָס, וואָס איך האָב מיט מיינע אייגענע

הענט ניט איינמאָל „בלוטיק דערמאָרדעט״ אויף מיין שטערן? „ומותר האדם מן הבהמה אין״, האָט שוין קהלת געזאָגט. („קיין מעלה פון מענטשן איבער דער בהמה איז ניטאָ״ אין דעם פּרט פון לעבן נאָכן טויט). זיכער איז דער גלויבן אין „השארת הנפש״ אַ פּראָדוקט פון אונדזער הונגער, פון אונדזער ניט געוווּנט זאָט ווערן מיט דעם לעבן „דאָ״.

און דערצו פרעג איך מיך: וואָס ברענט אונדז אַזוי צו וויסן, וואָס „דאָרטן״ וועט זיין? וויפיל וועט דאָס געדויערן, און מיר אַלע, יונג און אַלט וועלן דאָך זיין „דאָרטן״. וועלן מיר זען: אויב מיר זיינען „טויט״ טאָקע אויף צום אמתן, אָן אַ ברעקל „השארת הנפש״, וועלן מיר דאָך טאַנצן פאַר שמחה! אלא — „דאָרטן״ איז אויך דאָ לעבן? איז — דער וואָס גיט לעבן, וועט אויך געבן אַ זין פאַר אים... איצטער איז לגמרי ניטאָ וואָס צו טראַכטן וועגן דעם.

און ווידער אַמאָל: ווער עס נייטיקט זיך פּסיכאָלאָגיש אין אַזאַ גלויבן, — געזונטערהייט! האָט ער פאַר זיך ניט נאָר דעם אַלטן גלויבן, נאָר אויך דעם נייעם ספּיריטיזם, אין וועלכן אַזוי פיל גע־לערנטע נאַטור־פאָרשער האָבן געגלויבט און גלויבן נאָך עד היום. זייער פּריוואַטער ענין! די צרה איז נאָר, וואָס עס רופט זיי, אויך אַנדערע זאָלן אָננעמען אָט דעם גלויבן. פאַר דעם רעליגיעזן גלויבן בכלל איז נאָר דאָ איין פאָרשריפט, — אָט די פון דעם נביא מיכה: „הצנע לכת״, ארומגיין צניעותדיק מיט אים. איך טייטש דאָס: באַ־האַלטן אים פאַר זיך אַליין, ווי דעם ריינסט־סוביעקטיוון אינדיווי־דועלן בנין.

גאַנץ אַנדערש איז עס מיט די רעליגיעזע געפילן פון הייליקייט, ריינקייט, אייביקייט און אומענדלעכקייט. גראָד זיי, די טייערסטע און אפשר די חשובסטע אין אַ מענטשלעכן פּסיכישן לעבן ווילן אויס־געלעבט ווערן ניט נאָר ביחידות, נאָר אויך בציבור. האָב איך אָבער ניט איינמאָל געהאָט די געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז זיי קאָנען אויפ־קומען אויך אין ריין וועלטלעכע צערעמאָניעס און פּאַראַדן, מיט וועלט־לעכע „הייליקע טעג״ (ערשטער מאַי), הייליקע ערטער (זאָגן מיר: לעבינס מאַוזאָליי פאַר די, וואָס גלויבן אין זיין גרויס און זיין היסטאָרישן באַטייט) הייליקע חפצים (פאָנען), הייליקע מענטשן און הייליקע האַנדלונגען (ערשטער מאַי פּראָצעסיעס).

עס איז אין מיינע אויגן אויך ניט קיין ברעקל חטא אַנטקעגן דעם פרייען געדאַנק, ווען מען פאַרבינדט דאָס אויסלעבן זיך אין אָט די רעליגיעזע געפילן ניט מיט וועלטלעכע ענינים (אָדער נאָר מיט

זיי), נאָר אויך מיט אויסלעבן זיך בציבור אין אַ וועלכער עס איז פון די הערשנדיקע רעליגיעס, וואָס זיינען איינעם געוואָרן טייער, הגם ער גלויבט ניט אין איבערנאַטירלעכע יסודות. בתנאי: ער זאָל קיי־נעם דערביי ניט אָפּנאַרן מיט זיין באַטייליקן זיך אין אירע צערע־מאָניעס.

אונטער אַט די אומשטענדן מעג אַפילו אַ מאַטעריאַליסטיש־אַטע־איסטישער ייד האָבן דיזעלביקע הייליקע טעג (שבתים און יום־טובים), דיזעלביקע הייליקע ערטער (ארץ ישראל, כותל המערבי), דיזעלביקע הייליקע זאַכן (הדסלעך, מענטעלעך, „לשון קודש"), הייליקע מענטשן (אַ היבש ביסל אין דער יידישער געשיכטע!) און הייליקע האַנדלונגען (פּסחדיקער סדר, אַ סוכה וכו׳). זיכער מעג ער דאָס, אויב ער נאַרט קיינעם ניט אָפּ מיט זיין באַטייליקן זיך אין אַט דעם אַלץ, און בפרט — ווען פריי־געזינטע יידן לעבן זיך אויס אין די רעליגיעזע הייליקייטס־געפילן אויף זייער אייגענעם שטייגער.

## קאַפּיטל פופצן

# די צוקונפט פון אונדזער פאָלק

יעדע פאָרשטעלונג וועגן צוקינפטיקע היסטאָרישע געשטאַלטונגען איז אָדער אַ גלויבן, אָדער אַ האָפענונג (אין אַ רעליגיעזן גלויבן, אַ פאַרבונדענע מיט דער „זיכערקייט" פון „בטחון"), אָדער אַ פּראָגראַם פאַר טעטיקייט, געגרינדעט אויף דעם טעאָרעטישן איינזען אין דער מעגלעכקייט, צו דערגרייכן יענע היסטאָרישע געשטאַלטונג, ניט קוקנ־דיק אויף אַלע מניעות, וואָס שטייען אין וועג.

אויף דעם טיפסטן גרונט פון אַט די אַלע דריי פּסיכאָלאָגישע און טעאָרעטישע איינשטעלן ליגט דער סוביעקטיווער וואונטש, אַז „אַזוי זאָל דאָס זיין". דאָס רוב ווערט אַט דער סוביעקטיווער וואונטש איינגעקלײדט אין אַ וועלכער עס איז היסטאָריש־פילאָסאָפישער טע־אָריע, וואָס דערקלערט אויף דעם סמך פון ריין־אָביעקטיווע טעאָ־רעטישע טעמים, פאַרוואָס אַט די נייע געשטאַלטונג מוז אַריינטרעטן אין לעבן, פאַרוואָס „עס קאָן אַנדערש ניט זיין".

אָבער אַט די כלומרשט וויסנשאַפטלעכע „זיכערקייט" איז ניט

קיין אַנדער זאַך, ווי אַן אילוזיע פון דעם „טעאָרעטישן אויג״. עס איז בשום אופן ניט קיין „וויסן״, נאָר אַ גלויבן.

דעם גרויסן אונטערשייד פון „גלויבן״ און „וויסן״ האָט ערשט דער „גרויסער עמנואל״ (קאַנט) אַרויסגעבראַכט, און נאָך שפּעטער — שאָפּענהאַוער מיט זיין געוויינלעכער קלאָרער טיף. ביידע האָבן אין זינען געהאַט דעם רעליגיעזן גלויבן (די „אמונה״), וואָס טרעט אַלעמאָל אַרויס מיט דער פּרעטענזיע, אַז זי, די „אמונה״ מיט אירע „קרעדאָס״ (אני מאמינס) שטעלט מיט זיך פאָר אַ העכערן וויסן, איידער די „וויסנשאַפט״.

קאַנט זאָגט, אַז גלויבן איז אַ מיינונג, וואָס באַפרידיקט נאָר סוביעקטיוו, וואָס האָט אָבער ניט גענוג טעמים פאַר אַן אָביעקטיוון, ניט פאַראינטערעסירטן וויסן אויף זיכער. שאָפּענהאַוער אילוסטרירט דאָס מיט דער באַמערקונג, אַז די מאַטעמאַטיק (וואָס איז דער אידעאַל פון אַן אָביעקטיוון וויסן) האָט ניט קיין אני־מאמינס; נאָר די רעליגיע האָט זיי. דערפון דרינגט ער, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם וויסנשאַפטלעכן אָביעקטיוון דענקען וועלן די רעליגיעס פאַרשווינדן. אין אַן אַנדער אָרט פאַרגלייכט ער דעם רעליגיעזן גלויבן מיט דער ליבע, וואָס קאָן אויף קיינעם ניט אַרויפגעצוואונגען ווערן.

די „זיכערקייט״, וואָס דער רעליגיעזער גלויבן ברענגט מיט זיך, ליגט אויף דערזעלביקער סוביעקטיווער, פּסיכאָלאָגישער ליביע, וואָס פירט אין איר עקסטרעם צו דעם זיכערן וויסן פון אַ מאַניאַק, וועלכער ליידט, צ. ב., פון דער „פאַרפאָלגונג־מאַניע״. ער „ווייס״ „גאַנץ־געוויס״, אַז די עלעקטרישע דראָטן אַרום זיין וואוינונג זיינען עקסטראַ געצויגן געוואָרן, כדי צו קאָנטראָלירן זיינע געדאַנקען. ער וועט בשום אופן ניט גלויבן אַלע יענע אָביעקטיווע באַווייזן, וועלכע מען קאָן ברענגען, אַז די „דראָטן״ האָבן גאָרנישט ניט צו טאָן מיט אים פערזענלעך און מיט זיינע געדאַנקען.

קיין גלויבן איז ניט קיין וויסן. וואו עס איז דאָ וויסן, דאַרף מען ניט קיין גלויבן. אָבער מענטשלעכער וויסן האָט אַלעמאָל גרענעצן, סיי אין דעם פּראַקטישן טאָג־טעגלעכן לעבן, סיי אין די אָביעקטיווסטע וויסנשאַפטן גופא און אוודאי שוין אין פילאָסאָפיע און רעליגיע. און גראָד דערפאַר — „לא על ה׳וויסנשאַפט לבדה יחיה האדם״. מען קאָן ניט לעבן נאָר מיט וויסנשאַפט און טעכניק. אַזאַ אָדער אַן אַנדער גלויבן, — ניט דווקא אין „איבערנאַטירלעכע״ זאַכן, — מוז תמיד שפּילן אַ ראָליע אין אונדזער גאַנצן נשמה־לעבן.

אַ יונגערמאַן פֿאַרט אַוועק אין די מרחקים און לאָזט איבער אַ יונגע שײנע פֿרוי, װעלכע ער ליבט שטאַרק און װאָס ליבט אױך אים פֿון גאַנצן האַרצן. ער „װײס אױף געװיס״, אַז זי װעט אים בלײַבן טרײַ. ער קאָן דאָס ניט „װיסן״. דאָס איז אַ גלױבן, װײַל ער קען דעם מאָראַלישן מהות און געפֿילן פֿון זײַן פֿרוי; ער האָט דעריבער קײן ברעקל גרונט ניט צו זײַן אין ספק װעגן איר טרײַשאַפֿט צו אים — דאָס איז הונדערט־פּראָצענטיקער גלױבן. ניט אַלע גלױבנס זײַנען אָבער אַזױ באַרעכטיקט רײן לאָגיש.

עס זײַנען פֿאַראַן גלױבנס, װאָס לאָזן יע צו אַ היפּש ביסל ספֿיקות, אַ היפּש ביסל טעמים, פֿאַרװאָס מען זאָל ניט גלױבן. װעגט דער מענטש זײ רײן לאָגיש אָפּ, — און זע נאָר דעם װאונדער! — תּמיד געפֿינט ער, אַז אַלע קעגן־טעמים האָבן קײן ברעקל װאָג ניט לגבי די טעמים פֿאַר „יע־גלױבן״. איז אױך אָט דער גלױבן אַ פּסיכאָלאָגיש זיכערער, אַ הונדערט־פּראָצענטיקער.

פֿון אַזאַ אַרט גלױבן איז אױך מײַן אני־מאמין אין דער צוקונפֿט פֿון דעם ײדישן פֿאָלק, װי אַ פֿרײַ פֿאָלק, װאָס זיצט אױף זײַן אײגע־נעם לאַנד, װעבט זײַן אײגענע פּראָגרעסיװע, אַלגעמײן־מענטשלעכע קולטור, לױט זײַן אײגענעם נאַציאָנאַל־ײדישן נוסח אין זײַן שפּראַך, דעם „ײדיש״, און שטײט אין ענגן קאָנטאַקט מיט די פּראָגרעסיװע פֿעלקער פֿון דער װעלט אין שטענדיקער װירקונג און קעגן־װירקונג, אין שטענדיקן „ענדאָסמאָס און עקזאָסמאָס״, — „אַרײַנפֿלוס״ און „אַרױספֿלוס״, — דורך די דורכלאָזעװדיקע „װענטלעך״ פֿון זײַן שפּראַך־און־קולטור ספֿערע און פֿון זײערע שפּראַך־און־קולטור ספֿערעס.

אין מײַן לעבן האָב איך גענוג געשריבן װעגן דעם ענדציל פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער װידערגעבורט און באַפֿרײַאונג. װען אַפֿילו, — איך מוז מיך מודה זײַן, — אַז איך האָב ניט גענוג געאַרבעט פּראַקטיש פֿאַר דער דערגרײכונג פֿון אָט דעם ציל. אָבער געשריבן, — און גע־רופֿן, און געמאָנט, — האָב איך װעגן דעם ניט אױף דעם סמך פֿון אַן „אני מאמין״. דאָס איז מײַן פּראָגראַם, מײַן פֿאָדערונג, װאָס עס זאָל געשען דורך אונדזער אײגענער טעטיקײט, כּדי צו פֿאַרזיכערן פֿאַר אונדזער פֿאָלק אַ פֿרײַע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ און אַ פֿרײַע פּראָגרע־סיװע נאַציאָנאַלע אַנטװיקלונג, װי אַ גלײַכבאַרעכטיקט און גלײַכװערטיק גליד אין דער פֿאַרבריד־ערטער פֿעלקער־משפּחה פֿון דער מענטש־הײַט.

קײן ערבֿות האָב איך ניט אַרױסגעגעבן, אַז גראַד אַזױ װעט זיך

געשטאַלטן די צוקונפט פון אונדזער פאָלק, הגם, — גלויבט מיר: איך קאָן די מלאכה פון געשיכט־פילאָסאָפישן פלפול, און עס וואָלט מיר זיכער ניט געווען שווער אויסצובויען אַ געשיכט־פילאָסאָפישע טעאָריע, וואָס זאָל באַווייזן באַשיינפערלעך, אַז אַזוי „מוז" דאָס קומען, אַז „עס קאָן ניט זיין אַנדערש", — אַ טעאָריע פון וועלכן שטאָף איר ווילט אַליין: צי פון דעם „דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישן", צי פון דעם „מעטאַפיזיש־אידעאַליסטישן", צי פון דעם „שפינאָזיסטיש־מאָניסטישן".

געווייכט האָב איך פון אַזעלכע געדאַנקען־גאַנגען און זיי געטריבן פון זיך, ווען אַזאַ אָדער אַן אַנדער פילפול פלעגט אַמאָל אַ שיין טאָן — מיט „אַבסאָלוטער קלאָרקייט און זיכערקייט" — אין מיין טראַכטן וועגן מיין פאָלק. וויל טריי בין איך אַלעמאָל דעם פראַטאַגאָרעאישן גרונט־געדאַנק, מיט וועלכן איך האָב אַנגעהויבן מיינע אני מאמינס: „דער מענטש איז די מאָס פון אַלע זאַכן". און „דער מענטש" איז דאָ דער טייטש: אויך דער אינדיווידועלער מענטש, דער יחיד. און אין „אַלע זאַכן" גייען אויך אַריין די געדאַנקען וועגן דעם וואָס עס „מוז" פאָרקומען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און פון דעם אייגענעם פאָלק און וואָס „עס קאָן ניט" פאָרקומען אין זיי.

די צוקונפט איז די גרענעץ פאַר אונדזער אָביעקטיוו־היסטאָרישן וויסן. אָבער „אויף יענער זייט גרענעץ" האָט שוין פון מיינע יונגע יאָרן אָן אויפגעבליט דער הייסעסטער, הונדערט־פראָצענטיקער גלויבן סיי אין דער צוקונפט פון אַ פאַרברידערטער פעלקער־משפחה, סיי אין דער גאָר חשובער ראָליע פון אונדזער אייגענעם פאָלק אין איר.

דאָס איז אַ גלויבן, אַ „ליבע", וואָס קאָן ניט אַרויפגעצוואונגען ווערן אויף קיינעם, הגם מיר ווילט זיך ביז גאָר, אַז יעדער ייד זאָל אָט די „ליבע" — און ממילא אָט דעם גלויבן — טראָגן און אָפּהיטן אין זיין האַרצן און אָפּטרייבן פון זיך אַלע ספיקות. וואָס פאַרטונקלען זיין זוניקן שיין? עס זיינען דאָך בפירוש ניטאָ אַזעלכע אָביעקטיווע אַרגומענטן, וואָס זאָלן באַווייזן, אַז אָט דער גלויבן קאָן ניט פאַר־ווירקלעכט ווערן אין לעבן.

דאָס איז מיין „אני מאמין". און פאַרבונדן מיט אים איז אויך אַ האָפענונג, אָבער ליידער ניט פון אַזאַ אינטענסיווער זיכערקייט, ווי דער גלויבן. איך האָף, אַז „באחרית הימים" וועט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון גאָר דער וועלט וואוינען אינאיינעם אין ארץ־ישראל און אין אַ טייל שכנימשע לענדער, ווי אַ פריי פעדערירטער טייל פון דער

סעמיטישער וועלט. אין אונדזער טעריטאָריאַליסטישער געדאַנקען־וועלט איז שוין אַמאָל — מיט יאָרן און יאָרן צוריק — אַרויסגעזאָגט געװאָרן דער געדאַנק: „ניט איין טעריטאָריע, נאָר טעריטאָריעס". און עס קאָן זיין, אַז אין דער איצטיקער צייט וועט טאַקע אָט דער געדאַנק מקוים ווערן. צוויי יידישע טעריטאָריעס בויען זיך דאָך שוין: ארץ־ישראל און בירא־בידזשאַן. אַ דריטע ווערט געזוכט. איר נויטיקייט שטייט אויף דעם סדר היום. אָבער אָט די אַלע „טעריטאָריעס" וועלן זיין — האָף איך — נאָר אַ נויטווענדיקער איבערגאַנגס־צושטאַנד ביז צו דעם „באחרית הימים", וואָס איז ביי מיר פאַרבונדן מיט דעם טריאומף פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. עס וועט זיין געזינטער פאַר אונדז צו לעבן אינאיינעם אויף איין לאַנד. דאָס איז דער אמת; און אַ יושר איז עס דאָך אַוודאי, אַז מען זאָל זיך רעכענען אויך מיט אונדזערע היסטאָרישע בענקשאַפטן. און ווייל איך גלויב, אַז דער סאָציאַליזם וועט ברענגען דעם טריאומף פון אמת און יושר, גלויב איך און איך האָף...

1939

# מיין סאָציאַליסטישער „אני מאמין"

מיין סאָציאַלער „אני מאמין" קאָן אויסגעדריקט ווערן אין איין קליינער פאָרמולע: איך גלויב, אַז די סאָציאַלע פראַגע וועט פאַר־ענטפערט ווערן אויף דעם יסוד פון אַ בערך קורץ־טערמיניקער אַלגע־מיינער אַרבעטס־פליכט צוליב אַ קולטור־מינימום פאַר אַלעמען.

זייער באַגלויביקטע אויסרעכענונגען וועגן דער פּראָדוקטיווקייט פון מענטשלעכער אַרבעט, אַרויסגעבראַכט פון פאַרשיידענע פאָרשער מיט פאַרשיידענע מעטאָדן — צווישן זיי פּראָפעסאָר באַלאַד („אַטלאַנטי־קוס") און פּעטער קראָפּאָטקין — האָבן געפירט צו דעם זעלביקן רעזולטאַט, אַז מיט אַ לפי ערך קליינעם טייל מענטשלעכער אַרבעטס־קראַפט קאָן דער מענטש, ביי אַ געוויסער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט, אַרויסברענגען אַלץ וואָס ער דאַרף, כדי צו באַפרידיקן זיינע באַדערפענישן, אין אַ מאָס, ווי מ׳וואָלט דאָס געקאָנט קריגן מיט אַ יערלעכן איינקופט פון אַ דריי־פיר טויזנט דאָלאַר (אין דער פאַר־קריגס צייט).

קראָפּאָטקין האָט אָט די צייט באַרעכנט מיט אַ זייער קורצן אַרבעטס־טאָג פון אַ צוויי־דריי שעה. באַלאַד — מיט אַ קורצן אויסשניט פון אַ מענטשלעכן לעבן. אין 1900 האָט ער די אַרבעטס־צייט באַרעכנט מיט אַ זעקס־זיבן יאָר. אין די צוואַניקסטע יאָרן האָט ער, אין דער לעצטער אויסגאַבע פון זיין ווערק, שוין געקאָנט פאַררעכענען זי מיט אַ פינף־זעקס יאָר — זאָגן מיר, פון דעם זיבעצנטן ביז דעם צוויי אָדער דריי־און־צוואַנציקסטן לעבנס־יאָר.

ווייל מען זיין גאָר פאָרזיכטיק, קאָן מען מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז מיט פינף־זעקס יאָר אַרבעט קאָן מען שוין איצטער פאַרזיכערן יעדן איינעם, פון געבורט ביזן קבר, מיט אַ קולטור־מינימום, מיט גענוג שפייז, קליידונג, וואוינונג, געזונט (היגיענע און מעדיצין) און עלע־מענטאַרער בילדונג.

די פאָרבאַדינגונגען פאַר דער פּראָדוקציע פון אַזאַ קולטור־מינימום פאַר אַלעמען זיינען: 1) הויכע טעכנישע פּראָדוקטיווקייט; 2) העכסט־מעגלעכע קאָנצענטראַציע פון פּלאַנמעסיקייט פון אַלע דערצו נויטיקע

אונטערנעמונגען; 3) אַ טעריטאָריע, וואָס באַזיצט אַלע נויטיקע רוי־מאַטעריאַלן; 4) די נאַציאָנאַליזאַציע פון אַלע דערצו נויטיקע מיטלען און געצייג פון דער פּראָדוקציע (אָבער נאָר פון זיי); 5) די כמעט מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט מיט דעם אַבסאָלוט נייטיקן גראַד פון שאַרפער דיסציפּלין; 6) די אַבליגאַטאָרישקייט פון אַט דער אַרבעטס־דינסט פאַר יעדן איינעם און איינער (מיט די אויסנאַמען, וואָס קאָנען צוגעלאָזן ווערן אין אַן אַרמיי פון אַזאַ סאָציאַל־עקאָנאָמישן כאַראַקטער); 7) אַן אַבליגאַטאָרישע דערציאונג, וואו דער פּעדאַגאָגישער יסוד דאַרף זיין די דערציאונג צו אַלערליי אַרבעטן און די אַלגעמיינע אויסבילדונג, אויף וויפיל מעגלעך, דורך אַלערליי אַרבעטן.

די פּראָדוקציע און די פאַרטיילונג פון דעם קולטור־מינימום ווערן לגמרי אַרויסגענומען פון דער האַנדלס־ספערע, פון דעם קויף־און־פאַרקויף, פון שכירות און באַלוינונגען, וואָס זאָלן געמאַכט ווערן לויט דער געליפערטער אַרבעט. דאָס איז אַ פּראָדוקציע נאָר צוליב דעם קאָנסום. דער געשאַפענער פּראָדוקט דאַרף ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סחורה, איידער ער קומט צום קאָנסומענט. די פאַרטיילונג ווערט דורכגעפירט לויט דעם פּרינציפּ פון דער מאַקסימאַל־מעגלעכער פריי־הייט. דאָס איז אַ ריין קאָמוניסטישע פּראָדוקציע־ און פאַרטיילונגס־פאָרם. יעדער באַקומט זיין חלק פּראָדוקטן פון דעם קולטור־מינימום פאַר דעם גאַנצן לעבן אָן שום געצאָלט און אָן אַ ברעקל וויטערדיקער אַרבעט. ער האָט אַ רעכט אויף יענעם חלק אַלץ איינס, צי ער נייטיקט זיך אין אים, צי ניט. אַזוי אַרום איז דער קולטור־מינימום אַן אַבסאָלוט געזיכערטער עקאָנאָמישער איינקום — אין פּראָדוקטן און באַהאַנדלונג — פאַרן גאַנצן לעבן.

אָפּגעדינט די עטלעכע יאָר, איז יעדער איינער פריי צו באַשעפטיקן זיך מיט וואָס ער וויל, אויך עקאָנאָמיש. ער קאָן אַריינגיין צוליב דעם אין אָפּמאַכונגען מיט וועמען ער וויל, אונטער דעם קאָנטראָל פון דעם אַלגעמיינעם רעכט, וואָס לאָזט צו אַלע אַרטן פרייע אַרבעטאָרישע באַלעבאַטישקייט.

די טעמים, וואָס האָבן מיך געפירט צו אַט דעם סאָציאַלן אני מאמין, זיינען אַזוי פאַרשיידנאַרטיק און, ווי איך רעכן, אַזוי וואָגיק, אַז אויס־רעכענען און דערקלערן זיי אַלע דאַרף פאַרנעמען אַ בוך.

דאָ זאָלן נאָר אָנגעמערקט ווערן די וויכטיקסטע פון זיי:

א) איך האַלט מיט מאַרקסן, אַז „די אַרבעט איז דער לעבנס־אַרויסוויז פון דעם מענטשן" און אַז „נאָר דער מענטש אַרבעט, וויל

נאָר ער האָט פריער די פאָרשטעלונג פון דעם אַרבעטס־פּראָצעס אין זיין קאָפּ״. אינאיינעם מיט מאַרקסן האַלט איך אויך, אַז די מענטשלעכע אַרבעט דאַרף דורכגעפירט ווערן אין דער סאָציאַלער פאָרם פון „פריי פאַרגעזעלשאַפטיקטע פּראָדוצענטן״. דאָס מיינט, אַז די מענטשלעכע אַרבעט, דער נאַטירלעכער „לעבנס־אַרויסווייז פון דעם מענטשן״, דאַרף זיין אַ פּרייער שאַפן פון אַבסאָלוט פּרייע אינדיווידועןן, וואָס קומען זיך צונויף צוליב דעם אָדער יענעם אַרבעטס־פּראָצעס. דאָס וויל זאָגן, אַז יעדער אינדיווידואום דאַרף האָבן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן פּריי. דאָס הייסט, צו אַרבעטן ווען ער וויל, וואָס ער וויל, וויפיל ער וויל, וואו ער וויל, ווי ער וויל, מיט וועמען ער וויל.

אַזאַ פרייהייט איז אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן אין אַ פּראָדוקציע־פּראָצעס, וואָס מוז שטרעבן צו דער העכסט־מעגלעכער פּראָדוקטיוויטעט און צו דער פאַרזיכערונג מיט די נייטיקע לעבנס־הצטרכותן פאַר אַלעמען, דער פאַרזיכערונג מיט דער עלעמענטאַרער חיונה און מיט דעם קולטור־מינימום. דאָס הייסט עס אין דער ערשטער ליניע: פּלאַנ־מעסיקייט, צענטראַליזאַציע, אַבסאָלוטע דיסציפּלין, אַבסאָלוטע אונטער־וואַרפונג פון דעם יחידס ווילן אונטער דער בויטוועגדיקייט פון דעם עקאָנאָמישן דערפאָלג.

פריי אַרבעטן, וואָס, ווען, וואו, ווי, וויפיל און מיט וועמען איינער וויל, קאָן נאָר דער, וואָס פאַרמאָגט אַ געזיכערטן איינקום (ניט דווקא אין געלט נאַטירלעך), און אָט דעם געזיכערטן איינקום דאַרף די געזעלשאַפט, ווי אַ גאַנצעס, געבן יעדן איינעם פאַר דעם פרייז פון זיין בערך קורץ־טערמיניקער (אָבליגאַטאָרישער) דינסט אין דער אַרבעטס־אַרמיי.

מהאי טעמא בין איך קעגן דעם צוויי־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג פאַר דעם גאַנצן לעבן (אָדער ביז צו 50 יאָר, ווי קראָפּאָטקין וויל). ווייל דאָ איז מען יעדן טאָג אומפריי. יעדן טאָג פאַרשקלאַפּט צו דעם געזעל־שאַפטלעך־נויטווינדיקן אַרבעטס־פּראָצעס, מיט זיינע אומפאַרמיידלעכע אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע צופאַלן.

ב) די מיליטערישע דיסציפּלין אין דער אַרבעטס־אַרמיי איז, אַפילו פאַר אַ לפי ערך קורצער צייט, זיכער ניט קיין געשמאַקע זאַך. עס איז אַ קרבן, וועלכער דער יחיד דאַרף ברענגען; עס איז אַ גאַנץ הויכער פרייז, דערפאַר אָבער אויך פאַר אַזאַ גאַנץ הויכן ענין, ווי די אייגענע אַבסאָלוטע עקאָנאָמישע באַפרייאונג. אָבער אויך אָט די דיסציפּלין, אויך אָט דער קרבן האָט אין זיך אַ מאָראַליש־פּעדאַגאָגישן מאָמענט.

דאָס איז די אײַנצאַמונג פֿון דעם אײגענעם װילן מיט דעם באַװאוסט־זײַן, אַז דאָס װערט געטאָן נאָר אויף אַ לפֿי ערך קורצער צײַט און ניט נאָר צוליב דעם אײגענעם נוצן, נאָר צוליב אַלעמען, כּדי אַלעמען צו באַפֿרײַען און צו באַשיצן פֿון הונגער, נויט, אומװיסנקײט און אָרעמקײט.

ג) איך בין אַבסאָלוט קעגן דעם, אַז די געזעלשאַפֿט װי אַ גאַנצעס זאָל נעמען אויף זיך די זאָרג פֿאַר אַלע הצטרכותן פֿון די יחידים, אויך פֿאַר די װאָס שטײַגן אַריבער די נויטן פֿון אַ קולטור־מיניִמום דאָס מוז פֿירן אָדער דערצו, אַז דער יחיד זאָל דירעקט אָדער אומ־דירעקט אויסגעבן אַ סכום פֿון זײַן ענערגיע, כּדי צו באַפֿרידיקן באַדער־פֿענישן, אין װעלכע ער נײטיקט זיך ניט; אָדער דערצו, אַז זײַנע באַדערפֿענישן זאָלן בלײַבן אומבאַפֿרידיקט.

נעמט די פּראָדוקציע פֿון לוקסוס־זאַכן; פֿון קונסט־פּראָדוקטן; די דורכפֿירונג פֿון רײַן טעאָרעטישע פֿאָרשונגען; די פּובליקירונג פֿון פֿילאָסאָפֿישע ביכער; דער בוי פֿון טעמפּלען און די פּראָדוקציע פֿון פֿאַרשײדענע חפֿצים פֿאַר דעם רעליגיעזן קולט, א. א. װ.

דאָ איז אײנס פֿון די בײדע, און אָפֿטמאָל בײדע זאַכן אינאײנעם. די געזעלשאַפֿט צװינגט מיך, איך זאָל, דירעקט אָדער אומדירעקט, העלפֿן פּראָדוצירן פֿאַרפֿיום און רוזש, אויסהאַלטן דעם באַלעט און די אָפּערע, העלפֿן אַרויסגעבן מאַרקסיסטיש־מאַטעריאַליסטיש־אַטעאיסטישע אָדער אַנדערע, פֿון דער געזעלשאַפֿט „גוט־געהײסענע״, ביכער — װאָס אין די אַלע זאַכן בין איך אַבסאָלוט ניט פֿאַראינטערעסירט. און פֿון דער אַנדער זײַט װעט זי מיר ניט געבן די מיטלען צו פּראָדוצירן זאַכן און צו פֿאַרשפּרײטן מײנונגען, װאָס געפֿינען ניט קײן חן אין אירע אויגן, אָבער זײַנען מיר טײַער װי דאָס לעבן.

נאָר נאַאיװע דאָגמאַטיקער, װאָס מײנען, אַז מענטשן קאָנען האָבן דעם „אַבסאָלוטן אמת״ װעגן דעם, װעלכע מענטשלעכע באַדערפֿענישן מעגן באַפֿרידיקט װערן און װעלכע ניט; װעלכע מײנונגען מעגן פֿאַר־שפּרײט װערן און װעלכע ניט; און אין װעלכע „ריכטיקע״ ליניעס עס דאַרף זיך באַװעגן די מאַטעריעלע און גײסטיקע קולטור — נאָר אַזעלכע נאַאיװע דאָגמאַטיקער קאָנען חלומען, אַז דער גאַנצער פּראָצעס פֿון פּראָדוצירן גיטער — מאַטעריעלע און גײסטיקע — קאָן איבער־געגעבן װערן אין די הענט פֿון דער געזעלשאַפֿט, װי אַ גאַנצעס, און שטײן אונטער איר קאָנטראָל.

נײַע דערפֿינדונגען קאָנען נאָר דעמאָלט אַרײַנטרעטן אין לעבן און

אַרויסרופן נייע באַדערפעניש, ווען זיי געפינען חן אין די אויגן פון דער צענטראַלער געוואַלט (אין אַ דיקטאַטור) אָדער פון דער גאַנצער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט. די פּריוואַט־איניציאַטיווע אויף אַלע פעלדער פון דער קולטור מוז ווערן אָפּגעשוואַכט אָדער אַפילו אָפּגעטויט.

דער חלום פון אַ קאָמוניסטישער פּראָדוקציע פאַר אַלע באַדערפעניש איז אַ חלום פון נאַאיווע דאָגמאַטיקער און ניט קיין שיינער. קריטיש דענקענדיקע מענטשן ווייסן, אַז „אַבסאָלוטע" אָדער „נויטווענדיקע" אמתן זיינע פאַר דעם מענטשן אין יעדן דור „געגעבן" נאָר אין דער וויסנשאַפטלעכער דערפאַרונג, אין דער טעכניק, און אַ פּאָר איינפאַכע יסודות פון דעם סאָציאַלן און מאָראַלישן לעבן. קונסט, פילאָסאָפיע, רעליגיע, אַפילו העכערע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס, די ענטפערס אויף קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון דעם געזעלשאַפטלעכן און מאָראַלישן לעבן, און אַפילו אין טעכנישע נייעסן און המצאות זיינען פרייע שאַפונגען פון יחידים, וואָס גייען זיך פאַנאַנדער אין די פאַרשיידנסטע ריכטונגען. די פאַרשיידענע טעטיקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיי, טאָרן דעריבער ניט נאָרמירט ווערן פון אַ וועלכן עס איז אַלגעמיינעם צענטער, לויט וועלכן עס איז אַלגעמיינעם פּלאַן אָדער פּרינציפּ. זיי מוזן איבּ־גאַנצן איבערגעלאָזן ווערן צו די פריי־שאַפנדיקע יחידים.

די צוקונפטיקע סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט דאַרפן לפי דעם דורכ־פירן, וואָס דאָס האָט געלערנט קאַרל מאַרקס, אַן איינטיילונג פון אַלע מענטשלעכע טעטיקייטן אין צוויי ממשלות: „די ממשלה פון נויט־ווענדיקייט", וואו די אַרבעט, די שאַפונג איז נאָר אַ מיטל צו אַ צוועק, און די „ממשלה פון פרייהייט", וואו עס לעבט זיך אויס יענע מענטש־לעכע קראַפט „וואָס איז אַ צוועק אין זיך גופא". לויט מיין מיינונג נאָך, פאַלט צונויף די שיידונגס־ליניע צווישן אָט די צוויי ממשלות מיט די גרענעצן פון דעם קולטור־מינימום. פון דער זייט גרענעץ — די „ממשלה פון נויטווענדיקייט": די אָבליגאַטאָרישע קאָמוניסטיש־צענטראַליסטישע אַרבעט אין די אַרבעטס־אַרמייען, אין דעם משך פון דער געזעלשאַפטלעך נויטווענדיקער דינסט־צייט, פון יענער זייט גרע־נעץ — „די ממשלה פון פרייהייט": די אַבסאָלוט פרייע זעלבסט־באַשטימונג און איניציאַטיווע פון דעם יחיד, מיט זיינע „אינטער־אינדיווידועלע" אָפּמאַכונגען (לויט אבא גאָרדינס טערמינאָלאָגיע), פאַר דער גאַנצער לעבנסצייט פון זיין באַוואוסטזיניקן לעבן.

ד) עס זיינען דאָ צוויי אידעאַלן, וואָס זיינען תמיד געווען טייער דעם סאָציאַליזם. דאָס איז: 1) „גליק פאַר אַלעמען" און 2) „די מעג־

לעכסט אַלזײטיקע אַנטװיקלונג פֿון דעם אינדיװידואום, פֿיזיש, מאָראַליש, עסטעטיש און אינטעלעקטועל״. די פֿאַרװירקלעכונג פֿון אָט די צװײ אידעאַלן קאָן ניט נעמען אױף זיך די געזעלשאַפֿט װי אַ גאַנצעס; זי קאָן זײ ניט אַרױפֿצװינגען אױף דעם יחיד, װײַל זײ זײַנען צו אינדיװידועל און סוביעקטיװ. נאָר רודימענטן און אַלגעמײנע פֿאַר־גרײטונגען זײַנען דערגרײכט געװאָרן אין דער פֿאַסנדיקער קינדער דערציִאונג. דאָס שטרעבן צו זײ מצד דערװאַקסענע מוז דעריבער איבערגעלאָזן װערן צו דער „ממשלה פֿון פֿרײַהײט״. אָבער די „ממשלה פֿון גוטװעגדיקײט״ באַשאַפֿט דעם פֿאַרבאַדינג צו אַזאַ שטרעבן. פֿאַר־זיכערט מיט שפּײַז, קלײדונג, װאױנונג, געזונט און עלעמענטאַרער ביל־דונג אױפֿן גאַנצן לעבן — אין אַ רײַכלעכער מאָס און אונטער מענטש־לעך חשובֿע באַדינגונגען — קאָן יעדער — „אײנינקער אַלײן״ אָדער מיט װעמען ער װיל — אַרבעטן אױף דער אױסבילדונג און אױספֿײַנע־רונג פֿון זײַן אײגענעם מענטשלעכן מהות און אָנפֿילן זײַן נשמה מיט יענע טעטיקײטן און געניסונגען דורך װעלכע ער װיל דערגרײכן זײַן „גליק״.

ה) די דורכפֿירונג פֿון אָט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל — דער אַלגעמײנער, בערך קורץ טערמיניקער אַרבעטס־פֿליכט צוליב אַ קולטור־מינימום פֿאַר אַלעמען — קאָן מען זיך פֿאַרשטעלן אױף פֿאַרשײדענע אופֿנים: פֿרידלעכע און רעװאָלוציאָנערע. זײ געהערן צו אַ גאַנץ באַ־זונדערן „אני מאמין״. דאָ זאָל נאָר אָנגעמערקט װערן, אַז צו דער דאָזיקער דורכפֿירונג איז בשום אופֿן ניט נײטיק, מענטשן זאָלן שטײן אױף אַ װאָסער עס איז העכערן מאָראַלישן ניװאָ אײדער דער איצטיקער. אַ קורץ טערמיניקער אַרבעטס־טאָג, װאָס גיט דעם „אױסגעדינטן״ אַ זיכערע לעבנס־רענטע, פֿאַרלאַנגט פֿון קײנעם ניט קײן „מסירות נפֿש״, אַפֿילו ניט קײן העכערן גראַד פֿליכט־געפֿיל און אַלטרואיזם, אײדער דער, װעלכן מיר טרעפֿן טאָג־טעגלעך אָן בײַ די מאַסן.

דאָס איז, בתכלית הקיצור, מײַן „סאָציאַליסטישער אני מאמין״, װעלכן איך האָב צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט אין די „סאָציאַליסטישע מאָנאַטס־העפֿטן״ פֿון דעם יאָר 1899, נאָך אײדער ס׳איז אַרױס באַלאַדס בוך. איך װינטש די לײענער צו דערלעבן זײַן פֿאַרװירקלעכונג.

1932

# דער אויפקום פון דעם אַריסטאָטע־לישן פעריאָד אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע

## הקדמה

דער אַריסטאָטעלישער פעריאָד אין דער יידישע רעליגיעזער פילאָסאָפיע האָט, ווי באַקאַנט, געשפּילט אַ געוויסע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פילאָסאָפישן געדאַנק, און דעם באַדייט פון יענער ראָליע האָט די וויסנשאַפט שוין לאַנג צוריק אָפּגעשאַצט. אמת, ניט אומעטום באַגעגענען מיר אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פון דעם דאָזיקן באַדייט. דאָס טיפערע אויסשטודירן די דענקער פון אָט דעם פעריאָד וועט, אָן ספק, אַריינטראָגן ערנסטע תיקונים אין די איינגעשטעלטע בליקן אויף דער קראַפט, אויף דער טיפקייט און אויף דער אָריגינאַליטעט פון געדאַנק ביי דעם אָדער יענעם פאָרשטייער פון דאָזיקן פעריאָד, אָדער אויף דער מאָס פון זיין אומ־דירעקטער אָדער דירעקטער השפעה אויף דעם אָדער יענעם פון די אייראָפּייאישע דענקער. — אָבער, בכל אופן, איז קיינער ניט מחולק דעריין, אַז דער יידישער אַריסטאָטעליזם איז אַ וויכטיקער רינג אין דער אַנטוויקלונגס־קייט פון דער וועלט־היסטאָרישער קולטור, און אַז מען מוז אים אויסשטודירן, כדי צו קריגן אַ ריכטיקן בליק אויף דער גאַנצער קייט פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג אין אייראָפּע.

אָבער דער באַדייט פון דעם יידישן אַריסטאָטעליזם ווערט ניט אויסגעשעפּט מיט דער ראָליע פון אַן עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער אַנטוויקלונג, — אַן עפּיזאָד אַפילו אַ וויכטיקן, אָבער לפי ערך דאָך אַ קליינעם. פאַר אונדז, יידן, האָט דער דאָזיקער פעריאָד אַן אומגעהויערן באַדייט ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר אַן עפּאָכע, ווען אונדזער פאָלק האָט גע־שאַפן אויפן פילאָסאָפישן געביט מער ווי אין וואָסער עס איז אַנדערער

צייט, — ביז צו דעם נייַנצענטן יאָרהונדערט, נאָר אויך דערפאַר, וואָס אין אָט דעם פּעריאָד האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן ווי אין אַ קנופּן־צענטער, אַלע נערוון, וואָס האָבן געבראַכט אין באַוועגונג די געשיכטע פון יידן אין גלות; דערפאַר, וואָס אין אים זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַלע סתירותדיקע טענדענצן, וועלכע האָבן געהערשט און הערשן נאָך עד היום אין דעם היסטאָרישן לעבן פון יידישן פאָלק: די צענטראַלע פראַגע, וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך די דענקער פון יענעם פעריאָד, איז נאָך עד־היום ניט אָראָפּגענומען פון טאָג־אָרדענונג, אָדער ריכטיקער, ווערט ערשט איצט ווידעראַמאָל ערנסט געשטעלט אויף אונדזער היסטאָרישן סדר־היום.

די דאָזיקע פראַגע לייענט זיך אַזוי: צי איז מעגלעך און ווי אַזוי איז מעגלעך דער קיום פון יידישן פאָלק אין גלות אויף אַזוינע יסודות, וואָס זאָלן ניט גיין להיפּוך צו דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור?

די דאָזיקע פראַגע איז ניט אַלע מאָל פאָרמולירט געוואָרן דירעקט דורך די דענקער, וואָס אינטערעסירן אונדז, אָבער זי איז אומעטום געווען יענע באַהאַלטענע שוואונג־ראָד, וואָס האָט געבראַכט אין באַוועגונג דעם גאַנצן סכום קאָמפּליצירטע און פאַרפּלאָנטערטע, רעליגיעזע און פילאָסאָפישע פּראָבלעמען.

אגב איז נויטיק צו באַמערקן, אַז זי איז געווען און געבליבן די צענטראַלע פראַגע פון גאַנצן היסטאָרישן לעבן פונעם יידישן פאָלק, אָנגעהויבן מיט דער עפּאָכע, ווען מיר האָבן זיך צונויפגעשטויסן מיט דער גריכיש־רוימישער וועלט, ביז אין אונדזערע טעג. אַלע פּאַסירונגען און שינויים אין דער יידישער גייסטיקער געשיכטע זיינען דעם צוזאַמענשטויס מיט דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציע זיינען נאָר איינצלנע עפּיזאָדן פון איין און איינציקער דראַמע: דער געראַנגל פון יידישן פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג און וויַיטערדיקער אַנטוויקלונג.

דאָ איז ניט דאָס אָרט בפּרטיות פאַנאַנדערצעוויקלען, דערקלערן און דערווייזן די דאָזיקע גרונט־הנחה פון דער געשיכטס־פילאָסאָפיע פון יידישן פאָלק אין דער דיאַספּאָראַ. אַ בפּרטיותדיקע שילדערונג פון דעם ענין קאָן דער לעזער געפינען אין מיין רוסישן ווערק: „געדאַנקען וועגן דעם היסטאָרישן גורל פון יידישן פאָלק״ [1], וואָס איז אַרויס מיט

1) מאָסקווע, 1887.

אַ יאָר 43 צוריק. ווי פאַרעלטערט און ווי נאַאיוו עס זיינען ניט געווען געוויסע פּרטים אין די דאָזיקע „געדאַנקען", איז זייער גרונט־הנחה, דוכט זיך מיר, ריכטיק נאָך ביז אויף דעם היינטיקן טאָג: דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אָנערקענט פאַר אַ גרויס פאָלק, וואָס האָט געפונען דעם אמת פון לעבן, און מיט אַלע מיטלען און כוחות, טיילווייז אומ־באַוואוסטזיניק, אָבער נאָך מער באַוואוסטזיניק, ראַנגלט עס זיך פאַר זיין קיום. אין אָנהייב ווענדט עס זיך צו דער הילף פון פיזישער קראַפט, אין דער האָפענונג דורך אַ ריי אויפשטאַנדן אַראָפּצוּוואַרפן דעם פרעמד־לענדישן יאָך. אָבער, געליטן אַ מפּלה אין פיזישן קאַמף, רינגלט זיך דאָס יידישע פאָלק אַרום מיט אַ גייסטיקער אַטמאָספערע פון תלמודיזם און רבניזם, בינדט צונויף זיין היסטאָרישן גורל מיט אַ באַשטימטן גלויבן אין אַ נסים־ונפלאותדיקער גאולה מיט דער הילף פון אַן איבערנאַטירלעכן משיח און בכן מיט אַ וועלט־באַנעם, וואָס האַלט בכלל, אַז נסים זיינען מעגלעך. עס פאַרשליסט זיך אין דעם דאָזיקן גייסטיקן שאָלעכץ זיינעם, וואָס אַ פרייער און קריטיש־דענקנ־דיקער פערזענלעכקייט איז שווער אין אים צו אָטעמען. די דאָזיקע פערזענלעכקייט שטרעבט אַרויסצורייסן זיך פון אָט דער פאַרשטיקטער אַטמאָספערע פון תלמודישע און רבניסטישע תקנות אַמאָל דורך משיחישע באַוועגונגען, וואָס וואַרפן פון זיך אַראָפּ די קייטן פון תלמוד, ווי אַ מיטל, וואָס האָט אָפּגעדינט זיין דינסט און איז איבעריק געוואָרן; אַמאָל דורך פּשרות מיטן פּראָגרעסירנדיקן געדאַנק פון דער מענטש־הייט, וואָס ענדיקן זיך אַלע מאָל מיט אַ מפּלה, וואָס רופן אַלע מאָל אַרויס אַ שטאַרקע רעאַקציע מצד דעם פאָלק. דאָס פאָלק פילט, אַז אַן פעסטע גאַראַנטיעס פון אַ פרייען און זעלבסטעטיקן נאַציאָנאַלן לעבן וועט עס אָן דעם תלמוד און דעם „שולחן ערוך" ניט קאָנען בלייבן לעבן אין גלות, ווי אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם. אַלע אַזעלכע פּשרות האָבן געפירט מער ניט דערצו, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך נאָך שטייפער איינציען אין דעם שטאָלענעם קאָרסעט פון זיינע רעליגיעזע תקנות און מנהגים: עס זאָל נאָך מער פאַרקריכן אין דער פאַנאַטישער וועלט פון איבער־נאַטירלעכע מיסיעס און האָפענונגען; זאָל נאָך מער פאַרנעפּלען דעם פאַרשנדיקן געדאַנק מיט טעאָסאָפישע פּלפּולים און פאַרטעמפּן דאָס אומרואיקע האַרץ מיט רעליגיעזן עקסטאַז. און ווער עס האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן אַזאַ לעבן, יענער האָט געמוזט זיך אינגאַנצן אָפּרייסן פון זיין פאָלק.

כל זמן פאַרן יידישן געדאַנק איז נאָך פאַרבליבן אַ האָפענונג אויף

נסים און אויף אַן איבערנאַטירלעכער גאולה, האָט ער כסדר פאַר־טיידיקט די נאַציאָנאַלע יסודות פון זיין לעבן. אָבער זינט דער אויפ־קלערונג פון 18טן און 19טן יאָרהונדערט זיינען די האָפענונגען אויף משיחן און דאָס לעבן אונטערן תלמודישן פּרעס געוואָרן אוממעגלעך פאַר מענטשן, וואָס שטייען אויף דער הויך פון דער בילדונג פון זייער צייט. און מיט דעם פאַרשווינדן פון יענער האָפענונג איז באַלד געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן צונויפגיסן דאָס יידישע פאָלק מיט די אַנדערע פעלקער, וועגן ליקווידירן איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיין היסטאָריש לעבן, ווייל עס איז ניט ביכולת ניט אומקערן זיך צוריק אין זיין לאַנד, דאָס הייסט, פאַרווירקלעכן זיין משיחישן אידעאַל מיט זיינע אייגענע כוחות, ניט געפינען קיין אַנדערע, ראַציאָנאַלערע יסודות פון נאַציאָנאַלן לעבן אין גלות, — יסודות, וועלכע זאָלן ניט גיין להיפוך צום שכל און צו יענעם אמת פון לעבן, וואָס מיט אים איז אונדזער פאָלק אַוועק אין גלות און אים איינגעגאַנצן אויסגעבראַכט אין גערעַנגל פאַר זיין קיום.

„אויב די אַכצנהונדערטיאָריקע עפּאָכע פון תלמוד האָט אויס־געאַרבעט אַן איבערצייגונג, אַז דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון די יידן אין גלות איז מעגלעך בלויז אויפן יסוד פון רעליגיעזער איינגעשלאָסנקייט און אָפּגעזונדערטקייט, איז דער סך הכל פון דער גאַנצער טעטיקייט פון די אַזוי גערופענע בערלינער משכילים באַשטאַנען אין איין הוספה צו דער אויבנדערמאָנטער איבערצייגונג, אַז דאָס פּראָגרעסיווע לעבן פון יידן פאַרלאַנגט, זיי זאָלן זיך צונויפגיסן מיט די אַרומיקע פעל־קער״ [2]).

זינט יענע שורות זיינען אָנגעשריבן געוואָרן, האָט זיך אַ סך געענדערט אין יידישן לעבן. וועגן אַ פולער ליקווידאַציע פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן זיין איז שוין איצטער שווערלעך צו רעדן. אין דער צווייטער העלפט פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט איז די העגעמאָניע איבער דעם היסטאָרישן גורל פון יידישן פאָלק אַריבערגעגאַנגען צו דער רוסיש־יידישער אינטעליגענציע, און דער שאַרפער איבערבראָך אין איר גייסטיקן לעבן, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט סוף אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, לאָזט מער ניט איבער קיין שום ספק, אַז איר דעוויז איז געוואָרן — די היסטאָרישע זעלבסטשטענדיקייט פון יידישן פאָלק. אין וואָס פאַר אַ טערמין עס זאָל זיך ניט אויסגיסן די

2) „געדאַנקען וועגן היסטאָרישן גורל״ (רוסיש), זייט 110.

עראַ פון זעלבסטשטעטיקייט, ווי פאַרשיידנאַרטיק עס זאָלן אויך ניט זיין די ענד־צילן, וואָס שטעלן זיך פאַר איר, — איינס איז קלאָר: מהיום והלאה קאָן מען שוין מער ניט רעדן וועגן דער ליקווידאַציע פון יידישן היסטאָרישן לעבן, נאָר וועגן דער ליקווידאַציע פון דעם ביינצנהונדערטיאָריקן פעריאָד זיינעם, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן: „דער תלמודיש־משיחישער".

דער אַריסטאָטעלישער פעריאָד פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע איז טאַקע יענער פעריאָד אין דער תלמודיש־משיחישער עפּאָכע, ווען די יידישע אינטעליגענציע מאַכט דעם לעצטן און גראַנ־דיעזסטן פרואוו — גובר צו זיין דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק פון דער צייט, וואָס איז אַזוי פיינטלעך צום תלמודישן משיחיזם, איינצוזעמען אים, אַנטוואָפענען, אָנטאָן אַ צוים אויף אים און צווינגען אים צו דינען דעם זעלביקן תלמודישן משיחיזם.

דער דאָזיקער פרואוו האָט זיך געענדיקט, ווי באַוואוסט, מיט דעם דורכפאַל פון דעם אַריסטאָטעליזם און מיט דעם נצחון פון דער קבלה...

אָט דאָס איז, לויט מיין מיינונג, דער שטאַנדפּונקט, וואָס אויף אים דאַרף מען זיך שטעלן, כדי פולקאָם זיך צו אָריענטירן אין יענער אידייען־שטרעמונג, וואָס איז פאַרבונדן דער עיקר מיטן נאָמען פון רמב"ם, און אין יענעם אידייען־געראַנגל, וואָס אָט די שטרעמונג האָט אַרויסגערופן אין יידישן פאָלק.

## 1

די הייגטצייטיקע און די מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע פילאָסאָפיע. — יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע. — קאָנסערוואַטיווע און פּראָגרעסיווע רעליגיעז־פילאָסאָפישע שטרעמונגען. — אַריסטאָטעליזם און יהדות. — דער רמב"ם וועגן זיין שייכות צו זיינע פאָרגייער. — אַ היסטאָרישער פּאַראַדאָקס.

ווער עס נעמט זיך שטודירן דעם אַריסטאָטעלישן פעריאָד פון דעם אָנגעוויזענעם שטאַנדפּונקט, מוז קודם כל זוכן אַן ענטפער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס האָט דער יידישער רעליגיעז־פילאָסאָפישער געדאַנק מיטאָמאָל דערפילט אַזאַ סימפּאַטיע צו אַריסטאָטעלס פילאָסאָ־פישער שיטה, וואָס איז אַזוי פרעמד דעם יידישן גייסט?

מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסן, אַז דער יידישער אַריסטאָטעליזם איז ניט געווען די איינציקע פאָרם, וואָס אין איר האָט זיך אויסגעגאָסן דער פילאָסאָפישער געדאַנק פון דער יהדות. נאָך פריער, איידער אַריסטאָטעל איז געוואָרן פאַר אונדז דער אַבסאָלוטער אויטאָריטעט אין רייך־פאָלאָסאָפישע פראַגן, זיינען שוין ביי די אַראַבישע און שפאַנישע יידן געווען דענקער, וואָס האָבן געפרואווט צונויפגיסן די יידישע רעליגיעזע מיט די פילאָסאָפישע סיסטעמען, וועלכע האָבן צו איר בעסער געפאַסט, און זייער פרואוו איז געווען אַ גאַנץ געראָטענער.

אונטער דער השפעה פון די ווערק פונעם קאַראַאימישן דענקער, בנימין נהונדי (נאַהאַוועגדי) האָט רב סעדיה גאון דער ערשטער געפרואווט פאַראייניקן די רעליגיעזע עיקרים און די גרונט־הנחות פון דער יהדות מיט די אָדער מיט יענע פילאָסאָפישע אָנשויאונגען, — דער עיקר, מיט די טעאָריעס פון די נעאָ־פלאַטאָניקער. דערמיט האָט ער געמאַכט אַ התחלה פאַר אַ גאַנצער צאָל יידישע דענקער, וואָס זיינען געגאַנגען אין זיינע טריט און האָבן אויף לאַנג פאַרזיכערט די ממשלה פון די נעאָ־פלאַטאָנישע אידייען איבער דעם יידישן געדאַנק. סך הכל אַ וואָסערע פופצן יאָר פריער איידער עס באַווייזט זיך דער ערשטער אַריסטאָטעליקער, ר׳ אברהם אבן־דאוד דער עלטערער (הראב״ד הראשון), האָט דער רב פון סאַראַגאָסע, ר׳ יוסף אבן־צדיק, אין זיין ספר „עולם קטן״ (מיקראָקאָסמאָס) פאַרענטפערט די געווינלעכע פראָבלעמען פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע דורכאויס אין גייסט פונעם נעאָ־פלאַטאָניזם, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט איבער אונדזער געדאַנק. און אין משך פון די צוויי יאָרהונדערטער, וואָס זיינען אַוועק פון רב סעדיה גאון ביז רבי יהודה הלוי, האָבן די נעאָ־פלאַטאָנישע אידייען, ווי עס האָט געדוכט, זיך אַזוי צונויפגעשמאָלצן מיט דער יידישער רעליגיע, אַז הלוי, אָט דער שאַרפסטער דענקער פון דער פאַר־אַריסטאָטעלישער צייט, וואָס האָט פאַרענדיקט יענעם פעריאָד מיט קאַמף אַנטקעגן אַריסטאָטעלן, — רופט אָן נאָר אַריסטוס שיטה „פילאָסאָפיע״, בעת דעם נעאָ־פלאַטאָניזם פון זיין צייט האַלט ער שוין פשוט פאַר אַ יידישער רעליגיעזער טראַדיציע.

און אָט, אין אַ וואָסערן פערטל יאָרהונדערט אַרום, נאָכן דערשיינען פון הלויס פילאָסאָפישן חבור „כוזרי״, טרעט אַרויף אויף דער סצענע ר׳ אברהם אבן־דאוד מיט זיין „אמונה רמה״, וואָס רייסט שאַרף

איבער מיט דער גאַנצער נעאָ־פּלאַטאָנישער ריכטונג; בייסיק און אָן רחמנות פּאָלעמיזירט ער קעגן דעם קאָנסעקווענטסטן דענקער פון יידישן נעאָ־פּלאַטאָניזם, ר׳ שלמה אבן־גבירול, פּראָקלאַמירט אַריסטון פאַרן איינציקן אויטאָריטעט פונעם פילאָסאָפישן געדאַנק און לייגט אַוועק דעם יסוד פאַר אַ נייער שיטה.

ס׳איז קלאָר, אַז דער נעאָ־פּלאַטאָניזם האָט שוין מער ניט באַ־פרידיקט די גייסטיקע פאָדערונגען פון דענקענדיקן יידנטום. וואָס איז אָבער געווען די סיבה דערפון, וואָס מען איז ניט געווען באַפרי־דיקט מיט די גרויסע אויפטוען פון דער פריערדיקער תקופה? פון וואַנען האָט זיך מיט אַמאָל גענומען אָט די אומגעריכטע און אין פלוג אומפאַרשטענדלעכע ליבשאַפט צו אַריסטוס פילאָסאָפיע?

כדי טיפער אַריינצודרינגען אין דער דאָזיקער פראַגע, איז נויטיק צו האָבן אין זינען נאָך אָט וואָס.

די יידישע פילאָסאָפיע איז דורכאויס אַ רעליגיעזע פילאָסאָפיע, נאָך מער: זי איז — אַ מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע פילאָסאָפיע. די מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע פילאָסאָפיע אונטערשיידט זיך אין תוך פון דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע פון דער היינטיקער צייט, הגם אין אַלע רעליגיעז־פילאָסאָפישע שיטות, אויך פון דער נייער צייט, גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם איין־און די זעלביקע טענדענץ. זי קאָן אויסגעדריקט ווערן מיט די ווערטער פון קאַנט: אַרומגרענעצן דאָס פעלד פון וויסן, כדי צו געפינען אָן אָרט פאַרן גלויבן; דערצו נאָך האָט דער עצם באַגריף: „גלויבן״ פאַרן היינטצייטיקן געדאַנק אַ לגמרי אַנדער טייטש, איידער יענער, וואָס די דענקער פון מיטלאַלטער האָבן אַריינגעלייגט אין דעם דאָזיקן וואָרט.

די היינטצייטיקע רעליגיעזע פילאָסאָפיע פאַרשטייט אונטערן וואָרט „גלויבן״ — אַ פרייע אינדיווידועלע רעליגיעזע השגה, וואָס הויבט זיך אויף אַזוי הויך איבער דער וועלט פון עמפּירישן זיין און דער עמפּירישער דערקענטעניש, אַז זי קאָן קיינמאָל ניט קומען אין קיין קאָנפליקט מיט דעם אָדער יענעם געזעץ אָדער דערשיינונג פון דערווירקלעכער, רעאַלער וועלט, ד. ה. פון דער וועלט, וואָס איז צו־טריטלעך פאַר אָבסערוואַציע און דערפאַרונג.

דער גאַנצער אויפגעזאַמלטער און וויסנשאַפטלעך־באַאַרבעטער מאַ־טעריאַל פון פאַקטישן וויסן, אַלע נאַטור־וויסנשאַפטן, גייען אינגאַנצן אַריין אין דער דאָזיקער השגה, באַקומען אַ נייע פאָעטישע באַלייכ־טונג, וואָס דערהויבט די נשמה, אָבער אויף קיין איין אַטאָם פון דער

וויסנשאַפט וויל מען ניט מותר זיין צוליב דער דאָזיקער השגה: פּרינציפּיעל, לכל הפּחות, טאָר מען ניט מותר זיין. דאָס איז דער טיף רעליגיעזע פילאָסאָפיע, וואָס קאַנט האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דעם היינטוועלטיקן געדאַנק.

די מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע פילאָסאָפיע אָבער פאַרשטייט אונטער „גלויבן" ניט דעם אינדיווידועלן רעליגיעז־פילאָסאָפישן געבוי, וואָס שוועבט איבער דער וועלט און באַלייכט זי מיט זיינע שטראַלן. באַפאַרבענע אין אַ באַשטימטן קאָליר, נאָר אַ סיסטעם פון גלויבונגען, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן בירושה פון די אָבות, ווי אַ צוואה, — אַ סיסטעם פון גלויבונגען, וואָס מישן זיך אַריין אויף יעדן שריט און טריט אין עמפּירישן לעבן: אַ גאַנצן דיקטאַטאָרישן סיסטעם פון צערעמאָניעס, מנהגים און דינים, וואָס רעגולירן דעם טאָג־טעגלעכן לעבנס־שטייגער. אַט די סיסטעם טרעט אַריין אַזוי אַרום צו אָפט אין אַ קאָנפליקט מיט די עמפּירישע אָבסערוואַציעס, מיט דער רעאַלער דערפאַרונג און מיט די דירעקטע באַדערפעני‌שן פון די מענטשן. ער שטערט דער פרייער, אָביעקטיווער אויספאָרשונג פון די ערשטע און דער נאַטירלעכער באַפרידיקונג פון די לעצטע. די מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע פילאָסאָפיע דאַרף מען ריכטיקער אָנרופן קאָנפעסיאָנעלע פילאָסאָפיע.

אין דער היינטיקער רעליגיעזער פילאָסאָפיע איז די עובדא פון קריטישן געדאַנק קודם כל צו דערוויי‌זן די מעגלעכקייט פון אַן איבערחושימדיקער טראַנסצענדענטער וועלט, די מעגלעכקייט פון אַ געטלעכן יסוד אין די וועלט־דערשיינונגען. דערביי דאַרף דאָס „וויסן" זיין באַגרענעצט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל עס טרעט אַליין אַריבער די אייגענע נאַטירלעכע גרענעצן פון דערפאַרונג און אָבסערוואַציע. ניט דאָס עמפּירישע וויסן, און אַפילו ניט יענס וויסן, וואָס איז וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט, ווערט אַרומגעשניטן, נאָר בלויז יענע מעטאַפיזישע אָנוואוקסן זיינע, וואָס אין באַשטימטע תקופות באַשטייען זיי פון מאַטעריאַליסטישע אָדער פאַנטעאיסטישע טעאָרעמעס. די היינטיקע רעליגיעזע פילאָסאָפיע שניידט אָפּ בלויז די דאָזיקע אָנוואוקסן, שאָבט אַראָפּ פון דער וויסנשאַפט אַלע שפורן זייערע, כדי אויף זייער אָרט אוועקצושטעלן אַן אַנדער מעטאַפיזיק, וואָס טרעט באַוואוסטזיניק אַרויס דווקא ווי אַ מעטאַפיזיק, וואָס איז נויטווענדיק ווי אַ צוגאָב צו דעם באַשיידענעם, וויט ניט אַלץ אַרומנעמענדיקן קרייז פון שטרענג קאָנטראָלירטן וויסן.

אין מיטלאַלטער אָבער האָט אַפילו דעם גרעסטן דענקער קוים געקאָנט איינפאַלן, מסופּק צו זיין אין דער רעאַלער עקזיסטענץ פון אַן איבערחושימדיקער וועלט, און, בהסכם דערמיט, האָט מען אונ־טער „גלויבן" פאַרשטאַנען ניט די היפּאָטעטישע מעגלעכקייט פון אַ געטלעכן וועלט־סדר בכלל, נאָר די לערע וועגן אַן אַפּאָדיקטיש־בלי־ספקדיקער עקזיסטענץ פון אַ באַשטימטן גאָט, פון אַ באַשטימטן וועלט־סדר, פון אַ באַשטימטער סיסטעם עיקרים, פון אַ באַשטימטער רע־ליגיעזער פּראַקטיק. אַזאַ „גלויבן", וואָס איז מער אַן איליוזאָרישער וויסן, איידער אַ גלויבן און — וואָס איז שווער באַלאָדן מיט אַן אַ שיעור גלויבונגען און מצוות, — שטיקט אין זיינע אָרעמס דאָס גאַנצע מענטשלעך־מעגלעכע וויסן דאָרט, וואו אָט דעם „גלויבן" איז געגעבן אַן אומבאַגרענעצטע הערשאַפט איבער דעם מענטשלעכן שכל. אָט פאַרוואָס די רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון מיטלאַלטער איז דורכגע־דרונגען מיטן שטרעבן ניט נאָר אָפּצורייניקן אין „וויסן" אַן אָרט פאַר רעליגיע, נאָר נאָך מער אויך מיט אַ פאַרקערטן שטרעבן, כאָטש אַ האַרעלע צו באַגרענעצן די אמונה, כדי איינצונעמען פאַר דער פרייער פאָרשונג און וויסן כאָטש אַ ברעקל אָרט לעבן דער אמונה און אונטער איר אויבערהאַרשאַפט.

די דאָזיקע צוויי טענדענצן פון דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע פון מיטלאַלטער, — די טענדענץ צו פאַרטיידיקן דעם גלויבן און פאַרט צו באַגרענעצן דעם גלויבן צוליב דעם ראַציאָנעלן דענקען, ווי ווידער־אַנאַנדיק זיי זאָלן אויך ניט זיין לויט זייער מהות, קאָנען פונדעסט־וועגן אַרומגענומען ווערן מיט איין־און דערזעלביקער פאָרמול: מאַכן שלום צווישן שכל און דת.

אין דערזעלבער רעליגיעזער פילאָסאָפיע — אָדער, ריכטיקער, קאָנפעסיאָנעלער פילאָסאָפיע — איז פאַראַן אָבער נאָך אַ דריטע טענ־דענץ, וואָס איז אין סתירה צו אָט די צוויי. דאָס איז — יענע ריכ־טונג פון געדאַנק, וואָס איז פיינטלעך קעגן יעטוועדער פילאָסאָפיע, קעגן יעדן פּרואוו צו לעבן און דענקען לויטן אייגענעם שכל. אַזאַ קאָנפעסיאָנעלע פילאָסאָפיע וויל מיט דעם געצייג פונעם שכל גראָבן אַ קבר פאַר אים גופא. דער טיפּסטער און טאַלאַנטפולסטער פאַר־שטייער פון דער דאָזיקער ריכטונג אין דעם מיטלאַלטער איז אפשר געווען דער אַראַבישער דענקער אַל־גאַזאַלי (1059־1111), וואָס וועגן אים האָט איבן־ראָשד געזאָגט, אַז אַלע זיינע פילאָסאָפישע ידיעות האָט

ער אָנגעווענדט דערויף, כדי „אַ קער צו טאָן די כלי־זיין אַנטקעגן די, ביי וועמען ער האָט זיי גענומען״ [3]). אין זיין אָנפאַל אויף אַל־גאַזאַלין קאַרגט ניט איבן ראָשד מיט קיין מער אָדער ווייניקער באַליידיקנדיקע עפּיטעטן. עס לאָזט זיך אַרויסהערן פון זיי אַ גאוהדיקער ראַציאָנאַליזם, וואָס האָט כלומרשט אין קעשענע דעם אַבסאָלוטן אמת און וואָס קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלן, אַז מענטשן מיט איין־און די זעלביקע ידיעות ווי ער, באַשאָנקען מיט דער זעלביקער ליבשאַפט צום אמת ווי ער, זאָלן קאָנען מסופק זיין אין דער קראַפט פון שכל צו פאַרענטפערן די אייביקע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן געדאַנק, בעת זיי זיינען שוין פאַרענטפערט, און איטלעכער, וואָס איז נאָר מסוגל צו דענקען, קאָן נעמען די דאָזיקע אַבסאָלוט־ריכטיקע ענטפערס און באַנוצן זיי, אַזוי ווי אים איז וואויל געפעלן.

אַל־גאַזאַלי האָט געהאַט אַן אומגעהויערע השפעה אויף די יידישע דענקער: ניט בלויז אויף יהודה הלוי און אַ סך שפּעטער אויף חסדאי קרשקש (קרעסקאַס), וואָס זייערע טענדענצן זיינען מער אָדער ווייניקער נאָענט דעם עצם גייסט פון אַל־גאַזאַליס דענקען, דעם גייסט פון סקעפּטיציזם בנוגע דער פילאָסאָפיע און פון הייסן גלויבן בנוגע דער טראַדיציע, — נאָר אַפילו אויף די פאַרשטייער פונעם יידישן אַריסטאָטעליזם.

שוין דער דאָזיקער פאַקט אַליין באַווייזט, אַז די פאָרמול: „שלום מאַכן צווישן שכל און רעליגיע״ דאַרף בנוגע דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע ניט פאַרשטאַנען ווערן צו אידיליש. ווי באַלד די רעליגיעזע פילאָסאָפיע נעמט אַרום צוויי ווידעראַנאַנדיקע שטרעבונגען, — באַגרענעצן די טראַדיציע, כדי צו געבן אַן אָרט דער פרייער פאָרשונג, און באַגרענעצן די רעכט פון שכל, כדי צו ראַטעווען די דאָגמעס, — קאָן זי, פאַרשטייט זיך, ניט ציען זיך צו אירעביידע צענטערס מיט דעם גלייכן אימפּעט. אין איין־און דער זעלביקער רעליגיעז־פילאָסאָפישן סיסטעם, אָדער אַפילו אין דער גאַנצער רעליגיעז־פילאָסאָפישער ריכטונג, וועט מוזן האָבן די אויבערמאַכט אָדער די איינע אָדער די אַנדערע פון די דאָזיקע טענדענצן. לויט דעם גראַד, אין וועלכן דער שכל אָדער דער גלויבן שפּילט די ערשטע פידל, דאַרפן די רעליגיעז־פילאָסאָפישע סיסטעמען אָדער ריכטונגען שטרענג איינגעטיילט ווערן אין קאָנסערוואַטיווע און פּראָגרעסיווע, וואָס אונטער־

3) ערנסט רענאַן: „אַווערראָס און דער אַווערראָאיזם״ (פראַנצויזיש), ז. 120.

שיידן זיך איינע פון די אַנדערע, סיי לויט זייער גרונד־טענדענץ, סיי לויט זייער השפעה אויפן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק אין דעם געגע־בענעם פעריאָד.

צום באַדויערן אָדער צום גליק, האָט דער יידישער רעליגיעז־פילאָסאָפישער געדאַנק פון מיטלאַלטער ניט געהערט צו דעם טיף פּראָגרעסיווער ריכטונג. אָנגעהויבן מיט רב סעדיה גאון און גע־ענדיקט מיט ר' יוסף אַלבו, געפינען מיר ניט קיין איין יידישן רע־ליגיעזן פילאָסאָף, וואָס זאָל זיך האָבן פאַרטיפט אין די פילאָסאָפישע פּראָבלעמען פון זיין צייט מיט אַ וואָסער עס איז אַנדער צוועק, אַ חוץ דעם איינציקן: געפינען אַ נייע פאַרענטפערונג פאַר דער רבניסטישער יהדות און אויף אַזאַ אופן דערגרייכן צוויי צילן, וואָס זיינען גלייך טייער פאַר יעדן פאַרשטייער פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָ־סאָפיע: ערשטנס, באַרעכטיקן די הערשנדיקע רעליגיעזע פּראַקטיק, שילדערן אַלע אירע הנהגות, ווי אומפאַרמיידלעכע מסקנות פון יענע גרונט־יסודות, וואָס אויך דער שכל איז געצוואונגען צו רעכענען זיי פאַר אַן אַבסאָלוטן אמת. צווייטנס, באַרעכטיקן און באַפעסטיקן די האָפענונגען פון יידישן פאָלק אויף זיין ליכטיקער צוקונפט, ווייל מען מעג זיך על פי שכל ריכטן, אַז משיח וועט קומען. יענע האָפענונגען זיינען אָבער ענג פאַרבונדן מיט אָפּהיטן אַלע רבנישע דינים, און ממילא איז דער שכל מחייב, אַז מען דאַרף זיך אונטערוואַרפן אונטער זייער געבאָט.

אַפילו אבן־גבירול, וואָס דער ערשטער יידישער אַריסטאָטעליקער, ר' אברהם בן־דאוד, האָט תרעומות צו אים, פאַרוואָס ער האָט גע־פילאָסאָפירט אָן אַ שום אָנווענדונג פון זיינע אידייען אויף דעם גורל פונעם יידישן פאָלק, — אַפילו ער איז ניט קיין אויסנאַם פון דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם כלל: ווען מען רעדט וועגן אבן־גבירולס וועלט־באַנעם און לעבנס־בליק, דאַרף מען זיך ניט באַגרענעצן מיט זיין „מקור חיים", וואָס אים האָט דאָס געהאַט אין זינען אבן־דאָוד. מען מוז דעם אינהאַלט פון זיין הויפּט־ווערק ברענגען אין פאַרבינדונג מיט די אידייען, וואָס ער האָט באַזונגען אין זיין פילאָסאָפישער און נאַציאָנאַלער פּאָעזיע, און דעמאָלט וועט זיך אַרויסווייזן, אַז זיי אַלע פליסן אַרויס פון איין־און דעמזעלביקן „לעבנס־קוואַל" אבן־גבירולס; פון זיין הייסן גלויבן אין דער יהדות און פון זיין אומענדלעכער בענק־שאַפט נאָך משיחן — דעם אויסלייזער פון גלות.

די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע, סיי פון דער נעאָ־פּלאַטאָ־

נישער, סיי פון דער אַריסטאָטעלישער ריכטונג, האָט אויף אַזאַ אופן שטענדיק געהאַט פאַר די אויגן נאָר איין־און־דעם־זעלביקן קאָנסער־וואַטיוון ציל. די אויפגאַבע איז געווען גלייך פאַר ביידע ריכטונגען: דער פועל יוצא, וואָס מ׳האָט געשטרעבט צו אים דערגרייכן, איז גע־ווען אַנגעצייכנט פון פריער: די באַרעכטיקונג פון די גלויבונגען און האָפענונגען פון יידישן טראַדיציאָנעלן געדאַנק. עס איז געגאַנגען נאָר אין דעם, ווי צו געפינען דעם באַקוועמסטן וועג צו דערגרייכן אָט די אַנגעצייכנטע לכתחילה געגעבענע צילן. אָדער ריכטיקער: — די גאַנצע יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע האָט זיך געדרייט אַרום דער ריין היפּאָטעטישער פראַגע: מיט וועלכע וועגן וואָלט דער מענטש־לעכער שכל געקאָנט מיט זיינע אייגענע כוחות דערגרייכן צו יענע הייס געגלויבטע רעזולטאַטן, ווען דאָס יידישע פאָלק וואָלט זיי ניט געהאַט באַקומען אומזיסט פונעם בורא עולם, ווי אַ באַזונדער מתנה פון זיין ליבן נאָמען?

אין דעם דאָזיקן גרונט־שטריך פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע ליגט טאַקע די גאַנצע שווערקייט פון דער אויבנגעשטעל־טער פראַגע: פאַרוואָס האָבן ר׳ אברהם אבן־דאָוד און זיינע נאָכ־גייער געהאַלטן, אַז די נעאָ־פּלאַטאָנישע דרכים טויגן ניט פאַר זייערע צוועקן? דער ניכטערער אַריסטאָטעליזם איז דאָך אַ סך וויניקער צוגעפּאַסט פאַר דער פילאָסאָפישער באַגרינדונג פון דער יידישער טראַדיציע, איידער דער נעפּלהאַפטער מיסטיציזם פון די נעאָ־פּלאַ־טאָניקער. איז פאַרוואָס איז עס די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אַריסטאָטעלישן שטראָם?

די פראַגע, פאַרוואָס די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע איז אַרי־בערגעגאַנגען פון נעאָ־פּלאַטאָניזם צום אַריסטאָטעליזם, האָט באַ־שעפטיקט אַ סך פאָרשער, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט יענער תקופה, און האָט זיי געבראַכט צו פאַרשיידענע ענטפערס.

אייניקע זיינען זיך משער, אַז די ריין־מעטאַדאָלאָגישע מעלות פון דעם אַריסטאָטעליזם לגבי די סיסטעמען פון די נעאָ־פּלאַטאָניקער און פון די נעאָ־פּלאַטאָניזירענדיקע יידישע דענקער, האָבן געצוואונ־גען די ניכטערע מוחות אינעם יידישן פאָלק, צו ווענדן זיך צו אַריס־טאָטעלן, ביי וועמען זיי האָבן געזוכט, ווי מיר וואָלטן איצטער גע־זאָגט, „אַ ווּיסנשאַפטלעכע באַגרינדונג פון זייער פּראָגראַם״.

אַנדערע ווידער געפינען אין אַריסטוס שיטה געוויסע עלעמענטן, געוויסע פילאָסאָפישע הנחות, וואָס האָבן, לויט זייער מיינונג, גע־

דאַרפט צוציען צו זיך מיט אַ באַזונדער קראַפט דעם יידישן, דערהויפּט, דעם טעאָלאָגישן געדאַנק.

וואָס איז שייך די ערשטע מיינונג, איז זי ריכטיק נאָר אין זייער ענגע גרענעצן. די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון דער אַריסטאָטעלישער ריכטונג איז טאַקע געווען פאַרשיידן אין פאָרמעל־מעטאָדאָלאָגישן פּרט פון די פריערדיקע שיטות כמעט אין אַלע טעאָלאָגישע פּראָבלעמען. זי איז דאָך אָבער נאָך שאַרפער געווען פאַרשיידן פון זיי ניט נאָר אין פּרט פון פאָרמולירונג און באַווייז־פירונג, נאָר אויך אין דעם עצם אויספיר און אינהאַלט אומעטום, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגן די פּראָבלעמען פון דער ריינער פילאָסאָפיע און פון דער נאַטור־פילאָסאָפיע.

די פראַגע וועגן דער מעטאָדע פון דער באַווייז־פירונג האָט, אָן ספק, געשפילט זייער אַ וויכטיקע ראָליע ביים אויסקלייבן אַ נייע ריכטונג. אָבער ניט די מעטאָדע אַליין האָט געקאָנט פּסקענען, ווי אַזוי מען דאַרף אָפּשאַצן יענע דרכים, וואָס דורך זיי האָט דער יידישער געדאַנק געזוכט אַ פילאָסאָפישע באַגרינדונג פאַר זיינע באַליבטע עיקרים און גלויבונגען. אַנדערע, טיפערע, איידער ריין־מעטאָדאָלאָגישע סברות האָבן געדאַרפט אַרויסווייזן זייער השפעה לטובת אַריסטאָטעל דאָרטן, וואו צווישן דעם אַריסטאָטעליזם און דעם נעאָ־פלאַטאָניזם האָבן זיך באַוויזן חלוקי־דעות ניט בלויז פון פאָרמעלן כאַראַקטער, נאָר אויך פון מאַטעריעלן.

די צווייטע מיינונג, וואָס זעט איין אין דעם באַשטימטן אינהאַלט פון אַריסטאָטעלס פילאָסאָפיע דעם טעם מספיק פאַר זיין נצחון איבער דעם נעאָ־פלאַטאָניזם, — אַ נצחון, ווי באַוואוסט, אַ צייטווייליקן: דער יידישער געדאַנק האָט זיך שפּעטער אָפּגעטרייסלט פון אַריסטאָן, — אָט די מיינונג פאַרטיידיקט דערהויפּט דר. א. שמידעל אין זיינע „שטודיעס וועגן דער יידישער און באַזונדערס וועגן דער יידיש־אַראַבישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע“ [4]).

שמידעל גיט אָפּ אונדזער פראַגע אַ באַזונדער שטודיע: „וואָס האָט דעם אַריסטאָטעליזם אַזוי פּאָפּולער געמאַכט אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע?“ און די גאַנצע פאָרשונג זיינע איז אויסן צו דערווייזן, אַז אַריסטאָטעלס טעאָלאָגישע מיינונגען זיינען געווען די

4) ד״ר א. שמידעל: „שטודיען איבער יידישע, אינסבעזאָנדערע יודיש־אַראַבישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע“, וויען, 1869.

הויפּט־אורזאַך פון זיין השפּעה אויף דעם יידישן רעליגיעז־פילאָסאָ־פישן געדאַנק.

שוין דאָס אַליין, וואָס די פילאָסאָפיע האָט ביי אַריסטאָטעלן געהייסן „טעאָלאָגיע״, „חקירה וועגן גאָט״, — שרייבט שמידעל, — האָט ביי אַ רעליגיעזן דענקער געדאַרפט אַרויסרופן אַן אמתן כורעים־פאַלן פאַר אַריסטאָטעלן און זיין שיטה״ [5]).

און ווייטער: „צי האָט דען אַזאַ פילאָסאָפיע, וואָס איר שפּיץ ענדיקט זיך מיט דער אַנטשיידנסטער התפּעלות פאַר גאָט Gottes-bewunderung געקאָנט ניט אַרויסווייזן אַ סימפּאַטישע השפּעה אויף אַ יידישן דענקער״? [6]).

ווי שמידעלס מיינונג זאָל, אין פלוג, ניט אויסווייזן צו זיין קרוב לאמת, מוזן מיר זיך לגמרי אָפּזאָגן פון איר מחמת דעם, וואָס זי שטימט לחלוטין ניט מיט די היסטאָרישע פאַקטן.

דער גאָט פון אַריסטו, וואָס האָט די וועלט ניט באַשאַפן, ווייל די וועלט און די „ערשטע מאַטעריע״ זיינען פונקט אַזוי אייביק, ווי ער אַליין; וואָס זאָרגט גאָרניט וועגן דער וועלט, ווייל ער איז פאַר־טיפט אין באַטראַכטן, — ריכטיקער: אין דענקען, — זיך אַליין; וואָס ווייסט אַפילו ניט פון קיין איינציקע וועלט־דערשיינונגען, ווייל אַנדערש וואָלטן זיי געווירקט אויף זיין וויסן, אויף זיין געדאַנק און ער וואָלט אויפגעהערט זיין דער פּרינציפּ פון אַבסאָלוטער „ענערגיע״, פון אַבסאָלוטער זעלבסטעטיקייט, ווי ער דערשיינט אין פילאָסאָפישן געביי פון דעם אַריסטאָטעליזם, — אַזאַ גאָט, לאַ די וואָס ער קאָן ניט צוציען צו זיך די הערצער פון רעליגיעזע דענקער, נאָר ער מוז ווירקן און האָט באמת געווירקט אויף זיי אויפן אָפּשטויסנדיקסטן אופן.

מען דאַרף נאָר דורכלייענען דעם „כוזרי״ פון רבי יהודה הלוי, דעם דאָזיקן צום מיינסט רעליגיעז־געשטימטן פון אַלע דענקער, בכדי צו איבערצייגן זיך אין דער ריכטיקייט פון אונדזער הנחה. דער גאַנצער „כוזרי״ איז דורכגעדרונגען מיט אַנטיפּאַטיע צו אַריסטוס „טעאָלאָגיע״ דווקא דערפאַר, ווייל דער מחבר האָט געפילט די גאַנצע „אומרעליגיעזקייט״, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, פון אַריס־טאָטעלס גאָט־באַגריף. ס'איז ניטאָ קיין איין טעזיס אין „כוזרי״, וואָס

5) דאָרטן, ז' 230.
6) דאָרטן, ז' 264.

זאָל ניט זיין דורכגעזאָפּט מיט דעם דאָזיקן בפירושן עקל צום אַריס־טאָטעלישן גאָט און מיטן שטאָלצן באַוואוסטזיין, אַז דער יידישער גאָט שטייט ניט אין אַן ערך העכער איבער אים. „און אָט איצט זע איך, — זאָגט ער איז איין אָרט, נאָכדעם ווי ער האָט פון דעם אַריסטאָטעליזם געמאַכט אַ באַרג אַש, — וואָס פאַר אַ חילוק עס איז צווישן דעם גאָט פון אברהם און דעם גאָט פון אַריסטו!" [7].

אָבער רבי יהודה הלוי איז אַ נעאָ־פּלאַטאָניקער. לאָמיר הערן, וואָס עס זאָגט אַן אַריסטאָטעליקער. מיר וועלן ברענגען אַ גרויסע ציטאַטע פונעם רמב"ם אַליין, פון יענעם פּרק ע"א פון ערשטן חלק פון זיין „מורה נבוכים", וואָס אויף אים פאַררופט מען זיך אָפט און וואָס אין אים רעדט ער מכח דער שייכות פון זיין שיטה צו די געדאַנקען פון די פאָרגייער.

מיימוני זאָגט: „דאָס ביסל, וואָס דו ווייסט געפינען מכוח דעם שאלה וועגן אחדות (הבורא), און אַלץ, וואָס עס איז אין דעם פּרט געווען באַוואוסט די גאונים און די קראים, איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון דעם אַראַבישן כאַלאַם (הם ענינים לקחום מהמדברים מן הישמעאלים) [8]. אָבער די שפּאַניער, אַנדאַלוזיער פון אונדזער פאָלק, — זיי אַלע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די רייד פון די פילאָסאָפן און זיינען נוטה געווען צו זייערע מיינונגען דאָרטן, וואו זיי האָבן ניט צעשטערט די יסודות פון אונדזער רעליגיע (מה שלא היה סותר פנת דתנו), און דו ווייסט ניט געפינען, אַז זיי זיינען אין אַ וואָסער עס איז פראַגע געגאַנגען אין די וועגן פון „מותאַכאַלימון" (ולא תמצאם שילכו בדבר מדרכי המדברים). דער „מותעזיליזם" און דער „אשאַריאיזם" [9], — דאָס זיינען אַלץ מיינונגען, געבויט אויף די טעאָריעס און פאָר־הנחות, וואָס זיינען גענומען ביי די גריכן און ביי די סיריער און וואָס זיינען אויסן געווען אָפּצופרעגן די מיינונגען פון די פילאָסאָפן און מבטל צו זיין זייערע רייד [10]. פון די מיינונגען פון די ערשטע פילאָסאָפן

---

7) ספר הכוזרי, אַרויסגעגעבן פון קאַסעל, לייפּציג 1869, IV, 16.

8) כאַלאַם (דאָס איז טייטש „רייד") — אַראַבישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע. אירע פאַרשטייער ווערן אָנגערופן „מותאַכאַלימון" און ביי יידן „מדברים" — די רייִדער.

9) אַשאַריאיזם — אַן אָרטאָדאָקסאַלע ריכטונג אין דער אַראַבישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע.

10) אשר השתדלו לחלוק דעות הפילוסופים ובטול מאמריהם. דער רמב"ם איז ניט אינגאַנצן גענוי געווען אינפאָרמירט וועגן די שיטות פון די ראַדיקאַלע פאַרשטייער פון דעם „מותעזיליזם"; די ידיעות וועגן אים האָט ער, משמעות, געשעפּט פון די ווערק פון די קאַראַאימער.

האָבן זיי אויסגעקליבן אַלץ, װאָס דער אויסקלײַבער האָט געפונען פאַר ניצלעך צוליב זײַן ציל, כאָטש די שפּעטערדיקע פילאָסאָפן האָבן שוין געהאַט דערװיזן, אַז דאָס איז פאַלש... די פאַר־הנחות, װאָס די „שרשים״, ד. ה., די מותאַכאַלימון, האָבן אויפגעשטעלט און באַ־גרינדעט ,כדי צו דערװײַזן, אַז די װעלט איז אַ געשאַפענע, פאַר־דרייען דעם סדר פון דער װעלט און װעלט און זײַנען סותר די געזעצן פון דער נאַטור...[11]). איך װעל דיר ברענגען אין דער דאָזיקער אָפּטײלונג אַ פּרק װעגן דעם, אַז די װעלט איז באַשאַפן געװאָרן; איך װעל דיר קלאָר מאַכן געװיסע ראיות, אַז די װעלט איז ניט קיין קדמון, און איך װעל דערגרייכן דעם ציל, װאָס איטלעכער „מותאַכאַלימון״ האָט צו אים געשטרעבט. און איך װעל דערבײַ גאָר ניט מבטל זײַן די נאַטור פון דער מציאות און מחולק זײַן אויף אַריסטון אין אַלץ, אויף װאָס ער האָט געבראַכט אַ ראיה... און איך װעל ניט זײַן גע־צװאונגען אַרײַנצוטרעטן אין אַ געראַנגל מיט די עדות פון אונ־דזערע חושים [12]). איך װעל אויך דערמאָנען די פאַר־הנחות פון די מותאַכאַלימון, װאָס מיט זייער הילף האָבן זיי געװאָלט באַגרינדן די באַשאַפנקייט פון דער װעלט, די עקזיסטענץ פון גאָט, אַז ער איז אַן איינציקער, אַז ער איז ניט קיין גוף... דערנאָך װעל איך ברענגען ענלעכע פילאָסאָפישע פאַר־הנחות (הקרובות בזה) און װעל אויפ־װײַזן זייערע װעגן. אָבער דו דאַרפסט פון מיר ניט פאַרלאַנגען, איך זאָל אין אָט דער אָפּטײלונג דערװײַזן דעם אמת פון די דאָזיקע בקיצור געבראַכטע פילאָסאָפישע פאַר־הנחות, װײַל דאָס איז דער גרעסטער טייל פון די נאַטור־װיסנשאַפטן און פון דער טעאָלאָגיע״ [13]).

יעדער, װאָס װעט מיט אויפמערקזאַמקייט דורכלייענען די דאָזיקע ציטאַטן, מוז קומען אָט צו װעלכע זיכערע מסקנות:

ראשית, שטרעבט דער רמב״ם אין אַלע הויפּט־פראַגן פון דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע צו קומען צו די זעלביקע מסקנות, װאָס צו זיי זײַנען געקומען די מותאַכאַלימון: הן אין דער פראַגע װעגן

11) הקדמות אשר ייסדום ויישבום השרשיים ר״ל המדברים לקיום חדוש העולם יש בהם מהיפוך העולם ושנוי סדרי בראשית.

12) ואגיע אל התכלית אשר השתדל עליה כל מדבר מבלתי שאבטל טבע המציאות ולא אחלוק על אריסטו בדבר ממה שהביא עליו מופת... ולא אצטרך להתגבר על המורגשות.

13) ואל תשאלני בזה המאמר לאמת הקדמות ההם הפילוסופיות אשר אומר לך בקצרה, שזהו רוב חכמת הטבע והאלוהות.

בריאת־העולם, הן אין דער פראַגע וועגן דער עקזיסטענץ, איין־איינציקייט און אָנגופיקייט פון גאָט.

והשנית, איז ער מחולק נאָר אויף די פילאָסאָפישע באַגריינדונגען פון די דאָזיקע פראַגן סיי דערפאַר, ווייל זיי זיינען אָן אַ סיסטעם און עקלעקטיש צונויפגעשטעלט פון באַזונדערע הנחות פון די „פאַרעלטערטע", ד. ה. פון די פאַראַריסטאָטעלישע פילאָסאָפישע סיסטעמעס, סיי דערפאַר, ווייל זיי געפינען זיך אין אַ סתירה צו אַריסטוס שיטה און צו די ראיות פון די נאַטור־וויסנשאַפטן.

דערפון איז געדרונגען, אַז מיימונין האָט צוגעצויגן ניט דער טעאָלאָגישער שפּיץ פון אַריסטאָטעלס פילאָסאָפיע, נאָר איר נאַטור־וויסנשאַפטלעכער באַזיס און די מעטאָדישע איינהייט אין בוי פון דער גאַנצער שיטה. און דאָס אייגענע איז אמת פאַר אַלע דענקער פון יידישן אַריסטאָטעליזם[14]).

עס באַקומט זיך אויף אַזאַ אופן אַזאַ מין טשיקאַווער פּאַראַדאָקס: די לויט אירע טענדענצן קאָנסערוואַטיווע יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע כאַפּט זיך אָן דווקא פאַר דער פּראָגרעסיווסטער זייט פון אַריסטאָטעלס שיטה, פאַר איר נאַטור־וויסנשאַפטלעכער טענדענץ. אַ דאַנק דעם, גרייט זי־צו די גרונט־הנחות פון דער מיטלאַלטערלעכער אייראָפּייאישער סכאָלאַסטיק, וואָס איז לויט איר עצם מהות פיינטלעך דעם פרייען שטודיום פון נאַטור־וויסנשאַפטן...

כדי צו פאַרשטיין די דאָזיקע פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונג, מוזן מיר אַביסל טיפער אַריינדרינגען אין יענע אידייאישע קרעפטן, וואָס האָבן באַהערשט די גאַנצע גייסטיקע אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק אין גלות און וואָס האָבן אויפן בולטסטן אופן זיך אָפּגעשטעלט אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע, סיי פון דער נעאָ־פּלאַטאָנישער, סיי פון דער אַריסטאָטעלישער ריכטונג.

14) ס'איז געוויס נויטווענדיק צו פאַרצייכענען, אַז אויך אין די ריין־טעאָלאָגישע פראַגן, און באַזונדערס אין דער טעאָריע וועגן די אַטריבוטן פון דער גאָטהייט, זיינען די יידישע אַריסטאָטעליקער זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעגאַנגען מיטן מותעזיליזם, אויף וויפיל זיי זיינען מיט אים באַקאַנט געווען. אָבער דער דאָזיקער אָפּנויג פון מותעזיליזם האָט ניט געקאָנט פון פאָרויס באַשטימען די נטיה צו אַריסטון. מ'האָט געקאָנט, פונקט ווי אבן־צדיק, שאַרף קעמפן מיטן מותעזיליזם און אין דערזעלביקער צייט בלייבן אַ רעכטגלויביקער נעאָ־פּלאַטאָניקער. וועגן אבן־צדיק און זיין באַציאונג צום מותעזיליזם און נעאָ־פּלאַטאָניזם, זע: ד. קאופמאַן: „געשיכטע דער אַטריבוטענלערע" (דייטש). דאָרט דעם קאַפּיטל וועגן דעם דאָזיקן דענקער.

## 2

די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער ייִדישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע אין פאַרגלייך מיט דער אַראַבישער. — די סיבות פון אָט דער אָפּגעשטאַנענקייט. — דער טראַגיזם פון דעם ייִדישן פילאָסאָפישן געדאַנק. — פילאָסאָפיע און רעליגיע אין גריכנלאַנד און ביי די ייִדן. — די השפעה פון דעם נאַציאָנאַליזם. — דער „קיום הלאום״, דער רבניזם און די משיחישע באַוועגונגען. — דער וועלטלעכער געדאַנק ביז רב סעדיה גאון. — די נעאָ־פּלאַטאָנישע ריכטונג אין דער ייִדישער פילאָסאָפיע.

ווען מיר באַטראַכטן די רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון דעם ייִדיש־אַראַבישן פּעריאָד אין איר פאַרבינדונג מיט דער געשיכטע פון דעם פילאָסאָפישן געדאַנק ביי די אַראַבער, שטויסן מיר זיך אָן, ביים סאַמע אָנהויב, אויף אַזאַ מין אינטערעסאַנטן פאַקט: די רעליגיעזע פילאָסאָפיע ביי די ייִדן אַנטוויקלט זיך ביז אַ געוויסער מדרגה פּאַראַלעל מיטן אַראַבישן פילאָסאָפישן געדאַנק, אָבער זי שטייט אָפּ פון אים לפי ערך אויף אַ גאַנצן יאָרהונדערט.

אַזוי זיינען די טעאָריעס פונעם מותעזיליזם כמעט אינגאַנצן אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אָנהויב ניינטן יאָרהונדערט. זייערע אָנהויבן געהערן אפילו צום אַכטן יאָרהונדערט. אָבער דער ערשטער פּרואוו מצד דעם רבניסטישן געדאַנק, אויסצובויען אונטער דעם רעליגיעזן סיסטעם פון דער יהדות אַ מותעזיליטישן פונדאַמענט, איז געמאַכט געוואָרן ערשט אין צענטן יאָרהונדערט.

ניט אַנדערש איז אויך געווען מיטן אַריסטאָטעליזם. אויב מ׳זאָל אפילו זיך ניט רעכענען מיט אַזאַ דערשיינונג, ווי דער ערשטער אַראַבישער אַריסטאָטעליקער, אַל־קינדי, וואָס זיין השפעה איז תחילת געווען בלויז אַ פאַרבייגייענדיקע און האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע רעאַקציע אַנטקעגן זיך; אויב מ׳זאָל אין אַראַבישן געדאַנק רעכענען פאַרן אָנהויב פון נאַטור־פילאָסאָפישן און מעטאַפיזישן אַריסטאָטעליזם די ווערק פון אַל־פאַראַבי, איז דער דאָזיקער אָנהויב געווען אין צענטן יאָרהונדערט, און דער אויפבלי פון אַריסטאָטעליזם (אבן־סינאַ) געהערט צום עלפטן יאָרהונדערט. אָבער דער ערשטער פּרואוו מצד דעם ייִדישן געדאַנק, שלום צו מאַכן צווישן יהדות און דעם אַראַבישן אַריסטאָטעליזם, ווערט געמאַכט ערשט צום סוף פון צוועלפטן יאָרהונדערט.

דאָס דערקלערט זיך מיט דעם אומשטאַנד, אויף וועלכן מיר האָבן

שוין פריער אָנגעוויזן, אַז פאַר די יידן איז דער פילאָסאָפישער געדאַנק קיינמאָל ניט געווען קיין ציל פאַר זיך, נאָר מער ניט אַ מיטל צוליב אַ רעליגיעזן ציל. דער עיקר אינטערעס פאַר דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע באַשטייט ניט אין דער אויפגאַבע צו דערוויזן, אַז עס איז מעגלעך רעליגיעז צו גלויבן אין גאָט און אין דערזעלבער צייט איינצוהיטן די פולע פרייהייט פון פילאָסאָפישער און וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג פון דער וועלט. די יידישע רעליגיאָנספילאָסאָפיע שטרעבט אַלעמאָל צו איין באַשטימטן ציל: פאַראייניקן די דורכאויס באַשטימטע קאָנפעסיאָנעלע דאָגמעס און האָפענונגען מיט די גרונט-הנחות פון דער דורכאויס באַשטימטער הערשנדיקער פילאָסאָפישער ריכטונג.

און דעריבער באַשטייט דער צוועק פון אַזאַ קאָנפעסיאָנעלער סינאַגאָגאַלער רעליגיעזער פילאָסאָפיע ניט אין דעם, מען זאָל מיט אַ ריכטיקער מעטאָדע דערגיין צו געוויסע טעאָרעטישע און פּראַקטישע אויספירן און מסקנות. די העכסטע און וויכטיקסטע מסקנות, די ענדגילטיקע ענטפערס דאַרויף, וואָס איז אַזוינס גוט און אמת, ווייס זי שוין לכתחילה און איז גאָרניט מסופק אין זייער ווערט. איר אויפגאַבע איז — זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין יענע וועגן, ווי אַזוי מען וואָלט צו די דאָזיקע רעליגיעז-זיכערע מסקנות געקאָנט קומען אויך מיט דעם פילאָסאָפישן געדאַנק. פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די וועגן פון דעם פרייען שכל איז אַזאַ רעליגיעזע פילאָסאָפיע געצוואונגען דערפאַר, ווייל זי האָט תמיד אין זינען דעם פאַקט, אַז די פאַרשיידענע וועגן קאָנען ניט נאָר פירן קיין רוים, נייערט אויך אָוועקפירן פון רוים. אַ „פאַלשער" וועג קאָן חלילה פירן צום רעליגיעזן סקעפּטיציזם, אָדער אַפילו צו אַ פולן אָפּלייקענען די יסודי הדת.

סקעפּטיציזם אָבער און כפירה טרייבן יעטווידע אמונה, וואָס קומט אין באַריר מיטן פילאָסאָפישן געדאַנק, אָדער דערקלערן מלחמה יעדער פילאָסאָפיע, כדי אינגאַנצן מבטל זיין זיי מיטן שכל — און דעמאָלט ווערט זי אָבסקוראַנטיזם, — אָדער, פאַרקערט, באַהערשן דעם פילאָסאָפירנדיקן שכל, גובר זיין און צעברעכן נאָר זיין צעשטערערישע השפעה. ווען אַ רעליגיעזער גלויבן שטויסט זיך צונויף מיט אַ פילאָסאָפישער שיטה, באַמיט ער זיך קודם צו געפינען יענע פונקטן אירע, וואָס ווייזן אַרויס דעם קלענסטן ווידערשטאַנד פאַר דעם רעליגיעזן דענקען. אויף די דאָזיקע פונקטן לייגט זיך דער גלויבן אָן, פאַרברייטערט די ספערע פון זייער השפעה אויפן חשבון פון אַנ-

דערע, מער איינגעשפּאַרטע און ניט נאָכגעביקע פּונקטן, ביז וואַנען מען ווערט איינגאַנצן ניט פּטור פון זיי. דעמאָלט באַקומט מען אַ פילאָסאָפישן סיסטעם, וואָס איז אָפּגערייניקט פון אַלע „עקסטרעמען" און פאַרבלענדענישן פון אַן „אומצייטיקן שכל". כדי דאָס אַלץ דורכ־צופירן איז קודם כל נויטווענדיק צייט. דער פילאָסאָפישער געדאַנק דאַרף קודם אַריינדרינגען אין דער רעליגיעזער סביבה, ער דאַרף געפינען אָנהענגער, תחילת פאַרבאַהאַלטענע, אָפּגעהיטע אָדער זייער מעסיקע, און דערנאָך אַלץ מער און מער עקסטרעמע, אָפענע און עזותדיקע. ס׳איז נויטיק, עס זאָל פאַרן רוב דענקענדיקע מענטשן מער אָדער ווייניקער באַשיינפּערלעך ווערן די סכנה, וואָס רוקט זיך אויף דער רעליגיע מצד דער פילאָסאָפיע. ערשט דעמאָלט וועט די געגעבענע רעליגיעזע קערפּערשאַפט, — מחמת דעם אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג, וואָס ליגט אין דער טבע פון איטלעכן גייסטיקן אָרגאַניזם ניט ווייניקער, ווי פון אַ פיזישן, — אַרויסרוקן אירע אײ־דעאָלאָגן־העלדן, וואָס וועלן זיך באַמיען אַריינצונעמען אין זיך דעם נייעם פיינטלעכן פּרינציפּ, מאַכן פאַר אַ שטוב־חיה די שלאַנג פון חכמה, אַרויסרייסנדיק פון איר שלונד די גיפטיקע ציין.

ס׳איז דעריבער גאָר קיין חידוש ניט, וואָס יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון אַ וואָסער עס איז ריכטונג פלעגט זיך באַווייזן אויף דער סצענע אַ סך שפּעטער איידער דיזעלביקע ריכטונג אין דער אַראַבישער פילאָסאָפיע. די יהדות, איינגעשלאָסן אין זיך גופא, האָט תחילת כלל ניט באַמערקט די סכנה, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן פרעמדן קולטור־האָריזאָנט, און עס האָט געדאַרפט אַוועקגיין אַ סך ציים, איידער דער שרעקנספולער צייכן האָט זיך באַוויזן אויך אויפן יידישן הימל און צוגעשמידט צו זיך דעם אויפמערק פון די צום מיינסט שפּירעוודיקע גייסטער, איידער די רעכטגלויביקע דענקער האָבן זיך בפרטיות באַקענט מיט אים; איידער זיי האָבן געגומען זוכן און געפינען מיטלען, ווי אַזוי אָפּצואווענדן זיין פאַרדערבלעכע ווירקונג.

אין אָט דעם פּרט שטעלט דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע ניט פאָר מיט זיך קיין שום ספּע־ציפיש יידישעס. דאָס איז אַן עפּיזאָד פון „אַן אַלטער", אָבער, צום באַדויערן, „אייביק נייער געשיכטע": דער געשיכטע פון יענעם גע־ראַנגל, וואָס „אַלט" פּירט מיט „ניי", ביז „אַלט" און „ניי" אייניקן זיך אויף אַ קאָמפּראָמיס. פון דעסטוועגן איז אין דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן פאָלק פאַראַן נאָך אַ זייט, וואָס צווינגט

אונדז אַנדערש אָפּצושאַצן די דאָזיקע עפּיזאָדן פון „דער אַלטער, אָבער אייביק נייער געשיכטע".

די געשיכטע גייט, — אָדער האָט זיך לכל הפּחות ביז איצט באַוועגט פאָראויס, דורך נצחונות פון קאָמפּראָמיסן. ווי דערווידער עס זאָל ניט זיין דער דאָזיקער צעפוילטער אַלטער בגד מיט די לאַטעס פון נייעם שטאָף, אָבער דער קאָמפּראָמיס מיט דעם „ניי" איז פאָרט אַ העכערע מדרגה, איידער דאָס אַלטע. דער קאָמפּראָמיס ווערט פאָרט אַ שטיצפּונקט פאַרן קאַמף מיט דער רעאַקציע און גרייט צו די עלעמענטן פאַר אַ ראַדיקאַלערן פּראָגרעס. אַזוי איז דאָס די מעשה מיט דער דאָזיקער „אַלטער געשיכטע" ביי אַלע פעלקער. אַנדערש איז עס אָבער ביי אונדזער פאָלק אין דעם רבניסטיש־משיחישן פּעריאָד פון זיין היסטאָרישן לעבן. דער קאָמפּראָמיס שפּילט דאָ די ראָליע ניט פון אַ העכערער שטופע, פאַר אַ וויטערן קלעטערן אין דער הויך. ער דערשיינט דאָ נאָר ווי אַ צייטווייליקער אָפּרו פאַרן געראַנגל פון די גייסטער. באַלד ברענט זיך פון ס'ניי פונאַנדער דער געראַנגל, און דער נצחון בלייבט ניט ביים קאָמפּראָמיס, אויך ניט ביים ווייטערדיקן פּראָגרעס, נאָר ביי דער רעאַקציע.

און דאָס וויכטיקסטע אין אָט דער גאַנצער טראַגעדיע פון דעם יידישן געדאַנקען־קאַמף איז, וואָס יעדער אָביעקטיווער היינט־צייטיקער פאָרשער, ווען עס איז נאָר טייער דער היסטאָרישער גורל פון יידישן פאָלק, מוז מודה זיין, אַז אַלע זיינע סימפּאַטיעס איז ער געצוואונגען אָוועקצוגעבן די רעאַקציאָנערע עלעמענטן, אַז ער אַליין, ווען ער קוקט זיך צו צו די פּעריפּעטיעס פון דעמדאָזיקן געראַנגל און טראַכט זיך אָביעקטיוו אַריין אין אַלע אומשטאַנדן פון יענער צייט, מוז זיך סאָלידאַריזירן מיט יענע פּאַרטייען, וואָס האָבן ביי די אַנדערע פעלקער מיט פולן רעכט באַקומען דעם נאָמען „סיקאָפאַנטן", און נעגאַטיוו פאַרהאַלטן זיך צו יענע פּאַרטייען, וואָס האָבן אָן ספק אַזוי צי אַנדערש געדינט דער אויפקלערונג און געקעמפט אַנטקעגן דער פינצטערניש.

דערין באַשטייט דער גאַנצער טראַגיזם פון דער יידישער געשיכטע אין גלות, דער טראַגיזם פון יענער תקופה פון יידישן היסטאָרישן לעבן, וואָס אָטעמט איינגאַנצן מיט דער פאָרמול „קודשא בריך הוא ישראל ואוריתא חד הוא" (גאָט, ישראל און די תורה איז איינס), וואָס לויט איר קאָן דאָס לעבן פון יידישן פאָלק גאָר ניט געדאַכט

ווערן אַנדערש, סיידן אויף דעם יסוד פון די רבניסטיש־משיחישע גלויבונגען. ביים יידישן פאָלק האָט דאָס גייסטיקע לעבן — דאָס דאָזיקע העכסטע גוטס פון יעטווידער קולטור־לעבן בכלל — ניט געקאָנט געבן קיין אַרט דער פרייער פאַרשונג, וואָס זאָל ניט זיין געשמידט אין קיין שום קייטן. עס האָט, ניט אַנדערש, געמוזט אונ־טערשניידן די אייגענע פליגלען; ניט אַנדערש, געמוזט אַרומשטעלן זיין האָריזאָנט מיט באַריערן און מחיצות און וועט ניט קאָנען זיך באַפרייען פון דידאָזיקע באַריערן און מחיצות, כל זמן עס וועט ניט ראַדיקאַל איבערבויען יענע יסודות פון נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אויסגעאַרבעט ביז אַהער...

לאָמיר וואַרפן אַ קורצן רעטראָספּעקטיוון בליק אויפן גורל פונעם יידישן געדאַנק אין פאַרבינדונג מיטן קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום.

אין דער אַלטער גריכנלאַנד האָט דער פילאָסאָפישער געדאַנק געקאָנט לפי ערך גרינג אַנטוויקלען זיך אַנטקעגן די הערשנדיקע רע־ליגיעזע בליקן; ער האָט געקאָנט לפי ערך גרינג אַראָפּוואַרפן די קינדערשע וויקעלעך פון דער מיטאָלאָגיע און, לגמרי אומאָפּהענגיק און אָביעקטיוו, צוטרעטן צו די גרעסטע פּראָבלעמען פון מענטש־לעכן וויסן. און דאָס האָט די גריכישע פילאָסאָפיע צו פאַרדאַנקען אין אַ גלייכער מאָס סיי דער קראַפט און דעם זשעני פון העלענישן שכל, סיי דער שוואַכקייט און דער פּרימיטיווער תמימות פון די אַלט־העלענישע רעליגיעזע פאַרשטעלונגען. די פילאָסאָפישע און עטישע הנחות, וואָס האָבן געשטעקט אין דער אַלט־העלענישער רעליגיע, זיינען נאָך געווען אַזוי יונג און נאַאיוו, אַז די אַנטוויקלונג פון וויסן און מאָראַל האָבן אין אַ לפי ערך קורצער צייט געקאָנט אַריבערוואַקסן זיי. דער פּראָגרעסיווער גריכישער פאַרשטאַנד האָט געקאָנט קוקן מיט אַ חוזק־שמייכל אויף דער גאַנצער טומלדיקער, פריילעכער און האַלב־באַרבאַרישער וועלט פון די גריכישע געטער און געטינס. ס׳איז גענוג געווען איין ברייטער שוואונג פון מאָניסטישן געדאַנק ביי די עלעאָטן, כדי צו לאָזן דעם אָלימפּ ווייט הינטער זיך און זיך לגמרי צו באַפרייען פון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן פּאָעטישן וועלטל פון דער פאָלקיש־גריכישער פאַנטאַזיע. „העיס טהעאָס״, פאַראַן נאָר איין גאָט, האָט שוין קסענאָפאַנעס געפּרידיקט קעגן דעם הערשנדיקן פּאָליטע־איזם.

ניט אַזוי איז דאָס געווען ביי אונדז. די רעליגיעזע קאָנצעפּציע פונעם יידישן פאָלק, — וואָסערע ס'זאָלן ניט געווען זיין די סיבות, וואָס האָבן זי אַרויסגעבראַכט, — איז אַזוי מעכטיק, די פּאַראַלגע־מיינערונג, וואָס ליגט אין איר יסוד, איז אַזוי ברייט; דער קרייז, וועלכן דער יידישער מאָנאָטעאיזם נעמט אַרום, איז אַזוי גרויס, אַז אַפילו נאָך איצט איז דער גאַנצער סכום עמפּיריש וויסן פון דער מענטשהייט ניט ביכולת אים אויסצופילן, ווער רעדט שוין דורכצו־רייסן זיינע גרענעצן. קאָן מען זיך דען וואונדערן, וואָס אין אָנהויב פון זיין אַנטוויקלונג, ווען וועגן נאַטורוויסנשאַפטן, וועגן מעטאָדיש שטודירן די נאַטור האָט נאָך אַפילו קיין רייד ניט געקאָנט זיין, האָט דער יידישער שכל ניט געקאָנט אַריבערטרעטן די טעאיסטישע גרע־נעצן?

לאָמיר פאַרגלייכן, למשל, די איראַנישע באַמערקונגען וועגן דער גריכישער געטער־וועלט, וואָס מיר געפינען ביי פּלאַטאָנען און אַריס־טאָטעלן, מיט דער געהויבענער רעליגיעזער און פּאָעטישער שטימונג, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן, למשל, אין דעם קאַפּיטל ק"ד פון ספר תהלים („ברכי נפשי"), וואו אַלע דערשיינונגען פון דער נאַטור און פון מענטשלעכן לעבן גיסן זיך צונויף אין איין קינסטלעריש בילד און וואו אַט דאָס געמיינזאַמע לעבן פון נאַטור און מענטש פליסט אַרויס פון זיין איינציקן אורקוואַל — פון גאָט.

דאָרטן, אין גריכנלאַנד, אַ קעגנזייטיקער געראַנגל פון באַזונדערע צעשיידטע כוחות; דאָ, אין יהודה, אַ פּלאַנמעסיקע האַרמאָנישע איינ־הייט, וואָס פליסט אַרויס פון דער חכמה עליונה פון דעם חסד פון דעם איינציקן בורא. די גרונט־הנחות פונעם יידישן רעליגיעזן געדאַנק זיינען, ביי גאָר זייער אָנשיעורדיקער ברייטקייט, אויסגעוועבט פון פעסטן לאָגישן און עטישן מאַטעריאַל, וואָס איז ביכולת געווען צו באַשטיין אַנטקעגן דער ווירקונג פון יאָרהונדערטער, בעת די נעץ פון אַלט־גריכישן רעליגיעזן דענקען האָט צו ענג אַרומגענומען די דער־שיינונגען פון לעבן, און זייער מענטשלעכע דערקענטניש, וואָס בייטן זיך כסדר, און איז אויסגעוועבט געווען פון אַ שלעכטן לאָגישן און עטישן מאַטעריאַל. אָט פאַרוואָס אין גריכנלאַנד איז די דאָזיקע נעץ זיך צעפלויגן ווי שפּינוועבס, ווי נאָר דער מענטשלעכער שכל איז שטאַרקער געוואָרן און האָט זיך געשטעלט אויף די אייגענע פיס, און אָט פאַרוואָס אין יהודה וואָלט אַפילו דער שטאַרקסטער פילאָסאָפישער

געדאַנק ניט געווען ביכולת אַריבערצושפּרייזן די גרענעצן, וואָס דער מאָנאָטעאיזם האָט אָנגעצייכנט.

און נאָך איין זאַך, אפשר אַ סך אַ וויכטיקערע, איז געווען די סיבה דערפון, וואָס דער פילאָסאָפישער געדאַנק פון יידישן פאָלק האָט זיך געמוזט פעסט האַלטן פאַר די רעליגיעזע יסודות, אויב ער האָט בכלל געוואָלט האָבן וואָסערע ס׳איז שאַנסן אויף עקזיסטענץ און ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אין דעם סיסטעם פון דער יידישער קולטור.

אויב דער יידישער מאָנאָטעאיזם, ווי די ברייטסטע מאָניסטישע פאַראַלגעמיינערונג, האָט געהאַלטן אין געפאַנגשאַפט דאָס יידישע וויסן, האָט ער נאָך שאַרפער געדאַרפט אַרויסווייזן זיין ממשלה איבער דער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער שטרעבונג פונעם יידישן פאָלק און ווערן דער איינציקער יסוד, וואָס אויף אים האָבן זיך געקאָנט האַלטן די נאַציאָנאַלע האָפענונגען אין גלות.

זינט דעם ערשטן נצחון פון די רוימער האָט יהודה העלדיש געקעמפט פאַר איר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. דער נצחון איבער בר־כוכבא האָט אין פלוג זי לגמרי דערוואָרגן, אָבער דאָס האָט זיך בלויז געדוכט: איין אויפשטאַנד פלעגט אויסברעכן נאָכן אַנדערן. כל־זמן עס האָט נאָך עקזיסטירט איין טראָפּן ענערגיע, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אין פלאַם פון נקמה. ערשט ווען דער דאָזיקער לעצטער טראָפּן איז אויסגעלאָשן געוואָרן, האָט די אומה, אַ מידע, אַן אַפּאַטישע, וואָס האָט שוין אויסגעגעבן איר גאַנצע ענערגיע, גענומען ביסלעכווייז פאַרלאָזן די אויבערפלאַך פון דער געשיכטע. די שטענדיקע מפּלות האָבן פאַרטיליקט אין דעם פאָלק דעם גלויבן אין דער מעג־לעכקייט פון אַ נצחון אויף אַן אַלגעמיין מענטשלעכן אופן. די דעראַי־נערונגען וועגן דעם אַלטן, הייליקן לעבן פון די אבות, דאָס באַוואוסט־זיין, אַז מיט זיינע אייגענע אָפּגעשוואַכטע כוחות וועט עס ניט דער־גרייכן די געגאַרטע גאולה, — דאָס אַלץ האָט געשפּייזט זיינע משיחישע, לגמרי אומגעענדערטע האָפענונגען, וואָס האָבן אָנגעוואָרן יעטווידע ענלעכ־קייט צו רעאַליטעט, און זיינען מגולגל געוואָרן אין אַ טייערן חלום, וואָס קאָן אָבער קיינמאָל ניט מקוים ווערן: משיח — דער קריג־פירער, משיח, וואָס קומט אַרויס פון די טיפענישן פון פאָלק, וואָס לעבט מיט זיין לעבן, אַ העלד און מייסטער אין קריג און פרידן, — אַזאַ משיח האָט מער ניט באַפרידיקט דעם פאָלקס אידעאַל. אַזעלכע משיחים זיינען ביי אים געווען עטלעכע, און אַלע זיינען געפאַלן אין אומגלייכן קאַמף מיטן שונא. דאָס פאָלק האָט באַדאַרפט האָבן אַ משיח אַן

איבערנאַטירלעכן — ניט קיין מענטשלעכן וועזן, וואָס באַזיגט מיט פיזישער מאַכט, נאָר אַ וועזן, וואָס פאַר אים זאָלן פאַלן צו דער ערד פעלקער און זאָלן זיך לאָזן בינדן, ווי שעפסן, פשוט דערפאַר, ווייל ער איז — משיח. אָדער, ריכטיקער, דערפאַר, ווייל אַזוי ווילט זיך דעם פאָלק, וואָס האָט אומזיסט אויסגעבראַכט זיינע כוחות אינעם קאַמף מיט זיי. דער דאָזיקער גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכן אויסלייזער האָט נויטווענדיק געמוזט ברענגען צו דעם גלויטיקן גלויבן, אַז עס זיינען בכלל מעגלעך וואונדער; צום גלויבן, אַז אַלע געזעצן פון דער נאַטור זיינען אונטערגעוואָרפן דעם רצון פון גאָט, דעם באַשיצער פון ישראל. אויב פריער האָט די יידישע גבורה אויפגעטאָן וואונדער, האָבן איצט די וואונדער געדאַרפט פאַרבייטן די פאַרשוואונדענע גבורה [1]).

יהודה הלוי, דער דענקער און דיכטער, וואָס איז געווען אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיטן צער פון יידישן פאָלק אין גלות, כאַראַקטעריזירט גלענצנדיק דעם דאָזיקן יסוד פון יידישן געדאַנק אין אָט וועלכע קורצע און מוסטערהאַפטע ווערטער: מיר געפינען זיך ניט אין דער לאַגע פון אַ מת, נאָר מיר געפינען זיך אין דער לאַגע פון אַ פיבערנדיקן חולה, וואָס אַלע דאָקטוירים האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים צו היילן און וואָס וואַרט אויף אַ רפואה פון אַ נס און דורך דער אָפּענדערונג פון די נאַטור־געזעצן [2]).

די גאַנצע געשיכטע פון די משיחישע באַוועגונגען אין יידישן פאָלק באַווייזט, אַז דער גלויבן אין ניסים איז געווען איינער פון די נויטווענדיקע עלעמענטן אין די נאַציאָנאַלע האָפענונגען פונעם יידנטום. אָנגעהויבן פונעם ערשטן „משיח השקר", מ ש ה, אויפן אינדזל קרעטאַ, אין יאָר 400, ביז דער לעצטער גרעסטער משיחישער באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן פון שבתאי צבי, אין דער תקופה פון שפינאָזאַ, האָט דעם יידישן פאָלק כמעט אָן אויפהער זיך געדוכט, אַז אָט האָט שוין גאָט צוגעשיקט דעם ספּעציעלן מיטל קעגן זיין נאַציאָנאַלער מחלה: משיחן און ניסים.

און דער גלויבן האָט אויפגעטאָן וואונדער...

פונקט ווי דער גלויבן אין דער איבערנאַטירלעכער אויסלייזונג איז געווען דער הויפּט־אינהאַלט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער

1) „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך יעווריעיסטוואַ", ז' 71־72.

2) אין אנחנו במעלת המת, אך אנחנו במעלת החולה הנשחף שנתייאשו מרפאותו כל הרופאים והוא מקוה רפואה מצד המופת ושנוי המנהג. — הכוזרי 2, 34.

האָפענונג, אַזוי איז די תלמודישע און רבניסטישע געזעצגעבונג גע־ווען דער איינאיינציקער מיטל צום קיום הלאום אין גלות ביז משיחס קומען.

ניט דאָ איז דער אָרט צו שילדערן יענע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע סיבות, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די תלמודישע געזעצגעבונג, און ווי אַזוי עס איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט די שטאַלענע נעץ פון קליינע דינים און מנהגים, וואָס מיט זייער הילף האָט דאָס יידישע פאָלק זיך אַרומגעצאַמט פון דער אַסימילירנדיקער און פאַרשלינגענדיקער השפעה פון דער פרעמדער געזעלשאַפטלעכער סביבה. מיר וועלן בלויז באַמערקן, אַז דאָס דאָזיקע לעבן, פאַרשנורעוועט אין תלמודישן קאָרסעט, איז ניט גרינג אָנגעקומען, און דאָך דער גלויבן אין וואונדערלעכער אויסלייזונג האָט געקאָנט באַוועגן אַ דענקנדיקן יידן שלום צו ווערן מיט אַזאַ לעבן.

דער גרונט־געדאַנק פון דער יידישער פאָלקס־נשמה וואָלט געקאָנט פאָרמולירט ווערן אַזוי:

איז מעגלעך די אויסלייזונג פון גלות דורך משיחן און דורך איבערנאַטירלעכע געשעענישן, דעמאָלט האָט אויך אַ זין די שטרעבונג צו זעלבסטדערהאַלטונג, דעמאָלט קאָן דער שכל פאַרענטפערן, פאַר־וואָס יידן מוזן זיך אונטערגעבן דעם דרוק פון דער תלמודישער און רבניסטישער געזעצגעבונג. אויב אָבער ניסים זיינען אוממעגלעך, אויב משיח איז אַ וויסטער חלום, דעמאָלט פאַלט אָפּ יעדער שכלדיקער גרונט אַרומצושניידן די אייגענע פּערזענלעכקייט און צו פאַרהויקערן זי לויט די תקנות פון די רבנים. עס האָט דעמאָלט קיין ברעקל זין ניט, אָפּצוזאָגן זיך פון יעטווידע פריידן, ליידן, רדיפות, נגישות און טאָג־טעגלעכע באַליידיקונגען מצד די פעלקער, וואָס צווישן זיי קומט אויס צו לעבן.

ס'איז מערקווירדיק, אַז אַלע משיחישע באַוועגונגען אין יידישן פאָלק זאָגן עדות פאַר דעם געדאַנק, אַז די רבנישע געזעצגעבונג דאַרף באַטראַכט ווערן נאָר ווי אַ צייטווייליקער מיטל אין קאַמף פונעם יידישן פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום: כמעט אַלע זיינען זיי פיינטלעך דעם דריקנדיקן רבניזם. ווי נאָר עס פלעגט זיך באַווייזן אַ משיח, פלעגט דאָס פאָלק, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען, זיך אויפפירן אַזוי, ווי עס וואָלט שוין געוואָלט, אַז אַלע זיינע התחייבותן בנוגע דעם ענין רעליגי־עזע צערעמאָניעס זיינען בטל, ווי באַלד עס איז אָנגעקומען די צייט,

צוליב וועלכער עס האָט געפונען פאַר נייטיק צו קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ [3].

אונטער דער הערשאַפט פון דער אַראַבישער קולטור האָט דאָס יידישע פאָלק שוין איבערגעלעבט עטלעכע משיחישע באַוועגונגען, וואָס האָבן אויף אַ ווײַלע פאַנאַנדערגעטרייסלט די תלמודישע יסודות פון זיין לעבן און אויפגעדעקט דעם אַנטאַגאָניזם צווישן די באַדערפענישן פון דער פרייער פערזענלעכקייט, וואָס אַנערקענט נאָר איר אייגענעם געזעץ, איר אייגענעם פאַרשטאַנד און איר אייגענעם געוויסן, און די אינטערעסן פון נאַציאָנאַלער זעלבסטאיינהיטונג, וואָס האָט איר דיקטירט די שווערע קייטן פונעם ריטועלן רעגלאַמענט.

ווען די אַראַבישע קולטור האָט גענומען דורכזאַפּן זיך מיט די עלעמענטן פון דער אַלט־גריכישער פילאָסאָפיע, האָבן די עלעמענטן גענומען אַריינדרינגען אויך אין דער יידישער סביבה. די פריידענקערישע ריכטונגען אין איסלאַם — דער מותעזיליזם — האָט קעגן די אַנטראָפּאָמאָרפישע פאָרשטעלונגען וועגן גאָט, וואָס האָבן געהערשט אויך אין יידישן געדאַנק, אַרויסגעשטעלט אַ מער שכלדיקע טעאָלאָגיע, וואָס האָט געדאַרפט צוציען צו זיך אַלע אומפּאַרטייאישע גייסטער, אָבער וואָס אין איר איז אַפילו מיט איין וואָרט ניט דערמאָנט געוועזן וועגן דער אתה־בחרתנושאַפט פון ישראל, וועגן דעם, אַז דער בורא עולם זאָרגט ספּעציעל וועגן גורל פון דער דאָזיקער אומה, — קיין וואָרט איז דאָרטן ניט געוועזן וועגן אַ יידישן משיח און וועגן אַן איבערנאַטירלעכער אויסלייזונג פון יידישן פאָלק. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט אָפּשוואַכן די מאַכט פון תלמודישן וועלט־באַנעם און לעבנס־קוק איבער די מוחות פון בעסטן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ.

עס באַווייזט זיך אַ פּרואוו פון די קראים, אַוועקצולייגן די טעאָלאָגיע פון די מותעזיליטן אין דעם יסוד פון דער יידישער רעליגיע און צו באַפרייען זי פון די קייטן פון דער תלמודישער געזעצגעבונג. אָבער די שטרעבונגען פון די קראים, האָבן ניט געפונען יענע ברייטע שטיצע מצד די ברייטע שיכטן פון יידישן פאָלק, ווי מ׳וואָלט זיך

3) פּרטים וועגן דעם אויפקום און דער ראָליע פון דער תלמודישער געזעצגעבונג אין דעם ענין קיום פון דעם יידישן פאָלק, און אויך אין דער פאַרהעלטעניש פון רבנים צום גלויבן אין ניסים, צו די משיחישע באַוועגונגען און צום פילאָסאָפישן געדאַנק, זע די שוין ציטירטע „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך יעווּרעיסטוואַ״, די קאַפּיטלעך: „ראַבביניזם אי פילאָסאָפקאַיאַ מיסל״ און „ראַבביניזם אי מעססיאַנסקיאַ דוויזשעניאַ״.

געמעגט ריכטן דאַריף, לויט די אומשטענדן פון יענער צייט. אַ דאַנק דער תלמודישער געזעצגעבונג איז דער רבניזם געוואָרן נאָך מער פּאַרעקשנט און שטרענג. זיך אָפּזאָגן פונעם תלמוד און — די פילאָ־סאָפיע! דאָס זיינען דאָך געווען גראָד יענע צוויי שרעק־געשטאַלטן, וואָס האָבן אַרויפגעוואָרפן אַ מורא אויפן רבניזם און האָבן צוגלייך אויך אַריינגעוואָרפן אין סכנה דעם נאַציאָנאַלן קיום פונעם יידישן פאָלק. די קראות איז ניט געווען בכח אויסצואיינען די יידישע רעליגיע מיטן פילאָסאָפישן געדאַנק דערפאַר, ווייל זי האָט זיך אונטערגעגראָבן אונטער די עצם יסודות פון יידישן לעבן אין גלות, אונטער דעם תלמוד. אויך די עצם דורכפירונג פון דער פּראָגראַם, וואָס די קראות האָט זיך געשטעלט, ליידט פון ניט־אויסגעהאַלטנקייט און פון אומפּעאיקייט, צוצופּאַסן זיך צו דער סביבה, וואָס זי האָט געוואָלט אויף איר ווירקן. די פילאָסאָפיע פון דער קראות איז געווען פאַר זיך גופא פון אַ גאַנץ נידעריקער מדרגה און האָט זיך שוואַך געערעכנט מיט די פעסט איינגע־שטעלטע יידישע בליקן אויף דער וועלט. און דערצו: איר אָפּזאָג פון תלמוד האָט געהאַט אַ מער פאָרמעלן באַדייט, איידער אַ מאַטעריעלן, מחמת אויפן אָרט פון איין מין ריטועלע פּענטעס האָט מען אויס־געפירט אַנדערע.

פונדעסטוועגן איז די אַנטי־תלמודישע אַגיטאַציע, וואָס איז אַרויס־גערופן געוואָרן אַדאַנק די משיחישע באַוועגונגען און דער קראות, ניט אַוועק אָן אַ שפּור אויף פאַרן יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך פעסט געהאַלטן אָן זיינע רבניסטישע טראַדיציעס. דער אַליין־הערשונג פון תלמוד איז דערלאַנגט געוואָרן אַ שטאַרקער קלאַפּ. צוגלייך מיטן שטודיום פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך אויסגעקעמפט אָן אָרט אויך די וועלטלעכע וויסנשאַפטן, דערהויפּט די מעדיצין און די נאַטור־וויסנשאַפטן. די באַשעפטיקונג מיט די דאָזיקע וויסנשאַפטן איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פולן אינדעפּערענ־טיזם צום תלמוד און צו דער יידישער רעליגיע, אָדער האָט באַוואוסט־זיניק פאַרנומען זייער אָרט. זי איז שטענדיק געגאַנגען האַנט אין האַנט מיטן שטודיום פון פילאָסאָפיע און מיטן פרייען דיספּוטירן פילאָסאָפישע פּראָבלעמען.

דער פעריאָד צייט זינט דעם אויפבלי פון דער אַראַבישער אויפ־קלערונג אין זיבעטן יאָרהונדערט ביז רב סעדיה גאון אין אָנהייב צענטן יאָרהונדערט איז געווען צומיינסט רייך אין יידישע נאַטור פאָרשער, דאָקטוירים און נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ווערק, וואָס זיינען

אַרויס פון אונטער דער פעדער פון יידישע פאַרשער. די נעמען: פון סאַהאַל־אַל־תּאַבּאַרי, וואָס האָט דער ערשטער צוגעצויגן דעם אויפמערק פון די פאַרשער צו דער דערשיינונג פון שטראַלן־ברעכונג; פון זיין זון אַבו־סאַהאַל־עלי, אַ גרויסן מעדיצינישן אויטאָריטעט; פון יצחק־אַל־ישראלי, וואָס האָט איבערגעלאָזן אַ וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג וועגן קדחת, און פון אַנדערע, — זיי אַלע געהערן צו דעם פּעריאָד פון פאַר רב סעדיה גאון[4]).

פריער אָדער שפּעטער האָבן די דאָזיקע וועלטלעכע שטודיען, וואָס זיינען אַזוי פרעמד דעם גייסט פון רבּניזם, געמוזט אונטערגראָבן די עצם יסודות זיינע און שטעלן אין סכנה דעם קיום פון דער יהדות. אַ סך פון די באַרימטע דאָקטוירים און פריידענקערדיקע מענטשן האָבן בכלל פאַרלאָזן יידישקייט, ווי למשל, דער שוין דערמאָנטער אַבו־סאַהאַל־עלי, דער מחבר פונעם ווערק: „דער גן־עדן פון דער פילאָ־סאָפיע“, אָדער אַבו־אַררא וועגדי, וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ וויכוח אַנטקעגן דער יידישער רעליגיע.

אָבער אויך אין דער סביבה פון יידישן פאָלק גופא האָבן זיך אויפגעהויבן שטימען פון אומברחמנותדיקער קריטיק, וואָס איז געווען געווענדט קעגן אַלע יסודות פון דער טראַדיציע: מיר האָבן דאָ אין זינען חוי הבלכי און סקאָוויאַה (סאַקאָוויאַ). חיוויס ביבל־קריטיק האָט געשטרעבט צו דערווייזן, אַז קיין ניסים זיינען ניטאָ, אַז עס קאָנען ניט זיין קיין ניסים, און אַז אַלע ניסים פון תנ״ך דאַרפן דערקלערט ווערן מיט נאַטירלעכע פיזיש־מעכאַנישע סיבות. און מיינונגען פון אַזאַ מין זיינען געווען זייער פאַרשפּרייט צווישן דער יידישער אינטעליגענציע פון יענער צייט. אַ בן־דור, אַ קאַראַאימער, קלאָגט זיך, אַז זיינע שטאַמ־ברידער „זוכן מיט דאָרשטיקייט די שריפטן פון די פילאָסאָפן, באַזונדערס די אַפּיקורסישע שריפטן פון דעם יידישן רענעגאַט אַבו־ אררא וועגדי,

4) וועגן זיי זע די שוין ציטירטע געשיכטע פון די אַראַבישע דאָקטוירים, פון וויסטענפעלד, וואו עס ווערט אויך געבראַכט אַ רשימה פון זייערע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע אַרבעטן. — יצחק־ישראלי האָט איבערגעלאָזן אויך אַ פירוש צום ערשטן קאַפּיטל פון „בראשית“, „גיכער מיטן צוועק איבער צוגעבן אין לאַנגע חקירות פילאָסאָפישע און נאַטור־וויסנשאַפטלעכע מיינונגען, איידער מיטן צוועק צו דערגיין דעם פשט פון דער שריפט“, — איז משער גרעץ. (גרעץ געשיכטע, באַנד 5, ז. 253). וועגן דער באַדייטונג פון די אַראַבער פאַר דער נאַטור־וויסנשאַפט וועט אונדז נאָך אויסקומען צו רעדן.

וואָס זיינען אַ האַנטבוך פאַר כפירה און לייקענען אין די נביאים״. (גרעץ).

כדי גובר צו זיין די דאָזיקע אפיקורסיש־פילאָסאָפישע ריכטונג, כדי צו ראַטעווען די רבניסטישע געזעצגעבונג און דעם מיט איר פאַרבונדענעם גלויבן אין ניסים און משיחן, איז נייטיק געווען נאָך אַמאָל פּרואוון שלום־מאַכן צווישן דער פילאָסאָפיע און דער יהדות, אָבער שוין ניט אויפן באָדן פון אָפּלייקענען דעם תלמוד, ווי עס האָבן געוואָלט די קראָים, נאָר אויף לגמרי אַנדערע יסודות.

פונקט ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט דער רעליגיעזער פילאָ־סאָפיע פון דער קראות, אַזוי האָט מען אויך איצטער באַדאַרפט אַוועק־לייגן די פריידענקערישע טעאָלאָגיע פונעם מותעזיליזם אינעם יסוד אויך פון דער יידישער רעליגיע, צו מאַכן אַ נייעם פּירוש אויף די כתבי הקודש און ברענגען זיי אויף אַזאַ אופן אין אַ הסכם מיט די נייע מותעזיליטישע פּרינציפּן. מען האָט באַדאַרפט קריטיש איבער־אַ־נייס איבערקוקן אַלע פילאָסאָפישע סיסטעמען, אַריבערנעמען פון זיי נאָר יענע טעאָריעס, וואָס קאָנען אַזוי צי אַנדערש זיך איינלעבן מיטן גלויבן אין ניסים און מיטן תלמודישן בוי פונעם לעבן. אויסצופירן די דאָזיקע היסטאָרישע נויטווענדיקייט איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון רב סעדיה גאון (942־891), וואָס האָט מיט זיין ספר „אמונות ודעות״ געעפנט דעם ערשטן פּעריאָד פון דער רבניסטישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע.

אין זיין „אמונות ודעות״ (גלויבונגען און מיינונגען) פּאָלעמיזירט רב סעדיה גאון הן קעגן דעם גראָבן און עם־הארצישן המון, וואָס אַנטלויפט פון ליכט פון וויסן, הן קעגן דער אָרטאָדאָקסיע, דער פאַר־שטיינערטער אין איר טראַדיציע, וואָס וויל גאָר נישט ניט וויסן פון דער פילאָסאָפיע. פונדעסטוועגן זיינען די „אמונות ודעות״ גיכער אַ פּאַמפלעט, געווענדט קעגן די פילאָסאָפן, איידער אַ חקירה, וואָס וויל דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דעם נאַאיוון גלויבן און דעם דאָגמאַטיזם. וועגן דעם זאָגט עדות סיי די איינטיילונג פון דעם מאַטעריאַל, סיי די טעמעס, וואָס רב סעדיה רירט אָן, סיי די מיינונגען, וואָס ער באַקעמפט. די מיינונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן זיין שאַרף־פּאָלעמישן ענטפער, זיינען כמעט אויסשליסלעך פילאָסאָפישע מיינונגען, און זיינע טענות קעגן די פאַרבלענדענישן פון דער צייט זיינען געווענדט אַנטקעגן די אפיקורסים.

דער הויפּט־צוועק פון רב סעדיהס שריפט באַשטייט אין דעם,

צו דערוויַיזן, אַז די אינעווייניקסטע סתירות, וואָס עס האָבן געפונען אין תנ"ך סקוויאַה און חיווי הבלכי, זיינען כלומרשטע סתירות, אַז די יידישע טראַדיציע און די פרייע חקירה פירן צו איין און דעם זעלביקן רעזולטאַט (רב סעדיה פּרוּווט אַפילו פאַרבינדן די עשרת הדברות מיט אַריסטאָטעלס צען לאָגישע קאַטעגאָריעס). אַז דער אמת ליגט דאָך ניט אַלעמאָל אויף דער זייט פון דער פילאָסאָפיע, אַז אַ סך פילאָסאָפישע סיסטעמען זיינען איינע די אַנדערע סותר און — די קרוין פון אַלץ — אַז דער גלויבן אין ניסים און אין משיחן קאָן גאַנץ שיין און בשלום זיך איינלעבן מיט דער הנחה, אַז אַלץ אין דער נאַטור גייט צו לויט פעסטע געזעצן.

קיין חידוש ניט, וואָס מיט אַזוינע בליקן האָט רב סעדיה געקאָנט באַזינגען די תרי"ג מצוות און באַשעפטיקן זיך מיט מיסטישע אויס־רעכענונגען פון דעם קץ, ווען משיח מוז קומען [5].

דער ספר „אמונות ודעות" האָט געהאַט אַן אומגעהויערע השפעה אויפן יידישע גייסטיקן לעבן און אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע. אין דער יהדות גופא האָט זיך באַוויזן אַ פריינטלעכע שטימונג צו דעם פילאָסאָפישן געדאַנק. אַפילו רב שרירא גאון און רב האי גאון, וואָס האָבן פאַרנומען שפעטער רב סעדיה גאונס אָרט, האָבן געמוזט מאַכן די אָדער יענע הנחות דער פילאָסאָפירנדיקער טעאָלאָגיע. אָבער ביז צום פולן אויפבלי און צייטי־קייט זיינען די אידייען פון רב סעדיה גאון דערגאַנגען ניט אויפן באָדן פון דער מזרחדיקער אַראַבישער מלוכה, נייערט אין שפּאַניע. דאָ, — וואו די אויפגעקלערטע יידישע פריידענקעריי האָט אין אָנהייב זיך געצויגן מער צו ליטעראַריש־פילאָסאָפישע שטודיען, איידער צו נאַטור־וויסנשאַפטן, וואו זי האָט זיך אינטערעסירט מער מיט דער שיינער ליטעראַטור און עסטעטיק, איידער געמאַטערט זיך אויף די אייביקע פּראָבלעמען פון זיין, — האָט רב סעדיה געפונען אָנהענגער און וייטער־בויער פון זיין שיטה, וואָס האָבן היפש פאַרטיפט דאָס פּראָבלעם פון מאַכן שלום צווישן דער יהדות און דער גריכיש־אַראַבישער פילאָסאָפיע פון דעם פאַר־אַריסטאָטעלישן פעריאָד און געפונען פאַר איר אַ פולן, סיסטעמאַטיש פאַנאַנדערגעאַרבעטן ענטפער.

די פרינציפיעלע באַדייטונג פון זייערע פילאָסאָפישע ווערק באַ־

5) לויט זיין חשבון האָט משיח באַדאַרפט קומען אין יאָר 1123. זע: „מיסליי", א. ז. וו., ז. 57־58.

שטייט, פון שטאַנדפּונקט פון דער פילאָסאָפיע, דעריין, וואָס זיי האָבן זיך באַפרייט פון רב סעדיהס עקלעקטיציזם, פון זיין שטרעבן צו נעמען פון אַלע פילאָסאָפישע שיטות אַלץ, וואָס האָט נאָר געטויגט פאַר זיין ציל. די יידישע דענקער פון דער אַראַבישער שפּאַניע האָבן אַלץ מער און מער פאַרביטן דעם דאָזיקן עקלעקטיציזם אויף אַ האַרמאָניש געבויטן און איינהייטלעכן רעליגיעז־פילאָסאָפישן וועלט־באַנעם. פון די כלערליי שיטות און ריכטונגען, וואָס פון זיי האָט רב סעדיה געשעפּט מאַטעריאַל אויף צו דערווייזן די שכלדיקייט און די פילאָסאָפישע ריכטיקייט פון די יידישע טראַדיציאָנעלע מיינונגען, האָבן זיי אויסגעקליבן בלויז איין שיטה, בלויז איר האָבן זיי אָפּגעגעבן די בכורה פון שטאַנד־פּונקט פון שכל און אַ „הכשר" פון שטאַנדפּונקט פון רעליגיע. די דאָזיקע שיטה איז געווען — דער נעאָ־פּלאַטאָניזם אין יענער פאָרם, וואָס עס האָט אים צוגעגעבן יאַמבליך און זיין תלמיד פּראָקלאָס, ווען עס אידייען עס זיינען אַריינגעדרונגען אין אַראַביע, דער עיקר אין דער באַאַרבעטונג פון פּאָרפיריוס.

קיין חידוש ניט, וואָס דווקא די דאָזיקע ריכטונג פון נעאָ־פּלאַטאָניזם האָט געפונען אַ מיטפילנדיקן אָפּקלאַנג אין די הערצער און מוחות פון די יידישע דענקער. די נעאָ־פּלאַטאָנישע פילאָסאָפיע, אין דער אויסטייטשונג פון יאַמבליך און פּראָקלאָס, איז פון איר זייט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ פּרואוו צו מאַכן שלום צווישן דער פילאָסאָפיע און דער רעליגיע, אמת, „געצנדינערישער" רעליגיע פונעם אַלטן גריכנלאַנד. זי האָט אַריינגעאַרבעט אין זיך אַ נעאָ־פּיטאַ־גאָראַאיזם, מיט זיין מיסטישן שפּיל אין צאָלן, וואָס איז שוין אין יענער צייט געווען ברייט באַקאַנט און טיף געאַכט. און — וואָס עס איז וויכטיקער פון אַלץ! — די רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון יאַמבליך־פּראָקלאָס האָט געגעבן אַ שכלדיקע דערקלערונג פאַר דער מעגלעכקייט פון ניסים, וואָס האָט געקאָנט באַפרידיקן די דעמאָלטיקע מוחות, וועלכע זיינען נאָך לגמרי ניט באַרירט געוואָרן דורך די פּרינציפּן פון דער אַריסטאָטעלישער נאַטור־וויסנשאַפט.

אַ דאַנק דער דאָזיקער פאַראייניקונג פון מיסטישן נעאָ־פּלאַטאָניזם מיט דער יהדות, האָט די רבניסטישע געזעצגעבונג געקאָנט אָן שטרויכלונגען זיך ווייטער אַנטוויקלען. זי האָט געשעפּט אירע כוחות פון דעם גלויבן אין משיחן און אין ניסים, וואָס אים האָט שוין אין פלוג קיין זאַך ניט געשראָקן מצד דעם שכל. דער שטודיום פון תלמוד האָט געפונען פאַר זיך נייע פייערדיקע אַנהענגער אין ר׳ יצחק אלפסי

און זיינע תלמידים; דענקער האָבן כמעט באַזונגען די שוין אַזוי באַזונגענע תרי״ג מצוות; דער קאָנסעקווענטער נעאָ־פּלאַטאָניקער, אבן־גבירול, וואָס טייטשט אויס דעם נעאָ־פּלאַטאָניזם אויף אַן אייגענעם, אָריגינעלן אופן, — שטעלט צונויף אַ האָראָסקאָפּ, בכדי ביי די שטערן אַרויסצורייסן דעם סוד פון ביאת הגואל, דעם סוד פון קץ הפלאות, דעם סוד פון די יידישע ליידן [6]), און ר׳ יוסף אבן־צדיק, — דער לעצטער ערנסטער און, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אין זיין גלויבן פריידיקער אָנהענגער פון דער דאָזיקער ריכטונג, — איז אין דער־זעלביקער צייט געווען אַ רב און אַ גרויסער תלמודישער אויטאָריטעט.

דאָס תלמודישע יידנטום האָט זיך איינגאַנצן באַרואיקט, און האָט געקאָנט אין פלוג אָן איינעווייניקסטע אויפרודערונגען און שטורעמס הייס גלויבן און געדולדיק וואַרטן אין זיין גלוטיקער בענקשאַפט.

## 3

צוויי ריכטונגען אין דער קאָנסערוואַטיווער רעליגיעזער פילאָסאָפיע. — די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דעם אויפקום פון יידישן אַריס־טאָטעליזם און די נאַטור־וויסנשאַפטן אין דער אַראַבישער ציוויליזאַציע. — אַסטראָנאָמיע, געשיכטס־פילאָסאָפיע און רעליגיע. — פריידענקעריי און דער פּרוּוו פון אַן „אוניווערסאַלער רעליגיע״ אין דער אַראַבישער ציוויליזאַציע. — דער נאַטור־וויסנשאַפטלעכער אַריס־טאָטעליזם און זיין צעשטערערישע השפעה אויפן יידנטום. — דער קאַמף אַנטקעגן אַריסטאָטעליזם.

אויבן האָבן מיר געזאָגט, אַז אין דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע פון מיטלאַלטער איז ניט שווער צו אונטערשיידן דריי טענדענצן, כאָטש זיי גייען אָפט איבער איינע אין דער אַנדערער, אָדער גיסן זיך אַפילו צונויף ביי איינעם און דעם זעלביקן דענקער, אָבער אונטער־שיידן זיך פאַרט שטאַרק איינע פון דער אַנדערער און ווייזן אַרויס אויפן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק יענע השפעה, וואָס ליגט אין דער טבע פון זייער מהות. דאָס איז, ערשטנס: די שטרעבונג פון דער פילאָסאָפיע צו באַרעכטיקן די רעליגיע; צווייטנס: די אומגעקערטע שטרעבונג — צווינגען די רעליגיע זי זאָל סאַנקציאָנירן די פילאָ־

6) אבן־עזרא אין זיין פירוש אויף דניאל י״א, ל׳, שרייבט: „ר׳ שלמה גבירול רצה לכשור הקץ במחברת הגדולה על שני כוכבים העליונים״.

סאָפּישע הנחות, און אויף אַזאַ אופן אויסקעמפן אַ שטיק אָרט פאַר דער פילאָסאָפיע אין די גרענעצן פונעם רעליגיעזן וועלט־באַנעם; צום סוף, דריטנס: די שטרעבונג צו באַנוצן די פילאָסאָפיע, ווי אַ מיטל אין דעם קאַמף מיט דער פילאָסאָפיע גופא, אין נאָמען פון דער אָרטאָדאָקסאַלער רעליגיע.

פאַר אַ ביישפּיל פון דער ערשטער טענדענץ קען דינען די נעאָ־פלאַטאָנישע ריכטונג אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע; פאַר אַ ביישפּיל פון דער צווייטער — די ריכטונג פון די מותזיליטן און פון די „לויטערע ברידער״ אין דער אַראַבישער טעאָלאָגיע; אַ בוילעטער פאָרשטייער פון דער דריטער טענדענץ איז, אין דער זעלביקער אַראַ־בישער פילאָסאָפיע, דער ברוגזער און גאַליקער אַל־גאַזאַלי, וואָס האָט געפאָדערט פון שכל פולע און אומבאַדינגטע אונטערטעניקייט אונטער דעם גלויבן פון די אָבות.

די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון אַראַבישן פעריאָד האָט בדרך כלל ניט געוואוסט פון קיין איין פאָרשטייער פון יענער טענ־דענץ, וואָס האָט אַנטשיידן געקעמפט אַנטקעגן דער רעליגיע אין נאָמען פון דער פילאָסאָפיע. דערפאַר האָט די דריטע טענדענץ, — דער קאַמף אַנטקעגן דער פילאָסאָפיע אין נאָמען פון דער רעליגיע, — געהאַט ביי די אַראַביש־שפּאַנישע יידן צ ו ו י י מעכטיקע פאָרשטייער: יהודה הלוי און חסדאי קרשקש. דער ערשטער שטייט אין סוף פון דער נעאָ־פלאַטאָנישער ריכטונג, פּנים אל פּנים מיט דער סכנה פונעם אַראַבישן אַריסטאָטעליזם, וואָס האַלט ערשט אין אָנקומען; דער צווייטער — אין סוף פון דער אַריסטאָטעלישער ריכטונג, וואָס האָט שוין געהאַט גרויסע נצחונות אין דעם יידישן געדאַנק און וואָס איר סכנה איז געוואָרן באַשיינפּערלעך פאַר אַלעמען.

דאָס פילאָסאָפישע ווערק פון יהודה הלוי שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַלאַרמירנדיקע התראה, ניט אונטערצוגעבן זיך דעם כישוף פון דער פילאָסאָפיע, פון אַריסטוס פילאָסאָפיע, ניט אַרויפצוטרעטן אויף דעם דאָזיקן גליטשיקן וועג, וואָס פירט דאָס יידנטום צו אונטערגאַנג. קרשקש שטייט אין סוף פון דעם דאָזיקן וועג און קאָנסטאַטירט פּעסי־מיסטיש, אַז אָט דער וועג האָט דערפירט דעם יידישן רעליגיעזן געדאַנק ביז צום ראַנד פון אָפּגרונט און אַז מ׳דאַרף זיך אומקערן צוריק...

יענע רעליגיעז־פילאָסאָפישע שיטה, וואָס איז אויסן די אינטע־רעסן פון דער רעליגיע, אָבער איז אין דער זעלבער צייט בשום אופן

ניט פײַנטלעך דער פילאָסאָפיע, איז, לויט איר עצם מהות, נעענטער צו דער שיטה, וואָס דערקלערט דער פילאָסאָפיע אַן אַנטשיידענע מלחמה, איידער צו יענער שיטה, וואָס איז גרייט אַוועקצושטעלן די גאַנצע רעליגיעזע טראַדיציע אונטער דעם העכערן קאָנטראָל פון דעם פילאָסאָפישן שכל.

די ערשטע צוויי שיטות האָבן אין אַלגעמיינע אייגנשאַפט, וואָס פאַר זיי ליגט דער שווערפונקט אין דער רעליגיע. זיי גייען זיך אָבער פאַנאַנדער אָט אין וואָס. בעת פאַר אַל־גאַזאַלי, הלוי און קרשקש איז די פילאָסאָפיע — אַ שונא, וואָס מוז פאַרטיליקט ווערן פאַר יעדן פרייז, ווײַל זײַן קראַפט שטעלט תמיד אין סכנה דעם קיום פון רעליגיעזן גלויבן, — איז אָבער דער ווייניקער קאָנסעקווענטער און, אין דעם פונקט אַביסל נאַאיווער געדאַנק פון די אבן־דאודס און מיימוניס נוטה צו זען אין דער פילאָסאָפיע, אמת, אויך אַ שונא, אָבער אַזעלכן, וואָס מען קאָן אים גרינג בייקומען, וואָס קאַפּיטולירט אָן אַ באַזונדער עקשנות פאַר דער רעליגיע און אַנערקענט מיט פרייד איר אויבער־הערשאַפט. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז יענע טעמים, וואָס האָבן באַוואויגן רבי יהודה הלוי אויפצוהייבן אַ זייער איידעלען לויט דער פאָרם, אָבער אין עצם אַ שאַרף פאַרביטערטן קאַמף אויף לעבן און טויט אַנטקעגן דעם אַריסטאָטעליזם, זיינען אין דער זעלביקער צייט געווען די טעמים, וואָס האָבן געבראַכט אבן־דאודן און דעם רמב"ם צו דער אויפגאַבע — שלום צו מאַכן צווישן אַריסטאָטעליזם און יהדות און איינשפּאַנען דעם אַריסטאָטעליזם אין דעם טריאומפאַלן רייטוואָגן פון דעם רבניסטישן רעליגיעזן געדאַנק. די דאָזיקע טעמים זיינען געלעגן אין דעם אויפבלי פונעם אַריסטאָטעליזם און פון די נאַטור־וויסנשאַפטן אין אַראַביע, — דעם אויפבלי פון אַריסטאָטעליזם, וואָס האָט דערוויזן די דענקער פון יענער צייט די גאַנצע אומזיכערקייט און שוואַכקייט פון די נעאָ־פלאַטאָנישע בינים און אויף אַזאַ אופן אונטערגעגראָבן זיך אונטער דעם באַזיס פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע, וואָס האָט זיך אויך באַרואיקט און זיך געפילט אַזוי זיכער אין די אָרעמס פון דעם נעאָ־פלאַטאָניזם.

פאַרן יידישן געדאַנק איז אויסגעוואַקסן אַ נייער שונא — די אַראַבישע נאַטור־וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער פאָן פון אַריסטו. דער יידישער געדאַנק האָט פאַר אָט דעם דאָזיקן נייעם שונא געמוזט ווידער אַמאָל פאַרענטפערן זיין גלויבן אין משיחן און אין ניסים; ער האָט געמוזט טרייבן אָט דעם שונא צו סאַנקציאָנירן דעם

דאָזיקן גלויבן. דערין ליגט דער גאַנצער זין און דער גאַנצער באַדייט פונעם יידישן אַריסטאָטעליזם. דאָס איז די צענטראַלע אַקס, וואָס אַרום איר דרייט זיך די גאַנצע אַטמאָספערע פון געדאַנק מיט אַלע זיינע געהויבענע פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, וואָס ווייזן אויס אויפן ערשטן בליק אַזוי ווייט און פרעמד דעם יידישן לעבן מיט זיינע פריידן, ליידן און האָפענונגען.

מיר מוזן דעריבער, זיך אַביסל לענגער אָפּשטעלן אויף דער אַראַבישער נאַטור־וויסנשאַפט, ווי אויף דעם פּרייזין אין דער אַראַבישער ציוויליזאַציע בכלל.

וועגן דער ראָליע פון די אַראַבער אין דער אַנטוויקלונג פון די נאַטור־וויסנשאַפטן גייען זיך די מיינונגען פון די געלערנטע שטאַרק פאַנאַנדער. צוגלייך מיט דער פאַנעגירישער אָפּשאַצונג פון דער דאָזיקער ראָליע, וואָס דרעפּער האָט געגעבן, געפינען מיר די מיינונג פון אועוועל, דעם באַוואוסטן היסטאָריקער פון די אינדוקטיווע וויסנשאַפטן, וואָס איז נוטה לגמרי מבטל צו זיין די ראָליע פון די אַראַבער אין דער אַנטוויקלונג פון די נאַטור־וויסנשאַפטן [1].

אמת, אפילו אועוועל מוז מסכים זיין, אַז די אַראַבער זיינען געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, מאַדימס אויפן געביט פון עמפּירישער טעכניק; אַז זיי האָבן גוט אַריינגענומען אין זיך אַ באַדייטנדיקן טייל ידיעות, וואָס זיינען אָנגעקליבן געוואָרן ביי זיי; אַז געוויסע אָבסערוואַציעס האָבן זיי געמאַכט זעלבסטשטענדיק און אַז אַט די אָבסערוואַציעס האָבן געהאַט אַ גרויסן פּראַקטישן באַדייט. אָבער די אַראַבער האָבן, לויט זיין מיינונג, ניט פאַרמאָגט קיין אמתן גייסט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. מחמת דעם האָבן זיי ניט געקאָנט אויפהייבן זיך ביז צו יענע פאַראַלגעמיי־נערונגען און הויפּט־פּרינציפּן, וואָס ליגן אין יסוד פון די באַזונדערע נאַטור־וויסנשאַפטן און האָבן אַליין ניט גוט פאַרשטאַנען דעם מהות פון דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן. אין דער וויסנשאַפט זיינען זיי געבליבן מפרשים פון אַריסטאָטעלעס. לא די וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט אַריבער־וואַקסן די פילאָסאָפישע מיינונגען פון זייער לערער, זיינען זיי אַפילו געבליבן ווייט הינטער אים, ווייל זיי זיינען ניט געווען בכח פולקאָם אָפּצושאַצן און אָנצואווענדן זיין אינדוקטיווע מעטאָדע.

---

1) זע: אועוועל, „געשיכטע דער אינדוקטיוון וויסנשאַפטן״, באַנד איינס, בוך פיר, קאַפּ. 5 (דייטשישע איבערזעצונג פון י. י. פאָן ליטראָוו, 1840).

אָט דער שטרענגער פסק־דין אועוועלס מוז אָבער איצטער היפש ווייכער געמאַכט ווערן מחמת כמה טעמים:

ערשטנס: יענע פאַדערונגען, וואָס ער שטעלט דער מיטלאַלטער־לעכער אַראַבישער נאַטור־וויסנשאַפט, זיינען בלי ספק צו שטרענג. די אָבסערוואַציעס און עקספּערימענטן פון די אַראַבישע נאַטור־פאָרשער האָבן געדאַרפט צוערשט אויספילן יענע ברייטע גרענעצן פון טעאָ־רעטישן געדאַנק, וואָס אַריסטאָטעלעס האָט אָנגעמערקט פאַר די וויסנ־שאַפטן וועגן דער נאַטור. דאָס האָט געדאַרפט געשען פריער, איידער דער מענטשלעכער געדאַנק האָט געקאָנט אַריבערשפּרייזן די דאָזיקע גרענעצן.

צווייטנס: אועוועלס ידיעות וועגן דעם מצב פון די נאַטור־וויסנ־שאַפטן ביי די אַראַבער געהערן צו דער תקופה, ווען די אַראַבישע ליטעראַטור איז נאָך געווען לפי ערך ווייניק באַקאַנט אין אייראָפּע. אועוועלס בוך איז אַרויס אין יאָר 1837, ווען עס זיינען נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן די אַראַבישע מקורים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט שטודירן די נאַטור. לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז די אַרבעטן פון אל־קינדי, אבן־סינא און פון די „לויטערע ברידער" האָבן לפי ערך ערשט נישט לאַנג געפונען זייער אָפּשאַצונג; אַז טייל אַראַבישע ווערק זיינען ניט געווען איבערגעזעצט אויף לאַטיין און אַז אייניקע פון זיי זיינען אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען גראָד דערפאַר, ווייל די מיטל־אַלטערלעכע אייראָפּע האָט ניט באַזונדערס הויך געשעצט דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן אינוועטאַר פון די אַראַבער, און ס'איז אַ ספק, צי זי איז בכלל געווען בכח פולקאָם אים אויסצונוצן. פון דער השפעה, וועלכע די אַראַבער האָבן געהאַט אויף דער סכאָלאַסטישער אייראָפּע טאָר מען ניט מאַכן קיין אויספירן וועגן דעם צושטאַנד פון די נאַטור־וויסנשאַפטן ביי די אַראַבער, ווי דאָס טוט אועוועל.

די שפּעטערדיקע מיינונגען פון די געלערנטע וועגן דער נאַטור־וויסנשאַפטלעכער ראָליע פון די אַראַבער פאַלן כמעט אַלע אַריין אין אַ פאַנעגירישן טאָן. כאָטש דאָס רוב פון די דאָזיקע געלערנטע זיינען — ספּעציאַליסטן־פילאָלאָגן, און ניט נאַטור־וויסנשאַפטלער, און בכן איז שווערלעך, זיי זאָלן זיין מומחים אין פראַגן פון נאַטור־וויסנשאַפט, — פונדעסטוועגן, אַפילו ווען מען זאָל זיין מער אָפּגעהיט בנוגע צו זייערע מיינונגען, טראָגן זיי פאָרט אַריין שטאַרקע אויסבעסערונגען אין אועוועלס שטרענגן פסק־דין.

„דער פאַרדינסט פון דער אַראַבישער וויסנשאַפט באַשטייט דערין",

— שרייבט, צ. ב., אַ. קרעמער, — "וואָס זי האָט די ערשטע איינגעפירט די עקספּערימענטאַלע מעטאָדע אין דעם שטודיום פון דער נאַטור"[2]. (גאָר אַ קלייניקייט!)

דער היסטאָריקער ברענגט די מיינונג פון סעדיליאָ וועגן דער באַגדאַדער שולע אין אַסטראָנאָמיע, אַז די דאָזיקע שולע האָט פון סאַמע אָנהייב אָן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ רייך וויסנשאַפטלעכן גייסט און מיט אַ פאַרשטאַנד פאַר די וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען: "אַרויפגיין פון באַקאַנטן צו אומבאַקאַנטן, אָפּגעבן זיך אַ קלאָרן דין וחשבון וועגן די הימלישע דערשיינונגען, ניט אָנדערקענען פאַר אמת קיין זאַך, וואָס איז ניט דערוויזן דורך דעם עקספּערימענט אָדער אָבסערווירונג, — אָט דאָס זיינען די גרונט־הנחות, וואָס עס האָבן דעמאָלט געלערנט די לערער פון דער וויסנשאַפט"[3].

ביי דעם שיין פון אַזעלכע מיינונגען ווייזן זיך די פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון דער אַראַבישער נאַטור־וויסנשאַפט שוין ניט אויס פאַר אַזוינע נישטיקע, ווי עס שטעלט זיי אַרויס אועוועל. די אַראַבישע נאַטור־פאָרשער זיינען געווען ווייט פון צו זיין בלויז מפרשים און נאָכ־טאָנצערס פון אַריסטאָטעלן. מינעראַלאָגיע און באָטאַניק זיינען לגמרי ניטאָ אין אַריסטאָטעלס ווערק; די דאָזיקע צוויי וויסנשאַפטן זיינען דאָך אָבער דורכגעאַרבעט געוואָרן דורך די אַראַבער"[4].

"ניט געקוקט אויף אַלע חסרונות און איינזייטיקייטן, זיינען די אויפטוען פון די אַראַבער אויפן געביט פון באָטאַניק בכל אופן גרויס אין פאַרגלייך מיט די אויפטוען פון די רוימער און גריכן; די אַראַבער האָבן זעלבסשטענדיק געפירט די ווייטערדיקע פאָרשונגען, אָבסערווירט די נאַטור און געזאַמלט מאַטעריאַל מיט התמדה". אין דער מאַטעמאַטיק און אָפּטיק האָבן די אַראַבער דערגרייכט באַדייטנדיקע, לגמרי זעלבסט־שטענדיקע רעזולטאַטן[5], און אין דער מעכאַניק האָבן זיי, — אויב מען זאָל גלויבן דיעטעריצין, — שוין פאַרגעפילט דעם געזעץ פון שווערקראַפט[6].

ווי דאָס זאָל ניט זיין, פאַר אונדזער ציל איז וויכטיק און איבער

2) אַ. וו. קרעמער, קולטור־געשיכטע דעם אָריענטס. באַנד 2, ז. 453.
3) דאָרט גופא, ז. 443.
4) פר. דיעטעריצי, די נאַטור־אַנשאַונג און נאַטור־פילאָסאָפיע דער אַראַבער אין צענטן יאָרהונדערט, ז. 84.
5) קרעמער, דאָרט גופא ז. 457.
6) דיעטעריצי, נאַטוראַנשאַונג, ז. 145.

יעדן ספק, אַז די נאַטור־וויסנשאַפטן האָבן אין דעם פעריאָד צייט פונעם צענטן ביז נאָכן צוועלפטן יאָרהונדערט זיך אויסגעקעמפט אַן אויסגעצייכנטע לאַגע אין אַראַבישן גייסטיקן לעבן. די אַראַבישע פאָר־שער האָבן זיך ניט באַגרענעצט מיט אַ פשוטן פאַררעגיסטרירן די עמפּיריש דערקענטע פאַקטן, נאָר האָבן אַרויסגעדרונגען פון זיי פילאָ־סאָפישע מסקנות אין גייסט פון דעם אַריסטאָטעליזם און אויף אַזאַ אופן ראַדיקאַל איבערגעריסן מיטן טראַדיציאָנעלן נאַאיוו־רעליגיעזן וועלט־באַנעם.

דער אַראַבישער אַריסטאָטעליזם איז געווען די ערשטע אַנט־שיידענע שלאַכט, וואָס דער צייטיקער, געשטעלטער שכל האָט געגעבן דער רעליגיעזער, אין די הימלשע הייכן שוועבנדיקער פאַנטאַזיע. „ווען די אַראַבער האָבן זיך באַקענט מיט דער גריכישער פילאָסאָפיע און זיך געווענדט צום שטודיום פון די נאַטור־וויסנשאַפטן, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ נייער יוירונגס־עלעמענט אין דער גייסטיקער באַוועגונג", — שרייבט קרעמער: — „די לאָגיק האָט געשלייפט דעם כלי־זיין פון דער פּאָלעמיק און דער געזונטער מענטשלעכער פאַרשטאַנד איז אויפ־געשטאַנען קעגן דעם בלינדן גלויבן. די מאַטעמאַטישע באַווייזן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער די ראיות, געשעפּט פון קאָראַן, און דער שטודיום פון דער נאַטור האָט פון זיין זייט דערלאַנגט קלעפּ דעם קאַפּריזנעם אומזין פון די טעאָלאָגן" [7].

די מעכטיקע השפעה פון נאַטור־וויסנשאַפטלעכן דענקען אויף די אַראַבישע גייסטער איז באַשטאַנען, דער עיקר, דערין, וואָס דאָס דענקען האָט געשטרעבט אינגאַנצן אַרויסצוטרייבן פון דער ספערע פון געדאַנק דעם איבערנאַטירלעכן, פאַנטאַסטישן וועלט־באַנעם, וואָס האָט געלעבט און געאָטעמט מיט וואונדער, מיט האָפענונגען אויף דער אַריינמישונג פון אויסערוועלטלעכע כוחות אין אין די מענטשלעכע עסקים און עסקימלעך, — אַן אַריינמישונג, וואָס דער מענטש אַליין קאָן אַרויסרופן מיט די אָדער יענע תחבולות פון דער רעליגיעזער קולטור. און דערגרייכט איז געוואָרן די דאָזיקע מעכטיקע, די ערשטע צייט ריין־נעגאַטיווע ווירקונג פון דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן אַריסטאָ־טעליזם ניט אַזוי דורך דעם פּאָזיטיוון דערקענען די בויטווענדיקע קעגנזייטיקע שייכותן אין די נאַטור־דערשיינונגען, ניט אַזוי מיטן עקספּערימענטאַל־עמפּירישן באַוויז, אַז אַ סך באַהויפּטונגען פון דעם

7) קרעמער, דאָרט, ז. 462.

איסלאַם זיינען פאַלש און אומגעלומפּערט, ווי דורך אַ באַשטימטן דיסציפּלינירן דעם מענטשלעכן שכל, דורך אויסאַרבעטן אַ באַזונדער הרגל פון דענקען: — ניט אַנצונעמען קיין שום הנחות אויפן וואָרט, צו רעכענען זיך בלויז דערמיט, וואָס עס איז געדרונגען נויטווענדיק פון די בלי־ספקדיקע פילאָסאָפישע גרונט־הנחות אָדער פון עמפּירישע אָדער פון דער פּאַקטישער דערקענטעניש, וואָס ווערט געמאַכט מיט דער הילף פון דעם סאַמע געניטסטן פאָרמאַל־לאָגישן אַנאַליז.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז אויך דער דאָזיקער דרך האָט ניט געקאָנט גאַראַנטירן דעם אַראַבישן געדאַנק אַ ריכטיקע מעטאָדע, וויסנשאַפטלעך־פילאָסאָפיש צו קאָנסטרואירן די ווירקלעכקייט, צו געבן אַ גאַנץ האַרמאָניש בילד פון דעם וועלט־אַל, אַ בילד, וואָס באַפרידיקט אַלע פאָדערונגען פון אמת, שיינקייט און גערעכטיקייט. אַ פאַלשע דער־קענטעניש־טעאָריע, אַ ניט־גענוגע טעאָריע פון דערפאַרונג, דאָס כמעט פולשטענדיקע פעלן פון דער אַנטוויקלונגס אידייע און דאָס מגוזמדיקע איבערשאַצונג פונעם ווערט פון דער פאָרמעלער לאָגיק, — דאָס אַלץ האָט פאַר די דענקער פון יענער צייט געמאַכט אוממעגלעך, גלייך צו שטעלן זיך אויפן ריכטיקן פילאָסאָפישן וועג. אויב זיי האָבן זיך באַפרייט פון די רעליגיעזע און ריטועלע פענטעס, זיינען זיי אָבער דערפאַר פאַרקראָכן אין מעטאַפיזישע געדיכטעענישן. אָבער נאָך אַלעמען האָט דער מענטשלעכער שכל פונדעסטוועגן פּאָרט ביסלעכווייז אָפּ־געוואוינט זיך צוצורעכענען צו דעם פאַקטישן וועלט־געשעען גאַנצע קיניגרייכן פון מעגלעכקייטן און אפשרקייטן. די דאָזיקע קיניגרייכן זיינען ביסלעכוויז און אַלץ מער און מער געוואָרן שמעלער, און וואָס ווייטער האָבן די מענטשן אַלץ מער און מער זיך צוגעוואוינט צו דער פאַרשטעלונג וועגן נאַטור־געזעצן, וואָס קאָנען ניט געענדערט ווערן.

אָט די געוואוינע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע, לאָגישע און מאַטע־מאַטישע געוואוינהייטן פון דענקען האָבן געמוזט ווירקן צעשטערעריש אויף דער גאַנצער דעמאַלטיקער רעליגיעזער טראַדיציע. פון אַל־גאַזאַליס פאָלעמיק אַנטקעגן די דענקער פון זיין צייט דערוויסן מיר זיך, אַז די אַריסטאָטעליקער געהערן צו יענע חכמים, וואָס פאַר זיי זיינען קיין שום רעליגיעזע געזעצן ניט גילטיק [8]) און וואָס לייקענען אָפּ אויפן

8) זע דאָס ציטירטע בוך, דיעטעריצי, ז. 134.

אַנטשיידנסטן אופן דעם גן־עדן, דעם גיהנום, די ניסים און דעם תחית המתים [9]).

און ניט נאָר די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע אמתן, נייערט אויך די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פאַרבלאָנדזשענישן פון יענער צייט האָבן שטאַרק מיטגעווירקט צו צעשטערן די יסודות פון אַלטן וועלט־באַנעם. מיר האָבן דאָ אין זינען די אַסטראַלאָגיע.

דער פאַרגאַנגענער ניינצנטער יאָרהונדערט, דער יאָרהונדערט, וואָס האָט ניט איין פאַרשוועכטן כבוד ווידער אויפגעשטעלט, האָט אומגעקערט דעם כבוד אויך דער דאָזיקער לייכטזיניקער מוטער פון דער פּינקטלעכסטער פון אַלע נאַטור־וויסנשאַפטן, — די אַסטראָנאָמיע. לויט מענסינגאַ, וואָס האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע „צוריק אויפ־צוריכטן דעם כבוד" פון דער אַסטראָלאָגיע, האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך געניאַלע אויפבליצן פון וויסנשאַפטלעכקייט, וואָס האָבן, ווערדליך די טענדענצן, וואָס האָבן געהערשט אין דער „וויסנשאַפטלעכער האָראָסקאָפּיע", געמאַכט זי פאַר אַ חשובער פאַרגייערין פון דער אַס־טראָנאָמיע [10]).

מיר וואָלטן געזאָגט, אַז די אַסטראָלאָגיע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער געשיכטס־פילאָסאָפיע אין יענער צייט. לכל הפחות, האָט מען איר געשטעלט יענע פאָדערונגען, וואָס ווערן איצטער, אפשר מיטן זעלביקן רעכט, געשטעלט דער געשיכטס־פילאָסאָפיע: וויסנ־שאַפטלעך פאַרויסצוזאָגן דעם היסטאָרישן גורל. אָגיוסט קאָנטס פאָרמולע: „וואָואַר פּור פּרעוואָואַר" (זען, בכדי פאָרויסצוזען), וואָס ליגט אין יסוד פון דער היינטצייטיקער מאַרקסיסטישער געשיכטס־פילאָסאָפיע, האָט אין ערגעץ, אין פּלוג, ניט געפונען אַזאַ גלענצנדיקע באַרעכטיקונג, ווי גראָד אין דער אַסטראָלאָגיע.

און וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ „מאָניסטישע" וויסנשאַפט! אַלע היסטאָרישע געשעענישן, און אויך אַלץ, וואָס עס טוט זיך „אונטער דער זון", זיינען אַרויסגעדרונגען געוואָרן פון איין איינציקן פּרינציפּ: — דעם גאַנג פון די שטערן און מזלות. און אויב מ'זאָל פון דער געשיכטס־פילאָסאָפיע פאָדערן ניט קיין וויסנשאַפטלעכע באַווייזן, נאָר „מאָניסטישע" אויסטייטשונגען, דעמאָלט מוזן מיר מודה זיין, אַז דער

9) דאָרט גופא, ז. 274.

10) י. פּ. מענסינגאַ. איבער אַלטער און נייער אַסטראָלאָגיע. ווירכאָו־האָלגענ־דאָרפשע אָפּהאַנדלונגען. בערלין, 1871, העפט 140. זע באַזונדערס ז"ז 10, 23 און 34. פאַרגל. אויך „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך יעווריעסטוואַ". ז"ז 26־88.

אַסטראָלאָגישער פּרינציפּ פאַרמאָגט אַ סך ווייטערדיקע מעלות, וואָס שטעלן אים העכער פון אַ סך היינט באַליבטע היסטאָריש־פילאָסאָפישע טעאָריעס.

ערשטנס, האָט דער „נאַטירלעכער גאַנג״ פון דעם „גרונט־פאַקטאָר״ — דער גאַנג פון די כוכבים ומזלות — געקאָנט ווערן אויסגעשטודירט אַ סך גרינגער, פּינקטלעכער און אָביעקטיווער, איידער, למשל, די „אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות״. צווייטנס, איז דאָ דערגרייכט געוואָרן די זעלטענע מעלה, וואָס אַלע מענטשלעכע מעשים זיינען געוואָרן דערקלערט דורך אַ פאַקטאָר, וואָס ליגט אַבסאָלוט אויסער דעם מענטשן, אַפילו אויסער דעם כדור־הארץ. אַדאַנק דעם האָט מען זיך ניט געדאַרפט רעכענען מיט די קעגנזייטיקע ווירקונגען צווישן דעם „באַזיס״ און די „איבערגעבייען״, — די קעגנזייטיקע ווירקונגען וואָס זיינען אַזוי פאַרפּלאָנטערט און קאָמפּליצירט, אַז איבער זיי איז, למשל, די היינטצייטיקע געשיכטס־פילאָסאָפיע פון מאַרקסיזם, ווי ווייט זי וויל פאַרויסזאָגן, וואָס עס וועט זיין וויסנשאַפטלעך פאַרמשפּט צו זיין לחלוטין אומפּרוכפּערלעך. הכלל, אויב מיר זעען אַפילו ביי היינטיקן טאָג, אַז דיין מעטאַפיזישע קאָנסטרוקציעס ציען צו מיט זייער גאַנצקייט און געשלאָסנקייט אַ סך גייסטער, וואָס זיינען ניט דיסציפּלי־נירט דורך דערקענטעניש־טעאָריע און דורך דער טעאָריע פון וויסנ־שאַפטלעכן דענקען, מוזן מיר אויפהערן צו וואונדערן זיך אויף דעם כורעים פאַלן, וואָס די אַסטראָלאָגיע האָט אַרויסגערופן צו זיך אין באַגינען פונעם וויסנשאַפטלעכן געדאַנק.

די אַראַבישע אַריסטאָטעליקער האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע „וויסנשאַפט״ צוליבן קאַמף מיט די פאָראורטיילן, וואָס האָבן געהערשט אין זייער צייט. אַזוי, למשל, האָט אבן־ראָשד „פון שטאַנדפּונקט פון פיזיק און מיט דער הילף פון אַ „שטערן־פּראָגנאָז״ דערוויזן די ניט ריכטיקייט פון דעם גלויבן, וואָס איז צווישן די אַראַבער געווען פאַר־שפּרייט אין זיין צייט, אַז דער גאַנצער מין מענטש מוז אומקומען פון אַן אורגאַן. דערפאַר האָט ער באַקומען דאָס צונעמעניש „אַפּרי־קאָנער״ און „כופר״ [11].

אַדאַנק דער אַסטראָלאָגיע, זיינען אַ סך דענקער געקומען צו דער מסקנה, אַז די רעליגיע דאַרף ווערן באַטראַכט נאָר ווי אַ פּראָדוקט פון היסטאָרישן לעבן. די גרויסע היסטאָרישע ענדערונגען אין דער

11) רענאַן: אווערראָס עט אווערראָאיסמע. ז. 17.

געשיכטע פון די פאַרשיידענע רעליגיעס זיינען געבראַכט געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט די אַזוי גערופענע „גרויסע קאָנסטעלאַציעס" פון די הימלישע מאורות, וואָס קומען פאָר אַן ערך יעדע טויזנט יאָר [12]). אַט פאַרוואָס עס זיינען אין אייראָפּע נאָך אין דרייצנטן יאָרהונדערט די ווערטער „מעדיצין", „אַראַביזם", „אַווערראָאיזם" און „אַסטראָלאָגיע" געווען סינאָנימען, וואָס האָבן באַטייט דאָס זעלביקע וואָס „כפירה" [13]).

די רדיפות אויף דער פילאָסאָפיע און אויף די נאַטור־וויסנשאַפטן מצד געוויסע אַראַבישע הערשער, ווי, למשל, די רדיפות פון אַלמאַנזאָר אין עלפטן יאָרהונדערט, האָבן דעמאָלט ניט געקאָנט האָבן די פעולה, וואָס די טעאָלאָגן האָבן געוואָלט, און וואָס די אַלמאָהאַדן האָבן אין סוף פון צוועלפטן יאָרהונדערט טאַקע אויסגעפירט: פרייע דענקער און סקעפּטיקער האָבן זיך גענומען מערן מיט יעדן יאָר.

דער באַוואוסטער היסטאָריקער פון דער אַראַבישער הערשאַפט אין שפּאַניע, דאָזי, שילדערט אונדז אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער גייסטיקער אַטמאָספערע אין יענער צייט:

„אַ באַזונדער סעקטע, וואָס איז באַשטאַנען פון נאַטור־פאָרשער, האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די פילאָסאָפישע ווערק פון גריכנלאַנד. דער שטודיום פון מאַטעמאַטיק האָט זיי געבראַכט צו דער אַסטראָנאָמיע. כדי צו גלויבן אין דער רעליגיע, האָבן זיי פאַרלאַנגט מאַטעמאַטישע באַווייזן, און היות אַזעלכע באַווייזן זיינען ניט געווען, האָבן זיי דער־קלערט, אַז די רעליגיע איז אַן אַבסורד. זיי האָבן מבטל געווען אַלע אירע מצוות: די תפילות, די תעניתים, צדקה, — דאָס אַלץ איז געווען ביי זיי אין די אויגן גאָר נאַרישקייט... אַנדערע סעקטעס, וואָס האָבן אַריינגענומען אין זיך אויך יידן און קריסטן, האָבן פּראָפּאַגאַנדירט אינדעפערענטיזם אונטערן נאָמען פון אַ „אוניווערסאַלער רעליגיע" (אַל מיללאַ אַל־כולליאַ)... אייניקע פון זיי זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן גענומען זיין מסופק אין מציאות הבורא. אַנדערע האָבן געלערנט, אַז אייניציק גויטוועדיק איז נאָר אַן אוניווערסאַלע רעליגיע, און האָבן אונטער דעם דאָזיקן נאָמען פאַרשטאַנען די מאָראַ־לישע געביטן, וואָס איטלעכע רעליגיע לערנט זיי און וואָס ווערן אנערקענט פונעם שכל" [14]).

12) א. פ. קרעמער, 449, 2.

13) רענאַן, אין ציטירטן ווערק, ז. 259.

14) דאָזי, „געשיכטע דער מאָורען אין שפּאַניען", 2, ז"ז 162־163.

שוין פון דעם פאַקט, וואָס יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די סעקטעס, וואָס האָבן געלערנט אַן אוניווערסאַלע רעליגיע, זעט מען, אַז אויך די פּראָגרעסיווסטע מוחות פון אונדזער פאָלק זיינען געווען פאַרכאַפּט פון דעם דאָזיקן נייעם פרייען און עזותדיקן געדאַנקען־שטראָם, וואָס איז אויפגעקומען אַדאַנק דעם שטודיום פון אַריסטאָטעלן און פון די נאַטור־וויסנשאַפטן. אָט די נאַטור־וויסנשאַפטן זיינען עס, לויט דרעפּערס ריכטיקער באַמערקונג, געווען די נייטראַלע טעריטאָריע, וואָס אויף איר האָבן די פאָרשטייער פון די דריי רעליגיעס געקאָנט אָן מחלוקתן און רייסערייען בשלום פאַרמעסטן זיך מיט זייערע כוחות אויף די פעלדער פון וויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע פאָרשונגען.

אין אָנהייב, אמת, זיינען די יידישע נאַטור־פאָרשער אין דער אַראַבישער שפּאַניע געווען אויסערגעוויינלעך פּאָרזיכטיק און ניט זייער עזותדיק אין זייערע פילאָסאָפישע קאָנסטרוקציעס און מסקנות. אַבול־וואַליד אבן־ג׳נאח (דזשאַנאַח), — דער באַוואוסטער בעל דיקדוק, דאָקטאָר און מחבר פון מעדיצינישע ווערק, וואָס האָט געשריבן אויך וועגן לאָגיק, — האָט ניט געוואָלט ליידן קיין מעטאַפיזישע חקירות, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז „זיי פירן ניט צום אמת און רייסן אונטער דעם גלויבן"[15]). אַנדערע יידן־נאַטור־פאָרשער פון צענטן און עלפטן יאָרהונדערט האָבן זיך געקליגט צו פאַרהיטן זייערע רעליגיעזע אַנשויאונגען פון דער צעשטערערישער השפעה פון די נאַטור־וויסנשאַפטן, ווי, למשל, דונש בן־תמים (900—960) און ר׳ יצחק אלבליא (1035—1098), וואָס זיין שטודיום איז געווען איינגעטיילט „צווישן אַסטראָלאָגיע, מאַטעמאַטיק, פילאָסאָפיע און תלמוד" (גרעץ). דאָס האָט, לויט אונדזער מיינונג, זיך גענומען פון דעם, וואָס אין יענער צייט זיינען ליטעראַריש־פילאָלאָגישע פראַגן ביי יידן געשטאַנען אויפן ערשטן פּלאַן און האָבן מיט זיך פאַרשטעלט די פּראָבלעמען פון נאַטור־וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע. חוץ דעם, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז דער שלום צווישן רעליגיע און פילאָסאָפיע, וואָס רב סעדיה גאון האָט געמאַכט, און די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער שלום־ריכטונג אינעם נעאָ־פּלאַטאָניזם האָבן געגעבן די מעגלעכקייט דעם רבניסטישן געדאַנק לפי־ערך לאַנג אויסצוהאַלטן דעם אָנפאַל פון די אַריסטאָטעלישע אידייען.

אָבער שוין צום סוף עלפטן יאָרהונדערט, באַזונדערס צו דער

15) גרעטץ, געשיכטע. ב. 6. ז. 25.

צייט, ווען די נאַטור־וויסנשאַפטן האָבן נאָך די איבערגעלעבטע רדיפות מצד אַלמאַנזאָרן זיך פּרעכטיק צעבליט[16]), זעען מיר, ווי דאָס בילד פון פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון דער יידישער טראַדיציע מיט דער נאַטור־וויסנשאַפט הייבט זיך אָן צו בייטן. די זעלביקע אַלאַרמירנדיקע סימפּטאָמען, וואָס מיר האָבן זיך מיט זיי באַקענט, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם צעפאַל פון דער פאַר־סעדיהנישן גאָאיון וועלט־באַנעם, האָבן גענומען באַווייזן זיך אויך איצט, ווי אַ סימן, אַז עס איז נאָענט דער באַנקראָט און דער צעפאַל פונעם יידישן נעאָ־פּלאַטאָניזם. די ראָליע פון חיווי הבלכי האָט אַ ביסל פּריצייטיק איצט געשפּילט דער מדקדק און דאָקטאָר פון טאָלעדאָ, אבן יהושע יצחקי, הגם ווייט ניט מיט אַזאַ טאַלאַנט און ווירקונג, ווי זיין פּראָטאָטיפּ אין דער מזרח־אַראַבישער וועלט. פון מיטן ביז נאָכן סוף צוועלפטן יאָרהונדערט באַגעגענען מיר זיך שוין אין דער רעליגיעז־פילאָסאָפישער ליטעראַטור מיט טענות אַנטקעגן דער פאַרשפּרייטונג פון סקעפּטיציזם און אינדיפערענטיזם.

עס באַווייזן זיך געבילדעטע רענעגאַטן מיט אַ גרויסער פילאָסאָפישער און נאַטור־וויסנשאַפטלעכער ערודיציע, וואָס וואַרפן אַוועק יידישקייט, בכדי אַריבערצוגיין צום קריסטנטום אָדער צום איסלאַם. יאָהאַן אַווענדעאָט פון טאָלעדאָ, וואָס האָט געהאָלפן דאָמיניק הונדיסאַלווין איבערזעצן אויף לאַטיין דעם „מקור חיים" פון אבן־גבירול, האָט אָנגענומען דעם קריסטנטום. אָבער בערעקאָן כיבעטאָלאָ, דער „יחיד בדורו", ווי מ'האָט אים אָנגערופן פאַר זיינע באַרימטע מעדיצינישע אויפטוען[17]); שמואל אבן עבאָס, אַ גרינטלעכער קענער פון מאַטעמאַטיק און פילאָסאָפיע, און אַ זון פון באַוואוסטן יידישן דענקער אברהם אבן עזרא, — דריי גרויסע מענטשן, — גייען אַריבער צום איסלאַם.

די דאָזיקע אַלע צייכנס פון דער צייט מאַכן פול דאָס בילד פון דער סכנה, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער יהדות מצד די אַריסטאָ־טעלישע נאַטור־וויסנשאַפטן.

מ'דאַרף אָפּגעבן כבוד דעם שאַרפן נביאישן בליק פונעם יידישן רעליגיעזן געדאַנק: ער האָט באַצייטנס די דאָזיקע סכנה באַמערקט. נאָך אין סוף צענטן און אין אָנהייב עלפטן יאָרהונדערט האָט דער באַוואוסטער תלמודישער אויטאָריטעט, רב האי גאון (969—1038), —

16) וועגן דער דאָזיקער צייט זע דעם באַריכט פון סעיד, וואָס איז געבראַכט ביי רענאַנען אין אויבן ציטירטן ווערק, ז. 5.

17) זע וועגן אים און זיינע ווערק — אין ציטירטן ווערק פון וויסטענפעלד, ז. 98.

אַ בן־דור פון וויכטיקסטן פאָרשטייער פון אַראַבישן אַריסטאָטעליזם, אבן־סינא, — וואָס איז אָן ספק באַקאַנט געווען מיט דער נייער פילאָ־סאָפישער שטרעמונג פון אַראַבישן געדאַנק[18]), איז זיך גאַנץ אָפנהאַרציק מודה, אַז ניט אים, ניט זיין פאָטער, דעם באַוואוסטן רב שרירא גאון, האָט זיך ניט איינגעגעבן צו באַזייטיקן דעם אַנטאַגאַניזם, וואָס מוז אומפאַרמיידלעך אויפקומען צווישן אויפריכטיקער געטריישאַפט דער טראַדיציע און — דאָס זיינען זיינע אייגענע ווערטער — „דער שטרעבונג אַלץ צו דערקלערן מיט נאַטירלעכע סיבות״. עס פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, אַז אין דער פראַגע, ווער איז ביל׳כער, צי די פילאָסאָפיע אָדער די טראַדיציע, האָט ער אויפן שאַרפסטן און אַנטשיידנסטן אופן זיך אַרויסגעזאָגט לטובת דער לעצטער. ער האָט כסדר געפאָדערט, מען זאָל לחלוטין אָפּזונדערן די רעליגיע פון דער פילאָסאָפיע און האָט געוואָרנט פאַר די „נעצן פון דער לאָגיק״[19]).

---

18) אין איינעם פון זיינע ווערק ברענגט ער אויך אלפאראבין. זע ווייס: „דור דור ודורשיו״ (די געשיכטע פון דער יידישער טראַדיציע). באַנד 4, ז. 179.

19) זע: ל. גייגער, „געשיכטע דעס יודענטומס״, באַנד 4, ז. 114. מיר ברענגען דאָ אַ כאַראַקטעריסטישע ציטאַטע פון זיינעם אַ בריוו צו ר׳ שמואל אבן נגדילה, דעם באַוואוסטן מלוכה־מאַן און דענקער: „תיקון הגוף ומישור הנהגת האדם הוא העסק במשנה ותלמוד ואשר טוב לישראל כי למוד התורה יועיל לעצמו ולחכמים שכמהו... ואשר יסיר לבו מזה ויתעסק בדברים ההם יסיר מעליו תורה ויראת שמים ויפסיד עצמו באותם לגמרי. מזאת ההסרה יארע לאדם שישבש דעתו עד שלא יחוש לעזיבת התפילה... ואם תראה שאותם בני אדם המתעסקים באותם הדברים ודרכי הפילוסופיה יאמרו לך, שהיא דרך סלולה ושבזה ישיג לידיעת הבורא לא תשמע להם ולא תאבה להם ודע כי יכזבו לך באמת ולא תמצא יראת חטא וענוה קדושה אלא באותם המתעסקים במשנה ובגמרא״. — ציטירט ביי ווייסן דאָרטן, ז. 180. אין דער איבערזעצונג אויף יידיש קלינגט די דאָזיקע ציטאַטע אַזוי: „דער תיקון פון גוף און די ריכטיקע אויפפירונג פון מענטשן איז — צו לערנען משנה און תלמוד און דאָס, וואָס איז גוט פאַר אַ יידן, ווייל דער לימוד התורה וועט זיין נוצלעך פאַר אים אַליין און פאַר די חכמים זיין גלייכן... און דער וואָס וועט אָפּקערן זיין האַרץ פון דעם און וועט זיך פאַרנעמען מיט יענע זאַכן, וועט אָפּטאָן הערמיט די תורה און גאָטספאָרכטיקייט און וועט זיך אַליין שאַדן ברענגען מיט יענע ענינים, וואָס זיינען געשריבן אין די ספרים חיצונים, און וועט אָפּטאָן פון זיך אינגאַנצן אַלע רייד פון דער תורה, און פון דעם דאָזיקן אָפּטאָן מוז טרעפן, דער מענטש זאָל פאַרגרייזן זיין מיינונג אויף אַזוי ווייט, ביז ער וועט שוין לייכט באַציען זיך אויף צו פאַרלאָזן דאָס דאַוונען... און אויב דו וועסט זען, אַז די מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט יענע זאַכן און מיט דרכים פון פילאָסאָפיע, וועלן זאָגן צו דיר, אַז די פילאָסאָפיע איז אַ גלייכער וועג און אַז דורך איר קאָן ער דערגרייכן די דערקענטעניש פון

און דעם רב האי גאון דאַרף מען גאָרניט צורעכענען צו די אָנ־הענגער פון אָבסקוראַנטיזם. געוויסע היסטאָריקער פונעם יידישן פאָלק, ווי, למשל, גרעץ, רעכענען אים צו מיט פולן רעכט צו דער צאָל פון יענע תלמודישע אויטאָריטעטן, וואָס מאַכן דער פילאָסאָפיע גרויסע הנחות. די צווייזייטיקע שטעלונג פון רב האי גאון צו דער פילאָסאָפיע דערקלערט זיך, לויט אונדזער מיינונג, דערמיט, וואָס די רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון רב סעדיה גאון האָט אין זיין צייט שוין געלאָזן גענוג טיפע וואָרצלען און איז שוין ביז אַ געוויסער מדרגה געווען „קאָנאָ־ניזירט". קעגן דער דאָזיקער פילאָסאָפיע, וואָס איז סוף כל סוף געווען בלויז אַ מער ראַציאָנאַלע טעאָלאָגיע, האָט רב האי גאון גאָרנישט געהאַט: פאַר אים האָט זי שוין אויפגעהערט צו זיין פילאָסאָפיע, נאָכדעם ווי זי איז געוואָרן אַ טייל פון דער טראַדיציע. דערפאַר האָט ער מיט נאָך אַ גרעסערן אימפעט אַרויפגעוואָרפן זיך אויף דער פילאָסאָפיע פון זיין צייט, אויפן אַריסטאָטעליזם און אויף די נאַטור־וויסנשאַפטן.

אָט וואָס ער האָט, למשל, געשריבן צו איינעם אַ יידישן דענקער אין אינדיע, וואָס האָט געשטרעבט צו ברענגען אין אַ האַרמאָניע די ידיעות פון די כתבי הקודש מיט די ידיעות פון די נאַטור־וויסנ־שאַפטן: „פאַרוואָס פירט איר אַריין אין טעות דאָס פאָלק און פאַר־בלענדט די אויגן פון די אָרימע אין וויסן מיט אייערע ווערטער און פיינע רייד, גענומען פון אַריסטו און פון זיינע חברים?... איר האַלט די דעה פון אונדזער באַשעפער, וואָס איז ממש דאָס וויסן פון דער תורה, פאַר גלייך חשוב מיט די מיינונגען פון דעם נישטיקן, הבלדיקן און ווערימדיקן תוהו ובוהו, וואָס האָט קיין שום ממשות ניט"[20].

די זעלביקע צווייזייטיקע שטעלונג צו דער פילאָסאָפיע, — אַ פריינטלעכע צו דער נעאָ־פּלאַטאָניזירנדיקער יהדות און אַ פיינטלעכע

דעם באַשעפער — זאָלסטו זיי ניט הערן און ניט פאָלגן זיי, און זיי וויסן, אַז זיי זאָגן דיר, אָן שום ספק, ליגן; קיין מורא פאַר אַ זינד און קיין הייליקע עניוות וועסטו אין ערגעץ ניט געפינען, נייערט ביי די מענטשן, וואָס זיינען זיך עוסק אין משנה און גמרא".

20) א. ה. וויס, אין זעלביקן ווערק, ב. 5, ז. 180: בכתבנו לאחד מחכמי הודו, אשר רצה לבאר התורה לפי דרכי הטבעיים, כתב לו הגאון: „מה לכם תדכאו עני, ופני עניים בתורה תטחנו בשמעם את דבריכם וניב לשונכם בדברי ארישטו וחבריו... ואתם עושים במשקל דעת יוצרנו ית' שהוא דעת התורה ממש לדעת הבל וריק רמה ותולעה תהו ובהו אשר אין בו ממש".

צום אַריסטאָטעליזם, — באַמערקן מיר אין אַ גאַנצן יאָרהונדערט אַרום שוין אין צפון־שפּאַניע ביי ר׳ יהודה בן־ברזילי. „דער דאָזיקער רב פון באַרצעלאָנע״, — שרייבט גרעץ, — „באַציט זיך שוין מיט אומ־צוטרוי צו דער פרייער פילאָסאָפישער חקירה, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט פאַרמאָגט פילאָסאָפישע בילדונג און האָט אָנגעשריבן אַ פירוש אויפן „ספר יצירה״. ער האָט געהאַלטן, אַז מ׳טאָר ניט איבער־נעמען קיין פילאָסאָפישע הנחות פון יעדן ערשטן בעסטן. ס׳איז נויט־ווענדיק אָנצוגעטרויען זיך בלויז אַזעלכע דענקער, וואָס האָבן זיך צוגלייך פאַררעקאָמענדירט פאַר פרומע רבניסטן, ווי רב סעדיה גאון, ר׳ שמואל בן חפני, ר׳ דוד אַלמקמץ. „אַניט — פּאַלסטו אַריין אין אַ סכנה צו ווערן אַ ניט־גלויביקער״ [21]).

## 4

הלוי און זיין „כוזרי״. — הלוי און קאַנט. — דער שכל און די נביאישע זעאונג ווי קוואַלן פון דערקענטעניש. — די נביאישע חזיונות און דער עמפּיריזם. — דער שורש פון דעם טעות פון דער העלעני־שער פילאָסאָפיע און פון אַריסטאָטעלעס, לויט דער מיינונג פון הלוי. — די תורה און די נאַטור־וויסנשאַפטן. — אברהם אבן־עזרא. — דער צעפאַל פון יידישן נעאָ־פּלאַטאָניזם און די דערשיינונג פון ר׳ אברהם אבן־דאַוד.

די צופעליקע התראות פון ברזילי און אַפילו די שאַרפע אָנפאַלן פון רב האי גאון האָבן ניט געקאָנט אָפּווענדן די סכנה, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף דער יהדות מצד אַריסטאָטעלעס און די נאַטור־וויסנשאַפטן. אַז ערנסטע און טיף דורכגעטראַכטע אַטאַקע אויף אַריסטו האָט געקאָנט אונטערנעמען נאָר רבי יהודה הלוי, וואָס איז אַליין געווען אַ מעדיקער, און בכן, לויט יענער צייט — אַ נאַטור־פאָרשער. מיט זיין וואָכער נשמה פון אַ דיכטער האָט דער דאָזיקער ציון־זינגער געקאָנט תופס זיין דעם טיפן אויפרודער, וואָס האָט געהערשט אין דער נשמה פון בעסטן טייל פון די דעמאָלטיקע יידן.

„ווער פון אונדז״, שרייבט ער אין זיין „כוזרי״, — „פאַרמאָגט אַזאַ געדולדיקע נשמה, וואָס זאָל זיך אונטערגעבן דעם כישוף פון די מיינונגען פון די נאַטור־פאָרשער, אַסטראָלאָגן, קמיעות־מאַכערס, בעלי־

21) גרעץ, געשיכטע, באַנד 6, ז. 114.

מופתים, פון די וואָס גלויבן אין דער אייביקייט פון דער וועלט (אַז זי איז ניט באַשאַפן געוואָרן — ה. זש.), פילאָסאָפן א. ז. וו., — פון די מיינונגען, וואָס האָבן אויף אונדז אַ השפעה? ווער פון אונדז איז דערגאַנגען צום גלויבן, ניט דורכמאַכנדיק קיין חשבונות מיט אַ סך אַפּיקורסישע מיינונגען (עד שיעבור על דעות רבות מהאפיקורסים)? פאַראַן בלויז איינציקע מענטשן, וואָס ביי זיי פליסט דער גלויבן דירעקט אַרויס פון דער נאַטור, וואָס זיינען ווייט פון יענע טעותדיקע מיינונגען און וואָס די נשמה זייערע אונטערשיידט תיכף אַ טעותדיקן פונקט" [1].

לויט דעם עדות זאָגן פון הלוי, האָבן צום מייגסט פאַרכאַפּט זיינע בני־דור מיט זייער כישוף די תורות פון די אַריסטאָטעלישע נאַטור־פאָרשער. „מחמת דעם — שרייבט ער, — וואָס זיי ברענגען ראיות פאַר זייערע מאַטעמאַטישע און לאָגישע הנחות, גלויבן די דאָזיקע נשמות אין אַלץ, וואָס זיי זאָגן וועגן פיזיק און מעטאַפיזיק, און מיינען, אַז אַלץ, וואָס זיי זאָגן, איז אַ באַוויזענער פאַקט" [2].

אָט פאַרוואָס הלוי שטעלט זיך פאַר זיין ציל — אונטערצוּוואַרפן אַ טיפן קריטישן אַנאַליז, וואָס רירט אָן די עצם וואָרצלען פון דער פראַגע, גראַד די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע און מעטאַפיזישע הנחות פון די אַראַבישע אַריסטאָטעליקער.

פונקט ווי שפּעטער דער גרויסער עמנואל קאַנט, האָט הלוי שוין אין יענער צייט געלערנט, אַז דער מעטאַפיזישער פּראָבלעם וועגן בריאת העולם איז אַן אַנטינאָמישער לויט זיין עצם מהות: אַלע ראיות פאַר און קעגן זיינען גלייך איבערצייגעריש און האַלטן די שאָלן פון דער וואָג אין אַבסאָלוטער גלייכגעוויכט. אָבער אויב קאַנט האָט פון יענעם פאַקט אַרויסגעדרונגען, אַז די דאָזיקע פראַגע קאָן ניט פאַרענטפערט ווערן דורך עמפּירישן וויסן און דורך די מיטלען פון טעאָרעטישן שכל, — רוקט הלוי אַרויס פון רעזערוו פון זיינע „פינקטלעך־ריכטיקע" „פּאַקטישע דערקענטענישן" די ראיה, וואָס פאַרענטפערט די פראַגע אויפן בעסטן אופן. ער לייגט אויף איינער פון די וואָגשאָלן, וואָס געפינען זיך אין גלייכגעוויכט, די עדות פון די טראַדיציעס, וואָס קאָן

---

1) כוזרי, 5, 2.

2) כוזרי, 5, 14: למה שנתברר בהם המופת בחכמות ההרגליות וההגיון בטחו הנפשות על כל מה שאמרו בטבע ובה שאחר הטבע וחשבו שכל מה שאמרו — מופת.

ניט ווערן אָפּגעלייקנט, אָנגעהויבן פון אדם הראשונעם, וואָס איז דאָך כמעט ווי געווען דערביי, ווי די וועלט איז געשאַפן געוואָרן און האָט זיך געפונען אין דירעקטע פערזענלעכע באַציאונגען מיטן בורא אַליין. די וואָג האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט אַראָפּבויגן זיך אויף דער זייט פון דער באַשאַפנקייט [3].

די אַריסטאָטעלישע לערע וועגן דער אונטער־לבנהדיקער וועלט, פונקט ווי די גאַנצע סיסטעם פון היפּאָטעזעס און סברות וועגן די „סיבות פון צווייטער מדרגה״, וועגן די כוחות פון וואַקסן און לעבן, כאַראַקטעריזירט הלוי דורכאויס ריכטיק ווי שאַרפזיניקע אויסטראַכטע־נישן און פיינע המצאות, און איז מוסיף, אַז „דער וואָס גיט זיך צו זיי איבער, איז בכל אופן — אן אפיקורס״ [4].

צום מיינסט אינטערעסאַנט איז ער אין זיין מייסטערהאַפטער קריטיק פון דער לערע וועגן די פיר יסודות; די היפּאָטעזע וועגן דעם, אַז די גאַנצע מאַטעריעלע וועלט באַשטייט אין עצם פון פייער, לופט, וואַסער און ערד, איז לויט הלוי, ניט מער ווי אַן השערה, וואָס קאָן ניט באַשטעטיקט ווערן דורך קיין שום עמפּירישע אָבסערוואַציעס און גייט לגמרי להיפּוך צו די פאָדערונגען פון פילאָסאָפישן שכל [5].

פון דער אַנדער זייט, באַמיט זיך יהודה הלוי צו דערווייזן, אַז די יידישע טראַדיציע איז ניט אין סתירה מיט די ריכטיק פאַרשטאַנענע נאַטור־וויסנשאַפטן און אַז זי איז ניט אויפגעקומען ווי אַ פועל־יוצא דערפון, וואָס אירע באַשעפער זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע דערשיינונגען. קענען די נאַטור־וויסנשאַפטן איז פאַר דער יידישער געזעצגעבונג געווען אַ מוז, און די חכמי התלמוד האָבן פאַרמאָגט אַזאַ באַגאַזש נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ידיעות, וואָס שטייגט אין אַ סך פּרטים אַריבער די ידיעות פון אַריסטאָ. — „די רעשטן פון אָט די ידיעות זייערע ברענגען נאָך עד היום אַריין אין התפעלות״ [6].

הלוי לייקנט בשום אופן ניט, אַז אין דער יידישער רעליגיע

---

3) דאָרטן, 1, 67: וראיות שתי הטענות גם כן שוות עד שתכריע התחוש הקבלה מאדם ועד נח.

4) דאָרטן, 5, 21: וזה כלו דקדוק וקנה תחוד לא אמת והנפתה לו על כל פנים אפיקורס.

5) דאָרטן, 5, 14.

6) דאָרטן, 5, 64: וכמעט אשר נשאר בידינו מן החכמה הזאת מה שהדעות תמהות עליו.

זייַנען פאַראַן אַ סך הנחות, וואָס זייַנען לגמרי סותר דעם שכל. פונדעסטוועגן איז ער איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער פאַקט רעדט בשום אופן ניט קעגן דער אַבסאָלוטער ריכטיקייט פון די עצם הנחות. די מעשה איז, וואָס, לויט הלויס מיינונג, איז דער שכל ניט דער איינציקער קוואַל און ניט דער הויפט קוואַל פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש. העכער פון אים שטייט די נביאישע זעאונג, וואָס אירע רעזולטאַטן קאָנען ניט געשטעלט ווערן אונטער קיין שום ספק דערפאַר, ווייל זיי זייַנען אונדז געגעבן ווי דירעקטע, עמפּירישע דרויסנדיקע הרגשות, ווי רעאַלע פאַקטן, און דער מענטשלעכער שכל מוז זיך בויגן פאַר דער רעאַליטעט פון פאַקט. זאָל אַפילו דער דאָזיקער פאַקט זיך ניט אַרייַנפּאַסן אין די ראַמען, וואָס זייַנען אויסגעבויט דורך דעם שכל, מוז ער, דער שכל זיך פאַרט רעכענען מיט די שטרענג רעווי־דירטע הגם אויסערגעוויינלעך זעלטענע און אומגעוויינלעכע דער־שיינונגען פון דערווירקלעכקייט.

די הנחות פון דער יידישער רעליגיע, וואָס זייַנען סותר דעם שכל, האָבן זייער, אַזוי צו זאָגן, דערקענטעניש־טעאָרעטישע באַרעכ־טיקונג אין דער נביאישער וויזיע, וואָס האָט זיי סאַנקציאָנירט.

דער וואָס איז, לאָז זיין, נאָך טיילווייז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע, וועט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ וויכטיקער געדאַנק עס שטעקט אין אָט דער דאָזיקער חקירה הלויס. מ'קאָן זאָגן, אַז דאָס רוב טיפסטע און אָריגינעלסטע בנינים אין דער פילאָסאָפיע — סיי פון דער אַלטער, סיי פון דער נייער צייט, סיי פונעם קאָנסערוואַטיוון, סיי פונעם פּראָגרעסיוון לאַגער, — זייַנען געצוואונגען אָנצואווייזן באַשטימטע גרענעצן דעם מענטשלעכן שכל און אָוועקצושטעלן אין איין שורה מיט אים אָדער אַפילו העכער פון אים — אַ וואָסער עס איז אַנדער מקור פון דערקענטעניש, וואָס דער שכל דאַרף פאַרשטיין, אַז ער איז נויט־ווענדיק, און אַז מען מוז זיך מיט אים רעכענען.

מיר וועלן ניט ברענגען קיין ביישפּילן פון די אַלטע, פון דער סצענע אַראָפּגעגאַנגענע פילאָסאָפישע סיסטעמעס. לאָמיר זיך אַרומקוקן אַרום אונדז. וואָס איז אַזוינס די דיאַלעקטישע מעטאָדע פון דענקען, וואָס עס פּראָפּאַגאַנדירן מאַרקס און ענגעלס, אויב ניט די באַגרענעצונג פון די רעכט און פון דער ווירקונגס־ספערע פון מענטשלעכן שכל? „איינע־און־דיזעלביקע זאַך אין איין און דערזעלביקער צייט — אי זי עקזיסטירט, איז זי עקזיסטירט ניט", — אַזוי קלינגט די גרונט־הנחה פון דער דיאַלעקטיק, וואָס אויף איר איז געבויט דער גאַנצער פילאָ־

סאָפישער בנין פונעם מאַרקסיזם. אומזיסט שטעלט זיך אויף „דער געזונטער שכל הישר״ אַנטקעגן דעם דאָזיקן צעשטערן די עצם יסודות פון לאָגישן געדאַנק. מאַרקס צייכנט אָן זיינע גרענעצן, דערווייזט די באַדינגלעכקייט פון זיינע געזעצן און פאָדערט פון אים, ער זאָל זיך בויגן פאַר די העכערע פאָרמען פון דעם „דיאַלעקטישן״ דענקען. פונקט אַזוי האָפערדיק און פריי פאַרהאַלטן זיך צו די אַבסטראַקטע בנינים פונעם שכל סיי דער מאָדערנער עמפּיריאָ־קריטיציזם, סיי די מאָדערנע אימאַנענטע פילאָסאָפיע. מיר ווען דערמאָנען, לאָז זיין, נאָר די קריטיק, וואָס ערנסט מאַך האָט אָנגעווענדט אַנטקעגן דער גרונט־הנחה פון מענטשלעכן שכל, וואָס איז איינגעגלויבט, אַז „פון גאָרנישט קאָן גאָרנישט אַרויסקומען״. מיר ווען דערמאָנען דעם קריגס־מאַרש פון דעם עמפּיריאָ־קריטיציזם אַנטקעגן דעם קאַוזאַלן דענקען בכלל. לאָמיר אויך דערמאָנען די פילאָסאָפישע גרונט־הנחות פון דעם פּריצייטיק אומגעקומענעם געניאַלן אויטאָר פון דער „אימאַנענטער פילאָסאָפיע״, פאַן־קאָופמאַן, וואָס לויט אים „איז די וועלט אַ קאָלירטע, אין זיך אַליין זיך דרייענדיקע פלאַכקייט מיט צווי אויסמעסטונגען״ און אין אונדזער „איינשטייניאַנישער״ צייט ווערן מיר אַלץ מער און מער געוואוינט איינצוזען, אַז דאָס, וואָס „עס ליגט ניט אויפן שכל״, קאָן זיין, ליגט אין דעם יסוד פון דעם גאַנצן וועלט־געשען.

דאָס אַלץ רעדן מיר מיטן מיין צו דערווייזן, אַז רבי יהודה הלוי, וואָס באַגרענעצט די קאָמפּעטענץ פון מענטשלעכן שכל און שטעלט אַרויס אַנטקעגן אים די קאָמפּעטענץ פון אַן אַנדער מקור פון דער־קענטעניש, פאַלט נאָך דערמיט גופא ניט אַראָפּ פון דעם הימל פון פילאָסאָפיע אין זומפּ פון דער טראַדיציע. און דאָס עמפּירישע שטרי־כעלע, וואָס ער גיט צו דער נביאישער וויזיע, דורך דעם וואָס ער זעט אין איר קריטעריום ניט אין אויטאָריטעט, נאָר אין דער עמפּיריש־באַגלויבטער ריכטיקייט פון אירע רעזולטאַטן, ברענגט, אָן ספק, הלויס געדאַנקען־בוי נעענטער צו דעם געדאַנקען־בוי פון דער מאָ־דערנער פילאָסאָפיע, הגם, די רעזולטאַטן פון זיין דענקען פאַרשטייט זיך, אויף אַזוי פיל ווייט פון מאָדערנעם וועלט־באַנעם, אויף וויפיל דער צוועלפטער יאָרהונדערט אין אַראַביע שטייט אָפּ פונעם צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט אין איראָפּע.

וואָס מער מיר טראַכטן זיך אַריין אין דער טיפער און קלוגער פילאָסאָפיע פון דעם מעדיקער הלוי, אַלץ מער פילן מיר, אַז מיר האָבן רעכט צו כאַראַקטעריזירן די גרונט־טענדענץ פון זיין פילאָ־

סאָפישן ווערק אין דעם זין, אַז דער מחבר האָט געפּרוּווט געבן אין איר אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעכע עמפּירישע באַגרינדונג פון דער יידישער טראַדיציע, און מען דאַרף מודה זיין, אַז, פון שטאַנדפּונקט פון דער נאַטור־וויסנשאַפט פון יענער צייט, דאַרף דער דאָזיקער פּרוּוו אָנגערופן ווערן אַן אויסגעצייכנטער.

אין דער דאָזיקער קורצער שילדערונג אונדזערער קאָנען מיר זיך ניט שטעלן די אויפגאַבע צו רעפערירן בפרטיות הלויס קוק אויף דער נבואה און איר ראָליע אין דעם ענין: מענטשלעכע דערקענטעניש. מיר מוזן זיך אויך אָפּזאָגן פון דער אויפגאַבע צו באַשטימען, וואָסער באַטייט האָט זיין פילאָסאָפיע געהאַט פאַר איר צייט, באַזונדערס ווען מען זאָל זי פאַרגלייכן מיט די נוגעדיקע מיינונגען פון דעם אַריסטאָ־טעליקער אבן־סינאַ און פון דעם אָרטאָדאָקס אַלגאַזאַלי.

אונדז איז דערוויל וויכטיק צו באַמערקן, אַז נאָכדעם ווי הלוי האָט זיך באַפעסטיקט אויף זיין טעאָרעטישער פּאָזיציע, האָט ער געקאָנט, לאָ די וואָס פאַרטיידיקן די יידישע טראַדיציע, לאָ די וואָס אָנפאַלן אויפן אַריסטאָטעליזם, נאָר ער איז אויך געווען ביכולת פאַר־שטענדלעך צו מאַכן זיינע לעזער, די בני דור, פאַרוואָס די פילאָסאָפן פון גריכנלאַנד האָבן, אַן זייער אייגענער שולד, זיך טועה געווען און געמוזט זיך טועה זיין.

די גריכישע פילאָסאָפן האָבן מבטל געווען יענע זאַכן וואָס מען קאָן זיי ניט משיג זיין מיטן שכל, ווייל דאָס באַטראַכטן מיטן שכל וואַרפט אָפּ אַלץ, וואָס דער שכל געפינט ניט דערצו קיין אַנאַלאָגיע אין דערווירקלעכקייט. אָבער די נביאים האָבן באַשטעטיקט די דאָזיקע זאַכן, ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט אָפּלייקענען דאָס, וואָס זיי האָבן געזען מיט זייערע „גייסטיקע אויגן"... „אויב די גריכישע פילאָ־סאָפן, — זאָגט ער אין דעם זעלבן פאַראַגראַף, — וואָלטן געזען די נביאים מיט זייערע נבואות און מופתים, וואָלטן זיי געגלויבט אין זיי און וואָלטן אויף דעם אַדער אַן אַנדער דרך פון שכלדיקן באַטראַכטן געגומען זוכן צו פאַרענטפערן די פראַגע ווי אַזוי קאָן אַ מענטש דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה" [7]. אָט פאַרוואָס מיר דאַרפן ניט באַשולדיקן

7) דאָרטן, 4, 3: ואלה הענינים אשר לא יושגו בדרך ההקשה בטלום פלוסופי יון מפני שההקשה מרחקת מה שלא נראה כמהו. וקיימו אותם הנביאים מפני שלא יוכלו להכחיש מה שראוהו בעין הרוחנית... ואילו היו רואים פלוסופי יון הנביאים בענין נבואתם מופתיהם היו להם והיו מבקשים פנים מאפני ההקשה איך יגיע האדם למדרגה הזאת.

די גריכישע פילאָסאָפן, אויב מיר זעען, אַז אין אַ סך פראַגן גייען זיי זיך פאַנאַנדער מיט דער יידישער טראַדיציע: צו זייערע טעאָלאָגישע מיינונגען האָבן זיי דאָך געקאָנט דערגיין נאָר מיט איין וועג — מיטן וועג פון פילאָסאָפישער באַטראַכטונג [8]).

אָבער באַזונדערס בעמט הלוי אונטער זיין שוץ דעם הויפּט־קעגנער זיינעם — אַריסטאָטעלן. „אַריסטו", — זאָגט ער, — „האָט שווער באַמיט זיין שכל און זיין געדאַנק, ווייל ער האָט ניט פאַרמאָגט בקבלה קיין שום ענטפער פון קיינעם, וועמען ער וואָלט געקאָנט גלויבן. ער האָט געטראַכט און געקלערט וועגן דעם אָנהייב און דעם סוף פון דער וועלט, און דעם דענקען זיינעם איז פונקט אַזוי שווער געווען זיך פאָרצושטעלן דעם אָנהייב, ווי עס איז אים ניט ווייניקער שווער געווען זיך פאָרצושטעלן די קדמות (די אייביקייט) פון דער וועלט; אין זיין אַבסטראַקטן דענקען האָבן גובר געווען די שכלדיקע ראיות לטובת דער קדמות העולם... אָבער אויב דער דאָזיקער פילאָסאָף וואָלט געלעבט צווישן דעם פאָלק, וואָס האָט באַקומען בירושה די דורך אַלעמען אנערקענטע טראַדיציעס, וואָס עס איז אוממעגלעך זיי אָפּצולייקענען, וואָלט ער מיט זיינע אַרגומענטן און באַווייזן זיך באַמיט אונטערצוהאַלטן די טעאָריע פון בריאת העולם מיט אַלע אירע שוועריקייטן, ווי ער האָט אונטערגעהאַלטן די טעאָריע, אַז די וועלט איז אַ קדמון, וואָס זי איז דאָך נאָך שווערער" [9]).

אַזאַ פאַרטיידיקונג פון אַריסטאָטעלן און פון זיין פילאָסאָפיע האָט צוגעגעבן נאָך מער קראַפט דער פאָלעמישער קריטיק פון אירע גרונט־הנחות. אַ פאַלשע מיינונג ווערט טאָפּלט באַזיגט, ווען מ'אַנטפּלעקט די אומשטאַנדן, פון איר אומאָפּהענגיקע, וואָס אַ דאַנק זיי האָט זי אומפאַרמיידלעך געמוזט באַווייזן זיך אויף דער וועלט.

הלוי האָט פאַרווענדט אַ שלל גייסטיקע ענערגיע אויף דער קריטיק פון דעם אַריסטאָטעליזם; איז אַרויסגעטראָטן קעגן אים אַמאָל מיט טיף־ריכטיקע באַמערקונגען, וואָס האָבן ניט אָנגעוואָרן זייער פילאָ־

8) דאָרטן גופא.

9) דאָרטן, 1, 65: (אַריסטו) הטריח את שכלו ומחשבותיו בעבור שלא היתה בידו קבלה ממי שיאמין בהגדתו וחשב בתחילת העולם וסופו והיה קשה על מחשבתו לצייר התחלה, כאשר היה קשה גם כן הקדמות, אך הכריעו הקשותיו הנוטים על הקדמות במחשבתו המפשטת... ואלו היה הפילוסוף באומה שינחל מקובלות ומפורסמות שאינו יכול לדחות אותם היה מתעסק בהקשותיו ומופתיו להחזיק החדוש אם קשה כאשר החזיק הקדמות אשר הוא יותר קשה לקבל.

סאָפישן באַטייט אויך עד היום, אַמאָל מיט ראיות, וואָס פּאַסן נאָר אין מויל פון אַ דענקער פון צוועלפטן יאָרהונדערט, און אַמאָל אַפילו מיט איבערגעשפּיצטע סאָפיזמען, וואָס פּאַסן ניט פאַר אַ דענקער און פונדעסטוועגן מוז מען זיך חידושן, ווי קנאַפּ עס זיינען די פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, וואָס צו זיי קומט ער און וואָס אין זייער נאָמען פירט ער דעם געראַנגל. דער עיקרדיקסטער פון די רעזולטאַטן קאָן איבער־געגעבן ווערן מיט די ווערטער פון הלוי גופא:

„און דיר וועט גאָר ניט נייטיק זיין צו מאַטערן זיך איבער די חקירות, ווי אַזוי ס'האָבן זיך געבילדעט די קערפּערס און ווי ס'האָבן זיך מיט זיי צונויפגעבונדן די נשמות, און דו וועסט ניט נעמען אָפּ־קערן זיך פון מודה צו זיין אין דערווירקלעכער עקזיסטענץ פון הימל און פון וואַסער איבערן הימל, און פון די שדים, וואָס ווערן דערמאָנט ביי אונדזערע רבנים, און וועסט ניט אָפּטרעטן פון אַלע ספּורים, וואָס דערציילן וועגן אונדזערע האָפנונגען אויף משיחס צייטן און עולם הבא" [10]).

ביי דעם אַלעמען מוז הלוי מודה זיין, אַז די תמימותדיקע גע־טריישאַפט דער טראַדיציע, וואָס ער לערנט און וואָס ער וואָלט געוואָלט, זי זאָל געוועלטיקן אין יידישן לעבן, איז אַן אויסערגעוויינלעך־זעלטענע זאַך צווישן די דענקנדיקע יידן פון יענער צייט און האָט ווייניק שאַנסן איינצושטילן דעם אומרואיקן פאָרשנדיקן געדאַנק. דעריבער מיינט ער, אַז יעדערער, וואָס „וואָלט זיך אָפּגעקערט פון דער דאָזיקער העכערער מדרגה און וואָלט זיך געבויגן צו חקירה, וואָלט גלייכער געטאָן, ווען ער וואָלט פון איר אַרויסגעצויגן אַלע מסקנות פון דער חכמה, איידער ווען ער וואָלט זיי איבערגעלאָזן אין רשות פון שעדלעכע השערות און ספקות, וואָס פירן צום אומקום [11]). מיט אַנדערע ווערטער: אויב שוין יאָ פילאָסאָפירן, איז בלויז מיטן איינציקן צוועק — שלום צו מאַכן צווישן די באַווייזן פון די נאַטור־וויסנשאַפטן מיט די לערנונגען פון דער תורה. דאָס דאָזיקע שלום־מאַכן אָבער האָט, לויט הלויס מיינונג, קיין שום באַזונדערע טעאָרעטישע שוועריקייטן ניט, אויב מ'זאָל נאָר פון סאַמע אָנהייב אָן ניט איבערגעבן זיך אין דער מאַכט פון צו־מעטאַפיזישע, צופיל פאַרפּלאָנטערטע פלפולים. „ווייל די נאַטור",

10) דאָרטן, 5, 14: לא תצטער בחקירה איך התהוו הגשמיים ואיך נקשרו בהם הנשמות ולא תתרחק נפשך מגבול הרקיע והמים אשר מעל לשמים והשדים אשר יזכירום רבותינו והספורים המקווים מן ימות המשיח והעולם הבא.

11) דאָרטן, 2, 26.

— זאָגט ער, — „דערציילט נאָר וועגן דעם נאַטירלעכן גאַנג פון זאַכן, אָבער די תורה דערציילט וועגן דער אָפּשאַפונג פון דעם דאָזיקן נאַטירלעכן גאַנג פון זאַכן, און דאָס שלום־מאַכן צווישן זיי באַשטייט דערין, וואָס די אָפּענדערונגען פון די נאַטירלעכע דערשיינונגען ליגן אויך אין דער טבע פון די זאַכן, ווייל זיי זיינען פון פאָרויס באַשלאָסן געוואָרן לפי דעם רצון פון דעם אייביקן, זיי זיינען אַריינגעלייגט אין דעם עצם דערשיינונגען און דער הסכם אויף זיי איז געגעבן געוואָרן אין דער צייט פון די ששת ימי בראשית״ [12]).

דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן די פילאָסאָפיע פון רבי יהודה הלוי. זי האָט ער אַנטקעגנגעשטעלט קעגן די נאַטור־וויסנשאַפטן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אונטער דער פאַן פון אַריסטאָטעלעס; מיט דער דאָזיקער פילאָסאָפיע איז ער אויסן געווען צו ברענגען אַ טרייסט דעם פאָלק, „וואָס געפינט זיך אין דער לאַגע פון אַ חולה, וואָס אַלע דאָק־טוירים האָבן אים אָפּגעזאָגט און וואָס וואַרט אויף אַ ישועה פון אַ נס און אויף דעם עס זאָל בטל ווערן דער נאַטירלעכער גאַנג פון דער וועלט״.

ניט געקוקט אויף דער גאַנצער אָריגינאַליטעט, און ערטערווייז טיפקייט, פון הלויס פילאָסאָפישע אידייען, זיינען זיי געווען צו־אינדי־ווידועל, זיי זאָלן האָבן געקאָנט משפיע זיין אויף די ברייטע שיכטן דענקענדיקע יידן, וואָס האָבן זיך געשטיקט אונטערן פרעס פונעם רבניזם. דער וועלט־באַנעם פון הלוי איז געבאָרן געוואָרן אין אַ מענטשן מיט אַן אויסשליסלעך־הויכן גייסט — אין אַ מענטשן, וואָס האָט געפונען אין זיך דעם מוט לגמרי איבערצורייסן מיט דער גאַנצער פילאָסאָפישער אַטמאָספערע, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, אַוועק־צוואַרפן דעם ראַנג פון אַ מעדיקער, אַ נאַטור־פאָרשער („זאָלן אים אויסקלייבן די שוטים״, — זאָגט ער אין איינעם פון זיינע שירים), צו פאַרלאָזן זיין געבוירן־לאַנד און אַוועקפאָרן אין הייליקן לאַנד, כדי דאָרטן אַריינצוטאָן זיך אין רעליגיעזער הסתכלות, אָדער זעצן זיך וואַרטן אויף משיחן.

זיינע בני־דור זיינען ניט געווען ביכולת אים נאָכצוגיין. דערפאַר איז נאָך ברענענדיקער געוואָרן פאַר זיי די פראַגע וועגן דער שייכות פון דער יהדות צו די אַריסטאָטעלישע נאַטור־וויסנשאַפטן, די פראַגע,

12) דאָרטן, 3, 72: לפיכך בין התורה והטבע. הטבע אומר במנהג והתורה אומרת בשינוי המנהג וההפסקה ביניהם כי המנהגים שנשתנו הם בטבע ומפני שהיו בחפץ הקדמון מותנה בהם ומוסכם עדיהם מששת ימי בראשית.

וואָס הלוי האָט געפּרואווט פאַרענטפערן אויף אַזאַ אומגעוויינלעכן דרך. רבי יהודה הלוים בני־דור האָבן געמוזט פילן, אַז ער האָט איבער־געשאַצט די קראַפט פון דירעקטן רעליגיעז־נאַציאָנאַלן געפיל און צו־וויניק אָפּגעשאַצט די קראַפט און די טענדענצן פון דער אַריסטאָטעלישער נאַטור־וויסנשאַפט.

נאָך רבי יהודה הלוי איז געקומען ווידער אַ דענקער פון דער סעדיהש־נעאָ־פּלאַטאָנישער ריכטונג. דאָס איז געווען זיין פריינט אברהם אבן־עזרא, וואָס מיט אים פלעגט ער אָפט שמועסן וועגן פילאָסאָפישע פּראָבן. אבן־עזרא האָט פאַרקערפּערט דעם גייסט פון צעפאַל פון די אַלטע זיילן, דעם גייסט פון אומזיכערקייט, סקעפּטיציזם און שטענדיקער קווענקלעניש אין געדאַנק. אבן־עזרא פלעגט אַרומ־שפּרינגען אַהין און צוריק צווישן דעם בליבדן גלויבן אין דער טראַ־דיציע, און דער שאַרפסטער קריטיק פון דער רעליגיעזער אויטאָריטעט. וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ אַפילו פאַר דער הייליקייט פון דער תורה: אַ מין אומרו, וואָס האָט זיך שטענדיק געוויגט צווישן אַ יהודה הלוי און אַ חיווי הבלכי. און אַזוי איז אויך געווען דער גייסטיקער צושטאַנד פון גרעסטן טייל דענקענדיקע יידן אין יענער צייט.

די באַקאַנטשאַפט מיט דער צעשטערערישער השפעה פון דער אַראַבישער פילאָסאָפיע; די וואַקסנדיקע ספקות אין די נבואות, וואָס האָבן מבטיח געווען דעם יידישן פאָלק אַ ליכטיקע צוקונפט אין לאַנד פון זיינע אָבות, און אויך אין ניסים און אין משיחן, וואָס מיט זייער הילף האָבן די דאָזיקע נבואות געדאַרפט פאַרווירקלעכט ווערן; דער דרוק פון דער תלמודיש־רבניסטישער געזעצגעבונג, וואָס האָט געמוזט פאַרשטאַרקט ווערן מיט יעדן נייעם דור, כדי זי זאָל ניט אָנווערן איר כאַראַקטער פון אַ באַזונדער אַטמאָספערע, וואָס איזאָלירט דאָס יידישע פאָלק פון אַלע אַרומרינגלענדיקע פעלקער, און פאַרהיט פון אַסימילירן זיך מיט זיי; חוץ דעם די רדיפות מצד די אָנהענגער פון די אַנדערע רעליגיעס, — די רדיפות, וואָס זיינען דעמאָלט געווען נאָך זעלטן, אָבער דאָך פלעגן זיי פון צייט צו צייט אויסברעכן אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן; — אָט די אַלע פאַקטאָרן, אינאיינעם גענומען, האָבן געמוזט צעטרייסלען די סעדיהש־נעאָ־פּלאַטאָנישע פילאָסאָפיע, וואָס אין איר האָט דער יידישער געדאַנק געהאָט געפונען אַ פולקאָמע באַרואיקונג.

ס׳האָבן זיך ווידער באַוויזן סקעפּטיציזם, יאוש און אַנטלויפעניש פון יידישקייט. און דאָס מאָל איז דער יווערנדיקער הויפּט־עלעמענט

געווען די אַריסטאָטעלישע נאַטור־וויסנשאַפט, וואָס קעגן איר האָבן אומזיסט געקעמפט הן די תלמודישע אויטאָריטעטן, ווי למשל, רב האַי גאון, הן דער ליטעראַרישער אויטאָריטעט פון אַ רבי יהודה הלוי. דער העראָאישער סטאָאיציזם פון הלויס וועלט־באַנעם האָט ווייניקער פאַר אַלץ געקאָנט האָבן אָנהענגער אין יענער צייט, ווען עס האָבן גענומען אויפבליִען דאָס שטאָטישע לעבן און די שטאָטישע ציוויליזאַציע מיט אירע פאַרשיידנאַרטיקע גייסטיקע און קערפּערלעכע תענוגים, וואָס פון שטאַנדפּונקט פון דער רעכט־גלויביקער יידישקייט זיינען זיי געווען אַ זינד.

פאַרן יידישן געדאַנק איז, פּונקט ווי אין די צייטן פון רב סעדיה גאון, ווידער אַוועקגעשטעלט געוואָרן די דילעמע:

אָדער זאָרגן וועגן איינהייטן די נאַציע און דעמאָלט מיט אַ כיון אַוועקשטעלן זיך אַנטקעגן דעם פּראָגרעסיוון באַוואוסטזיין פון דער צייט און איבער געוואַלד זיך אָפּקערן פון די אמתן, וואָס ווערן דיקטירט דורכן שכל און דורכן אָביעקטיוון שטודיום פון דער נאַטור;

אָדער פאַרקערט, אָנערקענען די גייסטיקע אויבערמאַכט פון אַריסטאָטעלעס, אָנשרייבן אויף דער אייגענער פאָן פרייהייט פון געדאַנק, פון פאָרשונג און פון קריטיק — און דעמאָלט סאַנקציאָנירן דעם צענויפבראָך פון אַלע זיילן פון דער תלמודישער און רבניסטישער געזעצגעבונג, וואָס זיינען אַזוי נייטיק פאַרן קיום פון יידישן פאָלק אין גלות.

און פּונקט ווי אין די צייטן פון רב סעדיה גאון, האָט דער נאַציאָנאַלער געדאַנק אויך איצט געמוזט מאַכן אַ פּרואוו — ניט צו פאַרטיליקן די פיינטלעכע מאַכט, נייערט זי מאַכן אומשעדלעך; נאָך מער: מאַכן זי פאַר אַ פאַרבינדעטער אין דעם קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום. אָט דאָס האָט געשטויסן די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע אויפן וועג פון אַריסטאָטעלישן דענקען.

דער כבוד פון דער ערשטער, הגם אויך ניט באַזונדערס געראָטענער התחלה — אויסצופירן די דאָזיקע אויפגאַבע, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון דער צייט — געהערט ר׳ אברהם אבן־דאוד (דער „ראב״ד הראשון״) פון טאָלעדאָ, פון דער זעלביקער טאָלעדאָ, וואו ס׳האָבן געלעבט און געווירקט ר׳ יהודה הלוי און ר׳ אברהם אבן־עזרא.

אבן־דאוד — דער נאָענטסטער אידייאישער פאָרגייער פון רמב״ם — שטייט שוין באַוואוסטזיניק אויף דער שוועל פון דער ריכטונג, וואָס

איז ענג פֿאַרבונדן מיטן רמב״מס נאָמען. ער איז שוין ניט מסופק אין דער אמתדיקייט פון דער פילאָסאָפיע, און די פילאָסאָפיע פאַלט פאַר אים אינגאַנצן צענויף מיטן אַריסטאָטעליזם. באַוואוסטזיניק שטעלט ער זיך אַ שווערע אויפגאַבע — מאַכן דעם דאָזיקן אַריסטאָטעליזם פאַר דעם יסוד פון דעם יידישן רעליגיעז־פילאָסאָפישן געדאַנק און אויף דעם דאָזיקן יסוד אויפצובויען אַ משונה־פאַנטאַסטישן בנין פון „דער־הויבענעם גלויבן" („אמונה קמה"), ווי ער האָט אָנגערופן זיין פילאָ־סאָפיש ווערק. דעם ראב״דס ווערק איז געווען נאָר דער ערשטער גראַנדיעזער גייסטיקער פרואוו. מיט גלאַנץ איז די אויפגאַבע דורכ־געפירט געוואָרן פון דעם רמב״ם און דעם רלב״ג.

אָט אַזוי איז אויפגעקומען דער אַריסטאָטעלישער פעריאָד אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע. פון אָט דעם פעריאָד, אָנגעהויבן מיט אבן־דאוד און פרינציפּיעל פאַרענדיקט מיט דער „אַלעגאָריסטן־שולע", געהערט שוין ניט אין די גרענעצן פון אונדזער איצטיקער אַרבעט. דאָ ווילן מיר נאָר אָנמערקן דעם גורל פון דעם גאַנצן פרואוו — צו בויען דעם יידיש־רעליגיעזן געדאַנק אויף דעם יסוד פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָסאָפיע. דער דאָזיקער פרואוו האָט זיך געענדיקט טרויעריק. מ'האָט ניט געקאָנט אומבאַשטראָפט געבן דעם שכל אַ פינגער: דער שכל האָט אַריינגעצויגן די גאַנצע האַנט. מיט גרויסע גייסטיקע אָנשטרענגונגען האָט דערנאָך דער יידישער געדאַנק זיך גענומען רייסן פון דעם דאָזיקן, פאַר אים געפערלעכן שטראָם פון אַריסטאָטעליזם, — געפערלעכן אַפילו דעמאָלט, ווען אין אים איז דורך די באַמיאונגען פון די יידישע אַריסטאָטעליקער אָ פ ג ע ט ע מ פ ט געוואָרן זיין פראָגרעסיווסטער שפּיץ, וואָס שטויסט פאָרויס דעם פרייען געדאַנק — די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע דענק־מעטאָדע. דעם יידישן געדאַנק האָט דער אַריסטאָטעליזם ווי אַ סיסטעם אין גאַנצן אויסגעשפּילט. אַ מער בלייבנדיקע און טיפערע ווירקונג האָט דעם רמב״מס פילאָסאָפיע געהאַט אין דער ניט־יידישער וועלט. ער איז געוואָרן דער יסוד פון דער קריסטלעכער סכאָלאַסטיק. אַנשטאָט דעם אַריסטאָטעליזם האָט ביי יידן פאַרנומען אַ הערשנדיקע לאַגע — די קבלה, וואָס האָט זיך מער געפּאַסט פאַר אַ מצב פון אַ „חולה", וואָס דורשט נאָך איבערנאַטירלעכע ניסים, איידער דער אַריסטאָטעליזם, וואָס איז אויסגערעכנט אויף געזונטע מענטשן, וואָס לעבן אַ געזונט, ערדיש לעבן אין הסכם און אין איינקייט מיט דער נאַטור.

דער אַריסטאָטעלישער פעריאָד פון דער יידישער רעליגיעזער

פילאָסאָפיע האָט, פונקט ווי די ווייטערדיקע פעריאָדן פון יידישן גייסטיקן לעבן, באַוויזן, אַז דער קאַמף פאַר דעם פאָלקס עקזיסטענץ טאָר ניט זיין פאַרבונדן מיט וועלכע עס איז רעליגיעזע אָדער פילאָ־סאָפישע מיינונגען, וואָס בייטן זיך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור. אַלע אַזעלכע אָבליגאַטאָרישע דאָגמעס מוזן, ניט אַנדערש, בינדן דעם יחיד הענט און פיס און רופן אַרויס אַ קאָנפליקט צווישן די אינטערעסן פון זיין פרייער אַנטוויקלונג און די אינטערעסן פון דעם „קיום הלאום״. אַזאַ קאָנפליקט צווישן „יחיד״ און „נאַציע״ האָט זיך באַזונדערס שאַרף אָפּגעשפּילט אין דער „אַלעגאָריסטן־שולע״. גובר געווען האָט דעמאָלט די „נאַציע״ אויף דעם חשבון פון דעם יידישן פרייען געדאַנק.

1931

# מאַטעריאַליזם און מאָראַל

## (אַ מאָדערנער דיאַלאָג)

ראובן: . . . ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן? ווען מענטשן, — איך מיין געבילדעטע, ראַדיקאַלע מענטשן, — ווילן ניט זיין קיין אַטעאיסטישע מאַטעריאַליסטן, איז דאָס דערפאַר, ווייל זיי ווייסן ניט וואָס גוט איז. ס'איז גוט אי פאַר דעם רשע, אי פאַר דעם צדיק. דער רשע מעג טאָן וואָס ער וויל און וואָס ער קאָן, ווייל עס איז קיינער ניטאָ אין דער וועלט, וואָס זאָל עפּעס מאָנען פון אים, מיט וועמען ער זאָל זיך דאַרפן רעכענען. און דער צדיק, וואָס קוקט זיך צו צו דעם איצטיקן „מנהג העולם" סיי אין דער נאַטור, סיי אין מענטשלעכן לעבן, האָט ניט ביי וועמען צו מאָנען, וועמען צו שלעפּן פאַר זיין אייגענעם דין ומשפט, ווי דאָס האָט געוואָלט טאָן דער צדיק איוב. אַז — וואָס קאָנט איר עפּעס האָבן צו אַ וועלט אָן אַ גאָט? — איוב האָט ניט געטאָרט זיך בעטן ביי דעם רבונו של עולם: „קום און זאָג עדות, אַז איך, מענטש, בין גערעכט אַנטקעגן דיר!" ער האָט שוין דעמאָלט געדאַרפט דערקלערן: „עהע! אַזוי גאָר פירסטו אַ וועלטעלע? וואָרט־וואָרט! אַט נעם איך, מענטש, און בין דיך איינגאַנצן מבטל". און אַז די מענטשהייט איז מבטל גאָט, איז ער ניטאָ, כ'לעבן, אַ כשר פאַרדינטע שטראָף!

שמעון: נו, גוט: אַטעאיזם. אוודאי. אַ גדולה אויף אונדז און אַ טרייסט! אָבער — פאַר וואָס מאַטעריאַליזם? וואָס האָט גלויבן אָדער אומגלויבן אין גאָט צו טאָן מיט מאַטעריע? עס זיינען דאָך פאַראַן נאָך אַנדערע אַטעאיסטישע סיסטעמען: אי ספּיריטואַליסטישע, אי אידעאַליסטישע.

ראובן: איך ווייס, אַז איר האָט אין אייערע פילאָסאָפישע קאָסטנס אויך אַזוינע גאַרניטערס. אדרבה! פאַקט זיי אויס. איך וועל זיי אַ מעסט טאָן אויף זיך. אויב איינער פון זיי וועט אויף מיר פאַסן,

אויב איך וועל זיך פילן גראָם און גוט אין אים, — אָך! מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן.

שמעון: געוויס זיינען פאַראַן אַזוינע „גאַרניטערס". אַט, צום ביישפּיל, דער אַטעאיזם פון די יונג־העגעליאַנער, פון אַ שטראַוס, אַ ברונאָ באַוער — זיי אַלע און זייערע תלמידים...

ראובן: פאַרדאַן! עס באַמבלט זיך ביי מיר אין מוח, אַז זיי אַלע זיינען לאָגישערהייט אַריבער צום מאַטעריאַליזם, ווי שטראַוס, ווי ענגעלס, ווי מאַרקס. ניט אַזוי?

שמעון: ניין, ניט אַלע. אַזאַ שאַרפער דענקער, ווי לאַסאַל, איז געבליבן אַ העגעליאַניש־אידעאַליסטישער אַטעאיסט. און וואָס איר זאָגט: „לאָגישערהייט". איז אייך באַקאַנט דער פאַקט, וועלכן עדוואַרד בערנשטיין האָט מיטגעטיילט, אַז אין אַ פּריוואַט־דיסקוסיע צווישן לאַסאַלן און מאַרקסן האָבן זיי זיך אַרומגעוואָרפן מיט „גאָט", ווי מיט אַ שפּיל־באַל. מאַרקס האָט געטענהט, אַז יעדער אידעאַליזם מוז זיין פאַרבונדן מיט אַ גאָט־גלויבן, און לאַסאַל האָט אים צוריקגעוואָרפן דעם שפּיל־באַל, און האָט אַרגומענטירט, אַז יעדער מאַטעריאַליזם מוז לאָגישערהייט פירן צו אַ גלויבן אין גאָט.

ראובן: פלאי פלאים! איז וואָס אַזוינס האָט דער יונג־העגעליאַנישער אַטעאיזם געלערנט?

שמעון: אַז עס איז דאָ אַ וועלט־אידייע: „זיין". קיינער דענקט זי ניט, ניט אַ גאָט, און ניט אַ מענטשלעכער מאַרך. זי איז אין זיך גופא. אָבער אינעווייניק אין איר זיינען איינגעשלאָסן קרייזן מיט קרייזן פון וועלט־אידייען, וואָס וויקלען זיך ריין לאָגיש אַרויס פון איר, אַ קרייז נאָך אַ קרייז, וואָס דאָס האָט העגעל באַשריבן אין זיין „לאָגיק". יעדע אידייע פירט לאָגיש צו איר אייגענעם היפוך, — צו דער אַפּלייקענונג, דער „נעגאַציע", און די „נעגאַציע" פירט ווידער צו דער„אַפּלייקענונג פון דער אַפּלייקענונג" אויף אַ העכערער מדרגה. און אַזוי קרייזלט זיך דאָס אַרויס איין אידייען־קרייז פון דעם אַנדערן, ווי אַן אומענדלעכע ספּיראַל. „גאָט" איז דערביי נאָר איין־איינציקע קליינינקע אידייע. זי בלייבט ערגעץ־וואו ליגן אין די אונטערשטע אַנטוויקלונגס־קרייזן פון דעם וועלט־געדאַנק, וואָס דענקט זיך אַליין.

ראובן: איז אַלץ, הייסט עס, אידייע? הייבט פון וואַנען נעמט זיך דאָ די וועלט און די מאַטעריע?

שמעון: ווען אַלע באַגריפן אַנטוויקלען זיך דיאַלעקטיש פון דעם באַגריף: „זיין", און דערגרייכן די העכסטע שטופע פון אידעאַליזם

אין דעם באַגריף: „אַבסאָלוטע אידייע״, פאַרוואַנדלט זיך דער גאַנצער סיסטעם פון דעם אידייעלן זיין אין זיין אייגענעם היפוך: אין אַ מאַטעריעלן זיין. אָבער אין אים, ד. ה., אין דעם מאַטעריעלן זיין ווירקט דער דיאַלעקטישער פּראָצעס פון דעם וועלט־געדאַנק — אין אַן אומענדלעכער ספּיראַל פון נאַטירלעכע אַנטוויקלונגען. אונטן, ממילא מובן, די „אַבסאָלוטע מאַטעריע״. אין איר אַנטוויקלט זיך אַ וועלט. דער וועלט־געדאַנק, וואָס ווירקט אין איר — ברענגט אַרויס אי די „נאַטור״, אי דעם מענטשן, אי די גייסטיקע וועלט. די נידע־ריקסטע שטופע פון דער גייסטיקער וועלט איז די רעליגיע, וואו דער באַגריף „גאָט״ שפּילט די הויפּט־ראָליע. העכער פאַר דער רעליגיע איז די קונסט און די גאָר העכסטע איז די פרייע פילאָסאָפיע. דער וועלט־געדאַנק באַהערשט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער וועלט. אַלץ אין איר קומט פאָר, לויט דער לאָגישער נויטווענדיקייט פון דעם דיאַלעקטישן דענק־פּראָצעס. און אַזוי וועט דאָס אויך פאָרקומען אין דער אומענדלעכער צוקונפט, ווייל יעדע זאַך און יעדע פאָרקומעניש אין דער וועלט איז אַ פאַרקערפּערונג פון דעם וועלט־געדאַנק און קאָן ניט זיין אַנדערש, איידער עס איז. „גאָט״, ווי איר זעט, איז דאָ גע־בליבן וויט־וויט הינטער אונדז. אַ ניט־פּערזענלעכע אידייען־וועלט קירעוועט דעם גאַנצן פּראָצעס פון דער וועלט־עוואָלוציע.

ראובן: אַ דאַנק פאַר אייער לאַנגער דערקלערונג! קומט אויס, הייסט עס, אַז די מוסאָליניס און די היטלערס און אַלע אַנדערע רשעים און מנובלים, אַנטקעגן וועלכע מיר קעמפן, זיינען פאַרקערפּערונגען פון דעם וועלט־געדאַנק, פון דעם סאַמע העכסטן אדון הגדול. היינט — פאַרוואָס קעמפן מיר אַנטקעגן זיי? אייגנטלעך, האָבן מיר געדאַרפט גאָר אַראָפּנעמען דעם הוט פאַר זיי. אַ שפּאַס אַ ביסל! „פאַרקער־פּערונגען פון דעם וועלט־געדאַנק, לויט דער דיאַלעקטישער נויט־ווענדיקייט״!...

שמעון: נו — איז וואָס? מיר זיינען דאָך אויך פאַרקערפּערונ־גען זיינע, און מיר קעמפן אַנטקעגן זיי אויך „לויט דער דיאַלעקטישער נויטווענדיקייט״.

ראובן: אַזוי! ניט נאָר מיר, די צדיקים, נאָר אויך זיי, די רשעים, מיט זייער רשעות און אכזריות, זיינע אידייאיש באַרעכטיקט אין דער וועלט. אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר אַזאַ וועלט־באַנעם! וואו איז די גאַראַנטיע, אַז מיר וועלן גובר זיין אין דעם קאַמף? אויב אַלץ איז שוין אין פאָראויס אויסגעפּלאַנירט אין דעם דיאַלעקטישן אַנטוויק־

לונגס־גאַנג פון דער אידייע, היינט ווער ווייס, וואָס די נאָך ניט פאַר־קערפּערטע וועלט־אידייען טראָגן מיט זיך? אפשר ליגט גאָר אין זיי, וואָס ווייסן גאָרנישט ניט פון אונדזער מענטשלעכער גערעכטיקייט, פון אונדזערע אידעאַלן, — אפשר ליגט גאָר אין זיי דער טריאומף פון די היטלערס? אפשר — דער צוניפשטורץ פון דער גאַנצער קולטור אונדזערער? ניין! ניט פאַר מיר — אָט דער אידעאַליסטישער אַטעאיזם. פאַרוואָס האָב איך מיך אָפּגעזאָגט פון דעם גאָט־גלויבן? — ווייל גאָט איז ניט נאָר דער „עושה טוב״, נאָר אויך דער „בורא רע״, דער באַשאַפער פון שלעכטס. טוט דאָס ניט דער זעלביקער וועלט־געדאַנק אייערער? איך דאַרף אים נישט! ער איז מיר פּונקט אַזוי צו־ווידער, ווי דער אַלטער גאָט! איך בין אים מבטל! היה כלא היה! — און גלאַט — דער איינפאַל. האָבן זיך אַנטוויקלט וועלט־אידייען אין אַ רייך־אידייעלן צושטאַנד, האָבן זיך געשפּילט מיט לאָגישע ווידערשפּרוכן און ווידער־ווידערשפּרוכן. געזונטערהייט! קיינעם האָט דאָס ניט געשאַדט. און — פּלוצלונג — פּוטש אין דער „אַבסאָ־לוטער מאַטעריע״ אַריין. דאָס איז דאָך אַ שרעקלעכע ירידה! און יעדער שפּיל זייערער מיט ווידערשפּרוכן און ווידער־ווידערשפּרוכן קאָסט דאָך אָפּ אונדז, מענטשן, טייכן מיט טרערן און בלוט. און אין אַזאַ אַטעאיזם זאָל איך געפינען טרייסט און דעם מוט צום קאַמף?

שמעון: נו — מילא. אויב אָט דער גאַרניטער געפעלט אייך ניט, פּרוּווט אַנמעסטן אַן אַנדערן. וואָס איז מיט שאָפּענהאַוערס אַנטי־מאַטעריאַליסטישן אַטעאיזם? מיט דעם "בלינדן ווילן צו זיין", ווי דעם לעצטן תוך פון דער וועלט?

ראובן: אָ, דעם שאָפּענהאַוערישן פּעסימיזם דאַרף איך ניט אַנמעסטן. איר מעגט זיך פאַרשפּאָרן די טרחה צו דערקלערן אים. איך האָב אים אַליין, ניט איצטער־געדאַכט, אַ לאַנגע צייט געטראָגן. איך ווייס, וואָס דאָס איז פאַר אַ וועלט־באַנעם. די וועלט גייט, ווי אַ בלינדער פערד, און פאַלט סוף־כל־סוף אין גרוב אַריין. אַלץ, וואָס עס איז דאָ אין דער וועלט, איז נאַריש, אומזין, שלעכטס, מיאוס און נודנע. דאָס ביסל שכל, שיינקייט און רחמים, וואָס מען ווייס ניט אויף וואָסער פּייער דער „בלינדער פערד״ האָט זיי געדאַרפט אַרויס־ברענגען און ווי אַזוי זיי זיינען בכלל מעגלעך ביי אַ בלינדן פערד, — אָט דאָס ביסל מענטשלעכע מעלות דאַרף מען אויסנוצן, כדי וואָס גיכער צו דערלויפן צו דער גרוב און אַזוי אַרום וואָס גיכער מאַכן אַ סוף צו דער גאַנצער וועלטלעכער עקזיסטענץ. זאָל דאָס זיין אַ טרייסט?

פון אַזאַ טרייסט ווערט דאָך פּינצטער אין די אויגן. און עס איז אַ באַליידיקונג פאַר דער וועלט און אויך פאַר מיר, ווי אַ טייל אירן. איך וויל נישט זיין קיין טייל. אַפילו נישט דאָס קלענסטע פּיצעלע, פון אַ בלינדן פערד.

שמעון: אָבער ווי אַזוי קאָנט איר פירן אַ באַליידיקונגס־פּראָצעס אַנטקעגן שאַפּנהאַוערן אין דעם נאָמען פון דעם מאַטעריאַליזם? איז נישט דער תוך פון אייער מאַטעריאַליסטישער וועלט — אויך אַ בלינדע, טויטע מאַטעריע? זייט איר אַליין נישט אַ קאָמבינאַציע פון די זעלביקע בלינדע און טויטע מאַטעריעלע טיילכלעך? נישט אַזוי?

ראובן: אַ, שוין גאָר נישט אַזוי! ס'איז טאַקע אמת, אַז די גאַנצע וועלט באַשטייט אין איר תוך פון דין־דינינקע פּיצעלעך, טויטע, בלינדע שטויבעלעך, אָנגעלאָדענע מיט ווירקנדיקער קראַפט. זיי דרייען זיך איינע אַרום די אַנדערע, זיי ווירקן איינע אויף די אַנדערע, דורך זייערע רייך מאַטעריעלע באַוועגונגען אין רוים און צייט, לויט אייביקע געזעצן פון באַוועגונג, ווירקונג און קעגן־ווירקונג. און נישט קוקנדיק אויף די אייביקע באַוועגונגס־געזעצן, ווירקט יעדעס פּיצעלע מאַטעריע פריי אין יענעם העכערן זין פון דעם וואָרט, וואָס זאָגט, אַז „פריי זיין" הייסט ווירקן לויט דער אייגענער טבע, לויט יענע געזעצן, וואָס ליגן אין דער אָדער יענער קאָמבינאַציע פון מאַטעריעלע טייל־כעלעך. עס איז נישטאָ פאַר זיי קיין וועלטן־פּלאַן, וואָס דאַרף פאַר־ווירקלעכט ווערן, לויט וועלכע עס איז אייביקע אידייען, וואָס דענקען זיך אַליין. יאָ, אמת, אַז די וועלט איז טויט, שטום, טויב, בלינד. אָבער זעט! אין אַ געוויסער קאָמבינאַציע פון אַזעלכע טיילכעלעך האָט זיך באַוויזן לעבן. פון די לעבעדיקע ברואים האָבן זיך — אַלץ טאַקע, לויט די געזעצן פון באַוועגונג אין רוים און צייט, — זיך אַרויס־געוויקלט מענטשן. קיינער האָט זיי פריער נישט געהאַט אין זינען. זיי זיינען געוואָרן. און זעט! וויפיל שיינקייט דער מענטש געפינט דאָס אין דער וועלט און באַשאַפט אַליין! וויפיל קלוגע געדאַנקען, — אַט דאָס פּיצעלע מאַטעריע־מענטש, — האָט דאָס אַרויסגעבראַכט! וויפיל איי־דעלע מאָראַלישע געפילן און שטרעבונגען! עס איז נישט קיין באַליי־דיקונג פאַר אונדז, וואָס מיר שטאַמען פון דער נידער. ס'איז אַ דערהויבונג! און עס איז נישטאָ אויף דעם מענטשן קיין אויבערהאַר, וואָס זאָל עפּעס מאָנען פון אים, און נישטאָ אין דער וועלט קיין איין גייסטיקע קראַפט, פון וועלכער ער זאָל האָבן אַ רעכט צו פאָדערן אַ דין־וחשבון. די וועלט איז שלעכט? דאָס רוב מענטשן זיינען נאָך, אפשר,

חיות? רשעות געוועלטיקט נאָך אין איר אַזוי שטאַרק? פון וועמען וועט איר דאָס מאָנען? פון דער טויטער, בלינדער מאַטעריע? איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז איך באַרעכטיק ניט די רשעות. איך ווייס: דאָס איז מאַטעריע, וואָס ווירקט, און ווירקט פריי, לויט דער אייגענער טבע פון אַ באַשטימטער מאַטעריעלער קאָמבינאַציע. דאַרפן מיר, מענטשן, אויך זיין ניט פאַרקערפערונגען פון אַבסטראַקטע אידייען, ניט בלינדע געצייג אין די הענט פון אַ בלינדן ווילן צו זיין. מיר דאַרפן זיין, וואָס מיר זיינען: מאַטעריע, אָנגעלאָדענע מיט ווירקנדיקער קראַפט, וואָס ווירקט לויט דער אייגענער נאַטור פון מאַטעריעלע טיילכעלעך אין אַ מענטשן.

עס קלייבט זיך אויף אונדז אַ קלאַפּטערס־לאַנגע, גראָבע ווערג־שלאַנג, וואָס וויל אונדז דערשטיקן, דערווערגן אַלץ, וואָס אונדז איז טייער? אַ קלאַפּ מיט דעם האַמער איבער איר קאָפּ! לאָמיר זי אויסשטודירן, לאָמיר אויסגעפינען, דורך וועלכע פּראָצעסן די שלאַנג ווערט באַשאַפן און וואָס איז דער בעסטער האַמער פאַר איר קאָפּ.

„מענטש״, מיט זיין לעבעדיקן שטרעבן צו אמת, שיינקייט און מאָראַלישער חשיבות און אַלערליי אידעאַלן, איז זיכער געווען אַ מעגלעכקייט אין דער טויטער בלינדער מאַטעריע. והראיה, ער איז דאָך געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. מענטש איז, אין אַ געוויסן זין, אַ סיורפּריז. דאָס איז דער גרעסטער געווינס, וואָס איז בלינדערהייט אַרויסגעצויגן געוואָרן אין דער לאָטערעי פון דער נאַטור. איז — זאָל ער, דער אידעאַליסטישער מענטש, ניט פאַרגעסן, אַז ער איז מאַטעריע, אָנגעלאָדן מיט ווירקנדיקער קראַפט. זאָל ער, דורך זיינע אידעאַלע שטרעבונגען, איבערבויען די נאַטור, איבערבויען אויך די געזעלשאַפטלעכע סביבה, אין וועלכער ער לעבט, קיינעם ניט באַשולדיקט און צו קיינעם ניט שולדיק קיין דין־וחשבון. ער טוט דאָך דאָס, דער מענטש, סיי ווי סיי. זאָל ער אויך ווייטער גיין אויף דעם זעלביקן וועג. און זאָל ער זיך ניט פאַרשטעלן דעם וועג און ניט אָפּשוואַכן זיין ווירקנדיקע קראַפט מיט פאָרשטעלונגען וועגן וועלכע עס איז וועלט־אידייען, אָדער אַ וועלט־שכל, אָדער אַ וועלט־גאָט, וואָס פירט די וועלט און דעם מענטשן, לויט אַ וועלכן עס איז, אין פאָרויס באַשטימטן פּלאַן. ניטאָ אַזעלכע פּלענער אין אַ מאַטעריעלער וועלט. מיר, מענטשן, האָבן אָט די אַלע ניט־מאַטעריעלע איבערמענטשלעכע קרעפטן און אידייען אויסגעטראַכט. לאָמיר איבערבויען די וועלט, לויט אונדזערע אייגענע מענטשלעכע פּלענער.

און אויב די דאָזיקע פּלענער לייקענען אָפּ איינע די אַנדערע, שטויסן זיך צונויף אין האַרטן קאַמף, — נו, איז וואָס? דאָס איז דאָך דער דרך הטבע פון אַלע מאַטעריעלע פּאַסירונגען. די שטאַרקערע קראַפט איז גובר. לאָמיר זיין די שטאַרקע...

שמעון: איך האָב אייך אויסגעהערט, ניט איבערגעשלאָגן מיט קיין וואָרט. גלויבט מיר, עס וואָלט מיר זיכער ניט געווען שווער, אויפצואווייזן אייך אַ היפּש ביסל פון אייערע טעאָרעטישע פעלערן. די אידייע „גאָט", זאָגט איר, האָט דער מענטש אויסגעטראַכט. נו — און די אידייע „מאַטעריע" איז ניט אַ מענטשלעכער אויסטראַכט? עס ליגט מיר אָבער ניט דערין, צו פּאָלעמיזירן איצטער אַנטקעגן אייך: איך האָב שוין לאַנג חושד געווען, אַז דער אַטעאיסטישער מאַטעריאַליזם אין דער רעוואָלוציאָנערער געדאַנקען־וועלט איז געבויט — ניט אויף אַ טעאָרעטישן יסוד, נאָר — אין דער לעצטער ליניע, אין דעם טיפסטן פונדאַמענט — אויף אַ מאָראַלישן, — ד. ה. אידעאַליסטישן יסוד. איר האָט גלייך אָנגעהויבן אייער געשפּרעך מיט דער דער־קלערונג, אַז דער מאַטעריאַליסטישער אַטעאיזם איז „גוט" פאַר אַלעמען, פאַר רשעים, ווי פאַר צדיקים. איר האָט אויך אַנדערע וועלט־באַנעמען באַטראַכט, ניט פון זייער טעאָרעטישער זייט, נאָר פון זייער פּראַקטישער, ווי זיי ווירקן אויף אייער געמיט, צי איר פילט זיך „גוט" אין זיי, אָדער שלעכט.

דאָס איז ניט דער וועג, ווי אַזוי צו פאַרענטפערן פילאָסאָפישע פּראָבלעמען. אָבער דאָס איז זיכער אַ וועג, ווי אַזוי אויפצודעקן די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, וואָס פירן דעם אָדער יענעם אויף אין טעאָ־רעטישן וועג, אָדער אויף אַן אַנדערן. און מיט אָט די ריין־פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון מוז מען זיך אויך רעכענען, ווען מען שטרעבט אויסצוגעפינען דעם אמת וועגן דער וועלט.

אייער מאַטעריאַליזם איז אַן אייגנאַרטיקער. מען וואָלט אים גע־קאָנט אָנרופן אַן „אידעאַליסטישער מאַטעריאַליזם", אָדער אַ „מאַטעריאַ־ליסטישער אידעאַליזם". וואָלט איך געהאַט צייט, וואָלט איך אייך באַוויזן, אַז ער איז אין תוך גאָר ניט אַזוי ווייט פון יענעם מאַטעריאַ־ליסטישן אַטעאיזם, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט ביי מאַרקסן אין דעם סוף זעכציקער יאָרן. אויך ביי מאַרקסן איז ער לסוף געוואָרן אַן אידעאַליזם אויף אַ מאַטעריאַליסטישן אונטערגרונט.

פאַר מיר איז אָבער וויכטיק צו ציען אַ פּאָר פועל־יוצאס פון אונדזער שמועס. קודם האָט איר געזען, אַז דער צונויפגוס פון אַטעאיזם

און מאַטעריאַליזם איז ניט קיין לאָגישע אידייען־פאַרבונדונג, נאָר אַ היסטאָרישע. אַטעאיזם קאָן זיך גאַנץ גוט צונויפּפּאָרן אויך מיט אידעאַ־ליסטישע וועלט־באַנעמען. און ווייסט איר, אַז אויך דער מאַטעריאַליזם, — דער קאָנסעקווענטסטער, — קאָן זיך לאָגיש צונויפּפּאָרן מיט אַ גלויבן אין גאָט? טראַכט זיך אַריין אין דעם סיסטעם פון די אַלטע סטאָאיקער, וועט איר זען, ווי אַזוי דאָס קאָן געשען.

דער וויכטיקסטער „היוצא מדברינו" איז אָבער, אַז אַט די אַלגעמיינ־פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען דאַרפן אינגאַנצן אָפּגעשיידט ווערן פון דער פּראַקטישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אין איר דאַרף די איינהייט געזוכט ווערן אין די געמיינשאַפטלעכע צילן און די געמיינ־שאַפטלעכע וועגן, ווי אַזוי צו דערגרייכן זיי.

צו די זעלביקע צילן און וועגן קאָן מען קומען פון גאַנץ פאַר־שיידענע טעאָרעטישע איינשטעלונגען. דאַרפן אַלע אַזעלכע טעאָריעס דערקלערט ווערן, ווי אַן אַבסאָלוטע פּריוואַט־זאַך פאַר יעדן יחיד. זאָל יעדער יחיד פאַר זיך אַליין באַשטימען, וועלכער וועלט־באַנעם איז פאַר אים „גוט".

1936

# אלבערט איינשטיינס רעליגיעזע פילאָסאָפיע

## 1

אויף דער איניציאַטיוו פון פּראָפ. לואי פינקלשטיין, זיינען אין דעם „יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר" זיך צונויפגעקומען ניט לאַנג צוריק אַ פינף הונדערט פירנדיקע גייסטער אין דער וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע, וואָס זיי אַלעמען פאַרבינדט דאָס שטרעבן צו פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע. פון די רעליגיעזע האָבן זיך אין דעם צונויפקום באַטייליקט סיי יידן, סיי קאַטוילִיקן, סיי פּראָטעסטאַנטן.

פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין האָט צוגעשיקט אַ בריוו צו דעם צונויפקום, פון וועלכן עס זיינען אין דער פּרעסע פאַרעפנטלעכט געוואָרן גאַנץ היפּשע טיילן. אין דעם בריוו דערקלערט איינשטיין זיין שטעלונג צו רעליגיע, האָבנדיק אין זינען די אָפּשאַפונג פון יענע קאָנפליקטן, וואָס הערשן נאָך עד־היום „צווישן די ספערעס פון רעליגיע און וויסנשאַפט".

אָט די קאָנפליקטן נעמען זיך, גלויבט איינשטיין, דערפון, וואָס די רעליגיע האַלט זיך נאָך פאַר דעם „באַגריף פון אַ פּערזענלעכן גאָט". דער גלויבן אין אַזאַ גאָט — מיינט איינשטיין — גייט להיפוך צו דעם וויסנשאַפטלעכן דענקען, וואָס מוז אָננעמען, אַז אַלע וועלט־פּאַסירונגען קומען פאַר געזעצמעסיק און אַז קיין „געטלעכער, צי מענטשלעכער, ווילן קאָן ניט זיין אַן אומאָפּהענגיקע אורזאַך פון נאַטיר־לעכע פּאַסירונגען".

איינשטיין גיט אין דעם בריוו אַ קריטיק פון אָט דעם גלויבן אין אַ „פּערזענלעכן גאָט" און אַנטוויקלט זיין אייגענעם באַגריף וועגן רעליגיע „אין אַ העכערן זין פון דעם וואָרט", — אַ רעליגיע, וואָס געפינט זיך אין פולער האַרמאָניע מיט די פאָדערונגען פון דעם וויסנשאַפטלעכן דענקען.

מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו די איינצלנע פונקטן. דערוויל

וואָלטן מיר געוואָלט קלאָר מאַכן דעם ענין פון „פערזענלעכן גאָט״ און די אינעווייניקסטע שייכות, וואָס עקזיסטירט צווישן אָט דעם באַגריף און דעם וויסנשאַפטלעכן געדאַנק, אַז אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער וועלט איז אַ פּראָדוקט פון אייביקע געזעצן. דעם אמת געזאָגט, פּאַרדריסט אונדז זייער שטאַרק, וואָס אויך אַן איינשטיינס געדאַנק שטייט אין אָט דעם ענין אונטער דער ווירקונג פון אַ „היסטאָרישער אידייען־פאַרבינדונג״, ד. ה. אַזאַ אידייען־פאַרבינדונג, וואָס דוכט נאָר אויס צו זיין לאָגיש. דער עקסטרעם־ראַדיקאַלער געדאַנק אין דעם מענטשלעכן שאַפן איז, leider, ניט פריי פון אַזעלכע „היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונגען״, און עס איז באמת אַ פּאַרדרוס, וואָס אויך אַלבערט איינשטיין — די צענטראַל־זון פון דער איצטיקער נאַטור־וויסנשאַפט — איז ניט פריי פון זייערע פליאַמעס.

וואָס איז אַ „פערזענלעכער״ גאָט?

דער טעאָלאָגישער געדאַנק איז זיך אין אָט דער פראַגע פאַנאַנדער־געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: דער טעאיסטישער (מיט אַ „ט״) און דער דעאיסטישער (מיט אַ „דלד״). ביידע ריכטונגען לייקענען ניט אָפּ דעם פערזענלעכן כאַראַקטער פון יענער געטלעכער קראַפט, וואָס באַהערשט אַלע וועלט־פּאַרקומעניש. אין וואָס באַשטייט אָט דער „אַטריבוט״ פון „פערזענלעכקייט״, ווען מיר רעדן וועגן גאָט? — ער באַשטייט אין דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין: די וועלט־פּאַרקומענישן שטאַמען (אָדער ווערן באַהערשט) פון געטלעכע, זעלבסט־באַוואוסטזיניקע געדאַנקען. דערביי קאָנען מיר נאַטירלעך אָננעמען, אַז דער געטלעכער זעלבסט־באַוואוסטזיין איז באַין ערך העכער פאַר דעם העכסט־מעגלעכן מענטשלעכן זעלבסט־באַוואוסטזיין, אַזוי אַז דער מענטש קאָן גאָר ניט האָבן קיין ברעקל השגה פון יענער אַלץ־אַרומנעמענדיקער קלאָרקייט און ריינקייט, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס אַ געטלעכער זעלבסט־באַוואוסטזיניקער געדאַנק.

און אין וואָס גייען זיך פאַנאַנדער די צוויי ריכטונגען? — דער טעאיזם גלויבט, אַז די געטלעכע פערזענלעכקייט קאָן אַלע ווילע בייטן איר ווילן, לויט די נויטן און די געבעטן פון די מענטשן, וואָס גלויבן אין איר. די געטלעכע פערזענלעכקייט קאָן זיך אַריינמישן אין דעם „נאַטירלעכן גאַנג״ פון די וועלט־פאַרקומענישן. זי קאָן זיך אויך „אָנטפּלעקן״, — און האָט זיך טאַקע „אַנטפּלעקט״, — צו געוויסע מענטשן און זיי דערציילט, וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון דעם מענטשן.

דער דעאיסטישער געדאַנקען־גאַנג לייקנט דאָס אַלץ אָפּ. גאָט איז

דאָס העכסטע זעלבסט־באַוואוסטזײַן. זײַן אײנציקע אָנטפּלעקונג איז די נאַטור מיט די געזעצן, וואָס הערשן אין איר. דער פּיר פון דער נאַטור, — אָט דאָס איז דער געטלעכער געדאַנק אין איר. עס איז דעריבער אַ „גאָט־לעסטערונג”, אָנצונעמען, אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ ספּעציעל צו דער מענטשלעכער וועלט, כּדי מדריך צו זײַן דעם מענטשן אין די ריכטיקע וועגן פון לעבן, און עס איז נאָך אַ גרעסערע „גאָט־לעסטערונג” צו גלויבן, אַז דער געטלעכער געדאַנק אין דעם סדר־העולם קאָן באַווירקט ווערן פון מענטשלעכע תּפילות.

דער „דעאיזם”, ווי אַ ריכטונג אונטער אָט דעם נאָמען, איז אויפגעקומען אין ענגלאַנד, אין דעם 17טן יאָרהונדערט, און האָט משפּיע געווען אויף די געדאַנקען פון דעם מאַטעריאַליסט האָבז און — שפּעטער — פון דעם מאַטעריאַליסט שפּינאָזע. מען קאָן אָבער גײן נאָך ווײַטער אַרויף אין דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע און געפינען דעם דעאיסטישן גרונט־געדאַנק בײַ אַריסטאָטעלן, פאַר וועמען גאָט איז געווען די העכסטע, רײנסטע „אַקטואַליטעט”, וואָס באַווירקט אַלץ און וואָס קאָן פון קײן זאַך ניט באַווירקט ווערן, אויך ניט פון תּפילות און פאַרשײדענע רעליגיעזע צערעמאָניעס: וואונדער זײַנען אויך בײַ אַריסטאָטעלן אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן.

יאָ, מען קאָן גײן נאָך ווײַטער אַרויפן וואָסער פון דעם היסטאָרישן געדאַנקען־שטראָם און געפינען דעם דעאיסטישן גרונט־געדאַנק בײַ העראַקליטן. ער האָט געלערנט, אַז דער תּוך פון דער וועלט און איר פּירנדיקע קראַפט איז דער וועלט־שכל, וואָס איז אין דער זעלביקער צײַט דער וועלט־פײַער, אין וועלכן די וועלט ווערט פּעריאָדיש פאַרברענט, כּדי ווידער אַרויסצוקומען פון דעם וועלט־בראַנד אין פּונקט דער זעלביקער געשטאַלט און אָרדענונג און לויף פון וועלט־פּאַסירונגען, ווי די פריערדיקע.

פאַרוואָס אין פּונקט דער זעלביקער?

ווײַל דער וועלט־שכל איז דער העכסט־מעגלעכער שכל — און אַ העכסט־מעגלעכער שכל ברענגט אַלע מאָל אַרויס די זאַכן און די פּאַסירונגען אַזוי ווי זײ מוזן זײַן און ווי זײ זאָלן זײַן. אויך דאָ האָבן מיר די געטלעכע וועלט־קראַפט, ווי אַ זעלבסט־באַוואוסטזיניקע דענקענדיקע פּערזאָנאַליטעט, אָבער אויך דאָ שטאַרצט שוין אַרויס דער גרונט־געדאַנק פון דעם אײביקן נאַטור־לויף, וואָס קאָן דורך קײן קראַפט און פּראָצעס ניט אָפּגעענדערט ווערן, ד. ה., גראָד דאָס, וואָס איז אַזוי טײַער אײַנשטײנען, דעם נאַטור־פאָרשער.

דער דעאָיסטישער געדאַנקען־גאַנג האָט אָבער ניט געהאַט קיין מזל אין די רעליגיעזע סיסטעמען און אין די פרום־רעליגיעזע פילאָ־סאָפיעס. ער איז געבליבן אַ קנין פון דעם פריי־רעליגיעזן געדאַנק. די רעליגיע האָט תמיד פאַרטיידיקט דעם ריין־טעאיסטישן שטאַנד־פונקט פון אַזאַ פּערזענלעכן גאָט, וואָס קאָן זיך אָנטפּלעקן צו דער מענטשהייט, עפּעס פאָדערן פון איר, באַלוינען און באַשטראָפן, און באַווירקט ווערן פון מענטשלעכע תפילות.

איז דעריבער אויסגעוואַקסן די היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונג פון גלויבן אין אַ פּערזענלעכן גאָט און גלויבן אין ניסים, אין דער מאַכט פון געבעט און געהעריקע רעליגיעזע צערעמאָניעס, — אַ גלויבן, וואָס ווערט באמת פאַרשטאַרקט דורך „דער מורא פאַר דעם לעבן און דער מורא פאַרן טויט״, ווי איינשטיין דריקט זיך אויס.

אונטער דער מאַכט פון אָט דער היסטאָרישער אידייען־פאַרבינדונג וואַרפט אויך איינשטיין צונויף אין איין טאָפּ דעם געדאַנק פון אַ פּערזענלעכן גאָט מיט דעם גלויבן אין ניסים ונפלאות. דער געדאַנק פון אַ פּערזענלעכן גאָט, וועלכן איינשטיין באַקעמפט, איז אָבער אַבסאָלוט אומאָפּהענגיק פון זיין ריין־טעאיסטישן אויסטייטש.

לאָגיש איז עס אַבסאָלוט כשר צו דענקען, אַז די אייביקע נאַטור־געזעצן, וואָס באַשטימען דעם גאַנג פון די וועלט־פאַרקומענישן, זיינען באַוואוסטזיניקע געדאַנקען פון אַ זעלבסט־באַוואוסטזיניקן, ד. ה. פּער־זענלעכן גאָט. און היסטאָריש איז אַזאַ גרונט־געדאַנק געווען דער צענטראַל־פונקט פון גאַר־וואָגיקע טעאָלאָגישע סיסטעמען, אָנגעהויבן פון אַריסטאָטעלן, צי נאָך פריער פון העראַקליטן, ביז און מיט די דעאיסטן פון דעם זיבעצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט.

וויניקער פאַר אַלע האָט אָבער איינשטיין זיך געזאָלט לאָזן פאַר־פירן פון יענער היסטאָרישער אידייען־פאַרבינדונג, וואָס הערשט אין דער טעאיסטישער ריכטונג.

## 2

אַלבערט איינשטיין, דער שטרענגער רעאַליסט אין די נאַטור־ווינסשאַפטן, איז אין דער זעלביקער צייט אַ ריינער אידעאַליסט סיי אין זיין פילאָסאָפישן וועלט־באַנעם, סיי אין זיין רעליגיעזן לעבנס־בליק. — וואָס איז ריינער אידעאַליזם אין פילאָסאָפישן וועלט־באַנעם? — דאָס איז דער געדאַנק, אַז דעם יסוד פון דער וועלט בילדן אייביקע

אידייען. דעאיסטיש־דענקענדיקע פילאָסאָפן נעמען אָן, אַז די אייביקע וועלט־אידייען ווערן אַרויסגעבראַכט פון אַ „וועלט־גייסט", פון אַ געטלעכער פערזענלעכקייט, וואָס דענקט די אידייען אויף אַ באַוואוסט־זיניקן אופן. אָבער אַזאַ אָננעם איז גאָר ניט נויטיק פאַר דעם ריינעם אידעאַליזם. מען קאָן דענקען, אַז די אייביקע וועלט־אידייען עקזיסטירן אין זיך גופא און ניט אין אַ וועלכן־עס־איז „גייסט", אָדער זיי אַנט־וויקלען זיך פון זיך גופא, ווי דאָס האָבן געלערנט העגעל און — ספּעציעל — די יונג־העגעליאַנער.

יענע לייענער, פאַר וועמען אַזאַ פילאָסאָפישער געדאַנקען־גאַנג איז ניי און ווייניק פאַרשטענדלעך, מוז איך אָפּשיקן צו מיין אַרטיקל „אידעאַליסטישע פילאָסאָפיע" (אידייען אָן אַ „יש", וואָס דענקט זיי!) אין דער „אַלגעמיינער יידישער ענציקלאָפּעדיע". דאָ וויל איך נאָר דערמאָנען די מינדלעכע פּאָלעמיק צווישן מאַרקסן און לאַסאַלן, וועגן וועלכער איך האָב געשריבן אין דעם אַריינפיר צו מיינע „היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונגען".

לאַסאַל און מאַרקס זיינען ביידע געווען „יונג־העגעליאַנער". מאַרקס איז דערנאָך געוואָרן אַ מאַטעריאַליסט; לאַסאַל איז געבליבן אַן אידעאַליסט. ביידע זיינען אָבער געווען און געבליבן אַטעאיסטן, וואָס האָבן געלייקנט די עקזיסטענץ פון אַ פערזענלעכן גאָט.

האָט לאַסאַל זיך געמיט צו באַווייזן, אַז ווער עס גלויבט אין מאַטעריאַליזם, מוז לאָגיש געצוואונגען ווערן אָנצונעמען, אַז אַ פּער־זענלעכער גאָט איז דער באַשאַפער פון דער מאַטעריעלער וועלט. מאַרקס, ווידער, האָט אומגעקערט דעם שפּיז: דער, וואָס גלויבט, אַז דער יסוד פון דער וועלט באַשטייט פון אידייען, מוז קומען צום אויספיר, אַז זיי ווערן אַרויסגעבראַכט פון אַ פערזענלעכן גאָט. דעם זעלביקן מאַרקסיסטישן גרונט־געדאַנק האָבן שפּעטער אָנגענומען דאָס רוב מאַרקסיסטן, דער עיקר אָבער — לענין.

איינשטיין שטייט, ווייזט אויס, אויף אַ פילאָסאָפישן שטאַנדפּונקט, וואָס איז ענלעך צו דעם יונג־העגעליאַניש־לאַסאַלישן, על כל פנים איז זיין פילאָסאָפישער שטאַנדפּונקט אַ ריין־אידעאַליסטישער: ער נעמט אָן די עקזיסטענץ פון אַן אומפּערזענלעכער „שכלדיקייט", ווי דעם יסוד פון דעם וועלטלעכן זיין. אין זיין בריוו צו דעם צונויפקום פון וויסנשאַפטסלייט, פילאָסאָפן און רעליגיעזע פירנדיקע גייסטער אין אַמעריקע שרייבט ער:

„דער, וואָס האָט דורכגעמאַכט די אינטענסיווע דערפאַרונג פון

דעם דערפאָלגרייכן פראַגרעס אין דעם וויסנשאַפטלעכן געדאַנק, יענער ווערט גערירט פון דעם טיפסטן יראת־הכבוד (,רעווערענס׳) פאַר דער שכלדיקייט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דער רעאַלער וועלט (,אין עקזיסטענס׳). אַדאַנק אָט דעם איינזען, דערגרייכט ער די ווייט־גייענדיקסטע באַפרייאונג פון די קייטן פון פערזענלעכע האָפענונגען און פאַרלאַנגען. דערביי באַקומט ער אַ צניעותדיקן איינשטעל פון זיין פאַרשטאַנד צו דער דערהויבנקייט פון יענעם שכל (,ריזאָן׳!), וואָס איז פאַרקערפּערט אין דער רעאַליטעט און וואָס אין זיינע טיפסטע טיפן קאָן אַ מענטש אים ניט דערגרייכן. אָט די שטעלונג אָבער שיינט מיר צו זיין די רעליגיע אין דעם העכסטן זין פון דעם וואָרט״.

אַזוי ווייט איינשטיין.

די טיפסטע פאַרערונג פון דער אומפערזענלעכער שכלדיקייט, וואָס ליגט אין דעם יסוד פון יעדן געשען אין דער וועלט, און דאָס ניט דערוואַרטן קיין שום פערזענלעכן פאַרטייל פון יענער אומפערזענלעכער שכלדיקייט — אָט דאָס, גלויבט איינשטיין, דאַרף זיין דער גרונט־געדאַנק פון אַ הויכן רעליגיעזן גלויבן. די אידעאַליסטישע אויפגאַבע פון דער רעליגיע באַשטייט דערין, אַנצואווענדן אַלע קרעפטן, „וואָס קאָנען אין דער מענטשהייט גופא אַנטוויקלען דאָס גוטע, דאָס אמתע און דאָס פרעכטיקע״, אָדער ווי מיר רופן דאָס: „אמת, יושר און שיינקייט״.

איינשטיינס גאַנצע קריטיק פון אַ פערזענלעכן גאָט רוט דאָ ווידער אויף אַ „היסטאָרישער אידייען־פאַרבינדונג״, אַז דער גלויבן אין אים מוז תמיד זיין פאַרבונדן מיט אַ ציטערן פאַר די צרות פונעם לעבן און פאַרן טויט, ווי אויך מיט דער האָפענונג, אַז דער אַלמעכטיקער רבונו־של־עולם וועט העלפן דעם פרומען פאָלגער אי אויף דער וועלט און אי אויף יענער וועלט.

מ׳קאָן געוויס ניט לייקענען, אַז אין די געוויינלעכע פאָלקס־רעליגיעס און ביי זייערע גייסטיקע פירער און לערער זיינען „מורא און האָפענונג״ ענג צונויפגעבונדן מיט די אידייען פון ניסים און נפלאות, ווי אויך מיט די אידייען פון „שכר ועונש״ (באַלוינונג און באַשטראָפונג), וואָס ווערן אויסגעטיילט פון אַן אַלמעכטיקן פערזענלעכן גאָט, לויט די פאַרדינסטן. און פונדעסטוועגן זיינען אָט די אַלע אידייען־פאַרבינדונגען ניט קיין לאָגיש־נויטווענדיקע, נאָר „היסטאָרישע״.

עס איז געוויס אמת, אַז פון אַן אומפערזענלעכער, אומבאַוואוסט־זיניקער „שכלדיקייט״ אין דער נאַטור קאָן מען ניט דערוואַרטן קיין

ניסים און מען קאָן ניט ווירקן אויף איר מיט קיין תּפֿילות, תּעניתים א. ד. גל. דער גלויבן אין אַ פּערזענלעכן גאָט איז דעריבער פּסיכאָלאָגיש אַ בעסערער באַדן פֿאַרן גלויבן אין וואונדער. אָבער לאָגיש איז ניט מחייב אַזאַ גלויבן, ווי מיר האָבן דאָס געזען ביי די „דעאיסטן", וואָס האָבן געלייקנט די „אַנטפּלעקונג" און די וואונדער.

פֿון דער אַנדער זייט, מוז ניט יעדערער, וואָס גלויבט אין אַ פּערזענלעכן גאָט, זיין פֿאַראינטערעסירט אין באַקומען עפּעס בדרך נס פֿון דעם רבונו־של־עולם צו פֿאַר זיך און די אייגענע, צי — זאָגן מיר — פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

עס איז דאָך אַ פֿאַקט, אַז באמת־פֿרומע, גאָט־גלויביקע מענטשן האָבן געדינט גאָט „שלא על מנת לקבל פּרס" אויף דער וועלט, צי אויף יענער וועלט. דער רעליגיעזער געפֿיל איז באַשטאַנען אין אַ מיסטישער ליבע צו גאָט, און אַ בענקשאַפֿט, פּסיכאָלאָגיש, זיך אינגאַנצן צו „באַהעפֿטן" מיט אים.

און וואָס איז שייך דעם איינשטיינישן רעליגיעזן געבאָט צו אַנט־וויקלען און פֿאַרווירקלעכן „אמת, יושר און שיינקייט" אין דעם לעבן פֿון דער מענטשהייט, איז פּסיכאָלאָגיש אַ סך גרינגער צו דערהויבן אָט די אַנטוויקלונג צו דער מדרגה פֿון אַ רעליגיעזן געבאָט, ווען מען נעמט אָן, אַז „אמת, יושר און שיינקייט" זיינען דירעקטע אַרויס־שטראַלונגען פֿון דעם געטלעכן גייסט און אַז אין זיי אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז דער מהות פֿון דער געטלעכער קראַפֿט אין דער וועלט.

די הויפּט־זאַך אָבער איז וואָס איינשטיינס קריטיק פֿון דעם גלויבן אין פּערזענלעכן גאָט קאָן ביי אים ניט האָבן יענעם טעאָרעטישן יסוד, וועלכע די אומפּערזענלעכע וועלט־שכלדיקייט האָט געהאַט ביי די אידעאַליסטישע יונג־העגעליאַנער. יענע האָבן — איינאיינעם מיט מאַרקסן און מיט אַלע מאַטעריאַליסטן — געגלויבט, אַז דער מענטש־לעכער שכל איז ביכולת אַריינצודרינגען אין די טיפֿסטע טיפֿן פֿון דעם וועלטלעכן יסוד. קאָנען די מאַטעריאַליסטן זיך איינשמועסן, אַז דער שכל האָט שוין אויסגעפֿונען דעם לעצטן וועלט־יסוד אין מאַטעריע און באַוועגונג; קאָנען אויך די יונג־העגעליש־געשטימטע אידעאַליסטן אַריינפֿאַלן אין דער אילוזאָרישער זיכערקייט, אַז דער יסוד באַשטייט פֿון אַן אומפּערזענלעכער שכלדיקייט, אַפֿילו פֿון אַ מין אומפּערזענלעכן „שכל", ווי דאָס גלויבט איינשטיין.

אָבער פֿון וואַנען נעמט זיך ביי איינשטיינען די זיכערקייט, אַז אָט די „שכלדיקייט" צי אָט דער „שכל" איז אַבסאָלוט אומבאַוואוסטזיניק,

ד. ה. אומפּערזענלעך? עס איז דאָך ביי איינשטיינען פאַרשוואונדן דער גלויבן פון די מאַטעריאַליסטן און פון די קאָנסעקוועטע ריינע אידעאַ־ליסטן, אַז דער יסוד פון דער וועלט ליגט שוין אין אַפּגעדעקטער פאַר זייער שכלדיקן אַרייבליק. ער רעדט דאָך פון יענע טיפסטע טיפן פון דער וועלט־שכלדיקייט, וואָס זיינען ניט צוגענגלעך פאַר דעם מענטש־לעכן פאַרשטאַנד. איז — פאַרוואָס האָט ער טענות צו די אָנהענגער פון דעם גאָט פון גלויבן און פון וואונדער, נאָכמאַל זיי „אַנטלויפן פון יענע רעגיאָנען, אין וועלכע די וויסנשאַפטלעכע דערקענטעניש האָט נאָך ניט געקאָנט אַריינדרינגען״?

„נאָך ניט געקאָנט״! הייסט דאָס, אַז ווען עס איז וועט די וויסנ־שאַפטלעכע דערקענטעניש פאַרט אַריינדרינגען אַהין? אָבער איינשטיין איז דאָך אַליין מודה, אַז דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד קאָן ניט אַריינ־דרינגען אין די טיפסטע טיפן פון דעם וועלטלעכן געשען. אָט דער ריין־אַגנאָסטישער שטריך אין איינשטיינס פילאָסאָפיע נעמט ביי אים, אמת, ניט אַוועק דאָס רעכט צו גלויבן אין אַן אומפּערזענלעכער שכל־דיקייט. דער אַגנאָסטישער שטריך נעמט אָבער ביי אים אַוועק דאָס רעכט מבטל צו זיין דעם אַנדערנס גלויבן, אַז אין די, אונדז אומ־צוגענגלעכע טיפסטע טיפן ליגט באַהאַלטן דער סוד פון דעם אויבערשטנס פּערזענלעכער עקזיסטענץ, פון וועלכער עס קאָן פליסן אַ שטראָם פון וואונדערלעכע אַריינגרייפן אין דעם לויף פון די ריין־נאַטירלעכע געשעענישן. און דער וואונטש צו אַזאַ גלויבן מוז ניט דווקא שטאַמען פון „מורא און האָפענונג״ אין דעם אייגענעם ריין־פּערזענלעכן לעבן. ער קאָן זיין אַ רעזולטאַט פון דער זאָרג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, פאַר דעם גורל פון „אמת, יושר און שיינקייט״ אין איר אייגענעם לעבן. גראָד אָט די זאָרג איז גריילעך מסוגל אַרויסצוברענגען דעם הייסעסטן וואונטש, אַז צווייטנווייז זאָל צוויי מאָל צוויי זיין ניט פיר, נאָר פינף מיט אַ האַלב.

און וויבאַלד עס איז דאָ אין דער דערקענטעניש אַ היכל, אין וועלכן דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד קאָן ניט אַריינדרינגען, איז ווי קאָן מען זיך אַוועקשטעלן מיט אַ ראַציאָנאַליסטישער שווערד אין דער האַנט ביי דער טיר פון דעם היכל און ניט אַריינלאָזן אַהין יענעם הייסן וואונטש און טיפן גלויבן?

## 3

עס איז בײַ מיר אַ גרױסער ספק, צי מען קאָן, אויף דעם סמך פון די פאַרעפנטלעכטע פראַגמענטן פון אײנשטײנס בריוו, אַרויסטראָגן אַן אָפּשליסנדיקן באַשייד וועגן די רעליגיעזע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט.

מיר האָבן זיך באַדינט מיט יענע טײלן, וואָס די היגע „טײמז" האָט געבראַכט אין איר באַריכט וועגן דעם צונויפקום פון די גײסטיקע פירער אין דעם „יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר". די בריוו־שטעלן ווערן איבערגעגעבן אין ווערטערלעכע ציטאַטן, אָבער עס מאַכט דעם אײנדרוק, ווי דער בריוו איז איבערגעריסן געוואָרן אין רעכטן מיטן. ער פאַרענדיקט זיך מיט אַ קריטיק פון דעם גלויבן אין אַ פּערזענלעכן גאָט, ספּעציעל צוליב דער אינעווייניקסטער „שוואַכקייט", מיט וועלכער אַט דער גלויבן איז פאַרבונדן. ער שטעלט זיך דאָ אָפּ אויף יענער „שוואַכקייט", „וואָס איז פּיינפול געשפּירט געוואָרן זינט דעם אָנהויב פון דער געשיכטע".

אויב די געטלעכע עקזיסטענץ, שרײַבט ער, „איז אַלמאַכטיק, דעמאָלט איז יעדע פאַרקומעניש גאָטס אַ באַשאַף, אײַנגעשלאָסן איטלעכע מענטשלעכע טואונג, איטלעכן מענטשלעכן געדאַנק און איטלעכן מענטשלעכן געפיל, ווי אויך זײַן שטרעבונג. איז — ווי קאָן מען דענקען צו האַלטן די מענטשן פאַראַנטוואָרטלעך צו דעם אַלמאַכטיקן פאַר זײערע מעשים און געדאַנקען? אויסטײלנדיק שטראָף און באַלוינונג, וואָלט ער ביז אַ געוויסער מאָס געהאַלטן אַ משפּט איבער זיך אַליין. ווי קאָן דאָס שטימען מיט דער גוטסקייט און רעכטפאַרטיקייט, וואָס ווערן אים צוגעשריבן?"

אײנשטײן הויבט דאָ אויף דעם פּראָבלעם פון שכר ועונש, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם פּראָבלעם פונעם מענטשלעכן פרײַען ווילן. סײַ די יידישע, סײַ די קריסטלעכע — און מסתּמא אויך די מוסולמאַנישע — טעאָלאָגן האָבן זיך געגנוג אָנגעפּלאָגט מיט אָט די פּראָבלעמען. און געגנוג פילאָסאָפישע חריפות איז אָנגעווענדט געוואָרן, כדי ווי עס איז אויסצוגלעטן דעם ענין, וואָס איז אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע געגאַנגען אונטער דעם נאָמען „ידיעה ובחירה". אויף אַזאַ אופן אָדער אויף אַן אַנדערן האָט מען ווי עס איז „אויסגעפּרעסט" די אינעווייניקסטע סתירה און אויסגעאײנט דעם געדאַנק

פון אַן אַלמאַכטיקן, אַלגוטיקן און אַלגערעכטן גאָט מיט דעם געדאַנק פון שטראָף און לוין אויף דער וועלט, צי אויף יענער.

אויך איינשטיין, ווי מיר זעען, גלויבט, אַז די געדאַנקען פון שטראָף און לוין זיינען ניט אָפּצורייסן פון דעם געדאַנק וועגן אַ פּערזענלעכן, אַלמאַכטיקן, אַלוויסנדיקן, אַלגוטיקן און אַלגערעכטן גאָט. מער ניט: גראָד אָט די אויסגעבונדנקייט פון אָט די צוויי געדאַנקען־גאַנגען, אין וועלכע די הערשנדיקע טעאָיסטישע רעליגיעס זיינען אַזוי פּאַראינטערעסירט, טראָגט אַריין אַזאַ „שוואַכקייט" אין דעם באַגריף גופא פון אַ פּערזענלעכן גאָט, אַז עס איז גלייכער פאַר דער רעליגיע זיך איינגאַנצן אָפּצוזאָגן פון אים. אַזוי גלויבט איינשטיין. אָבער ווער זאָגט דאָס, אַז דער געדאַנק פון אַ פּערזענלעכן גאָט, ווי אים האָט אויסגעאַרבעט, זאָגן מיר, דער רמב״ם, דער רלב״ג און חסדאי קרשקש (קרעסקאַס), מוז זיין פאַרבונדן מיט דעם געדאַנק פון „זינד", פון „מצוות" און „עבירות", פון שטראָף און באַלוינונג?

אָט האָבן מיר אין דער געשיכטע פון דעם מאָדערנעם פּראָגרעסיוון רעליגיעזן געדאַנק אַזאַ קאָלאָסאַלע פיגור, ווי דער גראַף לעאָ טאָלסטאָי. ער האָט אויך געגלויבט אין אַ פּערזענלעכן גאָט, שוין אָביסל אַ צופיל־פּערזענלעכן, לויט אונדזער השגה. פונדעסטוועגן איז אין טאָלסטאָיס רעליגיעזן וועלט־באַנעם ניט געווען קיין ברעקל פּלאַץ פאַר די רעליגיעזע אידייען פון באַלוינונג און שטראָף.

אין אַלע פעלדער פון דעם קולטורעלן שאַפן רעכענען מיר זיך מיט די העכסטע און די פּראָגרעסיווסטע פאַזן פון זייער אַנטוויקלונג. מיר פאַרוואַרפן ניט אַ וואָסער־עס־איז אידייע, ווייל די מאַסן, צי די אָדער יענע גייסטיקע פירער זייערע, קאָנען זיך ניט באַפרייען פון דער פּרימיטיווער פאָרם, אין וועלכער די אידייע איז אויפגעקומען. פאַרוואָס זאָלן מיר פאַר דער ספערע פון דעם רעליגיעזן שאַפן מאַכן אַן אויסנאַם פון אָט דעם כלל?

דעם אויסנאַם מעגן מאַכן נאָר יענע, וואָס זיינען בכלל מבטל די ספערע פון דעם רעליגיעזן שאַפן. איינשטיין אָבער טאָר דאָס ניט, ווייל ער לאָזט די ספערע באַשטיין און האָט אַפילו זיינע אייגענע געדאַנקען, אין וועלכע ליניעס עס דאַרף זיך באַוועגן די טעטיקייט פון די טוערס אין אָט דער רעליגיעזער ספערע.

איינשטיינס רעליגיעז־פּאָזיטיווע געדאַנקען באַוועגן זיך אין יענע וועגן, וועלכע זיינען צום ערשטן מאָל אויסגעטראָטן געוואָרן פון די סאָציאַליסטישע סען־סימאָניסטן — דער עיקר פון אָגיוסט קאָנט מיט

זײַן „מענטשהייט־רעליגיע״, אין וועלכער עס איז, נאַטירלעך, שוין ניט געווען קיין שפּור פֿון אַ וועלכן־עס־איז איבערנאַטירלעכן עלעמענט.

איינשטיינס אייגענער גאַנג אין אָט די וועגן באַשטייט נאָר דערין, וואָס אין דער רעליגיעזער שטעלונג פֿון דעם מענטשן צו דער וועלט לייגט ער די גאַנצע וואָג אויף דער קלאָרער וויסנשאַפֿטלעכער דער־קענטעניש. אין אָט דעם פּרט דערנעענטערט ער זיך מער צו דעם איינשטעל פֿון אַ רמב״ם און אַ שפּינאָזע.

איז דאָס זיכער אויך אַ דרך. פּונקט ווי ס׳איז אויך אַ דרך טאָל־סטאָיס איינשטעל, וואו די גאַנצע וואָג ווערט געלייגט ניט אויף דער ראַציאָנאַלער דערקענטעניש, נאָר אויף דעם געפֿיל פֿון ליבע: ליבע צו דער וועלט, ליבע צו אַלץ וואָס אין איר, דער עיקר — ליבע צו דעם מענטשן.

מיר שטעלן זיך ניט אָפּ נעענטער אויף אָט די פּאָזיטיווע עלעמענטן, ווייל מיר ווילן אָפּוואַרטן די פֿאַרעפֿנטלעכונג פֿון דעם גאַנצן בריוו. לאָמיר ניט פֿאַרגעסן מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן: דאָס איז אַלבערט איינשטיין.

נאָר אין איין פּונקט פֿון אַן אַלגעמיין־טעאָרעטישן כאַראַקטער קאָן מען, דאַכט זיך, שוין איצטער אַרויסטראָגן אַ געוויסן אָפּשליסנ־דיקן באַשייד, ניט וואַרטנדיק אויף דעם גאַנצן בריוו.

דאָס איז דער דאָגמאַטישער כאַראַקטער פֿון דעם גאַנצן בריוו; די באַקעמפֿונג פֿון אַ רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, וואָס איז פֿרעמד איינ־שטיינס רעליגיעזן געמיט און שיער ניט אַ פֿאַרשרײַבט וואָס רעליגיע זאָל זײַן.

אין דעם בלויען הימל פֿון דעם רעליגיעזן שאַפֿן זייַנען אָבער ניטאָ קיין צאַמען, קיין גרענעצן און קיין פֿאַרגעשריבענע מאַרשרוטן. פֿריי קאָן דער מענטשלעכער באַשאַפֿערישער גייסט זיך אויסקלייבן יענע ריכטונג, צו וועלכער עס טרייבן אים די באַדערפֿעניש פֿון זײַן נשמה־לעבן, און יענע הויך, צו וועלכער ס׳קאָנען אים דערהויבן די פֿליגלען פֿון זײַן גייסט.

וואונדערט אונדז באמת, זייער און זייער, וואָס גראָד איינשטיין, דער פֿאָטער פֿון דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע אין דער פֿיזיק, — אַ טעאָריע, וואָס האָט אַריינגעבראַכט די גרעסטע רעוואָלוציע אין אונדזערע נאַטור־וויסנשאַפֿטן, — ווערט מיטאַמאָל אַזוי דאָגמאַטיש־אַבסאָלוטיסטיש פֿאַר דער ספֿערע פֿון דעם רעליגיעזן שאַפֿן און גלויבן.

וואָס איז רעלאַטיוויטעט? — דאָס איז אַ שיטה, וואָס לערנט,

אַז איין און די זעלביקע זאַך מוז אויפגענומען ווערן אויף אַ גאַנץ־פאַרשיידענעם אופן, עס ווענדט זיך אַן דעם שטאַנדפונקט, אַן דעם קוק־פונקט פון דעם, וואָס נעמט זי אויף, און די „קאָאָרדינאַטן־ליניעס״, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם קוק־פונקט.

געדענקט איר נאָך דעם קלאַסישןביישפיל איינשטיינס מיטן שטיינדל, וואָס פאַלט אין אַ פאָרנדיקן וואַגאָן פון אויבן אַראָפּ אין אַ ווירע־גלייכער ליניע פון אַ געוויסער לענג און מיט אַ געוויסער גיכקייט? פאַר דעם, וואָס זיצט אין וואַגאָן, איז דאָס איין אַרט באַוועגונג. פאַר דעם אָבער, וואָס שטייט אויף דער רואיקער ערד, וועט די באַוועגונג געזען ווערן ניט אין אַ גלייכער ליניע, נאָר אין אַן אויסגעבויגענער, אַ לענגערער, און דאָס פאַלן מוז פאָרקומען מיט אַ גרעסערער געשווינט־קייט. שפּעטער האָט איינשטיינס אַ תלמיד אויסגערעכנט, אַז דער, וואָס וואָלט געקוקט אויף דער באַוועגונג, שטייענדיק אויף דער לבנה, וואָלט געזען די באַוועגונג אין אַן אומגעקערט אויסגעבויגענער ליניע, וואָס פאַרנעמט טויזנטער מיילן און טראָגט זיך מיט אַ קאָלאָסאַלער גע־שווינטקייט.

און דער פאַקט גופא פון דער באַוועגונג! איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע לערנט אונדז, אַז דאָרטן, וואו מיר זעען באַוועגונג, קאָנען מיר מיט גוטן וויסנשאַפטלעכן רעכט זאָגן, אַז די זאַך געפינט זיך אין רו — און פאַרקערט: וואו עס איז פאַר אונדז רו, קאָן, פון אַן אַנדער שטאַנדפונקט געזען, זיין באַוועגונג.

אָט דער רעלאַטיוויטעט־שטאַנדפונקט מוז פון דער נאַטור־באַט־ראַכטונג אַריבערגעטראָגן ווערן אין די ספערעס פון דעם גייסטיקן קולטורעלן שאַפן. אויך דאָרטן זיינען פאַראַן פאַרשיידענע גלייכ־באַרעכטיקטע שטאַנדפונקטן און „קאָאָרדינאַטן־ליניעס״, וואָס זיינען מיט די שטאַנדפונקטן פאַרבונדן.

אין דעם באַשאַפונגס־פּראָצעס פון דער מענטשלעכער דערקענ־טעניש האָבן מיר דריי פאַרשיידענע ספערעס, מיט זייערע אייגענע פאָדערונגען, זייערע אייגענע „געזעצן״, זייערע אייגענע „מעגלעכקייטן״, „אוממעגלעכקייטן״ און „אומפאַרמיידלעכקייטן״. דאָס זיינען די ספערעס פון וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע.

אין מיינע לעקציעס וועגן די שייכותן, וואָס הערשן צווישן די דריי ענינים, האָב איך די וויסנשאַפט פאַרגליכן מיט אַ שטראָם, וואָס פליסט אויף דער יבשה פון דער דערפאַרונג און מוז זיך קערן און ווענדן, לויט די אייגנטימלעכקייטן פון דעם „באָדן״, אויף וועלכן ער

פֿליסט. דער שטראָם פֿון װיסנשאַפֿט פֿאַלט לסוף אַרײַן אין דעם ים פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע, װאו מען קאָן שװימען אין װעלכער ריכטונג מען װיל. און איבער דעם שטראָם פֿון װיסנשאַפֿט און ים פֿון פֿילאָסאָפֿיע הױבט זיך אױף דער בלױער הימל פֿונעם רעליגיעזן גלױבן, מיט דער סטראַטאָספֿערע, צו װעלכער עס דערגרײכן ניט די געזעצן פֿון דער װיסנשאַפֿט און די שיטות פֿון די פֿילאָסאָפֿן.

עס איז פֿאַר קײנעם ניט קײן חוב צו פֿאָרן אין די אָפּט־שטורעמדיקע װאַסערן פֿון דעם פֿילאָסאָפֿישן ים. נאָך װײניקער איז פֿאַר װעמען־עס־איז אַ חיוב צו פֿליען אין דער לופֿטן, אין דעם בלױען הימל פֿון רעליגיעזער שאַפֿונג.

אָבער אַלע טוערס און געניסערס פֿון אַלע שאַפֿונגען אין אַלע דרײַ ספֿערעס דאַרפֿן געדענקען, אַז דער „אַבסאָלוטער אמת" איז נאָך פֿון קײן מענטשן אין קײן ספֿערע ניט אַרױסגעפֿונען געװאָרן. בפֿרט איז דאָס „אַבסאָלוט אמת" בנוגע דער רעליגיע. דאָרטן זײַנען אַלע שטאַנדפּונקטן באַרעכטיקט, װאָס מאַכן אַן ערלעך־געמײנטן חשבון מיט די רעזולטאַטן פֿון דער װיסנשאַפֿט און די דערגרײכונגען פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע.

דער „היוצא לנו"־חשבון װעט, נאַטירלעך, דיקטירט װערן פֿון דעם רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. אַנדערש קאָן דאָס ניט זײַן.

1940

# אמת, יושר און שיינקייט

## קאַפּיטל איינס

## דער מאַטעריאַליזם אין וועלט־באַטראַכט און לעבנס־באַנעם

פון זינט עס האָט זיך אין אַלט־גריכנלאַנד אַנטוויקלט דער פרייער פילאָסאָפישער געדאַנק ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, גייט אין דער טעאָרעטישער דערקענטעניש אַלץ נאָך אָן דער קאַמף צווישן דעם אידעאַליזם און דעם מאַטעריאַליזם.

די צוויי פאַרשיידענע שיטות ראַנגלען זיך אויף אַלע פעלדער פון אונדזער וויסן און פאַרשטיין די וועלט: סיי בנוגע דעם גאַנצן באַשאַף, ווי אַן איינהייטלעכע איינס, סיי בנוגע זיינע איינצעלנע טיילן. אָבער אַט די אַלע פעלדער פון אונדזער פילאָסאָפישן שאַפן לאָזן זיך איינ־טיילן אין צוויי טיילן: אין אַ וועלט־באַטראַכט און אַ לעבנס־באַנעם.

אין דעם וועלט־באַטראַכט וויל דער מאַטעריאַליזם האָבן, אַז אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דעם וועלטלעכן געשעען און קאָן ווערן אַן ענין פאַר דעם מענטשלעכן געדאַנק, דאַרף אין דער לעצטער ליניע דערקלערט ווערן דורך יענע געזעצן, וואָס באַהערשן די באַוועגונגען פון דער וועלט־מאַטעריע; און זי, די וועלט־מאַטעריע, איז דער לעצטער רעאַלער תוך פון אַלע געשעענישן.

באַקאַנט ווערן מיר מיט דער מאַטעריע, אירע אייגנשאַפטן און די געזעצן, וואָס הערשן אין איר, דורך דאָס פאַרשן פון דער דרוי־סנלעכער נאַטור, דער עיקר דער ניט־לעבעדיקער, דער אַנאָרגאַנישער. דאָרטן זעען מיר, ווי די קאָמפּליצירטסטע און פאַרפּלאָנטערטסטע דער־שיינונגען לאָזן זיך אויף אַ מאַטעמאַטיש־פּינקטלעכן אופן דערקלערן, ווען מיר אַרבעטן מיט אַזעלכע באַגריפן, אַריבערגענומענע פון דער

טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג, ווי רוימלעכקייט (אויסשפּרייט), צייט, באַ־וועגונג, מאַסע און קאַוזאַליטעט. מעכאַניק, פיזיק, כעמיע און אַסטראָ־נאָמיע, זיינען די מוסטער־וויסנשאַפטן פון דער ניט־לעבעדיקער נאַטור. די קאַוזאַליטעט, וואָס פאָדערט, אַז מען זאָל יעדע זאַך דערקלערן, ווי אַ פּועל־יוצא, אַ רעזולטאַט פון אַ פריערדיקער אורזאַך, פון אַ פריער־דיקן צושטאַנד אין דער וועלט־מאַטעריע, דער קלאָרער איינזען, אַז „פון גאָרנישט קאָן קאָרנישט אַרויסקומען״, איז דערביי דער פירנדיקער פאָדעם, וואָס פירט אונדז תמיד אַרויס פון יענעם לאַבירינט, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר דעם פאַרפּלאָנטערטן גאַנג פון אַלע געשעענישן אין דער וועלט, און וואָס דערפירט אונדז צו דער דערקענטעניש פון די גרונט־געזעצן, וואָס הערשן אין אים.

די דערשיינונגען פון דער לעבעדיקער וועלט, — פון די פלאַנצן, חיות און מענטשן; די פּראָצעסן, וואָס ברענגען אַרויס אָרגאַניזמען, מיט זייער דערנערונג און פאַרמערונג, מיט דעם קאַמף פאַר זייער קיום, מיט די געפילן, שפּירונגען, ליידנשאַפטן, געדאַנקען, אידייען, אידעאַלן און ווילנס־שטרעבונגען אין אַ מענטשלעכער נשמה; מיט אירע אַלערליי אָפּשאַצונגען פון גוט און שלעכט, ניצלעך און שעדלעך, אמת און שקר, שיין און מיאוס, יושר און עולות, הייליק און אומווערדיק, — דאָס אַלץ דאַרף אין דער לעצטער ליניע אויך דערקלערט ווערן ווי אַ פּראָדוקט פון דיזעלביקע גרונט־געזעצן, וואָס מאַכן פאַלן אַ שטיין, אויפזידן וואַסער אין אַ קעסל, ברענגען אונדז וואַרעמקייט אין זומער און קעלט אין ווינטער, אָדער רעדן צו אונדז אין די דונערן און בליצן פון אַ שטורעמדיקן וועטער.

סיי אין דער ניט־באַלעבטער, סיי אין דער באַלעבטער נאַטור האָבן מיר קיין ברעקל גרונט ניט אָנצונעמען, אַז אַ וועלכער עס איז גייסטיקער, „רוחניותדיקער״ פּרינציפּ באַהערשט אָדער מישט זיך אַריין אין דעם סדר העולם. די אַזוי אָנגערופענע „רוחניותדיקע״ דערשיינונגען אָדער „פּסיכישע״ געשעענישן, וועלכע מיר דערבליקן אין אַ מענטשלעכן לעבן, אין דער אייגענער „נשמה״, אָדער אין דער באַ־לעבטער וועלט בכלל, זיינען אין תוך און אין דער לעצטער ליניע ניט קיין אַנדער זאַך, ווי קאָמפּליצירטע פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין דער וועלט־מאַטעריע, אין איר רוימלעכקייט, אין דער צייט, אין די פאַרשיידענע ריין רוימלעכע באַוועגונג־פאָרמען, לויט דעם הויפּט־געזעץ פון אַלע געזעצן, אַז פון „גאָרנישט קאָן גאָרנישט אַרויס־קומען״.

און אויב דער וויסנשאַפט האָט זיך ביז אַהער נאָך ניט איינגעגעבן צו דערקלערן די פּראָצעסן פון לעבן און פון „גייסט" בלויז מיט די מיטלען פון מאָסע, רוים, צייט און באַוועגונג, גלויבט דער מאַטעריאַליסט, — און דאָס איז ניט מער ווי אַ גלויבן, — אַז אין דעם לויף פון דער צייט און פון דעם קלאָרן, אָן־פניות־דיקן דענקען און פאָרשן וועט דער אַבסאָלוטער אמת פון זיין גרונט־געדאַנק אַרויסגעבראַכט ווערן אַזוי קלאָר, ווי דער טאָג.

די אידעאַליסטישע שיטה פון איר זייט, — אַ טיף און קריטיש דורכגעטראַכטע, — לייקענט בשום אופן ניט, אַז די פּראָצעסן פון דער באַלעבטער נאַטור, איינגעשלאָסן אויך די מענטשלעכע נשמות מיט אַלץ, וואָס אין זיי קומט פאָר, וועלן אפשר אָן אַ ברעקל רעשט קאָנען צוריקגעפירט ווערן צו דיזעלביקע פּראָצעסן, וועלכע מיר שטודירן אין דער ניט־באַלעבטער נאַטור. אויך דערמיט שטימט דער אידעאַליזם איין, אַז „פון גאָרנישט קאָן גאָרניט אַרויסקומען". אדרבה! ער לייגט נאָך מער וואָג אויף אָט דעם געדאַנק, איידער דאָס טוט דער מאַטעריאַליזם, און פאַרטיידיקט אים מיט נאָך מער היץ, איידער דער מאַטעריאַליסט, מצד די אָנפאַלן פון יענע סקעפּטיקער אָדער „פּאָזיטיוויסטן", וואָס ווילן ניט אָנדערקענען די אַבסאָלוטע אויבערהערשאַפט פון „קאַוזאַליטעט" און „געזעץ".

דער אידעאַליזם פאַרגינט זיך גאָר אַ קלייניקייט: דווקא מיט דעם געדאַנק פון „אורזאַך און ווירקונג", פון „אייביקע געזעצן", שלאָגט ער זיין צד שכנגד. „פון גאָרנישט קאָן גאָרניט אַרויסקומען" — המ.! איז — פון וואַנען נעמען זיך די „אייביקע געזעצן"? דעם מאַטעריאַליסטס ענטפער דערויף איז: מיר געפינען זיי אויס אין דער דערפאַרונג. אָבער די דערפאַרונג לערנט דאָך אונדז נאָר דאָס, וואָס עס איז און וואָס עס איז געווען. די דערפאַרונג גיט אונדז ניט קיין ברעקל אָנווייז, פאַרוואָס די יסודות פון דעם, וואָס עס איז און וואָס עס איז געווען מוזן על פי הכרח זיין אייביק. האַלטן מיר זיך נאָר פאַר דער דערפאַרונג, קאָנען מיר גיין נאָר אַזוי ווייט, ווי זי אַליין גייט. אַריבערשפּרייזן זי טאָרן מיר ניט, אויב מיר ווילן זיין ערלעך און קאָנסעקווענט צו אונדזערע אייגענע פּרינציפּן. אפשר איז דער גאַנצער באַשאַף ניט מער, ווי אַ צופאַל? ווי מיר ווייסן ניט, פאַרוואָס ער איז דאָ, אַזוי קאָנען מיר ניט ווייסן, פאַרוואָס ער מוז בלייבן אייביק. צופעליק אויפגעקומען, — אפילו מיט אַלערליי „געזעצן", צופעליק פאַרשוואונדן און — אויס וועלט!

און דערצו: כדי צו מאַכן דעם ערשטן שריט אין אַ וועלכער עס איז דערפאַרונג, מוזן מיר שוין אָנקומען צו דעם געדאַנק פון קאַוזאַ־ליטעט. די ריינע דערפאַרונג, וואָס זאָל בלייבן טריי נאָר איר אַליין, דערציילט אונדז נאָר איין זאַך: עפּעס עקזיסטירט, עפּעס קומט אויף, עפּעס פאַרשווינדט, עפּעס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אַנדער זאַך. כדי מיר זאָלן זיך פּאַנאַנדערקלייבן אין דעם כאַאָטישן שטראָם פון וועלט־פּאַסירונגען, אויסגעפינען אַ געוויסע אָרדענונג אין איר, מוזן מיר לכתחילה צוטרעטן צו דער דערפאַרונג מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין איר, אין דער ריינער דערפאַרונג, אַבסאָלוט ניטאָ. מיר מוזן צוטרעטן צו דער דערפאַרונג מיט דעם געדאַנק, אַז „פון גאָרנישט קאָן גאָרניט אַרויסקומען״, מיט דעם געדאַנק פון קאַוזאַליטעט, מיט דעם געדאַנק פון אייביקע געזעצן און „בויטוועלעבדיקייטן״, וואָס צווינגען אונדז אָנ־צונעמען, אַז איין זאַך מוז „באַווירקן״ אַן אַנדער זאַך.

דערצו קומט, וואָס שטודירנדיק די ניט־באַלעבטע נאַטור גופא, געפינען די אידעאַליסטן אין איר פונדאַמענטאַלע דערשיינונגען, וואָס קאָנען איצטער בשום אופן ניט דערקלערט ווערן דורך דעם שפּיל פון מעכאַנישע, פיזיקאַלישע און כעמישע פּראָצעסן. צום ביישפּיל, די דערשיינונגען פון קריסטאַליזאַציע. אין אָט די דערשיינונגען שפּרינגט אונדז באַשיינפּערלעך אַנטקעגן אַ ניט־מאַטעריעלער פּרינציפּ, אַ פּרינ־ציפּ, וואָס טראָגט אַריין פאָרם אין דער מאַטעריע, אַ „פאָרמאַטיווער פּרינציפּ״, ווי דאָס ווערט איצטער אָנגערופן. יעדע פאָרם, יעדע גע־שטאַלט איז אָבער ניט מאַטעריעל, איר זין איז אַן אידייעלער, וואָס קאָן באַנומען ווערן נאָר פון אַ באַשטימטער „אידייע״, ווי צום ביישפּיל, די אידייע פון אַ קובישער פאָרם, אין וועלכער עס קריסטאַליזירט זיך די „מאַטעריע״ קאָך־זאַלץ.

דערצו קומט ווייטער, וואָס דער טיפסטער יסוד פון דעם מאַטעריאַ־ליזם — די מאַטעריע גופא, די „מאַסע״, — ווערט פון דער איצטיקער, איינשטיינישער פיזיק פאַרוואַנדלט איבגאַנצן אין „ענערגיע״, ד. ה., אין אַ באַוועגונג, אין וועלכער קיין מאַטעריעלע זאַך באַוועגט זיך ניט, — אַ באַוועגונג, וואָס באַוועגט זיך אַליין.

און אויך דאָס קומט דערצו, וואָס די דערשיינונגען פון לעבן און פון פּסיכישע געשעענישן זיינען נאָך עד היום ניט צוריקגעפירט גע־וואָרן צו ריין מאַטעריעלע, אָדער ריין ענערגעטישע פּראָצעסן. אויב „פון גאָרנישט קאָן גאָרנישט אַרויסקומען״, קאָנען מיר ניט איינזען, ווי אַזוי פון געוויסע באַוועגונגען אין דעם רוים, ווי פאַרפלאָנטערט

און קאָמפּליצירט זיי זאָלן ניט זיין, זאָל פּלוצלינג אַרויסשפּרינגען אַזאַ „רוחניותדיקע", פּסיכישע דערשיינונג, ווי דאָס געפיל פון הנאה, אָדער פון אומלוסט, אָדער דער געדאַנק פון קוואַליטעט. באַוועגונגען האָבן נאָר איין איינציקן אינהאַלט: „עפּעס" פאַרענדערט זיין אָרט אין דעם רוים, אויב דאָס דאָזיקע עפּעס ווערט פאַרגליכן מיט אַן אַנדער עפּעס, וואָס געפינט זיך אין רו.

פון וואַנען זאָל זיך דאָ נעמען אַ וועלכער עס איז „פּאַרמאַטיוועד פּרינציפּ"? פון וואַנען — אַ געפיל, אַ ווילנס־שטרעבונג, אַ געדאַנק? מוזן מיר אָננעמען, אַז אָט די ריין אידייעלע, רוחניותדיקע עלעמענטן זיינען ניט קיין פּראָדוקט פון די מאַטעריעלע פּראָצעסן. און היות זיי קאָנען ניט שטאַמען פון זיי, מוזן זיי שטאַמען פון אַן אייביקן רוחניות־דיקן אור־קוואַל, ווי מען זאָל דעם דאָזיקן קוואַל ניט אָנרופן.

איז — פאַרוואָס טאַקע ניט אָננעמען, אַז אָט דער אורקוואַל איז דער תוך פון יעדער פּאַסירונג אין דער וועלט; אַז אויך די ריין „מאַטעריעלע" פּראָצעסן שלאָגן פון דעמזעלביקן ניט מאַטעריעלן, נאָר איין רוחניותדיקן אורקוואַל? אַלע רוחניותדיקע פּראָצעסן קאָנען נאָר דערפאַר צוריקגעפירט ווערן צו די „מאַטעריעלע", — ווי דאָס וויל דער מאַטעריאַליזם, — ווייל זיי, די פּסיכישע געשעענישן, זיינען דער פאַרבאָרגענער תוך אויך פון די אַזוי אָנגערופענע „מאַטעריעלע". מיר וועלן אפשר דערפאַר קאָנען אויסגעפינען, ווי אַזוי פון די רוימלעך־צייטלעכע באַוועגונגען אין דער „מאַסע" קומען אַרויס אי לעבן, אי געפילן, אי ווילנס־שטרעבונגען, אי געדאַנקען אָנן אידייען, ווייל זיי אַלע ליגן אין דעם אינעווייניקסטן תוך פון די רוימלעך־צייטלעכע באַוועגונגען, וואָס שלאָגן אַלע פון איין־איינציקן „רוחניותדיקן" אור־קוואַל.

אָי — פאַרוואָס האָט זיך ביז אַהער ניט איינגעגעבן, מאַטעמאַטיש־פּינקטלעך צו באַווייזן, אַז רוימלעכקייט, צייט און באַוועגונג זיינען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי פאַרקערפּערונגען, — זאָגן מיר, מיט דער קבלה: „צמצומים", — פון עפּעס אַזוינס, וואָס איז „לעבן", אָדער „געפיל", אָדער „ווילן", אָדער „געדאַנק" און „אידייע" אָדער פון עפּעס אַזוינס, וואָס איז זיי אַלע כולל אין איינעם? — נו — דערויף איז דאָך דאָ אַ גלויבן. גלויבט דער מאָדערנער אידעאַליסט, אַז אין דעם לויף פון דער וויסנשאַפטלעכער פאַרשונג און, אַדאַנק דעם פאַרשאַרפטן קריטישן געדאַנק, — וועט זיך דאָס אַמאָל איינגעבן; פּונקט ווי דער מאַטערי־

אַליסט גלויבט, אַז זיין שיטה וועט נאָך ווערן די אַבסאָלוט און אויף אייביק טריאומפירנדיקע אין דעם מענטשלעכן געדאַנק.

אין דעם וועלט־באַטראַכט זיינען מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם צוויי גלויבנס, צוויי אמונות, וואָס יעדע פון זיי האָט אפשר די זעלביקע שאַנסן צו געווינען לסוף די אויבערהאַנט. און אפשר וועלן די צוויי שאָלן פון דער וואָג אייביק אין דעם מענטשלעכן געדאַנק זיך וויגן דאָ אַרויף, דאָ אַראָפּ.

אַ חוץ אָט די צוויי מעטאַפיזישע אמונות זיינען פאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע פילאָסאָפישע סיסטעמען מיט אַ גאַנץ אַנדער צוטריט צו די פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש, וואָס ליגט מחוץ פון דעם מאַטעריאַליסטיש אידעאַליסטישן שטרייט. אָבער עס איז ניט דאָ דער אָרט, צו רעדן וועגן זיי. דאָ דאַרפן מיר נאָר האָבן אין זינען, אַז די צוויי פילאָסאָפישע אמונות זיינען די הערשנדיקע אין דער געדאַנקען־וועלט פון דעם געבילדעטן עולם, און אַז ריין טעאָרעטיש איז די איינע פון זיי אפשר פונקט אַזוי פיל ווערט, ווי די אַנדערע, וואָס איז אין דעם וועלט־באַטראַכט. אַ גאַנץ אַנדער בילד באַקומט זיך, ווען מיר גייען אַריבער צו דעם מאַטעריאַליזם און דעם אידעאַליזם אין דעם לעבנס־באַנעם.

## קאַפּיטל צוויי

# אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם אין דעם לעבנס־באַנעם

די פּלוגתא, וואָס גייט אָן צווישן דעם אידעאַליסטישן און דעם מאַטעריאַליסטישן איינשטעל אין דער מענטשלעכער געדאַנקען־וועלט, האָט אַ גאַנץ אַנדער אויסזען אויף דעם פעלד פון דעם לעבנס־באַנעם, איידער אויף דעם פעלד פון דעם וועלט־באַטראַכט.

דאָרטן דרייט זיך אַלץ אַרום דער פראַגע, צי אַלע וועלט־פּאַסירונגען זיינען אין תוך ניט קיין אַנדער זאַך, ווי מעכאַניש־פיזיש־כעמישע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער וועלט־מאַטעריע, אָדער צי מוז מען צוגעבן, אַז אָט די מאַטעריעלע פּראָצעסן גופא זיינען נאָר אַ געוויסער דרויסנלעכער לבוש, פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן

„רוחניות". אַ „וועלט־ווילן", ווי דאָס וויל שאָפּענהאַוער; אַ „וועלט־שכל", ווי דאָס וויל העגעל; אַן אוניווערסאַלער „לעבנס־שוואונג", ווי דאָס וויל בערגסאָן, אָדער נאָך עפּעס אַן אַנדער וועלט־פּרינציפּ, וואָס האָט, לויט זיין אינעווייניקסטן מהות, אַ נאָענטע שייכות צו יענע פּראָצעסן, מיט וועלכע מיר ווערן באַקאַנט דורך אונדזערע אייגענע אינעווייניקסטע „נשמה"־איבערלעבונגען.

געוויס איז אָט די פּלוגתא וועגן דעם וועלט־באַטראַכט פון גאַר אַ גרויסן באַדייט אויך פאַר דעם פעלד פון דעם מענטשלעכן לעבנס־באַנעם. אָבער ניט אין איר ליגט דער צענטער פון יענעם אידייאישן סכסוך, וואָס קומט פאַר אָט אויף דעם פעלד. „מאַטעריאַליזם" און „אידעאַליזם" באַקומען דערביי אַ גאַנץ נייעם אויסטייטש.

אַן „אידעאַליסט" אין דעם לעבנס־באַנעם מוז ניט דווקא זיין אַן אידעאַליסט אין דעם וועלט־באַטראַכט. אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק האָבן מיר דווקא אַ גאַנצע פּלעיאַדע ריין פילאָ־סאָפישע מאַטעריאַליסטן, וואָס זיינען אין זייער לעבנס־באַנעם גראָד געווען די ריינסטע „אידעאַליסטן". מיט אַ געוויסן רעכט קאָנען מיר צו אָט די „אידעאַליסטן" צורעכענען אַזוינע קאָנסעקווענט דענקענדיקע מאַטעריאַליסטישע פילאָסאָפן, ווי אַ לודוויג ביוכנער, אַ פייערבאַך, אַ קאַרל מאַרקס און ביז צו אַ געוויסן גראַד — אויך קאַרל קאַוטסקי.

פון דער אַנדער זייט וועט ניט זיין קיין ברעקל אינעווייניקסטע סתירה, אויב דער אָדער יענער ריינער אידעאַליסט אין דעם וועלט־באַטראַכט זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר אַ קאָנסעקווענטן „מאַטעריאַליסט" אין זיין לעבנס־באַנעם. הגם איך מוז מיך מודה זיין, אַז עס איז מיר ניט באַקאַנט קיין איין גרויסער דענקער פון אַ ריין אידעאַליסטישער ריכטונג אין דעם וועלט־באַטראַכט, וואָס זאָל זיך טעאָרעטיש האָבן איינגעשטעלט פאַר אַ ריין „מאַטעריאַליסטישן" בליק אויף די וויכטיקסטע דערשיינונגען און פּראָבלעמען פון אַ מענטשלעכן לעבנס־באַנעם.

אין וואָס ליגט דאָ דער טעאָרעטישער אונטערשייד צווישן דעם אידעאַליסטישן און מאַטעריאַליסטישן איינשטעל?

זייביידע האָבן בשותפות די איינטיילונג פון אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען און אינטערעסן אין די אַזוי־אָנגערופענע „נידעריקע" און „העכערע" געדאַנקען־ספערען.

צו די „נידעריקערע", געהערן אין דער ערשטער ליניע די אינטע־רעסן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אויפהאַלטן דאָס לעבן פון דעם יחיד, ווי אויך די פאַרמערונג פון דעם מענטשלעכן מין. צו די „ני־

דעריקערע״ ספערן געהערן אויך יענע פּראָצעסן, וואָס האָבן צו זייער ציל די פּראָדוקציע פון מאַטעריעלע גיטער, וועלכע מאַרקס רופט אָן דער „באַזיס״, דער „פונדאַמענט״ פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָבער בפירוש ניט דער בנין גופא, וואָס שטייט אויף יענעם פונ־דאַמענט. צו זיי, צו די „נידעריקערע״ ספערען, געהערט אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך דעם קלאָרן כאַראַקטער פון ריינער ניצלעכקייט, וואָס העלפן דעם פּראָצעס פון באַפרידיקן די מאַטעריעלע הצטרכותן פון דעם איינצעלנעם מענטשן, צי פון אַ גאַנצער געזעלשאַפט.

צו די „העכערע עולמות״ געהערן אין דעם מענטשלעכן באַוואוסט־זיין אַלע יענע ציל־שטרעבונגען, אַלע יענע לעבנס־אימפּולסן, וואָס זיינען, לפּחות, לויט זייער דרויסנלעכן אָנזען, גאַנץ פריי פון אַ וועלכן עס איז פּראַקטישן תכלית פאַר זיך, צי פאַר דער אייגענער פאַמיליע, צי אויף דער וועלט, צי — ווי אין אַ פּרימיטיוון רעליגיעזן גלויבן — אויף „יענער וועלט״.

אַזעלכע „הויכע עולמות״ האָט שוין דער מענטשלעכער באַוואוסטזיין לאַנג אַנטדעקט און באַזונדערס געשעצט. אין אַלט־יודעאַ איז זייער אידעאַל אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער געשטאַלט פון גאָט, וואָס זיין תוך איז „אמת וצדק״, אמת און גערעכטיקייט. „חותמו של הקדוש־ברוך־הוא אמת״: „דעם אויבערשטנס חתימה איז אמת״, — זאָגט זיך ערגעץ־וואו אין דער תלמודישער ליטעראַטור.

אין אַלט־גריכנלאַנד, וואו דער מענטשלעכער געדאַנק האָט זיך זייער פריי באַפרייט פון זיין טעאָלאָגיש־רעליגיעזן לבוש, איז דער אידעאַל פון די „העכערע עולמות״ פאָרמולירט געוואָרן אין דעם צונויפגעגאָסענעם וואָרט „קאַלאָקאַגאַטיאַ״: „דאָס שיינע און דאָס גוטע״.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די אַלט־יודעאישע וועלט האָט געשעצט נאָר אמת און גערעכטיקייט און האָט ניט פיל געהאַלטן פון שיינ־קייט. די ווערטער: „הוד״, „הדר״, און „תפארת״, — וואָס זיי אַלע זיינען סינאָנימען פון שיינקייט, פּראַכט, גלאַנץ און צירונג, קומען פאַר זייער אָפט אין די הייליקע שריפטן אין פאַרבינדונג מיט גאָט אַליין, הגם עס איז אין ערגעץ ניטאָ קיין דירעקטער אָנווייז, אַז שיינקייט אָדער פּראַכט זאָל זיין אַ כאַראַקטעריסטיק פאַר דעם אויבערשטנס מהות. דער פסוק אין תהילים, וואָס זאָגט: „קול ד׳ בכוח; קול ד׳ בהדר״ („גאָטס שטים איז אין קראַפט; גאָטס שטים איז אין פּראַכט״), וואָלט, אמת, געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן אַזוי, אַז די געטלעכקייט אַנטפּלעקט זיך סיי אין קראַפטיקייט, סיי אין פּראַכטיקייט. אָבער אַזאַ

טייטש וואָלט געווען אַ גריכיש־מעטאַפיזישע אָריינטירונג אין דער אַלט־יודעאישער טעאָלאָגיע. דאָס אייגנטלעכע העברייאישע וואָרט פאַר־שיינקייט איז „יופי", און „יופי" איז אין אַלט־יודעא זיכער ניט גע־שטאַנען אויף דערזעלביקער הויך אין אַן אידעאַלן לעבנס־באַנעם, ווי אמת און יושר. וועגן פרויען־שיינקייט ווערן מיר בפירוש געוואָרנט אין משלי: „שקר החן והבל היופי" („חן איז אַן אָפּנאַר און שיינקייט איז נישטיק". יהואש). און אַפילו דאָס וואָרט „חן", וואָס האָט זיכער דעם באַטייט פון „ליבלעכקייט" און „שיינקייט", — ווי אין „יעלת חן" („די חנעוודיקע הירשין". יהואש). און „אבן־חן" („אַ חנעוודיקער דימענט", ד. ה. אַ שיינער), — אַפילו אָט דער ריין־עסטעטישער באַגריף, זאָג איך, שטאַמט לויט געזעניוס, פון דעם וואָרצל „חנן" (לייען: „כאַנאַן"), וואָס האָט אַ ריין מאָראַלישן באַטייט פון זיין גנעדיק און באַרעמהאַרציק צו איינעם. דער שורש פון שיינקייט איז דעריבער, — לויט דעם אַלט־יודעאישן באַוואוסטזיין, — ניט קיין עסטעטישער, נאָר אַן עטישער.

אמת און יושר זיינען אין אַלט־יודעא געשעצט געוואָרן העכער, אײדער שיינקייט און חן. ערשט די קבלה האָט אויפגענומען „תפארת" און „הוד" („פּראַכט" (שיינקייט) און „גלאַנץ") אין דער צאָל פון די „ספירות", ד. ה. פון יענע געטלעכע וועלטן, וואָס שטראַלן אַרויס פון דעם געטלעכן אור־קוואַל, דעם „אין־סוף" און וואָס באַהערשן דעם גאַנצן באַשאַף.

אין דער אַלטער גריכיש־רוימישער וועלט איז אָבער שיינקייט געשטאַנען אויב ניט העכער איז אויף איין מדרגה מיט דער מאָראַלישער גוטסקייט, ווי מיר זעען דאָס פון דעם אויבן געבראַכטן צונויפגע־גאָסענעם וואָרט „קאַלאָקאַגאַטיאַ". שיינקייט האָט אויך געהאַט אַ באַ־זונדער געטין, — וואָס איז אויך געווען די געטין פון סעקסועלער ליבע: די „אַפראָדיטע" פון גריכנלאַנד און די „ווענוס" פון רוים.

אויך דאָ הייסט עס ניט, אַז די גריכישע געדאַנקען־וועלט האָט געשעצט שיינקייט און גוטסקייט העכער פאַר אמת. אדרבה! גראָד אין דער גריכישער פילאָסאָפיע בליט אויף דאָס שטרעבן צו אמת, דאָס זוכן אים, דאָס אויספאָרשן יענע וועגן, אויף וועלכע דער מענטשלעכער שכל זאָל קאָנען אים דערגרייכן. און אָט דאָס שטרעבן ווערט די הויפּט־טרייבנדיקע קראַפט פון דעם פילאָסאָפישן דענקען אין גריכנלאַנד.

ממילא קומט אויס, אַז סיי אין אַלט־יודעא, סיי אין דער אַלטער גריכיש־רוימישער וועלט, זיינען די אידעאַלן פאַר די „העכערע עולמות"

אין אַ מענטשלעכן לעבנס־באַנעם געווען, לויט זייער אינעווייניקסטן מהות, מער אָדער ווייניקער אידענטיש. איןביידע וועלטן, ווי ביי דער העכער אַנטוויקלטער מענטשהייט בכלל, זיינען, אין דעם אָדער יענעם גראַד, פאַרהערלעכט געוואָרן דער אמת, די מאָראַלישער גיטער און די שיינקייט.

זייער אויסגלייך, זייער, אַזוי צו זאָגן, גלייכבאַרעכטיקונג און גלייכ־ווערטיקייט, — זיינען אָבער אויפגעקומען, ווי אַן אַלגעמיינער קנין פון דער געבילדעטער וועלט, ערשט אין דעם אַכצנטן יאָרהונדערט פון אונדזער צייט־רעכענונג, אין דעם פעריאָד פון דער אַזוי־אַנגערופענער „אויפקלערונג״. גראַד אין דייטשלאַנד האָט די „אויפקלערונג״ אַרויס־געבראַכט די פאָרמול פאַר דעם אידעאַליזם אין דעם וועלט־באַנעם, וואָס האָט געהייסן: „דאָס וואָרע, דאָס שיינע, דאָס גוטע״, — אַ פאָרמול, וואָס האָט שפּעטער, מיט דעם אויפקום פון דעם רעאַליזם און דעם מאַטעריאַליזם, אַרויסגערופן ניט ווייניק שפּאָט.

מיר נעמען דאָ אויף אָט די פאָרמול און מיר וואָלטן זי געקאָנט איבערגעבן מיט די העברייאישע ווערטער, וואָס האָבן זיך איינגע־בירגערט אויך אין יידיש: „אמת, יושר און חן״, הגם מיר ווייסן, אַז מיט דעם וואָרט „יושר״ ווערט ניט געדעקט די גאַנצע וועלט פון מאָראַלישע ווערטקייטן און אַז דאָס וואָרט „חן״ — ליבלעכקייט — שוואַכט אָפּ דעם ריין־עסטעטישן אויסדרוק „שיינקייט״. אין העברייאיש — „יופי, וואָס זיין שורש באַטייט „גאַנץ״, „פול״, „רייך״ (געזעניוס). וואָס זאָלן מיר טאָן? דאָס וואָרט: „אמת״ האָבן מיר, יידן, אַריינ־גענומען אין אונדזער לשון אין זיין גאַנצן ברייטן פאַרנעם; פאַר דאָס מאָראַליש־גוטע האָבן מיר ניט קיין כולל־וואָרט (דאָס „טוב״, ווי אַ מאָראַלישע קאַטעגאָריע, איז פאַרבליבן אין העברייאיש) און אויף דעם „יופי״ האָבן מיר אינגאַנצן פאַרגעסן. סיידן ווען מיר רעדן וועגן אַ „יפת תואר״, — אַ „בילד״־שיינע פרוי, אָדער — מער איראָניש — וועגן אַ „יפה־פיה״ (לייען: יפעי־פיאַ״), אַ ווייבלעכע שיינקייט. לויט דעם וואָרצל־באַטייט וואָלט דאָס וואָרט „חן״ געקאָנט דעקן די ביידע ספערעס פון „העכערע עולמות״, סיי די מאָראַליש גוטע, סיי די עס־טעטיש־שיינע. דעריבער לאָזן מיר יושר שטיין, און דעם „חן״ לאָזן מיר גיין. אַנשטאָט אים נעמען מיר פאַר דער עסטעטישער וועלט דאָס יידישע „שיינקייט״.

לייקנט דער מאַטעריאַליזם אין דעם לעבנס־באַנעם, אַז מענטשן ליבן אמת, יושר און שיינקייט? אַז עס איז דאָ אין דער מענטשלעכער

נשמה אַ שטרעבן, אויסצולעבן זיך אין זייערע ספערעס? אַז די דריי ספערעס ווערן צוגערעכנט צו די „העכערע עולמות" פון אַ מענטש־לעכן, דאָס הייסט, קולטורעלן לעבן?

ניין, אויך דער מאַטעריאַליזם אין דעם לעבנס־באַנעם לייקנט דאָס ניט. דער סכסוך צווישן די צוויי גרונט־שיטות דרייט זיך דאָ אַרום דער פראַגע וועגן דעם מקור, פון וואַנען די דריי עולמות און וועגן זייער אינעווייניקסטן באַטייט אין דעם מענטשלעכן לעבן גופא.

## קאַפּיטל דריי

# קאַרל מאַרקס, ענגעלס און קאַוטסקי

פאַר דעם אידעאַליזם אין דעם לעבנס־באַנעם זיינען „דאָס וואָרע, דאָס גוטע, דאָס שיינע", וועלכע מיר גיבן איבער מיט די ווערטער: „אמת, יושר און שיינקייט", ניט נאָר די „העכערע עולמות" אין געענדזענע פיסלעך. אינגאַנצן ערנסט פאָדערט אָט דער אידעאַליזם, מען זאָל אַנדערקענען, אַז די שטרעבונגען צו זיי דאַרפן העכער געשעצט ווערן, איידער יענע צילן, וואָס ווערן דיקטירט פון דעם ריינעם פּראַקטישן נוצן, צי צוליב זיך, צי צוליב דער אייגענער פאַמיליע; צי צוליב אויף ד ע ר וועלט, צי צוליב אויף י ע נ ע ר וועלט, וואו עס וואַרטן אויף דעם מענטשן גרויסע פּאַרציעס פון געשמאַקער אומ־שטאַרביקייט.

ווען אַפילו די שטרעבונגען, אויסצולעבן זיך אין די עולמות פון אמת, יושר און שיינקייט, זיינען אין דעם מענטשלעכן לעבן פאַרבונדן מיט גרויסן פּראַקטישן נוצן, אויב ניט פאַר דעם יחיד און די „זייניקע", איז פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, דאַרף אויך דעמאָלט ניט אויס־געלאָזן ווערן פון אויג, אַז, לויט זיין נאַטור, טוט זיי ליבן דער מענטש ניט צוליב זייער נוצן, וואָס זיי ברענגען וועמען עס איז, נאָר צוליב זיי גופא. זיי זיינען זעלבסט־צוועקן און ניט קיין מיטלען צוליב אַ וועלכען עס איז אַנדער צוועק.

דער אידעאַליסטישער אויספיר פאַר דעם לעבנס־באַנעם איז, אַז דער מענטש זאָל צו זיי שטרעבן צוליב זיי גופא און זאָל דאָס אויס־

לעבן זיך אין זייערע עולמות באַטראַכטן פאַר דעם אייגנטלעכן ציל פון זיין לעבן אויף דער וועלט.

מיט אָט דעם ריין אידעאַליסטישן בליק אויף דעם ענין איז אויך מסכים אַזאַ מאַטעריאַליסט אין דעם וועלט־באַטראַכט און אין דער־זעלביקער צייט אַזאַ גרויסער אידעאַליסט אין דעם לעבנס־באַנעם, ווי קאַרל מאַרקס. אויך ער האָט אין זיין „קאַפּיטאַל״ געצויגן אַ שאַרפע ליניע צווישן יענע שטרעבונגען, וואָס ווערן דיקטירט פון אַ „חיצוניות־דיקן נוצן״, ווי ער דריקט זיך אויס, און יענע שטרעבונגען, וואָס דריקן אויס „די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קראַפט, וואָס איז איר אייגענער ציל״. די ערשטע שטרעבונגען נעמט קאַרל מאַרקס אַריין אין דער „ממשלה פון נויטווענדיקייט״. די צווייטע אַרט — אין דער „ממשלה פון דער פרייהייט״. די ערשטע ממשלה איז אָבער נאָר דער פונדאַמענט, ד. ה., דער פאַרבאַדינג פאַר דער צווייטער, וואו עס קומט פאַר די פאַרווירקלעכונג פון יענע קרעפטן, וואָס טראָגן זייער ציל „אין זיך גופא״. (זע קאַרל מאַרקס, „דאָס קאַפּיטאַל״, אָריגינאַל־אויסגאַבע, דריטער באַנד, צווייטער טייל, ז. 355).

מאַרקסעס בליק אויף דעם מהות און דעם באַטייט פון די דריי העכערע עולמות אין דער „ממשלה פון פרייהייט״ גייט זיך דאָ לגמרי צונויף מיט דעם בליק פון די אידעאַליסטן. פאַנאַנדערגיין זיך מיט זיי וואָלט ער, מן הסתם, אין דער פראַגע וועגן דעם מקור און דעם אויפקום פון יענע העכערע ספערעס. דערין וואָלט ער מן־הסתם צונויפגעשטימט מיט די באַטראַכטונגען פון די געוויינלעכע מאַטעריאַ־ליסטן אין דעם לעבנס־באַנעם, וואָס לייקענען אויך דעם פאַקט, וועלכן מאַרקס נעמט אָבער אָן פול און גאַנץ, אַז אין דער מענטשלעכער נשמה איז פאַראַן אַ שטרעבן צו אמת, יושר און שיינקייט צוליב זיי אַליין און ניט צוליב וועלכע עס איז פּראַקטישע צוועקן, ד. ה., צוליב דער אייגענער דערהאַלטונג אָדער צוליב יענער פיזיאָלאָגישער באַדער־פעניש, וואָס דינט דער פאַרמערונג פון דעם מענטשלעכן מין.

אינאיינעם מיט אָט די געוויינלעכע מאַטעריאַליסטן, צו וועלכע עס געהערט דאָס רוב פון דער מאַרקסיסטישער שולע, וואָלט מאַרקס, מן הסתם, אויך געהאַלטן, אַז דער אַנטרייב צו זוכן אמת צוליב דעם אמת, פאַרווירקלעכן יושר צוליב דעם יושר און פאַרלאַנגען די הנאה פון שיינקייט, צוליב דעם עסטעטישן תענוג, — אַז אָט דער אַנטרייב וואַקסט אַרויס אין דער לעצטער ליניע פון ריין עקאָנאָמישע און פיזיאָלאָגישע הצטרכותן.

אַזוי דערקלערן פילע אוטיליטאַריסטן, וואָס מוזן ניט זיין דווקא מאַטעריאַליסטן אין דעם וועלט־באַטראַכט, אַז דאָס שטרעבן צו שיינ־קייט און די אָפּשאַצונג, וואָס עס איז עסטעטיש שיין און וואָס עס איז מיאוס, האָט זיך גענומען דער עיקר פון דעם סעקסועלן אָנטרייב. שיינע ליניעס און פאָרמען זיינען, הייסט עס, פאַר דעם מענטשן יענע, וואָס דערמאָנען מער אָדער ווייניקער די ליניעס און פאָרמען פון יענעם מענטשלעכן קערפּער, וואָס ווערט באַגערט און אַרומגענומען אין דער עראָטישער ליידנשאַפט.

אַזוי האָט אויך דער קריטישסטער פון אַלע אוטיליטאַריסטן, הער־בערט ספּענסער, דערקלערט, כמעט ווי אַ געזעץ, אַז דאָס, וואָס האָט פריער געהאַט אַ ווערט פון ניצלעכקייט, באַקומט שפּעטער, ווען די ניצלעכקייט פאַרשווינדט, אַ ווערט פון שיינקייט.

דאָס אייגענע איז אויך מיט די מאָראַלישע ווערטן פון דער נטיה צו אמת־זוכעניש. פאַר דעם רוב מאַטעריאַליסטן און אוטיליטאַריער זיינען די אידייען און רעזולטאַטן, וואָס שטאַמען פון דעם מענטשנס איבערקלער וועגן אמת, יושר און שיינקייט, ניט קיין אַנדער זאַך, ווי מאַנטלען, דרויסנלעכע לבושן, אין וועלכע עס קליידן זיך איין די עקאָנאָמישע אינטערעסן, סיי פון איינצעלנע, סיי פון גרופּן און קלאַסן, סיי פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

פאַר זיי, פאַר אַלעמען, וואָלט געווען ריכטיק דער זאַץ, אַז דער מענטש ליבט אמת, יושר און שיינקייט ניט צוליב דער אידעאַליסטישער „הגדה", נאָר צוליב די מאַטעריעלע „קניידלעך", וואָס האָבן זיך אין דער „הגדה" איינגע„קנידלט".

מאַרקס וואָלט, ווי געזאָגט, ניט אָנגענומען דעם דאָזיקן זאַץ, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז דער מענטש באַזיצט געוויסע באַשאַפערישע קרעפטן, וואָס האָבן זייער ציל אין זיך גופא און ניט אין די אָדער יענע „קניידלעך". אָבער וועגן דעם מקור, דעם אויפקום פון יענע קרעפטן, וואָלט ער מן הסתם איינגעשטימט מיט דעם רוב שפּעטערע מאַרקסיסטן, וואָס האָבן זיך אַזוי פיל געמיט צו דערקלערן די „הגדה" דורך די פאַרבאָרגענע „קניידלעך", וואָס ליגן אין איר.

דאָס וואָלט אויך אין גאַנצן צונויפגעשטימט מיט יענע אַבסאָלוטע דערקלערונגען פון פרידריך ענגעלס, דעם מיטבאַגרינדער פון דעם „מאַרקסיזם", אין וועלכע ער פאַרזיכערט, אַז „אַלץ אין דער געשיכטע

קומט פאַר לויט דעם, וואָס עס ווערט פּראָדוצירט און ווי די פּראָ־דוקטן בייטן זיך קעגנזייטיק אויס״. און אַז דער שליסל צו אַלע פּראָ־צעסן אין דער מענטשלעכער געשיכטע דאַרף געזוכט ווערן אין דער „פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע (די פאַרמערונג פון דעם מענטשלעכן מין) פון דעם אוממיטלבאַרן מענטשלעכן לעבן״.

„אַלץ״ איז דער טייטש אויך די אמת־זוכעניש, די מאָראַלישע אידעאַלן און דעם מענטשנס פאַרלאַנג נאָך שיינקייט. שילערס אַפּאָ־ריזם, אַז „הונגער און ליבע באַהערשן די וועלט״, וואָלט אויך געמוזט אָנגעווענדט ווערן אויף די „עולמות העליונים״, אין דעם מענטשלעכן קולטור־לעבן.

און פונדעסטוועגן קאָנען מיר ניט זיכער זיין, אַז מאַרקס וואָלט זיך אונטערגעשריבן אונטער אָט דעם אופן, ווי אַזוי צו דערקלערן דעם אויפקום זייערן. דאָס וואָלט גאָר ניט גוט האַרמאָנירט מיט יענעם שטריך, מיט יענער צעטיילונגס־ליניע, וואָס ער פירט אַזוי שאַרף דורך צווישן דער „ממשלה פון נויטווענדיקייט״, אין וועלכער עס ווערן אַריינגענומען אַלע „קניידלעך״, אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען צוליב „דעם חיצוניותדיקן נוצן״, און דער „ממשלה פון פרייהייט״, אין וועלכער עס ווירקן זיך אויס די קרעפטן, וואָס האָבן „זייער ציל אין זיך גופא״.

עס וואָלט אויך ניט געפּאַסט דער פאַרגלייך פון אַ „פונדאַמענט״ („די ממשלה פון נויטווענדיקייט״) און אַן „איבערבוי״ („די ממשלה פון פרייהייט״), וואָס „בליט אויף אויף יענעם פונדאַמענט״, ווי מאַרקס דריקט זיך אויס. אַ בעסערער פאַרגלייך וואָלט דאָ געווען, צו באַ־טראַכטן די צוויי ממשלות, ווי די וואָרצלען אין דער פלאַנץ, וואָס וואַקסט פון זיי אַרויס און „בליט אויף״ אויף זיי. די וואָרצלען, — פאַרבאָרגענע אין דער ערד, וואָס באַשאַפן די שפּייז פאַר דער פלאַנץ, דעם פאַרבאַדינג פאַר איר וואַקסן, בליען און ברענגען פרוכט, — וואָלטן געווען „די ממשלה פון נויטווענדיקייט״. די פלאַנץ גופא, וואָס וואַקסט אין דער פרייער לופט, — אָדער וויניקסטנס אירע בלו־מען און פּירות, — וואָלטן געווען דער פּאַסנדיקסטער סימבאָל פאַר דער „ממשלה פון פרייהייט״.

אָט פאַרוואָס מיר גלויבן, אַז אין אָט דעם פּרט, ניט נאָר אין דעם אָפּשאַץ פון דעם מהות און דעם באַטייט פון „אמת, יושר און

שיינקייט״, נאָר אויך אין דער פראַגע פון זייער אויפקום אין אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט. — וואָלט מאַרקס ניט אינגאַנצן געקאָנט מסכים זיין מיט די איינזייטיקע פאָרמולירונגען, וועלכע ענגעלס האָט אַרויסגעבראַכט פאַר דעם מאַרקסיזם, און וועלכע דאָס רוב מאַרקסיסטן האָבן אָנגענומען ווי דעם איינציק־באַרעכטיקטן אויסגאַנגס־פונקט פאַר זייערע היסטאָרישע און קולטור־היסטאָרישע פאָרשונגען און באַטראַכטונגען.

נאָך מיין מיינונג נאָך לייגט זיך מער אויפן שכל, אַז קאַרל מאַרקס וואָלט לגמרי געקאָנט איינשטימען מיט יענעם פירוש אויף דעם מאַרקסיזם, וועלכן קאַרל קאַוטסקי האָט געגעבן אויף אים אין זיין געלערנטן, געדאַנקענרייכן, צוויי־בענדיקן ווערק: „די מאַטעריאַליסטישע געשיכטס־אויפפאַסונג״, פון דעם יאָר 1927, וואָס האָט ביז אַהער, פאַר די גאַנצע צען יאָר, זינט דאָס ווערק איז אַרויס פון דרוק, נאָך ניט געפונען זיין געהעריקן אָפּשאַץ אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, און וואָס זיינע געדאַנקען זיינען עד היום אַזוי ווייניק פאַרשפּרייט אין דער מאַרקסיסטישער געדאַנקען־וועלט.

מיר קאָנען זיכער באַטראַכטן דאָס גרונט־ווערק קאַוטסקיס, — דעם סך־הכל פון זיין לאַנגיאָריקן „שכלס באַטראַכט און האַרצנס־באַגער״, ווי אַ ברייט־אויסגעלייגטן און פיין דורכגעטראַכטן סיסטעם פון אַן אידעאַליסטישן לעבנס־באַנעם אויף דעם יסוד פון אַ מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַטראַכט.

אין שטאַרקן אָנלען אויף דאַרווינען, ברענגט קאַוטסקי אַרויס אין זיין סיסטעם, אַז דער מענטש טרעט אַריין אין דער געשיכטע מיט אַ נשמה, וואָס איז ניט, ווי אַ ליידיק בלאַט פּאַפּיר, אויף וועלכער די דערפאַרונגען פון דער סביבה שרייבן אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין איר. דער מענטש הויבט אָן די געשיכטע מיט אַ נשמה אַ צוגעגרייטער אין דער אַנימאַלישער עוואָלוציע. אין איר געפינען זיך שוין ווי פאַראַרבעטע איינגעשאַפטן די אָנהייבן פון אַ דראַנג צו אמת, יושר און שיינקייט, וואָס ווערן דער עיקר ביי דעם מענטשן — „צילן אין זיך גופא״.

## קאַפּיטל פיר

# דער חוש פאַר שיינקייט און דער נאַטור

מיר וועלן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין לאַנגע דרכים וועגן דער אייגנטלעכער פילאָסאָפיע פון די דריי העכערע עולמות: אמת, יושר און שיינקייט, וואָס האָבן שוין אַ גאַנצן כרך פון וויסנשאַפטלעכע און רעליגיעזע בנינים, פון די פאַרשיידענע יאָרהונדערטער מיט די פאַרשיידנסטע „אַרכיטעקטורן״, אין די פאַרשיידנסטע „סטילן״: די לאָגישע, דערקענטעניש־טעאָרעטישע, מעטאַפיזישע, „סתם״־פילאָסאָפישע, טעאָלאָגישע און רעליגיעזע קוואַרטאַלן פאַר דעם „אמת״; די עטישע, מאָראַל־פילאָסאָפישע און ווידער רעליגיעזע — פאַר דעם „יושר״; די עסטעטישע, קונסט־פילאָסאָפישע, קונסט־וויסנשאַפטלעכע — פאַר דער „שיינקייט״.

פאָלג מיך אַ גאַנג און בוי אויף אַזוינע בנינים אין אַלע יענע קוואַרטאַלן! אויך אויף דעם אויפקום פון אמת, יושר און שיינקייט, וועגן זייערע וואָרצלען אין דער טיף פון דעם סודותפולן וועלט־באַשאַף וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ניט לאַנג.

מיר האָבן דאָ אין זינען צו באַטראַכטן זיי ניט ווי שאַרף־אָפּגעזונדערטע צווייגן פון אַן איינהייטלעכן בוים, אָן אַן אינעווייניקסטער שייכות איינער צו דעם אַנדערן. אונדז אינטערעסירט מער אויסצוגעפינען, אין וואָס זיי זיינען אויסגעבונדן, וואָס זיינען די וויכטיקסטע סימנים, וואָס זיי האָבן בשותפות. דאָס וועט אפשר מאַכן פאַר אונדז מעגלעכער צו פאַרשטיין, אין וואָס עס באַשטייט זייער ווערט פאַר דעם מענטשן; פאַרוואָס ער ליבט זיי און שטרעבט צו זיי מקדמונים.

און אָנהייבן וועלן מיר מיט דעם ענין פון שיינקייט, וואָס ווערט ליידער פון פילע באַטראַכט, ווי דער ווייניקער וויכטיקער צווייג פון די דריי, ווייל סוף־סוף קאָן דאָך, הייסט עס, אַ לעבן אויסקומען אינגאַנצן אָן אים.

און אָט פאַרוואָס מיר הייבן אָן מיט דעם עסטעטישן פעלד פון אונדזער העכערן קולטורעלן לעבן.

קיינער וועט ניט קאָנען אָפּלייקענען, אַז די פאַרווירקלעכונג פון שיינקייט איז ביי דעם מענטשן אויפגעקומען אַ סך פריער, איידער די פאַרווירקלעכונג פון אמת און יושר. מיר וויסן איצטער, אַז ווען

מענטשן האָבן נאָך ניט געוואוסט, ווי צו בויען הייזער און געלעבט אין היילן, האָט זיך שוין דערוועקט ביי זיי דער חוש פאַר פאַרבן־ און ליניען־שיינקייט, פאַר צירונגען און מאָלערייען, וואָס געפינען „חן" אין זייערע אויגן. עס עקזיסטירט אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן דער עסטעטישער זייט פון דעם פרימיטיוון מענטשנס לעבן און שאַפן, — ערנסטע פאָרשונגען און אָפּבילדונגען אויף דעם סמך פון אויסגראָבונגען און אויסגעפינענישן, וואָס רעדן צו אונדז וועגן אַ צייט, ווען דער מענטש האָט נאָך ניט אינגאַנצן איבערגעריסן דעם נאָפּל־שנור, וואָס האָט אים פאַרבונדן מיט דער אַנימאַלישער וועלט, פון וועלכער ער האָט זיך אַרויסגעריסן.

עס וואָלט אָבער געווען פאַלש צו דענקען, אַז שטרעבונגען צו שיינקייט הויבן זיך אָן ערשט מיט דעם אויפקום פון דעם מענטשן. יעדער מענטש איז באַקאַנט מיט אַ היפּש ביסל פאַקטן פון דער אַני־מאַלישער וועלט, וואָס האָבן דעם קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם זין פון פאַרווירקלעכטער שיינקייט. די שיינע פאַרבן פון די פייגל, די אָפט־ליבלעכע טענער פון זייער געזאַנג; די שיינע, פיל־פאַרצווייגטע הערנער פון דעם הירש, — וואָס זיינען אים אָפט אַ שטער אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, — ווערן דערקלערט ניט מיט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר מיט דעם שטרעבן צו „געפינען חן" אין די אויגן פון דער „זי". דאָ שפּילט געוויס אַ ראָליע דער סעקסועלער מאָטיוו, ענגעלסעס פאָרמול פון „רעפּראָדוצירן דאָס אוממיטלבאַרע לעבן". אָבער — פאַרוואָס זאָל די שיינע פאָרם האָבן אַזאַ מאַגנעטישע צוציאונגס־קראַפט אויף דער „זי"? עס איז דאָך קלאָר, אַז „פון גאָרנישט קאָן גאָרנישט אַרויס־קומען". דער סעקסועלער אַקט אין זיך גופא קאָן דאָך באמת פאַר־קומען אויך אָן דעם עסטעטישן אַקאָמפּאַנימענט פון שיינע פאַרבן, ליניעס און קלאַנגען, ווי ער קומט אויך פאָר ביי אַ סך לעבעדיקע ברואים אָן אַ וועלכן עס איז צוגאָב פון שיינקייט (וויניקסטנס, דוכט זיך אונדז דאָס אַזוי). די שיינקייט — און איר פאַרווירקלעכונג אין דעם לעבן פון חיות און עופות — קאָן דאָ ניט שטאַמען פון דעם דראַנג צו פאַרמערן דעם מין.

אַט דער אינסטינקטיווער דראַנג צו פאַרמערונג נוצט דאָ אויס די שיינקייט, ווי אַ „צוקער־לעקעך". זי שפּילט דאָ די ראָליע פון די וויכטיקסטע קער־רימענס און צי־שטריק, מיט וועלכע די מוטער־נאַטור שטרעבט אַזוי אָפט צונויפצוברענגען דעם „ער" מיט דער „זי". באַ־זונדערס קלאָר ווערט אַט דער ענין, ווען מען באַטראַכט דאָס לעבן

פון די פלאַטערס (אויך „זומער פויגעלעך" גערופן) מיט דער אָפּטמאָל אויסערגעוויינלעכער פּאַרבנפּראַכט, האַרמאָנישע געשטאַלטן אין דעם סימעטרישן אויסבוי און אין די קאָלירן פון זייערע פליגלען.

נאָך קלאָרער ווערט די ראַליע פון שיינקייט אין דער נאַטור, ווען מיר גייען איבער צו דער פלאַנצן-וועלט. וואָס קאָן זיין שענער און ליבלעכער, איידער די בלומען-וועלט? איך מיין דאָ ניט די, וועלכע דער מענטש האָט אַרויסגעבראַכט, באַנוצנדיק זיך מיט דעם שפּיל פון פאַראַרבונג. איך מיין דאָ די פּשוטע, נאַטירלעכע פעלד- און וואַלד-בלומען.

אויך דאָ, ווי מיר ווייסן איצטער, שפּילט דער „פּריה ורביה" מאָ־מענט אַן אומגעהייער וויכטיקע ראָליע. די בלומען זיינען אין תוך די סעקסועלע אָרגאַנען פון דער פלאַנץ. דער שטויב אויף דער פלאַנץ איז די „זרע", וואָס דאַרף דורך די פליגעלעך, וואָס זויגן דעם זאַפט פון דער פלאַנץ, אַריבערגעטראָגן ווערן פון דעם „זכר"-עלעמענט אויף דעם „נקבה"-עלעמענט. מיט וואָס ווערן די פליגעלעך צוגעצויגן צו דער בלום? דורך איר "שיינקייט"! דורך די פאַרביקע בלעטעלעך, „עסטעטיש"-סימעטריש איינגעאָרדנט; דורך פאַרשיידענע פינטעלעך, שטריכן און געשטאַלטן, אָפּט אויך דורך דעם „ריח ניחוח" זייערן.

דאָ, זאָג איך, ווערט דער ענין שוין אַ סך קלאָרער. די בלום איז דאָ „פאַראינטערעסירט" אין שיינקייט, צוליב דער פאַרמערונג פון דעם מין. באַנוצט זי זיך מיט איר, כדי צוציען צו זיך דעם אָדער יענעם אינזעקט. אָבער וואָס פאַר אַ סעקסועלן אינטערעס קאָן דערביי האָבן, זאָגן מיר, די בין, — יענע אַרבעטאָרין פון דער בינען-קאָמונע, וואָס ווייס בכלל ניט פון אַ סעקסועלן לעבן? פאַרוואָס ווערט זי צוגעצויגן דורך שיינקייט? און אַפילו יענע פליגן, פלאַטערלעך און „משה-רבינוס בהמהלעך", וואָס האָבן ניט פאַרלאָרן זייערע זכרים-נקבה-אינסטינקטן, ווערן דאָך צו דער בלום צוגעצויגן ניט דורך דעם דראַנג, אויס־צופירן אַ סעקסועלע פאַראייניקונג מיט דער בלום. זיי קומען צו איר נאָך שפייז, ניט נאָך „ליבע". איז — אויף וואָס דאַרפן זיי דער בלומס שיינקייט?

„פון גאָרנישט קאָן גאָרנישט אַרויסקומען". אויב פאַר דעם פליגעלע וואָלט ריינע שיינקייט געווען „גאָרנישט", וואָלט די בלום מיט איר גאַנצער פּראַכט פון אירע סימעטרישע בלעטעלעך און פאַרביקע גע־שטאַלטן גאָרנישט ניט אויסגעפירט. די פליגעלעך האָבן פונקט אַזאַ חוש פאַר שיינקייט, ווי מיר און אפשר, לפי ערך, נאָך אַ שטאַרקערן.

דאַרף מען אָבער ניט מיינען, אַז דער חוש פאַר שיינקייט קומט אויף נאָר דעמאָלט, ווען עס באַווייזט זיך אין דער לעבעדיקער וועלט אַן אויג, וואָס קאָן זען אַ שיינע פאָרם, אַן אויער, וואָס קאָן הערן אַ וואויל־געפעליקן קלאַנג, אָדער אַ געדוך־נערוו, וואָס זאָל קאָנען הנאה האָבן פון אַ „ריח־ניחוח".

שיינקייט און אַפילו דעם קינסטלערישן דראַנג צו פאַרווירקלעכן שיינקייט האָט מען אַנטפּלעקט אין אַזאַ ממשלה פון לעבעדיקע ברואים, וואָס מען האָט זיך קיינמאָל ניט געריכט, אַז די „עסטעטיק" זאָל דאָרטן האָבן אַ דריסת הרגל. מיר מיינען דאָ די ממשלה פון די מיקראָס־קאָפּישע ברואימלעך, וועלכע רופן זיך „פּראָטיסטן", — אָט די וואָס האָבן זיך די ערשטע, אַזוי צו זאָגן, „אַרויסגעביאָלאָגירט" פון דער ניט־אָרגאַנישער וועלט. זיי זיינען נאָך ניט קיין פלאַנצן און ניט קיין חיות. זיי זיינען מיקראָסקאָפּיש קליינע ברואימלעך, וואָס האָבן זיך ערשט אין דעם לויף פון דער וועלט־עוואָלוציע פאַנאַנדערגעשפּאָלטן אין אַ פלאַנצן־וועלט און אַן אַנימאַלישער וועלט.

איך וועל שפּעטער ברענגען אַ פּאָר ציטאַטן פון אַ פאַר ווערק פון דעם גרויסן געלערנטן ביאָלאָג און שוואונגפולן דענקער, ערנסט העקעל, דעם באַרימטן ווייטער־בויער און סיסטעמאַטיקער פון דאַרווינס שיטה אין דער נאַטור־וויסנשאַפט. איך נעם פאַר אַן עדות גראָד אָט דעם געלערנטן דענקער, ווייל אויך לענין באַטראַכט העקעלן פאַר אַ כשרן מאַטעריאַליסטישן נאַטור־פאָרשער.

(זע לענינס פילאָסאָפישע הויפּט־שריפט: „דער מאַטעריאַליזם און דער עמפּיריאָ־קריטיציזם", אין רוסיש, 1931, ז. 37).

מאָלט איך אַז לענין האָט אין דעם ריין־פילאָסאָפישן באַטראַכט „געשאָסן דאָ אַ באָק", ווי די דייטשן זאָגן. העקעל איז בשום אופן ניט קיין מאַטעריאַליסט. דער מאַטעריאַליזם וויל ניט אַראָפּ פון דער פּאָזיציע, אַז פריער איז געווען „היילע מאַטעריע", אָן אַ זכר פון אַ וועלכן עס איז פּסיכישן עלעמענט, אָדער ווי מיר רופן דאָס „נשמה"־עלעמענט אין זיך; אַז ערשט דערנאָך האָט זיך באַוויזן אין איר, — מיר ווייסן ניט פון וואַנען, — אַזאַ מין זאַך, ווי נשמהדיקייט, און, לאָז זיין, נאָר אין דער פאָרם פון קוים באַמערקבאַרע און שוואַכע שפּירונגען. בעת העקעל גייט גאָר מיט דעם דרך פון דעם סינטעטישן מאָניסט, שפּינאָזאַ, וואָס האָט געלערנט, אַז עס איז ניטאָ קיין „גייסט" אָן „מאַטעריע" און ניטאָ קיין „מאַטעריע" אָן „גייסט".ביידע קאָנען ניט פאַנאַנדערגעריסן ווערן איינס פון דעם אַנדערן.

אויך ערנסט העקעל הערט ניט אויף צו טענהן, סיי אין זיינע גרויסע וויסנשאַפטלעכע ווערק, סיי איז זיינע פילאָסאָפישע שריפטן, אַז איטלעך קלענסט־פּיצעלע מאַטעריע האָט אין זיך ניט נאָר „מאַטעריאַליטעט״ און באַוועגונג, נאָר אויך אַ „פּסיכאָם״, בפירוש: אַ נשמה־עלעמענט. מיר וועלן אין דעם קומענדיקן אַרטיקל ברענגען די צוגעזאָגטע פּאָר ציטאַטן, דער עיקר פון אַ פּאָר שריפטן זיינע, וואָס איינע רופט זיך: „די נאַטור, ווי אַ קינסטלערין״ און די אַנדערע, — אַזוי טאַקע בפירוש, — „די נשמה פון קריסטאַלן״. די ציטאַטן האָבן גראָד צו טאָן מיט אונדזער ענין: „שיינקייט״ און איר פאַרווירקלעכונג אין דער קונסט.

דערווײַלע, — כדי צו פאַרענדיקן דעם קאַפּיטל, — אַ קליינע באַמערקונג. אויב מען זאָל מיט לעניננען אָננעמען, אַז אויך ערנסט העקעל דאַרף צוגערעכנט ווערן צו די „מאַטעריאַליסטן״ (זאָל אונדזערס אַריבערגיין!), איז דער מאַטעריאַליזם, ווייזט אויס, אַ פילאָסאָפישער ניגון, וואָס „ווי מען זינגט אים״.

הייַנט פאַרוואָס זאָלן אונדזערע מאַטעריאַליסטן ניט זינגען זייער פילאָסאָפישן ניגון, ווי העקעל האָט אים אויסגעזונגען אין אַ גאַנצער סימפאָניע פון וויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע ווערק?

האָט דאָך זיין פילאָסאָפיע באַקומען די מאַטעריאַליסטישע סמיכה אַפילו פון לעניננען אַליין!...

### קאַפּיטל פינף

## דאָס ערשטע קערנדל פון אמת זוכעניש

אין זיין שריפט: „די נאַטור, אַלס קינסטלערין״ (בערלין, 1914) דערציילט אונדז העקעל, ווי אַזוי ער האָט אין אַ משך פון גאַנצע פופציק יאָר געשטודירט מיקראָסקאָפּיש די „פּראָטיסטן״, יענע קליין־קלענסטע לעבעדיקע ברואימלעך, פון וועלכע עס זיינען שפּעטער אויסגעוואַקסן אי די וועלט פון פלאַנצן, אי די אַנימאַלישע וועלט.

אַחוץ נייעם, העכסט וויכטיקן מאַטעריאַל פאַר דער דאַרוויניסטישער טעאָריע פון עוואָלוציע, האָט העקעל אַנטפּלעקט אונטערן מיקראָסקאָפּ

אַ גאַנצע וועלט פון שיינקייט, און ווען מיר ווערן באַקאַנט מיט אָט דער וועלט, אין די פאָטאָגראַפיעס, וואָס ווערן געבראַכט אין דער שריפט, מוז מען ממש נשתומם ווערן פון זייער פּראַכט. ס'איז אמת, וואָס העקעל זאָגט וועגן זיי, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר „די געצירטסטע פוץ־זאַכן: קרוינען, דיאַדעמען, רינגען און קייטן, צלמים און שטערן אין אַן אומענדלעכער פיל־געשטאַלטיקייט...״ „זיי קאָנקורירן מיט דער פאַנטאַזיע פון די אַראַבישע אַרכיטעקטאָרן, וואָס האָבן אויסגע־צירט די אַלהאַמבראַ פון גראַנאַדע״.

און העקעל פרעגט זיך: „צוליב וואָס ווערט אַזויפיל שיינקייט און פוץ פאַרשווענדט אין דער געהיימער מיקראָסקאָפּישער וועלט?״

ער, דער גרויסער ביאָלאָג, קאָן ניט געפינען קיין וועלכן עס איז „צוליב וואָס״, וואָס זאָל שטאַמען פון די דירעקטע, ריין־ביאָלאָגישע הצטרכותן, צו נערן זיך און צו פאַרמערן זיך. איז ער געצוואונגען אָנצונעמען, אַז יעדעס לעבעדיק „קעמערל״ (צעלע, קליטעלע) האָט אַ נשמה אין זיך (די „צעל־זעעלע״) און אַז אין אָט דער נשמה שטעקט אַן אַנטרייב צו קונסט („קונסט טריב״, ז. 10).

אינאיינעם מיט דעם פראַנצויזישן געלערנטן רענעי בינע, גלויבט ער אין דער „באַשאַפערישער פאַנטאַזיע פון דער נאַטור״.

„דער עצם אונטערשייד צווישן די מענטשלעכע קונסט־ווערק און די קונסט־פאָרמען אין דער נאַטור ליגט, הייסט עס, דערין״, זאָגט ער, „וואָס די ערשטע זיינען באַשאַפן געוואָרן מער אָדער ווייניקער באַ־וואוסטזיניק, ציל־שטרעביק, בעת די לעצטערע — אומבאַוואוסטזיניק, דורך דער צופּאַסונג פון דער פּלאַזמע צו דער דרויסנלעכער וועלט (ז. 12).

עס מוז אָבער אָנגענומען ווערן, — רעכנט העקעל, — אַז שוין ביי די נידעריקסטע מיקראָסקאָפּישע ברואים איז דאָ אַן „עסטעטישע שפּירונג״ („עמפּפינדונג״), הגם זי איז ביי זיי נאָך אין אַן אומבאַ־וואוסטזיניקן צושטאַנד (ז. 16). די „פּאָטענציעלע ענערגיע״ צו פאַר־מירן „קונסט־ווערק איז שוין געלעגן אין יענע באַפרוכטעטע איי־קליטלעך, פון וועלכע עס שטאַמט אָפּ די גאַנצע לעבעדיקע וועלט (דאָרטן גופא).

העקעלס אַ תלמיד, דר. וו. ברייטנבאַך, וואָס באַטייליקט זיך אויך אין דער זעלביקער שריפט, וויל דערקלערן די קונסט־פעיִקייטן פון די פּראָטיסטן דורך דעם „שפּיל פון פיזיקאַלישע קרעפטן״, ווי ביי די קריסטאַלן. אַזאַ דערקלערונג איז אויך נאָר אַזאַ מין פילאָסאָפישער

„שפּיל״, דורך וועלכן דער ריינער מאַטעריאַליזם וויל אָפּוועגדן זיין „שאַך־און־מאַט״!

אָבער דער „גאַנג״ העלפט ניט קיין סך. פון דעם „שאַך־און־מאַט״ קאָן מען זיך, מיט דעם העקעלשן איינשטעל, ניט אַרויסדרייען. זאָל זיין, ביי די פּראָטיסטן קומט פאַר דער פּראַכטפולער געשטאַלט־בוי, ווי ביי די קריסטאַלן אין דער „ניט־לעבעדיקער״ נאַטור. נו — ווי איז עס דאָרטן? — אין אַן אַנדער אַרבעט האָבן מיר געפּרואווט באַ־ווייזן, אַז מיט דעם „שפּיל״ פון פיזיקאַלישע קרעפטן קאָן מען ניט דערקלערן די פאָרמירונג פון קריסטאַלן; אַז דערצו מוז מען אָננעמען די ווירקונג פון אַ „פאָרמאַטיווער קראַפט״, — אַלץ איינס, צי מען זאָל זי באַטראַכטן, ווי אַן איינהייטלעכע, צי ווי אַ צונויפגוס פון אַנדערע קרעפטן, וואָס ווירקן מחוץ פון יענער „מאַטעריע״, וועלכע האַלט אין אָננעמען די אָדער יענע קריסטאַלינישע פאָרם.

דער סינטעטישער מאָניסט העקעל קאָן ניט צולאָזן עפּעס אַזוינס ניט מאַטעריעלעס, וואָס זאָל זיך געפינען מחוץ פון דער מאַטעריע און ווירקן אויף איר. שטרעבט ער, אויך דעם פּראָצעס פון דער קריסטאַ־ליזאַציע אַרויסצוברענגען פון יענע לעבנס־כוחות, וואָס ווירקן אויך אין דער אַזוי־גערופענער ניט־לעבעדיקער, אַנאָרגאַנישער נאַטור.

אין זיין אַרבעט: „קריסטאַל־נשמות״ (דריטע אויפלאַגע פון 1925), וואו ער גיט אונדז אַ געדאַנקען־רייכן און סיסטעמאַטישן אָפּשלוס פון אַלע זיינע נאַטור־פילאָסאָפישע פאָרשונגען, דערקלערט ער בפירוש, אַז „יעדע סובסטאַנץ האָט אין זיך לעבן, די אָרגאַנישע, אַזוי גוט ווי די ניט־אָרגאַנישע; די קריסטאַלן, אַזוי גוט ווי די אָרגאַניזמען״ (ז. רוי־מיש 7).

אַז די גאַנצע אונדז באַקאַנטע וועלט איז אַ פּראָדוקט פון אַ „לעבנס־שוואונג״ („עלאַן וויטאַל״), האָט שוין דער יידישער פילאָסאָף בערגסאָן געלערנט. אָבער דער דייטשער נאַטור־פאָרשער, ערנסט העקעל, האָט זיך זעלטן וועגן געדערעכנט מיט די געדאַנקען פון די ריינע פילאָ־סאָפן. אויף אים האָבן מער געווירקט יענע גרויסע, אַלץ אַרומ־נעמענדיקע פילאָסאָפישע אידייען, וואָס ווערן געבוירן אין די קעפּ פון די נאַטור־פאָרשער, אין דעם פּראָצעס פון זייערע עקספּערימענטאַלע פאָרשונגען אויף דעם פעלד פון די רעאַלע, „ממשותדיקע״ נאַטור־דערשיינונגען.

דאָס מאָל האָט אויף אים אַ גרויסע ווירקונג געהאַט דער פּראָפעסאָר אָטאָ לעהמאַן, וואָס האָט אין 1904 פאַרעפענטלעכט אַן אַרבעט וועגן

די פליסיקע קריסטאַלן, וועלכע ער האָט דער ערשטער אַנטפּלעקט. לויט אַטאָ לעהמאַנען פירן זיי זיך אויך אין אַ סך פּרטים פּונקט אַזוי, ווי לעבעדיקע ברואים. דערמיט האָט לעהמאַן אויפגעבויט אַ בריק צווישן דער אַנאָרגאַנישער און דער אָרגאַנישער נאַטור; און זינט יענער צייט מערן זיך די פאָרשונגען — אין פאַרשיידענע צווייגן פון דער וויסנשאַפט — וואָס פאַרפעסטיקן אַלץ מער אַט די בריק, וואָס האָט אַמאָל געפעלט אין דער וויסנשאַפטלעכער טעאָריע פון דער וועלט־אַנטוויקלונג.

העקעל האָט, ווי אַ נאַטור־פילאָסאָף זיך ניט געניטיקט, אַז אַ אַנ־דערער זאָל אים לערנען וועגן אַ נשמה־עלעמענט אין אַלץ, וואָס עקזיס־טירט אויף דער וועלט. האָט ער דאָך נאָך איידער לעהמאַנס פאָרשונגען געוואוסט און פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז אין יעדן אַטאָם געפינען זיך „מאַטעריע, באַוועגונג און אַ פסיכאָם".

אַטאָ לעהמאַן האָט אים נאָר באַוויזן, אַז אַט דער „פסיכאָם", — דער נשמה־עלעמענט, — איז שוין אויף די טיפסטע שטופן פון דער וועלט־עקזיסטענץ פאַרבונדן מיט יענער דערשיינונג, וועלכע מיר רופן אָן: „לעבן".

אין לעהמאַנס צייטן איז מען שוין באַקאַנט געוואָרן מיט דער קאָלאָסאַלער רעוואָלוציאָנירנדיקער אַנטפּלעקונג, אַז די אַטאָמען זיינען ניט די קליין־קלענסטע טיילכעלעך פון דער מאַטעריע. מען האָט שוין געוואוסט וועגן די „עלעקטראָנען", מיט וועלכע די פיזיקער באַמבאַר־דירן איצטער גאַנצע „פעסטונגען", סיי אין דער נאַטור סיי אין די אַלטע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס.

שרייבט אַטאָ לעהמאַן אין אַ בריוו צו העקעלן, — אָפּגעדרוקט אין די „קריסטאַל־נשמות", — אַז אויך די עלעקטראָנען און די עלעקטרישע קראַפט־פעלדער „מוזן באַזיצן נשמהדיקע אייגנשאַפטן" (דאָרטן גופא, ז. רוימיש 12).

אין זיין אָפּשליסנדיקער אַרבעט ווערט העקעל געפירט צו דעם געדאַנק, אַז די קונסט־שיינקייטן, וועלכע מיר באַוואונדערן אין די קריסטאַלן, — צ. ב. אין די קריסטאַלן פון אַ שנייעלע אונטערן מיק־ראָסקאָפּ, — זיינען אַ פּראָדוקט ניט פון איין־איינציקן קריסטאַל, נאָר פון קריסטאַל־פאַרבאַנדן, „דורך דער סאָציאַלער פאַראייניקונג פון מע־רערע אָדער פילע מאָנאָקריסטאַלן" (דאָרטן גופא, ז 5). אין זיי ווירקט, אַזוי צו זאָגן, אַ קאָלעקטיווע קריסטאַל־פסיכאָלאָגיע, ווי אין די לעבעדיקע אָרגאַניזמען, וואָס זיינען אויך אַ סאָציאַלע פאַראייניקונג

פון לעבעדיקע קעמערלעך; ווי אין די געזעלשאַפטן פון אינזעקטן, חיות און מענטשן. רעדט טאַקע דעריבער העקעל וועגן די „אַרבעטן פון דער שניי־נשמה״.

טראַכט איר זיך אַריין אין אַט דעם אויספיר פון אַן ערשט־קלאַסיקן, מאָדערנעם נאַטור־פאָרשער, מוז דערביי ווי פון זיך אַליין אַרויס־שפּרינגען דער געדאַנק, אַז דעם אויפקום פון „אמת, יושר און שיינקייט״ דאַרפן מיר זוכן ניט נאָר אין דעם אויפבלי פון דער אַנימאַלישער וועלט, ווי דאָס וויל קאַוטסקי, נאָר אין די יסודות גופא פון דעם וועלט־לעבן זיין, לפּחות אין יענע פּראָצעסן, וואָס ברענגען אַרויס קריסטאַלן.

אין דער אמתן! לאָמיר באַטראַכטן די „אַרבעטן פון דער „שניי־נשמה״, לויט העקעלס איינזען. וואָס האָבן מיר דאָרטן?

מיר האָבן, ערשטנס, אַ שטיק פון דער וועלטלעכער ווירקלעכקייט, מחוץ פון אַ מענטשנס געדאַנק. די וועלטלעכע ווירקלעכקייט איז אָבער גראָד יענער ענין, וואָס טרייבט דענקענדיקע ברואים, אויסצוגעפינען דעם „אמת״ וועגן איר און אָפּצושפּיגלען אים אין געדאַנקען.

מיר האָבן, צווייטנס, פּראָצעסן פון סאָציאַלער פאַראייניקונג, וואָס פירן צו אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יחידים, ווי דעם הויפּט־ענין, וואָס טרייבט אַן דעם מענטשנס געדאַנקען וועגן „יושר״.

און מיר האָבן, דריטנס, דעם „קונסט־אַנטרייב״, צו פאַרווירקלעכן שיינקייט, וואָס טרעט גאַנץ קלאָר אַרויס שוין ביי די „קריסטאַל־נשמות״ און — נאָך זיכערער — ביי די מיקראָסקאָפּישע לעבעדיקע „פּראָטיסטן״. ביי די „פּראָטיסטן״ און קריסטאַלן מוז שוין זיין אַ טונקעלע שפּירונג פון דער וועלט־ווירקלעכקייט אַרום זיי, צו וועלכער זיי פּאַסן זיך צו, — אפשר דאָס ערשטע קערנדל פון „אמת־זוכעניש״.

## קאַפּיטל זעקס

# וואָס אַזוינס איז שיינקייט?

אין ערנסט העקעלס געדאַנק, אַז יעדער אַטאָם האָט אין זיך אַ מין נשמה, וועלכע ער רופט אָן „פּסיכאָם״, און אַז אין דער ווירקלעכקייט פון די קריסטאַליזירונגס־פּראָצעסן האָבן מיר צו טאָן אויך מיט דעם „קונסט־אַנטרייב״ פון אַ קריסטאַלן־„קאָלאָניע״, פון אַ קאָלעקטיווער

„קריסטאַלן־נשמה", — וואָס באַזיצט שוין אין אַן אומבאַוואוסטזיניקן צושטאַנד, אַזוי צו זאָגן, סאָציאַל־„פּסיכאָמאַטישע" אייגענשאַפטן, — אין אָט דעם געדאַנק האָבן מיר אין דעם פאַריקן קאַפּיטל דערקלערט אַ פילאָסאָפישע מעגלעכקייט, צו פאַרלייגן די וואָרצלען פון אמת, יושר און שיינקייט שוין אין דער ניט־לעבעדיקער נאַטור: די וואָרצלען פון „אמת" אין דעם באַוואוסטזיניקן שטרעבן ביי די העכערע חיות און מענטשן צו פאַרשטיין דיווירקלעכקייט, און אין אַן אומבאַוואוסטזיניקן, זיך צופּאַסן צו איר — ביי די פּראָטיסטן און קריסטאַלן; די וואָרצלען פון „יושר" — אין דער סאָציאַלער קאָאָפּעראַציע פון די איינצעלנע קריסטאַלן, און די וואָרצלען פון שיינקייט אין דעם קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם „קונסט־אַנטרייב" ביי זיי.

אויב אַזאַ פילאָסאָפישער איינשטעל קאָן האָבן „הענט און פיס", הויבט ער אויף אַ פאַרהאַנג און לאָזט אַריינבליקן אין אַ באַצויבערנדיקער וועלט, וואָס ליגט שוין „אחורי הפרגוד". מיר טאָרן אָבער אַהין ניט גיין. לאָזט מיך רעדן אַביסל מיט „גראַם": „פון שיינקייט דער לעצטער יסוד איז אַלץ נאָך פאַר מענטשן אַ סוד". אַזוי אפשר אויך — די לעצטע יסודות פון „אמת" און „יושר". מוזן מיר בלייבן ביי ד ע ר וועלט, ביי דעם אמת, יושר און שיינקייט, וואָס פאַרווירקלעכן זיך אין אַ מענטשלעכן לעבן.

אָבער אויך אין אָט דער איינגערענעצונג העלפט אונדז דער געדאַנק איינצוזען, אַז שיינקייט און איר פאַרווירקלעכונג אין עסטעטישע פאָרמען איז אַ פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט פון דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף; אַז בעת „אמת" און „יושר" קאָנען אין דער אַנאָרגאַנישער און מיקראָסקאָפּיש־אָרגאַנישער וועלט באַטראַכט ווערן, ווי „פּאָטענציעלע ענערגיעס", טרעט די שיינקייט שוין דאָרטן אַרויס, ווי אַ קלאָרע און זיכערע ווירקלעכקייט.

„אין אָנהייב איז געווען שיינקייט", קאָן מען זאָגן מיט דעמזעלביקן רעכט, מיט וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן דאָס עוואַנגעלישע: „אין אָנהויב איז געווען דער „לאָגאָס" (דער וועלט־שכל) און ווי דאָס פאַוסטישע: „אין אָנהויב איז געווען די טאַט".

וועט אונדז שוין זיין ניט צופיל פרעמד די שיטה פון דער קבלה, וואָס רעכנט־צו צו די „צען ספירות" (די צען אַרויסשטראַלונגען פון דעם „אין סוף", „דער אומענדלעכקייט") אויך די אַרויסשטראַלונגען פון „הוד" און „תפארת": „גלאַנץ" און „פּראַכט".

נאָר — לאָמיר איצטער לאָזן די „אָנהויבן", ווי מאַגנעטיש זיי

זאָלן ניט ציען צו זיך דעם מענטשלעכן געדאַנק. לאָמיר זיך אומקערן צו דער מענטשלעכער וועלט. אין איר זיינען די באַוואוסטזיניקע שטרעבונגען צו נהנה זיין שיינקייט און צו פאַרווירקלעכן זי אין דער קונסט אודאי אַרויסגעטראָטן אַ סך פריער, איידער דער דראַנג אויס־צוגעפינען דעם ריינעם אמת וועגן דער וועלט, אָדער צו פאַרווירקלעכן „יושר" סיי אין דער אינדיווידועלער מאָראַל, סיי אין דער סאָציאַלער עטיק.

און „ממצרים ועד הנה", — ריכטיקער, פון די פרימיטיווסטע מענטשן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג, — ווערן פון דער מענטשהייט אַלעמאָל אויסגעגעבן קאָלאָסאַלע סכומען פון באַשאַפערישער און אימיטאַטיווער ענערגיע אויף אַרויסצוברענגען שיינקייט.

נעמט מען די שטרעבונגען צו פאַרווירקלעכן שיינקייט אין זייער לענג־שניט, אין זייער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, ווערן מיר פאַרפלעפט פון די סכומען באַשאַפערישער עסטעטישער ענערגיע אין דער מאָלעריי, וואָס הייבט זיך אָן מיט די פרימיטיווע, אָדער קינסטלעריש־געטרייע געמעלן פון חיות אין די היילן פון די אור־מענטשן, ביז צו דעם פאַנאַנדערבלי אין דער גריכישער צייט, דורך דער רענעסאַנס מיט אירע לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס, מיקעל אַנדזשעלאָס און ראַפאַעלס, ביז צו דער איצטיקער צייט. אויף באמת גרינדלעך אויסצושטודירן איין־איינציקן רייכן בילדער־מוזיי אין אַ מאָדערנער גרויס־שטאָט דאַרף פאַרנעמען יאָרן און יאָרן.

דאָס אייגענע — מיט דער אַרכיטעקטור, וואו אַפילו די הייזער אין דעם אָרעמסטן דאָרף ווערן דרויסנלעך באַצירט מיט די אָדער יענע שניצונגען. ווער רעדט שוין וועגן די הייזער פון די וואויל־האָבנדיקע און די פאַלאַצן פון די רייכע! און וויפיל ענערגיע פאַרווענדט גראָד דער ווילדער מענטש אויף אויסצופוצן זיין נאַקעטן קערפער — מיט איינברענען אין אים שיינע אוזאָרן, מיט אויספלעכטן זיינע האָר אויפן קאָפּ. און וויפיל פיין און שמערץ ער שטייט דערביי אויס!

און דיזעלביקע זאַך איז אויך מיט דער סקולפּטור, מיט דער מוזיק, וואָס דער חוש פאַר איר האָט, ווי לאַצאַרוס גייגער האָט באַוויזן, זיך אָנגעהויבן מיט דער אַנטפּלעקונג, אַז די אָנגעצויגענע אָדערן־שטריק אין דעם פרימיטיוון פייל־און־בויגן גיט אַרויס אַ טאָן, ווען מען טוט אַ גרעמפּל אויף איר מיטן פינגער, און אַז דער טאָן ווערט אַלץ העכער, וואָס אָנגעצויגענער דער אָדערן־שטריק ווערט. וואָס פאַר

אַ מהלך פון יענעם צושטאַנד ביז צו די איצטיקע סימפאָניעס מיט זייערע פאַרשיידנאַרטיקע אינסטרומענטן!

און ניט קיין אַנדער זאַך איז עס אויך מיט דער פּאָעזיע. פון די ערשטע קאָלעקטיווע געזאַנגען ביי די ווילדע ביז די ראַפינירטסטע און רייכע פּאָעמען און קינסטלערישע שילדערונגען פון אונדזער צייט.

די רייכקייטן, די אומגעהויערע אוצרות און עשירות, וואָס די מענטשהייט האָט אָנגעזאַמלט אין דעם אויסלעבן זיך אין די העכערע עולמות פון שיינקייט, קאָנען אַלע איצטער ניט אַריינגענומען ווערן אין איין־איינציקער מענטשלעכער נשמה. עס איז אַ ים — ניט אויס־צושעפּן.

און נעמט מען דעם קוואַר־שניט פון דער שיינקייטס־ליניע אין דער איצטיקער צייט! האָט ווער אַ באַגריף וויפיל מענטשלעכע אַרבעט עס ווערט פאַרווענדעט אויף אויפבויען און צו פאַרצירן שיינע הייזער, שיין מעבל, אויף נייען שיינע קליידער, אויף פּראָדוצירן אַלערליי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, אַלערליי פאַרבן, אָדער אויף צו באַשאַפן פּאַפּיר פאַר דער פּאָעטישער שאַפונג, אָדער... אָדער... ווער קאָן דאָס אַלץ אויסרעכענען!

גייט אַריין אין אַן אָרעם הויז ביי אונדז אין ניו יאָרק, צי ערגעץ־וואו אויף אַ פאַרם. באַטראַכט יעדעס שטיק מעבל, די שטאָל, דאָס בעט, דעם טיש, די פאַרשמוציקטע טאַפּעטן אויף די ווענט, וואָס אויף זיי זיינען אפשר צוגעקלעפּט אילוסטרירטע אויסשניטן פון אַ טעגלעכער צייטונג. אויף וואָס אייער אויג זאָל ניט פאַלן, וועט איר באַמערקן ליניעס און פאַרבן און פאָרמען, אַרויסגעבראַכטע פון מענטשלעכער אַרבעט, וואָס האָבן ניט געהאַט צו זייער צוועק קיין איין אַטאָם פון ניצלעכקייט אָדער באַקוועמלעכקייט: ריין „לשם נוי”, צוליב שיינקייט, וואָס אָפטמאָל — אַז אַן־און־ווי צו אַזאַ מ'שטיינס־געזאָגט „שיינקייט”! אָבער פאַרט איז דאָס אַרבעט, אַרויסגעגעבן ריין און נאָר צוליב באַ־פרידיקן אַן עסטעטישע באַדערפעניש.

מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דעם אויפקום פון שיינקייט און קונסט אין דער נאַטור און דער קולטור, אויף איר אויס־שפרייט און פאַרנעם אין דעם פאַרלויף פון אַ מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט, ווייל שיינקייט איז ביי אונדז יידן אַלץ נאָך אַ שטיפקינד, וואָס קאָן זיך גאָר ניט פאַרמעסטן אין חשיבות מיט די אַנדערע זיילן פון דער מענטשלעכער קולטור: ניצלעכקייט, אמת, יושר און הייליקייט.

עס איז געוויס צו פילע באַקאַנט די „מימרא” (מעמרע) פון פרקי

אבות, וואָס דערקלערט, אַז ווען איינער שטעלט זיך אָפּ אין וועג און פאַרקוקט זיך אויף אַ שיינעם בוים, אָדער אויף אַ שיין פעלד, (און איז מסתמא דערביי מפסיק אין „לערנען”) און רופט אויס: „ווי שיין איז דער בוים! ווי שיין איז דאָס פעלד!” — פאַרשפּילט ער דערמיט זיין לעבן („המהלך בדרך ושונה ומפסיק ממשנתו ואומר „מה נאה אילן זה, מה נאה ניר זה!” — מעלה עליו הכתוב כאילו מתחייב בנפשו”). דאָס רעדט די יידישע „תכליתדיקע” איינזייטיקייט, פון וועלכער די איבעריקע מענטשהייט איז פריי אין אַ סך אַ גרעסערן גראַד איידער מיר. מיר מוזן דורך אונדזער דערציאונג און דורך אונדזער קולטורעלער אַנטוויקלונג זיך היפּש באַפרייען פון איר. עס איז ניט קיין אַפּיקורסישער קאַפּריז, נאָר אַן אמתע נויט פאַר אונדזער נשמה־לעבן צו באַשאַפן אַ קולט פאַר שיינקייט, אַן אָנבעטונג און פאַרערונג אירע, וואָס זאָל זי אויך אין אונדזער נשמה־לעבן און אויך אין אונדזערע נשמה־שטרעבונגען אויפהויבן צו דערזעלביקער מדרגה פון חשיבות, וואָס האָט ביי אונדז דער אמת און דער „יושר” — אונטער וועלכע מיר פאַרשטייען דאָ יעדע מאָראַלישע מידה טובה.

דעמאָלט וועט מען זיכער קאָנען זאָגן: אַז ווער עס זעט אַ שיינעם בוים אָדער אַ שיין פעלד, אָדער אַ שיין בילד, אָדער ווען ער לייענט אַ שיינעם שיר, און ער אונטערדריקט אין זיך דעם שטילן מורמל פון דער נשמה: „מה נאה...!” — פאַרשפּילט ער ווייניקסטנס אַ דריטל פון זיין חשובן מענטשלעכן לעבן.

נאָר — און דאָ קומען מיר נאָך נעענטער צו דעם ענין: וואָס איז דאָס אַזוינס שיינקייט? וואָס איז שיין?

אין דעם געוויינלעכן שפּראַך־געברויך ווערט „שיינקייט” באַנוצט אין אַ ברייטערן און אַן ענגערן זין פון דעם וואָרט. מיר רעדן ניט נאָר וועגן אַ שיינעם בוים און אַ שיינעם הימל, נאָר אויך וועגן אַ שיינעם געדאַנק, אַ שיינעם אויפפיר. פונקט ווי מיר ווענדן אָן דעם קעגנזאַץ פון שיינקייט — די „מיאוסקייט” און העסלעכקייט — אויף זאַכן, פּערזאָנען און דערשיינונגען, וואָס האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט דער ריין עסטעטישער זייט זייערער.

די מאָראַל (דער „יושר”) באַנוצט זיך אָפט מיט אָט די כאַראַקטעריסטיקעס, אַריבערגענומען פון דעם עסטעטישן באַוואוסטזיין. „גוטע” מאָראַלישע מידות רופן יידן אָן מידות טובות. אָבער אַ שלעכטע מידה ווערט באַצייכנט מיט דעם אויסדרוק „מידה מגונה” — אַ מיאוסע, עקלהאַפטיקע מידה.

אין אַלע אָט די פֿאַלן ווערן „שיין" און „מיאוס" אָנגעווענדט אין אַ ברייטן זין. דער ענגערער זין פֿון שיינקייט האָט צו טאָן מיט אַ באַשטימטן אויסזען, מיט אַ געוויסער דרויסנלעכער פֿאָרם פֿאַרן אויג אָדער אויער, וואָס רופֿט אַרויס אַן אָנגענעם געפֿיל, אַ „נחת רוח" וואָלטן מיר געזאָגט. אגב, דער העברייאישער אויסדרוק „נאה" פֿאַר שיין, שטאַמט לויט געזעניוס, פֿון אַ וואָרצל, וואָס זיין באַטייט איז „רוען אין געצעלט". בנוגע דעם אויג קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דאָס אויג „רוט" אויף יענער געשטאַלט, וואָס רופֿט אין אונדז אַרויס די שפּירונג פֿון שיינקייט. און אַזוי „רוט" אויך דאָס אויער, ווען מען הערט זיך, צום ביישפּיל, איין, פֿאַרטראַכטערהייט, אין דעם שטילן געמורמל פֿון אַ פֿליסנדיקן קוואַל, אָדער אין דעם געזאַנג פֿון אַ פֿויגל.

פֿאַרוואָס „רוען" אויג און אויער און אָפּטמאָל אויך פֿאַנטאַזיע אויף שיינע פֿאָרמען, שיינע געשטאַלטן, אָנגענעמע קלאַנגען?

דער אַלגעמיינער ענטפֿער איז, ווייל זיי אַלע „געפֿעלן" אונדז. שיין איז דאָס, דענקט מען געוויינלעך, וואָס עס „געפֿעלט". אָבער — איז דאָס אַלץ, וואָס געפֿעלט, טאַקע שיין?

## קאַפּיטל זיבן

# האַרמאָניע צווישן אינהאַלט און פֿאָרם

ניט יעדע פֿאָרם, אָדער געשטאַלט, וואָס געפֿעלט אונדז, וואָס רופֿט אַפֿילו אַרויס אַ פֿרייד ביי איר אָנבליק, קאָן אָנגערופֿן ווערן שיין.

באַטראַכט אַ זייער הונגעריקן מענטשן, וואָס קומט צו זיך אַהיים, באַמערקט ער פֿאַרבייגייענדיק אַ גריכישע וואַזע מיט בלומען, און אויפֿן טיש אַ „פֿאַרשמאַדזיעטע" בראַט־פֿאַן מיט געפּרעגלטע לעבערלעך. זיין בליק ווערט צוגעצויגן צו די לעבערלעך און רוט מיט נחת אויף זיי. זייער אָנבליק רופֿט אין אים אַרויס אַ פֿריידיקע דערוואַרטונג. ער האָט באַשייפּערלעך הנאה פֿון זייער אויסזען. איז אָט די הנאה אַן עסטעטישע? האָט זייער „שיינקייט" צוגעצויגן זיין בליק? געוויס ניט. „שיין" זיינען זיי פֿאַר אים געוואָרן אויף אַ ווילע, ניט אַ דאַנק זייער עסטעטישן אויסזען, נאָר אַ דאַנק זיין הונגער, זיין פֿאַראינטערעסירט־קייט אין די לעבערלעך, זיין פֿאַרלאַנג צו צעשטערן זיי, על כל פּנים

זיי אויסצונוצן. אַנגעזעטיקט זיך, קערט ער זיך אָפּ מיט אַ ווידערווילן פון דער „פאַרשמאַדזיעטער״ פאַן, וואָס האָט נאָר וואָס געהאָט דעם „זיבעטע חן״ אין זיינע אויגן.

און אַזוי קומט דאָס אויך פאָר מיט דעם סעקסועלן הונגער, אָדער מיט דער עראָטישער ליידנשאַפט, וואָס ווערט „פאַרבלענדט״ פון אַ פרויען־געשטאַלט ניט ווייל די געשטאַלט איז שיין אין זיך, נאָר ווייל אין. אים ברענט דער באַגער, זי אויסצונוצן צוליב זיין פיזיאָלאָגישער הצטרכות.

ווען מעפיסטאָפעל מאַכט פאַוסטן יונג און ברענגט אים צו דער מכשפה, זי זאָל פאַוסטן מכבד זיין מיט אַ גלעזל אַלטער תאווה־משקה, און ווען פאַוסט הויבט אָן צו לעכצן נאָך דער שענסטער פרויען־געשטאַלט, וועלכע די מכשפה האָט אים אויסגעכישופט אין אַ שפיגל, זאָגט צו אים מעפיסטאָ:

„דו זאָלסט דאָס מוסטער אַלער פרויען
„נון באַלד לייבהאַפטיק פאַר דיר זען״.

און צו זיך אין דער שטיל באַמערקט ער:

„דו זיסט מיט דיזעם טראַנק אים לייבע
„באַלד העלענען אין יעדעם ווייבע״.

ווען מען איז סעקסועל איבער־הונגעריק, קאָן אויך אַ „פאַרשמאַ־דזיעטע״ אַלטע מויד באַלד אויסזען, ווי די שיינע העלענע פון אַלט־גריכנלאַנד.

און אַזוי איז דאָס אויך מיט אַלע אַנדערע אַרטן „הונגער״ און פאַראינטערעסירטקייטן. אויך דער הונגער נאָך אמת און יושר, ווען מען זוכט נאָר זיי איז אַ פאַעטישן ווערק.

פאַראַפראַזירנדיק מעפיסטאָפעלן, קאָנען מיר זאָגן:

„פאַרן יושר־הונגער אין דיין ברוסט
„ברענגט דיר אויך „פלוניס״ ליד די העכסטע לוסט״.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער שפייז־הונגעריקן מאַן. אַנגע־זעטיקט זיך מיט די געפּרעגלטע לעבערלעך. פאַלט ווידער זיין בליק אויף דער גריכישער וואַזע מיט בלומען. אויף איר „רוט״ זיין אויג שוין מיט אַן אמתער עסטעטישער הנאה. אויך דאָ האָט ער אַ פרייד פון זייער אויסזען, פון זייער פאָרם.

וואָס איז דער חילוק צווישן דער ערשטער פאָרם־פרייד, אַן אַרויס־

געבראַכטער פון דעם הונגער, און דער צווייטער פאָרם־פרייד, וואָס שטאַמט פון דער שיינקייט אין דער אַנגעבליקטער זאַך? עמנואל קאַנט איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויסגעפונען דעם אונטערשייד, און דערמיט זיך דערגראָבן צו דעם עצם תוך פון שיינקייט. אין דעם ערשטן פאַל האָבן מיר אַ פאָרם־פרייד, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ תכליתדיקער פאַראינטערעסירטקייט (צו שטילן דעם אָדער יענעם פיזיאָלאָגישן „הונגער") אָדער ווען די פאָרם ווערט אידייאיש פאַר־בונדן מיט דער דערוואַרטונג, אַז זי וועט אַזוי אָדער אַנדערש באַפרי־דיקן אַ געוויסן ניצלעכן אינטערעס. אַזוי איז דער אַנבליק פון אַ „גוטן" קליענט אַלעמאָל אַ פרייד פאַר דעם קרעמער.

אין דעם צווייטן פאַל אָבער איז די פרייד, וואָס די פאָרם פון די בלומען און פון דער וואַזע ברענגען אַרויס, ניט קיין פאַראינטערע־סירטע אין אַ ווערלכן עס איז „תכליתדיקן" זין. שטימט דאָס אינגאַנצן צונויף מיט דעם יסוד פון קאַנטס עסטעטיק, אַז שיין איז דאָס, וואָס רופט אין אונדז אַרויס „אַ ניט־פאַראינטערעסירטע פרייד פון דער פאָרם".

אָט די ניט־פאַראינטערעסירטקייט איז די ערשטע און וויכטיקסטע באַדינגונג און אויך פאָדערונג, וועלכע דער עסטעטישער באַוואוסטזיין שטעלט אונדז, כדי אַ זאַך זאָל פאַר אונדז זיין שיין. מיר וועלן אָט דעם מאָמענט פון שיינקייט אָנרופן „די אָן פניותדיקייט". עס איז אָן „אהבה שאינה תלויה בדבר" (אַ ליבע, ניט פאַרבונדן מיט אַ וועלכן עס איז נוצן). נאָך שאַרפער ווערט אָט די פאָדערונג ווען מיר באַ־טראַכטן דעם צווייטן מאָמענט פון שיינקייט, אָדער איר צווייטע פאָדערונג.

ביי אַ פאַראינטערעסירטער פרייד שטרעבט מען אָפט, ווי צ. ב., ביי די געפּרעגלטע לעבערלעך, צו צעשטערן סיי דעם אינהאַלט, סיי די פאָרם. אויב די פאָרם איז באמת שיין און פולקאָם־שיין אין אונדזערע אויגן, דעמאָלט ווילט זיך דווקא, זי זאָל פאַרבלייבן אַזוי ווי זי איז. אויב די עסטעטיש־געזינטע פרוי פון דעם מאַן האָט צונויפגעשטעלט די בלומען אין דער וואַזע אין אַ באַשטימטער פאָרם און דער מאַן וויל עפּעס איבערשטעלן דערין, הערט ער דעם אויפגערודערטן צורוף: „ריר נישט אָן! וועסט איבערפירן!"

אַז דערביי שפּילט אַ ראָליע דער אינדיווידועלער געשמאַק, מוזן מיר אויך מודה זיין. און דער אינדיווידועלער געשמאַק איז דער עסטעטישער באַוואוסטזיין פון דעם מענטשן, וואָס קאָן זיך זיין פאַר־שיידן ביי פאַרשיידענע אינדיווידוען. אָבער ביי יעדן איינעם איז ער

פאַרבונדן מיט דער פאָרשטעלונג פון אַ געוויסן אידעאַל פון שיינקייט, פון דעם, ווי אַזוי די אָדער יענע פאָרם זאָל זיין אין איר העכסטער פולקאָמענקייט. ווען אַט די פולקאָמענקייט איז דערגרייכט, האָט מען הנאה פון דעם „כי טוב״, וואָס שטראַלט פון דער שיינקייט, און מען לאָזט די פאָרם ניט אָנרירן.

און וויפיל פלאָג און יסורים האָט דער קינסטלער, ווען ער אַרבעט אויף אַ קונסט־ווערק מיט זיין אידעאַל פון שיינקייט, וואָס שוועבט פאַר אים פאָר! וויפיל מאָל אַרבעט ער איבער, מאָדעלירט און צע־שטערט, און בויט ווידער אויף, און פאַרריכט, ביז עס שטראַלט אים אַנטקעגן פון זיין ווערק דער עסטעטישער „כי טוב״!

אידעאַל, פולקאָמענקייט (השתלמות), — די העכסטע מדרגה פון „כי טוב״ אין שיינקייט, — איז לאָגיש פאַרבונדן אויך מיט דער אידייע פון אייביקייט. איין מאָל שיין איז אַלעמאָל שיין. מיר לאָזן דאָ דורך די פראַגע, צי עס איז בכלל דאָ אַ וועלכע עס איזווירקלעכע „אייביקייט״ אין די אידעאַלן פון מענטשלעכן באַוואוסטזיין. פאַר אונדז איז דאָ וויכטיק ניט דער מעטאַפיזישער אמת וועגן אַט דער אייבי־קייט, נאָר דער ריין פסיכאָלאָגישער. עס איז אַ פאַקט, אַ ניט־אויס־געשפּראָכענער גלויבן, אָדער איינגעגלויבטקייט, אַז דער פאַרווירקלעכטער אידעאַל פון שיינקייט, — צי אין אַ נאַטור־דערשיינונג, — זאָגן מיר, אַ „באַצויבערנדיקער״ פּייזאַזש אין אַ לבנה־נאַכט, — צי אין אַ קונסט־ווערק, — טראָגט אין זיך אַן עלעמענט פון אייביקייט, וואָס פאַרדינט צו פאַרבלייבן, אַ ניט־צעשטערטער, אויף לעולם ועד.

די דריטע פאָדערונג, וואָס דער עסטעטישער באַוואוסטזיין שטעלט דער שיינקייט, איז די האַרמאָניע פון פאָרם און אינהאַלט. אין דער אַרכיטעקטור, צ. ב., איז דער אינהאַלט פון אַ בנין — דער צוועק, צוליב וועלכן ער ווערט געבויט. בויט מען אַ טעמפּל פאַר אויסלעבן זיך אין רעליגיעזע געפילן פון הייליקייט, מוז אויך די דרויסנלעכע פאָרם זיינע סוגערירן די אָפּווענדונג פון וואָכעדיקייט, פון טאָג־טעג־לעכקייט. עס הענגט אָפּ פון דעם באַשטימטן כאַראַקטער פון דעם אָדער יענעם רעליגיעזן גלויבן, אין וועלכע גרונט־ליניעס פון דעם בנין עס זאָל אויסגעדריקט ווערן דער אינהאַלט פון הייליקייט. די אַלט־גריכן מיט זייער קולט פון דעם לעבן אויף ד ע ר וועלט, האָבן אַרויסגעבראַכט אַנדערע אַרכיטעקטור־פאָרמען פאַר זייערע טעמ־פּלען, איידער דאָס קריסטלעכע מיטל־אַלטער, וואָס האָט אין דער

„גאָטישער" אַרכיטעקטור אויסגעדריקט דאָס שטרעבן פון דעם רעלי־גיעזן באַוואוסטזיין צו אַ „הימלישער", ריין „רוחניותדיקער" הויך.

אַ פאַבריק אָבער, וואָס איר אינהאַלט איז דער צוועק פון פּראָ־דוצירן מאַטעריעלע גיטער, קאָן ניט געבויט ווערן אין דעם סטיל, זאָגן מיר, פון דעם באַרימטן „קעלנער דאָם". אַ באַנק־געשעפט, וואָס מיר זעען איצטער אָפט אין דער אַרכיטעקטור פון אַן אַלט־גריכישן געטער־טעמפּל, קאָן „געפינען חן" נאָר אין די אויגן פון יענע „פּריסטער פון דעם גאָט ממון", פאַר וועלכע דער „גילדערנער קאַלב" אין זיין מאָדערנעם באַדייט איז די אמתע העכסטע געטלעכקייט.

די האַרמאָניע פון פאָרם און אינהאַלט, ווי אַ באַדינג פאַר שיינקייט, טרעט אויך אַרויס ווען מיר באַטראַכטן די תנועות און שפּילערייען פון אַ קינד און מיר באַטראַכטן דיזעלביקע שפּילערייען און האַוואַיעס ביי אַ דערוואַקסענעם אידיאָט. די ערשטע רופן אין אונדז אַרויס דאָס געפיל פון עסטעטישער פרייד, בעת די לעצטערע דערוועקן אין אונדז אויב ניט קיין עקל, איז אַ רחמנות צו דעם פון דער נאַטור באַאוולטן מענטשנקינד. אַן אַלטע פרוי, וואָס קאָקעטירט און „מאַכט חנדלעך", ווי אַ יונג מיידל, איז שוין באמת אַ ריין־עקלהאַפטער אַנבליק.

אויב די צווייטע פאָדערונג פון שיינקייט איז די פאַרווירקלעכונג פון אַן אידעאַל, פאַרלאַנגט די דריטע פאָדערונג, די האַרמאָניע פון פאָרם און אינהאַלט, אַז יעדע שיינע זאַך, — דער עיקר אין דער נאַטור, — זאָל אויסדריקן דעם אידעאַל פון יענעם מין, צו וועלכן די זאַך געהערט. אַזוי האָט די שיינקייט פון אַ לולב, צ. ב., גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען, איידער די שיינקייט פון אַן אתרוג; די שיינקייט פון אַ טויב — גאַנץ אַנדערע איידער די שיינקייט פון אַן אָדלער. ווען די דרויסנלעכע פאָרם פון אַ זאַך דריקט אויס אין פולסטער מאָס דעם אידעאַל פון דעם מין, צו וועלכן זי געהערט, זאָגן מיר דעמאָלט, אַז מיר האָבן פאַר אונדז אַ „פּראַכט־עקזעמפּליאַר". דער „פּראַכט־עקזעמ־פּליאַר" פון אַ מענטשן מוז, לויט זיין פאָרם, זיין גאַנץ פאַרשיידן פון אַ לייב, ווי אַ „פּראַכט־עקזעמפּליאַר" פון זיין מין, אָדער פון אַ מאַלפּע.

גראָד אויף דעם ביישפּיל פון אַ מאַלפּע ווערט פאַר אונדז קלאָר די פאָדערונג פון האַרמאָניע צווישן אינהאַלט און פאָרם. די מאַלפּע דערמאָנט אונדז צופיל אָן דעם מענטשן. איז — באַטראַכטן מיר אָפט אומבאַוואוסטזיניקערהייט, אַז דער אינהאַלט פון אָט דער מאַלפּע־פאָרם דאַרף זיין אַ מענטשלעכער און ממילא אויך, אַז דער אידעאַל פון איר שיינקייט דאַרף זיין דערזעלביקער וואָס פאַר דעם מענטשן. די

מאַלפּע־פאָרם איז אָבער זייער ווייט דערפון, זי ווירקט, ווי אַ קאַריקאַטור אויף אַ מענטשן. אַט די דיסהאַרמאָניע פון אינהאַלט און פאָרם רופט אין אונדז אַרויס דעם איינדרוק פון קאָמישקייט, פון לעכערלעכקייט.

צי דאָס איז נאָר אונדזער מענטשלעכע אויפפאַסונג פון אידעאַלער שיינקייט, און צי איז אפשר „אין זיך גופא" די מאַלפּע נאָך שענער איידער אַ מענטש, — איז גאָר אַ גרויסע שאלה. מיר זיינען נוטה צו דעם געדאַנק, אַז טאַקע אין זיך גופא איז די מענטשלעכע שיינקייט פון אַ העכערער, ד. ה. שענערער אַרט, איידער די מאַלפּישע; אָבער מיר מוזן אויך צוגעבן די מעגלעכקייט, אַז די מאַלפּע, ווען זי וואָלט געקאָנט פאָרמולירן פאַר זיך איר אידעאַל פון שיינקייט, וואָלט זי אפשר באַטראַכט דעם מענטשן פאַר אַ קאַריקאַטור פון דער „אמתער שיינקייט", ווי זי זאָל זיין „אין זיך גופא". אַזאַ „מאַלפּישע" באַטראַכטונג וואָלט, נאָך אונדזער מיינונג נאָך, געווען ניט קיין ריין עסטעטישע, נאָר שוין פאַרבונדן מיט געוויסע אינטערעסן (זאָגן מיר, סעקסועלע) פון אַ ניט־עסטעטישן כאַראַקטער.

מער וועגן דעם אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל.

## קאַפּיטל אַכט

# פאַרשיידענע באַגריפן פון שיינקייט

איז דער נאָרמאַל געבויטער מענטש פון דער „ווייסער" ראַסע, — דער אַמאָל אָנגערופענער „קאַווקאַזישער", — טאַקע אין זיך גופא שענער, איידער די מאַלפּע, צי דער מענטש פון דער „געלער" און דער שוואַר־צער ראַסע? — די פראַגע קאָן, לויט דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער עסטעטישער וויסנשאַפט, ניט פאַרענטפערט ווערן אין אַן אַבסאָ־לוטן זין.

ווען דער נעגער, צ. ב., באַטראַכט די שוואַרצע הויט־פאַרב, די געקרייזלטע האָר, ווי אין באַב, און די גראָבע ליפּן פאַר אַבסאָלוט שיין, טוט ער דאָס ניט, ווייל ער איז געוואוינט צו זען אין אַט דער דרויסנלעכער פאָרם די העכסטע האַרמאָניע מיט דעם אינהאַלט „מענטש"; ניט ווייל פילע מענטשנקינדער פון גראַד אַט דער געשטאַלט זיינען אים ליב און טייער, — צי מחמת אומבאַוואוסטזיניקע סעקסועלע אידייען־

פֿאַרבינדונגען, אָדער מחמת אַנדערע ניט־ריין עסטעטישע טעמים. עס קאָן, זאָג איך, גרייליך מעגלעך זיין, אַז די נעגער־געשטאַלט שטייט, לויט דער קאָמבינאַציע פֿון אירע ליניעס און פֿאַרבן, אויף אַ העכערער, ריין עסטעטישער שטופֿע איידער זייער קאָמבינאַציע ביי אַ „פּראַכט־עקזעמפּליאַר" פֿון דער „ווייסער" ראַסע.

כדי אָט די פֿראַגע צו פֿאַרענטפֿערן אין אַן „אַבסאָלוט"־מענטשלעכן, ריין מענטשלעכן זין, פֿעלן נאָך אַנאַליזן פֿון שיינקייט, דורכגעפֿירט פֿון עסטעטיש הויך אַנטוויקלטע נעגער־קינסטלער, וואָס זאָלן קאָנען אַראָפּוואַרפֿן פֿון חשבון די ניט־עסטעטישע חן־געפֿילן, וואָס זיינען אָפּט פֿאַרבונדן מיט דער ניט־פֿאַראינטערעסירטער הנאה, וועלכע עס גיט אונדז דער אָנבליק פֿון אַ שיינער דרויסנדלעכער פֿאָרם.

עס איז פֿונדעסטוועגן פֿאַראַנען גענוג גרונט אָנצונעמען, אַז דער „אידעאַל" פֿון אַ מענטשלעכן מהות, מיט זיין „גייסטיקייט" און זיין שאַרפֿן אָפּשייד פֿון דער אַנימאַלישער וועלט, דער עיקר פֿון דער ווילדער און דער שטוב־ און שטאַל־חיה, — איז בעסער אויסגעדריקט אין דער פֿאָרם פֿון דעם קאַווקאַזישן טיפּ, איידער אין דער פֿאָרם פֿון די אַנדערע ראַסן.

אָבער אויך אין די גרענעצן פֿון דער קאַווקאַזישער ראַסן־שיינקייט, שפּילן דער סוביעקטיווער עלעמענט און די פֿאַרשיידענע אידעאַלן, אין וואָס עס דאַרף באַשטיין דער „אינהאַלט" פֿון אַ מענטשלעכן מהות, גאָר אַ שטאַרקע ראָליע אין דעם עסטעטישן אָפּשאַץ פֿון דער אָדער יענער פֿאָרם. ביישפּילן קאָנען געבראַכט ווערן אין פֿול און פֿיל. אין דער אַלט־יידישער ספֿערע, צ. ב., אַן אָנגעזאָפּטער מיט „גייסטיקייט", האָט אַ דאַרער, בלייכער, אַ ביסל־איינגעהויקערטער, און אַ ביסל קראַנקלעכער יונגערמאַן, מיט אַ הויכן שטערן און פֿאַרטראַכטע אויגן געמאַכט אַן עסטעטיש־שענערן איינדרוק, איידער אַ „מגושמדיקער" יונג, מיט רויטע באַקן, וואָס איז „געזונט ווי אַ גוי".

דאָס וויכטיקסטע פֿאַר אונדזער ענין איז אָבער דער איינזען, אַז וואָס פֿאַר אַ ראָליע עס זאָלן ניט שפּילן די פֿאַרשיידענע סוביעקטיווע אידעאַלן פֿאַר דעם אינהאַלט „מענטש" וועט די האַרמאָניע פֿון זיין „פֿאָרם" מיט דעם פֿאַר אונדז ליבן „אינהאַלט" זיין איינע פֿון די הויפּט־באַדינגונגען פֿאַר זיין „שיינקייט".

און דאָס פֿירט אונדז אַרויף אויף נאָך אַ ווייטערדיקער, פֿינפֿטער באַדינגונג פֿון ריין עסטעטישער שיינקייט. זי דאַרף זיין איבער־אינדיווידועל. די שיינקייט פֿון דער פֿאָרם דאַרף אין אונדזער עסטעטישן

באַוואוסטזיין זיין פאַרבונדן מיט אַ זיכערן געפיל, אַז אַלע אַנדערע מענטשן מוזן האָבן די זעלביקע עסטעטישע הנאה פון דער שיינער פאָרם.

„פאַר מ י ר ביסטו שיין״, איז אויך לויט דעם אינהאַלט ניט גאָר קיין שיין לידל. ווען אַ מוטער זאָגט אויף איר היפּש מיאוס קינד, אַז „מיין קינד אין מ י ר שיין״, זאָגט זי דאָס מיט דעם פולן באַוואוסטזיין, אַז איר עסטעטישער געפיל איז דאָ אַ ריין אינדיווידועלער, און אַז עס איז בפירוש ניט צו דערוואַרטן, איטלעך מענטשנקינד זאָל האָבן פון דעם קינדס געשטאַלט דעמזעלביקן עסטעטישן נחת. די אמתע שיינקייט וויל אָבער, אַז איר אָפּשאַץ זאָל זיין „אַלגעמיין־מענטשלעך״, פריי פון דעם ריין אינדיווידועלן מאָמענט.

פרעגט זיך דאָ די שאלה:

קאָנען דען געפונען ווערן אַזעלכע ריין מענטשלעכע, איבער־אינדיווידועלע מאָסן פאַר דער שיינקייט פון אַ וועלכער עס איז דרויסנ־לעכער פאָרם?

די עסטעטישע וויסנשאַפטן אַרבעטן אויף דעם פּראָבלעם, און גאָר היפשע רעזולטאַטן זיינען שוין דערגרייכט געוואָרן אויף אָט דעם פעלד. מיר שרייבן דאָ ניט קיין טעאָריע פון עסטעטיק, און אַ פּאָרביישפּילן וועלן זיין גענוג צו געבן אַ באַגריף, אין וועלכע ריכטונגען עס באַוועגט זיך די אָביעקטיווע, ריין וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג פון דעם ענין „שיינקייט״.

ווען מיר נעמען אַ ווערטיקאַלע ליניע און שניידן זי איבער מיט אַ האָריזאָנטאַלער, קאָן דער שניט געפירט ווערן אין וועלכן פונקט מען וויל: אי גאָר אויבן, אי אינמיטן, אי גאָר אונטן. עס וועלן זיך באַקומען „שתי וערבס״ („צעילעמס״) פון פאַרשיידענער פאָרם. מאַכן זיי אַלע דעם גלייכן עסטעטישן איינדרוק? — עס איז אויסגעפונען געוואָרן, אַז פון אַלע מעגלעכע „שתי וערבס״ איז עסטעטיש דער חנעוודיקסטער יענער, וואו דער איבערשנייד טיילט פאַנאַנדער די ווער־טיקאַלע ליניע אַזוי, אַז די לענג פון דעם אויבערשטן טייל, געטיילט אויף דער לענג פון דעם אונטערשטן טייל, גיט דיזעלביקע צאָל, ווי ווען מען צעטיילט דעם אונטערשטן טייל אויף דער לענג פון דער גאַנצער ליניע. אַזאַ איבערשנייד רופט זיך: „דער גילדערנער שניט״.

עס קאָן זיין, אַז ביי פּרומע יידן וועט אָט די פיגור, וואָס איז אַ „צלם״ פון אַ געוויסער פאָרם, ניט געפינען קיין ברעקל חן אין די אויגן. אָבער סיי ביי די קינסטלער, סיי ביי די וויסנשאַפטלעכע פאָרשער,

איז „נמנו וגמרו" („איבערגעציילט די שטימען און באַשלאָסן"), אַז גראַד דער „גילדערנער שניט" איז דער „שענסטער".

מערקווירדיק, אַז גראַד ליניעס פון אַ געוויסער „פּראָפּאָרציע", ד. ה. פון אַ געוויסער מאַטעמאַטישער שייכות צווישן די טיילן און דעם גאַנצן, ברענגען אַרויס דעם העכסטן עסטעטישן עפעקט. און ניט נאָר מיט דעם „גילדערנעם שניט" רייסט זיך אַריין די מאַטעמאַטיק אין דער עסטעטיק. דאָס אייגענע איז אויך אמת מכוח די טענער אין אַ מוזי־קאַלישער „גאַמע" („דאָ־רע־מי" וכו'); די טענער פון זאַכן, וואָס קאָנען אַרויסגעבן פון זיך אַ געוויסן קלאַנג (סטרונעס, העלצלעך, גלעזער אָנגעפילט מיט אַ פאַרשיידענעם סכום וואַסער, שטיקלעך אָנגעצויגענע פאַרמעט פון אַ געוויסער גרויס, בלאָז־אינסטרומענטן, דורך וועלכע עס גייט אַרויס די לופט, וכו', וכו'), ווערט מען אַלעמאָל געפינען, אַז די „גאַמעס" הענגען אַלע אָפּ פון דעמזעלביקן מאַטעמאַטישן געזעץ, וועלכן די אַלטע גריכן האָבן שוין אויסגעפונען אין זייער מוזיקאַלישן אינסטרומענט, די לירע. הוא הדין מיט די אַקאָרדן, מיט די האַרמאָנישע קלאַנגען און פאַרבן בכלל, מיט די סימעטרישע ליניעס און פיגורן, צ. ב. ביים פאַנאַנדערשטעלן מעבל און חפצים אין אַ צימער, צי ביים אויסברענגען אוזאָרן אויף דעם רוקן פון אַן אַפריקאַנישן פרינץ.

אומעטום אין אַט די אומצאָליקע פאַלן פון לעבן און פון דער קולטור־געשיכטע, ליגט אויף זייער יסוד אַ באַשטימטע מאַטעמאַטישע גלייכעניש, וואָס גיט־צו צו אַט די אַלע עלעמענטן אַ ריין עסטעטישן חן. און אומעטום זעען מיר, ווי אײנזייטיק עס איז דער ספּענסערשער אוטיליטאַריאַנישער בליק אויף שיינקייט, וואָס זאָגט, אַז „דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען ניצלעך, ווערט שפּעטער שיין". ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן, אַז פילע זאַכן, וואָס זיינען אַמאָל געשעצט געווען נאָר פאַר זייער נוצן, ווערן שפּעטער געברויכט נאָר ווי אַ פאַרפּוצונג, צוליב „שיינקייט". עס איז אָבער זייער איינזייטיק צו רעדן וועגן אַ ל ע אַמאָל ניצלעך־געוועזענע זאַכן, און עס איז אַבסאָלוט פאַלש איבערצוקערן דער ספּענסערשן זאַץ און אַרויסדרינגען, אַז אַלץ וואָס איז איצטער פאַר אונדז שיין, איז אַמאָל געווען פאַר אונדז ניצלעך.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן נאָך אַנדערע פּרואוון צונויפצובינדן די יסודות פון שיינקייט מיט דעם פּראָצעס פון לעבן, מיט זיינע הצטרכותן און די באַדינגונגען פון זייער פרייער, אומגעשטערטער עקזיסטענץ. אַזוי — די עסטעטישע טעאָריעס פון טשערנישעווסקי, און שפּעטער פון גיויאָ, אַז שיין איז נאָר דאָס לעבן.

פּסיכאָלאָגיש און עסטעטיש באַזונדערס פיין האָט פּראָפעסאָר עב־בינגהאַוז, — איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אויף דעם פעלד פון דער פּסיכאָ־פיזיק, — דורכגעפירט זיין טעאָריע פון „זיך אַריינ־פילן״, פון וועלכער מיר ברענגען נאָר אַ פּאָר עלעמענטאַרע ביישפּילן. אַ ווערטיקאַלע ליניע, וואָס ציט זיך, ווי אַ שנור פון אויבן אַראָפּ, ווירקט עסטעטישער, איידער אַ ליניע, וואָס ציט זיך אין דער קרום. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? — ווייל אַ ליניע, וואָס „שטייט״ גלייך, סוגערירט אין אונדז דאָס געפיל פון פעסטקייט און זיכערן שטאַנד; בעת אַ ליניע אין דער קרום רעגט אָן אין אונדז דאָס געפיל פון פאַלן, על־כל־פנים, פון אַן אומזיכערן שטאַנד און דעריבער קאָן זי ניט געפינען קיין „חן״ אין אונדזערע אויגן.

אָדער: פאַרוואָס מאַכן די ליניעס, לויט דעם „גילדערנעם שניט״, אַזאַ עסטעטישן איינדרוק אויף אונדז? — ווייל זיי דערמאָנען אונדז, — ענטפערט וואונדט, — דער באַגרינדער פון דער פּסיכאָ־פיזיק, — אָן אַ לעבעדיקן מענטשלעכן קערפּער, וואָס שטייט מיט אויסגעשפּרייטע אַרעמס.

די פּאָר ביישפּילן זיינען גענוג, כדי צו „כאַפּן דעם שניט״ פון דאָס רוב וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס אין דער עסטעטיק, וואָס ווילן ניט אָנערקענען איר אַבסאָלוט זעלבסטשטענדיקן כאַראַקטער אין די „עולמות העליונים״ פון דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין.

## קאַפּיטל ניין

# אינהאַלט און פאָרם

דאָס רוב ווסנשאַפטלעכע טעאָריעס אין דער עסטעטיק קאָנען זיך ניט אויסאייניקן מיט דעם געדאַנק, אַז שיינקייט איז אַ פונדאַמענ־טאַלע רעאַליטעט אין יענעם וועלט־געשעען, וואָס ווערט אַריינגענומען און מסתמא אויך שטאַרק איבערגעפורעמט אין מענטשלעכער דער־קענטעניש.

און וואָס מער עס ווערט אַראָפּגעדריקט דער זעלבסטשטענדיקער באַדייט פון שיינקייט, פון דעם פאַרלאַנג זיך אויסצולעבן אין איר, און פון דעם דראַנג צו רעאַליזירן זי אין דער קונסט, אַלץ חשובער

ווערט באַטראַכט יעדע וויסנשאַפטלעכע אָדער אַפילו פילאָסאָפישע טע־אָריע, וואָס דרינגט אַרויס די שיינקייט פון אַ וועלכן עס איז ביאָלאָגישן, סאָציאָלאָגישן אָדער מענטשלעכן קולטור־היסטאָרישן פּראָצעס.

אָט די ריין־וויסנשאַפטלעכע עסטעטיק האָט — מיט אירע אומ־צייליקע עקספּערימענטן אין די פּסיכאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריעס, דורכ־געפירט מיט ספּעציעל צוגעטראַכטע וויסנשאַפטלעכע מכשירים — אויפגעקלערט זייער פיל אין דעם ענין פון שיינקייט ביי דעם מענטשן. דאָס קאָן מען בשום אופן ניט לייקענען. אָבער זיי רירן ניט אָן די שיינקייטן אין דער נאַטור־וועלט — דער עיקר ביי די פּראַטיסטן און ביי די קריסטאַלן, וואָס צו זיי האָט ערנסט העקעל געצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט. אויך לאָזן זיי אַרויס פון אויג דעם מאַטעמאַטישן יסוד, אויף וועלכן זיי זיינען געבויט. די מאַטעמאַטישע געזעצן, וואָס באַהערשן זיי, ווי אַלץ אין דער נאַטור.

די פילאָסאָפישע איינשטייניאַנער ווילן אונדז מאַכן גלויבן, אַז דער יסוד פון דעם וועלט־אַל איז דער מאַטעמאַטישער געדאַנק, אָדער — ווי איינשטיין אַליין דריקט זיך אויס — אַז „אין די פּאַר מאַטעמאַטיש־פאַראַנענע איינפאַכע פעלד־טיפן״, (וואָס אַזוינס דאָס זאָל ניט זיין) „און אין די שייכותן צווישן זיי, ליגט די באַרעכטיקונג פאַר דעם טעאָרעטיקערס האָפענונג, אַז ער וועט קאָנען פאַרשטיין די רעאַליטעט אין אירע טיפן״.

אָט דער „מאַטעמאַטיציזם״ — אויב מען מעג אָט די שיטה אָנרופן מיט אַזאַ אומגעלומפּערטן וואָרט — איז זיכער אַ פילאָסאָפישע איינ־זייטיקייט. די טיפסטע טיפן פון דער וועלט־רעאַליטעט וועלן מיר מסתמא ניט דערגרייכן, אַפילו מיט איינשטיינס מאַטעמאַטיק. אָבער זיכער איז די מאַטעמאַטיק דער יסוד פון יענע וועלט־בילדער, וואָס ווערן באַשאַפן אין דער איצטיקער וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש. אָט דער יסוד ליגט באַשיינפּערלעך אויך אויף דעם גרונט פון אונדזער עסטעטישן באַוואוסטזיין, און דאָס גיט דעם אידעאַליסט אין דעם לעבנס־באַנעם דאָס רעכט אויך די „שיינקייט״ צו באַטראַכטן, ווי אַ פונדאַמענטאַלע וועלט־רעאַליטעט, אַ זעלבסטשטענדיקע אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע רעאַליטעטן.

אגב, איז דער צונויפבונד פון עסטעטישער שיינקייט און וועלט־באַטראַכט אַזוי אַלט ווי כמעט די גאַנצע מענטשלעכע פילאָסאָפיע. איז דאָך פּיטאַגאָראַס אַרויף אויף זיין געדאַנק, אַז די וועלט ווערט באַהערשט פון דער „צאָל״ און פון דער „האַרמאָניע״, אַ דאַנק דער מאַטעמאַטישער

שייכות, וואָס ער האָט אויסגעפונען אין די מוזיקאַלישע טענער פון אַ „גאַמאַ״. נו, מילא, וועגן דער „האַרמאָניע״ אין דער מענטשלעכער וועלט האָבן מיר גראָד אין אונדזער יאָרהונדערט געהאַט אַ היפּש ביסל באַלערנדיקעביישפּילן סיי אין דעם וועלט־קריג, סיי אין די רעוואָלוציעס, סיי אין די בירגער־קריגן און די „שטראָף־עקספּעדיציעס״ (איטאַליע און עטיאָפּיע, יאַפּאַן און כינע) וכו׳, וכו׳, וכו׳.

אָבער די פּיטאַגאָרישע יסודות פון דעם „קאָסמאָס״, „צאָל״ און „האַרמאָניע״ נעמט איצטער אויף פול און גאַנץ ניט קיין קלענערער גייסט ווי אַלבערט איינשטיין.

נאָר לאָמיר ווידער לאָזן אָן אַ זייט די „טעאָריעס״. מיר האָבן ביז אַהער געזען, אַז צו די פונדאַמענטאַלע פאַרבאַדינגען פון עסטעטישער שיינקייט געהערן: א) אָן־פּניותדיקייט, ב) פולקאָמענקייט און „אייבי־קייט״, ג) האַרמאָניע צווישן אינהאַלט און פאָרם, ד) אידעאַל פון דעם מין, צו וועלכן די איינצל זאַך געהערט (דער „פּראַכט־עקזעמפּליאַר״) און ה) די איבער־אינדיווידואַליטעט.

דאָס זיינען אַלץ באַדינגונגען פאַר דער שיינקייט אין דער נאַטור און אין נאַטירלעכע דערשיינונגען. וואָס טוט זיך אָבער מיט דער שיינקייט אין דער קונסט?

עס פאַרשטייט זיך, אַז דיזעלביקע פאַרבאַדינגען, וואָס מיר געפינען אין דער הנאה פון נאַטור־שיינקייט, מוזן אויך האָבן זייער אָרט אין יענע שיינקייטן, וואָס אַ קונסט־ווערק ברענגט אַרויס. און דאָ טרעטן זיי אַרויס ווי דירעקטע פאָדערונגען צו דעם קינסטלער.

ווען אַ קינסטלער דערשפּירט אין זיך דעם פאַרלאַנג אָדער דעם דראַנג אַרויסצוברענגען אַ וועלכן עס איז ענין אין אַ קונסט־פאָרם, דאַרף ער קודם כל זיין דורכגעדרונגען מיט דער אָן־פּניותדיקייט אין זיין שאַפן. וואָס דער ענין אָדער דער זייטיקער ציל פון זיין שאַפן זאָל ניט זיין, וועט אַ קונסט־ווערק נאָר דעמאָלט זיין אַ קונסט־ווערק, ווען ער וועט, בעתן שאַפן, זיין פאַראינטערעסירט נאָר אין דעם ענין, וועלכן ער וויל אַרויסברענגען, און ניט אין וועלכע עס איז זייטיקע חשבונות.

ער מוז אויך שטרעבן אַרויסצוברענגען דעם ענין אַזוי פולקאָם, אַז עס זאָל דערגרייכט ווערן אין זיין ווערק דער „כי טוב״, וואָס דאַרף שטעקן אין דער שיינקייט. עס זאָל אַרויסקומען אַ ווערק, וואָס פאַר־דינט צו פאַרבלייבן אויף אייביק אין די אוצרות פון דער מענטש־לעכער קונסט. שטרעבן צו אָט דעם „כי טוב״ דאַרף ער מיט אַלע

זיינע באַשאַפֿערישע כּוחות, לויט זיין אייגענעם פֿאַרשטאַנד, לויט זיין אָפּשאַץ, וואָס אַזוינס איז דאָס „העכסטע גוט" אין אַ קונסט־ווערק.

ער דאַרף אויך שטרעבן דערצו, אַז זיין ווערק זאָל זיין אַן אידעאַל. אַ „פּראַכט־עקזעמפּליאַר" פֿון יענעם מין, צו וועלכן זיין באַשאַפֿונג געהערט: אַ פּייזאַזש, צי אַ פּרויען־האַנט, צו אַ סימפֿאָניע, צי אַ מאָנומענט, צי אַ ליד. יעדעס קונסט־ווערק מאָנט פֿון דעם קינסטלער עס זאָל ווערן אַ „קלאַסישער מוסטער" פֿאַר אַט דעם באַשטימטן מין שאַפֿונג. ווייניקסטנס מאָנען דאָס די געניִסער, הגם זיי ווייסן ווי זעלטן אַזעלכע „וועקסלען" קאָנען געצאָלט ווערן...

דער קינסטלער דאַרף אויך שטרעבן דערצו, אַז דער עסטעטישער ווערט פֿון זיין שאַפֿונג זאָל זיין אַן איבער־אינדיווידועלער; ער טאָר זיך גישט באַנוגענען מיט דעם געפֿיל, אַז „פֿאַר מיר איז מיין ווערק דאָס שענסטע". עס דאַרף אין אים לעבן דער אומפּאַרטייאישער באַוואוסטזיין, אַז יעדער מבֿין אין קונסט־ענינים וועט האָבן דעם זעלביקן אָפּשאַץ וואָס ער. גראָד אָט די פֿאָדערונג ווערט ביי דעם קינסטלער פֿאַרווירקלעכט אויף דעם גרינגסטן אופֿן... וויפֿיל זיינען דען פֿאַראַן קינסטלער אויף דער וועלט, וואָס זיינען אַליין נישט צופֿרידן מיט זייערע ווערק? דאָס רובֿ זייערע זיינען אַזוי פֿאַרבלענדט און פֿאַרליבט אין זייערע שאַפֿונגען, אַז זיי קאָנען זיך גאַרנישט פֿאַרשטעלן אימיצער אַן אַנדערער זאָל האָבן ווען עס איז אַרויסגעבראַכט עפּעס שענערס און בעסערס... דערפֿאַר זיינען גראָד די אומצופֿרידענע מיט זייערע אַרבעטן, — אָט די, וואָס געפֿינען תמיד עפּעס צו פֿאַרריכטן און אויסצובעסערן, — דאָס רובֿ די גרעסטע קינסטלער.

און דער קינסטלער דאַרף אויך שאַרף אָפּהיטן די האַרמאָניע פֿון אינהאַלט און פֿאָרם. אָבער אין דער קונסט־שיינקייט האָט אָט די פֿאָדערונג דאָס רובֿ אַ גאַנץ אַנדערן באַדייט איידער אין דער נאַטור־שיינקייט. ווייל דאָס, וואָס אין דער נאַטור איז דרויסנלעכע פֿאָרם, איז פֿאַר דעם קינסטלער דער אייגנטלעכער אינהאַלט, וועלכן ער וויל אַרויסברענגען.

לאָמיר נעמען דעםביישפּיל פֿון אינהאַלט און פֿאָרם, וועלכן מיר האָבן פֿריער געבראַכט: אַן אַלטע פֿרוי, וואָס מאַכט קאָקעטישע חנדלאַך צו יונגעלייט ווי גאָר אַ יונג, פֿאַרשייט מיידל. אין לעבן איז דאָס אַ דיסהאַרמאָניע צווישן אינהאַלט און פֿאָרם, וואָס קאָן אַרויס־

רופן געלעכטער, אָדער אַפילו עקל. אָבער אַ זשאַנר־מאָלער, וואָס זאָל אויסמאָלן אַט די פיגור, קאָן דערגרייכן דעם העכסטן עסטעטישן עפעקט, ווייל אין זיין געמאָלט בילד איז דאָ די פאָרם, וואָס האַרמאָנירט פערפעקט מיט דעם באַשטימטן לעבנס־אינהאַלט.

נאָך שאַרפער טרעט דאָס אַרויס, ווען די אַלטע קאָקעטקע ווערט געשפּילט פון אַ זייער טאַלאַנטפולער אַקטריסע. גיט נאָך צו אַזאַ פסיכאָלאָגישן מאָמענט אין דער פיגור: די אַלטע פרוי איז אין תוך נישט קיין קאָקעטקע, נאָר זי האָט אַ זון, אַן אַריינגעפאַלענעם אין אַן אומגליק. זי איז זיך משתדל פאַר אים ביי אַ „גדול", פון וועמען עס הענגט אָפּ זיין גורל. דער „גדול" איז אָבער אַ באַוואוסטער „ווייבערניק", און אין איר צערודערטקייט און זין־פאַרלאָרנקייט האָפט זי מיט אירע קאָקעטישע חנדלאַך צו געפינען אַ באַזונדערן חן אין זיינע אויגן, אפשר אינגאַנצן צו פאַרפירן אים און אונטערצוקויפן אים מיט איר קערפער.

אין לעבן איז דאָס ווידער אַ דיסהאַרמאָניע צווישן אינהאַלט און פאָרם, וואָס רופט אָבער אַרויס נישט קיין ריין קאָמישן עפעקט, נאָר אַ טראַגי־קאָמישן, אָפטמאָל אַ דירעקט טראַגישן, איז — אויב אַ גוטע אַקטריסע שפּילט אַזאַ ראָליע, און אויב אין דעם שפּיל ווערט די קאָמישקייט נישט אונטערדריקט, נאָר דער קאָמיזם ווערט דער טרעגער פון דעם רירנדיקן טראַגיזם, איז אַט די טראַגישע אָדער טראַגי־קאָמישע פיגור, מיט איר גאַנצן אויפפיר, דער אינהאַלט, דאָס שפּיל — די פאָרם, און דער עסטעטישער עפעקט וועט זיך באַקומען פון זייער נייער האַרמאָניע.

אַט די וואַריאַציע פון דעם ביישפּיל וועגן אינהאַלט און פאָרם האָב איך געבראַכט מיט אַ באַשטימטן ציל אין אויג: אויף איר קאָן דעמאָנסטרירט ווערן נאָך אַ באַדינג אָדער אַ פאָדערונג פון דער שיינקייט אין דער קונסט.

ווען די אַקטריסע, וואָס שפּילט די גאָר ניט גרינגע טראַגי־קאָמישע ראָליע פון יענער אַלטער קאָקעטירנדיקער פרוי, פירט זי דורך מיט פיל טאַלאַנט, און מאַכט אונדז גלויבן אין דעם אמת פון אַזוינע נשמה־איבערלעבונגען, רופט דאָס שפּיל אין אונדז אַרויס די באַוואונדערונג, אַ פאַרבונדענע מיט אַ באַזונדער עסטעטישן תענוג. מיר באַוואונדערן די מענטשלעכע שאַפונגס־קראַפט. מיר פאַלן אַריין אין התפעלות פון דעם קאָנען, און „קאָנען" איז גראָד דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער סימן פון קונסט: שטאַמט דאָך דאָס וואָרט „קונסט" אַליין פון דעם

שורש „קאָנען". דאָס וואָרט „קונסט" נעמען מיר אַריבער פון דייטש, הגם מיר האָבן אַן אייגן יידיש וואָרט: „קונץ", וואָס האָט פריער געהאַט דעם זעלביקן באַדייט וואָס „קונסט", און ממילא שטאַמט ער אויך פון דעם זעלביקן שורש: „קאָנען". דאָס דייטשע וואָרט גיט אונדז אָבער אַ מעגלעכקייט צו דיפערענצירן אײנצוזען, אַז „קונסט" איז אַ סך אַן ערנסטערער און וויכטיקערער „קאָנען" איידער די „קונצנמאַכעריי". גאַנץ גוט קאָן מען זאָגן אין יידיש, אַז „די קונסט האָט פיינט קונצן".

## קאַפּיטל צען

# עסטעטישע אויסבילדונג

די קונסט איז אַ פּראָדוקט פון אַ דראַנג אַרויסצוברענגען „שיינקייט" אין אַ וועלכער עס איז דרויסנלעכער פאָרם.

אין דעם פאַריקן קאַפּיטל האָבן מיר געזען, אַז דיזעלביקע פאַר־באַדינגען, וועלכע דער עסטעטישער באַוואוסטזיין פאַרלאַנגט פון דער שיינקייט אין דער נאַטור, מוז ער אויך פאָדערן פון אַ קינסט־לערישן ווערק. מיר האָבן אָבער דאָרטן אויך געזען, אַז אַ געוויסע עסטעטישע פאָדערונג, — די „האַרמאָניע צווישן אינהאַלט און פאָרם", — באַקומט אַן אַנדער זין אין דער קונסט. און אויך דאָס האָבן מיר דאָרטן באַרירט, אַז צו די „מאַגנעטישע עלעמענטן" אין אַ קונסט־ווערק געהערט אויך די מדרגה פון דער שאַפונגס־קראַפט, וואָס דריקט זיך אין אים אויס.

אויב מען האָט צו טאָן מיט גאָר אַ הויכער מדרגה אירער רופט דאָס אין אונדז אַרויס אַ באַזונדער עסטעטישן געפיל: די באַוואונ־דערונג פון דער באַשאַפערישער ענערגיע, פון אירע אינדיווידועלע וועגן און איינפאַלן, — די התפעלות פאַר דעם „קאָנען", אַ באַוואונ־דערונג און אָפט מאָל אַ פאַרערונג, וואָס ווערט אַריבערגעטראָגן אויף דעם שאַפער אַליין.

אַזאַ באַוואונדערונג און פאַרערונג ווערט אַרויסגעבראַכט נאָר פון מענטשלעכע קונסט־ווערק. ווי וואונדערלעך שיין עס זאָלן ניט זיין די קריסטאַלינישע פאָרמען פון די אייז־קרישטאָלן אָדער די ביאָ־

לאָגישע בנינים פון די פּראַקטיסטן־קאָלאָניעס, וועלכע ערנסט העקעל באַטראַכט פאַר פּראָדוקטן פון אַ קונסט־באַשאַפערישן דראַנג, קאָנען זיי ניט אַרויסרופן קיין עסטעטישע באַוואונדערונג פאַר די „קינסטלער״, פאַר די „מייסטער״ פון יענע שיינע קונסט־פאָרמען. מוז דאָך העקעל אַליין מודה זיין, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אומבאַוואוסטזיניקן „קונסט־אַנטרייב״.

נאָך מער איז דאָס אמת פאַר יענע פּראַכטפולע פיגורן, קאָלירן און ליניעס, וועלכע מיר באַוואונדערן אין דער ממשלה פון די פּלאַנצן און בלומען, צי אין דער אַנימאַלישער ממשלה פון די פלאַטערלעך און פלאַטערס, — דער עיקר אין די סוב־טראָפּישע און טראָפּישע לענדער. אין זיי באַוואונדערן מיר נאַטור־שיינקייטן. מיר לאָזן אינגאַנצן אַרויס דעם עלעמענט פון דער קינסטלערישער באַשעפערישער גבורה, ווייל מיר נעמען אָן — און מסתמא מיט פולן רעכט, — אַז אָט דער עלעמענט איז אין זיי ניט בנמצא. עסטעטיש באַוואונדערן קאָנען מיר נאָר די מענטשלעכע באַשאַפונגס־קראַפט אין די פּראָדוקטן פון דער מענטשלעכער קולטור.

געוויס: טעאָלאָגיש־געשטימטע מענטשן מיט אַ גלויבן אין אַ פּערזענלעכן, באַוואוסטזיניקן גאָט, וואָס אַלע זיינע מעשים זיינען „במחשבה תחילה״, (פריער געשטאַנען קלאָר פאַר דעם געטלעכן גע־דאַנק) — זיי קאָנען — און טוען אָפט — באַוואונדערן די געטלעכע שאַפונגס־קראַפט אין די פאָרמען פון די נאַטור־שיינקייטן. פאַר די אמת־רעליגיעזע נאַטורן פון אָט דעם דרך איז די נאַטור, אין איר שיינקייט און פּראַכט, אַ סטימול צו אַ ריין עסטעטיש־רעליגיעזער התלהבות. אָבער אויך דאָ ווערט די באַוואונדערונג פון דער שאַפונגס־קראַפט ניט פאַרבונדן מיט די איינצעלנע נאַטור־דערשיינונגען, וואָס רופן אין אונדז אַרויס מיט זייער שיינקייט דעם „עונג רוחני״, די ריין עסטעטישע הנאה. די באַוואונדערונג פון דער באַשאַפונגס־קראַפט ווערט דאָ אַריבערגעטראָגן פון די איינצעלנע דערשיינונגען אויף דעם איינציקן „קינסטלער״ און „מייסטער״ זייערן — דער געטלעכקייט.

אַן ענלעכע עסטעטיש־רעליגיעזע שטימונג ביי דעם אָנבליק פון נאַטור־שיינקייטן וואָלט אויך געקאָנט אויפקומען ביי די אָנהענגער פון בערגסאָנס וויטאַליסטישער מעטאַפיזיק. פאַר איר זיינען אַלע נאַטור־דערשיינונגען אַ פּראָדוקט פון דעם „לעבנס־שוואונג״ — „עלאַן וויטאַל״ — וואָס אַרבעט בפירוש אומעטום ווי אַ קינסטלער, וועלכער פאַרריכט זיינע אייגענע ווערק, קריכט אַמאָל אַראָפּ פון דעם ריכטיקן

דרך, פאַרוואָרפט אין זיין „באַשאַפערישער עוואָלוציע" („עוואָלוסיאָן קרעאַטריס") אַן אָנגעהויבענע „סקיצע", נעמט זיך פאַר אַן אַנדער פלאַן, — פירט זיך אויף, הכלל, ווי אַ בשר־ודמיקער קינסטלער.

איז אָבער דערביי אַ שטיקל מכשול מיט בערגסאָנען. זיין „באַשאַפערישער „לעבנס־שוואונג" איז אַן אומבאַוואוסטזיניקער. באַוואוגדערן און פאַרערן אַ באַשאַפערישע גבורה קאָנען מיר, מענטשן, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען מיר שפירן היגטער איר, — מיט רעכט, צי מיט אומרעכט, — דעם באַשאַפערישן גבור, דעם באַוואוסטזיניקן העלד, וואָס ברענגט אַליין אַרויס פון זיך די אונדז באַצויבערנדיקע שאַפונג אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופן און ניט ווי אַ לונאַטיקער אין אַ סאָמנאַמבולישן שלאָף. און דאָס, ניט געקוקט דערויף וואָס דער „לעבנס־שוואונג", פון וועלכן עס זאָל, לויט בערגסאָנען, שטאַמען די גאַנצע וועלט, איז גראָד אין די עסטעטישע ענינים דער „מייסטער" הגדול והגבור.

וויפיל ניט געראָטענע פרואוון עס זאָלן ניט זיין אין זיין באַשאַפערישער עוואָלוציע, וויפיל וועלטן ער זאָל ניט בויען און זיי ווידער חרוב מאַכן („בורא עולמות ומחריבן"...); ווי טעמפ ער זאָל אָפט ניט זיין אויף דער עברי פון דער מענטשלעכער מאָראַל, — קומט צו שיינקייט און איר פאַרקערפערונג אין נאַטור־דערשיינונגען, דאַרפן די גרעסטע קינסטלער פון עבר, הוה און עתיד אַוועקלייגן פאַר אים די שפּאַגע.

אָבער וואָס איז די פעולה? דער „עלאַן וויטאַל" קאָן ניט ווערן קיין אָביעקט פאַר רעליגיעזער אָנבעטונג, קאָן ניט אַרויסרופן קיין ריין עסטעטישע פאַרוואונדערונג, קיין התפעלות און פאַערונג פאַר זיין באַשאַפערישער גבורה. ווייל פאַרערן קאָנען מיר נאָר אַ באַוואוסטזיניקע פערזענלעכקייט, און אָט די קליינינקייט פעלט גראָד ביי בערגסאָנס „לעבנס־שוואונג".

דער בעל־שם־טוב, דער באַגרינדער פון דעם חסידיזם, וואָס האָט ביי זיין גאַנצן פאַנטעאיסטישן איינשטעל, געגלויבט אין אַ פערזענלעכן, באַוואוסטזיניק שאַפנדיקן גאָט, האָט געקאָנט פאַרערן די געטלעכע קראַפט אין דער וועלט אויך פאַר איר שיינקייט. ער איז אָבער דערביי געווען צו איינזייטיק, צו ביטולדיק בנוגע די שיינקייטן אין די נאַטור־דערשיינונגען. „צו וואָס זאָל איינער ליבן די שיינקייט פון אַ פרויען־געשטאַלט"? — האָט ער געפרעגט — איר שיינקייט איז דאָך נאָר אַן „אָפּגלאַנץ" פון דעם כביכולס „זיוו השכינה". איז דאָך גלייכער

צו ליבן דעם כביכול אַליין, וואָס איז דער „מקור״ פון „יופי״ (דער קוואַל פון שיינקייט).

דער פעלער אין אָט דער חקירה באַשטייט דערין, וואָס מען מוז פריער באַקאַנט זיין מיט די ווערק פון דעם קינסטלער, איידער מען קאָן באַוואונדערן אים, ליבן אים און פאַרערן אים פאַר זיין באַשאַ־פערישער גבורה. דער חסידימשער איינשטעל מיט זיין „ביטול היש״ צו דער נאַטירלעכער וועלט איז אויך אין דעם פרט פון עסטעטיק אַ פאַרהויקערונג פון יענעם אַלט־נביאימשן איינשטעל, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם „ברכי נפשי״־קאַפּיטל (ק״ד) פון דעם תהילים, וואו גאָט ווערט געלויבט, ווייל ער איז „אַנגעטאָן אין גלאַנץ און פּראַכט״, וואו עס ווערן אויסגערעכנט גאָטס פילע אויפטואונגען אין דער נאַטור; וואו אויך די פייגעלעך, וואָס זינגען צווישן די צווייגן ווערן דערמאָנט („מבין עפאים יתנו קול״) און וואו גאָט אַליין פרייט זיך מיט זיינע מעשים.

ערשט באַוואונדערנדיק די דערגרייכונגען קאָן מען באַוואונדערן די באַוואוסטזיניקע קראַפט, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט. און אַזוי איז דאָס מיט יעדן מענטשלעכן קונסטווערק. אָבער כדי צו האָבן אַ ריין־עסטעטישע „התפעלות פון דעם קינסטלערס קאָנען״, דאַרף מען אויך זיין אַ מבין אין די ענינים פון קונסט, אין דער ריין טעכנישער זייט אירער. נאָר דער מבין קאָן ריכטיק אָפּשאַצן, אין וואָס עס דריקט זיך אויס די געניאַליטעט, אָדער דער הויכער גראַד טאַלאַנט, וואָס שטעקט אין דעם קונסט־ווערק.

די מבינות איז דאָס רוב אָן איינגעבוירענע זאַך, אַ גאָט־געבענטש־טער חוש, וואָס דערשפּירט די גבורה פון דער שאַפונג און האָט דערביי הנאה ניט נאָר פון דער שאַפונג, נאָר אויך פון דער אַנט־פּלעקטער שאַפונגס־קראַפט. אָבער די גוטע באַקאַנטשאַפט מיט דער טעכנישער זייט פון אַ קונסט־ווערק העלפט זייער אַ סך אַפילו דעם געבוירענעם מבין. די פשוטע בשר ודמס — פאַר זיי איז די באַקאַנטשאַפט מיט דער טעכנישער זייט און מיט די באַדינגונגען, וואָס ברענגען אַרויס אַ קונסט־ווערק פון הויכן גראַד, — דער איינציקער מיטל, ווי אַזוי אַריינצולעבן זיך אין דער שאַפונג, ווי אַזוי צו אַנטוויקלען אין זיך דעם חוש פאַר „מבינות״ און ווי אַזוי אָפּצושאַצן און צו שעצן דעם קינסטלער.

ליידער שטייט נאָך די עסטעטישע דערציאונג אויף אַ זייער נידעריקער מדרגה אין דער איצטיקער צייט. דער עיקר ביי די פאָלקס־

מאָסן, דער בעסטער באַווייז איז דער אופן, ווי דער ניט־געבילדעטער אָדער ווייניק־געבילדעטער עולם נעמט אויף די ראָליע פון אַן אַקטיאָר אויף דער בינע.

אויב ער שפּילט אַן אומסימפּאַטישן מענטשן, בפרט ווען אַנדערע אומשולדיקע פּערזאָנען לײַדן פון זײַן שלעכטן מאָראַלישן אויפפיר, וועט דער עסטעטיש־אומגעבילדעטער עולם אַריבערטראָגן זײַן האָס צום דעם שפּילער מין מענטש אויף דעם אַרטיסט אַליין, וואָס האָט אפשר אין דער דורכגעפירטער ראָליע אַרויסגעבראַכט דעם העכסטן גראַד קינסטלערישן קאָנען.

די עסטעטישע דערציאונג פון די מאָסן, זיי זאָלן קאָנען הנאה האָבן פון דעם קינסטלערס באַשאַפערישער קראַפט, וועט אָבער מעגלעך זײַן ערשט דעמאָלט, ווען זיי, די מאָסן, וועלן באַפרייט ווערן פון זייערע דאגות חיונה און האָבן גענוג פרייע צייט אויף אָפּצוגעבן זיך מיט זייער עסטעטישער אויסבילדונג אויף אַלע פעלדער פון דער מענטשלעכער קונסט.

## קאַפּיטל עלף

# נייקייט און אָריגינאַליטעט

אויף דעם פעלד פון שיינקייט קאָן די באַוואונדערונג פון דער מענטשלעכער שאַפונגס־קראַפט פאָרקומען נאָר אין דער קונסט. נאָר אַ קינסטלעריש ווערק קאָן אין אונדז אַרויסרופן די עסטעטישע צופרידנקייט מיט דעם באַשאַפערס קאָנען, זעלטענער אויך — די העכסטע פרייד און התפעלות פון זײַן טאַלאַנט אָדער זשעניע.

דערמיט איז אויך פאַרבונדן יענע מעלה אין אַ קינסטלערישן ווערק, וואָס באַשטייט אין זײַן קונסט. דאָס וואָס אַלע קאָנען איז „קיין קונץ ניט". ממילא אויך ניט „קונסט". דאָס, וואָס נאָר ווייניקע קאָנען, ווערט פון אונדז הויך געשאַצט. אָבער דאָס, וואָס נאָר איינער קאָן, — אָדער האָט צום ערשטן מאָל באַוויזן אַזוינס עפּעס, וואָס איז ביז אַהער ביי קיינעם ניט געווען, וואָס איז קיינעם ניט נאָכגעמאַכט, איז אָריגינעל.

עס וועט זיך פאַר אונדזער איצטיקער אַרבעט ניט לוינען די טירחה

צו אַנאַליזירן די פאַרשיידענע אַרטן, ווי אַזוי און אין וואָס די אָריגי־נאַליטעט קאָן אַרויסגעבראַכט ווערן. דער אַלגעמיינער כלל פאַר איר איז — „ניט אַזוי, ווי ביי די אַנדערע, ביז אַהער״. שטאַמט דאָס ממילא פון דעם קינסטלערס אייגענעם אויפטו, פון זיין אייגענער קינסטלערישער נאַטור און אַט דער אויפטו קאָן זיך אויסדריקן סיי אין אַ ריין טעכנישער נייעס, אין דעם נייעם אופן, ווי אַזוי אַרויס־צוברענגען אַן אַלעמען באַקאַנטע טעמע, סיי אין אַ גאַנץ אַנדער באַלייכטונג, וואָס ווערט דער טעמע געגעבן, סיי אין דעם אויפנעמען און אַריינברענגען ענינים, וואָס האָבן ביז אַהער קיין קינסטלער ניט אינטערעסירט.

די מעלה פון אָריגינאַליטעט איז אַזאַ חשובע אין דעם עסטעטישן באַוואוסטזיין פון דער קינסטלעריש־געבילדעטער אינטעליגענציע און אין דער קינסטלער־וועלט בפרט, אַז צוליב איר פאַרגעסט מען אָפט די אַנדערע באַדינגונגען, וואָס דאַרפן אין אונדז אויפדעקן די עסטעטישע צופרידנקייט.

דער עיקר איז דאָס דער פאַל אין דער קינסטלער־וועלט און בפרט בנוגע יענער אָריגינאַליטעט, וואָס דער קינסטלער באַוויזט אין דער טעכניק און אין די דרויסנלעכע פאָרמען פון זיין שאַפן. די אוצרות פון דער קונסט־שאַפונג זיינען איצטער ביי דער מענטשהייט אַזוי רייך, אַזוי פאַרשיידנאַרטיק אין זייער אינהאַלט און אין זייער פאָרם, אַז דעם קינסטלערס אויג אָדער אויער ווערט שוין איבערגעזעטיקט מיט זיי. ער קען זיי פון דער קונסט־שולע, אין וועלכער ער האָט זיך געלערנט, אין די מוזייען, אין וועלכע ער האָט זיי באַוואונדערט, צי אַפילו אין די אילוסטראַציעס, וועלכע ער האָט ניט איינמאָל באַטראַכט. און אויב דאָס גייט אין דער קינסטלערישער פּאָעזיע פון וואָרט, האָט זיך דער דיכטער געוויס אָנגעלייענט אי אין דער אייגענער ליטעראַטור פון זיין פאָלק, אי אין דער אַלוועלטלעכער.

און אין דער זעלביקער לאַגע געפינט זיך דער געבילדעטער קונסט־געניסער, אָבער ער איז ניט אַזוי מקפּיד אויף דער איבערגעזעטיקטקייט, ווי דער קינסטלער. אויב ער, דער קינסטלער, אַליין איז ניט דורכאויס אָריגינעל פון דער נאַטור, ברענגט ער אויך אַרויס, לאָז זיין, גאָר נישקשהדיקע זאַכן, אין דעם אָדער יענעם איינגעשטעלטן נוסח.

אָבער ערגעץ וואו „במסתּרים״ זאָגט דאָך אויך דאָס באַוואוסטזיין, אַז סוף־סוף איז דאָס נאָר אַ וואַריאַציע אויף אַ שוין ניט איינמאָל געזונגענעם ניגון („אַ טייערע וואַריאַציע! גאָר אַן אויסטערליש שיינע

וואַריאַציע!״ — אָבער פּאַרט — ניט איבעריקס ווייט פון די אַנדערע, די שוין אַמאָל געוועזענע...) און דאָ — באַגעגנט ער אין דער קונסט עפּעס אַ פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגענע נייעס! אַ גאַנץ נייער אופן, ווי אַרויסצוברענגען אַ קונסט־ווערק, אָדער אַ סדרה נייע טעמעס, וואָס זיינען ביז אַהער אָדער גאָר ניט באַרירט געוואָרן, אָדער באַ־אַרבעט געוואָרן ניט אין אָט דער נייער באַלייכטונג... ווערט דער קינסטלער אַן אויפגעצאַפּלטער. אַ ניי פעלד פון שאַפן עפנט זיך אויף, אויף וועלכן עס איז נאָר איין איינציקער דורכגעגאַנגען מיט זיין אַקער־אייזן... אָט דאָס פעלד דאַרף איצטער באַאַרבעט ווערן! אָט אויף דעם פעלד, מיט אָט די נייע מעטאָדן קאָנען נאָך אַרויס־געבראַכט ווערן זאַכן, „אשר עין לא ראתם!״

ווערט דער קינסטלער אַן אָנהענגער פון דער נייער ריכטונג, פון דעם נייעם אַרט „קאַנען״, וואָס וועקט אין אים גופא פּייאיקייטן, פון וועלכע ער האָט ביז אַהער אַליין נישט געוואוסט.

עס איז מיר באַקאַנט די קאַריערע פון אַ יונגן פראַנצויזישן מאָ־לער, וואָס איז געפאַלן אין וועלט־קריג. אָנגעהויבן האָט ער מיט דין־דינע פען־צייכענונגען פון בלומען, חיות, עופות און פלאַטערלעך. ווען איך האָב געזען בלעטלעך פון זיינעם אַן אַלבאָם אַזאַ, האָט זיך מיין אויג נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיי. מיט אַזוי וויניק מיטלען און — געבן דעם אויג אַזוי פיל לעבן, אַזוי פיל פאַרשיידענע, האַר־מאָניש־שיינע אויסדרוקן פון פריידן און לײדן אין דער לעבעדיקער נאַטור! מבינים האָבן דעם יונגן מאָלער צוגעזאָגט אַ שיינע צוקונפט אין דער מאָלעריי פון דעם „אַקאַדעמישן סטיל״. נעמט דער זייער ערנסטער, דער קונסט הייס־איבערגעגעבענער יונגערמאַן און הויבט אָן מאָלן זיינע בילדער אין דער נאָר וואָס אויפגעקומענער „קוביס־טישער״ ריכטונג, וועלכער ער איז געבליבן געטריי.

מיר, די „הדיוטים״ אין קונסט־זאַכן, פאַרשטייען עד היום נישט דעם קינסטלערישן „קאַנען״. אָבער אַ שאַפונגס־גבורה האָט דאָך געמוזט שטעקן אין איר. זי איז זיכער ביז צו אַ גרויסער מאָס באַ־שטאַנען אין דער נייקייט, פרישקייט, אָריגינאַליטעט פון דעם מאָ־לערישן שאַפונגס־פּראָצעס.

ענלעכע פאַלן קאָן מען ברענגען, — אויב איך בין מיך נישט טועה, — פון אַלע קונסט־פעלדער. געוויס זיינען זיי פאַרגעקומען אויף דעם פעלד פון דער לירישער פּאָעזיע. דיכטער, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן נישט וויניק מייסטערשאַפט אין די „אַלטע״ געגראַמטע

און געסטראָפירטע פאָרמען, האָבן אַט די פאָרמען פאַרוואָרפן צוליב דעם „פרייען פערז״ („ווערז ליבר״) אָדער צוליב דיסהאַרמאָנישע גראַמען.

אונדזערע יידישע „ווערז־ליבריסטן״ פון דער „אין זיך״־גרופּע, אַן אָנגעפירטע פון דעם הויך־טאַלענטירטן א. לעיעלעס, פאַרגינען זיך דעם לוקסוריעזן שפּיל אָנצושטאָפּן גראַמען אין דעם מיטן פון זייערע פרייע פערזן. עס איז, ווי זיי וואָלטן זיך מיט אונדז, די אַלטע גראַם־ליבהאָבער, גערייצט: „אַט נאַט, זעט״, גראַמען קאָנען מיר פון אַרבל טרייסלען. און מיט אַ ביסל איבערשטעלן די ווערטער, וואָלט אַרויס אַן אויסגעצייכנט געגראַמט ליד. אָבער מיר ווילן עס נישט. מיר דאַרפן עס נישט. דעם פּאָעטישן עפעקט ברענגען מיר אַרויס מיט אַנדערע, מיט נייערע, מיט אָריגינעלערע מיטלען״.

די אָריגינאַליטעט האָט זיכער אַ גרויסע מעלה, אָבער „אַ חסרון אויך דערמיט״. אין דער יאָגעניש נאָך איר, פאַרגעסט אָפט דער קינסטלער אַלע אַנדערע באַדינגונגען פון שיינקייט אין נאַטור און קונסט. אין דעם פאָדערגרונט שטייט ביי אים דער אינטערעס צו דעם עלעמענטאַרסטן, דעם אַלגעמיינסטן באַדינג פון שיינקייט: די „ניט־פאַראינטערעסירטע״ פריידע פון דער פאָרם, און אָפטמאָל איז דאָס נישט אַזוי די שיינקייט פון דער פאָרם, וואָס מאַגנעטיזירט דעם קינסטלער, ווי אויך דעם געניסער, נאָר דעם עסטעטישן צוק, וואָס די נייקייט און די אָריגינאַליטעט ברענגען מיט זיך.

די ערנסטערע קינסטלער אַליין זיינען מבטל אַט די אַרט בוקן זיך פאַר אָריגינאַליטעט. און אין יידישע קינסטלערישע און ליטעראַרישע קרייזן האָט מען שוין אַן אייגענעם נאָמען פאַר איר. מען רופט זי: „אַנדערשיזם״, אַ באַוואוסטזיניקער שטרעבן צו זיין אָדער צו שאַפן אַנדערש, איידער די אַנדערע. ליידער ווערט אַט דער „אַנדערשיזם״ אָפט אָנגענומען פאַר אָריגינאַליטעט.

אין דער אמתן איז דער „אַנדערשיזם״ פונקט דער היפוך פון אָריגינאַליטעט. אָריגינאַל זיין — הייסט שאַפן, לויט דעם געבאָט און דעם דראַנג פון דער אייגענער נאַטור, אָן אַ ברעקל איבערטראַכט וועגן די אַנדערע, אָן אַ סימן זאָרג, צי דאָס קומט אויס, ווי ביי אַנדערע, אָדער גייט נאָר אין נייע, אייגענע וועגן. דער אַנדערשיזם אָבער האָט גראָד די אַנדערע אין זינען. ער שטרעבט נאָר צו מאַכן עפּעס, וואָס זאָל זיין ווי „ביי זיי״, עפּעס „קאַפּוירישעס״, וואָס זאָל, ווי דער קלאַפּ פון אַ פּויק, אַ צי טאָן צו זיך דעם אויפמערק.

דער „אַנדערשיזם" האָט געשפּילט אַ גאַר גרויסע ראָליע אין דער קונסט־געשיכטע פון דעם סוף נײַנצנטן און די ערשטע צענער פון אונדזער יאָרהונדערט. אָבער אויך ער האָט געהאַט זײַן באַדײַט און אויך זײַן גוטע ווירקונג, ווי יעדע „צוימען־ברעכערישע" באַוועגונג, פלעגט אויך ער אָפּרײַסן פון אײַנגעשטעלטע שאַבלאָנען און דער־מוטיקן די שאַפונגס־קראַפט צו זוכן נײַע וועגן און צו עסטעטיש־ווערטפולערע דערגרייכונגען.

עסטעטיש ווערטפול זײַנען זיי אָבער געוואָרן נישט דורך דעם „אַנדערשיזם" זייערן, נאָר צוליב די פונדאַמענטאַלע פאַרבינדונגען פאַר יעדער שיינקייט, וואָס ווערן אין דער אָדער יענער מאָס פאַר־קערפּערט אין אַלץ, וואָס רופט אין אונדז אַרויס דעם עסטעטישן „עונג רוחני" און מיט וועלכע מיר האָבן געפּרואווט דערקלערן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך: א) די אָן־פּניותדיקייט, ב) די פולקאָמענקייט, ג) די האַרמאָניע צווישן אינהאַלט און פאָרם, ד) דער פּראַכט־עקזעמ־פּליאַר פון דעם באַשטימטן מין, ה) די איבער־אינדיווידואַליטעט און ו) אַזאַ הויכער גראַד פון באַשאַפערישער קראַפט, וואָס רופט אַרויס אונדזער באַוואונדערונג און פאַרערונג.

דאָס זײַנען אַלץ פאָדערונגען, וואָס שליסן אויס דעם נוצן און דעם רייך מאַטעריעלן אינטערעס. ווען זיי אַלע פאַראײַניקן זיך אין איינעם אין אַ קינסטלערישן ווערק, האָבן מיר דעמאָלט פאַר אונדז אַ פאַרווירקלעכטן אידעאַל, אַ שטיק וועלטלעך זײַן, ווי עס זאָל זײַן.

דער מענטש איז אָבער ניט נאָר אַ „בעל יופי", וואָס ליבט שיינקייט, נאָר אויך אַ „בעל שכל" און אַ „בעל יושר". פאָדערט ער, אַז די שיינקייט פון אַ קונסט־ווערק זאָל ניט פאַטשן אין פּנים ניט די פאָדערונגען פון דעם אמת, — ניט נאָר דעם קינסטלערישן אמת, — ניט די פאָדערונגען פון דעם יושר. אָבער אויך אָט די פאָדערונגען זײַנען פון דעמזעלביקן כאַראַקטער, ווי די אַנטי־אוטי־ליטאַרישע פאָדערונגען פון שיינקייט. מיר וועלן דאָס פּרואוון באַ־ווײַזן אין די קומענדיקע קאַפּיטלעך.

נאָר ווען אַ שטיקל „וועלטלעך זײַן" פאַראײַניקט אין זיך אָט די אַלע פאָדערונגען אין זייער עסטעטישער, אינטעלעקטועלער און מאָ־ראַלישער אויסגעשטאַלטונג, קאָן דער מענטש געניסן דעם העכסטן „עונג רוחני" אין דער פולסטער מאָס.

## קאַפּיטל צוועלף

# די ראַליע פון יושר

פון דעם ענין שיינקייט — צו וועלכן ענין זאָלן מיר אַריבערגיין? צו יושר, צי צו אמת?

מיר גיבן דאָ די בכורה דעם יושר, ניט ווייל מיר האַלטן, אַז אין אונדזער אָפּשאַץ דאַרף ער שטיין העכער פאַר דעם אמת, אָדער ווייל זיין ראָלע אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור איז אַ באַדייטנדיקערע, איידער די ראָליע פון דעם אמת.

מיר טוען דאָס, ווייל ער שטייט נעענטער צו שיינקייט, איידער צו אמת. די נאָענטקייט זייערע באַשטייט דערין, וואָס סיי אין שיינקייט, סיי אין יושר שפּילט דער אָפּשאַץ אין געפיל אַ סך אַ גרעסערע ראָליע, איידער דער אָפּשאַץ אין שכל; דערפאַר אָבער שטעלט דער יושר מיט זיך פאָר, ווי מיר וועלן באַלד זען, אַ שאַרפן קעגנזאַץ אי צו אמת, אי צו שיינקייט, גראָד אין דעם פּרט פון אָפּשאַץ אין געפיל.

נאָר קודם — וואָס פאַרשטייען מיר דאָ אונטער דעם נאָמען „יושר״? אונטער אָט דעם נאָמען פאַרשטייען מיר ניט נאָר אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט די ענינים פון „גערעכטיקייט״ און אומגערעכטיקייט, — ווי דאָס פאָדערט דער טייטש פון דעם העברייאישן וואָרט. מיט דעם נאָמען „יושר״ נעמען מיר דאָ אַרום אַלע ענינים, וואָס ווערן אויסגעפאָרשט אין דער וויסנשאַפט פון דער עטיק און דער מאָראַל.

די צוויי צווייגן, וואָס בילדן אייגנטלעך איין אייניציק פעלד פון דער מענטשלעכער קולטור, — און ניט דאָ איז דער אָרט, צו פּרואוון ציען אַ שאַרפע גרענעץ צווישן זיי, — אויב אַזאַ גרענעץ לאָזט זיך בכלל ציען, — זיי ביידע, זאָג איך, באַרוען, ווי אַלע קולטור־פעלדער, אויף דער איינטיילונג פון דערשיינונגען אין „גוטע״, „שלעכטע״ און אין אַזעלכע, וואָס שטייען אויף די מיטל־שטופן צווישן די צוויי פאָליוסן פון מענטשלעכן אָפּשאַץ.

אין דער עסטעטיק, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם ענין שיינקייט, ווערט דער פּאָליאַרער קעגנזאַץ פון „גוט״ און „שלעכט״ כאַראַקטעריזירט מיט די ווערטער „שיין״ און „מיאוס״, אָדער „פּרעכטיק״ און „העסלעך״ וכדומה. אין דער עטיק און דער מאָראַל האָט דאָס „גוטע״ און „שלעכטע״ אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער: זיי ווערן באַצייכנט מיט די ווערטער: גערעכט־אומגערעכט, ערלעך־„לייטיש״־אומערלעך, חשוב־

שפּל, אידל־געמיין־פֿאַרדאַרבן און דער עיקר: מענטשלעך־אוממענטש־לעך.

דאָס זיינע אַלץ כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס קאָנען ניט אָנגעווענדט ווערן דירעקט אויף די דערשיינונגען פֿון עסטעטישער שיינקייט אָדער מיאוסקייט. אָבער צוריק קאָן די עסטעטישע איינטיילונג אין „שיין" און „מיאוס" אַלע מאָל אָנגעווענדט ווערן אויף די ענינים פֿון עטיק און מאָראַל. אַלץ, וואָס אין זיי ווערט באַטראַכט ווי „גוט" („טוב") ווערט אויך כאַראַקטעריזירט ווי „שיין", און אַלץ, וואָס אין זיי איז שלעכט („רע") הייסט אויך „מיאוס", „עקלהאַפט" וכדומה.

דאָ שפּרינגט קלאָר אַרויס די נאָענטקייט פֿון יושר צו שיינקייט, — אַזאַ נאָענטקייט, וואָס טרייבט אייניקע דענקער צו באַטראַכטן די עטישע און עסטעטישע ענינים ניט מער ווי אַ וואַריאַציע, אַ באַ־שטימטע אויסגעשטאַלטונג פֿון דעם ריין עסטעטישן אָפּשאַץ. דאָס איז זיכער גאָר אַ גרויסע גוזמא. מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, אַז די ריין מאָראַלישע כאַראַקטעריזירונגען קאָנען ניט אָנגעווענדט ווערן, — סיידן „איראָניש" — אויף די ריין עסטעטישע. די מיאוסטע פּיגור, אָדער דאָס שלעכטסטע שטיקל קונסט־אַרבעט קאָנען נאָר איראָניש באַצייכנט ווערן, ווי „מנובלדיקע".

שוין נעענטער צו דער ווירקלעכקייט וואָלט געווען, ווען מען וואָלט די עסטעטישע איינטיילונג אין „שיין" און „מיאוס" זיך פֿאָר־שטעלן ווי אַ גרויסן קרייז, וואָס אינעווייניק אין אים איז פֿאַראַן אַן ענגערער קרייז: די איינטיילונג זאָגן מיר, איז „מענטשלעך־אוממענטש־לעך", דעמאָלט וואָלט געהייסן: ניט אַלץ, וואָס איז „שיין" איז מענטש־לעך, אָבער אַלץ, וואָס איז „מענטשלעך" איז „שיין". ס'קאָן זיין, דאָס לאָזט זיך דורכפֿירן: די אינעווייניקסטע שייכותן צווישן די „עולמות העליונים" פֿון דער מענטשלעכער קולטור, צווישן אמת, יושר און שיינקייט (אויב מען זאָל נאָר דערצו אַריינרעכענען דעם פֿערטן „עולם העליון" — די רעליגיע, וואָס אירע יסודות זיינען הייליקייט, אייביקייט און אומענדלעכקייט), — אָט די צווישן־שייכותן זיינען נאָך כמעט גאָר ניט אויסגעפֿאָרשט געוואָרן אויף אַ וויסנשאַפֿטלעכן אופֿן.

אָבער מיר דוכט, אַז דער „יושר" — אין דעם ברייטסטן זין פֿון מאָראַל און עטיק — קאָן בשום אופֿן ניט אַריינגעקוועטשט ווערן, ווי אַ קלענערער קרייז אין דעם ברייטערן קרייז פֿון שיינקייט.

אויב די מאָראַל זאָל זיין נאָר אַ קרייז אין דער עסטעטיק, וואָלט דער תוך זייערער, — דער אָפּשאַץ אין געפֿיל, — געווען פֿון

דעמזעלביקן כאַראַקטער. די נאַענטקייט זייערע ליגט טאַקע דערין ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט, וואָס אין זייביידן שפּילט די הויפּט־ראָליע דער אַפּשאַץ אין געפיל. אָבער — וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט שטעלט מיט זיך פאָר דער מאָראַלישער געפיל־אַפּשאַץ, ווען מען פאַרגלייכט אים מיט די געפיל־אַפּשאַצן אין די ענינים פון „שיינקייט" און אין די ענינים פון „אמת". עסטעטישע „מיאוסקייטן", זיינען מיר העכסטנס מבזה. קיין געפילן פון האַס רופן זיי ניט אַרויס. ניט אומזיסט זאָגט אַ יידיש ווערטל, אַז „שנאת חנם איז ווען מען האָט פיינט אַ שוואַרצע מויד". ערלעך געמיינטע טעותן אויף דעם פעלד פון אמת באַדויערן מיר. אָבער מאָראַלישע געמיינהייטן און אוממענטשלעכקייטן באַליי־דיקן אונדז, קאָנען אויפברויזן אין אונדז די געפילן פון דעם ברענענ־דיקסטן כעס און פון דער שווער איינצושטילנדיקער נקמה. כעס און נקמה קאָנען אָבער בכלל ניט שפּילן קיין ממשותדיקע ראָליע אין יענע געפיל־אַפּשאַצן, מיט וועלכע מיר נעמען אויף די ענינים פון שיינקייט און פון אמת.

דערביי איז אפשר אויך ניט אויסן וועג צו באַמערקן, אַז דער געפיל פון „מקנא זיין" קאָן גריילעך אויפקומען אויך אין זיי. אַ מיאוסער קאָן מקנא זיין אַ שיינעם. אַ ווייניקער קלוגער קאָן מקנא זיין אַ „חכם עתיק". זיי ביידע וואָלטן וועלן האָבן דאָס, וואָס זיי פעלט און וואָס די אַנדערע האָבן. אָבער ס'איז גאָר אַ גרויסע שאלה, צי אַ „מנוול" קאָן מקנא זיין אַן ערלעכן און יושרדיקן מענטשן... אַך, ווען ער וואָלט דאָס געקאָנט, און גאָר שטאַרק! עס איז אָבער אַ סברה, אַז דאָס רוב מנוולים, — ניט נאָר זיינען זיי ניט מקנא די ערלעכע און אידעלע, זיי זיינען זיי נאָך מבזה אין זייערע הערצער...

און לאָמיר דאָ באַטראַכטן דעם ענין יושר, אָדער „מאָראַל", אויב מיר זאָלן זיי ניט אונטערשיידן פון דער „עטיק", — ווי אַ זעלבסט־שטענדיקן צווייג, וואָס פאַרדאַנקט ניט זיין עקזיסטענץ ניט דער „שיינקייט", ניט דעם „אמת", הגם זיי אַלע דריי ציען זייער מאַגנעטישע קראַפט איבער דעם מענטשנס נשמה פון דיזעלביקע וואָרצלען, וועלכע מיר האָבן געפּרוּווט אויפדעקן אין דעם ענין „שיינקייט".

לאָזט מיך דאָ דערמאָנען זיי, יענע „פונדאַמענטאַלע באַדינגונגען", וואָס רופן אין אונדז אַרויס די עסטעטישע הנאות.

ערשטנס איז דאָס די ניט פאַראינטערעסירטע פרייד, די אָנ־פניותדיקייט פון דער עסטעטישער הנאה ביי דעם אָנבליק פון אַ דרויסנלעכער זאַך. די פרייד פון דעם הונגעריקן, ווען ער זעט פאַר

זיך אַ „פֿאַרשמאַדזשעטע" פּאַן מיט געפּרעגלטע לעבערלעך, איז ניט די עסטעטישע פֿרייד, וואָס דער אַנגעזעטיקטער האָט, ווען ער זעט פֿאַר זיך אַ שיינע גריכישע וואַזע.

צווייטנס איז דאָס די פֿולקאָמענקייט, ווי ווען די בלומען אין דער וואַזע זיינען אַראַנזשירט אַזוי, ווי זיי זאָלן זיין עסטעטיש צונויפֿ־געשטעלט.

דריטנס איז דאָס די האַרמאָניע צווישן פֿאָרם און אינהאַלט: די שיינקייט פֿון אַ לייב, צ. ב., איז פֿאַרשיידן פֿון דער שיינקייט פֿון אַ פֿערד. די אינהאַלטן „לייב" און „פֿערד" באַשטימען דאָ, וועלכע דרויסנלעכע פֿאָרם איז אין האַרמאָניע מיט זיי און דאַרף באַטראַכט ווערן פֿאַר „שיין".

פֿערטנס איז דאָס דער אידעאַל פֿון דעם מין, צו וועלכן די זאַך געהערט, ווי צ. ב., די שיינקייט פֿון דער ווענוס־סטאַטוע אין דעם לוּאָווער אין פּאַריז — וואָס ווערט פֿון אַלע מבינים באַטראַכט ווי „פּראַכט־עקזעמפּליאַר" פֿון אַ באַשטימטן מין.

פֿינפֿטנס איז דאָס דער עלעמענט פֿון „איבער אינדיווידועל". אויב „מיין" קינד איז נאָר „מיר" שיין, הייסט דאָס ניט, אַז ער דאַרף באַ־טראַכט ווערן ווי „שיין" אין אַן אַלגעמיינעם אָפּשאַץ.

און לסוף, זעקסטנס, די באַוואונדערונג פֿון דעם מענטשנס שאַ־פֿונגס־קראַפֿט אין די פּראָדוקטן פֿון דער מענטשלעכער קונסט, — די באַוואונדערונג פֿון דער „גבורה", וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די „תּפֿארת". דאָס קומט, צ. ב., ווען מיר באַוואונדערן דעם קינסטלערישן טאַלאַנט פֿון אַן אַקטיאָר, וואָס שפּילט גאָר אפֿשר די ראָליע פֿון אַ פּיזיש העס־לעכן און מאָראַליש עקלהאַפֿטיקן מנובל.

די זעלביקע „וואָרצלען", אָדער „פֿונדאַמענטאַלע פֿאָדערונגען" וועלן מיר געפֿינען אויך אין יענעם קולטור־פֿעלד, וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם נאָמען „יושר", אָדער „מאָראַל", און וואָס כאַראַקטעריזירט אירע איינטיילונגען, דער עיקר, מיט די ווערטער: „מענטשלעך"־„אוממענטש־לעך". דער באַגריף „מענטש" באַשטימט מיט זיך ניט נאָר דעם קולטור־צווייג פֿון דער מאָראַל. ער איז דער „דעטערמינאַטיווער פּרינ־ציפּ" פֿאַר דעם גאַנצן ענין פֿון דער מענטשלעכער קולטור, — אַפֿילו פֿאַר דעם „אוטיליטאַרישן" פֿעלד אירן, וואו דאָס „גוטע" (דער „טוב") פֿאַר דעם מענטשן ווערט באַקליידט מיט דעם וואָרט „ניצלעך", און דאָס שלעכטע (דאָס „רע") — מיט דעם וואָרט „שעדלעך". אָבער אויף קיין פֿעלד פֿון דער מענטשלעכער קולטור שפּילט ניט דער באַגריף

„מענטש״ אַזאַ דאָמינירנדיקע רעאַליע, ווי גראָד אויף דעם פעלד פון יושר.

און דאָס איז, וואָס מאַכט די מאָראַל פאַר אַן אַבסאָלוט נייער דערשיינונג אין די פּראָצעסן פון דער וועלט־אַנטוויקלונג. שיינקייט איז אויך דאָ אין דער נאַטור, דער לעבעדיקער, ווי דער ניט לעבעדיקער. דערקענטעניש, ד. ה. אַ שטרעבן אויסצוגעפינען דעם „אמת״ וועגן אַ וועלכער עס איז זאַך, באַמערקט מען אויך ביי חיות. אָבער מאָראַלישע פאָדערונגען, שטרענגע און אָפטמאָל האַרטע און צו־האַרטע, קאָן מען שטעלן נאָר דעם מענטשן. דער מענטש נעמט אָן, — מיט רעכט, צי מיט אומרעכט, — אַז אַ מענטש איז ניט נאָר אַ בר־דעת, נאָר אויך אַ בן בחירה, אַז ער האָט אַ פרייען ווילן, פון וועלכן מען קאָן און זאָל פאָדערן „יושר״.

איז אָבער דער מענטש אויך אַ בעל־יושר? — וועגן דעם אין דעם קומענדיקן אַרטיקל.

## קאַפּיטל דרייצן

# צווישן עטיק און עסטעטיק

ס׳איז שווער צו רעדן אין אונדזער צייט וועגן אַזאַ זאַך ווי מאָראַל, וועגן „מענטשלעכקייט״, „יושר״ און אַלע אַנדערע מדות טובות, אין וועלכע די שפּראַך קליידט אָן די דערשיינונגען פון מאָראַלישן „טוב ורע״. „וואו איז זי דאָ, די מאָראַל?״ — אַזאַ פראַגע מוז ניט ווילנדיק אויפקומען ביי אונדז, דער עיקר, ווען פון די פּאַסירונגען אין דער מענטשלעכער וועלט ווערט פינצטער אין די אויגן.

וואו איז פאַראַן אַט דער יושר? צי איז ניט דער גאַנצער ענין פון דער מאָראַל ניט מער ווי אַ דמיון, אַן אויסגעטראַכטע אייַנרעדעניש, אפשר ניט מער ווי צוליב אוטיליטאַריסטישע, אין לעצטן גרונט ריין עגאָאיסטישע צילן?

ווי אָפט שווימען אַרויף אין זכרון די פערזן פון אַ רוסישן דיכטער, — איך געדענק שוין ניט וועלכן: „די זעלבע חושכניש אַרום, נאָך אַלץ די לופט פאַרשטיקט; די וועלט גייט אַ מסוכן שווערן גאַנג. דער מענטש — אַן אימה ווי אוממענטשלעך! דעם שוואַכן איז ניטאָ אין ערגעץ ניט קיין הילף״.

גראַד אין אַזוינע צייטן ווי אונדזערע, צייטן פון מסוכן שווערע מאָראַלישע קאַטאַסטראָפעס, מוז מען צווינגען זיך אַליין, אַריינצוטראַכטן זיך אין דעם ענין פון מאָראַל, „מענטשלעכקייט" און „יושר", איז דער מענטש אין דער אמתן אַ בעל־יושר? — נעמט מען אָבער אויף דעם ענין וויסנשאַפטלעך און אָביעקטיוו, מוז מען קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז „דער מענטש", ד. ה. יעדער מענטש, — אַחוץ גאָר קליינע אָבנאָרמאַלע אויסנאַמען, — האָט גאַנץ זיכער אַ מאָראַלישן באַוואוסטזיין, אַ באַוואוסטזיין פון יושר און אַוולעס. — מער נישט, דער דאָזיקער יושר איז פאַרשיידן, לויט די פאַרשיידענע היסטאָרישע פעריאָדן, לויט די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און גרופּן, לויט די פאַרשיידענע אידייאישע שטרעמונגען און אַפילו לויט די פאַרשיידענע אינדיווידועןן.

נעמען מיר אַזאַ ביישפּיל, — אַן עפּיזאָד פון דעם בירגער־קריג אין ראַטנלאַנד, וועלכן באַריס סאַווינקאָוו ברענגט אין זיין „בלייכע פערד". אַ סאָלדאַטל פון זיין אָפּטייל אין בולאַק־בולאַכאָוויטשעס אַרמיי, — זיכער אַ פולבלוטיקער פּאַגראָמשטשיק, — האָט בעת אַ „קליינעם פּאָגראָמל" פאַרגוואַלטיקט אַ יידישע טאָכטער. סאַווינקאָוו האָט אים געשטעלט צו זיין אייגענעם געריכט. דער סאָלדאַטל האָט זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס „זי איז דאָך אַ יידישקע!" — אויף סאַווינקאָווס באַפעל איז דער סאָלדאַטל דערשאָסן געוואָרן. האָט דאָס אַרויסגערופן אַ שטאַרקן געמורמל ביי די איבעריקע סאָלדאַטן. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דעם סאָלדאַטל האָט געקומט אַזאַ האַרבע שטראָף. אין דער אמתן, „זי איז דאָך געווען אַ יידישקע!" (זשידאָווקאַ!")

איך רעד דאָ ניט וועגן דעם מאָראַלישן פּרצוף פון יענעם סאָלדאַטל, וואָס איז זיכער געשטאַנען אונטער דער אוראַלטער פּסיכאָלאָגיע פון דער קריגס־מאָראַל, וואָס האָט דערלויבט די פאַרגוואַלטיקונג פון פרויען אין דעם „שונאס" לאַגער. איך האָב דאָ אין זינען די הונדערטער סאָלדאַטן, וואָס האָבן געפילט דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט אַנטקעגן דעם „אכזריותדיקן" אורטייל. וואָס זיינען די? חיות, אָדער מענטשן מיט אַ מאָראַלישן באַוואוסטזיין? זיכער: מענטשן. לויט זייער מאָראַל, האָבן זיי געפילט, אַז ס'איז ניט קיין יושר מען זאָל פאַר אַזאַ אייגנטלעך גאָר ניט אַזאַ האַרבן, חטא ווי פאַרגוואַלטיקן אַ „זשידאָווקאַ", דערשיסן אַ מענטשן...

איז דאָס זיכער אַ מאָראַלישער באַוואוסטזיין, — אַ פּרימיטיווער

ווילדער, „אוממענטשלעכער״, אָבער פּאָרט אַ מאָראַלישער. אין די פּראָ־טעסט־געפילן פון סאַווינקאָווס סאָלדאַטן האָט גערעדט אַ פּרימיטיוו־מענטשלעכע מאָראַל, אָבער פּאָרט אַ מאָראַל: אַ פּראָטעסט אַנטקעגן אַ באַגאַנגענער עוולה, — ניט אַנטקעגן דער פאַרגוואַלטיקטער „זשי־דאָווקאַ״, נאָר אַנטקעגן אַן „אייגענעם״ מענטשן, אַ ווייניק שולדיקן אין זייערע אויגן.

לייענט מען וועגן די ווילדע מעשים פון יעדער מאַסע מענטשן, — אַפילו פון די געבילדעטסטע, — אין די צייטן פון קריג, פון אַן אויפ־שטאַנד, פון אַ טעראָריסטישן רעגירונגס־קאַמף, — ווערט ערשט פאַר־שטאַרקט דער מאָראַלישער סקעפּטיציזם, און עס איז באמת שווער ניט אַרויסצולאָזן פון דער האַנט דעם באַלאַנס־שטאַנג פון דעם אָב־יעקטיוון איבערטראַכט. די אַלטע פראַגע וועגן דער מציאות גופא פון אַ מענטשלעכן יושר־געפיל וואַקסט דערביי אויס אין קאָלאָסאַלע מאָסן.

אָבער וואָס איז דער זין פון דער שאלה גופא? — מיר ווערן פאַרצווייפלט, און אונדזער צווייפל איז, צי איז בכלל דאָ אויף דער וועלט אַזאַ מין זאַך ווי מאָראַל. פאַרוואָס צווייפלען מיר? פאַרוואָס ווערן מיר פאַרצווייפלט? ווייל „מלאה הארץ חמס״: די וועלט — די מענטשלעכע — איז פול מיט רציחה, שווינדל, אונטערדריקונג, היפּאָ־קריטענטום, פאַרשקלאַפונג און אַלע „זיבן טויט־זינד״. אָבער — פאַרוואָס שטויסט דאָס אונדז אָפּ? פאַרוואָס רופט דאָס אין אונדז אַרויס אַ מאָראַלישן פּראָטעסט און אָפּטמאָל... „מאָראַלישע רציחה־געפילן״? ניט פאַר קיין אַנדער זאַך ווי נאָר דערפאַר, וואָס מיר זיינען מענטשן, און ניט קיין צוויי־פיסיקע חיות; ווייל דער מענטש איז ניט נאָר אַ בעל שכל, נאָר אויך אַ בעל יושר, וואָס האָט אַ מאָראַלישן מאַסשטאַב, מיט וועלכן צו מעסטן יושרס און עוולהס. און ווען מיר זעען, אַז „אַלץ דיזעלבע חושכניש אַרום״ און אַז „דער מענטש איז אַן אימה ווי אוממענטשלעך״, נעמט אונדז אָן אַ צער פאַר דעם מענטשן, ווייל דער „מענטש״ איז דאָ ניט ווי אַ מענטש זאָל זיין.

אויף אַלע פעלדער פון דער מענטשלעכער קולטור הערשט דער דאַזיקער „עס זאָל זיין״! דער „יהי!״ אַפילו אויף דעם ריין אוטילי־טאַריסטישן פעלד, וואו דער „טוב״ און „רע״ ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער: „ניצלעך־שעדלעך״, ליגט שוין אין דעם באַגריף „שעדלעך״ אַ געוויסער פּראָטעסט אַנטקעגן דעם ריין אוטיליטאַרישן, עגאָאיסטישן „רע״. דאָס „שעדלעכע״ זאָל ניט עקזיסטירן. והוא הדין

מיט דעם באַגריף: „ניצלעך". אויך אין אים איז איינגעוויקלט אַן „אימפּעראַטיוו", אַ באַפעל, אַן „עס זאָל זיין", — „יהי טוב!" עס זאָל זיין דאָס, וואָס איז ניצלעך.

און אַזוי איז דאָס אויך מיט אַלע אַנדערע פעלדער פון דער מענטשלעכער קולטור: אין דער שיינקייט, — דער עסטעטיק, — ליגט איינגעבעט דער שטילער מענטשלעכער באַפעל פון „יהי טוב!". עס זאָל זיין וואָס איז עסטעטיש „גוט",— דאָס שיינע. און עס זאָל ניט זיין דער עסטעטישער „רע", — דאָס מיאוסע און העסלעכע.

און ניט אַנדערש איז עס אויך מיט די צוויי אַנדערע פעלדער פון דער העכערער מענטשלעכער קולטור, — דעם שטרעבן צו אמת אין דער דערקענטעניש און צו הייליקייט אין דעם רעליגיעזן לעבן. שקר, טעותן און פאַלשקייטן זאָלן פאַרשווינדן! דער אמת זאָל טריאומפירן, ווייל ער איז — דער אמת! רעליגיעזע „אומווירדיקייטן" זאָלן אויס־געראָטן ווערן! רעליגיעזע הייליקייטן זאָלן רעספּעקטירט ווערן און אָנ־פילן אונדזער נשמה!

אויף אַלע פעלדער פון דער מענטשלעכער קולטור הערשט דער כלל פון „עשה טוב וסור מרע". קלייב אויס דאָס „גוטע", — דאָס ניצלעכע, שיינע, אמתע, איידעלע און הייליקע. פאַרוואַרף דאָס „שלעכ־טע", — דאָס שעדלעכע, מיאוסע, פאַלשע, געמיינע און אומווירדיקע!

דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור־באַוואוסטזיין, — אָנגעהויבן פון דער נידער, פון דער ריין אוטיליטאַריסטישער טעכניק ביז און מיט צו די העכסטע הויכן פון רעליגיעזער הייליקייט, האַלט זיך אויף דעם מענטשלעכן „עס זאָל!" אָבער אויף קיין פעלד איז דער „עס זאָל" ניט אַזוי שאַרף, ניט אַזוי „קאַטעגאָריש באַפעלנדיק" (קאַנטס אַן אויסדרוק, וואָס פאָרמולירט נאָר אַ פאַקטישן צושטאַנד פון אַ מענטש־לעכן באַוואוסטזיין), ווי גראָד אויף דעם פעלד פון דעם מאָראַלישן „טוב ורע".

בלייבן מיר ביי דעם פאַראַלעל צווישן עטיק און עסטעטיק, זעען מיר תיכף איין, אַז דעם מענטשנס שטעלונג אין געפיל צו דעם מאָראַלישן „טוב ורע" איז דורכאויס פאַרשיידן פון דעם עסטעטישן איינשטעל, סיי אין דער פּראַקטיקע, סיי אין דער טעאָריע.

מיר האָבן שוין פריער געהאַט די געלעגנהייט צו באַמערקן, אַז צו דעם עסטעטישן „רע" שטעלן מיר זיך זייער טאָלעראַנט. העכסטנס זיינען מיר מבזה. אַ הויקער, צ. ב., דאָס רוב זייער ניט קיין עסטעט־טישער פענאָמען, — קאָן אין אונדז אַרויסרופן געפילן פון מיטלייד.

ווענן „מחילה און סליחה״ קאָן דאָ גאָר קיין רייד ניט זיין, אָבער מאָראַלישע פּאַרהויקערטקייטן ווערן אין אונדזער געפיל שאַרף באַ־שטראָפט. מיר קאָנען זיי ניט „מוחל זיין״. אויף אַ גאָר הויכער שטופע פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין טרעט יע אויף די „מחילה וסליחה״. אָבער נאָר אויף די מענטשן. מיר באַדויערן זייער מאָראַלישע פאַר־דאַרבנקייט, אָבער מיר קאָנען ניט מוחל זיין זייער אוממענטשלעכע מעשים. ווי האָט די מאָראַליש־גאָניאַלע ברוריה אשת ר׳ מאיר אמאָל געזאָגט? „יתמו חטאים כתיב, ולא חוטאים״. די זינד די אוממענטש־לעכע מעשים זאָלן אויפהערן, אָבער ניט די זינדיקע! זיי, די מאָראַ־ליש־זינדיקע, נעמט ברוריהס ליבנדיקע האַרץ אַרום מיט „סליחה ומחילה״. און — אָן אָן אונטערשייד צווישן עסטעטיק און עטיק. די עסטעטיש־פּאָזיטיווע דערשיינונגען, — אַפילו די העכסטע מדרגות פון שיינקייט — רופן אין אונדז אַרויס הנאהדיקע התפעלות, באַ־וואונדערונג. די מאָראַליש־פּאָזיטיווע דערשיינונגען, — די העכסטע מדרגות פון דעם מאָראַלישן „כי טוב״, — דערוועקן אָבער אין אונדז אַ געפיל, וואָס גרענעצט זיך שוין מיט רעליגיע: זיי ווערן פון אונדז אַרומגענומען ניט נאָר מיט באַוואונדערונג און פאַרערונג, נאָר אויך מיט פאַרהייליקונג. עס זיינען ניטאָ קיין העלדן אין דעם עסטעטישן שאַפן, וואָס פאַר אַ „מאדימס״ די קינסטלער זאָלן ניט זיין אין אַרויסברענגען קונסט־ווערק. „העלדן״ און „העראָען־קולט״ זיינען דענקבאַר נאָר אויף די פעלדער פון מאָראַל און פון דער רעליגיע. און אויך אין דער רעליגיע — נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זי פליסט צונויף מיט מאָראַל. „טהורים וקדושים״ זיינען אויך אין דער רעליגיע מענטשן פון העכסטן מאָראַלישן קאַליבער: מענטשן פון שאַרפער זעלבסט־דיסציפּלין, מענטשן, וואָס גייען אויף „מסירת נפש״, וואָס גייען „על קידוש השם״ און זיינען זיך מקריב פאַר זייער גלויבן, — פּונקט ווי די העלדן פון דעם ריין מענטשלעך־מאָראַלישן באַ־וואוסטזיין.

לסוף האָבן מיר אין דער מאָראַל אַ געפיל־צושטאַנד, וואָס פעלט לגמרי אין דער עסטעטיק: דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר פאָדערן פון די „אוממענטשלעכע״ מענטשן אַ „דין וחשבון״. מיר פאָדערן דאָס שלעכטס זאָל אויסגעראָטן ווערן. און מיר פילן זיך אַליין שולדיק, אויב מיר קאָנען עפּעס טאָן, כדי צו העלפן אויסראָטן דאָס שלעכטס, און מיר טוען דאָס נישט. פאַר דעם עסטעטישן שלעכטס, ווי פאַר מענטשלעכע נאַרישקייטן, זיינען מיר ניט פאַראַנטוואָרטלעך.

דער עטישער „רע״ (פון אַנדערע) ליגט ווי אַ חוב אויף אונדז, וועלכן מיר דאַרפן „גוט מאַכן״. „ובערת הרע מקרבך״, — זע אויסצוראָטן דאָס שלעכטס פון דיין מיט.

אויב אין אונדזער יידישער רעליגיע זיינען „כל ישראל ערבים זה בזה״, זיינען אין אונדזער מענטשלעכער מאָראַל „כל בני אדם ערבים זה בזה״. אין דער עסטעטיק איז אַזאַ קעגנזייטיקע אַלמענטשלעכע ערבות פשוט אומדענקבאַר.

## קאַפּיטל פערצן

# מאָראַלישער באַוואוסטזיין

סיי אונדזער עסטעטישער באַוואוסטזיין פון „שיין״ און „מיאוס״, סיי אונדזער מאָראַלישער באַוואוסטזיין פון „מענטשלעך״ און „אומ־מענטשלעך״ („איידל״, „געמיין״; „ברוטאַל״, „בעסטיאַל״) זיינען אַרויס־וויזונגען פון אונדזער אינעווייניקסטן פּסיכישן לעבן. זיכער זיינען זיי דאָס אין דער ערשטער ליניע. די אידעאַליסטישע אָדער ספּיריטואַ־ליסטישע פילאָסאָפיע מעג אָננעמען, אַז שטאַמען, שטאַמען זיי אין דער לעצטער ליניע פון אַן איבערמענטשלעכן גייסטיקן קוואַל, פון וועלכן זיי שטראָמען אַריין אין אונדזער נשמה.

די עסטעטישע שיינקייטן און מיאוסקייטן נעמען מיר אויף ווי אָביעקטיווע דערשיינונגען, וועלכע מיר טרעפן אָן אין דער גאַנצער נאַטור, — אַפילו דער ניט־לעבעדיקער. אַ שיינער פּייזאַזש, צ. ב., איז, לויט אונדזער אויפנעם, „אין זיך גופא״ שיין, צי ער ווערט געזען פון אַ מענטשלעכן אויג אָדער ניט. אָבער די מאָראַלישע איינטיילונגען, — דער עיקר, ווען מיר באַנוצן די היפּוכים פון „מענטשלעך״ און „ברוטאַל״, — באַטראַכט מען פאַר ריין סוביעקטיווע, וואָס האָבן אין ערגעץ קיין מציאות מחוץ פון דער מענטשלעכער וועלט, און פון דעם מענטשלעכן אָפּשאַץ. ווען אַ וואָלף פאַרצוקט אַ שעפּס, אָדער אַ שפּין טויט אַ פליג, ווערט אַזאַ האַנדלונג באַטראַכט ווי אַ נאַטירלעכע דער־שיינונג, בשום אופן ניט ווי אַ רציחה־אַקט. ווי רציחות ווערן אַזוינע האַנדלונגען באַטראַכט נאָר דעמאָלט, ווען זיי קומען פאָר צווישן מענטש און מענטש.

פון דער אַנדער זייט זיינען די עסטעטישע איינדרוקן, הגם זיי שטעלן זיך אונדז פאָר ווי אָביעקטיווע, בשום אופן ניט פאַרבונדן מיט אַ וועלכן־עס־איז בינדנדיקן „מוז״. עס איז פאַר קיינעם ניט קיין חוב אויפצונעמען דעם „שיינעם״ פּייזאַזש ווי אַ שיינעם און האָבן אַן עסטעטישע הנאה פון אים. בעת אונדזערע מאָראַלישע אורטיילן, הגם זיי טראָגן אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענעם סוביעקטיוו־מענטשלעכן כאַראַקטער, טראָגן מיט זיך אויך אַ קלאָרע פאַרבינדלעכקייט, אַ התחייבות. עס ווערט אָנגענומען ווי אַ חוב פאַר יעדן מענטשן צו באַטראַכטן אַ יושדיקע האַנדלונג ווי אַ מענטשלעכע, אַ מאָראַלישע, און אַן אומיושרדיקע האַנדלונג, ווי אַן „אוממענטשלעכע״, און עס ווערט געפאָדערט, אַז אָט די כאַראַקטעריסטיש־מאָראַלישע שטעלונג זאָל האָבן אַ ווירקונג ניט נאָר אויף אונדזער אייגענעם אויפפיר, נאָר אויך אויף אונדזערע געפילן פון סימפּאַטיע און אַנטיפּאַטיע בנוגע די האַנדלונגען פון די מיט־מענטשן.

דער ריינער סוביעקטיוו־מענטשלעכער כאַראַקטער פון אונדזער מאָראַלישן באַוואוסטזיין, דער טעאָרעטישער איינזען, אַז די מאָראַלישע אָפּשאַצונגען פון „מענטשלעכקייט״ ־ „אוממענטשלעכקייט״ זיינען ניט חל אויף די נאַטור־דערשיינונגען, האָט געטריבן אַ סך ערנסטע דענקער פון אַ מאַטעריאַליסטישן אָדער ריין נאַטוראַליסטישן איינשטעל פאַנאַנדערצעפּאַלמעסן די מאָראַל מיט די מעסערס פון דער שאַרפסטער קריטיק און אָפטמאָל אינגאַנצן מבטל צו זיין די מאָראַלישע איינטיילונגען אין „מענטשלעך־אוממענטשלעך״, „איידל״־„געמיין״, „יושרס״ און „עוולהס״, וכו׳, וכו׳, וכו׳.

דער נאַטוראַליסטיש־איינגעשטעלטער דענקער גייט אַרויס פונעם גרונט־פּרינציפּ, אַז יעדע האַנדלונג איז אַ פּראָדוקט פון דעם זעלבסט־דערהאַלטונגס־אָנטרייב אין דעם מענטשן, פון זיין שטרעבן צו זעלבסט־באַפרידיקונג, צו זיין אייגענעם גליק, און צו זיין אייגענער הנאה. הנאה איז הנאה. און זי איז די הויפּט־זאַך. הײנט וואָס איז די נפקא מינה, צי איינער האָט הנאה פון גליקלעך באַשווינדלען דעם אַנדערן, אָדער ער פילט זיך גאָר געהויבן, ווען ער טוט דעם אַנדערן אַן ערנסטע טובה?

דאָס איז ערשטנס. והשנית, דאַרף מען, לויט דער זעלביקער נאַטוראַליסטישער טעאָריע, אָננעמען, אַז די גאַנצע מענטשלעכע מאָראַל איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם נאַטירלעכן שטרעבן צו ניצלעכקייט, פריער פאַר יעדן יחיד, דערנאָך פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט. אויך

דער נוצן פאַר דעם קיום פון דער גאַנצער געזעלשאַפט דאַרף, לויט דער נאַטוראַליסטישער טעאָריע, צוריקגעפירט ווערן צו דער אוטילי־טאַריסטישער פסיכאָלאָגיע פון יעדן יחיד. דער „מאָראַלישער" מענטש פרעגט זיך אַליין: וואָלט איך געוואָלט, מען זאָל זיך אַזוי באַגיין מיט מיר? (באַשווינדלען, אויסרויבן, טויטן; אָדער צוריק: זיין ערלעך מיט מיר, אָפּהיטן מיינע אינטערעסן און זאָרגן פאַר מיין לעבן און געזונט).

היוצא מזה איז, אַז אַלע „מדות טובות" פון דעם מאָראַלישן „טוב" ווערן נאָר דערפאַר באַטראַכט ווי אַ חוב פאַר יעדן איינעם, ווייל זיי זיינען „גוט" פאַר מיר, ווי פאַר יעדן איינעם. און אַלע „מידות מגונות" פון דעם מאָראַלישן „רע" זיינען דערפאַר „מידות מגונות" פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, ווייל זיי זיינען „שלעכט", ווען מען ווענדט זיי אָן אויף מיר, ווי אויף אַ טייל פון דער געזעלשאַפט. דעריבער איז טאַקע דער באַזיס פון יעדער מאָראַל דער הללשער שפרוך: „מה דעלך סאני לחברך לא תעביד" — „טו ניט דעם אַנדערן, וואָס דו ווילסט ניט מ׳זאָל עס דיר טאָן". אָבער דער קריטיקער פון דער מאָראַל פרעגט: פאַרוואָס זאָל מיך אַרן פאַר דעם אַנדערן, צי פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, אויב דער לעצטער מקור פון דער מאָראַל בין „איך" אַליין, מיט מיין זעלבסטדערהאַלטונג און מיט מיינע שטרעבונגען צו מיין גליק און צו מיינע הנאות?

דריטנס, ווערט ניט געלייקנט, אַז עס זיינען פאַראַן אין דער מענטש־לעכער נשמה אַזוינע זאַכן ווי אַ פליכטס־געפיל, אַ געפיל פון אחריות און אַ באַזונדערע ריין מאָראַלישע דערשיינונג פון אַ געוויסן, מיט געוויסן־פּלאָגענישן און בייסענישן, ווען מען באַגייט לגבי דעם אַנדערן אַ שאַרפע עוולה אָדער מ׳דערפילט ניט יענעם מאָראַלישן חוב, וועלכן דער אָדער יענער לייגט אַרויף אויף זיך.

עס איז ניט דאָ דער אָרט צו באַטראַכטן ווי אַזוי אָט די דער־שיינונג פון געוויסן־פּלאָגענישן ווערט דערקלערט פון אַ ריין נאַטוראַ־ליסטישן שטאַנדפּונקט. אָבער עס איז דאָך קלאָר, אַז פון אָט דעם שטאַנדפּונקט האָט דער גאַנצער ענין „געוויסן" ניט קיין שום טעאָ־רעטישע באַרעכטיקונג. כדי איך זאָל מיך מצער זיין מיט אַ וועלכער עס איז „אוממענטשלעכקייט", וואָס „איך" בין באַגאַנגען, דאַרף איך זיין זיכער, אַז מיין ווילן איז געווען פריי, אַז איך וואָלט באמת געקאָנט זיך אָפּהאַלטן פון איר, ווען איך וואָלט „געוואָלט".

דער נאַטוראַליסטישער שטאַנדפּונקט לייקנט אָבער בכלל, אַז ס׳איז

דאָ ביי דעם מענטשן אַ פרייער ווילן, סיי דעם מענטשנס האַנדלונגען, סיי זיינע שטרעבונגען, סיי זיינע געפילן, סיי זיין כאַראַקטער — זיי אַלע זיינען אַבסאָלוט אומפאַרמיידלעכע פּראָדוקטן פון דעם גאַנצן נאַטירלעכן וועלט־פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ לויט אייביקע, פון אונדז אומאָפּהענגיקע געזעצן. איז וואָס פאַר אַ זין האָט חרטה צו האָבן און זיך פייניקן מחמת עפּעס אַזוינס, וואָס האָט סיי ווי סיי געמוזט געשען?

איינער פון די קאָנסעקוועטנסטע נאַטוראַליסטיש־געשטימטע דענקער — אגב אַליין אַ זייער אידעלער מענטש — דער עסטרייכישער ייד פּאָפּער־לינקעאוס, האָט אין איינער פון זיינע נאַטוראַליסטישע מעשהלעך זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף דעם ענין „געוויסן״.

געגאַנגען אַ געבילדעטער מענטש אין וואַלד, לעבן אַ דאָרף, און האָט זיך דאָרטן באַגעגנט מיט אַ פויערטע, וואָס האָט געטראָגן האָלץ. אין אַ פּלוצלינדיקן אויפברויז פון סעקסועלער לײדנשאַפט האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר. און זי, ווייזט אויס, האָט אויך גאָר נישט געהאַט קעגן דעם „פאַרגוואַלטיקונגס״־אַקט. אָבער גראָד נאָך דעם אַקט איז אין אים אויפגעקומען אַ נייער אויפברויז פון מאָרד־לוסט, און ער האָט זי באַלד טאַקע דערוואָרגן אויף טויט. דעם קערפּער האָט מען געפונען, אויך דעם מערדער האָבן דאָרפסלייט געכאַפּט, און אין אַ פּראָצעסיע האָבן זיי אים געטויט.

דער עיקר פון דער מעשהלע איז די באַשרייבונג פון יענער פילאָ־סאָפישער רו אין דער נשמה, מיט וועלכער דער מערדער נעמט אויף אַלץ וואָס איז געשען, אויך דעם מאָמענט פון זיין טויט־שטראָף. סיי דאָס וואָס ער האָט געטאָן, סיי דאָס וואָס מען האָט זיך געקליבן צו טאָן מיט אים זיינען פאַר אים געווען נאַטור־נויטווענדיקע דערשיינונגען. קיין זאַך האָט ניט געקאָנט זיין אַנדערש ווי עס איז געווען, און ווי עס קומט פאַר. וואו איז דאָ פּלאַץ פאַר אַ וועלכן עס איז „געוויסן״ מיט זיינע „פּלאָגענישן״?

די קעגנער און קריטיקער פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין וויזן אויך אָן אויף דעם פאַקט, וואָס די אינהאַלטן פון די „מדות טובות״ און „מדות מגונות״, פון „יושרס״ און „עוולות״ בייטן זיך און זיינען פאַרשיידן פון צייט־צו־צייט, פון קלאַס־צו־קלאַס. ספּעציעל אין דעם מאַרקסיסטיש־נאַטוראַליסטישן וועלט־באַנעם, ווי ער איז אויסגעדריקט אין דעם באַרימטן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״ פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, ווערט דער אויפקום פון דער גאַנצער מאָראַל באַ־

טראַכט ווי אַ פּראָדוקט פון דעם קלאַסן־קאַמף צווישן די באַהערשנדיקע און באַהערשטע קלאַסן. און יענע מאָראַלישע באַגריפן און איינשטע־לונגען, וואָס באַהערשן אַ געזעלשאַפט, זיינען אַלעמאָל די באַגריפן און איינשטעלונגען פון די הערשנדיקע קלאַסן.

ועל כולם ווערט דער באַדייט פון דער מאָראַל פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט אינגאַנצן אָפּגעלייקנט פון אירע קריטיקער. וואָס קאָן די מאָראַל אויפטאָן? איר גאַנצער אייגנס באַשטייט פון „אידע־אַלן" און „כללים" מיט וועלכע די מענטשהייט רעכנט זיך זייער ווייניק. אירע כלי־זיין באַשטייען פון פּאָדערונגען, פון מוסר־זאָגענישן, פון פּראָטעסטן און פּרעדיקן. אָבער אָט די אַלע רייד, רייד און רייד זיינען אין תוך אַרויסגעוואָרפענע, ווייל דער געשיכטלעכער פּראָצעס פון דער מענטשהייט ווערט באַהערשט פון גאַנץ אַנדערע, מער „אָב־יעקטיוו"־נאַטירלעכע געזעצן, איידער די „סוביעקטיווע" שטרעבונגען פון דער מאָראַל.

אָט דאָס זיינען — אין אַ קורצער סקיצע — די וויכטיקסטע טענות, וואָס די קריטיקער אָדער אָפּלייקענער פון דער מאָראַל שטעלן אַרויס אַנטקעגן איר. איז — לאָמיר זען וואו דאָס האַלט מיט אָט די אַלע טעאָרעטישע טענות.

## קאַפּיטל פופצן

# טעאָרעטישע קעגנער פון דער מאָראַל

אין דער מאָראַל־פילאָסאָפיע פון דעם ראַדיקאַלן לאַגער האָבן מיר אַ טעאָריע, וואָס דערקלערט אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען ווי אַ פּראָ־דוקט פון אַ ריין־עגאָאיסטישן אינטערעס. די זעלבסט־דערהאַלטונג דיקטירט אונדז יעדן אויפפיר אונדזערן און באַהערשט אין דער לעצטער ליניע סיי דעם מאָראַלישן אויפפיר, סיי אַלע יענע נשמה־פּראָצעסן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אים.

די קריטיק פון אָט דער טעאָריע האָבן מיר געפּרוּווט געבן אין אונדזער אַרבעט „דער זין פון דעם מענטשלעכן לעבן", וואו ס'ווערט אַרויסגעבראַכט דער געדאַנק, אַז דער גאַנצער ענין פון „זעלבסט", „איך" — און ממילא אויך פון „זעלבסט־דערהאַלטונג" — איז אַ

פּראָדוקט פון אַ העכערן פּראָצעס אין דער וועלט־עוואָלוציע און דינט נאָר ווי אַ קער־און־ווענד־רימען אין אירע הענט, צוליב צילן, וואָס שטייען העכער פאַר דער דערהאַלטונג פון דעם „זעלבסט״, פון דעם יחיד. צו אַט די באַטראַכטונגען מוז איך אָפּשיקן דעם לייענער. דאָ וועלן מיר זיך באַנוצן מיט יענעם גרונט־געדאַנק נאָר אויף וויפיל עס איז אַב־סאָלוט נויטיק פאַר אונדזער ענין.

קודם טאָר מען ניט אַרויסלאָזן פון אויג דעם פאַקט, אַז דער מאָראַ־לישער איינשטעל אין דעם מענטשלעכן אויפפיר איז ניט זעלטן פאַר־בונדן מיט זעלבסט־צעשטערונג, אַנשטאָט זעלבסט־דערהאַלטונג, מיט שווערע קרבנות ביז מסירת־נפש, אַנשטאָט דער אָפּהיטונג פון דעם אייגענעם פּערזענלעכן אינטערעס. וויפיל מענטשן זיינען פרייוויליק געגאַנגען אויף דעם מסירת נפש וועג, אין דעם דינסט פון אידעאַלן און צילן, וואָס זיינען אין זייערע אייגענע אויגן געשטאַנען העכער און ווערטפולער פאַר זייער אייגן לעבן!

אַט די אַרויסשטאַרטשענדיקע פאַקטן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט האָבן געצוואונגען די טעאָרעטישע קעגנער פון דער מאָראַל אַביסל אָפּצושוואַכן זייער שטאַנדפּונקט. ס׳איז אמת, זיינען זיי מודה, אַז אין דעם מאָראַלישן אויפפיר ווערט די זעלבסט־דערהאַלטונג אָפּט לגמרי פאַרלייקנט. מ׳קאָן אָבער, טענהן זיי, בשום אופן ניט אָפּ־פרעגן, אַז יעדע האַנדלונג — אויך די מאָראַלישע קרבנות־פולע און מסירת־נפשדיקע — ווערט דאָך אין דער לעצטער ליניע דיקטירט פונעם שטרעבן צו זעלבסט־באַפרידיקונג, אין וואָס די דאָזיקע זעלבסט־באַ־פרידיקונג זאָל נישט באַשטיין. וויבאַלד אָבער אַלע האַנדלונגען זיינען „אין דער תוך״ שטרעבונגען צו זעלבסט־באַפרידיקונג, איז ניטאָ, מיינען זיי, קיין ברעקל טעאָרעטישער גרונט צו מאַכן אַ באַזונדער פלאַץ פאַר די מאָראַלישע אונטערשיידן און אָפּשאַצונגען און אַוועקשטעלן זיי אויף אַ העכערער מדרגה.

אויב יעדער מענטש זוכט נאָר צו טאָן וואָס ס׳באַפרידיקט אים און צו פאַרמיידן זאַכן, וואָס גיבן אים ניט קיין באַפרידיקונג, איז אין תוך נישטאָ קיין חילוק צווישן דעם מאָראַלישן און אוממאָראַלישן מענטשן, צווישן מאָראַלישע און אוממאָראַלישע מעשים. דער גאַנצער אונטערשייד צווישן „מעשים טובים״ און „מעשים רעים״ איז דעריבער אין תוך אַן אילוזאָרישער, אַן איינגעשמועסטער, פונקט אַזאַ ווי די איינטיילונג אין „כשרע״ אכילות און „טריפה״ אכילות אין אַן רעליגיעז־פרומען לעבן. עס איז אויך פאַר אונדז קיין ברעקל ספק ניט, אַז עס

איז דאָ אַזאַ געפיל ווי מאָראַלישע זעלבסט־באַפרידיקונג, און אַז ער שפּילט גאָר אַ גרויסע ראָליע אין אונדזער מאָראַלישן אויפפיר.

לויט אונדזער באַטראַכט אין דעם „זין פון דעם מענטשלעכן לעבן", איז אויך אָט דער געפיל ניט מער ווי „אַ קער־און־ווענד־רימען" אין דער האַנט פון דער קולטורעלער עוואָלוציע, צוליב אירע איבער־אינדי־ווידועלע צוועקן, ווייל דער מענטש איז, ווי מיר האָבן דאָס דאָרטן דערקלערט, ניט קיין זעלבסט־צוועק און אויך ניט קיין בלינדער מיטל פאַר אַ העכערן צוועק, נאָר, אַזוי צו זאָגן, אַ „זעלבסט־מיטל", אַ זעלבסט־באַוואוסטער און זעלבסט־וויליקער דינער פאַר דער אָדער יענער דערגרייכונג פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן קולטור־פּראָצעס. אויך די אַ־מאָראַלישע אָדער אַפילו אַנטי־מאָראַלישע האַנדלונגען, וואָס האָבן אַ ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם קולטור־פּראָצעס, מוזן אָוועקגעשטעלט ווערן אין דערזעלביקער באַלייכטונג, ווי צום ביישפּיל, די אוממענטשלעכע עקספּלואַטאַציע פון מענטשלעכער אַרבעט צוליב דעם אייגענעם פּראָפיט, וואָס האָט געפירט צו דער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק אין דער פּראָדוקציע. יעדע האַנדלונג פון אַ מענטשן — אַ מאָראַליש־„מענטשלעכע", צי אַן „אוממענטשלעכע" — איז אַ האַנדלונג פון אַ „זעלבסט־מיטל" צוליב דעם אָדער יענעם קולטורעלן צוועק. און די זעלבסט־באַפרידיקונג איז ביי יעדן מענטשן — דעם „צדיק", ווי דעם „רשע" — אַ קער־און־ווענד־רימען אין דעם פּראָצעס פון דער קולטורעלער עוואָלוציע. זיינען אויך, לפי אָט דער באַטראַכטונג, אַלע מעשים אין דער לעצטער ליניע פון דעמזעלביקן תוך. און פונדעסט־וועגן איז מען פּאַרט טעאָרעטיש באַרעכטיקט צו דעם אויספיר, אַז די איינטיילונג אין מאָראַליש „גוט" און מאָראַליש „שלעכט" איז ניט קיין אילוזאָרישע, ווי די איינטיילונג אין „כשר" און „טריפה". מאָראַלישע מענטשן און מאָראַלישע האַנדלונגען פאַרדינען פאָרט אַ העכערן אָפּשאַץ אין אונדזער אויפגעקלערטן באַוואוסטזיין.

די דערקלערונג ליגט אין דעם איינזען, אַז מען באַגייט גאָר אַ שאַרפן טעאָרעטישן טעות, ווען מען נעמט אָן, אַז זאַכן פון דעמזעלביקן „תוך" זיינען דיזעלביקע „זאַך".

ס'איז גאָר ניט אַזוי.

נעמט אַזעלכע צוויי נאַטור־דערשיינונגען, ווי ברען־קוילן און ברי־ליאַנטן. דער כעמיקער קאָן אונדז באַווייזן, אַז אין „תוך", לויט זייער כעמישן אינהאַלט, זיינען זיי איין־און־דיזעלביקע זאַך — קוילנשטאָף: די פּשוטע קוילן זיינען ניט־קריסטאַליזירטער קוילנשטאָף; דער ברי־

ליאַנט איז דערזעלביקער קוילנשטאָף, נאָר אין אַ קריסטאַלינישער פאָרם. און פונדעסטוועגן האָבן אָט די צוויי אַרטן קוילנשטאָף אַ גאַנץ פאַרשיידענעם אָפּשאַץ אין אונדזער מענטשלעכן באַוואוסטזיין.

אַזוי אויך מיט די מאָראַלישע און אוממאָראַלישע מעשים, וואָס זיינען „אין תוך״ — לאָמיר אָננעמען למען ה׳אַרגומענט — אפשר טאַקע ניט מער ווי אַ שטרעבונג צו זעלבסט־באַפרידיקונג.

ווען איינער פאַלט אָן אויף אַ הונגעריקן בעטלער און נעמט ביי אים צו פאַר זיך די פּאָר קופּערנע מטבעות; אָדער ווען איינער רייסט אַרויס ביי אַ הונגעריקן עופהלע דאָס מילך־פלעשל, כדי צו שטילן זיין הונגער און דאָרשט, — זיינען דאָס האַנדלונגען פון זעלבסט־באַפרידיקונג.

און ווען איינער גיט שפּייז אַ הונגעריקן בעטלער, אָדער קויפט מילך פאַר אַ הונגעריק קינד, איז דאָס אויך — זעלבסט־באַפרידיקונג.

אָבער דער גרויסער אונטערשייד פון אָט די צוויי אַרטן האַנדלונגען איז אָט וועלכער: אין דעם ערשטן פאַל איז דער מענטש דירעקט פאַראינטערעסירט אין זיינע אייגענע אינטערעסן. ער זוכט דירעקט צו באַפרידיקן זיך אַליין, ווי דאָס זאָל זיך ניט אָפּרופן אויף דעם אַנדערן מענטשן. דאָס איז די זעלבסט־באַפרידיקונג — די באַוואוסט־זיניקע טרייבנדיקע קראַפט פון דער האַנדלונג. אין דעם צווייטן פאַל אָבער באַקומט זיך די זעלבסט־באַפרידיקונג אומדירעקט, דורך דער באַפרידיקונג פון דעם אַנדערנס נויטן. די זעלבסט־באַפרידיקונג איז דאָ דעריבער ניט די טרייבנדיקע קראַפט פון דעם אויפטו, נאָר אַ פּראָ־דוקט זיינער.

גראָד אָט דער אונטערשייד: צו זיין אַ דירעקטע טרייבנדיקע קראַפט פון דער האַנדלונג, אָדער זיין נאָר אַן אומדירעקטער פּראָדוקט פון דער האַנדלונג — די זעלבסט־באַפרידיקונג דורך דעם אַנדערנס באַ־פרידיקונג — איז פונקט אַזאַ אונטערשייד ווי צווישן שוואַרצן ברענ־קוילן און בלענדנדיק־שיינע ברילי‍אַנטן.

דאָס גיט אָן אַבסאָלוט כשרן טעאָרעטישן רעכט פאַנאַנדערצושיידן אין דער מאָראַל צווישן „עגאָאיזם״ און „אַלטרואיזם״ און אַרויס־צוברענגען אין אונדזער מענטשלעכן אָפּשאַץ, אַז דער „עגאָאיזם״ זאָל פאַר אונדז זיין „אוממענטשלעך״ און דעריבער אָפּשטויסנדיק, בעת דער „אַלטרואיזם״ — די זאָרג פאַר דעם אַנדערן — זאָל אין זיינע העכסטע שטופן אַרויסרופן אין אונדז די געפילן פון העכסטער פאַר־ערונג און עקסטאַז

דערזעלביקער אונטערשייד אין דער אַרט פון דער זעלבסט־באַפרידיקונג ליגט אויף דעם יסוד פון דעם פאַרשיידענעם אָפּשאַץ ניט נאָר פון דעם מענטשנס מעשים, נאָר אויך פון די מאָטיוון, וואָס פירן צו זיי, פון די געפילן, וואָס באַטייליקן זיך אין די באַוואוסטזיניקע ווילנס־שטרעבונגען, ווי אויך פון די פאַרשיידענע מענטשלעכע כאַראַקטערן.

עס איז זיכער כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַ מענטש, אַ „מזג טוב״, אַ ווייכהאַרציקער און מיטליידנדיקער מיט דעם אַנדערנס ליידן און אַ גרייטער צו העלפן זיי, כּפי זיינע כּוחות, ווערט באַצייכנט מיט די ווערטער „אַ בריליאַנטענער כאַראַקטער״, אַ „גילדערנע האַרץ״ (ביי די רוסן — „זאָלאָטאָיע סערדצע״; און אויך אין ענגליש איז פאַראַן דער אויסדרוק „אַ האַרץ פון גאָלד״). דער „בריליאַנט״ איז כּידוע דער האַרטסטער, אונדז באַקאַנטער, קערפּער אין דער וועלט. „גאָלד״ איז איינער פון די שווערסטע מעטאַלן. אָבער „גאָלד״ געהערט צו די „איידל־מעטאַלן״, אין דעם אונטערשייד פון די „געמיינע״ מעטאַלן. „בריליאַנט״ איז אַ טייערע צירונג. ווייל דער מענטשלעכער באַוואוסטזיין, אַז דער מענטש זאָל זיין „איידל״ און ניט „געמיין״; ער זאָל זיין אַ צירונג פאַר דעם מענטשלעכן מין.

און נאָר אַזעלכע מעשים, קאַוואָנעס (כּוונות), געפילן און כאַראַקטערן, וואָס ליגן אין דער ספערע פון „איידל״, רופט דער מענטש — „מענטשלעכע״. און די וואָס באַוועגן זיך אויף דער ליניע פון „געמיין״ רופט ער — „אוממענטשלעכע״.

## קאַפּיטל זעכצן

# די אוטיליטאַריסטישע טעאָריע. — „פרייער ווילן״ און מאָראַל

צו דער קריטיק פון דער מאָראַל, ווי פון אַ זעלבסטשטענדיקן צווייג אויף דעם בוים פון דעם מענטשלעכן „עץ הדעת״, געהערט אויך דער געדאַנק, אַז דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין איז אויסגעוואַקסן פון דעם מענטשנס זאָרג פאַר דעם אייגענעם וואוילזיין. זיין אינעווייניקסטער

„תוך״ איז, לפי דעם, נאָר דאָס שטרעבן צו ניצלעכקייט. די אוטיליטאַריסטישע ריכטונג, וואָס פאַרטיידיקט אַט דעם גרונט-געדאַנק, לייקנט ניט די אַלטרואיסטישע געפילן אין דעם מענטשנס נשמה. זי איז אויך מסכים, אַז די פאַקטן פון מסירת-נפש פאַר דעם אַנדערן, צי פאַרן כלל, צי פאַר אַן אידייע, ווערן ניט אַרויסגעבראַכט אין דער לעצטער ליניע פון ריין פערזענלעך-עגאָאיסטישע מאָטיוון.

און פונדעסטוועגן פאָדערט די אוטיליטאַריסטישע טעאָריע, מען זאָל דעם תוך פון אַלע מעשים טובים און גוטע מידות דערבליקן אין ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אין דער ניצלעכקייט, אויב ניט פאַר זיך אַליין, איז פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מען קאָן זיכער ניט לייקענען, אַז דאָס רוב מאָראַלישע האַנדלונגען און „מידות טובות״ זיינען פון גרויסן נוצן פאַר דעם „טובת הכלל״. אָבער ניט אַלע. צו אַלע צייטן זיינען פאַראַן אַזוינע פאַרקומענישן, פאַר וועלכע מען דאַרף זיך שעמען, און אַ גרויסע צאָל זייערע האָט גאָרנישט ניט צו טאָן מיט דעם געזעלשאַפטלעכן נוצן.

ווען מען „כאַפּט״ איינעם ביי זאָגן אַ ליגן און ער ווערט רויט פאַר שאַנד, האָט דאָס געוויס אַ געזעלשאַפטלעכן נוצן. מאָראַליש פאַרמשפּטן שקרים ליגט זיכער אין די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט. אָבער ווען אַן עסקימאָ-מיידל ווערט רויט פאַר בושה, ווייל אַ מאַנסביל האָט ביי איר דערזען אַן אָפּגעדעקטן גרויסן פינגער פון איר פוס, קאָן דאָס מיט קיין פּלפּול ניט דערקלערט ווערן מיט אַ וועלכער-עס-איז ניצלעכקייט פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. און אַזוי איז דאָס מיט אַ סך אַנדערע זאַכן, פאַר וועלכע מען דאַרף זיך „שעמען״, און וואָס באַהערשן אונדזער אויפפיר אויך אין די איצטיקע ציוויליזירטע צייטן.

אין דער אוטיליטאַריסטישער מאָראַל-פילאָסאָפיע קאָן מען אויך ניט איינגאַנצן אָפּפרעגן דעם געדאַנק, אַז די וואָרצלען פון דער מאָראַל, וואָס ליגן אין די טיפע פלאַסטן פון דעם איידער-מענטשלעכן זיין אויף דער וועלט, זיינען אַרויסגעוואַקסן פון לעבנס-נויטן: אָדער פון דער זעלבסט-דערהאַלטונג פון דעם יחיד, אָדער פון דער זעלבסט-דערהאַלטונג פון דעם מין, — פאַר וועלכער דער אַנימאַלישער יחיד איז זיך, אין געוויסע פאַלן, מוסר נפש, — אָדער פון זעלבסט-דערהאַלטונג פון דער געזעלשאַפט. דאָס זיינען דירעקטע איינווירקונגען אויף דעם אויפקום פון אַ מאָראַלישן אָדער ריכטיקער: עטישן אויפפיר. אין די נידעריקסטע שטופן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג קומען צו די

אומדירעקטע איינווירקונגען זייערע דורך די פרימיטיווע מאגישע, מיסטישע און רעליגיעזע פארשטעלונגען, גלויבונגען און געדאנקען, מיט וועלכן מיר קאנען זיך דא ניט פארנעמען.

אבער דיווארצלען פון דער מאראל אין דער עוואלוציע פון לעבעדיקע ברואים איז איין זאך און דער פון זיי ארויסגעוואקסענער מאראלישער באוואוסטזיין ביי דעם מענטשן — פון זיינע נידעריקסטע שטופן ביי די ווילדע שבטים ביז צו דעם מאדערנעם ציוויליזירטן מענטשן — איז א גאנץ אנדער זאך. מיר האבן דא צו טאן נאר מיט אים. און אין אים, אין זיינע מאסן פון מאראלישן אפשאץ — מיט זייערע צוויי פאליוסן פון באוואונדערונג און פאראכטונג, פון פאר־היליקונג און פארשילטונג — געפינען מיר ניט קיין שמץ פון א וועלכן־עס־איז באוואוסטזיניקן ניצלעכקייט־מאטיוו.

פארגלייכט אונדזער שטעלונג אין דעם מאראלישן באוואוסטזיין צו אזעלכע דריי פיגורן, ווי דזשיארדאנא ברונא, גאלילעי און זאגן מיר, טאמאס עדיסאן. וועלכן נוצן האט וועמען־עס־איז דזשיארדאנא ברונא געבראכט מיט זיין גיין אויף דעם פייער־פלאקער פון דער אינקוויזיציע, ווייל ער האט זיך ניט געוואלט אפזאגן פון זיין גלויבן אין דעם אמת פון דער קופערניקאנישער טעאריע אין דער אסטרא־נאמיע? גאלילעי האט זיך יא אפגעזאגט פון דעם אפיקורסישן גלויבן. אלע האבן געוואוסט, אז ער האט דערביי געלאיגט. אבער וויפיל נוצן האט גאלילעי געבראכט מיט זיין לעבן און פארשן פאר דער וויסנשאפט און דעם מענטשלעכן פראגרעס בכלל!

און פונדעסטוועגן רופט אין אונדז ארויס די אומניצלעכע מסירת־נפש פון א ברונא די העכסטע מאראלישע באוואונדערונג, בעת דער זייער ניצלעכער שריט פון א גאלילעי רופט אין אונדז ארויס העכסטנס א גוטמוטיקן שמייכל. און ווער רעדט שוין פון דעם מאראלישן מהות פון א טאמאס עדיסאן אין אונדזערע צייטן, וועמעס טעכנישע דער־פינדונגען האבן באמת געבראכט א קאלאסאלן נוצן דער מענטשלעכער געזעלשאפט און דער „אנטוויקלונג פון אירע פראדוקטיווע קרעפטן”. דזשיארדאנא ברונא און טאמאס עדיסאן! איינער — די פארקערפערונג פון דער מענטשלעכער מאראל — ווייניקסטנס אין זיין לעצטן לעבנס־שריט, וואס רופט אין אונדז ארויס די פארהערלעכונג פון דעם מענטשן אין אים; דער אנדערער — א מאראלישע אינדיפערענטע פיגור, ניט געקוקט אויף די גאר פילע „תכליתים”, מיט וועלכע ער האט באַרייכערט די מענטשהייט.

פאָן ביסמאַרק — דער „אייזערנער קאַנצלער״ פון דער קייסערלעכער דייטשלאַנד — האָט אַמאָל געזאָגט וועגן פערדינאַנד לאַסאַל, מיט וועמען ער איז געווען אַזוי גוט באַפריינדעט, אַז לאַסאַל האָט געהערט צו יענע רעוואָלוציאָנערן, וואָס פאַרדינען מען זאָל זיי פירן צו דער תליה. אָבער בעת דער וואָגן, אויף וועלכן ער ווערט קבל עם געפירט צו דער עפענטלעכער טויט־שטראָף, פאָרט פאַרביי, דאַרף מען זיך פאַרנויגן פאַר אים און אָראָפּציען דעם הוט.

לאַסאַלס רעוואָלוציאָנערע מיינונגען און מעשים זיינען, אין ביס־מאַרקס אויגן, געוויס געווען די שעדלעכסטע פאַר דער געזעלשאַפט, ווייל ער האָט געוואָלט אומוואַרפן אַלע „הייליקע ״יסודות״ פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן. און פונדעסטוועגן — בויגן פאַר אים דעם קאָפּ און אַראָפּציען דעם הוט! עס איז קלאָר, אַז די לאַסאַל־פאַרערונג האָט אַפילו ביי אַ ביסמאַרקן געשטאַמט פון גאַנץ אַנדערע מאָטיוון, איידער די נוצן פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

צו די קעגנער פון דעם גאַנצן ענין „מאָראַל״ געהערן אויך אַ היפּש ביסל פון יענע, וואָס לייקענען, אַז דער מענטש האָט פרייען ווילן. אין דער אמתן! אויב יעדע האַנדלונג פון אַ מענטשן, אויב אַלע זיינע געדאַנקען, געפילן, וואונטשן און אויך זיין כאַראַקטער זיינען אַ פּראָדוקט פון דעם אומפאַרמיידלעכן גאַנג פון אַלע וועלט־פּאַרקומענישן, נעמט דאָס אַוועק דעם לעצטן יסוד פון אַ וועלכן עס איז מאָראַלישן משפט. דעם מאָראַלישן העלד קומט ניט קיין פאַרערונג, ווי דעם מאָראַלישן מנובל קומט ניט קיין פאַרמשפּטונג. זיי ביידע זיינען אומווילּיקע פּאַרקומענישן פון דער וועלטס נויטווענדיקן גאַנג, מיט זיינע „אייביקע, אומפאַרמיידלעכע געזעצן״. איז — ערשטנס, ווער ווייס דאָס אויף זיכער, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ מין זאַך, ווי אַ פרייער מענטשלעכער ווילן? אָט האָבן מיר אַזעלכע טיפע פילאָסאָפן ווי אַן עמנואל קאַנט, ווי אַ בערגסאָן, וואָס האָבן אויסגעפונען די מעגלעכקייט צו דענקען, אַז עס איז יאָ פאַראַן אַ פרייער ווילן, ניט־קוקנדיק אויף דער הער־שאַפט פון די נאַטור־געזעצן. און אָט האָבן מיר אין דער איצטיקער צייט אַ סך נאַטור־ווּיסנשאַפטלעכע פאָרשער, וואָס לייקענען לגמרי אָפּ דעם געדאַנק פון אַבסאָלוטן דעטערמיניזם, ווייל גראָד די לעצטע אונדז באַקאַנטע טיילכעלעך פון „מאַטעריע״ (צי פון קאָנצענטרירטער „ענערגיע״) פירן זיך אויף אין זייערע באַנעמונגען אַזוי ווי זיי וואָלטן בכלל ניט געפאָלגט אַ וועלכן עס איז באַשטימטן „געזעץ״.

און אין דער אמתן איז — ביי אַ טיפערן אַריינטראַכט אין דער

זאַך — דאָס פּראָבלעם פון דעם פרייען ווילן גאָר ניט אַזאַ מוראדיק שווערער.

דער לעצטער גרונט און מקור פון דעם וועלט־געשעהן, פון אַלע פּאַרקומענישן אין אים, איז פאַר דעם מענטשלעכן וויסן פאַרבאָרגן, לאָז זיין, אַז נאָר דערווייל'ע. אַ באַגריף וועגן אָט דעם לעצטן קוואַל, פון וואַנען עס שלאָגט דאָס וועלטלעכע זיין, קאָנען מיר האָבן נאָר אין דער פאָרם פון אַ גלויבן, ניט פון אַ זיכערן וויסן. איז וואָס שטערט אונדז צו גלויבן, אַז פון דעם לעצטן קוואַל שלאָגן אויך אַזעלכע וועלט־פּאַרקומענישן, וועלכע מיר שפּירן אין אונדז, ווי אַ פרייען ווילן, ווי אַ מעגלעכקייט עפּעס צו טאָן און עפּעס ניט צו טאָן, און זיינען אויך אָביעקטיוו „פריי"? דער פרייער ווילן איז דערביי ניט קיין גרעסערער וואונדער, איידער דער נאַטור־געזעץ: ביידע שלאָגן פון איין־און־דעמזעלביקן אורקוואַל, און מיר דאַרפן ביידע נעמען ווי זיי זיינען אין אונדזער מענטשלעכן באַוואוסטזיין.

והשנית, איז דער געדאַנק, פון דעם אַבסאָלוטן דעטערמיניזם נאָך גאָר ניט קיין סתירה צו דער באַרעכטיקונג פון אַ מאָראַלישן באַוואוסטזיין, מיט זיינע אָפּטמאָל אַזעלכע שטרענגע משפּטים.

נאָר וועגן דעם אַביסל מער אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל.

## קאַפּיטל זיבעצן

# די פראַגע וועגן גוטס און שלעכטס

אויב ס'איז ניטאָ קיין „פרייער ווילן", אויב אַלץ אין אונדזערע מעשים, כוונות, געפילן און אין אונדזער כאַראַקטער גופא איז אַן אומפאַרמיידלעכע וועלט־פּאַרקומעניש, דעטערמינירט דורך אייביקע געזעצן, טאָר מען נאָך דערפון ניט דרייען קיין שטריק, אויף צו דערוועקן דעם גאַנצן ענין פון מאָראַל און פון ריין־מאָראַלישע משפּטים און באַשיידן.

די מאָראַל און דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין איז דאָך אויך אַ רעאַליטעט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. ממילא איז זי אויך אַן אַבסאָלוט נויטווענדיקע „דעטערמינירטע" וועלט־פּאַרקומעניש. זי איז אַ באַזונדער צוואַנג אין דעם מענטשלעכן „עץ הדעת טוב ורע", דער בוים פון דערקענען „גוט" און „שלעכט". די גאַנצע ממשלה פון

דער קולטורעלער עוואָלוציע רוט דאָך אויף אַט דער פאַנאַנדערשיידונג אין „גוטס" און „שלעכטס", אין געפינען קריטעריען, אָפּשאַץ־מאָסן פאַר „גוטס" און „שלעכטס", אין זיך אָפּהיטן פון „שלעכטס" און אין דעם שטרעבן צו „גוטס". די נאַטור, מיט אירע נאַטור־געזעצן, ווייס דאָך ניט פון אַזאַ אונטערשייד און פון אַזאַ איינטיילונג.

אויב מיר געפינען פאַר טעאָרעטיש אַבסאָלוט באַרעכטיקט די איינטיילונג אין „ביצלעך" („גוט") און „שעדלעך" („שלעכט"), אין „שיין" און „מיאוס", אין „ריכטיק" און „פאַלש", — איז מיט וואָס פאַר אַ רעכט קאָנען מיר אָפּוואַרפן די מאָראַלישע איינטיילונג אין „איידל" און „געמיין", אין „חשוב" און „שפל", אָדער: „מענטשלעך און „אוממענטשלעך"?

די קעגנער פון דער מאָראַל קאָנען זיך אין זייער קריטיק שטיצן אויף דעם פאַקט, וואָס דער אינהאַלט פון אונדזערע מאָראַלישע באַגריפן און פאָדערונגען איז ניט קיין אייביקער, נאָר אַזאַ, וואָס בייט זיך פון היסטאָרישער עפּאָכע צו היסטאָרישער עפּאָכע. אָבער אין אַלע היסטאָרישע עפּאָכעס און אויך אין די אַזוי אָנגערופענע איידער־היסטאָרישע פאַזן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, בלייבט ניט אָנגערירט דער תוך פון יעדער מאָראַל: די איינטיילונג אין מאָראַליש „גוט" און מאָראַליש „שלעכט".

אַ טיפערער אַנאַליז פון אַלע מאָראַלישע אינהאַלטן, — ווי פאַרשיידן זיי זאָלן ניט זיין, ווי אײן „מאָראַל" זאָל ניט זיין אין קעגנזאַץ צו אַן אַנדערער, — געפינט אויס, אַז אויף זייער אַלעמענס גרונט ליגט די איינטיילונג אין „מענטשלעך" און „אוממענטשלעך", ד. ה., אַז אויף דעם גרונט פון יעדער מאָראַלישער איינטיילונג ליגט די פאָרשטעלונג פון מענטשלעכער חשיבות: ווי אַ מענטש דאַרף זיך אויפפירן אין די אָדער יענע פאַלן, ווען ער וויל ניט פאַרדינען די פאַראַכטונג, די מאָראַלישע שטראָף פון די מיטמענטשן, און וועלכע אויפפירונגען אָדער מעלות זיינע פאַרדינען דעם העכסטן לויב אָדער אויך די אַבסאָלוטע פאַרערונג.

ווען אַ סך אומציוויליזירטע אַראַבער זאָגן נאָך עד היום, אַז „יענער מענטש פאַרדינט ניט אָנגערופן צו ווערן „מענטש", אויב ער האָט נאָך ניט פאַרגאָסן קיין מענטשלעך בלוט", איז דאָס געוויס אַ פּאַטש אין פנים אונדזער איצטיקער הומאַניטאַרער מאָראַל. אָבער אויך אַט דער שפּרוך דעקט אויף דעם וואָרצל פון יעדן מאָראַלישן איינשטעל, די פאָרשטעלונג, ווי אַזוי אַ חשובער מענטש, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען

„מענטש", דאַרף זיך אויפפירן און וועלכע כוונות זיינע, געפילן און ווילנס־שטרעבונגען זיינען ראוי אָנגערופן צו ווערן „מענטשלעכע".

אין אַן אַנדער אַרט האָבן מיר געפּרואווט אַרויסברענגען, אַז אַפילו ווען דער ווילדער בושמען זאָגט: „גוט איז, ווען איך גאַנווע יענעמס ווייב; שלעכט איז, ווען יענער גאַנוועט מיין ווייב", קאָן אויך אָט די רייך־„אוטיליטאַרישע מאָראַל" האָבן אין זיך דעמזעלביקן מאָראַלישן תוך: דעם רעספּעקט פאַר מענטשלעכער חשיבות. אַ מענטש, וואָס קאָן ניט אָפּהיטן זיין ווייב און וואָס שטעלט ניט אַלץ אין קאָן, כדי אָוועק־צונעמען יענעמס ווייב, איז טאַקע, אין דעם בושמענס אויגן, גאָר ניט קיין געהויבענער מענטש און לעבט ניט לויט די געבאָטן פון „טוב" און „רע".

רעדנדיק וועגן די קריטיקער פון דער מאָראַל, מוזן מיר דאָ דערמאָנען אויך יענע שאַרפע קריטיק, וועלכע געפינט זיך אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. לויט זייער באַשייד איז יעדער מאָראַלישער איינשטעל בכלל אַ פּראָדוקט פון דער קלאַסן־טיילונג אין דער געזעלשאַפט. לפי דעם איז די מאָראַל, מיט אירע אייגענע איינטיילונגען אין „גוטס" און „שלעכטס" ניט קיין אייביקע צווייג אויף דעם מענטשלעכן „עץ הדעת", נאָר אַ היס־טאָרישע צווייג, וואָס איז אויפגעקומען אין איין עפּאָכע פון דער מענטשהייט און וועט אָפּדאָרן און אָראָפּפאַלן אין אַ געזעלשאַפט, אַ באַפרייטער פון דער קלאַסן־איינטיילונג און פון דעם קלאַסן־קאַמף.

דעם קריטישן אַנאַליז פון אָט דער „היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער" מאָראַל־טעאָריע האָבן מיר געפּרואווט געבן אין דער שריפט: „דער סאָציאַליזם און די מאָראַל". דאָרטן האָבן מיר אויך באַוויזן, אַז סיי מאַרקס, סיי ענגעלס, סיי אַפילו לענין האָבן זיך צוריקגעצויגן פון אָט דער טעאָרעטישער פּאָזיציע און האָבן אַלע לסוף אָנערקענט, אַז עס איז דאָ (אָדער עס וועט אויפקומען) אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַל, וואָס וועט בלייבן אייביק ביי דער מענטשהייט.

און פונדעסטוועגן האָט אָט די אָפּלייקענונג פון דעם מענטשנס פרייען ווילן, דער גלויבן אין דעם אַבסאָלוטן דעטערמיניזם פון אַלץ, וואָס קומט פאָר אויך אין דער מענטשלעכער וועלט, גאָר אַ הויכן ריין מאָראַלישן ווערט.

ער טראָגט אַריין אַ וויכטיקע קאָרעקטור אין דעם מאָראַלישן באַ־וואוסטזיין. די איצטיקע מאָראַלישע באַשיידן באַנוגענען זיך ניט מיט דער קריטיק און מאָראַלישן אָפּשאַץ פון האַנדלונגען, כוונות, געפילן

און שטרעבונגען. דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין נעמט זיך אויך דאָס רעכט צו משפּטן, פאַרמשפּטן און באַשטראָפן אוממאָראַלישע מענטשן, און זאָל דאָס זיין אַ שטראָף נאָר אין דער פאָרם פון עפענטלעכער פאַראַכטונג. יעדע שטראָף איז אָבער אַ באַשטרעבן צו טאָן שלעכטס דעם אַנדערן. אויב אָט די שטראָף, אָט די „שלעכטס״, ווערט דיקטירט פון ניצלעכקייט־מאָטיוון, פון לעבנס־נויטן פאַר די יחידים און פאַר דעם כלל, און אויב אָט די שטראָף איז אַבסאָלוט אומפאַרמיידלעך, איז דאָס שוין דעמאָלט ניט קיין מאָראַלישע שטראָף, נאָר אַ קאַמף, לויט דעם פּרינציפּ „ווער ווּעמען״.

אויב אָבער אָט די מאָראַלישע שטראָף טרעט אַרויס מיט דער מאָראַלישער גאווה, מיט דער אויסגעשטעלטער ברוסט, מיט דעם אָנ־נעמען זיך פאַר „גערעכטיקייט״, כדי דער רשע זאָל באַקומען „וואָס אים קומט על פּי יושר״, איז די „שלעכטס״ פון דער שטראָף טאַקע אַ מאָראַלישע שלעכטס, אַן איבערבלייבס פון דעם אַלטן „שן תחת שן״ („אַ צאָן פאַר אַ צאָן״).

אָט דאָס רעכט צו טאָן שלעכטס אויס ריין מאָראַלישע טעמים ווערט אַוועקגענומען פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין ווען דער טעאָרע־טישער באַוואוסטזיין זעט איין, אַז קיין מענטש איז אין דער לעצטער ליניע ניט שולדיק: ניט פאַר זיינע האַנדלונגען, ניט פאַר זיינע כוונות, ניט פאַר זיינע געפילן און ניט פאַר זיין שלעכטן כאַראַקטער. ער איז אַן אומפאַרמיידלעך געוועזענער פּראָדוקט פון אומשטענדן און אין דער לעצטער ליניע פון דעם גאַנצן גאַנג פון די וועלט־פּאַר־קומענישן.

אָט דער אייגזען נעמט אַוועק דעם גאַנצן יסוד, די גאַנצע אָפּטמאָל דירעקטע רציחה, מיט וועלכער דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין באַגייט זיך אין זיין שטראָפן די „רשעים״.

עס איז מערקווירדיק, וואָס גראָד די יידישע מאָראַל פון „ואהבת לרעך כמוך״, פון ליבע צו דעם אַנדער מענטשן, — אַ מאָראַל, וואָס שטייט זיכער ניט אויף דעם נאַטוראַליסטישן שטאַנדפּונקט פון דעם אַלוועלטלעכן דעטערמיניזם, קומט אין אירע העכסטע הויכן צו דעם אייגענעם אויספיר פון מבטל זיין דעם גאַנצן ענין פון מאָראַלישער פאַרמשפּטונג און מאָראַלישער שטראָף אויף מענטשן. ישו הנוצרי האָט געפּאָדערט, מען זאָל בכלל קיינעם ניט משפּטן. מען טאָר אַפילו ניט זידלען דעם אַנדערן עפנטלעך. הלל האָט געלערנט, משפּט ניט דעם אַנדערן, ביז דו ווּעסט זיך ניט געפינען אין זיין לאַגע. ברוריה, ר׳

מאירס ווייב, האָט פאַרלאַנגט דאָס פאַרשווינדן פון די זינד, ניט פון די זינדיקע.

וואָס איז דער מאָראַלישער אויספיר דערפון? ניט קיין אַנדערער, ווי דער העכסט מאָראַלישער אידעאַל פון מחילה און סליחה. מוחל זיין! קיינעם ניט שטראָפן מאָראַליש פאַר די אָדער יענע „זינד".

אין די יידישע תפילות, וואו דער יחיד אָדער דער כלל ווערט געפלאָגט פון זיין געוויסן און האָט חרטה אויף זיינע „זינד", בעט מען דעם רבונו של עולם: „סלח לנו! מחל לנו". זיי אונדז מוחל, פאַרגיב אונדזערע זינד. פון דעם איבערשטן פאַרלאַנגן מיר, ער זאָל שטיין אויף דער העכסטער הויך פון דער מענטשלעכער מאָראַל. אָבער מיר, מענטשן? פאַר אונדז „מאָראַלישע" מענטשן, זיינען, משמעות, די געבאָטן פון דער העכסטער מענטשלעכער מאָראַל ניט געשריבן.

# מאָדערנע יידישע פּראָבלעמען

## קאַפּיטל איינס

## רעליגיע אָדער נאַציע?

### 1

דער יידישער עפּענטלעכער געדאַנק פון אונדזער צייט ווערט געפּלאָגט פון אַ היפּש ביסל האַרבע פּראָבלעמען. כדי צו קאָנען בעסער פאַנאַנדערקלייבן זיך אין זיי, איז פון גרויסן נוצן צו האָבן אַן אַלגע־מיינעם איבערבליק איבער די וויכטיקסטע פון זיי.

אַזאַ אַלגעמיינעם איבערבליק ווילן מיר דאָ פּרואוון געבן. מיר וועלן פּרואוון אָנמערקן זייער היסטאָרישן אויפקום, אויפדעקן זייער אינעווייניקסטן לאָגישן צונויפבונד, אָנווייזן אויף וועלכן אופן זיי ווערן, — אַזוי אָדער אַנדערש, — פאַרענטפערט אין דעםווירקלעכן לעבן, און אויך אָנדייטן, ווי אַזוי זיי דאַרפן, נאָך מיין מיינונג נאָך, פאַרענטפערט ווערן.

ביי דער לעצטער אויפגאַבע וועלן מיר קודם כל האָבן אין זינען די לעבנס־אינטערעסן פון אונדזער פאָלק, זיין ווייטערדיקע עקזיסטענץ און פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג אויף דער וועלט. די פּראָבלעמען, וועגן וועלכע מיר ריידן דאָ, רופן מיר אָן „מאָדערנע״, ווייל אין זייער גאַנצן ערנסט האָבן זיי גענומען אַרויפשווימען ערשט אין אונדזערע צייטן, — אַזוי אַן ערך מיט אַ הונדערט און פופציק יאָר צוריק. זיי זיינען אַ פּראָדוקט פון דעם „היינטוועלטיקן״ יידישן לעבן.

די אַלט־פרומע יידישע וועלט האָט זיך מיט זיי ניט געפּלאָגט. זי האָט אָדער בכלל קיין ברעקל השגה פון זיי ניט געהאַט, אָדער ניט געהאַט קיין ברעקל גרונט ערנסט צו טראַכטן וועגן זיי. געוויס, אויך די אַלט־יידישע וועלט האָט געהאַט אירע פאַרפּלאָנטערטע פראַגן און שווערע פּראַקטישע אויפגאַבן. אָבער בנוגע איין ציקל פון פראַגן האָט זי, נאָך געוווּג מי און מאַטערניש, אויסגעאַרבעט אַ פעסט־איינגעשטעלטן

בליק: דאָס איז דער ציקל פון פראַגן, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם מהות פון אונדזער יידישן זיין אויף דער וועלט, מיט די אורזאַכן פון אונדזערע ליידן פון גלות, די אויסזיכטן אויף אונדזער צוקונפט, די מיטלען, ווי אַזוי זיך צו דערהאַלטן ווי אַ פאָלק, אין חוץ לארץ, און די וועגן, ווי אַזוי צו ברענגען אונדזער פולע און גאַנצע באַפרייאונג. דאָס הייסט, גראַד יענער ציקל פון פראַגן, וואָס איז פאַר אונדז, מאָדערנע יידן, געוואָרן אַזוי „פּראָבלעמאַטיש״. פאַר דער פרומער אַלט־יידישער וועלט איז אָבער אַלץ אין יענעם ציקל געווען קלאָר און איין־באַדייטיק.

מיר זיינען אַן „אויסדערוויילט״ פאָלק, — דאָס פאָלק, וועמען עס איז געגעבן געוואָרן די איינציק־אמתע רעליגיע. אונדזער רעליגיעזער יידישער גלויבן איז, אַזוי צו זאָגן, שיער ניט דער „אַטריבוט״ פון אונדזער נאַציאָנאַלער „סובסטאַנץ״, אויב מען זאָל דאָ אָנווענדן די טערמינאָלאָגיע פון אַ דעקאַרט און אַ שפּינאָזאַ. ניטאָ קיין יידישע עקזיסטענץ אָן אַ יידישן רעליגיעזן גלויבן!

אונדזער פאָלק האָט אַן אייגן לאַנד: ארץ־ישראל. מיר זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון יענעם לאַנד אונדזערן פאַר אונדזערע רעליגיעזע זינד. אין גלות דאַרפן מיר, דורך אָנגעשטרענגטער פרומקייט, זיך אויסלייטערן פון זיי. ווען דאָס וועט געשען, וועט די גאולה קומען פון דעם רבונו־של־עולם, דורך אַן איבערנאַטירלעכן משיח, וואָס וועט דורך ניסים און מופתים ברענגען אונדז צוריק אַהיים.

פון אָט דעם קלאָרן און איין־באַדייטנדיקן בליק אויף אונדזער לאַגע זיינען ביי דער אַלט־יידישער וועלט אַרויסגעוואַקסן די פּראַקטישע אויפגאַבן, וואָס האָבן באַשעפטיקט דעם יידישן געדאַנק. ווי אַזוי זיך אויפצוהאַלטן אין דער פרעמד ווי אַ פאָלק? די פראַגע איז געווען גלייכבאַדייטנדיק מיט דער פראַגע, ווי אַזוי ניט נאָר צו דערצאָרענען דעם רבונו־של־עולם מיט וויטערע זינד, נאָר ווי אַזוי איגאַנצן אונדז ריינצוּוואַשן פון זינד. דעם ענטפער אויף יעדע פראַגן האָט מען געזוכט אין דער אָנגעשטרענגטער פרומקייט, אין דעם אויסאַרבעטן פון נאָך מער און מער מצוות און עבירות, אַזוי אַז דער סכום זייערער אין דעם „שולחן־ערוך״ איז געוואָרן ווי אַ געדיכט־געפלאָכטענע נעץ, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס יידישע לעבן פון אַלע זיינע זייטן און האָט אונדז אָפּגעהיט פון צונויפגיסן זיך מיט דעם פרעמדן „אַרום״ און מיט זיין זינדיקן „גויאישן״ לעבן.

ווי אַזוי אויפהאַלטן דעם גלויבן אין אַ צוקינפטיקער באַפרייאונג,

וואָס איז געוואָרן אַלץ אויטאָפּישער, אַלץ אוממעגלעכער פון אַ ריין נאַטירלעכן שטאַנדפּונקט? דורך דער פאַרשטאַרקונג פון דעם גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכער וועלט־אָרדענונג בכלל, אין אַ וואונדערלעכן משיח פאַרן יידישן פאָלק בפרט. אָט דעם גלויבן פלעגט אָפּט אונטער־גראָבן דער פרייער פילאָסאָפישער געדאַנק. אָבער דעם שאָדן, וואָס ער פלעגט אָנטאָן, פלעגט תיכף פאַרריכטן די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע, מיט אירע אַל־מאקאַמעץ און סעדיה, מיט אירע רמב״ם און רלב״ג, ביז אַראָפּ צו די סיסטעמען פון דער קבלה און דער חסידות.

ווי אַזוי לייכטער מאַכן די אומגעהויערע רדיפות און יסורים, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין פאַר אונדזער גלויבן? ווי אַזוי אָפּ־ווענדן דעם האָגל פון „גזירות״, וואָס האָט געשלאָגן איבער אונדזערע קעפּ אָט דאָ, אָט דאָרטן? — דורך „תשובה, תפילה וצדקה״, אונטער־געשטיצט מיט אַ היפּש ביסל פּיל־קאָסטנדיקער שתדלנות.

אָט־אָ־דער פעסט־איינגעשטעלטער בליק מיט זיינע קלאָרע וועגן איז אָבער צו דעם סוף פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט רעכט פאַרטונקלט און מטושטש געוואָרן אין די פּראָגרעסיווע מוחות, דער עיקר, פון די מערב־אייראָפּעאישע יידן.

פון די פילע אורזאַכן, וואָס האָבן געגומען, מיט אַ נאָך ניט געוועזענעם אימפּעט, אונטערגראָבן די יסודות פון דעם יידישן גלויבן און די יידישע נאַציאָנאַלע האָפענונגען, לאָמיר דאָ אָנמערקן נאָר די וויכטיקסטע צוויי.

קודם איז דאָס געווען די אַנטוויקלונג און דער פאַנאַנדערבלי פון דעם פרייַ פאַרשנדיקן געדאַנק, וואָס האָט אין מערב־אייראָפּע גענומען קריגן די אויבערהאַנט איבער דער אויטאָריטעט פון דעם קירכלעכן גלויבן. דער עיקר, מוזן מיר דאָ האָבן אין אויג די אַנט־וויקלונג פון די נאַטור־וויסנשאַפטן, וואָס האָבן זיך לגמרי באַפרייט פון דער סכאָלאַסטישער פילאָסאָפיע, מיט איר שטרעבן אויסצואיינען די קירכלעכע דאָגמען מיט די גרונט־פּרינציפּן פון דער אַריסטאָטע־לישער פילאָסאָפיע. אָנשטאָט דעם דאָגמאַטישן גלויבן האָט דער פאַרשנדיקער געדאַנק פּראָקלאַמירט די אויבערהערשאַפט פון דעם פרייען שכל און אָנשטאָט דער אויטאָריטעט פון די ביכער, — אָנשטאָט דער הייליקער און פרום־געוואָרענער פילאָסאָפיע, — איז אויף דעם טראָן אַוועקגעזעצט געוואָרן די נאַטור, ווי זי איז.

„פרייער שכל״ און „נאַטור״, — אָט דאָס זיינען געוואָרן דער „עמוד

הענן״ און דער „עמוד האש״, וואָס האָבן אין אַלע פראַגן געפירט דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק אין דער צייט פון דער אַזוי אָנגערופענער „אויפקלערונג״. פאַר דעם פאַרום פון אַט די צוויי שטרענגע ריכטער האָט דער גלויבן אין וואונדער געמוזט לחלוטין פאַרלירן זיין פּראָצעס. אַנשטאָט אים איז דערקלערט געוואָרן די אַבסאָלוטע הערשאַפט פון די אייביקע אומפאַרענדערלעכע נאַטור־געזעצן.

אין אַט דער נייער פּראָגרעסיווער געדאַנקען־וועלט האָט ניט געקאָנט זיין קיין ברעקל פּלאַץ פאַר דעם יידישן גלויבן אין די יידישע נאַציאָנאַלע דערוואַרטונגען: און ווען זי האָט גענומען אַריינדרינגען אויך אין דער יידישער סביבה, האָט זי געמוזט דאָרטן אַרויסרופן שווערע ספיקות ניט נאָר אין דער באַרעכטיקונג פון דער יידישער אמונה, נאָר נאָך מער — אין דעם קיום פון דעם יידישן פאָלק, וועמעס „אַטריבוט״ עס איז געווען די יידישע אמונה. און פאַר אַזאַ ראַדיקאַלן דענקער פון יענער צייט, ווי דער „קריטישער סקעפּטיקער״, שלמה מימון, — דער שאַרפזיניקער תלמיד פון עמנואל קאַנט, — זיינען ביידע באַגריפן, — אי יידיש פאָלק, אי יידישער גלויבן, — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַנטאָמען, אין אַבערגלויבנס פון אַן איבערגעלעבטער און אויף אייביק פאַרמשפּטער צייט.

די סקעפּטישע שטימונגען פון דער יידישער אינטעליגענציע וואָלטן אָבער ניט מסוגל געווען איינצואווירקן אויף דעם אידייען־גאַנג פון די יידישע מאַסן, ווען אין דער אויפקלערונגס־צייט וואָלטן ניט פאָרגעקומען ממשותדיקע ענדערונגען אין דערווירקלעכער וועלט, דער עיקר, אין דער פּאָליטישער לאַגע, אַ דאַנק יענער רעוואָלוציע, וואָס דער פרייער געדאַנק האָט אַריינגעבראַכט אין די יסודות פון דעם שטאָטלעכן לעבן בכלל און אין דעם ענין פון „בירגער־רעכט״ בפרט.

פון נאָך די רעפאָרמאַציע־מלחמות אָן האָט זיך אין דער אייראָפּייאישער פּאָליטישער וועלט איינגעשטעלט דער כלל, אַז „וועמעס רעגירונג, יענעמס רעליגיע״. דאָס האָט פאַקטיש געהייסן, אַז די רעליגיע ווערט דערקלערט פאַר דעם סימן מובהק פון דער נאַציע. ווי אַ קינד פון דער „נאַציע״ קאָן באַטראַכט ווערן נאָר יענער, וואָס נעמט אָן דעם הערשנדיקן גלויבן. און די מאַיאָריטעט פון די אייראָפּייאישע פעלקער האָט געלעבט לויט דעם דאָזיקן כלל. די יידן, וואָס האָבן געוואוינט צווישן זיי, האָבן דעריבער גאָר ניט געקאָנט פּרעטענדירן, מען זאָל זיי באַטראַכטן, ווי קינדער פון דעם הערשנדיקן פאָלק. זיי האָבן אויך ניט געקאָנט פּרעטענדירן, מען זאָל זיי געבן גלייכע רעכט

מיט אַלע אַנדערע קינדער פון דעם פאָלק. העכסטנס, וואָס זיי האָבן געקאָנט פאַרלאַנגען, איז געווען די אַזוי־גערופענע „טאָלעראַנץ": מען זאָל זיי דולדן, מען זאָל זיי לאָזן לעבן און „מאַכן אַ לעבן", אויף וויפיל זיי זיינען ניצלעך אָדער, לכל הפחות, ניט שעדלעך פאַר די אַנדערע קינדער.

דער פרייער געדאַנק האָט אָבער אומעטום געפאָדערט די סעקוליאַריזאַציע פון דעם שטאַט־באַגריף, זיין פאַרוועלטלעכונג. צו זיין אַ בירגער פון דעם שטאַט, אָדער פון דער „נאַציע", איז גאָר ניט נייטיק צו האָבן אַ וועלכן עס איז רעליגיעזן גלויבן. די אמונה דאַרף דערקלערט ווערן פאַר אַ ריינעם פּריוואַט־ענין פון דעם יחיד, און קיינער טאָר ניט זיך אין אָט דעם אינטימען ענין זיינעם ניט אַריינמישן. און ווען די פאָדערונג פון דעם פּראָגרעסיוון דענקען איז אַריינגעדרונגען אויך אין דער יידישער סביבה, האָט זי געמוזט ברענגען מיט זיך אַ ליכטיקע האָפענונג, אַז עס איז געקומען אַ סוף צו די אַלערליי רדיפות און גזירות אויף יידן, ווי קינדער פון אַ באַשטימטן, בלויז „טאָלערירטן גלויבן".

די פולע גלייכבאַרעכטיקונג פון די „איזראַעליטן", אין וועלכער אונדזער פאָלק האָט זיך אַזוי שטאַרק געניייטיקט, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם „סדר היום" פון דער אייראָפּיאישער עפנטלעכקייט.

אָבער דאָ איז אויף דעם האָריזאָנט באַלד אַרויסגעשוואומען אַ טונקעלער פונקט, וואָס האָט געשטערט די האַרמאָניע און די ליכטיקע האָפענונג. „יידן" זיינען ניט נאָר אַ רעליגיעזע עדה. זיי זיינען אין דערזעלביקער צייט אויך אַ פאָלק, אַ נאַציע מיט ריין־נאַציאָנאַלע האָפענונגען. אַזוי האָבן די יידן געקוקט אויף זיך: אַזוי האָט געקוקט אויף זיי די גאַנצע ניט־יידישע וועלט. פרעגט זיך די שאלה: ווען מען רעדט וועגן דעם יידנס רעכט אויף גלייכהייט מיט אַנדערע, מיינט מען דערביי די יידן, נאָר ווי קינדער פון אַ באַשטימטן גלויבן, אָדער אויך ווי קינדער פון אַ באַשטימטן באַזונדערן פאָלק?

לויט דעם שטאַטס־רעכטלעכן באַוואוסטזיין פון יענער צייט, וואָס איז נאָך עד היום ניט פאַרשוואונדן אומעטום און אינגאַנצן, — האָבן גלייכע בירגערלעכע רעכט געקאָנט באַקומען נאָר די קינדער פון איין פאָלק, פון איין „נאַציע", פון איין שטאַט. פרעמדע איינוואוינער פון אַ לאַנד האָבן ניט געקאָנט פּרעטענדירן אויף גלייכע רעכט. איז — ווי זאָל מען באַטראַכטן די יידן: ווי אייגענע אָדער ווי פרעמדע?

ווי דעם סימן מובהק פון דעם „אייגענעם" אין לאַנד האָט מען

פריער באַטראַכט דעם רעליגיעזן גלויבן. ווען די אמונה האָט אויפגעהערט צו שפּילן די ראָליע פון, אַזוי צו זאָגן, אַ נאַציאָנאַלן צענט, איז אויף איר אָרט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַן אַנדער פּרינציפּ, — דער פּרינציפּ פון דעם פאָטערלאַנד. אַ „נאַציע״ איז אַ גרופּע פון מענטשן, וואָס האָבן איין און דעמזעלבן פאָטערלאַנד, פאַר וועלכן זיי דאַרפן זיך מקריב זיין אין צייטן פון נויט, און וועמעס „רום״ און „גרויס״ זיי דאַרפן האָבן אין אויג אין אַלע צייטן.

אויב יידן פּרעטענדירן אויף גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע קינדער פון דער נאַציע, דאַרף מען קודם זיין זיכער, אַז זיי אַליין באַטראַכטן זיך ווי אַזעלכע קינדער, אַז זיי האָבן ניט קיין אַנדער פאָטערלאַנד, ווי נאָר דעם, אין וועלכן זיי וואוינען. ווי איז עס אָבער אין אָט דעם פּרט מיט די יידן? קאָנען זיי, פאַרבלייבנדיק יידן, זיך אָפּזאָגן פון זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע האָפענונגען, פון זייער טרייער ליבע און איבערגעבנקייט צו זייער פאָטערלאַנד, צו ארץ־ישראל, דעם לאַנד פון זייערע אָבות?

באַזונדערס שאַרף איז אַרויסגעטראָטן די פראַגע פאַר די פראַנצויזישע יידן אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע, ווען די וואולקאַנישע לאַווע אירע האָט זיך שוין געגומען אָפּקילן און פאַרגליווערט ווערן אין די פאָרמען פון אַ נייעם שטאַטס־לעבן, אין די צייטן פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן.

עס זיינען דעמאָלט ניט אַזוי ענג צונויפגעוואַקסן געוואָרן די באַגריפן: „שטאַט״, „נאַציע״ און „פאָטערלאַנד״, ווי גראָד אין פראַנקרייך. „לאַ נאַסיאָן״, „ליע ז׳אַנפאַן דע ליאַ פאַטרי״ („די נאַציע״, „די קינדער פון דעם פאָטערלאַנד״), זיינען דאָרטן געוואָרן דער „שבולת״ פון דער נייער צייט. איז — ווי איז עס מיט די יידן? זיינען יידן די קינדער פון דעם פראַנצויזישן פאָטערלאַנד? פון דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע איז אָפּגעהאַנגען דער גורל פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין פראַנקרייך און אין גאַנץ אייראָפּע, וואוהין עס זיינען פאַרטראָגן געוואָרן די אידייען און אידעאַלן פון דער פראַנצויזישער אויפקלערונג.

אָט די צוויי הויפּט־אורזאַכן, — דער באַנקראָט פון דעם גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און די נויט אָפּצוזאָגן זיך פון אַלע נאַציאָנאַלע האָפענונגען אויף אַ צוריקקער קיין ארץ־ישראל, צוליב דער פולער גלייכבאַרעכטיקונג, צוליב דער אַזוי־אָנגערופענער „יידישער עמאַנסיפּאַציע״, — האָבן אַרויסגעבראַכט די

ערשטע פּאַרגאָפּלונג אין דעם אײנהײטלעכן יידישן וועג. דער וועג האָט זיך פּאַרגאָפּלט אין צוויי פאַרשיידענע ריכטונגען, און עס איז פאַר אונדזער עפּענטלעכן געדאַנק אויסגעוואַקסן דער ערשטער גרויסער און שאַרפער מאָדערנער פּראָבלעם:

— וואָס זיינען מיר — אַ רעליגיע אָדער אַ נאַציע? וואָס איז דער אמתער ריכטיקסטער מהות פון אונדזער יידישן זיין אויף דער וועלט: אונדזער יידישער גלויבן, אָדער אונדזער צוגעהעריקייט צו דעם יידישן פאָלק?

דעם ענטפער אויף אָט דעם פּראָבלעם האָבן די פּראָגרעסיווע טיילן פון אונדזער פאָלק געפונען אויסגעאַרבעט אין די טעאָריעס און בליקן פון אונדזערע אַזוי־גערופענע „אויפקלערער", וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום משה מענדעלסאָן. דער עיקר: ביי זיינע ראַדיקאַלע און קאָנסעקווענטערע נאָכגייער.

„יידישקייט" („יודאַאיזם", „יודנטום") איז אַ באַשטימטער רעליגיעזער גלויבן, וואָס איז אין זיין תוך פּונקט אַזוי אוניווערסאַל, ווי דאָס קריסטנטום און דער מאַהאָמעדאַניזם. דער „יודאַאיזם" האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער צוגעהעריקייט צו אַ וועלכן עס איז פאָלק אָדער מיט וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. דער אַלט־יידישער בליק, אַז יידישער נאַציאָנאַליזם איז אַ בויטוועגדיקער עיקר אין דעם יידישן גלויבן, גייט להיפּוך צו דעם אוניווערסאַליסטישן תוך פון דעם יודאַאיזם און האָט שוין לאַנג אָפּגעלעבט זיין צייט. ער האָט זיך געהאַלטן נאָר אַדאַנק דעם, וואָס נאָר יידן האָבן געגלויבט אין יידנטום און וואָס מען האָט יידן באַזונדערס פאַרפאָלגט און געצוואונגען אָפּצוזונדערן זיך פון די אַנדערע.

אין תוך אַריין אָבער האָבן די מאָדערנע יידן שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלק, ווייל אַ פאָלק, אַ נאַציע, איז נאָר אַ גרופּע פון מענטשן, וואָס וואוינען אין אַן אייגענעם לאַנד. פאַקטיש האָבן יידן ניט אַזאַ אייגן לאַנד. עס איז דעריבער אַ ריינע פיקציע, אַן איבערגעלעבטער מיטל־אַלטערלעכער אָבערגלויבן, ווען מען רעדט וועגן אַ יידישן פאָלק, אַ יידישער נאַציע.

מיר קאָנען מער ניט לעבן מיט פיקציעס. דער אוניווערסאַלער תוך פון אונדזער יידישן גלויבן פאָדערט פון אונדז, מיר זאָלן זיך אינגאַנצן באַפרייען פון זיי, רעפאָרמירן אונדזערע רעליגיעזע עיקרים און מנהגים, און צופּאַסן זיי צו דעם גייסט פון דער צייט אַזוי, אַז אויך קינדער פון אַנדערע פעלקער זאָלן קאָנען צושטיין צו אונדזער אמונה,

און — דער עיקר — דאַרפן מיר פריידיק איינזען דעם פאַקט, אַז מיר זיינען שוין איצטער קינדער פון יענעם פאָלק און פון יענעם לאַנד, צווישן וועלכן און אין וועלכן מיר וואוינען.

מיר זיינען שוין ניט מער קיין יידן אין דעם אַלטן נאַציאָנאַלן זין פון וואָרט. מיר זיינען פראַנצויזן, דייטשן, פוילן „בני דת משה״, קינדער פון דעם „מאָזאַאישן גלויבן״.

אַזוי־אָ איז אין דעם לעבן און דעם געדאַנק געבוירן געוואָרן דער וויכטיקסטער רעוואָלוציאָנערער פּעריאָד אין אונדזער געשיכטע. ער האָט געפאָדערט פון אונדז קודם כל, מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון יעדער יידישער אייגנאַרטיקייט, וואָס איז ניט אוניווערסאַליסטיש־„רעליגיעז״ אין דעם אויפגעקלערטסטן זין פון דעם וואָרט. ער האָט געפאָדערט פון אונדז די רעפאָרמאַציע אין דעם רעליגיעזן לעבן און די פולע אַבסאָלוטע אַסימילאַציע מיט דעם ניט־יידן אַרום אין אַלע וועלטלעכע ענינים: אין דער שפּראַך, אין דער קולטור, אין דעם אַרט לעבן און דענקען, אין דעם אַלגעמיינעם פּאַטריאָטיזם.

## 2

די נייע איינשטעלונג פון דעם יידישן עפנטלעכן געדאַנק האָט, דער עיקר אין דייטשלאַנד, וואו עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן איר טעאָרעטישער פונדאַמענט, געפירט צו אַ זייער טרויעריקן רעזולטאַט אין אונדזער לעבן.

נאָך איידער די עמאַנסיפּאַציע איז דורכגעפירט געוואָרן, האָבן גראָד די פּראָגרעסיווסטע, גראָד די טאַלאַנטפולסטע קינדער פון אונדזער פאָלק אינגאַנצן איבערגעריסן די פעדים, וואָס האָבן זיי צוגעבונדן צו אים.

ווי באַלד „יידישקייט״ איז נאָר אַ באַשטימטער גלויבן, קאָן מען זיין צוגעבונדן צו אים נאָר אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ער האָלט ביי איינעם אָן. קוים פאַרלירט ער זיין מאַכט איבער דער יידישער נשמה, אַזוי מוז אויפהערן יעדער צובונד אירער צו יידן און יידישקייט. און אַזוי האָבן די בעסטע קעפּ פון דער וואונדערבאַר הויך־שטייענדיקער יוגנט, דער יידישער, גענומען מיט האַסט פאַרלאָזן דעם יידישן לאַגער.

עס איז גענוג נאָר צו דערמאָנען די נעמען פון אַן עדוואַרד גיענס, אַ נעאַנדער, אַ היינע, אַ בערנע, אַ פעליקס מענדלסאָן, אַ קאַרל מאַרקס,

אַ פערדינאַנד לאַסאַל, כדי צו באַקומען אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ גייסטער עס האָבן אונדז פאַרלאָזן, וואָס פאַר ענערגיעס און באַשאַפנדיקע כוחות עס זיינען אַוועק פון אונדז.

אין יענער צייט האָט דאָס אָבער ניט אַרויסגערופן ניט קיין איבעריקע פאַרוואונדערונג, ניט קיין איבעריקן עגמת־נפש. יענע אַלע גייסטער זיינען דייטשן. פון אַ דייטש קאָנען מיר עפּעס מאָנען פאַר אונדז נאָר ווען ער געהערט צו אונדזער גלויבן. קוים גייט ער פון אים אַרויס, ווערן ממילא בטל זיינע התחייבותן צו אונדז און עס ווערט אויך בטל אונדזער רעכט צו מאָנען עפּעס פון אים.

אין די קעפּ און הערצער פון אַזעלכע אמתע גדולים, אמתע פאָנען־טרעגער פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, ווי היינע און בערנע, לאַסאַל און מאַרקס, איז אָבער דורכגעפירט געוואָרן אַ מאָמענט פון דער יידישער געשיכטע. דער מאָמענט פון אַבסאָלוט אַפּלייקענען יענעם וועג, אויף וועלכן עס איז געגאַנגען די פּרוש־נאַציאָנאַלע יידנשאַפט.

דער אויסגאַנגס־פּראָצעס פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע, — איר „טעזיס" (צו רעדן מיט דעם אַלטן זיידן העגעל), — איז געווען דער צונויפגוס פון יידישן גלויבן און יידישן נאַציאָנאַליזם.

די פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען פון די יידישע ראַ־דיקאַלע קינדער קאָן מען דעריבער באַטראַכטן ווי דעם פּעריאָד פון דער קאָנסעקווענטער „נעגאַציע", פון דעם פולן „אַנטי־טעזיס". ביידע גרונט־עלעמענטן פון דעם יידישן זיין אויף דער וועלט ווערן אין אים אָפּגע־פרעגט מיט אַמאָל און לגמרי. „מיר", — ד. ה. אַלע וואָס לעבן אין אָט דעם נעגאַטיוון פּעריאָד, — זיינען קודם כל ניט קיין נאַציאָנאַלע יידן, ווייל מיר זיינען דייטשן, פראַנצויזן, פּוילן, אָדער גאָר קאָסמאָ־פּאָליטן. מיר זיינען אָבער אויך ניט קיין רעליגיעזע יידן, ווייל מיר זיינען פריידענקער, אָדער קריסטן — אָרטאָדאָקסן, ווי נעאַנדער, אָדער פרייגעזאָנענע, ווי לודוויג בערנע, — ביידע אמתע קריסטן מיט קאָפּ און האַרץ.

אַזוי איז געבוירן געוואָרן און האָט זיך איינגעפעסטיקט אין מערב־אייראָפּע יענער פּעריאָד פון דער יידישער געשיכטע, וועלכן מיר ווילן אַ נאָמען געבן: „דער אַסימילאַטאָריש־פּראָגרעסיווער", להיפּוך צו דעם פריערדיקן פּעריאָד, וואָס מיר וועלן אים אָנרופן דער „קאָנ־סערוואַטיוו־נאַציאָנאַלער".

אין מזרח־אייראָפּע, וואו עס האָט געוואוינט, און עס וואוינט נאָך עד היום, דער רוב מנין פון דעם יידישן פאָלק, — אין רוסלאַנד,

פוילן, רומעניע, גאַליציע, בעהמען, קאַרפּאַטאָ־רוס, — איז דער טריאומף פון דער פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן איינשטעל ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג. די גרעסטע מאַיאָריטעט פון אונדזער פאָלק אין יענע לענדער (חוץ, אפשר, רוסלאַנד) איז דעמאָלט געשטאַנען, ווי זי שטייט נאָך עד היום, אונטער דער ניט געמינערטער און, אפשר, נאָך פאַרשטאַרקטער שליטה פון די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע אידייען און האַפענונגען.

דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע האָט געטראָגן אַזאַ שאַרף אויסגעשפּראָכענעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

די אינטעלעקטועלע שאַפונגס־כוחות פון דעם פאָלק האָבן נאָך אַזוי יונג און פריש געשפּרודלט אין די פאַרמען פון דער תּלמודישער און מיסטישער געדאַנקען־אַרבעט, וואָס פלעגט אַרויסברענגען, דור נאָך דור, אמתע גאונים און טאַלאַנטן.

דער ניי־אויפגעקומענער חסידיזם האָט מיט זיינע וואונדער־צדיקים אַזוי וואונדערלעך פאַרשטאַרקט ביים פאָלק דעם גלויבן אין וואונדער און משיחן און האָט געפונען ביי די גרויסע מאַסן דעם אומבאַדינגטן צוטרוי צו זיך.

די ריין יידישע עקאָנאָמישע באַשעפטיקונגען, — דער עיקר, ווי קאָמערציעלע און פינאַנציעלע אַגענטן אין דעם פּויערים־ און פעאָדאַלן לעבנס־בוי, האָבן בוילעט אָפּגעשיידט דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן פון דעם ניט־יידישן.

דער יורידישער סטאַטוס פון די יידן, וואָס האָט זיי געהאַלטן אין אַ שאַרפן געטאָ, האָט אין דער זעלביקער צייט געהאָלפן אויסצובילדן אינעם געטאָ אויטאָנאָמע פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען, דעם „קהל״. עס האָט אומעטום געהערשט די אייגנאַרטיקע יידישע שפּראַך, אויף וועלכער די מיליאָנען יידן פון יענע לענדער האָבן גערעדט און אין וועלכער זיי האָבן אַנטוויקלט זייער קולטור, אויף וויפיל זי האָט זיך באַנוצט ניט מיט דעם געשריבענעם, נאָר מיט דעם גערעדטן וואָרט.

לויט אַט די אַלע, — און נאָך אַנדערע, — סימנים האָט דאָס יידישע לעבן געטראָגן אַזאַ בוילעט־אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אַז יעדער אומפּאַרטייאישער היסטאָריקער, וואָס שטודירט יענע צייט, מוז מודה זיין: די מזרח־אייראָפּעאישע יידנשאַפט איז דעמאָלט בלי שום ספק געווען אַ באַזונדער „נאַציאָנאַליטעט״, פול מיט וויטאַלע כוחות צו קעמפן פאַר איר נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג און אַנטוויקלונג.

על־כל־פנים זיינען יענע יידן געווען אין אַ סך אַ גרעסערן גראַד

אַ באַזונדער פאָלק, איידער די יידישע פראַגמענטן, וואָס האָבן געלעבט אין מערב־אייראָפּע.

אין אַט דער שאַרף נאַציאָנאַלער סביבה האָט דער אַסימילאַטאָריש־פּראָגרעסיווער געדאַנק גענומען אַריינדרינגען נאָך אין אָנהייב פון דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט. אָבער אַן ערנסטע גייסטיקע באַוועגונג האָט ער געקאָנט אַרויסרופן ערשט אין די דרייסיקער יאָרן. פון די דרייסיקער יאָרן אָן האָט די באַוועגונג געהאַלטן אין איין פאַנאַנדערבליען זיך און וואַקסן, און דעם אַפּאָגעי האָט זי דערגרייכט אין דעם סוף פון די זעכציקער יאָרן, ווען אויך ביי די געבילדעטע און ליבעראַלע עלעמענטן פון דער מזרח־אייראָפּעאישער יידנשאַפט איז די אַסימילאַטאָריש־פּראָגרעסיווע אידעאָלאָגיע געוואָרן די הערשנדיקע.

שטאַרקע פעסטונגען האָט יענע אידעאָלאָגיע געדאַרפט איינעמען און צעשטערן.

זי האָט געדאַרפט אַראָפּטראָגן די עקאָנאָמישע פעסטונג דורך דער באַשאַפונג פון אַ מאָדערנעם באַזיס פאַר די יידישע באַשעפטיקונגען און פאַר זייער אַריינדרינגונג אין דעם אויפגעוואַכטן עקאָנאָמישן לעבן פון דעם אַרום.

זי האָט געדאַרפט צעשטערן די יורידישע פעסטונג דורך דער אָפּשאַפונג פון דער געטאָ־געזעצגעבונג און פון דער יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

זי האָט געדאַרפט אויפרייסן די אייגעפעסטיקטע פּאָזיציעס פון דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן לעבן דורך דעם קאַמף אַנטקעגן דער שטאַ־לענער נעץ פון די תלמודיש־ראַבאָנישע דינים און מנהגים; דעם קאַמף אַנטקעגן דער תלמודיש־ראַבאָנישער וועלט בכלל און דעם חסידיזם בפרט.

די שפּראַכלעכע פעסטונג האָט געדאַרפט איינגענומען ווערן דורך דעם קאַמף אַנטקעגן יידיש, דורך דער פאַרשפרייטונג פון דער לאַנד־שפּראַך, ווי אַן אומגאַנגס־שפּראַך, און דער באַשאַפונג פון אַ ריין וועלטלעכער ליטעראַטור אין העברייאיש.

אויף אַט דער ניי־העברייאישער ליטעראַטור האָבן פילע געקוקט נאָר ווי אויף אַן איבערגאַנגס־סטאַדיע ביז צו דער פולער אַסימילאַציע מיט דער הערשנדיקער קולטור־ספערע פון דעם לאַנד. איר הויפּט־ראָליע איז אָבער געווען — צו זיין אַ פּראָפּאַגאַנדע־מיטל פאַר די פּראָגרעסיווע אַנטי־נאַציאָנאַלע אידייען און אידעאַלן, ווען מען האָט זיך אויך מיט יידיש באַדינט צוליב די זעלביקע פּראָפּאַגאַנדיסטישע צילן.

אַ קאָלאָסאַלער סכום גייסטיקע ענערגיע פון גאָר הויכער קוואַליטעט איז אַנגעווענדט געוואָרן אין אַט דעם קאַמף פון דער אַזוי־אַנגערופענער „השכלה" („אויפקלערונג") אַנטקעגן דער קאָנסערוואַטיוו־נאַציאָנאַלער וועלט.

איינגאַנצן איינצונעמען און צוצעשטערן יענע פעסטונגען האָט זיך דער השכלה ניט איינגעגעבן. אַ חוץ אין דער עקאָנאָמיע און אין דער רעכטלעכער לאַגע שטייען זיי נאָך אַלץ ביז אויף דעם היינטיקן טאָג. אָבער היפּש צעטרייסלט געוואָרן זיינען די יסודות פון דעם אַלטן לעבן און עס איז שוין אין די זיבעציקער יאָרן אויסגעקעמפּט געוואָרן אַ גרויסער שטח פאַר דער אומגעשטערטער ווירקונג פון די אַסימי־לאַטאָריש־פּראָגרעסיווע אידייען.

געהאָלפן אין אַט דעם אומגעהויער וויכטיקן דורכפאַלג האָבן אי דער צענויפברוך פון דעם פעאָדאַלן רעזשים אין יענע לענדער און די אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער עקאָנאָמיק, אי דער אַנטייל, וואָס די יידן האָבן אַנגעהויבן נעמען אין איר, אַלעמאָל מיט אַן אַלץ מער־וואַקסנדיקן אימפּעט, אי די ליבעראַלע געזעצגעבונג בנוגע יידן, וואָס האָט גענומען אַראָפּטראָגן אַ שטיין נאָך אַ שטיין פון די רעכטלעכע געטאָ־מויערן און האָט צוגעלאָזן יידישע קינדער אין די אַלגעמיינע בילדונגס־אַנשטאַלטן פון דעם לאַנד; אי דאָס, וואָס די רעגירונג האָט איינגאַנצן אָפּגעשאַפט די רעשטלעך פון דער יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

פון וואַנען האָט די יידישע „השכלה"־באַוועגונג געשעפּט דעם מוט צו קומען צו איר אייגענעם פאָלק, וואָס האָט גערעדט זיין אייגענע שפּראַך, מיט דעם באמת־רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, אַז דאָס פאָלק איז ניט קיין פאָלק און די שפּראַך איז ניט קיין שפּראַך, און אַז זייער ביידנס גורל איז נאַציאָנאַל צו פאַרשווינדן אין דעם פרעמדן אַרום?

דער וויכטיקסטער קוואַל, וואָס האָט איר געגעבן יענעם מוט, איז זיכער געווען יענער פּראָגרעסיווער געדאַנק, וואָס האָט אַרויס־געבראַכט דעם גייסטיקן באַנקראָט פון דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער וועלט אין מערב־אייראָפּע: די טיפע איבערצייגונג אין דער אַבסאָלוטער הער־שאַפט פון די נאַטור־געזעצן סיי אין דער נאַטור, סיי אין דעם מענטש־לעכן לעבן, און אין דער אַבסאָלוטער אוממעגלעכקייט נאָך ווייטער צו שפּייזן די נשמה מיט האָפענונגען אויף אַן איבערנאַטירלעכער נאַציאָנאַלער גאולה שלמה.

צו די גרויסע מאַסן פון דעם פאָלק האָט מען אָבער ניט געקאָנט

קומען נאָר מיט אַ דער רייך־טעאָרעטישער איינשטעלונג. מען האָט געמוזט רעדן „ממשותדיק" רייד: ניט נאָר נעגאַטיוו אויפווייזן, אַז די אויפהאַלטונג פון דער אייגענער נאַציאָנאַליטעט האָט ניט קיין ברעקל בר־דעתדיקן זין, נאָר אויך פּאָזיטיוו שילדערן יענע ממשותדיקע פאָר־טיילן, וואָס די יידן וועלן באַקומען, ווען זיי וועלן זיך אַריינוואַרפן אין די אָרעמס פון דער אַסימילאַציע. אויך אַט די אויפגאַבע האָט דורכגעפירט די השכלה־אינטעליגענציע פון מזרח־אייראָפּע, דער עיקר, אין רוסלאַנד און פּוילן, וואו עס האָט זיך שוין לאַנג פריער אויס־געבויט דער גייסטיקער צענטער פון דעם יידישן לעבן.

דער וואָס שטודירט מיט אויפמערקזאַמקייט די השכלה־ליטעראַטור אין רוסלאַנד, מיט אירע רייכע שאַפונגען אין העברייאיש, יידיש און רוסיש, יענער וועט זיכער אַרויסהערן דעם פּאָזיטיוון גרונט־טאָן פון דער משכילימשער פּראָפּאַגאַנדע.

די טרעגער פון דער השכלה זיינען געקומען צו אונדז מיט דער פאַרזיכערונג, אַז די אַסימילאַציע איז דער אומפאַרמיידלעכער גורל פון אונדזער פאָלק. מיר זאָלן אָבער אַליין פריידיק גיין אַנטקעגן יענעם גורל, ווייל ער וועט אונדז ברענגען די פולע באַפרייאונג, די פולע „עמאַנסיפּאַציע" פון אַלע יענע ליידן און צרות און פון אַלע יענע פינצטערע שאָטן־זייטן, וואָס הערשן אין דעם יידישן לעבן.

מיט דריי קאָלאָסאַל־וויכטיקע צוזאָגן איז די אַסימילאַטאָרישע השכלה געקומען צו דעם יידישן עולם.

קודם מיט דער פאַרזיכערונג, אַז די אַסימילאַציע וועט מאַכן פאַרשווינדן דעם אַנטיסעמיטיזם. די אייביקע „רשעות" אַנטקעגן אונדז האָט יענע השכלה באַטראַכט, דער עיקר, ווי אַ פּראָדוקט פון צוויי פאַקטאָרן — די מיטלאַלטערלעכע אַבערגלויבנס אַנטקעגן אונדז פון איין זייט און אונדזער „אָפּגעזונדערטקייט" אין די אייגענע נאַציאָנאַלע דלד אמות, פון דער אַנדערער זייט. אַט די צוויי הויפּט־פאַקטאָרן האָבן איינער דעם אַנדערן געהאָלפן אין זייער וואַקסן און ווירקן. וואָס מער מען האָט אונדז פאַרפאָלגט, אַלץ מער האָבן מיר זיך אָפּגעזונדערט, און וואָס מער מיר האָבן זיך אָפּגעשלאָסן פון דעם אַרום, אַלץ מער אַבערגלויבנס וועגן אונדז האָבן זיך געפּרוכפּערט אין אים, וואָס האָבן געפירט צו ווייטערדיקע פאַרפאָלגונגען.

די „פאַרכישופטע ספּיראַל" איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן אין אונדזער צייט אַ דאַנק דעם „צייט־גייסט", דעם „רוח־הזמן", וואָס באַפרייט זיך פון די מיטלאַלטערלעכע אַבערגלויבנס. די געטאָ־מויערן

זיינען אין אַ סך לענדער, וואָס שטייען אונטער דער שליטה פון דעם „צייט־גייסט", אַראָפּגעטראָגן געוואָרן, און זיי ווערן ביסלעכווייז אַראָפּ־געטראָגן, וואוהין נאָר ער דרינגט אַריין. איצטער הענגט דאָס אָפּ פון אונדז, מיר זאָלן אַרויס פון דעם גייסטיק־נאַציאָנאַלן געטאָ. דעמאָלט וועט ניט נעמען לאַנג און די יידישע „עמאַנסיפּאַציע" וועט אומעטום דורכגעפירט ווערן. עס וועלן פאַרשטאָפּט ווערן די קוואַלן, וואָס שפּייזן דעם אַנטיסעמיטיזם, און עס וועט אין דעם עפּענטלעכן לעבן ניט זיין מער קיין נפקא־מינה צווישן ייד און ניט־ייד, ווייל אויך די יידן וועלן מוזן אַנערקענט ווערן ווי די אייגענע קינדער פון דעם פאָלק און דעם לאַנד, וואו זיי וואוינען, — אייגענע קינדער, נאָר פון אַן אַנדער גלייכ־באַרעכטיקטן גלויבן.

די אַסימילאַציע וועט אָבער אויך העלפן אונדז אויפצוהייבן זיך אויף אַ העכערער שטופע פון דער מענטשלעכער קולטור. אונדזער „אָפּגעזונדערטקייט" אין דער פינצטערער הייל, וואוהין די פאַרפאָלגונגען האָבן אונדז פאַרטריבן, האָט אונדז אָפּגעשניטן פון די ליכטיקע זונ־שטראַלן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס און האָט געמאַכט פאַרגליווערן אונדזער גאַנצע קולטור אין אָפּגעלעבטע באַגריפן און לעבנס־פאָרמען. אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, צוגעשטאַנען צו דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער אייראָפּיאישער בילדונג, — און מיר וועלן ווערן „מיט לייטן גלייך".

און אויך אָט דעם צוזאָג האָט אונדז די „אַסימילאַציע" געמאַכט: אַז דער מהות מענטש, דער יידישער, וואָס איז פאַרקריפּלט געוואָרן אין דעם געטאָ־לעבן און אין די געטאָ־באַשעפטיקונגען, וועט זיך אויפהייבן אויף אַ העכערער מאָראַלישער מדרגה. די יידישע נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט און דער האָס צו דעם פרעמדן פאַרפאָלגער האָבן ביי די יידן אַרויסגערופן אַ בליק, אַז מען מעג האָבן צוויי מאָראַלישע מאָסן: איינס פאַר די „אייגענע", און איינס פאַר די „פרעמדע", די „גויים". דאָס האָט געווירקט אויף דער דעמאָראַליזירונג פון דעם יידישן מהות מענטש, דער עיקר, אין זיין געשעפטלעכן אומגאַנג מיט די מיטמענטשן, סיי די „אייגענע" סיי די „פרעמדע". די אַפּלייקענונג פון דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן יש וועט אויך אָפּשאַפן די גאַנצע איינ־טיילונג אין „אייגענע" און „פרעמדע" און וועט אויסגלייכן אונדזער מאָראַלישן חוט השדרה *).

*) די גרונט־מאָטיוון פון די יידישע השכלה־געדאַנקען, אין אַ ביסל אַן אַנדער נוסח, זיינען אין מערב־אייראָפּע גאַנץ קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער

אַזוי אַרום האָט דער יידישער עפּענטלעכער געדאַנק איינגאַנצן געבראָכן מיט די טראַדיציעס און וועגן פון דער קאָנסערוואַטיוו־נאַציאָנאַלער יידישקייט און איז אַרויף אויף אַ נייעם וועג, וואָס איז קלאָר געלעגן פאַר אים, אַ באַגאָסענער מיט די זונשטראַלן פון דער פּראָגרעסיווער אויפקלערונג.

די ראַדיקאַלע גייסטער האָבן אויך אין מזרח־אייראָפּע באַלד איבערגעריסן זייערע פאַרבינדונגס־פעדים מיט דעם יידישן פאָלק, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין די רוסישע בילדונגס־אַנשטאַלטן, פאַרנומען יענע פּאָזיציעס אין דעם רוסישן לעבן, וואָס די געזעצגעבונג האָט שוין געמוזט צולאָזן און, אינאיינעם מיט די בעסערע עלעמענטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט און דער רוסישער שטודירנדיקער יוגנט, אָנגעהויבן צו באַטייליקן זיך אין אַן אַלץ מער־וואַקסנדיקן פאַרנעם, אין די באַפרייאונגס־באַוועגונגען פון דעם לאַנד.

די מיושבדיקערע עלעמענטן זיינען געבליבן „אין דער היים" און געמיט זיך צו לעבן לויט דער פאָרמולע, וואָס איז באַליבט געוואָרן אין דער השכלה־צייט: „היה אדם בצאתך ויהודי באוהליך" — „זיי אַ מענטש אינדרויסן און אַ ייד אין דיין געצעלט".

און „מענטש" האָט דעמאָלט געהייסן דער רוסיש־געבילדעטער מענטש. „ייד" אָבער האָט שוין ניט געהאַט קיין אייז ספּעציפיש־נאַציאָנאַלן שטריך. „יידישקייט" איז באַשטאַנען נאָר אין אַ געוויסער ליבעראַלער מאָדערניזירונג פון דער „סינאַגאָגע" (מיט אַ „קאָר־שול"), אַ געוויסער צוגעבונדנקייט פון דער העברייאישער השכלה־ליטעראַטור, וואָס האָט געדאַרפט „אַריינטראָגן ליכט" אין די „פינצטערע מוחות" פון דעם אַלטן יידנטום, און אין דער אונטערשטיצונג פון דעם פּובליציסטישן קאַמף פאַר דער פולער יידישער „עמאַנסיפּאַציע".

דער השכלה־פּעריאָד האָט אָבער באַשאַפן אַ גאָר באַדייטנדיקע „אינטעליגענציע", וואָס פלעגט זיך פאַרנעמען מיט עלעמענטן, וועלכע פלעגן נאָר־וואָס פאַרלאָזן די יידישע תלמודישע ישיבות. הגם זי איז אין איר אידעאָלאָגיע געשטאַנען אונטער דער ווירקונג אָדער פון די ראַדיקאַלע אָדער פון די ליבעראַלע אויבערשיכטן פון דעם רייך־אַסימילאַטאָרישן קרייז, איז זי דאָך אין איר גאַנצן לעבן און וועזן

---

קולטור־געשיכטלעך זייער אינטערעסאַנטער דראַמע פון דעם האָלענדישן ראַדיקאַלן שריפטשטעלער הערמאַן הייערמאַנס, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „דאָס געטאָ", געשריבן אין דעם לעצטן פערטל פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט!

געווען אויסגעבונדן מיט דעם פאָלק און האָט געפירט דעם העפטיקן און דערפאָלגרייכן קאַמף פאַר דאָס רעכט פון דעם יחיד אַראָפּצוואַרפן פון זיך די שניידנדיקע שטאַלענע נעץ פון דעם שולחן־ערוך־יידנטום און צו לעבן לויט די געבאָטן פון דעם אייגענעם שכל און יושר. אַ דאַנק אַט דער אינטעליגענץ, וואָס איז געשטאַנען נעענטער צו די פאָלקס־מאַסן, זיינען דורכגעגראָבן געוואָרן קאַנאַלן צווישן דער אַלטער פרום־יידישער וועלט און דער אייראָפּייאיש־פּראָגרעסיווער, וואָס איז אין רוסלאַנד אַרויסגעטראָטן אין דער פאָרם פון דער ליבעראַלער רוסישער קולטור אין דער רוסישער שפּראַך. דורך איינעם פון יענע קאַנאַלן פלעגן די בעסערע און פייאיקערע (אָבער אויך די פלינקערע און לייכטזיניקערע) קינדער פאַרלאָזן זייער פאָלק און זוכן, מיט אַ מאָוימדיקן אימפּעט, אַריינצודרינגען אין דעם ריין־רוסישן לעבן. דורך די אַנדערע — פלעגן די אידייען און אידעאַלן פון דער רוסישער פּראָגרעסיווער קולטור אַריינפליסן אין דער יידישער וועלט און פלעגן — דורך דעם מעדיום פון דער העברייאישער ליטעראַטור (אָבער אויך דער יידישער) — אונטערשווייקן די פונדאַמענטן פון דעם אַלטן גלויבן.

פאַר דער פּראָגרעסיווער יידישער אינטעליגענץ אין מזרח־אייראָפּע האָט זיך, ווי אין מערב, אָפּגעעפנט אַ ברייטער און קלאָרער וועג: דאָס שטרעבן צו די „דריי גראַציעס" (ווי איך האָב זיי אַמאָל אָנגערופן): „אַסימילאַציע", „ציוויליזאַציע" און „עמאַנסיפּאַציע". אין דער דאָזיקער דריי־איינקייט האָט מען געזוכט די פולע און גאַנצע יידישע באַפרייאונג. זי האָט אָבער אין דער זעלביקער צייט באַדייט די פולע און גאַנצע אָפּלייקענונג פון דער אַלט־יידישער וועלט, ניט נאָר מיט אירע פאַנטאַסטישע חלומות וועגן אַן איבערנאַטירלעכן משיח, נאָר אויך מיט אַלע אירע נאַציאָנאַלע יסודות פון דעם לעבן און אַלע אירע נאַציאָנאַלע האָפענונגען.

אַזוי אַרום איז אויך אין מזרח־אייראָפּע געפונען געוואָרן אַן ענטפער אויף אונדזער ערשטן גרויסן מאָדערנעם פּראָבלעם: „רעליגיע אָדער נאַציע"? דער ענטפער איז געווען דער זעלביקער, וואָס אין מערב־אייראָפּע: ניט „נאַציע", נאָר „רעליגיע"!

דאָס האָט ווידער באַשאַפן אַן איינהייטלעכן, איינבאַדייטנדיקן וועג פאַר די יידישע שטרעבונגען און האָפענונגען. אָבער — אויף ווי לאַנג?

## קאַפּיטל צוויי

# אַ רעליגיעזע נאַציע אָדער אַ וועלטלעכע

די זעכציקער און די זיבעציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט קאָנען באַטראַכט ווערן פאַר דעם גלאַנץ־פעריאָד פון דעם אייראָפּייאישן ליבעראַליזם. דאָס איז אויך געווען די צייט, ווען די אידעאַלן פון דער יידישער אינטעליגענציע, — די „עמאַנסיפּאַציע" און די „אַסימילאַציע", — האָבן זיך האַסטיק גענומען פאַרווירקלעכן אין לעבן, דער עיקר, אין מערב־אייראָפּע און בפרט אין דייטשלאַנד־עסטרייך: די צוויי לענדער, וואָס האָבן אין דעם ענין יידישע גלייכבאַרעכטיקונג און יידישע קולטורעלע אַסימילאַציע געדאַרפט אַ היפּש ביסל אָניאָגן אַזעלכע נאָך מער פאָרטגעשריטענע לענדער, ווי פראַנקרייך און ענגלאַנד.

אָבער אויך קיין מזרח־אייראָפּע, — דעם אייגנטלעכן וואוין־אָרט פון אונדזער פאָלק, — האָבן דערגרייכט די שטראַלן פון דער „ציוויליזאַציע", וואָס באַוועגט זיך, ווי באַקאַנט, פון מערב קיין מזרח. מיט ניקאָלאַי דעם ערשטנס טויט האָט זיך אויך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס „ליבעראַלע ערע", וואָס האָט אַ סך גרינגער געמאַכט דעם יידנס לאַגע און האָט באַפליגלט די פאַנטאַזיע פון אונדזער אינטעליגענציע מיט די רויזנפאַרביקע האָפענונגען אויף אַ צוקונפט, ניט קיין ערגערע, איידער אין מערב־אייראָפּע; און דאָס האָט געמיינט דער עיקר: דייטשלאַנד.

דייטשלאַנד־עסטרייך זיינען געלעגן נעענטער צו אונדז קודם געאָגראַפיש. אָבער אויך קאָמערציעל. יידן האָבן זיך גענומען שטאַרק באַטייליקן אין דעם אויסלענדישן האַנדל, מיט דאַנציג, לייפּציג און „גינשפריק" (קעניגסבערג), און גאָר אַם נאָענטסטן זיינען זיי אונדז געוואָרן גייסטיק: אַ דערפאַר, וואָס די „השכלה"־באַוועגונג איז דאָרטן געבאָרן און פון דאָרטן אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן צו אונדז, אַ אויך מחמת דעם, וואָס די דייטשע שפּראַך איז אונדז ניט אַזוי פרעמד, ווי די פראַנצויזישע אָדער די ענגלישע. די דייטשע קולטור איז ביי אונדז געווען די „אייראָפּייאישע" קולטור, איידער די ליבעראַלע רוסישע האָט פאַרנומען איר פלאַץ. אָבער אויך דעמאָלט איז געבליבן ניט געמינערט, נאָר איז נאָך אפשר אויסגעוואַקסן דער גרויסער און טיפער רעספּעקט פאַר די דייטשע שאַפונגען און באַשאַפערס.

האָט מען גערעדט וועגן אַ יידישער צוקונפט, ווי אין דעם ציוני־ ליזירטן מערב־אייראָפּע, האָט דאָס געמיינט: ווי אין דייטשלאַנד, וואו יידן האָבן שוין געגלאַנצט אויף דעם גייסטיקן הימל, ווי שטערן פון דער ערשטער גרויס, און וואו עס זיינען שוין געווען אַזעלכע צוויי דעפּוטאַטן אין רייכסטאַג, ווי באַמבערגער און לאַסקער, אין וועמעס הענט די ליבעראַלע פּאַרטיי האָט פּאַרטרויט די פירערשאַפט אין דעם קאַמף אַנטקעגן אַלע רעאַקציאָנערע כוחות פון דעם לאַנד.

אויך דער דייטשער אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז כמעט קיינמאָל ניט פאַרשטומט געוואָרן און האָט זינט די זיבעציקער יאָרן גענומען אַלץ מער און מער איינפּעסטיקן זיך אין דעם פּאָליטישן לעבן, איז ניט געווען קיין וואָרנונג און קיין אָפּקיל. אַדרבה! דער דייטשער אַנטי־ סעמיטיזם, מיט די דעבאַטן, וואָס פלעגן צוליב אים פאָרקומען אין דעם רייכסטאַג, האָבן נאָך בוילעטער געמאַכט דעם קאַמף פון ליכט און פינצטערניש, פון ליבעראַליזם און קאָנסערוואַטיזם, פון פּראָגרעס און רעאַקציע. און יעדער טריאומף פון דעם ליבעראַליזם איז געווען אַ נייער באַווייז, אַז דער היסטאָרישער וועג, וועלכן די מערב־אייראָ־ פּיאישע יידנשאַפט האָט אויסגעקליבן פאַר אונדזער פאָלק, איז דער ריכטיקער וועג.

דער פירנדיקער שטערן אויף דעם דאָזיקן וועג איז אָבער געווען דער טעאָרעטישער גרונט־געדאַנק, אַז יידן זיינען אין זייער תוך ניט קיין באַזונדערע נאַציע, נאָר בלויז אַ רעליגיעזע קהילה.

נאָך קיינמאָל האָט אַן אידייאישער איינשטעל ניט געקראָגן אַזוי פיל פאַראַמתונג און אויפמונטערונג אין דעם גאַנג פון דעםווירקלעכן לעבן, ווי עס האָט געקראָגן די אַפּלייקענונג פון דעם נאַציאָנאַלן זיין, דעם יידישן, אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן.

דער גלויבן אין דער ריכטיקייט פון דעם וועג, — דער צוטרוי צו דעם פירנדיקן שטערן פון עמאַנסיפּאַציע פאַר דעם פּרייז פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־אָפּלייקענונג, — האָט ביי אונדז אָנגעהאַלטן ביז צו די רוסישע פּאָגראָמען פון 1881—82. אָבער באַלד נאָך יענע פּאָגראָמען איז ער צונויפגעבראָכן, און דעם צונויפבּרוך האָט פּראַק־ לאַמירט איינער פון אונדזערע בעסטע עפּנטלעכע טוערס, דער אַסימי־ לאַטאָר דר. ל. פּינסקער, אין זיין עפּאָכע־מאַכנדיקער דייטשער שריפט, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען: „אַוטאָ־עמאַנסיפּאַציאָן", („זעלבסט־באַפרייאונג").

מיט אָט דער שריפט הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין אונדזער

היסטאָרישן לעבן, ווייל זי האָט אַרויסגעבראַכט דעם גרונט־פּרינציפּ, וואָס ליגט אין זיין יסוד.

דר. ל. פּינסקער פּאַרוואָרפט אַבסאָלוט יענעם ענטפער אויף דעם נאַציאָנאַל־יידישן פּראָבלעם, וואָס דער פריערדיקער פּראָגרעסיוו־אַסימי־לאַטאָרישער פּעריאָד האָט אויסגעפונען און וואָס אונטער זיין פאָן האָט די פּראָגרעסיווע יידישע אינטעליגענציע אומעטום געקעמפט פאַר אונדזער צוקונפט. זיין שריפט פאַרנעמט זיך ניט מיט אַ קריטיק פון דער נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע. דר. פּינסקער איז מער פאַראינטערעסירט אין דעם פּאָזיטיוון אויפבוי פון זיין נייעם בליק אויף דעם מהות פון דעם יידישן פאָלק, — אַ בליק, וואָס קאָן אויסגעדריקט ווערן אין די ווערטער: מיר זיינען ניט קיין רעליגיעזע סעקטע, נאָר אַ נאַציע, אַ פאָלק, ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. און דער דאָזיקער ענטפער איז תיכף אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון אַ סך יידישע פּראָג־רעסיווע גייסטער.

וואָס איז אַזוינס געשען, וואָס האָט געבראַכט אַזאַ ראַדיקאַלן איבערקער אין די מוחות פון אַ סך ראַדיקאַלע און פּראָגרעסיווע יידן?

ניט שוין איז דאָס געווען דער רעזולטאַט נאָר פון די רוסישע פּאָגראָמען? האָבן די פאַר ווילדע אומרוען אין אַ פּאָר שטעט פון אַ צוריקגעבליבענעם לאַנד, אונטער דער הערשאַפט פון דעם פאַנאַטיש־רעאַקציאָנערן צאַר, אַלעקסאַנדער דעם דריטן, געקאָנט אַרויסברענגען אַזאַ ראַדיקאַלן איבערבייט אין די געדאַנקען פון אַ פּראָגרעסיווער יידישער אינטעליגענציע, צווינגען זיי אָראָפּצוגיין פון יענעם וועג, אויף וועלכן עס זיינען געגאַנגען די בעסטע קינדער פון אונדזער פאָלק, און אָפּצוזאָגן זיך פון יענע ליכטיקע האָפענונגען, וואָס זיינען באַגרינדעט געוואָרן דורך דעם פרייען געדאַנק און פאַראַמתט געוואָרן אין דעם פּראָגרעסיוון לעבן פון די פּראָגרעסיווע פעלקער?

אָדער האָט אויף די פּינסקערס פלוצלינג אַרויפגעוואָרפן אַן אימה יענער פאַנאַנדערבלי פון דעם אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד, אין „אונדזער" דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך אַנגעהויבן אין דעם סוף זיבע־ציקער יאָרן, צום גרויסן טייל אַ דאַנק ביסמאַרקס שאַרפן קער אויף רעכטס אין זיין קאַמף אַנטקעגן דער ליבעראַלער פּאַרטיי? איז אַנטי־סעמיטיזם אַזאַ געוואַלדיקע אומדערהערטע נייס אין אונדזער געשיכטע? דאַרפן פּראָגרעסיווע מענטשן אַזוי נתפעל ווערן פון אַ רעאַקציאָנערער כוואַליע, וואָס טוט זיך פלוצים אַ גאָס אין דער געשיכטע פון די פּראָגרעסיווע פעלקער?

וואָלט יענע אויפגערודערטע צייט צוגעלאָזט אַ ניכטערן, אָביעקטיוון איבערבליק איבער די רעזולטאַטן, צו וועלכן עס איז אין מערב־אייראָפּע געקומען גראָד דער טריאומף פון דעם אַסימילאַטאָרישן פּעריאָד אין לעבן, וואָלט יענער איבערבליק געקאָנט סיסטעמאַטיש, שיער ניט מיט מאַטעמאַטישער קלאָרקייט באַווייזן, אַז ניט די רוסישע פּאָגראָמען, נאָר גראָד יענער טריאומף אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער האָט געבראַכט מיט זיך דעם פולסטן באַנקראָט פון די אַסימילאַטאָרישע האָפענונגען, — פּונקט אַזאַ שווידערלעכן באַנקראָט, ווי דער צונויפ־ברוך פון אונדזערע האָפענונגען אויף אַן איבערנאַטירלעכן משיח אין דעם אָנהייב פון דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן פּעריאָד.

דער ניכטערער איבערבליק וואָלט געקאָנט אויפווייזן, אַז אַלע דריי פּאָזיטיווע צוזאָגן, מיט וועלכע דער פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישער געדאַנק איז געקומען צו אונדז, זיינען אין תוך אַריין דורכגעפאַלן אין לעבן און אַז זיי קאָנען אויף דעם אַסימילאַטאָרישן וועג קיינמאָל ניט מקוים ווערן.

די „אַסימילאַציע״ האָט צוגעזאָגט די אָפּשוואַכונג פון דעם אַנטי־סעמיטיזם, און ער איז גראָד אַדאַנק דער אַסימילאַציע פאַרשטאַרקט געוואָרן.

זי האָט צוגעזאָגט די העכער־הייבונג פון דעם קולטור־מעמד ביי די יידישע מאַסן, און דער קולטור־לעבן אונדזערער האָט גראָד אַדאַנק דער אַסימילאַציע, געמוזט פאַרלירן זיינע בעסטע באַשאַפערישע כוחות און פאַרוואַנדלט ווערן אין יענעם שטייענדיקן זומפּ, וועלכן דער האָלענ־דישער אַסימילאַטאָר, הייערמאַנס, דער ייִנגערער, האָט מיט אַזאַ קראַפט אויפגעדעקט פאַר אונדז אין זיינע שילדערונגען פון דעם מאַסן־לעבן אין דער אַסימילירטער האָלענדישער יידנשאַפט.

די אַסימילאַציע האָט אונדז אויך צוגעזאָגט, — ווי מיר האָבן פריער געזען, — אַז דער פאַרהויקערטער מהות מענטש, דער יידישער, וועט זיך אויסגלייכן, ווען דער מענטש אין דעם יידן וועט זיך איב־גאַנצן אָפּזאָגן פון זיין צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק. און אין דעם מאַסן־לעבן האָבן גראָד אַזוינע יידישע מענטשן דאָס רוב נאָך מער פאַרלאָרן זייער מענטשלעכן פּרצוף און פאַרמערט מיט זיך די אַרמיי פון שיער ניט קרימינעלע אויסוואורפן.

אָט דער באַנקראָט־חשבון פון דער אַסימילאַציע איז געמאַכט

געוואָרן ערשט אַ סך שפּעטער *). אין די ערשטע צייטן האָבן ניט געקאָנט שטיין קלאָר פאַרן אויג ניט אַלע זיינע „פּאָסטנס", ניט אַלע פּרטים פון זיין „נאָסטראָ" און זיין „ליאָראָ". אין אויג האָט זיך געוואָרפן דער דעמאָלט וויכטיקסטער פּאָסטן: דער פאַרשאַרפטער אַנטיסעמיטיזם, אויף וועלכן דר. פּינסקער האָט קאָנצענטרירט זיין גאַנצן אויפמערק.

און ניט דערפאַר האָט זיך דער פאַרשאַרפטער מערב־אייראָפּייאישער אַנטיסעמיטיזם געוואָרפן אין אויג, וואָס ער איז בכלל אַ רעאַקציאָנערע יידנפיינטלעכע באַוועגונג. דאָס איז פאַר אונדז באַשטימט קיין נייס ניט. ניי איז פאַר אונדז געווען זיין כאַראַקטער, זיין דיאַמעטראַלע פאַרשיידנקייט פון יענער יידנפיינטשאַפט, צו וועלכער מיר זיינען געווען געוואוינט מקדמונים. און ניי איז אויך געווען דער באָדן, אויף וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן.

די אַלטע יידנפיינטשאַפט פון די מערב־אייראָפּייאישע פעלקער האָט זיך, זינט דעם טריאומף פון דעם קריסטלעכן גלויבן, געדרייט אַרום דער שאלה: ייד אָדער קריסט? דער נייער אַנטיסעמיטיזם האָט איינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן פון חשבון דעם רעליגיעזן עלעמענט. דער נייער אַנטיסעמיטיזם פון דער צווייטער העלפט ניינצנטן יאָרהונדערט איז ניט קיין רעליגיעזער. די צענטראַל־אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך זיין געדאַנק, איז ניט: „ייד אָדער קריסט?", נאָר: „ייד אָדער דייטש?", „ייד אָדער פראַנצויז?", „ייד אָדער פּויל?", און „ייד" איז דאָ אַלץ איינס: אַ רעליגיעז־גלויביקער ייד, אַ קריסטלעך־געשמדטער, אָדער אַ פרייזיניק־אַטעאיסטישער ייד. און עס איז אויך אַלץ איינס, צי דאָס איז אַן אומגעבילדעטער ייד פון דעם געטאָ, אָדער אַ ייד מיט דער ראַפינירטסטער אייראָפּייאישער קולטור, דער אַסימילירטסטער ייד אין דריטן אָדער פערטן דור, אַפילו אַ ייד מיט דעם שאַרפסטן שאָוויניסטיש־דייטשן, אָדער שאָוויניסטיש־פראַנצויזישן פּאַטריאָטיזם.

די אַלטע יידנפיינטשאַפט האָט, אין דעם דרויסנלעכן אַרויסוווייז, געלעבט פון דעם אַנטאַגאָניזם צווישן קירכע און סינאַגאָגע. דער נייער יידן־האָס לעבט פון דעם אַנטאַגאָניזם צווישן צוויי נאַציאָנאַלע טיפּן, — דעם יידישן און דעם ניט־יידישן.

און אויך דער באָדן, אויף וועלכן דער נייער אַנטיסעמיטיזם איז

*) די לעזער, וואָס ווילן באַקאַנט ווערן מיט יענעם חשבון, לויט מיין „בוכ־האַלטעריע", שיק איך אָפּ צו דער גרעסטער אַרבעט: „די אַסימילאַציע; וואָס זי זאָגט אונדז צו און וואָס זי גיט". אין די „געזאַמלטע שריפטן", אַכטער באַנד, ז.ז. 169 ביז 216.

אַרויסגעוואָקסן, איז אַ גאַנץ אַנדערער, איידער דער אַמאָליקער. דאָס איז שוין ניט דער גלח און דער אַריסטאָקראַטישער פּריץ, און דער קליינבירגערלעכער באַלמעלאָכע, און דער אומוויסנדער פּויער. דאָס איז איצט דער הויך־געלערנטער, פיין געבילדעטער אינטעליגענט, דער דענקער, ווי אַן אויגען דיוהרינג, דער פּראָפעסאָר, ווי אַ טרייטשקע און אַ מאָמזען, דער גרויסער, טיף־ערנסטער קינסטלער, ווי אַ ריכאַרד וואַגנער. און עס איז שוין ניט ווי אַמאָל, ווען יעדער געבילדעטער יידנפיינט איז דאָס רוב אין דערזעלביקער צייט געווען אַן אַנהענגער פון פּאָליטישער און סאָציאַלער רעאַקציע. דער נייער אַנטיסעמיטיזם האָט שוין געהאַט זיינע רעקרוטן אויך אין דעם ראַדיקאַלן לאַגער, אַפילו אין דעם רעוואָלוציאָנערן (ברונאָ באַוער, דיוהרינג).

טעאָדאָר פריטש, איינער פון די פּראָמינענטסטע מאָדערנע אַנטי־סעמיטן אין דייטשלאַנד, האָט אין זיין אַרטיקל: „צור געשיכטע דער אַנטיסעמיטישן באַוועגונג" אָנגעמערקט אַ שטריך, וואָס טיילט פּסיכאָ־לאָגיש אָפּ דעם אַלטן יידנהאַס (וואָס זיין לעצטע הויפּט־שריפט איז געווען איזנמענגערס: „דאָס אַפּגעדעקטע יידנטום", פון יאָר 1701) און דעם נייעם אַנטיסעמיטיזם.

„אין דער נייערער צייט", שרייבט פריטש, „האָט ריכאַרד וואַגנער אויפגעעפנט דעם קאַמף אַנטקעגן דעם העברייענטום אין זיין שריפט: „דאָס יידנטום אין דער מוזיק" (1859) *).

דער דאַטום, וואָס איז דאָ אָנגעגעבן פאַר דער דערשיינונג פון וואַגנערס „ערשטן שאָס", איז, מסתמא, אַ טעות הדפוס. עס דאַרף הייסן ניט 1859, נאָר 1850. צופעליק איז גראָד דער לעצטער יאָר פון דער ערשטער העלפט פון דעם נייצנטן יאָרהונדערט געווען דער געבוירן־יאָר פון דעם נייעם פּסיכישן איינשטעל צו יידן מצד גאָר אַ גרויסן טייל פון דער אייראָפּייאישער געבילדעטער וועלט.

*) זע דעם אַרטיקל אין סעפּטעמבער־העפט פון די מינכענער „זיד־דייטשע מאָנאַטסהעפטן" פון דעם יאָר 1930. דאָס איז אַ מערקווירדיק העפט, אַן אמתער קולטור־דענקמאָל, פון אונדזער צייט. דאָס גאַנצע העפט פון דער זייער חשובער דייטשער חודש־שריפט איז געווידמעט דער יידנפראַגע. דאָס איז אַ סימפּאָזיום, אין וועלכן ס׳נעמען צום ערשטן מאָל אָן אָנטייל, אי פּראָמינענטע יידן (ציוניסטן און אַסימילאַטאָרן) אי פּראָמינענטע יידנפריינטלעכע רעליגיעזע קריסטן, אי די פירנדיקע קעפּ פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג, — ווי אַ טעאָדאָר פריטש און דער גראַף רעווענטלאָוו. און בעת פון די אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען שלאָגן דיקע קנוילן שוואַרצן רויך, דורכגעפלעמלט מיט ברענענדיקן היטלעריסטישן פעך־און־שוועבל, טריפט פון די יידישע אַרטיקלען לעבלעכע רויזן־וואַסער. אַפילו פון די ציוניסטן,

וואַגנערס שריפט איז געווען אָפּגעדרוקט אין „דער נייער צייט־שריפט פיר מוזיק" פון 1850, אונטער דעם פסעוודאָנים: פריינגעדאַנק. שפּעטער, אין 1869, האָט דער מחבר זי ווידער אָפּגעדרוקט מיט הוספות אין אַ באַזונדער ביכל, אונטער זיין אייגענעם נאָמען. אין ענגליש איז אָט דער ערשטער „קלאַסיקער" פון דעם מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם איבערגעזעצט געוואָרן ערשט אין 1910, און מען קאָן ניט לייקענען: וואַגנערס געדאַנקען זיינען צום גרעסטן טייל נאָך אַקטועל ביז אויף דעם היינטיקן טאָג.

עס וואָלט זיך געוויס געלוינט צו פאַרנעמען זיך מיט אַ טיפערן אַנאַליז פון וואַגנערס דערקלערונגען און באַטראַכטונגען. עס וואָלט דערביי געמוזט אויפגעהויבן ווערן דער „פאַל וואַגנער" אין זיין גאַנצער קולטור־היסטאָרישער טיף, מיט די אויסבליקן אויף דעם פּעסימיזם שאָפּענהאַוערס, — דעם ביטערן אַנטיסעמיט, — און דעם אָפּטימיזם ניטשעס, — דעם ערשטן יידנפריינט. דאָס איז זיכער אַ זייער אינטערע־סאַנטע טעמע. אָבער דאָס וואָלט אונדז אַוועקגעפירט צו ווייט און אַרויסגעפירט פון די ראַמען פון דער איצטיקער אַרבעט. דאָ מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט אַ קורצער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק.

קודם דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז אין 1850 האָט דער גרויסער, ערנסטער מוזיקער, וואָס איז אין דערזעלבער צייט געווען אויך אַ באַדייטנדיקער דיכטער און דענקער, נאָך געהערט צו דעם לינקן, ראַדיקאַלן לאַגער פון דער דייטשער עפנטלעכקייט, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון פייערבאַכס מענטשנקולט און פון דעם אַזוי אָנגערופענעם „אמתן" אָדער „פילאָסאָפישן" סאָציאַליזם פון אַ משה העס און קאַרל גרין.

נאָך מיט אַ יאָר פריער, אין 1849, האָט וואַגנער פאַרעפנטלעכט זיין „שטורם־ליד דער רעוואָלוציאָן", — אַ פּאָעמע אין פּראָזע, אין דער פאָרם פון אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז געווען געטראָגן פון אַזאַ הייכן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, — אַ פּאָליטישן און אַ סאָציאַלן, — אַז שוין אין אונדזערע טעג, אין 1921, האָבן די דייטשע „לינקע", — די קאָמוניסטן, צי די ספּאַרטאַקיסטן, — געלאָזט זי ווידער אָפּדרוקן אין אַ סעריע פון רעוואָלוציאָנערע שריפטן פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט.

ריכאַרד וואַגנער איז, בכן, דעמאָלט געווען אַן „אונדזעריקער". מעגן מיר זיין טאָפּלט פאַראינטערעסירט אין דעם פענאָמען פון זיין שאַרפן אַנטיסעמיטיזם.

דער ספּעציעלער צוועק פון זיין שריפט איז אויפצודעקן די שעדלעכע

ווירקונג פון די יידישע מוזיקער אויף דער אַנטוויקלונג פון דער דייטשער טאָן־קונסט. אָבער אָט די ספּעציעלע אויפגאַבע וואַקסט זיך ביי אים פאַנאַנדער אין אַן אַלגעמיינער אָפּשאַצונג פון דעם געבילדעטן אַסימילירטן יידן בכלל, וואָס איז איינגאַנצן אַרויסגעריסן געוואָרן פון דעם צונויפבונד מיט זיין פאָלק (שטאַם). וואַגנער איז זיך מודה, אַז אָט דער טיפּ ייד, ביי זיין גאַנצער ראַפינירטער געבילדעטקייט, רופט אין אים אַרויס אַ געפיל פון לעכערלעכקייט און פון אינעווייניקסטן רעוואָלט. זיינע שאַפונגען מוזן זיין פּונקט אַזוי לעכערלעך, ווי עס וואָלט געווען לעכערלעך „געטהעס אַ געדיכט אין דעם יידישן זשאַרגאָן״. ער איז זיך אויך מודה, אַז ביי אים, וואַגנערן, איז, אַדאַנק אָט די געבילדעטע יידן, פאַרלאָרן געוואָרן זיין „פריערדיקע סימפּאַטיע צו דעם טראַגישן גורל פון זייער פאָלק״.

דאָ גייט עס אָבער ניט אין לעכערלעכקייט און סוביעקטיווע סימפּאַטיעס. דאָ גייט עס אין דעם גורל פון דער דייטשער קונסט. קונסט, דערקלערט אונדז וואַגנער, מוז האָבן אירע וואָרצלען אין דעם לעבן פון דעם אייגענעם פאָלק. יידן אָבער זיינען קינדער פון אַ פרעמדן פאָלק, און זייערע שאַפונגען אין דער דייטשער קונסט מוז אַריינטראָגן אַ שטערנדיקן, שעדלעכן עלעמענט.

זיין גרונט־געדאַנק פּרואווט וואַגנער אילוסטרירן מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון מענדלסאָנס און מייערבערס מוזיק. וועגן מענדלסאָנען האָט ער גאָר אַ געהויבענע מיינונג. ער געפינט אין אים „די פולקייט פון אַ רייכסטן ספּעציפישן טאַלאַנט״, אַ „צאַרט־שפּירעוודיקן ערנגעפיל״ און נאָך אַנדערע מעלות. אָבער טאַלאַנט אַהין, טאַלאַנט אַהער! אין זיין שאַפן האָט ער, דער אָפּגעריסענער פון זיין פאָלק, דער ניט איינגעוואָרצלטער אין דעם לעבן פון דעם דייטשן פאָלק, געקאָנט אַרויסברענגען נאָר אַ געמיש פון באַכס שטייגער מיט ברעקלעך פון דעם סינאַגאָגאַל־יידישן נוסח. באַך איז שוין אָבער לאַנג אַ צוריקגעבליבענער, און ווייטער, איידער באַך, האָט מענדלסאָן ניט געקאָנט גיין.

מייערבערן קאָן וואַגנער גאָרניט אויסשטיין. אָפּגעריסן פון זיין פאָלק, איז מייערבער אַ ליידיקע כלי, וואָס האָט זיך אָנגעפילט מיט אַן עלעקטרישן געמישעכץ פון העטעראָגענע איטאַליענישע עלעמענטן, וואָס שטימען לחלוטין ניט איינס מיטן אַנדערן.

אויך אויף דער ליטעראַטור שטעלט זיך וואַגנער אַ ווײלע אָפּ אין דעם סוף פון זיין שריפט. דאָ דערמאָנט ער נאָר היינען און בערנען. וועגן ביידן רעדט ער מיט גרויס דרך־ארץ. היינעס באַדייט ליגט אין

דעם, וואָס ער האָט אויפגעדעקט די שקרים פון דער איצטיקער וועלט־אָרדענונג; ער, היינע, איז אַליין, אין תוך, אַ פאַרקערפּערטער שקר. אויך זיין פּאָעזיע איז ניט קיין אמתדיקע. פיל ערנסטער באַגייט ער זיך מיט בערנען. ער שעצט אים הויך פאַר זיין שטרעבן אויפצוהייבן זיך צו דער מדרגה „מענטש”. אָבער — און אין דעם קלינגט אויס דער גאַנצער מוסר השכל פון זיין שריפט: „אין איינעם מיט אונדז צו ווערן מענטש הייסט פאַר דעם יידן אַזוי פיל, ווי אויפהערן צו זיין אַ ייד”... אַהאַסווער, דער אייביקער ייד, דאַרף פאַרשווינדן!

ווי מע זעט פון די פאָר געבראַכטע שטריכן, זיינען וואַגנערס געדאַנקען וועגן יידן אויך אַ געמיש פון העטעראָגענע געדאַנקען, וואָס שטימען ניט אַלע איינס מיטן אַנדערן. זייער גרונט־טאָן איז אָבער ניט אַזוי דער געדאַנק, ווי דער פּסיכאָלאָגישער איינשטעל אין געפיל צו דעם געבילדעטן, אַסימילירטן יידן, ווי צו אַ באַשטימטן נאַציאָנאַלן טיפּ, וואָס רופט אַרויס אַנטקעגן זיך אַ העפטיקע אַנטיפּאַטיע, און ווי צו אַ שאַפנדיקער קראַפט, וואָס איז אַבסאָלוט פרעמד און שעדלעך פאַר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער דייטשער קולטור.

מען קאָן וואַגנערן נאָך ניט צונויפוואַרפן אין איין טאָפּ מיט דעם מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם. וואַגנער האָט נאָך האָפענונג, אַז „אַהאַסווער” וועט דורך אַן אינעוויניקסטער אָנשטרענגונג, ווי ביי בערנען, פאַר־טיליקן דעם „ייד” אין זיך און ווערן אַ מענטש, וואָס לעבט זיך לגמרי איין אין דער קולטור פון דעם דייטשן פאָלק. אַ סך שפּעטער, אין דעם אָנהייב אַכציקער יאָרן, האָט עדואַרד פאָן האַרטמאַן אויפגעהויבן די־זעלביקע פראַגע וועגן „ייד” און „דייטש” אין זיין ערנסטן און ווערטפולן בוך: „די יידנפראַגע”. האַרטמאַן ווייזט אויף, אַז „ייד” און „דייטש” האָבן טאַקע גאַנץ פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע כאַראַקטערן, און אַז צווישן זיי מוז פאָרקומען אַן אַנטאַגאָניזם. אָבער דער יידישער נאַציאָנאַל־כאַראַקטער האָט אין זיך אַזעלכע ווערטפולע מעלות, וואָס פעלן דעם דייטש, אַז אַ פולע בלוט־אויסמישונג פון אָט די צוויי ראַסן וואָלט אַרויסגעבראַכט אַ גאָר געהויבענעם העכערן ראַסנטיפּ.

דער מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם קאָן אויף די וועגן פון אַ וואַגנער און אַ האַרטמאַן ניט גיין. פון הויכע יידישע מעלות וויל ער ניט הערן. אַן אַריינפלוס פון יידישן בלוט אין די אָדערן פון דער „אַרישער” ראַסע, — צו וועלכער עס געהערן די אייראָפּייאישע פעלקער, — באַטראַכט ער פאַר דעם גרעסטן אומגליק. איז זיין איינציקער אויספיר: „להשמיד, להרוג ולאבד” אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרם.

אָבער דער פונדאַמענט פון דעם מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם איז קלאָר אַנגעמערקט געוואָרן אין וואַגנערס שריפט: יידן, — אַלע יידן, — זיינען אַ פרעמדע ראַסע און אַ שעדלעכע. די אַסימילאַציע, זייער אַריינדרינגען אין דער זיי פרעמדער קולטור, מאַכט דעם ענין נאָך ערגער. „מיר״ האָבן זיי פיינט, און עס איז ניטאָ אין דעם מיט וואָס צו שעמען זיך.

אָט דאָס איז געווען — און איז נאָך שפּעטער פאַרשטאַרקט געוואָרן — דער גרונט־מאָטיוו פון יענער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג, וועלכע דער פריערדיקער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט, ווילהעלם מאַרר, האָט אין 1878 אויפגעהויבן מיט זיין בראָשור: „דער נצחון פון דעם יידנטום איבער דאָס גערמאַנענטום״. און דאָס איז אויך געווען די אַנטיסעמיטישע ספערע, אין וועלכער אַ גרויסער טייל פון דער רוסישער אינטעליגענציע האָט גענומען עטעמען אין דער פּאָגראָמען־צייט.

דר. ל. פינסקער האָט פריער פאַר אַלעמען און טיפער פאַר אַלעמען דערשפירט און פאַרשטאַנען איר ווירקונג, איר תוך און יענעם טייל גרויסן אמת, וואָס ליגט אין איר יסוד. ער האָט זי דערשפירט אין דעם נייעם געפיל־איינשטעל פון דער ניט־יידישער אינטעליגענציע צו אונדז בעת דעם טראַגישן פּאָגראָמען קאָנפליקט. ער וואָלט זי געקאָנט דערשפירן אויך אין יענער שטעלונג שטשעדרינס, איינעם פון די ראַדיקאַלסטע און הומאַנסטע רוסישע שרייבער, וואָס האָט, שאַרף פאַראורטיילנדיק דעם אַנטיסעמיטיזם, פאָרט מודה געווען, אַז ביי דעם ניט־יידן איז דאָ אַן אינעווייניקסטע אַנטיפּאַטיע צו דעם יידן, און אַז דערביי שפילן אַ ראָליע געוויסע „אומבאַוואוסטזיניקע קאַפּריזן פון דעם ראַסן־כאַראַקטער״.

דר. ל. פינסקער שטעלט זיך ניט אָפּ אויף דעם אַנאַליז פון יענע טיפן ווירקנדיקע קרעפטן, — עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעל־סאָציאַלע, — וואָס האָבן אין אַ משך פון דורות יענע „קאַפּריזן״ אַרויסגעבראַכט. ער, דער מעדיקער, נעמט זיי ווי כמעט אַ ביאָלאָגישן פאַקט. די יידנפיינטשאַפט, דערקלערט ער, איז אַ פסיכאָז, וואָס איז אַריבער געגאַנגען מיטן בלוט פון דור צו דור, און, ווי אַן איינגעאַרבעטער פסיכאָז, איז ער אומהיילבאַר. מיר דאַרפן נאָר ציען דערפון די קאָנסעקווענצן. און דאָס טוט פינסקער אויף אַ וואונדערבאַרן אופן.

די וויכטיקסטע קאָנסעקווענץ איז, אַז דער גאַנצער ביזאַהעריקער וועג פון דער פּראָגרעסיווער יידישער אינטעליגענציע האָט געמוזט

פאַרוואָרפן ווערן. די יידנפראַגע, ווי דער אַנטיסעמיטיזם, זיינען נאַציאָנאַלע פראַגן, און דער ענטפער אויף זיי דאַרף געזוכט ווערן אין דער נאָרמאַליזירונג פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

דאָס האָט באַטייט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי דעם פולן און גאַנצן איבעררייס מיט דעם וויכטיקסטן „אני־מאמין" פון די פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישע דורות, אַז יידן זיינען ניט קיין נאַציע, נאָר אַ רעליגיעזע עדה. מען האָט שוין מער ניט געקאָנט זאָגן: מיר זיינען רוסן, דייטשן, פּוילן פון דעם יידישן גלויבן. מיר זיינען ניט רוסן, ניט קיין דייטשן, ניט קיין פּוילן, אַפילו ווען מיר אַסימילירן זיך מיט זיי, אַפילו ווען מיר שמדן זיך, ווייל דער קאָנפליקט צווישן אונדז איז ניט דער קאָנפליקט צווישן צלם און ציצית, נאָר דער נאַציאָנאַלער קאָנפליקט צווישן „ייד" און „רוס", „ייד" און „דייטש". „ייד" איז קודם כל אַ נאַציאָנאַלער באַגריף, ווי „רוס", ווי „דייטש". דער פּראָבלעם: „רעליגיע" אָדער „נאַציע?" — איז דאָ נאָך אַ מאָל איבערגעקוקט געוואָרן פון אַ טיפערן שטאַנדפּונקט, און דער ענטפער איז שוין איצט געווען: „מיר זיינען אַ פאָלק, אַ נאַציע".

אָט דער נייער איינשטעל האָט אָבער, ריין לאָגיש איינגעשלאָסן אין זיך אַ נייע שאלה: וואָס פאַר אַ נאַציע זיינען מיר? כלפּי חוץ זיינען מיר נאָר אַ נאַציע, ווייל דער דרויסן רעכנט זיך ניט מיט דעם, צי מיר זיינען אויך רעליגיעזע יידן, אָדער ניט. אָבער כלפּי־פּנים? ווי זאָלן מיר קוקן אויף אונדזער אייגענעם נאַציאָנאַלן מהות? זאָלן מיר זיך אומקערן צו דעם שטאַנדפּונקט פון דער אַלט־יידישער וועלט, אַז מיר זיינען אַזאַ נאַציע, וואָס צו איר מהות געהערט אומבאַדינגט אַ באַשטימטער רעליגיעזער גלויבן? אָדער זיינען מיר אַ וועלטלעכע נאַציע, ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט?

ווען פינסקערס בראָשור איז אַביסל מער באַקאַנט געוואָרן, האָט די יידישע ראַדיקאַלע וועלט אַרויסגעהערט פון איר אַ רעאַקציאָנערן טרומייטער־רוף פון „השיבנו נאַזאַד!" — „צוריק צו די אַלטע פּאָזיציעס!" דאָס איז אַבסאָלוט פאַלש. דער נייער שטאַנדפּונקט איז ניט געווען קיין אומקער צו דער שטעלונג פון דער קאָנסערוואַטיוו־נאַציאָנאַלער געדאַנקען־וועלט, נאָר אַן איבערקער אין דער פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישער געדאַנקען־וועלט. עס איז געווען אַ ווייטער־גיין אין דערזעלביקער, פּראָגרעסיווער ריכטונג.

מיר האָבן פריער געזען, ווי אַזוי דער פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישער געדאַנק האָט פאַנאַנדערגעריסן די צוויי היסטאָריש צונויפּ־

געוואַקסענע אידייען פון יידישן נאַציאָנאַלן זיין און יידישן רעליגיעזן גלויבן. דער הויפּט־רעזולטאַט פון דעם פאַנאַנדעררייס איז געווען, אַז דער יידישער רעליגיעזער גלויבן איז אומאָפּהענגיק פון אַ וועלכן עס איז נאַציאָנאַלן זיין. דער „ייד", וואָס געהערט צו אים, קאָן נאַציאָנאַל זיין גאָר אַ דייטש אָדער אַ פראַנצויז. אָט דער געוואונענער פאַנאַנדער־רייס פון די היסטאָריש צענויפגעוואַקסענע אידייען בלייבט אויך אין דעם נייעם באַנעם פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן מהות. ער ווערט נאָר איבערגעקערט אויך אויף דער אַנדער זייט.

פונקט ווי דער יידישער רעליגיעזער גלויבן איז אַבסאָלוט אומ־אָפּהענגיק פון אַ וועלכן עס איז נאַציאָנאַלן זיין, אַזוי איז אויך דער יידישער נאַציאָנאַלער זיין אַבסאָלוט אומאָפּהענגיק פון אַ וועלכן עס איז רעליגיעזן גלויבן.

דער פעלער פון דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן פּעריאָד איז דעריבער געלעגן ניט אין זיין פּראָגרעסיוון פאַנאַנדעררייס פון רעליגיע און נאַציע. דאָס איז אַ נויטווענדיקער פּראָצעס, וואָס קומט פאָר ביי אַלע פּראָגרעסיווע פעלקער פון דער וועלט: דער סעקולאַריזירונגס־פּראָצעס, די דערקלערונג, אַז די רעליגיע איז אַ פּריוואַטע אַנגעלע־גנהייט פון דעם יחיד, אָבער בשום אופן ניט קיין אַלגעמיינע אַנגעלע־גנהייט פון דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן כלל.

דער פאַטאַלער טעות פון דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן געדאַנקען־גאַנג איז געלעגן נאָר אין זיין בעגאַטיווער שטעלונג צו דעם יידישן נאַציאָנאַלן זיין. דאָס לעבן צווינגט צו פאַרריכטן דעם טעות אויף דעם יסוד פון דעמזעלביקן פּראָגרעסיוון פּרינציפּ, וואָס זאָגט, אַז „נאַציע" איז „אומאָפּהענגיק פון רעליגיע".

דר. ל. פּינסקער און די ערשטע פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַליסטן האָבן זיך ניט געמיט קלאָר אַרויסצוברענגען זייער נייעם איינשטעל, כדי ניט צו פאַנאַנדעררייצן די געגנדז. דאָס האָבן אָבער אַנדערע געטאָן אין דער שאַרפסטער פאָרמולירונג. אַזוי, צ. ב., האָט דער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליסט, דר. מאַקס נאָרדוי, דערקלערט, אַז דער יידישער נאַציאָ־נאַליזם האָט „לחלוטין גאָרנישט וואָס צו טאָן מיט דער טעאָלאָגיע" *).

דער נייער איינשטעל איז, בכן, ניט קיין „השיבנו באָזאַד" צום אַלטן קאָנסערוואַטיוון שטאַנדפּונקט, ניט קיין רעאַקציע, נאָר אַן אינע־

*) זע זיינע „ציוניסטישע שריפטן", ז. 4. פאַרגלייך אויך זז. 25 און 75. פאַרגלייך אויך די אַרבעט: „דר. מאַקס נאָרדוי און דער פּאָליטישער ציוניזם" אין מיינע שריפטן, באַנד פיר, זז. 212 און 243.

וויניקסטע רעוואָלוציע אין דעם יידישן פּראָגרעסיוון געדאַנק. און דער ענטפער אויף אונדזער פּראָבלעם, וועלכן אָט די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעבראַכט, איז געוואָרן אַזאַ:

מיר, יידן, זיינען אַ וועלטלעכע נאַציע, פאַר וועלכער דער רעליגיעזער גלויבן און פונקט אַזאַ פּריוואַט־זאַך, ווי פאַר יעדן אַנדערן פאָלק אויף דער וועלט, און וועלכע קעמפט פאַר איר עקזיסטענץ און פאַר איר פרייער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, ווי אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע פעלקער פון דער וועלט.

פאַרגלייכט מען אָט דעם ענטפער מיט די צוויי פריערדיקע ענטפערס פון די צוויי פריערדיקע היסטאָרישע פעריאָדן, איז ניט שווער צו באַמערקן אין זיי אַלעמען יענע דערשיינונג, וואָס קומט אַזוי אָפט פאָר אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, וועלכע העגעל און די העגעליאַנער, ביז און מיט מאַרקסן און ענגעלסן, האָבן דערקלערט פאַר אַ גרונט־געזעץ פון יעדן היסטאָרישן געשעען: דאָס איז דאָס „געזעץ" פון די דריי סטאַדיעס, וועלכע יעדע פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג מאַכט דורך, — דער „טעזיס", דער „אַנטי־טעזיס" און דער „סינטעזיס", — דער „אָוועקשטעל", דער „אַנטקעגנשטעל" און דער „צונויפשטעל".

אין דעם אויסגאַנגס־פונקט, דעם „טעזיס", דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער וועלט, ווערט אָוועקגעשטעלט די מסקנא: יידן זיינען אי אַ פאָלק, אי אַ רעליגיעזער גלויבן. דאָס איז דער „אָוועקשטעל". אין דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן פעריאָד ווערט ביי דעם ראַדיקאַלן פליגל פון אונדזערע אַסימילאַטאָרן אויסגעאַרבעט דער אַבסאָלוטער „אַנטקעגנשטעל". עס ווערט אָפּגעלייקנט אי דער יידישער נאַציאָנאַלער זיך, אי דער יידישער רעליגיעזער גלויבן.

אין דעם דריטן, העכסטן פעריאָד ווערט אויסגעאַרבעט דער „סינטעז", דער „צונויפשטעל": פון דעם ערשטן פעריאָד ווערט אַריבערגענומען דער נאַציאָנאַלער עלעמענט; פון דעם צווייטן — דער פּראָגרעסיווער עלעמענט, און עס באַקומט זיך דער נייער פעריאָד פון אונדזער געשיכטע, אין וועלכן מיר געפינען זיך איצטער: דער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער.

דאַרף מען אָבער ניט מיינען, אַז ווען אַ היסטאָרישע אַנטוויקלונג „לייקנט אָפּ" אַ געוויסן פריערדיקן פעריאָד, שפּרייזט איט אַריבער און ברענגט אַרויס זיינע דערשיינונגען אין לעבן, פאַרשווינדט דער אָפּגעלייקנטער אינגאַנצן.

היסטאָרישע געשטאַלטונגען בכלל און אידייען־וועלטן בפרט זיינען העכסט לעבעוודיקע בריאות: זיי קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ און מאַכט מיט דער גרעסטער עקשנות, און אין אַט דעם קאַמף שטופּט זיך דורך די פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג, אויב זי האָט דערצו די נייטיקע באַדינגונגען.

דער קאַטאָליציזם, צ. ב., איז שוין אַ לאַנג־לאַנג „אָפּגעלייקנטע" היסטאָרישע געשטאַלטונג. ער האָט שוין פאַרלאָרן זיין פריערדיקע מאַכט אויף דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אָבער ער איז בשום אופן ניט פאַרשוואונדן און פירט נאָך עד היום זיין האַרטנעקיקן קאַמף פאַר עקזיסטענץ און אויסשפּרייטונג.

אַזוי איז דאָס אויך מיט אַ סך אַנדערע היסטאָרישע דערשיינונגען און אַזוי איז דאָס אויך מיט די איבערגעלעבטע צוויי פריערדיקע פּעריאָדן פון אונדזער געשיכטלעכן לעבן: זיי זיינען נאָך ניט פאַר־שוואונדן, ניט דער פרום־נאַציאָנאַלער, ניט דער פּראָגרעסיוו־אַסימי־לאַטאָרישער, ניט פון דעם געדאַנק, ניט פון דעם לעבן. גראָד איצטער פלאַקערט זיך פאַנאַנדער סיי אין לעבן, סיי אין געדאַנק, דער מאוים־דיקער אַקטיווער און פּאַסיווער קאַמף פון די דריי פּרינציפּן.

אונדזער אַלטע, פרום־נאַציאָנאַלע וועלט, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געלעגן אַ פאַרטויבטע פון דעם ליאַרעם, וועלכן די נייע לעבנס־פאָרמען און דער פּראָגרעסיווער געדאַנק האָבן אויפגעהויבן, הייבט אָן קומען צו זיך. זי האָט שוין אָראָפּגעטרייסלט פון זיך דעם לעטאַרגישן שלאָף. זי שטרעבט צו אָרגאַניזירן זיך אומעטום: וואו געזעלשאַפטלעך און וואו אויך פּאָליטיש. זי האָט שוין אויך אירע מאָדערנע אידייען־קעמפער און פאָנען־טרעגער — ווי אַ דר. נתן בירנבוים, ווי אַ הלל צייטלין.

די פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישע וועלט האָט ניט קיין נייע באַ־דייטנדיקע פאָנען־טרעגער און אידייען־קעמפער. אפשר דערפאַר, ווייל זי דאַרף זיי ניט. דער פאַנאַנדערפאַל פון דער פאַרגליוערט־געוועזענער פרום־נאַציאָנאַלער וועלט, וועלכן דער אַסימילאַטאָרישער געדאַנק האָט געהאָלפן אַרויסרופן אין לעבן, איז אַזאַ געוואַלטיקער, אַז די יידישע מאַסן שטראָמען אומעטום אין דער אַסימילאַציע אַריין, ווי די וואַסערן פון אַ דורכגעריסענער דאַמבע.

און דער נייער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער פּעריאָד איז נאָך אַזוי יונג און אַזוי שוואַך, אַז ער קאָן אויפכאַפּן נאָר קליינע טיילן פון די שטראָמען אין די נייע לעבנס־פאָרמען, וועלכע ער בויט אויס, און איז

נאָך בשום אופן ניט דערוואַקסן צו פאַרבויען מיט זיין מאַטעריאַל די אַלץ גרעסער ווערנדיקע ריסן אין דער דאַמבע.

דער פּראָגרעסיווער היסטאָריקער אָבער דאַרף ניט אָפּגעשרעקט ווערן פון די ווידער אויפגעלעבטע, אָדער היסטאָריש־אָפּגעלעבטע, אַלטע היסטאָרישע כּוחות. זיין הויפּט אויפמערק דאַרף ער אָנשטעלן אויף דאָס נייע, אויף דאָס באמת פּראָגרעסיווע, אויף דעם קאַמף, וואָס דאָס נייע דאַרף פירן מיט דעם אַלטן, און אויף דעם גורל פון אָט דעם קאַמף אין דעם ווירקלעכן לעבן.

האָט דער נייער פּעריאָד שוין אויסגעקעמפט ערנסטע פּאָזיציעס אין דעם לעבן און אין דעם עפנטלעכן באַוואוסטזיין? געפינען מיר אין לעבן און אין געדאַנק ערנסטע דערשיינונגען, אין וועלכע עס ווערט פאַרקערפּערט דער נייער פּרינציפּ פון אַ יידיש־וועלטלעכן נאַציאָנאַלן זיין, לגמרי ניט קיין געבונדענעם מיט דעם תנאי פון אַ יידיש־רעליגיעזן גלויבן און לעבן? ווי ווערט איצטער אין דעם באַוואוסטזיין פון דער וועלט, — דער יידישער, ווי דער ניט־יידישער, — אויפגענומען דער ענין „ייד": ווי אַ קינד פון אַ באַשטימטן גלויבן אָדער ווי אַ קינד פון אַ באַשטימטער ראַסע און פון אַ באַשטימטן פאָלק?

מיט אָט די שאלות וועלן מיר זיך מוזן פאַרנעמען, אידער מיר קאָנען גיין ווייטער אין דער כאַראַקטעריזירונג פון די אַנדערע מאָדערנע פּראָבלעמען, וואָס זיינען לאָגיש און היסטאָריש אַרויסגעוואַקסן פון דעם נייעם איינשטעל.

עס איז שוין לאַנג אַוועק די צייט, ווען די ניט־יידישע וועלט האָט אין אונדז געזען — אין דער ערשטער ליניע — די אָנהענגער פון אַ געוויסער רעליגיע, און ווען זי האָט יעדן געשמדטן יידן באַטראַכט פון אַן אייגן קינד, ניט מער קיין פרעמדן יענעם קריסטלעכן פאָלק, צו וועלכן ער איז צוגעשטאַנען. איצטער זיינען שוין כמעט ערגעץ ניטאָ קיין ניט־יידן, וואָס זאָלן האָבן אַזאַ בליק אויף דעם ענין.

אָבער אפילו אין די פריערדיקע צייטן, ווען רעליגיע האָט געשפּילט די באַהערשנדיקע און אַלץ באַשטימענדיקע ראָליע אין דעם פעלקער־לעבן, האָט די ניט־יידישע וועלט, אין איר איבעווייניקסטן געוויסן, תמיד געפילט, אויב ניט קלאָר איינגעזען, דעם פאַקט, אַז דער אונטערשייד צווישן „ייד" און „ניט־ייד" איז, אין זיין תוך, ניט קיין רעליגיעזער, וואָס הענגט אָפּ פון די אָדער יענע גלויבונגען, נאָר אַ נאַציאָנאַלער, וואָס הענגט אָפּ פון דער געבורט.

„איינמאָל אַ ייד, אַלעמאָל אַ ייד", — דאָס קאָן מען זאָגן, איז

אַלעמאָל געווען און פאַרבליבן דער זיכערסטער פּסיכאָלאָגישער איינ־שטעל פון דעם ניט־יידן, בנוגע דעם יידן, אַלץ אײנס, צי דער ניט־ייד איז געווען פיינטלעך, אָדער פריינטלעך אָדער אין גאַנצן גלייכגילטיק צו אונדז, און אַלץ איינס, צי דער ייד איז געווען אַן „איזראַעליט״, אָדער אַן אומגלויביקער אָדער אַ געשמדטער.

מען האָט מיר דערציילט וועגן אַ ווירקלעכער פּאַסירונג אין דער וויטער וועסט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער ענין. אין אַ ריין קריסטלעכער פאַרם־געגנט, וואָס האָט נאָך ניט אַנגעזען קיין לעבעדיקן יידן, האָט זיך באַזעצט אַ יידישע פאַרמער־פאַמיליע. די שכנים האָבן זי אויפגענומען אויף דעם פריינטלעכסטן און הילפ־גרייטסטן אויפן. און ווען זי האָט זיך שוין איינגעאָרדנט, האָט איינער אַ שכן זיך געוואָלט דערוויסן, צו וועלכער קירך זיי וועלן דאָ געהערן, דער קאַטוילישער אָדער דער פּראָטעסטאַנטישער.

דער פאַרמער האָט געמוזט אַרויס מיט דעם אמת, אַז ער איז גאָר אַ ייד.

„דאָס וויסן מיר״, האָט פריינטלעך באַמערקט דער שכן. „אָבער וועלכע יידן זייט איר: קאַטוילישע אָדער פּראָטעסטאַנטישע?״...

דאָ האָבן מיר פאַר אונדז אַ פאַל, ווען אַ ניט־יידישע סביבה האָט געהאַט גאָר אַ נאַציאָנאַלן באַגריף וועגן דעם יידישן מהות און האָט נאָך גאָר קיין השגה ניט געהאַט, אַז עס איז דאָ אַזאַ מין זאַך, ווי אַ יידישער גלויבן, אַ פאַרשיידענער פון דעם קריסטלעכן.

דאָס איז זיכער אַ זעלטענע אויסנאַם. אָבער אַמאָל איז גראָד אַ זעלטענער איינצל־פאַל דער בעסטער אָנווייז אויף אַן אינעווייניקסטן תוך, וואָס טרעט געוויינלעך ניט אַזוי אַרויס אין זיין קלאָרער ריינקייט.

די ניט־יידישע וועלט האָט תמיד געשפּירט און האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו שפּירן אונדזער נאַציאָנאַלן תוך.

אין דער שפּעטערדיקער צייט, ווען די יידישע פּראָגרעסיווע אינטעליגענציע האָט געוואָלט איינשמועסן דעם ניט־יידישן פּראָגרעסיוון עולם, אַז עס איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ אַזאַ מין זאַך, ווי אַ יידיש פאָלק, האָט דער ליבעראַלער און ראַדיקאַלער עולם זיך גערן געלאָזט איינשמועסן, און האָט זיך סימפּאַטיש צוגעהערט צו יענע אויסגעפּלפּולטע דרשות, וואָס האָבן געוואָלט אָװעקטעאָרעטיזירן די עקזיסטענץ פון אַ יידישן פאָלק *).

*) אַזאַ אינטערעסאַנטן פּלפּול האָט אַרויסגעבראַכט, צ. ב., פּראָפעסאָר לאַצאַרוס.

אָבער אויך אַט די ליבעראַלע און ראַדיקאַלע וועלט איז אין האַרצן שטאַרק מסופק געווען אין די יידיש־אַסימילאַטאָרישע טעאָריעס בכלל און בנוגע יידן בפרט. אַ סך פון די, וואָס האָבן אַבסאָלוט גע־לייקנט יענע טעאָריעס, האָבן געהאַלטן פאַר אַ חוב פון פּראָגרעסיווער לייטישקייט, ניט אַרויסצוטרעטן מיט דעם אין דער עפנטלעכקייט. ערשט נאָך דעם טויט פון אַזעלכע ראַדיקאַלע פירערס (ווי צ. ב., באַקונין און הערצען) דערוויסט מען זיך פון זייער פּאַרעפנטלעכטער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס זיי האָבן באמת געטראַכט וועגן אונדזער מהות.

ריכאַרד וואַגנער איז געווען דער ערשטער ראַדיקאַל, וואָס האָט, ווי מיר האָבן געזען, אין 1850 אַראָפּגענומען דעם שלאָס פון זיינע ליפּן און האָט געגעבן די מעגלעכקייט אַ סך אַנדערע ראַדיקאַלן, ניט איינצוצאַמען זייער צונג. און אַזוי זעען מיר, אַז אַפילו קאַרל מאַרקס האָט שוין אין 1856 געקאָנט עפנטלעך רעדן וועגן די אַמסטערדאַמער יידן, ווי וועגן „די הייזער פון די בני יהודה" **).

דער מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם האָמערט איצטער מיט זיין גאַנצער קראַפט אויף די רעשטלעך פון דער יידיש־אַסימילאַטאָרישער אידעאָלאָגיע, וואָס רעדט נאָך אַלץ וועגן יידן, ווי וועגן רעליגיע, און ניט ווי וועגן אַ פאָלק. ליתר שאת, וויל זיך דער דייטשער אַנטיסעמיטיזם אָפּשאָקלען אויך פון קריסטוסן, דעם יידן, און פון דעם קריסטנטום, ווי אַן אַרויסוווּקס פון דעם יידישן גייסט. די דייטשע „פאָלקיסטן" פּרעדיקן דעם צוריקקער צו דעם אַלט־גערמאַנישן גלויבן אין דעם „וואָטאַן־קולט" ***).

אַט די שטעלונג צו אונדז האָט שוין אָבער אויפגעהערט צו זיין אַ סימן מובהק פון דעם אַנטיסעמיטיזם. אויך דער יידנפריינטלעכער טייל פון דער ניט־יידישער וועלט האָט זיך געמוזט אַוועקשטעלן אויף

---

דער מיט־באַגרינדער פון דער פעלקער־פּסיכאָלאָגיע, אין זיין שריפט: „וואָס הייסט נאַציאָנאַל?" פּראָפ. לאַצאַרוס ברענגט אַרויס, אַז געבורט און ראַסע זיינען צופעליקע עלעמענטן אין אַ נאַציאָנאַלן זיין: דער עיקר איז: דער ריין סוביעקטיווער באַוואוסט־זיין פון דעם אינדיווידואום, וואָס באַטראַכט זיך ווי אַ קינד פון דעם אָדער יענעם פאָלק.

**) זע: קאַרל מאַרקס: „דהי איסטערן קוועסטשאָן", אַ גאַנצן קאַפּיטל וועגן יידן זז. 600 ביז 606.

***) זע דעם זייער כאַראַקטעריסטישן אַרטיקל פון ערנסט מערינג: „עוואַנגעלשע קירכע און פעלקישע באַוועגונג", אין די אויבן־ציטירטע „זיד־דייטשע מאָנאַטסהעפטן".

דערזעלביקער פּאָזיציע. אַם בוילעטסטן איז דאָס ניכּר אין דער מאָדערנער אַלוועלטלעכער פּאָליטיק בנוגע אונדזער פאָלק.

די יידנפראַגע איז נאָך דעם וועלט־קריג אַרויף אויף דעם סדר היום פון דער אַלוועלטלעכער פּאָליטיק, און דער ענטפער, וואָס זי האָט אויף אים געגעבן, אין דעם ווערסאַלער טראַקטאַט, שטימט אין פּרינציפּ לגמרי צענויף מיט דעם גרונט־געדאַנק, אַז יידן זיינען אַ נאַציאָנאַלע געמיינשאַפט, און ניט קיין רעליגיעזע. עס ווערט אנדערקענט די נויטיקייט צו שאַפן אַ „נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק״ מיט דעם אויסדריקלעכן תּנאַי, אַז די באַשאַפונג פון דער נאַציאָנאַלער היים זאָל קיין אין רעליגיע ניט געבן קיין וועלכן עס איז איבערוואָג איבער אַן אַנדערער. אויף פילע לענדער ווערט אַרויפגעלאָזט די התחיבות, זיי זאָלן דורכפירן — אין געוויסע גרענעצן — באַשטימטע רעכט פאַר די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, אין אייניקע לענדער, ווי צ. ב., אין לאַטוויע און עסטיע, ווערן די יידן אָפיציעל צוגעציילט צו זיי און באַקומען אַ געוויסע אייגענע זעלבסט־פאַרוואַלטונג, אָן אַ וועלכער עס איז שיכות צו דער רעליגיעזער יידישקייט. נאָך בוילעטער טרעט אַרויס דערזעלביקער גרונט־פּרינציפּ אין די יידישע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס פון דעם גרויסן ראַטנלאַנד, וואָס רעכנט זיך לגמרי ניט מיט דער רעליגיע, ווי אַ נאַציאָנאַל־באַשטימנדיקן מאָמענט.

פאַר דער ניט־יידישער וועלט האָבן די יידן קיינמאָל ניט אויפֿגעהערט צו זיין אַ באַזונדער פאָלק, וואָס עס זאָל ניט זיין די רעליגיע פון זיינע קינדער. אָבער אויך אין דער יידישער וועלט ברעכט זיך דורך מיט יעדן טאָג אַלץ מער די איינשטעלונג, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון דעם נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון געדאַנק און וואָס לערנט, אַז אונדזער נאַציאָנאַלער זיין איז בשום אופן ניט געבונדן מיט אונדזער רעליגיעזן גלויבן.

מען דאַרף נאָר וואַרפן אַ בליק אויף די לעצטע פופציק יאָר פון אונדזער לעבן, אויף אַלע היסטאָרישע פּאַסירונגען, אויף אַלע גרעסערע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען פון אַן אַלגעמיין־יידישן כאַראַקטער, כּדי תּיכּף איינצוזען, אַז זיי האָבן גאָרנישט ניט געהאַט וואָס צו טאָן מיט דעם יידישן גלויבן. אין דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט איז אונדזער היסטאָרישער לעבן שוין מיט ביידע פיס געשטאַנען אויף דער פעסטער ערד פון דער „היינט־וועלטיקער״, ד. ה., דער וועלט־לעכער יידישקייט.

קודם אונדזער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע און פּאָליטישע באַוועגונגען

מיט זייערע צוויי פּאַליוסן, — דעם בונדיסטישן און דעם ציוניסטישן: די חובבי־ציון, די ציוניסטן, די בונדיסטן, די פּועלי־ציון, די טעררי־טאָריאַליסטן, די סיימיסטן, די צעירי ציון. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען דירעקט רעליגיעז־פּיינטלעך. נאָר אַ קלייניקער טייל פון זיי האָט זיין פּאָליטישן פּראָגראַם פאַרבונדן מיט דעם יידישן גלויבן (דער ציוניסטישער „המזרחי״). די מאַיאָריטעט האָט באַטראַכט די רעליגיע, ווי אַ פּריוואַט־זאַך פון דעם יידישן יחיד, וואָס האָט קיין ברעקל שייכות ניט צו זיין נאַציאָנאַל־יקדישן מהות. און אויף דער שפּיץ פון דער בונדישער באַוועגונג איז אַ לענגערע צייט געשטאַנען אַ הייס פילנדיקער נאַציאָנאַלער ייד, וואָס איז אָפיציעל געווען צוגעשריבן צו אַ קריסטלעכער קירך: דער אומפאַרגעסלעכער מעדעם. אָט די אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען האָבן געקעמפט — און אייניקע פון זיי קעמפן נאָך עד היום — אָדער פאַר אַן אייגן לאַנד, אָדער פאַר נאַציאָנאַלע רעכט אין חוץ־לאָרץ, אָדער פאַר ביידע זאַכן. קיין איינע פון זיי שטעלט ניט אַרויס עפנטלעך קיין איינציקע פאָדערונג, וואָס זאָל האָבן עפּעס צו טאָן מיט דעם יידישן גלויבן.

פון די אַנדערע פּאָליטישע באַוועגונגען זיינען די וויכטיקסטע פאַר אָט דער צייט געווען: די יידיש־ליבעראַלע באַוועגונג אין רוס־לאַנד, מיט ווינאַווערן בראש (דער „בונד פאַר יידישער פולבאַרעכטיקונג״) און די אַנטי־נאַציאָנאַלע אַרויסטרעטונגען פון דעם רעפאָרמירטן יידנטום אין דייטשלאַנד און אַמעריקע.

דער „בונד פאַר פול־באַרעכטיקונג״ האָט דערפאַר אויסגעקליבן דעם נאָמען: „פול־באַרעכטיקונג״ אַנשטאָט: „גלייכבאַרעכטיקונג״, ווייל ער האָט דערמיט געוואָלט אָנדייטן, אַז ער שליסט אין זיך אייך אויך יענע אָנהענגער זיינע, וואָס באַנוגענען זיך ניט מיט די אַלטע פאָדע־רונגען פון דער יידישער „עמאַנסיפּאַציע״, די בירגערלעכע און פּאָלי־טישע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די „בני דת משה״, נאָר ווילן גאָר נישט וויסן פון דער יידישער רעליגיע און זיינען פאַראינטערעסירט בלויז אין די נאַציאָנאַלע רעכט פון יידישן פאָלק. אויך אין אָט דער פּאָליטישער באַוועגונג, איז דער יידישער גלויבן פאַקטיש באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ פּריוואַט־זאַך פון דעם יידישן אינדיווידואום.

נאָר די אַנטי־נאַציאָנאַלע אַרויסטרעטונגען פון דעם רעפאָרם־יידנטום אין אָט דעם פּעריאָד וואָלטן געקאָנט באַטראַכט ווערן, ווי אַ פּראָטעסט אַנטקעגן דער פאַוועלטלעכונג פון דעם יידישן זיין, ווי אַ פּראָטעסט אַנטקעגן דעם בליק אויף יידן, ווי אויף אַ באַזונדער פאָלק.

אין פלוג — און אין דער באַוואוסטזיניקער טענדענץ פון די פּראַ־טעסטלער — איז דאָס טאַקע אַזוי געווען, אָבער נאָר אין פלוג.

ווי דאָס זאָל ניט קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, זיינען די אַנטי־נאַציאָנאַלע אַרויסטרעטונגען פון דעם רעפאָרם־יידנטום אַ באַוויז, אַז די רע־פאָרמער פילן זיך ווי נאַציאָנאַלע יידן און ניט נאָר ווי אַ רעליגיעזע קהילה.

אין דער אמתן! די רעפאָרם־יידן גלויבן, אַז נאַציאָנאַל זיינען זיי ניט קיין יידן, נאָר, זאָגן מיר, דייטשן. רעליגיעז געהערן זיי צו אַ באַשטימטן אוניווערסאַליסטישן גלויבן, וואָס נעמט אַרום קינדער פון פאַרשיידענע פעלקער. נו — לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס וואָלט טאַקע אַזוי געווען אין דער ווירקלעכקייט. די דייטשע יידן זיינען אמתע גערמאַנען, וואָס האָבן זיך געיידישט, און די סלאַווישע יידן זיינען, לויט זייער גזע, ריין־בלוטיקע סלאַוון. און אַט האָבן זיך די ריין־בלוטיקע גערמאַנען „בני דת משה״ דערוואוסט, אַז זייערע ריין־בלוטיקע־סלאַווישע „גלויבנס־ברידער״ ווערן פאַרפאָלגט אין זייערע לענדער, זיינען געצוואונגען אויסצוואַנדערן און האָבן זיך אַריינגענומען אין מוח דעם געדאַנק, אויסצובויען אַן אייגן לאַנד און פירן אַן אויטאָ־נאָמען לעבן, פּונקט ווי דאָס האָבן אַמאָל געטאָן די פּוריטאַנער, וואָס האָבן פאַרלאָזן ענגלאַנד, כדי אויפצובויען אַן אויטאָנאָמישן לעבן אין אַמעריקע.

ניט שוין וואָלטן די פרייהייטס־ליבנדיקע ריין־בלוטיקע גערמאַנען „בני דת משה״ ניט געסימפּאַטיזירט מיט אַט דעם העראָאישן באַשלוס פון זייערע סלאַווישע „גלויבנס־ברידער״? ניט שוין וואָלטן זיי ניט געהאָלפן דורכפירן אים, מיט אַלץ וואָס זיי וואָלטן געקאָנט? געוויס וואָלטן זיי. און אויב זיי וואָלטן דאָס ניט, וואָלט לפּחות אוממעגלעך געווען אַ וואָסער עס איז פּראָטעסט פון זייער זייט אַנטקעגן די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פון דעם „סלאַווישן איזראַעליטנטום״. דאָס וואָלט געווען אַן אומפאַרשעמט־חוצפּהדיקע אַריינמישונג אין די אינע־ווייניקסטע אַנגעלעגנהייטן פון אַ „פרעמדן״ פאָלק.

די מעשה איז אָבער געווען, וואָס ניט סלאַוון, נאָר אמתע נאַציאָ־נאַלע יידן האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט די פאָן פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַפרייאונג און זעלבסט־באַשטימונג. דורך דעם גופא האָבן זיי פּראָק־לאַמירט, אַז יעדער ייד פון יידישן אָפּשטאַם געהערט צו דעם יידישן פאָלק. האָבן די רעפאָרמער דערשפּירט, אַז דאָס מיינט מען אויך זיי — און מיט רעכט, ווייל אויך זיי זיינען קודם כל יידן ניט מחמת זייער

גלויבן, נאָר מחמת זייער אָפּשטאַם. זיי אָבער האָבן אַרויסגעבראַכט אַן ענטפער אויף דער יידישע־נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג אין דעם אידעאַל פון דער אַסימילאַציע, אין דעם יידיש־נאַציאָנאַלן זעלבסט־מאָרד. איז דאָס אַן עניין פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, אין וועלכע לענדער און צווישן וועלכע פעלקער ער זאָל ניט וואוינען, האָבן זיי ווי אַ טייל פון דעם יקדישן פאָלק, געהאַט אַ כשר רעכט אַריינצומישן זיך אין די אינעווייניקסטע אַנגעלעגנהייטן פון זייער אייגענעם בלוט־און־פליש און צו קעמפן פאַר יענער היסטאָרישער ליניע, וועלכע זיי באַטראַכטן פאַר דער ריכטיקער.

דאָס אייגענע קאָן מען אויך אָנווענדן אויף אַלע אונדזערע אַסימי־לאַטאָרן און אַסימילירטע, וואָס האָבן האַרטנעקיק געטענהט — און טוען נאָך האַרטנעקיק טענהן — אַז יידן זיינען ניט קיין פאָלק. אויב זיי, די אַסימילאַטאָרן און די אַסימילירטע, זיינען נאַציאָנאַל ניט קיין קינדער פון דעם יידישן פאָלק, דעמאָלט זיינען זיי קינדער פון אַן אַנדער פאָלק — ווייל מען קאָן ניט זיין אָן אַ פאָלק, ווי מען קאָן זיין אָן אַ רעליגיע. דעמאָלט געהערן די נאַציאָנאַלע יידן צו אַ גאַנץ אַנדער פאָלק, איידער זיי. הייסט, מיט וואָס פאַר אַ רעכט מישן זיי זיך אַריין אין די אינעווייניקסטע אַנגעלעגנהייטן פון אַ פרעמדן פאָלק און דיקטירן אים, ווי ער זאָל זיך זעלבסט־באַשטימען נאַציאָנאַל ?

דער פּראָטעסט אַנטקעגן די פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און די פאָדערונג פון דער יידישער אַסימילאַציע קאָנען האָבן נאָר איין־איינציקן לאָגישן זין און איין־איינציקע לאָגישע באַרעכטיקונג, דאָס איז — ווען מען שטעלט זיך מיט בײדע פיס אויף דעם שטאַנדפּונקט: יידן זיינען נאָך אַ באַזונדער פאָלק, אַלץ איינס צו וועלכן גלויבן זיינע קינדער געהערן. „מיר” — איך מיין דאָ די אַסימילאַטאָרן — אויך קינדער פון דעמזעלביקן יידישן פאָלק, זענען אָבער איין, מחמת די אָדער יענע טעמים, אַז אונדז לוינט בעסער, אויפצוהערן צו זיין אַ פאָלק און אַז מיר קאָנען נאַציאָנאַל פאַרשווינדן צווישן די פעלקער, וואָס אַרום. פאָדערן מיר, ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער טייל פון דעם יידישן פאָלק, אַז מיר זאָלן, אין די אינטערעסן פון דעם גאַנצן פאָלק, אונדזער נאַציאָנאַלע זעלבסבאַשטימונג דורכפירן אין דער פאָרם פון דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד און מיר פּראָטעסטירן אַנטקעגן יענע טיילן פון אונדזער פאָלק, וואָס ווילן זי דורכפירן אין דער פאָרם פון זעלבסט־דערהאַלטונג און זעלבסט־אַנטוויקלונג.

דער אַנטי־נאַציאָנאַלער פּראָטעסט אַנטקעגן די נאַציאָנאַל־פּראָגרע־

סיווע באַוועגונגען, — סיי מצד די רעליגיעזע רעפאָרמער, סיי מצד די אַנטי־רעליגיעזע אָדער אַ־רעליגיעזע אַסימילאַטאָרן, — איז אַזוי אַרום, אין זיין אינעווייניקסטן לאָגישן און פּסיכאָלאָגישן תוך אַן עדות אויף דעם ריין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון די פּראָטעסטירער.

אָבער ניט נאָר אין די פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען האָט זיך אויסגעדריקט דער וועלטלעך־נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון אונדזער איצטיקן יידישן לעבן. ער טרעט אונדז אַנטקעגן אין דער ניט ווייניקער וויכטיקער היסטאָרישער דערשיינונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַ סך קאַפּיטאַליסטישע לענדער און פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וועלכן די יידישע אַרבעטערשאַפט פירט אונטער איר אייגענער יידישער פאָן.

ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די צאָל פון רעליגיעז־פרומע יידישע אַרבעטער, וואָס נעמען אַן אָנטייל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָדער אַפילו אין דעם ריין רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וועט קיין איין היסטאָריקער, — אַפילו מיט דעם בעסטן מיקראָסקאָפּ, — ניט קאָנען אויפדעקן אין אָט די באַוועגונגען אַפילו אַ שמץ פון אַזאַ רעליגיעזן כאַראַקטער, וואָס זאָל באַטראַכט ווערן, ווי אַן אומבאַדינגטער תנאי פאַר אַ יידישער עקזיסטענץ.

אַלע אָט די באַוועגונגען האָבן צו טאָן מיט ריין וועלטלעכע ענינים, אין וועלכע עס זיינען פאַראינטערעסירט קינדער פון דעם יידישן פאָלק, אָן אַ ברעקל שייכות צו זייער רעליגיעזן גלויבן אָדער אומגלויבן.

דעמזעלביקן ריין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער טראָגן יענע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען פאַרנומען מיט דער עקאָנאָמישער הילף פאַר דעם אָדער יענעם ליידנדיקן טייל פון אונדזער פאָלק אין דעם אָדער יענעם לאַנד.

איך האָב דאָ אין זינען די שטרעבונגען פון דעם „דזשאָינט״, פון דעם אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד „אָרט״, מיט זיינע צווייג־אונטערנעמונגען, ווי די „יידישע איינקויף־געזעלשאַפט״, — פון דעם אַל־וועלטלעכן פאַרבאַנד „אָזע״ (די געזעלשאַפט פאַר געזונט־מאַכן די יידישע באַפעלקערונג), דעם היגן „געצייג־קאַמפּיין״ פאַר די מזרח־אייראָפּייאישע יידן, דעם „איקאָר״ (ספּעציעל פאַר ראַטנלאַנד) און דעם אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד „עמיגדירעקט״ (פאַר עמיגראַציע־פּראָבלעמען).

אָט די אַלע געזעלשאַפטן, — דאָס רוב געבויט אויף אַן אומ־פּאַרטייאישן יסוד, — האָבן איינגעשלונגען אַ היפּשן טייל יידישע ענערגיע

און האָט דערגרייכט אַ היפּש ביסל וויכטיקע ממשותדיקע רעזולטאַטן. אָבער זייער טעטיקייט האָט לחלוטין גאָרנישט ניט וואָס צו טאָן מיט יידישע רעליגיעזע ענינים.

אַפילו דער „איקאָר" — אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט געפירט פון יידישע אַטעאיסטישע, אַנטי־נאַציאָנאַליסטישע קאָמוניסטן, — האָט אויך געהאַלטן פאַר נייטיק אין זיין לעצטן „רוף צו די ברייטע יידישע מאַסן אין אַמעריקע" (אָפּגעדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" פון דעם 10טן יאַנואַר) אויפצואווייזן, אַז די ראַטנמאַכט האָט זיך געשטעלט „די אויפגאַבע געזונט צו מאַכן דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די ברייטע מאַסן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט און אַז זי האָט געוויזן אַ ביישפּיל פאַר די אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון דער וועלט". דאָ קאָן שוין אַוודאי קיין רייד ניט זיין פון אַ וועלכן עס איז רעליגיעזן, אָדער רעליגיעז־נאַציאָנאַלן מאָמענט.

ואחרון אחרון חביב! מיר מיינען דאָ דעם וואונדערבאַרן אויסבוי פון דער יידישער ריין־וועלטלעכער קולטור אין יידיש און העברייאיש, אין דעם משך פון די לעצטע פופציק יאָר. דער אויפבלי פון דער יידישער פּרעסע אין אַלע גרעסערע יידישע ישובים, — אַ פּרעסע מיט אַ לייענערשאַפט, וואָס ציילט אין די מיליאָנען; דער אויסבוי פון אַ יידישן טעאַטער און אַ דראַמאַטישער קונסט; פון מאָדערנע וועלטלעך־יידישע בילדונגס־אינסטיטוציעס, מיט קינדער־גערטנער, פאָלקסשולן, מיטלשולן, העכערע קורסן און אַלערליי לעקציעס; די פּאָליטישע דערציאונג און אַלגעמיינע אויפקלערונג אין אַלערליי מאַסן־פאַרזאַמלונגען; די ביכער־פּראָדוקציע, מיט ביכער אין די טויזנטער, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע; זעלבסט־בילדונג פאַראיינען און קלובן; ביבליאָטעקן; צענטראַלע אַנשטאַלטן פון דער גייסטיקער קולטור, ווי די היגע „יידישע קולטור־געזעלשאַפט" (די העברייאישע „תרבות" און דער „יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט", וואָס צו זיינע ערן־פּרעזידענטן געהערן אַזעלכע צוויי גלענצנדיקע פאַרטרעטער פון דער מאָדערנער, פּראָגרעסיווער יידנשאַפט, ווי פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין און פּראָפעסאָר זיגמונד פרויד.

און אין דער מאַטעריעלער קולטור פון אונדזער פאָלק טרעטן אונדז אַנטקעגן די קאָלאָניזאַציע אַרבעטן אין ארץ־ישראל, קרים און ביראָבידזשאַן.

פון אָט דעם ראַשן איבערבליק טאָר אויך ניט אַרויסגעלאָזן ווערן יענע יידישע ענערגיע, וואָס ווערט אויסגעגעבן אין די יידישע זעלבסט־

פּאַרוואַלטונגען, — דאָרטן, וואו זיי זיינען געבויט אויף אַ ריין וועלט־לעכן נאַציאָנאַלן יסוד, און אַ ברעקל שיכות צו רעליגיע: ווי אין ראַטנלאַנד, אין דעם נייעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, אין לאַטוויע, אין עסטיע.

לאָזט מען אָט די אַלע דערשיינונגען פּאַרבייציען פאַר אונדזער גייסטיקן אויג, — דערשיינונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען נאָר אין די לעצטע פופציק יאָר, — האָבן מיר זיכער אַ רעכט צו זאָגן, אַז אונדזער גאַנצער היסטאָרישער לעבן פאַר אָט דער צייט, אַלע פּאַסי־רונגען פון אונדזער געשיכטע, אַלע אונדזערע פּאָליטישע שטרעמונגען און פּאַרטייען, אַלע אונדזערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אַלע אַרבעטנדיקע נייע קולטור־אויפטואונגען, — גייסטיקע, ווי מאַטעריעלע, — אַלע אונדזערע אַלגעמיין־יידישע, עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען זיינען שוין טיף, הגם אָפט נאָר סטיכיש, דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דעם פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם; אַז זיי אַלע טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון יענעם גרונט־געדאַנק, וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל אַרויסגעריסן אין דר. פּינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן״ און וואָס זאָגט, אַז יידן זיינען אין תוך ניט קיין רעליגיעזע נאַציע, ווי דאָס וויל די קאָנסערוואַטיוו־נאַציאָנאַלע וועלט, און ניט קיין רעליגיעזע עדה, ווי דאָס וויל די פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישע וועלט, נאָר אַ וועלטלעכע נאַציאָ־נאַלע איינהייט, ווי אַלע אַנדערע, „ניט אויסגעקליבענע״ פעלקער פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער משפחה.

און אָט דער נייער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער פּעריאָד פון אונדזער געשיכטע, שטאַרקט זיך, אונטער דעם דרוק פון דער אַלגעמיין־ מענטש־לעכער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, מיט יעדן טאָג און מיט אַזאַ קאָלאָסאַלן אימפּעט, אַז יעדער אָביעקטיווער היסטאָריקער פון אונדזער פאָלק איז באַרעכטיקט צו דער השערה, אַז די וויטערדיקע היסטאָרישע אַנטוויקלונג אונדזערע וועט, ניט קוקנדיק אויף אַלע שטערונגען, מוזן גיין אין דערזעלביקער ליניע, אין וועלכער עס גייט די אַנטוויקלונגס־ליניע פון אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע פעלקער, וואָס האָבן שוין בשלימות דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון זייער פאַרוועלטלעכונג. די איצטיקע ווירקלעכקייט, די יידישע, לערנט אונדז, אַז יידן זיינען אַ וועלטלעכע נאַציאָנאַלע איינהייט, פאַר וועלכער דער רעליגיעזער גלויבן איז אַ ריינע פּריוואַט־זאַך פון אירע יחידים. אָט דאָס איז דער נייער ענטפער, וואָס איז געפונען געוואָרן אויף יענעם וועג פון פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג.

אָבער דער נייער ענטפער טראָגט אין זיין שויס גופא אַ היפּש

ביסל נייע פּראָבלעמען. דער געפונענער איינהייטלעכער וועג פאַר דער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג האָט זיך דעריבער ווידער געמוזט פאַנאַנדערגאָפּלען אין פאַרשיידענע ריכטונגען מיט פאַרשיידענע פּראָבלעמען. קודם איז דאָ לאָגיש אויסגעוואַקסן אַזאַ שאלה:

אויב די יידישע רעליגיע הערט אויף צו שפּילן אַ ראָליע פון דעם צעמענט, פון דער באַהעפטנדיקער קראַפט, וואָס האַלט צונויף אין איינעם אַלע קינדער פון דעם יידישן פאָלק; אויב זי פאַרלירט איר באַשיצנדיקע מאַכט אַנטקעגן דער אַסימילאַציע מיט דעם אַרום, איז — וועלכער אַנדער צעמענט, וועלכע אַנדער קראַפט זאָל איבערנעמען אויף זיך אָט די באַהעפטנדיקע און באַשיצנדיקע נאַציאָנאַלע ראָליע?

אויף אָט דעם ריין מאָדערנעם פּראָבלעם אין אונדזער לעבן, האָט אונדזער עפנטלעכער געדאַנק כמעט אין איין און דערזעלביקער צייט אַרויסגעבראַכט איינס נאָכן אַנדערן דריי פאַרשיידענע ענטפערס:

דער ערשטער ענטפער איז געווען דער טעריטאָריאַליסטישער: מיר זאָלן צונויפגעהאַלטן ווערן, ווי אַ פאָלק, דורך אַן אייגן יידיש־לאַנד.

דער צווייטער ענטפער איז געווען דער גלות־נאַציאָנאַליסטישער: מיר זאָלן בויען אונדזער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון לעבן אין די גלות־לענדער גופא אויף די יסודות פון נאַציאָנאַלע רעכט און פון אַן אייגענעם קולטורעלן לעבן, — סיי גייסטיקן, סיי מאַטעריעלן, — אין אַן אייגן־יידישער שפּראַך.

דער דריטער ענטפער איז געווען דער גייסטיק־נאַציאָנאַליסטישער: מיר זאָלן זיין אַ וועלטלעך־פּראָגרעסיוו פאָלק, אָבער דער „צעמענט” אונדזערער דאַרף זיין אַן אייגענע, פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע אידייע, וואָס זאָל האָבן איר שוץ אין אַ טעריטאָריעלן „גייסטיקן צענטער” („מרכז רוחני”) און וואָס זאָל מיט זיך באַלעבן אַלע טיילן פון דעם פאָלק אין די גלות־לענדער.

מיט אָט די דריי ענטפערס, זייער היסטאָרישן אויפקום, זייער איצטיקן מצב און די אַנדערע פּראָבלעמען, וואָס זיינען לאָגיש און היסטאָריש אַרויסגעוואַקסן פון זיי, וועלן מיר זיך באַשעפטיקן אין דעם לויף פון אונדזער אַרבעט.

## קאַפּיטל דריי

# אַן אייגן לאַנד, גלות-נאַציאָנאַליזם, אָדער אַ „קולטור-צענטער״?

### א. דער טעריטאָריאַליזם

אין דעם פאַריגן קאַפּיטל האָבן מיר געזען ווי אַזוי דער געדאַנק פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיווער באַוועגונג האָט אַרויס-געדרוקט די פראַגע, אויף וועלכן יסוד זאָל זיך בויען די דערהאַלטונג און די אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק, אָבער דער רעליגיעזער גלויבן זאָל באַטראַכט ווערן פאַר אַן אַבסאָלוט פּריוואַטע זאַך פון דעם איינצעלנעם יידן.

דאָס האָט אויך באַדייט די פּראַגע, וועלכער אַנדער צעמענט, וועלכע אַנדערע קראַפט זאָל איבערנעמען אויף זיך יענע באַהעפטנדיקע און באַשיצנדיקע נאַציאָנאַלע ראָליע, וואָס די רעליגיע האָט געשפּילט אין די הונדערטער יאָרן פון אונדזער עקזיסטענץ אין גלות.

מיר האָבן אין יענעם קאַפּיטל אויך אָנגעטייט, אַז אויף אָט דעם, ריין-מאָדערנעם פּראָבלעם פון אונדזער לעבן האָט אונדזער עפנטלעכער געדאַנק כמעט אין איין און דערזעלביקער צייט אַרויסגעבראַכט דריי פאַרשיידענע ענטפערס: דער ערשטער ענטפער איז געווען דער טערי-טאָריאַליסטישער: מיר זאָלן צונויפגעהאַלטן ווערן און געשיצט ווערן ווי אַ פאָלק דורך אַן אייגן יידיש לאַנד. מיט אָט דעם ענטפער דאַרפן מיר זיך איצט פאַרנעמען.

אין דערזעלביקער שריפט — דער „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן״ — אין וועלכער דר. פּינסקער האָט אָנגעלייגט דעם יסוד פון דעם נייעם פּעריאָד אין אונדזער היסטאָרישן לעבן, — נאַציאָנאַל-פּראָגרעסיוון, — איז אויך אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער ריין טעריטאָריאַליסטישער ענטפער אויף דעם אונדז אינטערעסירנדיקן פּראָבלעם: כדי צו לעבן ווי אַ נאָרמאַל פאָלק אויף דער וועלט, דאַרפן מיר האָבן אַן אייגן יידיש לאַנד. דר. פּינסקער איז אין זיין שריפט ערגעץ ניט מרמז, אַז דאָס לאַנד דאַרף דווקא זיין ארץ ישראל. ער רעדט וועגן אַ לאַנד בכלל. ס׳איז מערקווירדיק, וואָס אויך די גרויסע שפּעטערדיקע שריפט פון אַ טעריטאָריאַליסטישן כאַראַקטער, דר. הערצלס „יודנשטאַט״,

האָט אויך מיט קיין וואָרט ניט אָנגעטייט אויף דעם געאָגראַפישן אָרט, וואו דער „יודנשטאַט” זאָל זיך אויסבויען. דר. פּינסקערס שריפט איז אויך ניט באַזונדערס רייך אין אַרגומענטן, פּאַרוואָס מיר נייטיקן זיך אין אַ לאַנד. און דאָס ביסל, וואָס ער ברענגט, ווי אַ באַגרינדונג פּאַר זיין געדאַנק, איז ניט פריי פון פעלערן און איינזייטיקייטן.

עס איז אָבער קיין חידוש ניט, וואָס דער ערשטער אויפבליץ פון דעם טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק איז געווען קאַרג, סיי אין אַרגומענטן פאַר דער נויטיקייט פון אַזאַ ענטפער אויף דער יידישער פראַגע, סיי אין פּראַקטישע אָנווייזונגען, וואו און ווי דער ענטפער זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן.

דער טעריטאָריאַליסטישער געדאַנק איז, אין זיין אַלגעמיינער און אַבסטראַקטער פאָרם, געשטאַנען צו קלאָר פאַר די אויגן, ווי אַן ענטפער אויף דער יידישער פראַגע, מען זאָל האָבן געדאַרפט זיך אַריינלאָזן אין ספּעציעלע אַרגומענטאַציעס און דערקלערונגען.

די נאַציאָנאַלע פראַגע אונטערשיידט זיך גראָד מיט דעם פון דער סאָציאַלער פראַגע, וואָס דער בעסטער ענטפער אויף איר וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן.

בעת אין דער סאָציאַלער פראַגע האָט די מענטשהייט געדאַרפט אין אַ משך פון דורות, מיט דער אָנשטרענגונג פון דער גאַנצער דענקונגס־קראַפט, דער פאַנטאַזיע און דער וויסנשאַפטלעכער פאַרשונג, זיך ביסלעכווייז דערגראַבן ביז צו דעם ריכטיקן ענטפער אויף איר, — דעם סאָציאַליזם, — האָט די נאַציאָנאַלע פראַגע, וואָס האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזן די געשיכטע פון דער מענטשהייט, שוין אָפּט אַרויס־געבראַכט דעם ריכטיקן ענטפער סיי אין דער טעאָריע, סיי נאָך מער אין דעם פּראַקטישן לעבן פון די פעלקער. דער ענטפער איז געגעבן אין די קלאָרע און איינפאַכע פּרינציפּן פון פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. אַ פאָלק, וואָס ליידט נאָר דערפון, וואָס עס ווערט אונטערדריקט און באַעולהט פון אַן אַנדער פאָלק, אָדער אַנדערע פעלקער, קאָן ניט געפינען זיין רעטונג, ווי נאָר אין דעם, וואָס עס וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם באַדריקנדיקן יאָך און ווערט דער פולער, אַבסאָלוטער באַלעבאָס אויף זיין אייגענעם לעבן און זיין אייגענעם היסטאָרישן גורל.

דר. ל. פּינסקער האָט דעריבער לכתחילה זיך ניט געדאַרפט צופיל חקירהן, כדי אויסצוגעפינען יענעם בעסטן ענטפער, וואָס זאָל

באַדייטן מיט זיך די אַבסאָלוטע באַפרייאונג פון דעם יידישן פאָלק, דאָס הייסט, דעם געדאַנק פון אַן אייגן יידיש לאַנד.

ערשט שפּעטער, ווען מען איז צוגעטראָטן צו דער פאַרווירקלעכונג פון אָט דעם געדאַנק און עס זיינען אַרויסגעוואַקסן אַלערליי קעגנער, וואָס האָבן אים באַקעמפט, האָבן געמוזט אין דער פּאָלעמיק אַנטקעגן זיי אַרויסגעבראַכט ווערן די פּילפּאַכע אַרגומענטן, וואָס דיקטירן אויך פאַר דעם יידישן פאָלק דעם זעלביקן אידעאַלן ענטפער אויף זיין נאַציאָנאַלער פראַגע.

מיר וועלן דאָ ברענגען די וויכטיקסטע פון יענע אַרגומענטן.

ערשטנס: אין דעם צענטער פון דער יידישער פראַגע איז תמיד געשטאַנען, — ווי ער שטייט נאָך עד היום, — דער אַנטיסעמיטיזם. ווי ווערט מען פּטור פון די אייביקע רדיפות אויף אונדז? ס׳איז דאָך קלאָר, אַז ווען מיר וואָלטן געוואוינט אין אַן אייגענעם לאַנד, ווי אַ פריי, זעלבסטשטענדיק פאָלק, וואָלטן מיר פון אָט דער פּלאָג ניט געוואוסט. דר. פינסקער האָט געגלויבט, אַז כמעט דער גאַנצער אַנטי־סעמיטיזם נעמט זיך דערפון, וואָס די פעלקער ווייסן ניט, וואָס צו טראַכטן וועגן אונדז, ווי אונדז „צו נעמען״. מיר זיינען פאַר זיי אַ חידושדיקע דערשיינונג, שיר ניט, ווי אַ לעבעדיקער געשפּענסט. מיר זיינען אַ פאָלק, האָבן אָבער ניט יענעם נויטווענדיקן, לייב־האַפטיקן באַדינג צו אַ לעבן ווי אַ פאָלק, וואָס רופט זיך לאַנד, און גייען אַרום, ווי אַ רוח, איבער דער וועלט. קוים האָבן מיר אָבער אַן אייגן לאַנד, קוים ווערט אויפגעבויט דער נויטווענדיקער יידישער „גוף״, אַזוי מוז פאַרשווינדן די חידושדיקייט, די רעטענישקייט פון דער יידישער עקזיסטענץ און מיט דעם גופא מוז אויך פאַרשווינדן דער אַנטי־סעמיטיזם.

נו — אָט דער אַרגומענט, ווי אינטערעסאַנט ער זאָל ניט זיין און וואָס פאַר אַ טיפן איינבליק ער זאָל ניט אַריינטראָגן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם אַנטיסעמיטיזם, קאָן פאָרט ניט באַטראַכט ווערן, ווי אַ ווויסנשאַפטלעך פעסט באַגרינדעטער. פיינטשאַפט צווישן פעלקער איז ניט קיין נייעס אין געשיכטלעכן לעבן פון דער מענטשהייט, און אָט די פיינטשאַפט קומט אויך פאָר צווישן אַזעלכע „בעלי־גופים״־פעלקער, וואָס האָבן די מגושמדיקסטע „לייבער״ אין זייערע אויס־געשפּרייטע לענדער. אָבער ס׳איז פאָרט אמת, אַז אַן אייגן יידיש לאַנד איז דער בעסטער ענטפער אויף דעם אַנטיסעמיטיזם. דאָ גייט עס ניט אין דעם, צי די פעלקער וועלן אונדז אויפהערן צו האַסן, צי זיי

וועלן אָנהייבן באַטראַכטן אונדז ווי גלייך־באַרעכטיקטע מענטשן. דאָ גייט עס אין דעם, זיי זאָלן אונדז אויפהערן צו פאַרפאָלגן, צו דערגיין אונדז די יאָרן; זיי זאָלן אונדז לאָזן צורו, — און מעגן זיי אין זייערע הערצער פילן צו אונדז וואָס זיי ווילן און אין זייערע קעפּ טראַכטן וועגן אונדז, וואָס זיי קומט אַרויף אויפן זינען.

סוף כל סוף, זיינען יידן ניט דאָס איינציקע פאָלק, וואָס ציט־צו צו זיך די פּיילן פון אַנטיפּאַטיע אָדער שנאה. איך וואָלט געקאָנט אָנווייזן אויף אַזאַ פאָלק ווי ענגלאַנד, וואָס איז אפשר דאָס „בעסט"־געהאַסטע פאָלק אויף דער וועלט, ביי דער גרעסטער צאָל פון אַלע אַנדערע פעלקער. איז אַ דאגה אַ גרויסער ענגלאַנד, וואָס די אַנדערע האָבן עס פיינט, געררעכטערהייט, צי אומגערעכטערהייט? אָדער נעמט אין דער איצטיקער צייט דייטשלאַנד — וואָס האָט אין דעם וועלט־קריג אַרויסגערופן אַנטקעגן זיך דעם צאָרן פון דער גרעסטער מאַיאָריטעט ביי דער מענטשהייט. געוויס, ליידט דייטשלאַנד נאָך עד היום פון יענעם צאָרן. אָבער דייטשלאַנדס עקזיסטענץ שטייט דעריבער ניט אין סכנה. דאָס דייטשע פאָלק בלייבט אַ פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד. אַזוי, צי אַזוי, וועט עס אויסגלייכן זיינע סכסוכים מיט דער איבעריקער וועלט, אַלץ איינס, צי די איבעריקע וועלט וועט זיין פול מיט סימפּאַטיע צו איר, אָדער וועט זיך שטעלן צו איר, ווי זי שטעלט זיך צו ענגלאַנד.

וואוינען מיר אין אונדזער אייגענעם לאַנד, דעמאָלט האָבן מיר ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר יענע אנטיסעמיטישע געפילן, וואָס הערשן בנוגע אונדז אין דער ניט־יידישער וועלט. עס וועט אונדז אַלע מאָל זיך איינגעבן צו שליסן בונדשאַפטן מיט אַנדערע פעלקער, ווייל זיי וועט זיך דאָס לוינען, און, געשטיצט אויף דער אייגענער איבער־געבנקייט און טרייקייט צו דעם אייגענעם לאַנד און צו דער אייגענער פרייהייט, וועט דאָס יידישע פאָלק אויך מיליטעריש זיין אין דער לאַגע, צו באַשטיין זיין שטעטל.

מיר האָבן איצט אויך ניט וואָס מורא צו האָבן, אַז מיט דעם יידישן פאָלק זאָל קאָנען פּאַסירן דיזעלביקע קאַטאַסטראָפע, וועלכע עס האָט שוין צוויי מאָל דורכגעלעבט אין זיין געשיכטע — די פאַר־יאָגונג פון דער אייגענער היים אין אַ מיליטערישער מפלה. די מאָדערנע קריגפירונג און דער מאָדערנער אינטערנאַציאָנאַלער רעכט זיינען גאַנץ אַנדערע, איידער די, וואָס האָבן געהערשט אין די צייטן פון אשור, בבל, גריכנלאַנד און רוים. ווען אַ לאַנד ווערט איצט איינגענומען,

ווערט די באַפעלקערונג ניט פאַרטריבן אין גלות, נאָר בלייבט וואוינען אונטער אַ פרעמדן יאָך, אין זיין אייגענעם לאַנד. אַזוי איז דאָס געווען מיט פוילן, ווען עס האָט פאַרלאָרן זיין פאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט; אַזוי איז דאָס געווען מיט בעלגיע, וועלכע דייטשלאַנד האָט אין דעם לעצטן וועלט־קריג איינגענומען כמעט אינגאַנצן. בלייבט אָבער די באַפעלקערונג וואוינען אין איר אייגענער היים, איז אַלעמאָל דאָ אַ האָפענונג, אַז זי וועט קאָנען אַראָפּשלײדערן פון זיך דעם פרעמדן יאָך, ווי פוילן האָט דערלעבט איר אַבסאָלוטע פאָליטישע באַפרייאונג, ווי בעלגיע איז ווידער געוואָרן אַ פרייע זעלבסשטענדיקע מדינה אויף מאָרגן נאָך דעם שלום־אָפּמאַך, ווי די ליטווישע, די לאַטישן און די עסטן זיינען איצט, צום ערשטן מאָל אין זייער גאַנצן געשיכטלעכן לעבן, געוואָרן פרייע זעלבסטשטענדיקע שטאַטן נאָר אַדאַנק דעם, וואָס די קינדער זייערע האָבן געוואוינט אויף אַן אייגענער טעריטאָריע.

צווייטנס: אַן אייגן לאַנד איז דער פולער ענטפער, ניט נאָר אויף דעם פּראָבלעם פון דעם אַנטיסעמיטיזם. עס איז אויך אַ רפואה צו יענער מכה, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן אין דעם אַנטי־נאַציאָנאַל־פּראָג־רעסיוון פעריאָד פון אונדזער געשיכטע, — דער מכה פון אַסימילאַציע.

אַ פאָלק, וואָס וואוינט אויף אַן אייגענעם לאַנד, איז געזיכערט פון אַלע פּלאָגן, וואָס די אַסימילאַציע ברענגט מיט זיך. קודם כל האָט אַזאַ פאָלק די מעגלעכקייט אויפצובויען זיין אייגענעם לעבן, לויט זיין אייגענעם גייסט, לויט זיינע אייגענע נאַציאָנאַלע, שאַרף־באַשטימטע אייגנשאַפטן. אָבער אַפילו, ווען אַ פאָלק זאָל ניט באַזיצן קיין אייגענע נאַציאָנאַלע באַשעפערישע כוחות; ווען עס זאָל געפינען פאַר נייטיק, אין אַלע פּרטים פון לעבן, — אין שפּראַך, אין אינסטיטוציעס, אין גייסטיקער אויסבילדונג, — איבערצונעמען פון דער פרעמד אַלץ, וואָס געפינט חן אין זיינע אויגן, איז דאָס ניט קיין געפאַר, ניט פאַר זיין עקזיסטענץ, ניט פאַר זיין פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, ניט פאַר דעם וואוילזיין פון זיינע קינדער.

גראַד דאָ שפּרינגט אַרויס דער גרויסער אונטערשייד צווישן אַסימילאַציע אין דער פרעמד און אַסימילאַציע אין אַן אייגענער היים. די אַסימילאַציע אין דער פרעמד באַשטייט, ווי מיר האָבן עס שוין אויבן געזען, אין דעם, וואָס אַ פרעמד פאָלק רייסט אָפּ טיילן פון אונדזער פאָלק און שלינגט עס איין און אַסימילירט עס אין זיך. דערפון וואַקסן אַרויס, ווי מיר האָבן שוין אויך אויבן געזען, יענע דריי אומגליקן, וואָס פאַרהויקערן דאָס לעבן פון דעם פאָלק: דער

פאַרשאַרפטער אַנטיסעמיטיזם, די נידעריקע קולטור־מדרגה פון די מאַסן און דער פאַרקריפּלטער מהות מענטש. אַלע די דריי, אַזוינע טרויעריקע און שעדלעכע דערשיינונגען פון דער אַסימילאַציע אין דער פרעמד, קאָנען אָבער ניט פאַרקומען אין יענע אַסימילאַטאָרישע פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין אַן אייגענער היים.

דאָ קומט פאָר אַן אַסימילאַציע־פּראָצעס, וואָס נעמט אַריבער פון דער פרעמד גייסטיקע ווערטן, שפּראַך, מנהגים, לעבנס־פאָרמען, — און אַסימילירט זיי, שלינגט זיי איין און פאַרקערפּערט זיי אין זיין אייגענעם לעבן. אין דער פרעמד אַסימילירט די פרעמד אונדז. אין דער היים אַסימילירן מיר די פרעמד. ווען אַ פאָלק נעמט איבער, זאָגן מיר, די שפּראַך פון אַן אַנדער פאָלק, ווי דאָס איז ניט זעלטן געשען אין דער געשיכטע, הייסט עס ניט, אַז די בעסטע קינדער זיינע, די באַשעפערישע אינטעליגענציע זיינע, דאַרף אַוועקגיין פון דער היים און לאָזן די גרויסע מאַסן אויף גאָטס באַראָט. איבערנעמענדיג די שפּראַך און אויך די קולטור פון דער פרעמד, זוכט אָט די דאָזיקע אינטעליגענציע פון די הערשנדיקע קלאַסן אַריינצוטראָגן זיי אין דעם לעבן פון זייער אייגענעם פאָלק. און אַפילו דעמאָלט, ווען די איבערגענומענע שפּראַך פון דער פרעמד בלייבט לעבן נאָר אין דעם קליינעם קרייז פון די הערשנדע קלאַסן און אין די געבילדעטע שיכטן, בעת דאָס גאַנצע פאָלק בלייבט טריי דעם אַלטן לשון און זיין אַלטער קולטור, איז די אַסימילאַציע אין אַן אייגענער היים אויך ניט פאַרבונדן מיט גאָר גרויסע סכנות. די געשיכטע פון די פעלקער באַווייזט אונדז מיט פיל ביישפּילן, אַז אין אַזאַ פאַל איז דאָס פאָלק גובר זיינע הערשנדיקע קלאַסן, און דעם פאָלקס שפּראַך, ווי אויך דעם פאָלקס קולטור נעמט די אויבערהאַנט איבער יענע עלעמענטן פון דער פרעמד, וואָס קאָנען זיך גוט אַריינפּאַסן אין דעם אייגענעם לעבן.

לאָמיר דאָ דערמאָנען אַן די ביישפּילן פון דער פראַנצויזישער אַסימילאַציע, וואָס עס האָט אין אַ געוויסער צייט געהערשט סיי אין דייטשלאַנד, סיי אין רוסלאַנד, אין זייערע העכערע קלאַסן. זיי, די העכערע קלאַסן, האָבן דעמאָלט געקוקט מיט ביטול אויף די שפּראַכן און דעם לעבנס־שטייגער פון זייערע פעלקער. עס פלעגט אויך אָפט פאָרקומען, אַז אָט דעם פאָלק פרעמד געוואָרענע אַריסטאָקראַטיע, האָט אַפילו ניט פאַרשטאַנען דעם לשון פון דעם אייגענעם פאָלק, און האָט אים באַטראַכט ווי אַ נידעריקן „זשאַרגאָן”. אָבער אַזאַ צושטאַנד האָט געדויערט לפי ערך ניט לאַנג. וואָס מער בילדונג און אויפקלערונג

און פּראָגרעסיווער לעבן עס האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען אין דעם לאַנד, אַלץ מער זיינען אויפגעקומען געבילדעטע קינדער פון דעם פאָלק גופא, וואָס האָבן די עלעמענטן פון דער פרעמדער קולטור אַריינגענומען אין זיך, שוין ניט אין דער פרעמדער שפּראַך, נאָר אין דער אייגענער, און האָבן אינסטינקטיוו גענומען בויען אַ ניי פּראָגרעסיוו גייסטיק לעבן פאַר זייער פאָלק אין זיין אייגענער שפּראַך. און ווען אַפילו אַזאַ פּראָצעס איז אין דער ערשטער צייט געווען פאַרבונדן מיט אַ שטאַרקן שטראָם פון איבערגעטריבענעם נאַציאָנאַלן זעלבסט-געפיל און פון אַ שאַרפן פּראָטעסט אַנטקעגן אַלץ, וואָס איז פרעמד, פלעגט אָבער דער סוף פון דעם פּראָצעס תמיד זיין אַזאַ, אַז די יסודות פון דעם אייגענעם לעבן פלעגן זיך סינטעטיש צונויפגיסן מיט די וויכטיק־סטע עלעמענטן פון דער פרעמד און פלעגן אַרויסברענגען אַן אייגנ־אַרטיק-נאַציאָנאַלן גייסטיקן בנין, אַ געמיינשאַפטלעכן סיי פאַר די העכערע, סיי פאַר די נידעריקערע קלאַסן. דאָס בלינדע נאָכטאָנצן נאָך אַלץ, וואָס איז פרעמד, פלעגט פאַרשווינדן אויף אייביק, און דאָס פאָלק פלעגט שוין קאָנען אַרויסגיין אויף זיין אייגענעם פּראָגרעסיוון וועג אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, — גראַד ווי מיר האָבן דאָס געזען סיי אין דייטשלאַנד, סיי אין רוסלאַנד.

אַ דריטער וויכטיקער אַרגומענט פאַר אַן אייגענער יידישער טעריטאָריע שטייט אין ענגן צונויפבונד מיט די ערשטע צוויי און ליגט אין די נויטן פון דער יידישער עמיגראַציע.

די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן אין רוסלאַנד; די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אין די מזרח-לענדער, וואָס האָט באַדייטנדיקע טיילן פון דער אַגראַרישער ניט-יידישער באַפעלקערונג געטריבן אין די שטעט און דאָרטן אַרויסגערופן ביי איר אַ דראַנג צו פאַרנעמען פּאָזיציעס אין יענע עקאָנאָמישע צווייגן, וואָס זיינען מקדמונים געלעגן אין יידישע הענט; דער פאַרשאַרפטער אַנטיסעמיטיזם מצד די רעגירונגען, — דאָס אַלץ האָט באַשאַפן אַ געוואַלטיקן דרוק אויף די יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע. עס האָט זיך גענומען טראָגן אַ שטראָם יידישע עמיגראַציע פון רוסלאַנד, רומעניע און עסטרייך־אונגאַרן; (פון דעם לעצטן לאַנד — מחמת ריין עקאָנאָמישע מאָטיוון).

דער שטראָם האָט באַקאַנטלעך געהאַלטן אין איין וואַקסן ביז צו דעם וועלט־קריג און האָט צייטנווייז געפירט מיט זיך יידישע נפשות אין די הונדערטער טויזנטער. דער גרעסטער טייל זיינער איז באַשטאַנען פון יונגעלייט, — דער עיקר פון רוסלאַנד, געלאָפן איז די יוגנט,

ווייל זי האָט ניט געשפּירט קיין איבעריקן חשק צו דעם מיליטערישן דינסט בכלל און צו די קאַזאַרמעס פון דעם רוסישן צאַר בפרט. שפּעטער, ווען די יידישע יוגנט פון אַלע קלאַסן האָט אָנגעהויבן נעמען אַן אויסערגעוויינלעך טעטיקן אָנטייל אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָבן די פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען מצד דער רעגירונג אַריינגעטריבן טויזנטער יונגעליייט אין דעמזעלביקן עמיגראַציע־שטראָם.

געטראָגן האָט זיך דער שטראָם, דער עיקר, אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, אָבער איינצעלנע טיילן זיינע זיינען אַריינגעפּלייצט געוואָרן, אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, אין אַלע מדינות פון אייראָפּע, אַמעריקע און דרום־אַפריקע.

פאַר אַלע יענע, וואָס האָבן זיך שוין אויסגעלערנט צו טראַכטן ניט נאָר אין אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון זין, נאָר אויך טראַכטן לויט פינסקערס בליק אויף דעם ענין, אַז מיר זיינע אומעטום פרעמדע, האָט אַט די קאָלאָסאַלע דערשיינונג אין אונדזער לעבן געמוזט גלייך פון אָנהייב אָן צונויפבינדן זיך מיט דעם געדאַנק פון אַן אייגענעם יידישן לאַנד.

אויב שוין לויפן פון דעם איינגעזעסענעם אָרט, — צו־וואָס פאַרבייטן איין פרעמד אויף אַן אַנדער פרעמד? צו וואָס פאַרפלאַנצן די יידישע צרות איבער דער גאַנצער וועלט? ווייל, וואוהין מיר זאָלן ניט קומען, וועלן מיר ברענגען מיט זיך דעם אייביקן אַנטאַגאָניזם צווישן „ייד" און „ניט־ייד", און ליידן פון די אייביקע יסורים, וואָס שלאָגן פון די צוויי, אַזעלכע קרובהשע קוואַלן: דעם אַנטיסעמיטיזם און דער אַסימילאַציע.

די יידישע פראַגע קאָן פאַרענטפערט ווערן בשלימות נאָר אין אַן אייגענעם לאַנד. מאָסן יידן ווערן סיי ווי סיי געטריבן פון די מזרח־אייראָפּייאישע לענדער. פאַרוואָס ניט שאַפן די מעגלעכקייט, זיי זאָלן בעסער פאָרן צו זיך, אין אַ נייער אַ אייגענער היים? און פאַרוואָס זאָל דידאָזיקע היים, די יידישע, ניט זיין לכתחילה געגנוג ברייט, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק זאָל קאָנען אויסגעלייזט ווערן אין אים; אַז יעדער ייד פון גאָר דער וועלט. וואָס ליידט פון זיין יידישן זיין אויף דער וועלט, זאָל קאָנען קומען אַהין און פטור ווערן פון אַלע זיינע ליידן?

אַ פערטער, פונקט אַזאַ וואָגיקער אַרגומענט פאַר אַן אייגענעם יידישן לאַנד איז געלעגן אין דעם איינזען, אַז דער בוי פון דעם יידישן סאָציאַלן אָרגאַניזם איז אַן אַבנאָרמאַלער און בויטיקט זיך אין אַ ראַדיקאַלן איבערבוי. מיר זיינען אין גלות געוואָרן אַ ריין שטאָטיש פאָלק,

מיט דעם קאָלאָסאַלן איבערוואָג פון אינטעלעקטועלע באַשעפטיקונגען (האַנדל און ליבעראַלע פּראָפעסיעס) איבער דער מוסקל־אַרבעט בכלל און דער דאָרפישער אַרבעט בפרט. אַט די איינזייטיקייט פון דעם יידישן לעבן האָט פאַרהויקערט אונדזער גאַנצן מענטשלעכן מהות. אונדזער פאָלק נויטיקט זיך אין אַ טאָטאַלער „ווידערגעבורט״ *). אין אַזאַ ווידערגעבורט נויטיקן מיר זיך, שוין אַפילו פון אַ ריין פיזיאָלאָגישן און פסיכאָלאָגישן שטאַנדפונקט, ווי דאָס האָט געפּרואווט באַווייזן ד״ר. גרוזענבערג אין זיין בוך „וועגן דער יידישער דעגענעראַציע״ („וויראָזשדעניע״), וואו ער האָט אויפגעוויזן, אַז דאָס יידישע פאָלק פאַרדאַנקט דעם שטאָטישן לעבן אַ סך ספּעציעל־יידישע קרענק־און־ווייטאָקן, סיי ריין פיזישע, סיי פסיכישע (נערוון־און־מאַרך־קראַנקהייטן). דער אויספיר פון אַט דער זייער וויכטיקער פאָרשונג איז געווען, אַז יידן מוזן אויפהערן צו זיין אַ נערוון־און־מאַרך־פאָלק און ווידער ווערן דער עיקר, אַ פאָלק פון מוסקל־אַרבעט.

אויך אַט די פראַגע פון יידישער „דעגענעראַציע״ און „רעגענעראַציע״, וואָס אירע וויסנשאַפטלעכע גרונטלאַגן זיינען נאָך עד היום ניט געגנוג אויסגעפאָרשט און אָפּגעקלערט, איז באַשיינפערלעך אַ כשר קינד פון דעם נייעם נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון באַוואוסטזיין אין אונדזער עפנטלעכקייט. זי האָט ניט געקאָנט אויפקומען ניט אין דער פרום־נאַציאָנאַלער וועלט, ניט אין דער אַסימילאַטאָריש־פּראָגרעסיווער. אין דער ערשטער ניט, ווייל איר געדאַנק איז געווען פאַרנומען נאָר מיט דער רעליגיעזער זייט פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן זיין. אין דער צווייטער ניט, ווייל אין איר איז יעדער נאַציאָנאַל־יידישער זיין אָפּגעלייקנט געוואָרן בכלל. פאַר דעם אַסימילאַטאָר זיינען יידן נאָר אַ געוויסער פּראָצענט פון יענעם פאָלק, אין וועמעס לאַנד זיי לעבן. אויב אַ געוויסער פּראָצענט פון אַ געוויסער באַפעלקערונג ליידט פון טובערקולאָזיס אָדער פון נערוועזישע אומנאָרמאַלקייטן, איז דאָס זיכער אַ פּראָדוקט פון אַן אומגערעכטער געזעצגעבונג בנוגע די קינדער פון דעם יידישן גלויבן. די אָפּשאַפונג פון ספּעציעלע געזעצן קעגן יידן, די פולע אויסגלייכונג זייערע מיט דער רעכטלעכער לאַגע פון דער איבעריקער

*) דער אויסדרוק „ווידערגעבורט״, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ קאָלאָסאַלע ראָליע אין די שפּעטערדיקע נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע דיסקוסיעס, איז, לויט מיין וויסן, צום ערשטן מאָל געברויכט געוואָרן אין מ. ל. ליליענבלומס רוסישער בראָשור „אָ וואָזראָזשדעניאי יעווריעיעוו נאַ סוו. זיעמליע״ („וועגן דער ווידערגעבורט פון די יידן אין דעם היליקן לאַנד״) אין דעם אָנהויב אַכציקער יאָרן.

באַפּעלקערונג, וועט אויך מוזן אָפּשאַפן יענע ספּעציעלע יידישע אומ־נאָרמאַלקייטן, וואָס שטאַמען אין זייער לעצטער וואָרצל פון דער ספּעציעלער געזעצגעבונג אַנטקעגן זיי.

אין אָט דעם זין האָט אויך די רוסיש־יידישע אַסימילאַטאָרישע פּרעסע אויפגענומען די גרוזענבערגישע פאָרשונגען. עס איז טאַקע פון אַ ריין אַסימילאַטאָרישן שטאַנדפּונקט פּשוט אומפאַרשטענדלעך, ווי אַזוי מען קאָן פון יידישע קרענק־און־וויטאָקן קאָנסטרואירן אַ וועלכע עס איז ריין יידישע פראַגע. יידן זיינען נאָר אַ רעליגיעזע עדה. ווי מענטשן בכלל, זיינען זיי קינדער פון יענעם פאָלק, צווישן וועלכן זיי לעבן. זייערע ריין מענטשלעכע ליידן, זייערע ריין וועלטלעכע באַשעפטיקונגען און לעבנס־פאָרמען, האָבן לחלוטין ניט וואָס צו טאָן מיט דעם יידישן זיין אויף דער וועלט.

ערשט מיט דעם אויפקום פון דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן פּעריאָד אין אונדזער געשיכטלעכן לעבן האָט געקאָנט אויפקומען אויך די פראַגע וועגן אונדזער „דעגענעראַציע“ און „רעגענעראַציע“. ווייל דער אינע־וויינקסטער לאָגישער תוך פון אָט דעם פּעריאָד איז דער בליק, אַז מיר זיינען „ניט קיין וואָסער פּראָצענט פון אַן אַנדער פאָלק, נאָר הונדערט פּראָצענט פון זיך אַליין*). און אַלע אונדזערע צרות, אַלע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן, — אָנגעהויבן מיט דער אַבנאָרמאַלער עקאָנאָמיק אונדזערער ביז צו דעם אַבנאָרמאַלן געזונטהייטס־מצב און דער אַבנאָרמאַלער פּסיכיק אונדזערער, — דאַרפן ליגן אויף אונדזערע אַקסלען און דאַרפן אויסגעגליכן ווערן דורך אונדזערע אייגענע יידישע אָנשטרענגונגען.

און אַזוי זעען מיר, אַז שוין אויף דעם ערשטן צונויפפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אונטער דער שליטה פון דר. פּינסקערס נייעם איינשטעל און אונטער זיין פאָרזיץ, אויף דעם היסטאָרישן קאַטאָוויצער צונויפפאָר פון 1884, — איז אויף דעם סדר־היום אויפגענומען געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער „דעגענעראַציע“ און „רעגענעראַציע“ און עס איז אויף אים קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער געדאַנק, אַז דאָס יידישע פאָלק ווערט דעגענערירט אין די באַדינגונגען פון אַ ריין שטאָטישן לעבן און אַז מען מוז זיך נעמען פאַר דעם אויסבוי

---

*) אָט די פאָרמול איז צום ערשטן מאָל געגעבן געוואָרן אין מיין בראָשור „יעווריי קיעווריאַם“ („אַ ייד צו יידן“) פונעם יאָר 1892. איר תוך איז שוין אָבער געלעגן אין דר. פּינסקערס „אַוטאָעמאַנסיפּאַציאָן“ פון 1882.

פון אַ ריין אַגראַרישער קאָלאָניזאַציע אין אַן אייגענעם לאַנד — דאָס מאָל שוין גערעדט געוואָרן ניט וועגן אַן אַבסטראַקט־טעריטאָריאַליס־טישן לאַנד בכלל, נאָר וועגן אַ קאָנקרעט־טעריטאָריאַליסטישן, אַ באַשטימטן לאַנד: דאָס לאַנד פון אונדזערע אָבות, ארץ־ישראל.

מיר ווען זיך נאָך אומקערן צו דעם פּראָבלעם: „אַ לאַנד, אָדער דאָס לאַנד״, ווען מיר וועלן געפירט ווערן דערצו דורך דעם לאָגישן צונויפבונד זיינעם מיט די אַנדערע פּראָבלעמען, דערווייל האַלטן מיר נאָך ביי יענער סטאַדיע אין זייער אַנטוויקלונג, אויף וועלכער עס ווערט געוואונען דער איינזען, אַז דער פולער ענטפער אויף דער יידישער פראַגע קאָן געזוכט ווערן נאָר אין אַן אייגענער יידישער טעריטאָריע, וואוהין עס קאָן אַ קער געטאָן ווערן דער אַלץ מער אַנוואַקסנדיקער עמיגראַציע־שטראָם, אין וועלכער מיר וועלן ניט נאָר באַפרייט ווערן פון דעם אַנטיסעמיטיזם און דער אַסימילאַציע, נאָר אין וועלכער עס קאָן אויך אויף אַ נאַטירלעכסטן אויפן דורכגעפירט ווערן די פּסיכאָ־פיזיאָלאָגישע און די סאָציאַל־עקאָנאָמישע ווידערגעבורט פון אונדזער פאָלק, די „פּראָדוקטיווירונג״ (אַ שפּעטערער טערמין, מיט וועלכן מיר ווען זיך נאָך באַגעגענען) פון זיינע מאַסן אויף די יסודות פון אַרבעט בכלל און ערד־אַרבעט בפרט.

און אומעטום אין יענער צייט, וואו עס האָט זיך דערטראָגן די בשורה פון אַן אייגענעם לאַנד און געצונדן די הערצער מיט דער האָפענונג אויף אַ „גאולה שלמה״, אויף אַ טאָטאַלער ווידערגעבורט פון אונדזער פאָלק, איז אויך מיט באַגייסטערונג געזונגען געוואָרן דאָס נייע ליד אליקום צונזערס: „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה״...

פון די איבעריקע, מער אָדער ווייניקער וויכטיקע אַרגומענטן, וואָס זיינען אין דער שפּעטערער צייט אַרויסגעבראַכט געוואָרן לטובת אַן אייגענעם יידישן לאַנד ווילן מיר דאָ אָנמערקן דעם געדאַנק, אַז נאָר אין אַן אייגענעם לאַנד מיט אַ יידישער פּאָליטישער סוּווערעניטעט קאָן אויך דאָס יידישע פאָלק נעמען אַן אַנטייל, ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד, אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק אַזוי, אַז „אויך זיין שטים זאָל געהערט ווערן אין דעם גרויסן קאָנצערט פון די פעלקער, וואָס מען רופט אים: די געשיכטע פון דער מענטשהייט״.

און אויך דער אַרגומענט מעג דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אין אַן אייגענעם לאַנד, מיט אַ פּאָליטישער סוּווערעניטעט, וועט דאָס יידישע פאָלק זיין אין דער לאַגע אַליין צו באַשטימען זיין פּאָליטיק אין קריג און פרידן, און וועט דעריבער ניט דאַרפן מער דורכלעבן יענע דער־

שיטערנדיקע טראַגעדיע, ווען זיינע קינדער ווערן פון פאַרשיידענע רעגירונגען געטריבן אויף די קריגס־פראָנטן, זיי זאָלן שיסן איינע אין די אַנדערע, ווי דאָס איז געשען אין דעם לעצטן וועלט־קריג.

---

פון אַלע קעגנער וואָס דער יידישער טעריטאָריאַליזם האָט גע־פונען אַנטקעגן זיך אויף דער יידישער גאַס איז דער העפטיקסטער — דער גלות־נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אויך אַרויסגעוואַקסן פון דערזעלביקער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער אידייע, וואָס האָט אָבער לגמרי געלייקנט די נויטיקייט פון באַזונדערע טעריטאָריעס, לענדער און שטאַטן פאַר דער נאָרמאַלער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון פעלקער.

## ב. דער סאָציאַליסטישער גלות־נאַציאָנאַליזם

ווי האָבן די פּאַגראָמען פון די אַכציקער יאָרן געווירקט אויף דעם סאָציאַליסטישן טייל פון אונדזער אַסימילאַטאָרישער און אַסימי־לירטער אינטעליגענציע?

מיר האָבן געזען, ווי, אונטער דעם דרוק פון די פּאָגראָמען און פון דעם אויפגעוואַכטן אַנטיסעמיטיזם אין מערב־אייראָפּע, איז פאַר־געקומען אַן איבערבראָך אין דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער משכּיליש־אַסימילאַטאָרישער אינטעליגענציע און ווי דער איבערבראָך האָט געפירט צו דער באַשאַפונג פון דעם נייעם פעריאָד אין אונדזער געשיכטלעכן לעבן, דעם „נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון". האָט זיך אויך די יידיש־סאָציאַ־ליסטישע אינטעליגענציע באַטייליקט אין אָט דעם איבערבראָך און אין דעם אויסבוי פון דעם נייעם וועג? האָט זי אַריינגעטראָגן איר אייגענעם וואָרט אין אָט דער נייער ריכטונג?

די שטימונג פון די דעמאָלטיקע יידישע סאָציאַליסטן צו די פּאָסי־רונגען פון דער צייט און צו די נייע אידייען, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט, פאָרדינט אַ באַזונדער היסטאָרישע אויספאָרשונג, אויף דעם סמך פון דעם צעשטרויטן — אגב, זייער קאַרגן — מאַטעריאַל, וואָס איז דאָ און דאָרטן פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן דעם ענין. אַזאַ אויספאָרשונג קאָן אָבער ניט אַריינגיין אין די גרענעצן פון אונדזער אַרבעט. דאָ זאָלן נאָר געבראַכט ווערן אייניקע דאַטן, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף יענער שטעלונג ביז צו דער צייט, ווען דער יידישער סאָציאַליזם איז אַרויס מיט זיין אייגענעם וואָרט וועגן די פּראָבלעמען פון דער יידיש־

נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, און עס זאָל כאַראַקטעריזירט ווערן דער ערשטער שטאָפּ אויף דעם וועג פון דעם יידיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דעם פּרינציפּ פון דעם סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם.

די יידיש־סאָציאַליסטישע אינטעליגענציע אין די אַכציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט קאָן איינגעטיילט ווערן אין צוויי פאַרשידענע גרופּן. צו איינער האָבן געהערן די ראַדיקאַל־דענקנדיקע משכילים, וואָס האָבן זיך געמיט צו פאַרשפּרייטן, אין דער העברייאישער שפּראַך, די אידייען און אידעאַלן פון דעם סאָציאַליזם. די אַנדער גרופּע האָט אַריינגענומען אין זיך דאָס רוב שוין רוסיפיצירטע ראַדיקאַלע יידישע יוגנט, וואָס האָט גענומען אַ טעטיקן אַנטייל אין די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. אָט די גרופּע איז ווידער געווען צעטיילט אין צוויי לאַגערן — לויט די צוויי פּאַרטייען, וואָס האָבן דעמאָלט באַהערשט דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף: די פּאַרטיי פון דעם „פאָלקס־ווילן״ („נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״), פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די פּאַרטיי „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן״, און די פּאַרטיי פון דעם „שוואַרצן אומטייל״ („טשאָרני פּערע־דיעל״), פון וועלכער עס זיינען שפּעטער אַרויסגעקומען די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די „באָלשעוויקעס״.

וועגן דער ערשטער, דער משכיליש־העברייאישער גרופּע, וואָס איר איניציאַטאָר איז געווען אהרן ליבערמאַן, ווייסן מיר, אַז אַזעלכע וויכטיקע זיילן אירע, ווי די פּאָעטן י. לעווין (יהל״ל) און ד״ר י. קאַמינער, ווי אויך דער גלענצנדער ראַדיקאַלער פּובליציסט, מ. ל. ליליענבלום, האָבן אַליין דורכגעמאַכט דעם אויבן־דערמאָנטן איבער־בראָך און זיינען צוגעשטאַנען צו דער נייער באַוועגונג, וועלכע דר. ל. פּינסקער האָט אינאַגורירט מיט זיין בראָשור „די אָטאָעמאַנסי־פּאַציאָן״. ליליענבלום איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע וואָרט־פירער און טוער אין דעם שטרעבן צו אַן אייגענעם יידישן לאַנד. אָבער ליבערמאַנס נאָענטסטער מיטאַרבעטער און מיט־באַגרינדער פון דעם יידישן סאָציאַליזם, נאָואַכאָוויטש, באַקאַנט דער יידישער וועלט אונטער זיינע פּסעוודאָנימען, בן־נץ און ווינטשעווסקי, איז אויף אַ לאַנגער צייט פאַרבליבן איינער פון די העפטיקסטע קעגנער פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט. ערשט גאָר אין די עלטערע יאָרן איז ער צוגעשטאַנען צו דעם סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם און האָט שפּע־

טער דורכגעלעבט אויך אַ שאַרפע נייגונג צו דעם אידעאַל פון אַ יידישן לאַנד אין ארץ־ישראל.

די צווייטע גרופּע, — פון די אייגנטלעכע יידישע רעוואָלוציאָנערן, — איז בדרך־כלל געבליבן אויף אירע אַסימילאַטאָרישע, אַנטי־נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס, און איר האָט ווייניק וואָס געאַרט דער גורל פון אונדזער פאָלק. דער עיקר איז דאָס אמת בנוגע די אַנהענגער פון דער פּאַרטיי „דער פאָלקס־ווילן". עס איז ניט באַקאַנט קיין איין נאָמען פון אַ באַדייטנדן יידישן „נאַראָדאָוואָל", — אויך זונדעליעוויטש מאַכט ניט קיין אויסנאַם אין אַט דעם פרט, — ווער עמען די פּאָגראָמען זאָלן האָבן מטושטש געמאַכט אין זיינע אַלטע אַסימילאַטאָרישע געדאַנקען און געטריבן אים צו זוכן אַ נייעם ענטפער אויף די ספּעציעל־יידישע לעבנס־נויטן. נאָך מער: עס איז אויך אַן אומבאַשטריטענער פאַקט, אַז איניקע יידישע „נאַראָדאָוואָלן" האָבן פאַרשפּרייט צווישן דעם רוסישן פאָלק אַן אַנטי־יידישע, צו פּאָגראָמען אויפרייצנדע פּראָקלאַמאַציע.

עס איז שוין איצטער אָוועקגעשטעלט געוואָרן פעסט, אַז יענע פּראָקלאַמאַציע האָט ניט געהאַט קיין אָפיציעלן רעכט צו רעדן אין דעם נאָמען פון דער נאַראָדאָוואָלישער פּאַרטיי, ווי זי האָט עס געטאָן, און טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון דעם היסטאָריש־באַרימטן „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט". אַרויסגעלאָזן די פּראָקלאַמאַציע האָבן אָבער באַדייטנדע נאַראָדאָוואָלישע טוער, וואָס אין זייערע הענט האָט זיך צייטווייליק געפונען דער שטעמפּל. צי זיי זיינען טאַקע געווען אַנטי־סעמיטן, קאָן נאָך זיין אַ ספק: אָבער זיכער זיינען דאָס געווען רעוואָלוציאָנערן פון יענעם פאַנאַטישן מין, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די רעוואָלוציאָנערע צילן זיינען מתיר אַלע מיטלען. אין די פּאָגראָמען האָבן זיי געזען דעם אויפברויז פון דעם פאָלקס־צאָרן אַנטקעגן זיינע נאָענטסטע, אוממיטלבאַרע אויסזויגערס. זיי האָבן גערעכנט, אַז אויב אַט דער אויפברויז זאָל זיך ניט איינשטילן, וואָלט די פּאַרטיי, דורך איר אַגיטאַציע און דירעקטער באַטייליקונג אין דעם פאָלקס־קאַמף, געקאָנט פאַרוואַנדלען די לאָקאַלע אויסברוכן אַנטקעגן די קליינע עקספּלואַטאַטאָרן אין אַן אַלגעמיינעם פאָלקס־אויפשטאַנד אַנטקעגן אַלע זיינע באַדריקער און באַרויבער: אַנטקעגן פּריץ, דער קירך און דער צאַרישער געוואַלט.

און אויך די יידישע נאַראָדאָוואָלן, וואָס האָבן יענע פּראָקלאַמאַציע פאַרשפּרייט, זיינען זיכער ניט געווען קיין אַנטיסעמיטן, נאָר האָבן געהערט צו דעם זעלבן פאַנאַטיש־רעוואָלוציאָנערן מין. דער געדאַנק,

אַז יידן האָבן געדופן גויים צו פּאַגראָמירן זייערע אייגענע פאָלקס־ברידער, רופט איצטער אין אונדז אַרויס אַ שווידער; אָבער דעמאָלט איז דאָס געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך ביי יענע רעוואָלוציאָנערע יידישע פאַנאַטיקער, וואָס האָבן פאַרלאָרן יעדן חוש פאַר נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט בכלל, פאַר יידיש־נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט בפרט, און האָבן אין דעם נאַציאָנאַלן קאַמף פון „ניט־ייד״ אַנטקעגן „ייד״ געזען נאָר דעם סאָציאַלן קאַמף פון דער אַרבעטאַרישער באַפעלקערונג אַנטקעגן די „בורזשואַזע פּאַראַזיטן״.

אין אַט דער שטעלונג פון דעם דעמאָלטיקן נאַראָדאָוואָלישן רעוואָלוציאָנער צו זיין פאָלק איז דאָס געבאָרן געוואָרן די באַשולדיקונג, אַז פאַר אַלע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, — די יידישע בתוכם, — איז דאָס יידישע פאָלק נאָר גוט גענוג אויף „צו שמירן מיט זיין בלוט די רעדער פון דער רעוואָלוציע״.

אַ ביסל אַן אַנדער שטעלונג האָבן אַרויסגעוויזן אייניקע יידישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געהערט צו דער פּאַרטיי פון דעם „שוואַרצן אומטייל״ (טשאָרני פּערעדיעל). אין דער „אונטערערדישער״ אַרבעטער־צייטונג פון יענער פּאַרטיי האָט געזאָלט אָפּגעדרוקט ווערן אַ לייט־אַרטיקל, וואָס באַגריסט דעם אויסברוך פון די פּאָגראָמען און דריקט אויס די סאָלידאַריטעט פון דער פּאַרטיי מיט די פּאָגראָמשטשיקעס. אָבער דער זעצער פון דער אומלעגאַלער דרוקעריי אין דער פּראָווינץ, דער חבר געצאָוו (שפּעטער אַ אַנגעזעענע פיגור צווישן די ראַדיקאַלע קרייזן אין ניו יאָרק) האָט דעם מאַנוסקריפּט תיכף צוריקגעבראַכט קיין פּעטערבורג צום רעדאַקטאָר, האָט אויפגעוויזן אים, אַז פון די פּאָגראָמען ליידן ניט די יידישע עקספּלואַטאַטאָרן, נאָר עס ליידט די יידישע אָרעמקייט אין די שטעט, און האָט ביי אים געפּועלט, איבערצושרייבן דעם לייט־אַרטיקל אין אַ טאָן, אַ פריינטלעכן פאַר דער יידישער אָרעמקייט, וואָס ווערט אויך גענוג אויסגעזויגן פון פרעמדע און אייגענע באַדריקער. און אין דעם זעלבן גייסט פון פּראָטעסט אַנטקעגן די פּאָגראָמען האָט זיך אַרויסגעזאָגט אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס די „שוואַרץ־אומטיילערישע״ עמיגראַציע אין אויסלאַנד, די טעאָרעטישע פירער פון דער פּאַרטיי, מיט פּליעכאַנאָוו און אַקסעלראָדן בראש, האָבן דאָרטן גופא אַרויס־געלאָזט.

וועגן אַקסעלראָדן איז אונדז אויך באַקאַנט פון זיינע מעמואַרן, אַז אויף אים האָבן געמאַכט אַ דערשיטערנדיקע ווירקונג די פּאָגראָמען און אַז ער האָט זיך, אין אָנהייב, זייער ערנסט גערעכנט מיט דעם

געדאַנק פון אַ יידישער עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל. ער האָט זיך אויך אָנגעפּרעגט ביי דעם באַרימטן געאָגראַף, עליזעע רעקליו, וועגן דעם לאַנד פּאַלעסטינע. ערשט ווען רעקליו האָט אים פאַרזיכערט, אַז ארץ־ישראל איז געאָגראַפיש פאַרמשפּט צום טויט דורך אויסטריקעניש, האָט אַקסעלראָד אויפגעגעבן דעם געדאַנק און האָט זיך, ווייזט אויס, שוין מער ניט געקימערט וועגן דער יידישער פראַגע.

אַ סך נעענטער צום האַרצן האָט זיך גענומען דעם ענין אַן אַנדער פּראָמינענטער רעוואָלוציאָנער פון דער זעלבער פּאַרטיי, דער עמיגראַנט גר. גורעוויטש. ער האָט דורכגעלעבט דעם זעלבן איבערבראָך, וואָס די פּינסקערס און די ליליענבלומס. איבעררייסנדיק אין גאַנצן מיט זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, האָט ער זיך אומגעקערט קיין רוס־לאַנד, וואו ער האָט, אונטער דעם פּסעוודאָנים פון „גרשון באַדאַנעס" אָפּגעדרוקט אין דער רוסיש־יידישער חודש־שריפט „וואָסכאָד" עטלעכע אַרטיקלען, „די מעמוּאַרן פון אַן אָפּגעשפּאָלטענעם" (זאַפּיסקי אָטשע־פּיענצאַ). אין יענע אַרטיקלען, טאַלאַנטפול און טעמפּעראַמענטפול געשריבן, האָט ער מיט בייסנדיקן סאַרקאַזם אונטערגעפירט דעם סך־הכל פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט בכלל און דער רוסישער אַסימילאַציע בפרט. קיין גאַר גרויסן רושם אויף דער רעוואָלו־ציאָנערער יוגנט האָבן זיינע אַרטיקלען ניט געמאַכט שוין דערפאַר אַליין, וואָס נאָר אַ קליינער טייל אירער האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם „וואָסכאָד". אָבער אויף אָט דעם טייל אירן זיינען זיי ניט איבער־געגאַנגען אָן אַ ווירקונג, און אין זכרון איז אויך לאַנג פאַרבליבן דער „גט", וועלכן באַדאַנעס האָט, אין דעם נאָמען פון דער פּראָגרעסיווער יידישער אינטעליגענציע, געוואָרפן צו די פיס פון דער רוסישער: „נעמט אייך צוריק אייער טשערנישעווסקין און גיט אונדז אָוועק אונדזער קאַרל מאַרקסן; נאַט אייך צוריק אייער נעקראַסאָוון און שטעקט אונדז אָפּ אונדזער היינען"...

אַ שטאַלצער יידיש־נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַוואוסטזיין האָט אין גרשון באַדאַנעסעס „מעמואַרן פון אַן אָפּגעשפּאָלטענעם" פּראָקלאַמירט דעם אידייאישן באַנקראָט פון דער ראַדיקאַלער אַסימילאַטאָרישקייט. אָבער קיין פּאָזיטיוון אויסוועג און קיין פּראַקטישן יידיש־נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט האָט באַדאַנעס ניט געגעבן.

עס האָט אין יענער צייט אויסגעוויזן, פּונקט ווי עס וואָלט געהערשט אַ טיפער תהום צווישן דעם סאָציאַליזם און דעם שטרעבן

צו אַ פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער יידישער ווידערגעבורט, — אַ תּהום, וואָס קאָן אויף קיין שום אופן ניט אַריבערגעשפּרייזט ווערן. עס האָט געהייסן: „אָדער ייד און דעמאָלט — אויס רוסישער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער", „אָדער רוסישער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער און דע־מאָלט — אויס ייד".

אָט די אַלטערנאַטיווע איז אין דער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע צום ערשטן מאָל פּאָנאַנדערגעריסן געוואָרן אין אַ בראָשור פון אַ יידישן נאַראָדאָוואָל, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אונטער דעם פּסעוודאָנים: „יע. כאַסין", מיט אַ בראָשור: „אַ ייד צו יידן" („יעוורעי ק׳יעווריעיאַם"), אין וועלכער עס איז קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער סינטעז פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם און יידיש־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט אויף דעם יסוד פון אַ סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם. דער גייסט פון יענער בראָשור וואָלט געקאָנט פאָרמולירט ווערן אין די ווערטער: „ווייל — אַ ייד, דעריבער — אַ סאָציאַליסט, דעריבער — אַ רעוואָלוציאָ־נער פאַר רוסלאַנד".

די כאַסינשע בראָשור איז אַרויס אין 1892, אָבער זי איז געווען נאָר איין רינגעלע אין דער קייט פון יענער פּראָפּאַגאַנדע בעל־פּה, וואָס דער מחבר אירער האָט, זינט 1888, אָנגעפירט צווישן דער שטודירנדיקער יידישער יוגנט און דער יידישער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע אין שווייצאַריע. און אויך די פּראָפּאַגאַנדע איז געווען דער המשך פון דער אַרבעט, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן נאָך אין רוסלאַנד זינט דעם יאָר 1885, ווען ער האָט זיך געמיט צו באַשאַפן אַ יידיש־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין אָנגעשלאָסן אָן דער נאַראָדאָוואָלישער פּאַרטיי און טראָגן דעם נאָמען: „תשועת ישראל".

אייניקע דאַטן וועגן אָט די באַמיאונגען, וואָס האָבן זיך פאַר־ענדיקט מיט אַ פיאַסקאָ, זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין אַן אַרטיקל פון מ. ב. ראַטנער, אין די רוסישע זאַמל־שריפטן פון דער „יידיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי", דעם אַזוי גערופענעם „סערפּ" („סיימיסטן"), וואָס ליידער האָב איך זיי איצט ניט אונטער דער האַנט.

אַזוי ווי דער מחבר פון יענער בראָשור און דער פירער פון יענער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען דער שרייבער פון אָט די שורות, בין איך אין דער לאַגע איבערצוגעבן די וויכטיקסטע פּרטים וועגן די יסודות פון דעם יידיש־סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם, ווי ער האָט זיך אויסגעבילדעט אין דער צייט פון דער „תשועת ישראל" און ווי

איך האָב זיך געמיט צו אַנטוויקלען זיי אין דער מינדלעכער און שריפטלעכער פּראָפּאַגאַנדע ביז צו דעם יאָר 1892.

דער וויכטיקסטער יסוד פון יענעם גלות־נאַציאָנאַליזם איז זיכער געווען זיין אַבסאָלוט־נאַציאָנאַלער שטאַנדפּונקט: די אַנערקענונג, אַז מיר זיינען אַ פאָלק, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, און אַז דער פאַקט, וואָס מיר האָבן ניט קיין אייגן לאַנד, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם תוך פון דער זאַך. דער תוך פון דער זאַך אָבער איז, אַז אונדזער פאָלק דאַרף אַליין מיט זיינע אייגענע כחות אויסקעמפן יענע באַדינגונגען פאַר זיין נאַציאָנאַלן זיין, וואָס זאָלן אים געבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך פריי און זעלבסטשטענדיק, און צו פאַרווירקלעכן אין זיין לעבן די פאָדערונגען פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס בכלל, פון דעם סאָציאַליזם בפרט.

מיט אָט דעם וויכטיקסטן יסוד איז אויך געגאַנגען האַנט אין האַנט דער איינזען, אַז די אַסימילאַציע איז די ערגסטע צרה, פון וועלכער מיר ליידן. דער שאָדן אירער באַשטייט ניט אַזוי אין דעם, וואָס זי גראָבט אונטער די עקזיסטענץ גופא פון דעם פאָלק. עס איז שוין דעמאָלט פאַר מיר געווען אַ גרויסער ספק, צי די אַסימילאַציע פירט טאַקע צו דעם נאַציאָנאַלן אומקום. עס איז אָבער געווען פאַר מיר קלאָר, ווי אַ מאַטעמאַטישער אַקסיאָם, אַז זי פירט דערצו, די בעסטע פּראָגרעסיווע שאַפנדיקע כוחות פון אונדזער פאָלק זאָלן אָפּגעריסן ווערן פון איר, און אַז דאָס פאָלק זאָל, מחמת דעם גופא, אונטערפאַלן אונטער דער שליטה פון זיינע קאָנסערוואַטיווע און רעאַקציאָנערע עלעמענטן און אַז זיין לעבן זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שטענדיקן זומפּ.

אין דעם ערשטן יסוד, — דעם אַבסאָלוט־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, וואָס לאָזט ניט קיין שום דינגעניש און קאָמפּראָמיסן וועגן אונדזער אייגענעם נאַציאָנאַלן מהות, — איז גרינג צו באַמערקן די שטאַרקע השפּעה פון דעם אויפגעוואַכטן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, פון דעם איבערבראָך אין דעם געדאַנקען־גאַנג פון אונדזער אינטעליגענציע, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך פּינסקערס בראשור, אָדער, — ריכטיקער געזאָגט, — פאָרמולירט געוואָרן אין איר.

אין דעם צווייטן יסוד, דער אַבסאָלוטער אָפּלייקענונג פון דער אַסימילאַציע און, דער עיקר, דער ספּעציעלער באַגרינדונג פון יענער אָפּלייקענונג, דער פאָדערונג, אַז די יידישע אינטעליגענציע זאָל געהערן דעם יידישן פאָלק און דינען אים אין דעם ליכט פון דעם סאָציאַליס־

טישן אידעאַל, איז זיכער ניט שווער צו דערקענען די השפּעה פון יענער גייסטיקער ריכטונג, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער וועלט, מיט דער אומגעהויערער וואָג, וואָס זי האָט געלייגט אויף דער ראָליע פון דער שאַפנדיקער אינטעליגענציע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, און מיט דער באַטאָנונג פון יענעם מאָראַלישן חוב, וואָס ליגט אויף דער „קריטיש־דענקנדיקער פּערזענלעכקייט״, — דעם חוב, אָוועקצוגעבן איר לעבן אין דעם דינסט פון דעם פאָלקס פרייהייט און גליק, און דורכצודרינגען זיין לעבן מיט די העכסטע אידעאַלן פון דער מענטשהייט.

אין דעם באַנעם פון יענעם „מאָראַלישן חוב״ האָט אָבער דער יידישער גלות־נאַציאָנאַליזם געמוזט אַריינטראָגן אַ באַדייטנדע ענדערונג. אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער קאָנצעפּציע, ווי זי איז אויסגעדריקט געוואָרן אין די באַרימטע „היסטאָרישע בריוו״ פון פּיאָטר לאַווראָוו, איז יענער מאָראַלישער חוב געלעגן אויף דער אינטעליגענציע דערפאַר, וואָס זי פאַרדאַנקט איר עקזיסטענץ און איר הויכע אַנטוויקלונג דער אַרבעט פון די רוסישע פאָלקס־מאַסן און זייער געשיכטלעכן לעבן בכלל. די אינטעליגענציע לעבט אויף דעם חשבון פון די אַרבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן און דעריבער איז זי מחויב אָפּצודינען דעם פאָלק פאַר אַלץ, וואָס זי באַקומט פון אים. ווענדט איר אָן אָט דעם לאַווריסטישן געדאַנק אויף דער יידישער אינטעליגענציע, מוזט איר קומען צו דעם שלוס, אַז אויף איר קען ניט ליגן קיין אין ברעקל מאָראַלישע התחייבות בנוגע איר אייגענעם יידישן פאָלק, וואָס באַשטייט, אין זיין תוך, פון אַ הענדלערישן, ד. ה. בורזשואַזן קלאַס. סיי די יידישע אינטעליגענציע, סיי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק לעבן אויף דעם חשבון פון די רוסישע פאָלקס־מאַסן. אַזוי האָט אויפגענומען דעם ענין די יידישע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענציע. אַזוי האָבן אויפגענומען דעם ענין אויך מיין יוגנט־פריינד אַנסקי און איך. און דער עיקר, דערפאַר האָבן מיר באַוואוסטזיניק אויפגעהערט צו זיין „יידן״ און זיינען געוואָרן „רוסן״ *).

ווערט אָבער אַנערקענט דער נאַציאָנאַלער מהות פון דעם יידישן פאָלק און עס ווערט אָפּגעוואָרפן דער אידעאַל פון דער אַסימילאַציע,

*) אַנסקי איז טאַקע אונטער דעם דרוק פון יענער מאָראַלישער התחייבות אַוועקגעגאַנגען „אינעם פאָלק״, צו ווירקן, ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר זיינע קאָמו־ניסטישע אידעאַלן.

דעמאָלט דערשיינט דער מאָראַלישער חוב, וואָס ליגט אויף דער יידישער אינטעליגענציע, אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. דעמאָלט איז דאָס דער מאָראַלישער חוב ניט צום פאָלק, נאָר צו זיך אַליין, ד. ה., צו די אידעאַלן, אין וועלכע מען גלויבט, און עס איז אויך די מאָראַלישע אחריות פאַר דאָס לעבן פון דעם פאָלק, צו וועלכן מען געהערט. די מאָנער זיינען די אידעאַלן און דער „חוב" קאָן געצאָלט ווערן נאָר דורך דער אַרבעט אין דעם אייגענעם פאָלק צוליב זייער פאַרווירקלעכונג אין זיין לעבן.

דערפון פליסט ממילא אַרויס דער איינזען, אַז ווען די יסודות פון דעם פאָלקס־לעבן גייען להיפוך צו יענע אידעאַלן, ליגט די גאַנצע אחריות דערפאַר אויף די אַקסלען פון דער אינטעליגענציע, וואָס מוז אַנווענדן איר גאַנצע מי אויף איבערצוביען יענע יסודות. וואָס איז שייך אָבער דעם חוב, וואָס יידן בכלל זיינען שולדיק די רוסישע פאָלקס־מאַסן, ווערט ער ניט געלייקנט, נאָר ער קאָן באַצאָלט ווערן אַזוי, אַז פאַר דער עבר וועלן מיר „דאַרפן בעטן ביי דעם רוסישן פאָלק מחילה וסליחה"*) ; און אויף להבא זיינען מיר זיך מאָראַליש מתחייב אָפּצושאַפן דעם בורזשואַזן כאַראַקטער פון דעם יידישן לעבן, אַוועקשטעלן אים אויף די יסודות פון אַרבעטאַרישקייט, און אַזוי־אַרום אויפהערן צו פאַרמערן דעם חוב. צו דער זעלביקער צייט אָבער מוזן מיר, אינאיינעם מיט די סאָציאַליסטן פון אַלע אַנדערע פעלקער, קעמפן פאַר דער אָפּשאַפונג פון יעדער עקספּלואַטאַציע בכלל.

אויף אַזאַ אופן איז דער גרונט־געדאַנק פון דעם סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם געווען, אידייאיש גענומען, אַ פּראָדוקט פון דער נייער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער יידישער שטרעמונג פון איין זייט און פון דעם דעמאָלטיקן רוסישן עטישן סאָציאַליזם, פון דער אַנדערער. אין דעם צונויפגוס פון אָט די שטרעמונגען האָט אָבער דעמאָלט אין גאַנצן געמוזט אויסגעשיידט ווערן דער טעריטאָריאַליסטישער עלעמענט. און דאָס — ניט דערפאַר, וואָס דער יידישער טעריטאָריאַליזם האָט צופיל געשמעקט מיט „אוטאָפּיע". אָט דער ריח איז נאָך ניט געווען קיין ווידער־געררוך פאַר יענער צייט (ווי ער איז, אגב, נאָך עד היום פאַר מיר דער בעסטער „פאַרפיום"). אין יענער צייט האָט דער עטישער סאָציאַליזם זיך בכלל ניט גערעכנט מיט „מעגלעכקייטן" און מיט

*) אַזוי בפירוש געשריבן אין די „מיסלי אָב איסטאָרישעסקיק סודבאַך יעווריישטוואַ" פון יאָר 1887.

„די אײזערנע געזעצן פון דער געשיכטלעכער אַנטװיקלונג״. די פּלפּולים װעגן יענע „געזעצן״ און זײער אָנװענדונג אויף דער ייִדישער געשיכטע זײנען אויפגעקומען ערשט אַ סך שפּעטער, מיט דער אַנטװיקלונג פון דעם רוסישן מאַרקסיזם.

אין דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם עטישן סאָציאַליזם האָט דער טעריטאָריאַליסטישער עלעמענט געמוזט אָפּגעװאָרפן װערן שוין דערפאַר װאָס ער האָט זיך ניט אַרײנגעפּאַסט אין דער סאָציאַליסטישער פאָר־שטעלונג װעגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. דער אינטער־נאַציאָנאַלער סאָציאַליזם לײקנט די עקזיסטענץ פון פּאָליטישע נאַציעס, מיט פּאָליטיש־געאָגראַפישע גרענעצן, מיט דעם אײגנטומס־רעכט פון אַ פאָלק אויף „זײַן״ לאַנד. ניטאָ אין אַ מציאות אַזאַ אײגענטומס־רעכט אויף לאַנד. „לאַנד״ האָט אין דער פאַרגאַנגענהײט געהערט צו דעם, װאָס האָט עס אײנגענומען מיט געװאַלט. אין דער מעכטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט געהערט עס צו דעם, װאָס קויפט עס פאַר געלט. אין דער צוקונפט װעט עס צו קײנעם ניט „געהערן״, נאָר װעט אָװעקגעגעבן װערן אין באַנוצונגס־רעכט צו די, װאָס װעלן עס באַאַרבעטן מיט די אײגענע הענט, אויף דער גאַנצער צײַט, װאָס זײ װעלן עס באַ־אַרבעטן.

די צוקינפטיקע פאַרברידערונג פון דער מענטשהײט װעט, לפי דעם, זײַן ניט קײן פאַרברידערונג פון פּאָליטישע נאַציעס, נאָר פון פעלקער, װאָס זײערע קינדער מעגן זיך זײַן צעשאָטן איבער דער גאַנצער װעלט.

װאָס־זשע װעט דעמאָלט הײסן אַ „פאָלק״ אָדער אַ „נאַציע״? אָט דאָס, װאָס אַ פאָלק, אָדער אַ נאַציע איז איצטער און אַלעמאָל געװען. אין דעם מהות פון אַ פאָלק איז ניט אײנגעשלאָסן דער ענין „לאַנד״. אַ פאָלק איז אַלעמאָל געװען, איז איצטער און װעט אויף אײביק פאַר־בלײַבן אַ גײַסטיקער קולטור־אָרגאַניזם, װאָס פאַרענטפערט אַלע פראַגן פון דער מענטשלעכער קולטור קודם כל פאַר זיך אַלײן, װאָס איז דער אײנציקער באַלעבאָס נאָר אויף זײַן קולטורעלער באַלעבאַטישקײט, געפירט אין אַן אײגענער שפּראַך־ספערע.

„שפּראַך״ און ניט „לאַנד״, — אָט דאָס איז דער עצם פון „פאָלק״.

און אויב דר. ל. פינסקער מײנט, אַז ייִדן װערן באַטראַכט, װי אַ רעטענישדיקער רוח, װײַל זײ האָבן ניט קײן אײגן לאַנד, אַז דאָס איז די װיכטיקסטע װאָרצל פון דעם אַנטיסעמיטיזם, שטאַמט דער פאַקט אפשר דערפון, װאָס די פעלקער האָבן זיך נאָך ניט אויפגעהויבן צו

דעם פּולן קלאָרן באַוואוסטזיין פון זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן מהות.
דער עיקר אָבער: — דער פאַקט אַליין איז ניט ריכטיק. ניט דערפון שטאַמט דער אַנטיסעמיטיזם. זיין הויפּט־וואָרצל ליגט ניט אין דער פאַרשיידנקייט פון דער רעליגיע און אויך ניט אין דער יידישער לאַנד־לאָזיקייט, אין אַ טעריטאָריאַליסטישן זין פון דעם וואָרט. ער שטאַמט פון אַ גאַנץ אַנדער מין „לאַנדלאָזיקייט". ער שטאַמט פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער ראַליע, וועלכע די יידן שפּילן אין דעם איצטיקן לעבן, ווי אַן עקאָנאָמישער קלאַס, אַן אָפּגעריסענער פון „לאַנד", פון דעם „גרונד־און־באָדן", וואָס מוז דעריבער לעבן אויף דעם חשבון פון יענע פעלקער, וועלכע באַאַרבעטן די ערד. דער אַנטיסעמיטיזם קאָן דעריבער אָפּגעשאַפט ווערן ניט נאָר דורך דעם לעבן אין אַן „אייגענעם לאַנד", נאָר אויך דורך דעם לעבן אויף „אייגענער ערד", וואו די דאָזיקע ערד זאָל ניט ליגן.

דער „אַגראַריזם", דער איבערבוי פון דעם יידישן לעבן אויף די יסודות פון ערד־אַרבעט, איז, לפי דעם, געווען דער צענטראַל־פּונקט פון דעם סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם, ווי איך האָב אים פאַר־שטאַנען, און צו אָט דעם צענטראַל־פּונקט איז דער געדאַנק געטריבן געוואָרן ניט נאָר פון אַבסטראַקטע טעאָרעטישע חשבונות, אָדער דורך דעם שפּיל מיט דעם רוסישן וואָרט „זיעמליאַ", וואָס באַדייט אי אַ טעריטאָריע („רוסקאַיאַ זעמליאַ"), אי ערד, ווי אַן עקאָנאָמישע קאַטע־גאָריע („קרעסטיאַנסקאַיאַ זיעמליאַ". — געטראַכט האָב איך נאָך דעמאָלט נאָר אין רוסיש). צו דעם אַגראַריזם איז דער געדאַנק געטריבן געוואָרן דורך דער גאַנצער יידישער און ניט יידישער אַטמאָספערע, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט.

דער רוסישער אַנטיסעמיטיזם פון נאָך דער פּאָגראָם־צייט האָט זיך געדרייט ווי אַרום אַ צענטראַל־אַקס, אַרום דער ראָליע פון די יידן אין זייער האַנדל מיט דער דאָרפישער באַפעלקערונג. די אַזוי אָנ־גערופענע „מאַי־פאַראָרדענונגען" אָדער „צייטווייליקע כללים" („וורע־מיענניאַ פּראַווילאַ") פון דעם מיניסטער איגנאַטיעוו, וואָס האָט געצילט, אַרויסצוטרייבן אַלע יידן פון די דערפער, איז געווען די גרעסטע גזירה, וואָס האָט אונדז דעמאָלסט געטראָפן. יעדער פּראָגרעסיווער ייד האָט אָבער ביי זיך אין האַרצן געוואוסט, אַז יענע ראָליע אונדזערע אין די דערפער איז באמת געווען אַ שאַנד און אַ שמאַך פאַר אונדזער פאָלק. האָט דאָך אויך „דער ריב"ל" (ר' יצחק בער לעווינזאָן) געשילדערט אין אַ העברעיאישן ליד, אָפּגעדרוקט אין דעם „ילקוט ריב"ל", ווי אַזוי

אַ פויער קומט צום קרעטשמער אין שענק אַריין צו פאַרטרייבן זיינע צרות אין בראָנפן.

— „ישתה וישכח רישו!״ („זאָל ער טרינקען און פאַרגעסן זיין דלות!״) — מונטערט אים אויף דער מחבר. אָבער דער קרעטשמער טראַכט דערביי גאָר ניט „צום גראַם״ און פאַרט צום וואָרט־גראַם און קלאַנג־שפּיל:

— „ישתה, וישקע חרישו!״... (זאָל ער טרינקען און פאַרזעצן זיין אַקער־אײַזן!״...)

דער דעמאָלטיקער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך היפּאָקריטיש אָנגענומען פאַר די אינטערעסן פון דער רוסישער פּויערימשאַפט. אָבער אויך די ראַדיקאַלע, די ניט־אַנטיסעמיטישע פּרעסע, וואָס פאַר איר זיינען די אינטערעסן פון דער פּויערימשאַפט געשטאַנען אין דעם צענטער פון דעם אויפמערק, איז, מחמת דערזעלביקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער ראַליע אונדזערער, געווען ווי פאַראַליזירט אין דער פאַרטיידיקונג פון אונדזערע מענטשלעכע רעכט. נאָר מיט אַ האַלבן מויל האָט זי גערעדט אַ גוט וואָרט פאַר אונדז. און אויך אָט דאָס „גוט וואָרט״ איז דאָ באַשטאַנען אין דעם אַרגומענט, אַז ניט די יידן אַליין זיינען דאָך אַזעלכע בלוט־זויגער... פאַרטיידיגן אונדז האָבן נאָר געקאָנט די ליבע־ראַלן, די פון אונדז, סאָציאַליסטן, פאַרהאַסטע ליבעראַלן. אַזאַ שטעלונג צו אונדז וואָלט אָבער געווען אַבסאָלוט אוממעגלעך, ווען דאָס יידישע לעבן וואָלט געווען געבויט אויף דערזעלביקן אַגראַרישן יסוד, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער אַרום.

צו דעם אַגראַריזם איז דער געדאַנק געטריבן געוואָרן אויך דערפאַר, וואָס דער עטישער סאָציאַליזם אין רוסלאַנד איז אין זיך תוך געווען אַן אַגראַר־סאָציאַליזם. און ניט נאָר ביי די רוסן איז דאָס דאַרפיש לעבן געווען אַרומגערינגלט מיט דעם אַרעאָל פון אַן אידעאַל. אויך אונדזערע בעסטע קינדער נאָך פון דער השכלה־צייט, פון פאַר־די־פאָגראָמען־צייט האָבן געלעכצט נאָך דעמזעלביקן אידעאַל, וואָס האָט געפונען זיינע פאַרטיידיקער אין אַזעלכע זיילן פון דער השכלה, ווי דער ריב״ל, אין זיין „תעודה בישראל״ (פון דעם יאָר 1828), און מ. ל. לילִיענבלום, אין זיין אַרטיקל־סעריע: „לחם לרעבים״ („ברויט פאַר הונגעריקע״, פון דעם יאָר 1879). דער זעלביקער אידעאַל איז אויך אויפגענומען געוואָרן, ווי מיר האָבן דאָס שוין דערמאָנט, אין דעם „פּרטי־כל („פּראַטאָקאָל״) פון דעם קאַטאָוויצער צונויפפאָר און איז אָפּגעקלונגען אין דער „סאָכע־ליד״ אויף דער יידישער גאַס.

עס זיינען אָבער געווען אויך נאָך אַנדערע מאָטיוון, וואָס האָבן געפירט צו דעם זעלביקן אַגראַריסטישן ענטפער אויף דער יידישער פראַגע.

געוויס, זיינען מיר ניט קיין פאָלק פון „בלוטזויגער״, ווי דאָס גלויבט דער גאַנצער ניט־יידישער אַרום. געוויס, באַשטייט אונדזער פאָלק, דער עיקר, פון אַן אָרעמער, אויסגעזויגטער, דערשלאָגענער מאַסע, וואָס קאָן קוים מיט צרות זיך דורכשלאָגן מיט דער חיונה פון טאָג צו טאָג. אָבער זי איז צונויפגעפּראָפּט אין די פאַרוואָרפענע שטעטלעך און אין די עיפּושדיקע גאסן פון די שטעט. ווער קוקט אויף איר? ווער זעט זי? ערשט דאָס אָפענע יידישע אַרבעטער־לעבן אויף דעם אָפענעם לאַנד וואָלט געעפנט די אויגן פון אַלע ערלעכע מענטשן אויף אונדזער אמתן מהות.

אַזאַ אָפענער אַרבעטאַרישער לעבן אויף דעם אָפענעם לאַנד וואָלט אָבער אויך צוגעצויגן צו זיך דעם אויפמערק פון אונדזער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע. זי וואָלט שוין דעמאָלט נישט געדאַרפט לויפן אין דער פרעמד צו זוכן אַ באַדן פאַר איר סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. די יידישע סאָציאַליסטן וואָלטן דעם באָדן געהאַט אין דער אייגענער יידישער היים, אויף דער אייגענער יידישער ערד. און דאָס יידישע דאָרפישע לעבן וואָלט אויך געווען אַ גוטע שמירה אַנטקעגן די פּאָגראָמען. נישקשה! דער דאָרפישער מוסקל־ייִד וועט שוין וויסן, ווי אַזוי צו האַלטן די פיינט פון אונדזער פאָלק אויף אַ חשובן מהלך פון זיין לייב, פון זיין האָב־און־גוטס.

אויף אַזאַ אופן, נייטיקט זיך ניט די ווידערבאַלעבונג פון דעם יידישן פאָלק אין אַ וועלכער־עס־איז טעריטאָריע. דער טעריטאָריאַליזם איז ניט נאָר איבעריק, ער איז אויך שעדלעך. ער מוז אַרויסרופן אַנטקעגן זיך דעם העפטיקסטן קאַמף פאַר יענע שטריכן זיינע, וועלכע ער האָט אָנגענומען אין דעםווירקלעכן לעבן.

צו יענער צייט האָט זיך שוין דער טעריטאָריאַליזם אויסגעקריס־טאַליזירט אין אַ „חובבי־ציון״־באַוועגונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט גערופן „די פּאַלעסטינאָפילישע״. דאָס פּאַלעסטינאָפילנטום האָט באַ־קומען אַן אָרגאַניזירטן כאַראַקטער אויף דעם קאַטאָוויצער צונויפפאָר, און שוין באַלד נאָך יענעם שריט האָט די פּאַלעסטינאָפיליע גענומען אַרויסווייזן בוילעטע שטריכן פון אַ ריין רעאַקציאָנערן כאַראַקטער: קודם כל אין איר בונד מיט דער אָרטאָדאָקסיע.

די באַוועגונג, וואָס האָט פּראָקלאַמירט דעם ריין וועלטלעכן מהות

פון אונדזער נאַציאָנאַלן זיין, וואָס האָט מיט זיך אָנגעהויבן דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן פּעריאָד פון אונדזער געשיכטלעכן לעבן, האָט תיכף ביי די ערשטע שריט אירע אין דער ווירקלעכקייט בפני כל עם ועדה צונויפגעוויקלט איר ריין־פּראָגרעסיווע פּאָן און האָט געגומען קאָקעטירן מיט דער פרום־נאַציאָנאַלער יידנשאַפט.

שוין אין יאָר 1883 האָט מ. ל. ליליענבלום, דער „יידישער פּיסאַריעוו״, געגומען אין זיינע אַרטיקלען „הלאומיים ומתנגדיהם״ („די נאַציאָנאַליסטן און זייערע קעגנער״) פאָדערן אַן ענגן צונויפשלוס מיט דער יידישער רעליגיעזער מאַסע און אַ שלום מיטן יידישן רעליגיעזן גלויבן. ליליענבלום האָט געפילט, אַז אָט די ראַליע זיינע וועט אַרויסרופן אַ פאַרוואונדערונג ביי זיינע לייענער. „הגם אתה, מחבר ספר פלוני, במחזיקי הדת?״ — וועט מען פרעגן ביי אים („ביסט שוין אויך דו, דער מחבר פון יענעם ספר״, — געמיינט איז דאָ זיין העכסט „אַפּיקורסישער״ „חטאת נעורים״, — „געהערסט צו דער קעמפנדיקער אָרטאָדאָקסיע?״). ענטפערט דערויף ליליענבלום: געוויס, ווייסט ער, אַז „טוב יהודי בלי זקן, מזקן בלי יהודי״ („בעסער אַ ייד אָן אַ באָרד, איידער אַ באָרד אָן אַ יידן״, — אַ יידיש פאָלקס־ווערטל). אָבער... און אָט דער „אָבער״ האָט זיך גענומען אַלץ מער און מער פאַנאַנדערוואַקסן אין דער פּאַלעסטינאָפילער אידעאָלאָגיע אַזוי, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום, אין יאָר 1885, האָט דער זעלביקער מי שהיה ראַדיקאַלער פירער פון דער העברייאיש־לייענענדיקער יוגנט, זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם גלויבן אין דעם מענטשלעכן פּראָגרעס בכלל. געשריבן איז עס אין דער רוסישער זאַמל־שריפט: „פּאַלעסטינאַ״, וואו ליליענבלום האָט דערקלערט: „עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי פּראָגרעס. אין דער אמתן איז נאָר דאָ די צייט און דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ״.

און וואָס ווייטער, איז אַלץ בולטער אַרויסגעטראָטן דער כאַראַקטער פון דער פּאַלעסטינאָפילישער באַוועגונג, ווי פון אַ קראַפט, וואָס באַקעמפט דעם יידישן רעוואָלוציאָנער, וואָס זעט אין די הערצער דעם האַס צום רוסישן פאָלק און צו רוסלאַנד, וואָס פלאַנצט־איין דעם פינצטערן יידיש־נאַציאָנאַלן שאָוויניזם און וואָס ציט־אָפּ דעם פאָלקס־אויפמערק פון זיינע ווירקלעכע לעבנס־נויטן אין דער רוסישער היים.

דער סאָציאַליסטישער גלות־נאַציאָנאַליזם האָט דעריבער געמוזט באַטראַכטן פאַר זיין מאָראַלישן חוב אַרויסצוטרעטן מיט דער העפטיקסטער פּאָלעמיק, סיי בעל־פה, סיי בכתב, אַנטקעגן אָט דער ריין־

רעאַקציאָנערער באַוועגונג. ער האָט אַריבערגענומען פון פּינסקערן דאָס, וואָס איז באמת געווען פּראָגרעסיוו אין זיין געדאַנקען־גאַנג: די אָנערקענונג פון דעם יידישן פאָלק, ווי אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע איינהייט: דעם קאַמף אַנטקעגן אַסימילאַציע: די נויטווענדיקייט אי־בערצובויען אונדזער לעבן אויף אַרבעטאַרישע יסודות, וואָס זאָלן מעג־לעך מאַכן די פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע, ד. ה. ריין „וועלטלעכע" „ווי־דערגעבורט". אָבער אַנשטאָט צו זען אין אַן אייגענעם לאַנד, אין דעם „טעריטאָריאַליזם", יענעם פּרינציפּ, וואָס דאַרף פאַרבייטן די רעליגיע, ווי אַ באַהעפטיקנדיקע, נאַציאָנאַל־צונויפגעהאַלטנדיקע קראַפט, האָט דער סאָציאַליסטישער גלות־נאַציאָנאַליזם דערבליקט אין אים דעם „אבי אבות הטומאה" פון דער רעאַקציע און האָט, אין אַ באַוואוסט־זיניקן שאַרפן היפּוך צו אים, געפּרעדיקט, אַז די פּראָגרעסיוו־נאַציאָ־נאַלע ווידערגעבורט זאָל אָנגעשטרעבט ווערן אין די גלות־לענדער אויף די יסודות פון ערד־אַרבעט, ווי אויף דעם עקאָנאָמישן באַזיס פון דעם יידישן לעבן, און פון אַן אייגענער קולטור אין אַן אייגענער שפּראַך, ווי דעם באַדינג פאַר זיין גייסטיקער זעלבסטשטענדיקייט. די נשמה אָבער, וואָס דאַרף באַלעבן דעם פּראָצעס פון דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, דאַרף זיין דער סאָציאַליסטישער אידעאַל. און דער פּראַקטישער אויספיר פון אָט דעם געדאַנקען־גאַנג איז געווען די פאָדערונג, אויסצובויען אַן אייגענע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע יידי־שע באַוועגונג וואָס זאָל נעמען אַן אָנטייל אין דער רוסישער רעוואָ־לוציע אונטער דער אייגענער יידישער פאָן, אין דעם נאָמען פון די אייגענע נאַציאָנאַל־יידישע אינטערעסן.

אין אָט דער פאָדערונג איז אויך אויסגעקלונגען געוואָרן די כאַסינשע בראָשור פון דעם יאָר 1892. זי הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „דאָס גאַנצע לעבן פון דעם יידישן פאָלק שטימט ניט צונויף מיט דעם אידעאַל פון פיזישער, גייסטיקער און מאָראַלישער געזונטקייט". זי שטעלט זיך איין פאַר „די פּרינציפּן פון דער פאָלקאָמענסטער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס זיינען שוין אין אַ ווייכטיקער מאָס דורכ־געפירט, צ. ב., אין שווייצאַריע און אין בעלגיע". זי פאַרזיכערט צום סוף, אַז „די יידישע אינטעליגענציע וועט זיך אומקערן צו איר פאָלק, ווי נאָר זי וועט געפינען אין אים אַ דאַנקבאַרן באָדן פאַר דער פאַר־שפּרייטונג פון סאָציאַליסטישע אידעאַלן", און זי שליסט־אָפּ מיט אָט־וועלכע שורות:

„אונדזער פאָלק האָט שוין אַרויסגעשטעלט אַ צאָל מאַרטירער־

העלדן, וואָס זיינען געפאַלן ווי אַ קרבן אויף דעם מזבח פון אונדזער מוטערלאַנד. זאָל אונדזער פאָלק ניט אויפהערן אַרויסצובערנגען זיינע קאָהאָן־בערנשטיינס און העלפמאַנס, זיינע האוסמאַנס און גינצבורגס ניט נאָר צוליב דער באַפרייאונג פון אונדזער אַלעמענס מוטער־היים רוסלאַנד, נאָר אויך צוליב דער ווידערבאַלעבונג פון דעם אייגענעם פאָלק״.

דער סאָציאַליסטישער גלות־נאַציאָנאַליזם האָט, זינט דער גרינדונג פונעם „בונד״, אין 1897, געגומען שפּילן אַ זייער באַדייטנדיקע און חשובע ראָליע אין דער יידישער געשיכטע פון אונדזער צייט. ער האָט אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע טעאָרעטיקער און פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען, וואָס האָבן אויפגענומען די זעלביקע פּראָבלעמען פון אַנדערע קוק־ווינקלען, און האָבן אַרויסגעבראַכט היפּש אַנדערע אָריענטאַציעס אין דעם יידישן לעבן. אַלע אָרגאַניזאַציעס, אַ חוץ דעם „בונד״, האָבן אים אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן אָדער מיט דעם ציוניזם (די „פּועלי־ציון״), אָדער מיט דעם ריינעם טערי־טאָריאַליזם (די „ציוניסטן־סאָציאַליסטן״ און די „סיימיסטן״) בשותפות פאַר אַלע ריכטונגען און אויסגעשטאַלטונגען זיינע איז אָבער געבליבן זיין גרונט־טענדענץ: דער קאַמף אין די גלות־לענדער פאַר די אָדער יענע נאַציאָנאַל־יידישע אינטערעסן אין דעם ליכט פון דעם סאָציאַ־ליסטישן אידעאַל, אויף דעם שטרענגסטן יסוד פון וועלטלעכקייט און אַרבעטאָרישקייט. אַלע יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן אויך גע־נומען אַן אַנטייל אין דער אַלגעמיין־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אונטער אַן אייגענער נאַציאָנאַל־יידישער פאָן.

אין דעם לאָגישן היסטאָרישן צונויפבונד מיט די איבעריקע מאָ־דערנע יידישע פּראָבלעמען, שטעלט דער סאָציאַליסטישער גלות־נאַציאָנאַליזם מיט זיך פאָר, לפי זה, דעם צווייטן ענטפער אויף דער פראַגע: אויף וועלכן וועלטלעכן, פּראָגרעסיוון יסוד זאָל זיך בויען די דערהאַלטונג און די אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק? אין זיין ערשטער אויסגעשטאַלטונג, וועלכע מיר האָבן דאָ געפּרוּווט אָנוואַרפן אין די וויכטיקסטע שטריכן, איז ער געווען דיאַמעטראַל אַנטקעגנ־געשטעלט אַנטקעגן דעם ערשטן ענטפער אויף דער זעלביקער שאלה, דעם ריינעם טעריטאָריאַליזם. אָבער כמעט איינצייטיק מיט דיביידע ענטפערס, האָט דער יידישער געדאַנק אַרויסגעבראַכט נאָך אַ דריטן ענטפער אויף איר, וואָס איז אַ מין סינטעז פון די ערשטע צווי. מיר האָבן דאָ אין זינען די טעאָריע פון דעם „קולטור־צענטער״, אָדער דעם אַזוי־גערופענעם „אחד־העמיזם״.

## ג. דער אַחד־העמיזם

אחד העם געהערט בלי ספק צו יענע גייסטער, מיט וועלכע אונדזער פאָלק קאָן באמת שטאָלצירן. לויט דעם מהות און דער אַרט פון זיין שאַפן, וואָלט ער זיכער פאַרנומען אַ זייער חשובן אָרט אין יעדער מאָדערנער גייסטיקער וועלט. אַ שטאַרקער, קלאָרער טעאָרעטישער שכל; אַ בר־דעתדיקער פאַרשטאַנד אָפּצושאַצן קאָנקרעטע באַדינגונגען פון דעם לעבן; הויכע צילן, אויף וועלכע עס קאָנצענטרירט זיך זיין גייסטיקע ענערגיע; אַ תמימותדיקער ערנסט אין באַהאַנדלען די וויכטיקסטע ענינים, אין וועלכע ער איז פאַראינטערעסירט, — דאָס זיינען די גרונט־שטריכן, וואָס צייכענען אויס אַחד־העמס שאַפן.

אויפגעצויגן אין אַ פרום־נאַציאָנאַלער חסידישער סביבה, אַריינגעזאַפּט אין זיך די „חקירה"־ספרים פון אונדזער אַלטער וועלט, פרי באַקאַנט געוואָרן מיט די שטרעבונגען און דערגרייכונגען פון אונדזער השכלה־פעריאָד, איז אחד־העמס גייסט אַריינגעטראָטן אין דער וועלט פון דעם מאָדערנעם אייראָפּייאישן געדאַנק ניט ווי אַ בלאָט פּאַפּיר, פון וועלכן עס לאָזט זיך אַלץ אויסמעקן און אויף וועלכן עס לאָזט זיך אַלץ אָנשרייבן, נאָר ווי אַן איינגעשטעלטער שאַפנדיקער אָרגאַניזם, וואָס לאָזט זיך ניט אַסימילירן פון דער נייער געדאַנקען־ספערע, נאָר וואָס אַסימילירט אין זיך יענע עלעמענטן אירע, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו זיינע גייסטיקע באַדערפענישן.

איז שוין דאָ ביי אונדז אַ גרויסע ביאָגראַפישע אַרבעט וועגן אחד העמען, וואָס זאָל אַנאַליזירן און כאַראַקטעריזירן אַלע גייסטיקע ווירקונגען פון דער יידישער און ניט־יידישער וועלט, ווי זיי האָבן זיך אייגנאַרטיק איבערגעאַרבעט אין אחד העמס גייסט? וועלכע אַלגעמיין־מענטשלעכע פראַגן, — אַ חוץ יידישע, — האָבן באַזונדערס געצויגן צו זיך זיין אויפמערק און אינטערעס? — מיר איז, לײדער, אַזאַ אַרבעט ניט באַקאַנט. אין יידיש איז זי זיכער ניט פאַראַנען. אָבער אויך אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר אַ רעכט צו דערוואַרטן אַ גרינדלעכע שטודיע וועגן איינעם פון אונדזערע באַדייטנדיקסטע גייסטיקע פירער, וואָס האָט געגעבן זיינע אָנהענגער אַן ערנסטע פילאָסאָפישע באַגרינדונג און באַלייכטונג פון דעם מאָדערנעם יידישן נאַציאָנאַליזם.

פאַר די צילן פון אונדזער אַרבעט קאָנען מיר זיך אָבער באַנוגענען

מיט אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן אחד העמס אַלגעמיין־טעאָרעטישן געדאַנקען־גאַנג.

לייענען מיר אחד העמס שריפטן, וואַרפט זיך אין די אויגן, ווי ווייניק אחד העם איז באַווירקט געוואָרן פון דער רוסישער גייסטיקער ספערע, מיט אירע רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע טענדענצן, מיט אירע פּיסאַרעווס און טשערנישעווסקיס, — ווירקונגען, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ ראָליע ביי זיין בר־פּלוגתא, מ. ל. ליליענבלומען, ווי אויך ביי אַנדערע ראַדיקאַלע משכילים פון דעם פריער־דיקן דור. אַנשטאָט דער רוסישער השפּעה טרעטן אונדז אַנטקעגן די ווירקונגען פון דער ענגלישער פּאָזיטיווער פילאָסאָפיע, מיט אירע באַקלס און ספּענסערס, און פון דער אַנדער זייט — די ווירקונגען פון דער דייטשער מעטאַפיזיק.

פון דער ענגלישער געדאַנקען־וועלט זעצט זיך אָפּ אין אחד העמס גייסט דער גלויבן אין דער אַלוועלטלעכער עוואָלוציע און אין דעם אַלמענטשלעכן פּראָגרעס. די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריעל־קאָמערציעלער ציוויליזאַציע, מיט דעם אומגעהויערן וואוקס פון טעכניק און וויסנשאַפט, די אויסגעבונדנקייט פון אַלע פעלקער אין אַן אינטער־נאַציאָנאַלער ספערע, אַ דאַנק דער עקאָנאָמישער און גייסטיקער דער־נעענטערונג זייערע; די באַפרייאונג פון די מיטלאַלטערלעכע אָבער־גלויבנס און די איינשטעלונג פון אַ פרידלעכן צונויפלעבן זיך צווישן מענטש און מענטש, — אָט די „אני־מאמינס" פון דעם ענגלישן פּאָזיטיוויזם, וואָס האָט באַהערשט גאַנץ אייראָפּע, גייען אַריין אויך אין אחד־העמס פליש און בלוט.

די איינזייטיקייטן פון דעם ענגלישן פּאָזיטיוויזם ווערן אָבער ביי אחד־העמען אויסגעבאַלאַנסירט דורך זייער היפּוך, דורך דעם מעטאַ־פיזישן גייסט פון די דייטשן. צוויי ווירקונגען זיינע טרעטן באַזונדערס בולעט אַרויס אין אחד העמס שאַפונגען. דאָס איז ערשטנס די אומ־געהויערע ראָליע פון דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג: דער פיכטע־העגעלשער געדאַנק, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פון די איינצעלנע פעלקער און אַז יעדעס פאָלק שטעלט מיט זיך פאָר די פאַרקערפּערונג פון אַ באַזונדער פאָלקס־גייסט.

עס איז מיר ניט קלאָר, ווי אחד העם האָט פאַרשטאַנען די איינ־הייטלעכקייט פון דער מענטשלעכער געשיכטע: ווי אַ פאַנאַנדערגיין זיך פון דעם אַלגעמיינעם „גייסט" אין איינצעלנע פאָלקס־גייסטער, — כנוסח פיכטע און העגעל, — אָדער ווי אַ צונויפשטראָם און אַן אויפ־

אַנאַנדערוווירקונג פון די באַזונדערע גייסטיקע שטרעבונגען ביי די איינצעלנע פעלקער. דער לעצטער נוסח פאַסט זיך בעסער אַריין אין אחד העמס פּאָזיטיוויזם.

אָט דער בליק אויף דער ראָליע פון איינצעלנע פעלקער אין דער געשיכטע גיסט זיך אָבער ביי אחד העמען צונויף מיט דער השפּעה פון נאָך אַ דייטשן מעטאַפיזישן דענקער, וואָס איז דוקא געווען אַן אַנטי־נאַציאָנאַליסט, אַן אויסגעשפּראָכענער קאָסמאָפּאָליט. מיר מיינען דאָ פרידריך ניטצשען.

עס איז מיר,ליידער, אומבאַקאַנט, וואָס אַזוינס אחד העם האָט געוואוסט דירעקט פון ניטצשען און ווי ער האָט זיך סוביעקטיוו געשטעלט צו די איינצעלנע עלעמענטן פון דער ניטצשעאַנישער גע־דאַנקען־וועלט. על פּי סברה, האָט אחד העם געמוזט זיך פילן מער אָפּגעשטויסן פון איר, איידער צוגעצויגן צו איר. אָבער אָביעקטיוו גענומען האָבן מיר אַ רעכט צו באַטראַכטן אחד העמען, ווי אַ ניט־צשעאַנער אין גאָר אַ געהויבענעם זין.

רעדט מען וועגן דעם ניטצשעאַניזם, האָט מען געוויינטלעך אין אויג דעם וואולגאַרן ניטצשעאַניזם, דעם פּאַנאַנדערגעטרומייטערטן פון יענע פּיקסלעך, וואָס האָבן זיך געשפּייזט אין ניטצשעס ווייגאַרטן: זיין קאַמף אַנטקעגן דער „מאָראַל", אַנטקעגן קאַנטס „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו", זיין רוף צו לעבן „פון יענער זייט טוב און רע". אָבער גראָד אין זיין אַנטי־מאָראַליזם אָדער זיין אַ־מאָראַליזם אין ניטצשע געווען אי ניט באַזונדערס אָריגינעל, אי גאָר ניט קאָנסעקווענט *).

אין ניטצשעס „איבערשאַצונג פון די ווערטן" („שינוי ערכין" אין העברייאיש) איז עצמדיק און וויכטיק ניט דער אַמאָראַליזם, נאָר דער גרויסער קולטור־פילאָסאָפישער שוואונג; די איבערשאַצונג פון דעם מהות מענטש גופא, ווי דעם באַשאַפער און דעם טרעגער און דער מענטשלעכער קולטור; די פאָדערונג „גובר צו זיין" („איבערווינדן") דעם איצטיקן מענטשן, כדי אויסצובילדן דעם „אויבער־מענטשן", וואָס זאָל שטיין, אַן אָפּגעקליבענער, העכער פאַר די „פילע, צופיל פילע" מענטשן, ווי דער מענטש שטייט העכער פאַר דער מאַלפּע.

אין אחד העמס נאַציאָנאַלן איינשטעל ווערט דער ניטצשעאַנישער

---

*) זע וועגן דעם מיין בראַשור: „פרידריך ניטצשע", וואו עס ווערט געפּרואווט צו באַווייזן, אַז אָט דער שטורעמער אַנטקעגן קאַנטן איז אין איר תוך געווען אַן אויסגעבורט פון אַ זיווג פון קאַנטס „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו" מיט... דער „פּוילישער מאַזורקאַ".

„מענטש־פּראָבלעם״ פאַרבונדן מיט דעם „פאָלק פּראָבלעם״. עס ווערט דערביי געלייגט די וואָג ניט אויף דער איבערשאַצונג פון איינצעלנע קולטור־דערשיינונגען, נאָר פון גאַנצע קולטור־ספּערעס, אַרויסגעבראַכטע פון די פאַרשיידענע פעלקער, די איינטיילונג זייערע אין קולטור־ספּערעס, וואָס שפּרייטן זיך אין דער ברייט, — ווי די פון שווייצאַריע און אַמעריקע, — און קולטור־ספּערעס, וואָס ציען זיך אין דער הייך, — ווי די פון דעם יידישן פאָלק. אחד העם לייגט דעם איבערוואָג אויף דער שאָל פון קוואַליטעט לגבי קוואַנטיטעט, פון דער קולטור אין דער הייך לגבי דער קולטור אין דער ברייט *).

אָבער נאָך וויכטיקער איז אחד העמס „איבערשעצונג״ פון ניט־צשעס באַגריף וועגן דעם אויבער־מענטש.

פאַר ניטצשען איז דער אויבער־מענטש אַ העכערער ראַסן־מין, וואָס האָט זיך אינגאַנצן באַפרייט פון דעם מאָראַלישן לעבנס־בליק אין דער איינטיילונג אין „טוב״ און „רע״. יענע עטישע אייגנשאַפטן, וואָס באַצויבערן אונדז אין דעם אידעאַל פון אַ מאָראַלישן לעבן, — גוטסקייט, ליבע, מסירת־נפש פאַר דעם כלל, — פליסן אַרויס פון דעם ניטצשעאַנישן אויבער־מענטשן פריי און אומגעצוואונגען, ווי אַ ריין נאַטירלעכער אַריבערגאַס פון אַ באַזונדערס רייכער, נשמהדיק־רייכער נאַטור־קראַפט.

אחד העם איז אין אַט דעם פּרט דער פולער היפוך פון ניטצשען. ניט צו דעם אַ־מאָראַלישן אויבער־מענטשן שטרעבט ער, נאָר דוקא צו דעם מאָראַלישן, פאַר וועמען דער ענין פון „טוב״ און „רע״ זאָל זיין די צענטראַל־אַקס פון דעם גאַנצן נשמה־לעבן. און די אויבער־מענטשלעכקייט זאָל באַשטיין אין דער איבער־מענטשלעכער גבורה, זיך באַוואוסטזיניק צו צווינגען אין דעם דינסט פון „טוב״. אַט דער מאָראַלישער אויבער־מענטש דאַרף ווערן דער פאַרקערפּער פון יענעם גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם, וואָס ניטצשע האָט אַוועקגעשטעלט ווי אַ קולטור־פּראָבלעם פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אָבער גראָד אַט דער עטיש־גייסטיקער אַריסטאָקראַטיזם, — די אויבערמאַכט פון געלויטערטער, זעלבסט־דיסציפּלינירטער רוחניות איבער דער בלינדער, גשמיותדיקער נאַטור־קראַפט אין וועלט־אַל און מענטשהייט, — גראָד דאָס איז לויט יידישער קולטור־ספּערע, וואָס ציט

*) זאָל מען אפשר אין אַט דעם געדאַנקען־גאַנג זען די השפעה פון מיכאַי־לאָווסקין, מיט זיין שיטה פון „טיפּן און מדריגות אין דעם מענטשלעכן פּראָגרעס ?״

זיך אין דער הייך. גראָד דאָס איז דער גייסט פון דעם יידישן פאָלק, אויסגעדריקט אין זיינע בעסטע שאַפונגען. גראָד דאָס איז די מיסיע, די ראָליע און דער דרך פון דעם יידישן פאָלק אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור.

„לא בחיל כי־אם ברוח" — „ניט מיט געוואַלט נאָר מיט גייסט" — איז דער יידישער לאָזונג ניט נאָר אין זיין רעליגיעזן וועלט־באַנעם, ניט נאָר אין זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן, נאָר אין אַלע פּראָבלעמען פון אַ געזעלשאַפטלעכן, פון אַ נאַציאָנאַלן, פון אַ מענטשלעכן לעבן בכלל.

אונדזער איצטיקע אויפגאַבע איז צו באַשאַפן פאַר אונדזער פאָלק אַזעלכע לעבנס־באַדינגונגען, אין וועלכע ער זאָל ניט קאָנען אַראָפּ־געשלאָגן ווערן פון זיין אייגענעם דרך; אין וועלכע זיין גייסט, — דער גייסט פון רוחניותדיקן, רייך עטישן אַריסטאָקראַטיזם, — זאָל ניט פאַרטונקלט ווערן פון דעם גייסטיק־פרעמדן אַרום, זאָל ניט פאַרשקלאַפט ווערן צו אים, ווי דאָס איז געשען אין דעם פעריאָד פון דער אַסימי־לאַציע.

אָט דאָס איז — אין די אַלגעמיינסטע שטריכן — געוועזן אחד־העמס צוטריט צו דעם פּראָבלעם פון דער יידישער באַפרייאונג. פון אַ ריין מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט געזען, קאָן זיין גדאַנקען־גאַנג זיכער געשטעמפּלט ווערן, ווי אַ בורזשואַזער. אחד־העם האָט טאַקע אויך געהערט אינגאַנצן צו דער יידישער בורזשואַזיע, און איז אין סאָציאַלע פראַגן געבליבן טריי צו איר שטאַנדפּונקט. כמעט אין אַלע פּרטים, — סיי טעאָרעטישע, סיי פּראַקטישע — איז דער אחד־העמיזם דער שאַרפ־סטער היפּוך פון דעם סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם, וועמעס נשמה עס איז דער דעמאָקראַטיזם און דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער צוגאַנג צו נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. דער סאָציאַליסטישער גלות־נאַציאָנאַליזם מוז טאַקע אויפן ביטערסטן אופן באַקעמפן אין לעבן די ריין בורזשואַזע עלעמענטן אין דעם אחד־העמיזם. אָבער אַפילו דער פאַנאַטישסטער גלות־נאַציאָנאַליסט און סאָציאַליסט טאָר ניט פאַר־געסן דעם חוב פון יראת־הכבוד, וואָס קומט אחד־העמען, פאַר זיין גייסטיקער גרויס, פאַר דער איבערגעבנקייט צו די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַל־יידישער ווידערגעבורט, פאַר זיין ערלעכן און טרייען דינען דעם אידעאַל, ווי ער האָט אים פאַרשטאַנען, און פאַר זיין מוטיקן קאַמף צוליב זיין פאַרווירקלעכונג אין לעבן.

איבערגייענדיק צו אָט דעם אחד העמיסטישן אידעאַל פון דער נאַציאָנאַל־יידישער ווידערגעבורט, מוזן מיר באַמערקן, אַז גראָד אַ

דאַנק דעם אויבן סקיצירטן אַלגעמיין־טעאָרעטישן צוטריט זיינעם, האָט זיך אחד העמען איינגעגעבן אויסצואַרבעטן אַן ענטפער אויף אונדזער דריטן פּראָבלעם, — אַן ענטפער, אין וועלכן עס קלינגען שטימען פון אַלע פריערדיקע פעריאָדן און עטאַפּן פון דעם יידישן געדאַנק.

דער אחד־העמיזם איז אַ סינטעז, וואָס איז — וויניקסטנס פון דער פאָרמאַלער זייט זיינער — גלענצנדיק. כולל אין זיך עלעמענטן פון דער פרום־נאַציאָנאַלער יידישקייט, פון דעם אַסימילאַטאָריש־פּראָגרעסיוון פעריאָד, פון דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, פון דעם טעריטאָריאַליסטישן און גלות־נאַציאָנאַליסטישן ענטפער אויף אירע פּראָבלעמען.

אינאיינעם מיט דער אַלטער יידישקייט האַלט אויך אחד העם, אַז אונדזער פאָלק איז אַ גייסטיק־נאַציאָנאַלע איינס און אַז דער ניט־אָפּצוטיילנדיקער אַטריבוט פון אָט דער איינס באַשטייט אין אַ באַשטימטער גייסטיקער ריכטונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „יידנטום״ — „יהדות״.

פון דעם אַנטי־נאַציאָנאַלן פּראָגרעסיוון פעריאָד נעמט אחד העם אַריבער אַ היפּש ביסל עלעמענטן. קודם כל — די פאַרוועלטלעכונג, און דעם פרייען געדאַנק. אָבער די אחד־העמיסטישע פאַרוועלטלעכונג גייט ניט נאָר אויף דעם נאַציאָנאַלן זיין, דעם יידישן, נאָר אויך אויף זיין גייסטיקער זייט — דער „יהדות״. פריי פון יעדער אַרויפגעצוואונגענער דאָגמע, זאָל זיך דאָס יידישע פאָלק קאָנען אויסלעבן אין זיין אייגענער, ריין יודאַאיסטישער קולטור־ספערע, וואָס דאַרף זיך אַנטוויקלען לויט דעם גייסטיקן מעמד פון דער צייט און לויט די טיף־איינגעוואָרצלטע, ריין יידישע כאַראַקטער־שטריכן פון דעם יידישן שאַפנדיקן גייסט.

פון דעמזעלביקן פעריאָד נעמט ער אַריבער דעם גלויבן אין דעם אַל־מענטשלעכן פּראָגרעס און דעם שטרעבן צו דער בירגערלעכער עמאַנסיפּאַציע אין די גלות־לענדער. דאָס פירט אים צו במעט דערזעלביקער שטעלונג בנוגע דעם פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם, וועלכע האָט געהערשט אין דער השכלה־צייט. דער אַנטיסעמיטיזם איז, אין זיין תוך, אַן איבערבלייבס פון דעם מיטל־אַלטער. ער לעבט נאָך, אַ דאַנק דער הערשאַפט פון אַבערגלויבערישע באַשולדיקונגען אַנטקעגן אונדז. דער גאַנג פון דעם פּראָגרעס וועט אָבער פאַרטרייבן אָט די אַלע אַבערגלויבנס. די פּראָגרעסיווע מענטשהייט האָט שוין איינגעזען, צ. ב., די טאָטאַלע פאַלשקייט פון „עלילת דם״. זי וועט אויך איינזען די וויסט־

קייט און נאַרישקייט פון אַלע אַנדערע אַבערגלויבנס בנוגע אונדזער פאָלק.

לפי דעם, האָבן מיר גאָר נישט אַזוי שטאַרק צו מאַטערן זיך אויף דער יידנפראַגע, דער „שאלת־היהודים״. די יידנפראַגע, די פראַגע פון אונדזערע מענטשלעכע רעכט, איז אַ ריין־מענטשלעכע פראַגע און וועט פאַרענטפערט ווערן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע.

אונדז דאַרף אין דער ערשטער ליניע אינטערעסירן ניט די יידנ־פראַגע, נאָר די יידנטום־פראַגע, די שאלת היהדות, די שאלה וועגן יענער גייסטיקער אייגנאַרט אונדזערער, וועגן דעם נשמה־לעבן פון אונדזער פאָלק, וואָס האָט אונדז ביזאהער אויפגעהאַלטן, ווי אַ באַזונדער פאָלק, און וואָס גיט אונדז די באַרעכטיקונג צו אַ באַזונדער אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

אין אָט דער שטעלונג אחד העמס הייבן ערשט אָן צו קלינגען די שטימען פון דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן פעריאָד, מיט זיין אידעאַל פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט און זיין קאַמף אַנטקעגן דער אַסימי־לאַציע. דעם ענין פון אַסימילאַציע פאַרשטייט אָבער אחד העם אויף אַ גאַנץ באַזונדער אופן. ער האָט גאָר נישט קעגן דעם, דער ייד זאָל אין זיין ריין בירגערלעכער עקזיסטענץ, ווי אַ צוגעהעריקער צו אַ באַשטימטן לאַנד, איבערנעמען די שפּראַך פון דעם לאַנד און די געוויינלעכע יסודות פון דער דרויסנדיקער אַל־מענטשלעכער קולטור.

אונטער „אַסימילאַציע״ פאַרשטייט אחד העם די פאַרשקלאַפונג פון דעם יידישן גייסט צו דעם גייסט פון דעם פרעמדן הערשנדיקן פאָלק. און דער קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע דאַרף באַשטיין אין דער באַפרייאונג פון אָט דער גייסטיקער שקלאַפעריי, דער „עבדות בתוך חירות״, דער אינעווייניקסטער נשמה־שקלאַפעריי אין דער דרויסנדלעכער בירגערלעכער פרייהייט. אָט די באַפרייאונג קאָן אָבער ניט פאָרקומען דורך דער אָנשטרענגונג פון איינצעלנע יידישע יחידים, צעשפּרייטע איבער דער גאַנצער וועלט. דערצו מוז מען האָבן אַ גענוג שטאַרקן יידישן קיבוץ, וואָס זאָל אויך מאַטעריעל לעבן אין אַן אייגענער יידישער ספערע, וואָס זאָל אין אַלע פרטים, ניט נאָר אין ריין גייסטיקע, קאָנען אויסבילדן אַן אומאָפּהענגיקן יידישן לעבן. אַזוי אַרום ווערט אחד העמס געדאַנק געפירט צו זיינע חשבונות מיט דעם פּלאַן פון אַן אייגענעם יידישן לאַנד, מיט דעם טעריטאָריאַליזם.

דער טעריטאָריאַליזם, וואָס האָט זיך גענומען פאַרווירקלעכן אין

דער פּאַלעסטינישער קאָלאָניזאַציע, מאַכט, לויט אחד העמען, אַ גע־וואַלטיקן טעות, ווען ער מיינט, אַז עס קאָן אויסגעבויט ווערן אַ לאַנד פאַר אַלע יידן אין דער וועלט און אַז דאָס דאַרף זיין דער ענטפער אויף דער יידנפראַגע. אַ לאַנד פאַר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז אַן אוטאָפּיע, און אַ קליין־לענדעלע איז ניט קיין ענטפער אויף דער יידנ־פראַגע *). אָבער אַזוי ווי אונדז דאַרף אין דער ערשטער ליניע אינטע־רעסירן ניט די יידנפראַגע, נאָר די יידנטום־פראַגע, דאַרף אויך די טעריטאָריאַליסטישע אידייע פאַרווירקלעכט ווערן אין אַט דער באַ־לייכטונג.

מיר דאַרפן ניט קיין אייגן לאַנד פאַרן גאַנצן פאָלק פון גאַר דער וועלט. מיר דאַרפן נאָר אַזוי פיל אייגן לאַנד, וויפיל עס איז נייטיק אויסצובויען, צו טראָגן, אויפהאַלטן און אַנטוויקלען אַן אייגן יידיש לעבן, וואָס זאָל פון זיך אַרויס, פריי פון דרויסנדיקע השפעות, אַרויס־ברענגען די אייגנאַרטיקייט פון דעם יודאַיסטיש־שאַפנדיקן יידישן גייסט. מיר דאַרפן אַ לאַנד נאָר פאַר דעם אויסבוי פון אַ גייסטיקן צענטער („מרכז רוחני״).

אַן אייגן יידיש לאַנד דאַרף אָבער געבויט ווערן ניט נאָר פאַר דעם מיעוט פון דעם יידישן פאָלק, וואָס וועט וואוינען אין אים. אונטער דער גייסטיקער השפּעה פון יענעם, פריי און אומאָפּהענגיק לעבנדיקן יידישן מיעוט, וועט דאַרפן שטיין די גאַנצע יידנשאַפט, די צעשפּרייטע איבער דער גאַנצער וועלט, און אַדאַנק אַט דער השפּעה וועט אויך זי ווידערבאַלעבט ווערן גייסטיק־נאַציאָנאַל. אויף אַזאַן אופן וועט דאָס פאָלק שטעקן מיט זיינע וואָרצלען אין אַן אייגענעם, לפי־ערך קליינעם שטח לאַנד, זיינע צווייגן אָבער וועלן זיין פאַרשפּרייט אומעטום, ווייל אומעטום וועלן די יידן דאַרפן לעבן גייסטיק־נאַציאָנאַל. און אַזוי אַרום קומען מיר אַרויף אויך אויף דעם גלות־נאַציאָנאַליזם, ניט דעם סאָציאַ־ליסטישן, נאָר דעם ריין בירגערלעכן.

כדי דער איינהייטלעכער יידישער בוים זאָל אומעטום קאָנען זיין אַ גייסטיק־נאַציאָנאַלע „איינס״, מוזן אַלע זיינע טיילן זיין פאַראייניקט דורך דער באַהעפטיקנדיקער קראַפט פון דעם, וואָס מיר רופן איצטער אַן אַ „גייסטיק־נאַציאָנאַלע היים״, ד. ה. דורך אַ געמיינשאַפטלעכן

*) דערביי ווענדט אחד העם אָן אייניקע אַרגומענטן, וועלכע איך האָב אַנט־וויקלט אומאָפּהענגיק פון אים, אין מיין „בונדיסטישער״ בראָשור: „ציוניזם אָדער סאָציאַליזם?״ פון יאָר 1897.

גייסטיקן לעבן און אָן אייגענער שפּראַך פאַר דעם גייסטיקן שאַפן פון דעם פאָלק. ס׳קאָן זיין, ניט אַלע יידן וועלן קאָנען לעבן אין אָט דער שפּראַכלעך־יידישער קולטור־ספערע. אָבער דאָ גייט עס ניט אין אַ קולטור, וואָס שפּרייט זיך אין דער ברייט, נאָר אין אַ קולטור, וואָס ציט זיך צו דער היך. די יידן אָבער, וואָס ווערן געצויגן צו דער היך, — און נאָר זיי זיינען דאָס יידישע פאָלק, — וועלן געפינען גענוג פלאַץ אין די צווייגן פון דעם פריי וואַקסנדיקן יידישן בוים.

האָבן מיר דאָ אויך דעם גלות־נאַציאָנאַליזם, ווי ער לעבט אין דער אחד־העמיסטישער קאָנצעפּציע.

אחד־העם האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף זיין דור, דער עיקר אויף יענע קינדער זיינע, וואָס זיינען געשטאַנען דרויסן פון די ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען. ניט צו אַ קליינעם טייל פאַרדאַנקט יענע ווירקונג דעם מאַגנעטיזם פון דעם סינטעז, אין וועלכן עס האָבן געקלונגען שטימען פון אַלע עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן עפנטלעכן געדאַנק. אָבער אויך דאָס טאָר ניט אַרויס־געלאָזן ווערן פון אויג: ניט ווייניקער מאַגנעטיש האָט געווירקט יענע פילאָסאָפישע באַרעכטיקונג, וועלכע אחד־העם געפינט פאַר דער גאַנצער יידישער געשיכטע, פאַר אונדזער טראַגישן וועג אין איר, ווי אויך די פילאָסאָפישע באַרעכטיקונג פאַר אַ שטרעבן צו אָן אייגענער נאַציאָ־נאַלער עקזיסטענץ.

---

די פאַנאַנדערשפּאַלטונג פון דעם יידישן עפנטלעכן געדאַנק אין די דריי ריכטונגען: דעם טעריטאָריאַליסטישן, דעם ריינעם גלות־נאַציאָ־נאַליסטישן און דעם אחד־העמיסטישן, האָט אין יעדער ריכטונג באַזונדער ווידער אַרויסגערופן ביזע פּראָבלעמען. קודם — אין דער טעריטאָריאַ־ליסטישער ריכטונג. דאָ איז גלייך ביי די ערשטע שריט זיינע אַרויס־געוואַקסן דער פּראָבלעם: „אַ לאַנד, אַלץ איינס וואו, אָדער דאָס לאַנד, דאָס לאַנד פון דער יידישער היסטאָרישער בענקשאַפט: ארץ־ישראל?״

מיט אָט דעם פּראָבלעם וועלן מיר זיך פאַרנעמען אין קומענדיקן קאַפּיטל.

## קאַפּיטל פיר

# ציוניזם אָדער טעריטאָריאַליזם

### א. אַ לאַנד אָדער דאָס לאַנד

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר געזען, אַז דער פּראָגרע־סיוו־נאַציאָנאַלער פּעריאָד אין אונדזער געשיכטלעכן לעבן האָט אַרויס־געבראַכט דריי פאַרשיידענע ענטפערס אויף דער פראַגע, ווי אַזוי מיר זאָלן ווייטער עקזיסטירן אויף דער וועלט, ווי אַ באַזונדער פאָלק, און זיך קאָנען פריי אַנטוויקלען, ווי אַ טייל פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

די ענטפערס זיינען געווען: א) אַן אייגן לאַנד; ב) אַן אייגענע יידישע שפּראַך אין די גלות־לענדער און אַן אייגן קולטור־לעבן אויף די יסודות פון אַרבעט בכלל, ערד־אַרבעט בפרט; ג) אַן אייגענער וועלטלעכער, אָבער ריין יידישער גייסטיקער אינהאַלט אין אונדזער קולטור־לעבן, מיט אַ לפי ערך קליינעם טעריטאָריאַלן קולטור־צענטער.

יעדער ענטפער האָט פון זיין זייט אַרויסגעבראַכט זיינע אייגענע פּראָבלעמען און פראַגן, וואָס האָבן זיך, אין זייערע פאַרצווייגונגען צונויפגעפלאָנטערט אין אַ געפלעכט פון ענינים, וואָס שטייען נאָך ביז איצט אויף דעם סדר־היום פון אונדזער עפנטלעכקייט און ווערן פאַר־מערט מיט אַלץ נייע און נייע אויפגאַבן. זיי אַלע לאָזן זיך אָבער קלאַסיפיצירן אין די פיר הויפּט־רובריקן: א) לאַנד־פּראָבלעמען; ב) שפּראַך־פּראָבלעמען; ג) פּראָבלעמען פון דעם גלות־לעבן בכלל, און ד) די פּראָבלעמען פון אַן אייגענעם גייסטיקן אינהאַלט.

דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט דעם ערשטן און וויכטיקסטן פון די לאַנד־פּראָבלעמען „אַ לאַנד אָדער דאָס לאַנד?" אַ טעריטאָריע בכלל, — אַלץ איינס וועלכע, — אָדער נאָר די באַשטימטע טעריטאָריע: ארץ־ישראל?

ווי שוין אויבן באַמערקט, איז אָט די פראַגע געלאָזן געוואָרן אָפן אין דר. פּינסקערס בראָשור „אַוטאָעמאַנסיפּאַציאָן". די בהלה־עמיגראַציע פון רוסלאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן תיכף נאָך די פּאָגראָמען, האָט אָבער באַלד אַרויסגערוקט די פאָדערונג צו קאָנצענט־רירן דעם אַלגעמיין־טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק, און שוין זיינען אויפ־געקומען צוויי באַוועגונגען, וואָס האָבן געזוכט צו געבן אַן ענטפער

אויף דער פראַגע: „וואוהין?" דער ערשטער ענטפער איז געווען: „קיין אַמעריקע", וואוהין עס האָט זיך סטיכיש געטראָגן דער גרעסטער טייל פון דער עמיגראַציע. אָט די באַוועגונג איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען: „עם עולם". („דאָס אייביקע פאָלק"). דער צווייטער ענטפער איז געווען: קיין ארץ־ישראל, און די באַוועגונג וואָס אָט דער ענטפער האָט אַרויסגערופן, האָט זיך גערופן: „בילו", — אַ ראשי־תיבות פון דעם פסוק „בית יעקב לכו ונלכה" („הויז יעקב, קומט, לאָמיר גיין!").

וועגן דער „עם עולם"־באַוועגונג, אירע פירער און דעם אידייאישן אָנבליק אירן ווייסן מיר נאָך זייער ווייניק. זיכער איז, אַז געדאַנקען וועגן אַן אייגענעם לאַנד האָבן זיך אַרומגעטראָגן אויף דעם גייסטיקן האָריזאָנט פון יענער אינטעליגענציע, וואָס האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם „עם עולם"־שטראָם. אָבער מען וועט אויך ניט מאַכן קיין טעות, ווען מען זאָל אָננעמען, אַז דער נאַציאָנאַלער עלעמענט האָט ביי איר געשפּילט אַן אונטערגעאָרדנטע ראָליע לגבי דעם סאָציאַלן. די „עם עולם"־אינטעליגענציע האָט געשטרעבט מער צו אייגענע יידישע אַגראַר־קאָמונעס, איידער צו אַן אייגענעם זעלבסטשטענדיקן יידישן לאַנד.

עס האָט געדויערט ניט לאַנג, און די „עם עולם"־באַוועגונג איז אין אַמעריקע איינגעשלונגען געוואָרן פון דעם אַמעריקאַנער לעבן. די פּראָמינענטסטע פירער אירע זיינען צוגעשטאַנען צו דער היגער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג, אין אירע צוויי שטרעמונגען, דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און דער אַנאַרכיסטישער. דער באַוואוסטזיניק נאַציאָ־נאַליסטישער עלעמענט האָט זיך דערביי אינגאַנצן אויסגעוועפּט, אָבער ניט דער אומבאַוואוסטזיניק נאַציאָנאַלער. אין זייערע אידייען און אידעאַלן זיינען די געוועזענע פירער פון דעם „עם עולם" געוואָרן קאָסמאָפּאָליטן און אַסימילאַטאָרן. זייער סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע טעטיקייט אָבער האָט זיי געפירט צווישן דער יידישער עמיגראַנטן־מאַסע, און דאָ האָבן זיי באַשאַפן די ערשטע גרויסע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אויך דעם יידישן סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם, מיט אַ לפי ערך רייכער אויפקלערערישער יידישער פּרעסע, מיט אַ מאָדערנעם יידישן טעאַטער, מיט אַ פיל־פּאַרצווייגטער ראַדיקאַלער טעטיקייט אויף אַלע פעלדער פון אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע.

די „עם עולם"־לייט האָבן אוועקגעלייגט, אָדער געהאָלפן אוועק־לייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַן אייגענעם נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון יידישן לעבן דאָ אין לאַנד. אָבער די „עם עולם"־באַוועגונג, ווי אַן אידייאישער שטראָם, מיט אַן אויסבליק אויף דער יידישער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער

ווידערגעבורט, איז זיך באַלד פאַרלאָרן אין מדבר־זאַמד פון אַסימי־לאַטאָרישע אידעאַלן.

אַ גאַנץ אַנדער היסטאָרישער גורל איז באַשערט געווען דער צווייטער, דער „בילו״־באַוועגונג, וואָס האָט גערופן „דאָס הויז יעקב״ קיין ארץ־ישראל. ווי קליין עס איז ניט געווען דער „פּאַלעסטינישער״ עמיגראַנטן־שטראָם לגבי דעם „אַמעריקאַנישן״, האָט ער אָבער פאַרמאָגט אַ געוואַלטיקן איבערוואָג פון אינטעליגענטע, באַוואוסטזיניקע נאַציאָנאַליסטישע כוחות, וואָס האָבן מיט דער גרעסטער מסירת־נפש גענומען לייגן אַ ציגל נאָך אַ ציגל פאַר דעם אויפבוי פון אַן אייגענעם יידישן לאַנד אין ארץ־ישראל.

דער „אַמעריקאַניזם״ פון דעם „עם־עולם״ האָט ניט איבערגעלאָזן נאָך זיך קיין פאַרטרעטער און קיין אידייאישע פאַנען־טרעגער אין רוסלאַנד. דער „פּאַלעסטיניזם״ פון דער „בילו״־באַוועגונג האָט צוגעצויגן צו זיך די מוחות און די הערצער פון יענער משכילימשער און אַסימילאַטאָרישער אינטעליגענץ, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם איבערבראָך אין אירע פריערדיקע אידעאַלן. על־כל־פּנים, איז דאָס געווען אמת פאַר דעם באַדייטנדיקסטן טייל אירן, מיט דר. פּינסקערן בראש.

די בעסטע פּובליציסטן, עסייאיסטן, בעלעטריסטן און פּאָעטן פון דער רוסיש־יידישער און העברייאישער זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור בכלל זיינען צוגעשטאַנען צו דעם „פּאַלעסטיניזם״. די בעסטע פון די צוויי רוסיש־יידישע וואָכנשריפטן, דער „ראַזסוויעט״ (דער „אויף־טאָג״), האָט זיך אינגאַנצן אַוועקגעשטעלט אין דעם דינסט פון דעם „פּאַלעסטינישן״ געדאַנק, האָט העפטיק געקעמפט פאַר דעם אידעאַל פון דער נאַציאָנאַל־יידישער ווידערגעבורט און פלעגט ברענגען באַרוישנדע קאָרעספּאָנדענציעס פון ארץ־ישראל וועגן די מערקווירדיקע אויפטואונגען און דערגרייכונגען פון „בילו״־פּיאָנערן.

דער „בילו״ האָט אַזוי אַרום אַרויסגערופן אַ ברייט־פאַרצווייגטע, פּאַנאַטיש־ליידנשאַפטלעכע, גוט־אָרגאַניזירטע, טעריטאָריאַליסטיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס האָט זיך גערופן די „פּאַלעסטינאָפּילישע״ (די „חובבי־ציון״). אין אָט דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אינעם ציוניזם, איז געגעבן געוואָרן דער ערשטער קלאָרער, איינבאַדייטנדיקער און קאָנקרעטער ענטפער אויף אונדזער פּראָבלעם: „אַ לאַנד אָדער דאָס לאַנד״? פאַר די אַנהענגער פון דעם פּאַלעסטינאָפילנטום, ווי פאַר די איצטיקע ציוניסטן, איז דער ענין געווען קלאָר גלייך פון אָנהייב אָן, עס קאָן ניט זיין קיין אַנדער אייגן לאַנד פאַר

אונדזער פאָלק, ווי נאָר „דאָס" לאַנד, ארץ־ישראל, דאָס היסטאָרישע לאַנד פון אונדזערע אָבות.

און קיין חידוש איז דאָס ניט.

פונקט ווי דער טעריטאָריאַליזם איז לאָגיש דער בעסטער ענטפער אויף דעם פּראָבלעם פון אַ נאָרמאַלן נאַציאָנאַלן לעבן, אַזוי איז דער פּאַלעסטיניזם, אויב ניט לאָגיש, איז פּסיכאָלאָגיש, דער בעסטער ענטפער אויף דעם פּראָבלעם פון אַן אייגענעם לאַנד פאַרן יידישן פאָלק. ער ליגט אויף דער ליניע פון דעם קלענסטן ווידערשטאַנד פאַר דעם יידישן און אַפילו ניט יידישן געדאַנק.

די גאָר גרויסע מאַסן פון אונדזער פאָלק, — די גאַנצע פרום־נאַציאָנאַלע וועלט, האָט קיינמאָל ניט אויפגעגעבן דעם גלויבן, אַז פּאַלעסטינע איז דאָס יידישע לאַנד („ארץ ישראל"). און די האָפענונג, אַז אונדזער פאָלק וועט זיך אומקערן אַהין. דערזעלביקער גלויבן איז אויך ניט אויסגעשטאָרבן אין דער קריסטלעכער וועלט. עס זיינען דאָ קריסטלעכע סעקטן, וואָס אין זייער גלויבן געפינט זיך דער „אני־מאמין", אַז ישו, דער יידישער „כריסטאָס" (דער „משיח") מוז נאָך אַמאָל קומען אויף דער ערד און ברענגען זיין פאָלק צוריק אין זיין לאַנד. דער פאָרבאַדינג דערצו איז — יידן זאָלן אָנהייבן גלויבן אין ישון, ווי אין זייער משיח און אָננעמען זיין תורה. און עס איז אויך פאַראַן אַ ריכטונג אין דעם רעליגיעז־קריסטלעכן געדאַנק, אַ פאַר־שפּרייטע אי צווישן פּראָטעסטאַנטן, אי צווישן קאַטאָליקן, וואָס אירע אָנהענגער רופן זיך די „אמתע קריסטן" און וואָס גלויבן, אַז די איצטיקע קריסטלעכע אמונות זיינען נאָר צייטווייליקע דערשיינונגען. דער „אמתער" קריסטנטום וועט זיך אָנטפּלעקן ערשט מיט ישוס צווייטן צוריקקום. די פאָרבאַדינג אָבער פאַר זיין צוריקקום און פאַר דעם אויפבוי פון זיין „מלכות שמים" אויף דער ערד איז — יידן זאָלן זיך אַפריער צוריקקערן אין זייער אייגן לאַנד. נאָר אַהין און נאָר צו זיי וועט צום צווייטן מאָל קומען ישו, כדי שוין צו פאַרבלייבן אויף אייביק דער „מלך פון דעם יידישן פאָלק" און פון דער גאַנצער מענטשהייט. — איינציקע רעליגיעזע קריסטן פון אָט דער געדאַנקען־ריכטונג האָבן, ווי צ. ב. סער אָליפאַנט, שפּעטער געהאָלפן דעם ציוניזם, אין וועלכן זיי האָבן דערבליקט דעם אָנהייב פון יענעם מיסטישן, וועלט־געשיכטלעכן פּראָצעס.

די געשיכטלעכע צונויפוואַקסנקייט פון די באַגריפן „עם ישראל" און „ארץ־ישראל", („יידיש פאָלק" און „פּאַלעסטינע"), אַזאַ פאַרשפּרייטע

סיי צווישן יידן, סיי צווישן קריסטן, איז ווי אַן אויסגעגראָבענער קאַנאַל, אין וועלכן יעדער יידיש־טעריטאָריאַליסטישער געדאַנקען־שטראָם מוז זיך אַ גאַס טאָן צוערשטנס. מיר זעען דעריבער, אַז אַפילו ניט רעליגיעזע, איינצעלנע מענטשן, סיי יידן, סיי קריסטן, וואָס האָבן, אין דעם לויף פון די לעצטע פּאָר יאָרהונדערט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם געדאַנק פון אַ יידישן לאַנד, — דאָ אין פאַרביי־פּלי, דאָ אין אַ טיפערן און לענגערן ערנסט, — האָבן כמעט אַלע פאַרבונדן יענעם געדאַנק מיט פּאַלעסטינע. אַזוי שפּינאָזאַ; אַזוי נאַפּאָלעאָן דער ערשטער; אַזוי דער רוסישער רעוואָלוציאָנער פּעסטעל (דער פירער פון דעם „דעקאַבריסטישן״ אויפשטאַנד אין די צוואַנציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט); אַזוי ביקאָנספילד; אַזוי „דער אַלט־פאָטער פון דעם דייטשן קאָמוניזם״, משה העס, דער ערשטער גרויסער טעאָרעטיקער פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם; אַזוי דער פּוילישער דיכטער מיצקעוויטש.

נאָר אין דעם פּעריאָד פון דער אַסימילאַציע האָבן מיר אָפּגעוואָרפן דעם אידעאַל פון „ארץ־ישראל״, ווייל מיר האָבן אויך אָפּגעוואָרפן דעם באַגריף פון „עם־ישראל״. אָבער אויך אין דער השכלה־צייט, וואָס איז בדרך כלל געשטאַנען אויף דעם אסימילאַטאָרישן שטאַנדפּונקט, האָבן מיר אַן אויסנאַם: איינער פון אירע וויכטיקסטע פאַנען־טרעגער, פּרץ סמאָלענסקין, האָט אויפגעהויבן דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע, דערמיט ווידער אויפגעריכט אין באַוואוסטזיין דעם „עם־ישראל״ און איינצייטיק מיט אים דעם אידעאַל פון „ארץ־ישראל״.

סמאָלענסקינס אידייען זיינען אין זייער צייט געבליבן פאַראיינצלטע, און מען האָט זיך כמעט ווי גאָרניט גערעכנט מיט זיי. אָבער ווען דר. פּינסקער האָט דורכגעפירט די אידייאישע ליקווידאַציע פון דעם אַסימילאַטאָרישן פּעריאָד און האָט אָוועקגעשטעלט פאַר אונדז דעם פּראָבלעם פון אַן אייגענעם יידישן לאַנד, האָט דער ענטפער אויף אים גלייך אָנגעהויבן באַוועגן זיך אין דעם היסטאָריש אויסגעטראָטענעם וועג. דער אַנדערער ענטפער, דער „אַמעריקאַנישער״ ענטפער פון דעם „עם־עולם״, האָט שוין דערפאַר אַליין ניט געקאָנט האָבן קיין ברעקל וואָג, וואָס דער „טעריטאָריאַליזם״ זיינער האָט געטראָגן אַ צופעליקן און, על־כל־פנים, אַ ריין פּלאַטאָנישן כאַראַקטער. קיין באַוועגונג מיט קלאָר אויסגעשפּראָכענע יידיש־נאַציאָנאַלע צילן האָט ער הינטער זיך ניט געלאָזן.

איז טאַקע קיין חידוש ניט, וואָס די „חיבת־ציון״, דאָס „פּאַלעסטינאָפילענטום״, איז אין די ערשטע פּאָר יאָרן פון נאָך די פּאָגראָמען

געווען דער איינציקער לייכטנדער שטערן אויפן וועג פון אונדזער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט.

די ערשטע „פליטער״־יאָרן פון דעם פּאַלעסטיניזם זיינען אָבער באַלד אַוועק. זיין כאַראַקטער פון אַ ריין וועלטלעכער, פּראָגרעסיוו ער באַוועגונג, וואָס הויבט אויף דעם קאַמף ניט נאָר אַנטקעגן די אַסימי־לאַטאָרישע אידעאַלן, נאָר אויך אַנטקעגן די אָפּגעלעבטע יסודות פון אונדזער פרום־נאַציאָנאַלער וועלט, איז באַלד פאַרטונקלט געוואָרן; דער פּאַלעסטיניזם איז ביסלעכווייז געוואָרן ריין רעאַקציאָנער. ער האָט אָפּגעשטויסן פון זיך יענעם טייל ראַדיקאַלע יוגנט, וואָס איז געבליבן טריי די אידעאַלן פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, און האָט אַרויסגערופן ביי זיי אַ העפטיקן פּראָטעסט סיי אַנטקעגן זיך, סיי אנטקעגן דעם טעריטאָריאַליזם בכלל. איך רעד שוין דאָ ניט וועגן דער שאַרפער פּאָלע־מיק, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעברענט אַנטקעגן אים אין דעם ריין אַסימילאַטאָרישן לאַגער. די „חיבת־ציון״ איז דעריבער אַריינגעטראָטן אין אַ פּעריאָד פון ירידה.

און נאָך באַדייטנדיקער האָבן געווירקט אויף דער ירידה פון דעם פּאַלעסטינאָפּילנטום די גרויסע שוועריקייטן, וואָס זיינען געלעגן אויף דעם וועג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

פּאַלעסטינע אין איר דעמאָלטיקן חרובן צושטאַנד האָט זיכער ניט געהערט צו יענע עמיגראַציע־און קאָלאָניזאַציע־לענדער, וואָס קאָנען איינגעבראָכן ווערן מיט פּרימיטיווע מיטלען און נאָר מיט אַרבעטס־וויליקייט און אַרבעטס־פעאיקייט פון דעם איינצלנעם קאָלאָניסט.

די ענטוזיאַסטישע פּיאָנערן פון דעם „בילו״־חדר האָבן געדאַרפט צאָלן אַ סך רבי־געלט סיי אין קאַפּיטאַלן, סיי אין מענטשלעכע לעבנס, איידער זיי האָבן געקאָנט כאַפּן דעם שניט, ווי אַזוי אויסצולערנען זיך אַפילו דעם אלף־בית פון דער פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע. די ידיעות פון ארץ־ישראל האָבן גענומען ווערן אַלץ טרויעריקער און טרויעריקער, ביז אחד־העם האָט שוין אין 1887 (אָדער נאָך עפּעס פריער) געקאָנט אונטערפירן אַ סך הכל צו דער דעמאָלט הערשנדיקער פּאַלעסטינאָ־פילישער באַוועגונג אין די ווערטער: „לא זו הדרך״, „ניט דאָס איז דער וועג״.

אין דעם פאָריגן קאַפּיטל האָבן מיר געזען, אַז אחד־העמס קריטיק איז געווען געצילט ניט אַזוי קעגן די מעטאָדן און וועגן פון דער פּאַלעסטינישער קאָלאָניזאַציע, ווי — דער עיקר — קעגן דעם ענד־ציל פון דער פּאַלעסטינאָפּילישער באַוועגונג, דעם שטרעבן צו פאַרענטפערן

די יידנפראַגע דורך דעם אויסבוי פון אַן אייגענעם יידישן לאַנד אין ארץ־ישראל.

אחד־העמס קריטישע אָנפאַלן אויף דעם טעריטאָריאַליסטישן ענד־ציל האָבן זיכער אַ סך מער געשאַדט דעם פּאַלעסטינאָפּילנטום איידער די העפטיקסטע פּאָלעמיק פון די דרויסנלעכע קעגנער.

און דאָ איז צוגעקומען נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט: דער ווידער־אויפבלי פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דער הונגער־יאָר אין רוסלאַנד פון 1891 האָט איבערגעבראָכן די פאַרחלשטקייט, וואָס איז אַריינגעטראָטן נאָך דעם צונויפברוך פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״. עס האָט גענומען בוילעטער אַרויסטרעטן די שעדלעכקייט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטנס רעאַקציאָנערער פּאָליטיק. די רוסישע יוגנט האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר פּאָליטישן שלאָף. עס האָבן זיך גענומען באַווייזן נייע רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, אַ „פּאָלקסטימלעריש״־אַגראַרישע (די שפּעטערע „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן״), וואָס האָבן זיך באַלד גענומען אָנפילן דער עיקר מיט דער יידישער יוגנט, דער טאָפּלט פאַרשקלאַפטער, סיי ווי רוסישע בירגער, סיי ווי פאַרפאָלגטע יידן.

פאַר אונדז איז דאָ וויכטיק צו האָבן אין אויג דעם גרונט־שטריך פון אָט די רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען. די אַלטע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ האָט זיך אין איר לעצטן פּעריאָד פאַרוואַנדלט אין אַ ריין טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין איר פּראַקטישער אַרבעט וויינִיק וואָס געהאַט צו טאָן דירעקט מיט די גרויסע אַרבעטאַרישע מאַסן פון די פעלקער אין רוסלאַנד. די נייע שטרעמונגען האָבן אָבער גראָד געלייגט די הויפּט־וואָג אויף דער אַרבעט צווישן די מאַסן. דער קאַמף פאַר זייערע פּראַקטישע לעבנס־נויטן האָט געדאַרפט צונויפגעבונדן ווערן מיט דעם קאַמף פאַר די ענד־צילן פון סאָציאַליזם און פרייהייט.

די פאָלקסטימלערישע ריכטונגען האָבן באַנייט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין די דערפער, און דאָרטן האָבן זיי אַרויסגערופן דעם קאַמף פון דעם פּויערים־שטאַנד אַנטקעגן דעם פּריצים־שטאַנד פאַר מער ערד. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ריכטונגען האָבן אַרויסגערופן און אָרגאַניזירט דעם קלאַסן־קאַמף פון דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט אַנטקעגן דער בורזשואַזיע. די שפּעטערע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן אויפגענומען ביידע אַרטן מאַסן־אַרבעט, סיי אין דאָרף, סיי אין שטאָט.

דער מאַסן־כאַראַקטער פון די נייע באַוועגונגען האָט אָבער געמוזט אין דעם פיל־פעלקערלעכן רוסלאַנד אַרויסרוקן אין פראַנט די נאַציאָנאַלע פּראָגע. די באַמבע פון דעם טעראָריסט איז געווען קאָסמאָפּאָליטיש און האָט גערעדט די שפראַך פון דינאַמיט און ניטראָגליצערין. די אַרבעט פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט און דעם סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער איז געווען אָביעקטיוו נאַציאָנאַל, און האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער שפּראַך פון די אַרבעטאָרישע מאַסן.

די יידישע רעוואָלוציאָנערע יוגנט האָט קיין אַנדער אַרבעטאָרישע מאַסע ניט געהאַט פאַר זיך, ווי נאָר דעם באַלמעלאָכע און דעם אַרבעטער פון די שטעט און שטעטלעך. דאָרטן האָט זי פאַנאַנדערגעוויקלט איר רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און האָט — מיט דעם אָנוואַקסן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט — געגומען אויסבויען אַ ריין־יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט זיך געמוזט אָנהויבן רעכענען ניט נאָר מיט די לעבנס־נויטן פון דעם יידישן אַרבעטער, ווי פון אַן אַרבעטער און אַ בירגער, נאָר אויך מיט זיינע יידישע לעבנס־נויטן, מיט דער פאַר־שאָלטענער יידנפראַגע, וואָס האָט געדאַרפט פאַרענטפערט ווערן אין גלות־גופא אויף אַ רעוואָלוציאָנערן וועג.

פאַר די יידישע רעוואָלוציאָנערן איז אָבער דער פּאַלעסטיניזם געווען, ווי אַ ביין אין האַלדז. אין זיינע ביידע געשטאַלטן — דער טעריטאָריאַליסטישער און דער אחד־העמיסטישער, — איז ער געווען אַבסאָלוט פיינטלעך צו דער אויפקומענדער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דער טעריטאָריאַליזם האָט גאָר נישט געוואָלט וויסן פון אַ וועלכער עס איז אַרבעט פאַר די יידישע לעבנס־נויטן אין די גלות־לענדער, און ביידע זיינען געווען העכסט אויפגעצאָרנט דער עיקר אַנטקעגן דעם קלאַסן־קאַמף, וועלכן די סאָציאַליסטן האָבן אָנגעצונדן אויף דער יידישער גאַס.

ביסלעכווייז האָט די יידישע אַרבעטערשאַפט און די יידיש־סאָציאַליסטישע אינטעליגענציע גענומען איינזאַפּן אין זיך די אידייען און פּרינציפּן פון דעם סאָציאַליסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם, וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלעך.

אַזוי אַרום האָט זיך אין דער דעמאָלטיקער יידישער עפנטלעכקייט אויסגעבילדעט אַ מין היסטאָרישע אידייענפאַרבינדונג: גלות־נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם אויף איין זייט, פּאַלעסטיניזם און בורזשואַזיע אויף דער אַנדערער. יעדער אָביעקטיווער היסטאָריקער וועט מוזן צוגעבן, אַז אין יענער צייט איז טאַקע אין דעם לעבן גופא געלעגן

אַ קלאַסן־תּהום צווישן דעם יידישן סאָציאַליזם און דעם פּאַלעסטיניזם, און אַז די „חיבת־ציון״ איז ביי אַ גרויסן טייל פון דער יידישער בורזשואַזיע געווען אַן אידייאישער מאַנטל אויף צו פאַרדעקן און צו פאַרשענערן איר פאַרביטערטן קאַמף אַנטקעגן דעם אויפוואַכנדיקן פּראָלעטאַריאַט. ממילא איז אויך דער פאַרביטערטער קאַמף אַנטקעגן דעם פּאַלעסטיניזם געוואָרן אַן אַבסאָלוט נויטווענדיקער עלעמענט אין דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, וואָס האָבן שוין אָנגעשריבן אויף זייער פאָן דעם קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין רוסלאַנד. דאָס אַלץ האָט גענומען אָפּשניידן דעם צופלוס פון יונגע כּוחות צו דעם פּאַלעסטיניזם.

עס האָבן זיך גענומען הויבן די כוואַליעס פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד, און אינאיינעם מיט זיי — די האָפענונגען, אַז אין דעם באַפרייטן רוסלאַנד וועט אויך פאַרענטפערט ווערן די יידן־פראַגע. אין דערזעלביקער צייט האָבן גענומען אַלץ מער איינשרומפּן די האָפענונגען אויף ארץ־ישראל, ווי אויף אַ טעריטאָריאַליסטישן ענטפער אויף די פּראָבלעמען פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ווידער־געבורט. די פּאַלעסטינאָפילישע יוגנט איז געוואָרן אַלץ מער און מער „אחד־העמיסטיש״ און האָט געטראַכט וועגן דער צוגרייטונג פון אַן אָפּגעקליבענער, אַזוי צו זאָגן, גייסטיק־אַריסטאָקראַטישער עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, פון וועלכער עס זאָל אַרויסוואַקסן אַ מין יידישער „אויבער־פאָלק״. די פּראָבלעמען און ליידן פון דער גלות יידנשאַפט זיינען אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן פון דעם פּאַלעסטינאָפילישן האָריזאָנט. מיט דעם גופא איז אָבער אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן אויך דער טעריטאָריאַליזם, דער ענטפער אויף די יידישע ליידן פון גאָר דער וועלט.

אַן אָביעקטיווער אָפּשאַץ פון דער לאַגע אין דער ערשטער העלפט פון די ניינציקער יאָרן וואָלט געמוזט קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז די גאַנצע פּאַלעסטינאָפילישע באַוועגונג איז פאַרמשפּט צום פאַר־שווינדן, ווי אַ צייטווייליקער אומבאַדייטנדיקער עפּיזאָד אין דעם היסטאָרישן לעבן פון אונדזער פאָלק. פּראַקטיש איז אויף דעם סדר היום גאָר אָוועקגעשטעלט געוואָרן דער קאַמף אַנטקעגן דעם רוסישן צאַריזם, דער טעטיקסטער אָנטייל פון די יידישע רעוואָלוציאָנערן אין יענעם קאַמף און די אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער, ווי אַ באַזונדער אָפּטייל אין דער אַלץ־וואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

דער פּאַלעסטיניזם האָט דערביי געשפּילט די ראָליע פון אַ רעאַקציאָ־

נערער קראַפט, וואָס שטעלט זיך אין וועג דעם אויפברויזנדיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, און דער גורל פון דעם פּאַלעסטיניזם איז געווען — פּאַרטיליקט צו ווערן עד לחרמה אין אַ זיגרייכער רעוואָלוציע, אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע רעאַקציאָנערע קרעפטן פון דעם רוסישן לאַנד.

אַזוי האָט דאָס באמת אויסגעזען אין דער ערשטער העלפט פון די נײַנציקער יאָרן. די געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק האָט אָבער גאַנץ אַנדערש באַשטימט. עס איז אַרײַנגעטראָטן אַ נײַער קער־און־ווענד אין דעם גורל פון דער פּאַלעסטינאָפילישער באַוועגונג, אַ דאַנק אַ נײַעם אויפברויז פון יידנהאַס אין מערב־אייראָפּע. מיר האָבן דאָ אין זינען די באַרימטע „דרייפוס־אַפערע".

די מערב־אייראָפּייאישע יידנשאַפט איז געווען ווייניק באַרירט פון דער פּאַלעסטינאָפילישער באַוועגונג אין רוסלאַנד. אַפילו אין דייטשלאַנד, וואו דער אַנטיסעמיטיזם האָט שוין געציילט אַ היפּש ביסל אָנהענגער אין די העכסטע קרייזן פון דער געבילדעטער געזעלשאַפט, האָט די אַסימילירטע יידנשאַפט ניט פאַרלוירן איר גלויבן אין דעם אַלגעמיינמענטשלעכן פּראָגרעס, וואָס פירט באַשייַנפּערלעך דערצו, אַז די יידן אין מערב־אייראָפּע זאָלן פון אַלעמען באַטראַכט ווערן, ווי גלייכבאַרעכטיקטע קינדער פון יענע פעלקער, צווישן וועלכע זיי וואוינען. אויף דעם אַנטיסעמיטיזם האָט מען אַלץ נאָר געקוקט, ווי אויף אַן איבערבלייב פון דעם פינצטערן מיטל־אַלטער, וואָס מוז דאָך באַלד פאַרשווינדן פון דער היסטאָרישער אַרענע. די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אין דייטשלאַנד, האָט, אַ דאַנק דער לעכערלעכער פיגור פון דעם אַגיטאַטאָר אַהלוואַרט, פאַרלאָרן איר ערנסטקייט און האָט אַפילו אָנגענומען אַ האַלב־קאָמישן כאַראַקטער.

קיינמאָל איז אין דייטשלאַנד ניט געווען אַזוי פּאָפּולער בעבעלס ווערטל, אַז „דער אַנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון די שוטים", ווי גראָד דעמאָלט. עס איז דערין געלעגן אַ טאָפּלטע טרייסט פאַר דעם יידישן בירגערטום: די שוטים וועלן פאַרשווינדן, אַדאַנק דער אויפלעבונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע איז רייכלעך געשטיצט געוואָרן פון יידן, — און דער סאָציאַליזם וועט פאַרלירן זיין געפערלעכע רעוואָלוציאָנערישקייט, אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַלער געזעצגעבונג.

אויב אין דער דייטשער שפּראַך־ספערע האָבן זיך דעמאָלט געלאָזט הערן פּאַלעסטינאָפילישע שטימען, האָבן זיי געשטאַמט דאָס רוב פון דייטש־אַסימילירטע עסטרייכער, דער עיקר, גאַליציאַנער, ווי אַ דר. נתן

בירנבוים (אחר), וואָס ביי זיי איז דער יידישער נאַציאָנאַליזם געווען אַ פּראָדוקט מער פון דעם דערוואַכטן אינעווייניקסטן דראַנג צו אַן אייגענער אָריגינעלער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, איידער פון דעם דרויסנדיקן אַנטיסעמיטישן דרוק. יענע שטימען, אין וועלכע עס האָט באַלד אָנגעהויבן קלינגען אַ יידיש־סאָציאַליסטישע נאָטע, זיינען אָבער נאָך באמת געווען שטימען אין דער מדבר פון דעם אַסימילירטן יידישן בירגערטום, וואָס האָט געהאַט פאַר זיך אַ ביישפּיל, ווי אַזוי די יידישע פראַגע ווערט ווירקלעך פאַרענטפערט אין די פּראָגרעסיווע לענדער: ענגלאַנד, האָלאַנד, איטאַליע, פראַנקרייך.

דער עיקר אָבער — אין פראַנקרייך, דעם לאַנד פון פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג פאַר עקסעלאַנס, דעם לאַנד, וואָס איז איינגעבאַקן געוואָרן אין די יידישע הערצער נאָך פון די צייטן פון אַ היינע און אַ בערנע, די באַליבטסטע קלאַסיקער ביי דעם יידיש־דייטשן עולם — דעם לאַנד, וואָס האָט שוין געהאַט אַן איינפלוסרייכן יידישן מיניסטער, אַדאָלף קרעמיע.

און גראָד אין אָט דעם פּראָגרעסיווסטן פון אַלע אייראָפּייאישע לענדער רייסט זיך מיט אַמאָל אַרויס, פון די טיפסטע טיפן אין דעם פאָלק, אַזאַ וואולקאַנישער אויסברוך פון יידן־האַס, וואָס אין זיין שיקזאַל־שווערן אויפלייכט ווערן פאַרטונקלט די פייערדיקסטע אויסגוסן פון דעם מזרח־אייראָפּייאישן און צענטראַל־אייראָפּייאישן אַנטיסעמיטיזם. מענער, ווי דער ראַדיקאַלער „קאָמונאַר״, אַנרי ראָשפאָר, ווערן אָנגעצונדן פון דערזעלביקער שיקזאַל־שווערער פלאַם.

און איבער וואָס? איבער אַ פאַרברעך פון אַן איינצעלנעם יידן, דעם דורכאויס אַסימילירטן קאַפּיטאַן דרייפוס, אויב ער האָט טאַקע באַגאַנגען דעם פאַרברעך. און ווען די באַמיאונגען פון דרייפוסעס פאַרטיידיקער אין דער עפנטלעכקייט האָבן אַרויסגעבראַכט אַזוי קלאָר, ווי דער טאָג, אַז דרייפוס איז אין דעם גאַנצן ענין אַבסאָלוט אומשולדיק; און ווען דאָס האָט ניט נאָר ניט אָפּגעשוואַכט דעם אויסברוך פון דעם אַנטיסעמיטישן וואולקאַן, נאָר נאָך מער אים פאַרשטאַרקט, איז דאָס זיכער געווען אַ קלאַפּ פאַר דעם טייערסטן „אני מאמין״ פון דעם אַסימילאַטאָר, אַז פּאָליטישע פרייהייט, דעמאָקראַטיע, גלייכבאַרעכטיקונג און הויכער קולטור־מעמד פון אַ לאַנד ברענגען מיט זיך דעם ענטפער אויף דער יידנפראַגע און טריקענען אויס אַלע קוואַלן פון דעם יידנהאַס.

דער באַדייט פון דער דרייפוס־אַפערע פאַר דער אָפּשוואַכונג פון

די אַסימילאַטאָרישע אילוזיעס און פֿאַר דעם אויפוואַכן פון דעם יידישן נאַציאָנאַל־געפיל און נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין ביי דער אַסימילירטער מערב־איראָפּיאישער יידנשאַפט וואַרט נאָך אויף זיין היסטאָריקער. דאָ דאַרף נאָר קאָנסטאַטירט ווערן, אַז אין די ערשטע צייטן פון דעם דרייפוס־סקאַנדאַל האָבן זיך אין מערב־איראָפּע אין ערגעץ ניט געמערקט קיין וועלכע עס איז ענדערונגען אין דעם איינשטעל פון דער יידישער עפנטלעכקייט. פאַרגעסן מיר ניט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט יידן, ד. ה. מיט מענטשן, וואָס האָבן אין אַ משך פון דורות זיך אויס־געלערנט צו האַלטן זייערע געפילן אונטער דעם שטרענגן קאָנטראָל פון זייער שכל, און וואָס האָבן אין אַ משך פון דורות איינגעדרעסירט זייער פלפול־שכל אַזוי, אַז ער זאָל ניט מטושטש ווערן פון פאַקטן, נאָר אין יעדער ביי דער לאַגע זאָל ער געפינען אויף אַלע שאלות אַ תירוץ, וואָס העלפט אים אויפהאַלטן זיין גלייכגעוויכט. אַזאַ מוח איז קאַלאָסאַל שווער אַראָפּצושלאָגן פון אַן איינגעגלויבן וועג.

ניט די בירגערלעכע וועלט, ניט די סאָציאַליסטישע וועלט, די יידישע, האָבן אין דער דרייפוס־אַפערע ניט געזען יענעם אַנטשיידנ־דיקן פאַקט, וואָס מאָנט אַ רעוויזיע פון די אָנגענומענע דאָגמעס. אָבער זיכער האָט ער ביי פילע אַסימילירטע און אַסימילאַטאָרישע יידן איבער־געלאָזן אַ געוויסע איינקאָרבונג אין געפיל, וואָס האָט געקאָנט פירן לפחות צו יענעם געדאַנק, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז נאָך לאַנג ניט קיין אַריבערגעלעבטע דערשיינונג אפילו ביי די ציוויליזירטע פעלקער: אַז זיין פלאַם לויערט נאָך ערגעץ אין זייערע טיפן; אַז ער קאָן זיך אומגעריכטערהייט אַרויסרייסן אויף דער אויבערפלאַך און אַז עס קאָן נאָך נעמען דורות און דורות, ביז ער וועט אינגאַנצן פאַרשווינדן וויניקסטנס פון דער געבילדעטער געזעלשאַפט.

אָט די איינקאָרבונג אין געפיל האָט שפּעטער געהאָלפן אויך אַ גרויסן טייל פון דער מערב־איראָפּיאישער יידנשאַפט, איבערצורייסן מיט די טראַדיציעס פון דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן פעריאָד אין אונדזער געשיכטע און אַרויסטרעטן אויף דעם וועג פון דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט.

דעם ערשטן און באַדייטנדיקסטן שריט דערצו האָט געמאַכט אַ טאַלאַנטפולער פאַרטרעטער פון דער אַסימילירטער יידנשאַפט, דר. טעאָדאָר הערצל, וואָס האָט בייגעוואוינט ביי דער פּראָצעדור, ווי מען האָט ביי דעם קאַפּיטאַן דרייפוס אַראָפּגעריסן די עפּאָלעטן, איידער מען האָט אים פאַרשיקט אויף דעם טייוולס אינדזל. עס איז, ווי דר.

הערצל וואָלט, קוקנדיק אויף די פּנימער, פּול האַס, ביי די דורכפירער פון דער באַליידיקנדיקער פּראָצעדור, דערשפּירט, אַז דאָס רייסט מען אַראָפּ די עפּאָלעטן ניט נאָר פון דרייפוסן, נאָר פון אַלע אַסימילאַטאָרישע האָפענונגען און אַז אויך זיי פאַרשיקט מען אויף דעם „טייוולס אינדזל״, פון וועלכן זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן.

דר. הערצל איז ניט געווען קיין גרויסער גייסט, אויב מען זאָל אונטער דעם וואָרט „גייסט״ פאַרשטיין אַ גרויסע און אָריגינעלע דענקונגס־קראַפט. אין אָט דעם פּרט איז, ער, באַטירלעך גאָרניט צו פאַרגלייכן מיט אַן „אחד־העם״. אָבער ער האָט זיכער געהערט צו יענע העלדישע נאַטורן, פון וועלכע די געשיכטע קנעט אויס די באַ־שאַפער און פירער פון באַוועגונגען. גרויס איז ער געווען מיט זיין טיפער ליידנשאַפט און זיין קאָנצענטרירטן ווילן, און נאָר ביי גאָר גרויסע און אָריגינעלע נאַטורן קאָנען פאַרקומען אַזעלכע מאָמענטן פון פּלוצימדיקער גייסטיקער ווידערגעבורט, ווי דער, וועלכע דר. הערצל האָט איבערגעלעבט, שטייענדיק ביי דער פּראָצעדור פון דריי־פוסעס דעגראַדאַציע. עס איז געווען, ווי אַ בליץ־שטראַל וואָלט אריינ־געשלאָגן אין זיין גאַנצער וועלט־אַנשויאונג און זי אָנגעצונדן אין פלאַמען.

עס איז געווען דער בליץ־שטראַל, דער געניאַלער „ברק המבהיר״, וואָס שטאַמט ניט פון דעם לאָגישן דענקען, נאָר פון דער אינטואיציע, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך אַלע כוחות פון דער נשמה, מיט אַלע אירע נייגונגען, אויך אַזעלכע, וואָס ליגן אומבאַוואוסטזיניק אין איר, פאַראַרבעט פון עלטערן פון אור־אור־עלטערן. אַזעלכע מאָמענטאַלע אינטואיציעס ברענגען אַרויס בלענדנדיקע איינזעאונגען, וואָס גייען אָפטמאָל להיפוך צו דעם נאָרמאַלן לאָגישן דענקען.

הערצל האָט פּלוצלונג „מיט אַלע זיינע חושים״ איינגעזען, אַז דער באַרבאַרישער אַקט, וועלכן די ציוויליזירטע מענטשהייט באַגייט ניט אַנטקעגן אַן איינצל־מענטשן, נאָר אַנטקעגן דעם גאַנצן יידישן פאָלק; אַז יידן זיינען אַ פאָלק; אַז זיי לעבן ניט נאָרמאַל ווי אַ פאָלק; אַז אַלע יידישע ליידן שטאַמען נאָר פון אָט דער אַבנאָרמאַלישקייט און אַז עס איז דאָ נאָר איין־איינציקער ענטפער אויף זיין פראַגע: אַן אייגן יידיש לאַנד.

אָט דער גענוג קאָמפּליצירטער געדאַנקן־פּראָצעס איז ביי הערצלן אין אַ הרף־עין געבוירן געוואָרן אין די פלאַמען, וואָס דער בליץ־שטראַל האָט אַרויסגערופן. און געבוירן איז ער געוואָרן ניט ווי אַ

געדאַנקען־פּראָצעס, נאָר ווי אַ קלאָרער איינזען, און אָט דער פליענדיקער איינזען איז געגאַנגען אַזוי צוואווידער דער גאַנצער לאָגיק, דער גאַנצער קלוגשאַפט, אין וועלכער דר. הערצל האָט געגלויבט זיין גאַנצן לעבן, אַז ער האָט אין ערנסט גענומען חושד זיין, צי איז ער ניט אַראָפּ פון זינען, און איז געגאַנגען זיך מיישב זיין וועגן דעם מיט זיין פריינט, דעם פּסיכיאַטער, דר. מאַקס נאָרדוי.

ערשט אין די געשפּרעכן מיט דעם פריינט איז פאַרביידן קלאָר געוואָרן, אַז דער „משוגענער איינפאַל" איז ניט קיין משוגענער איינפאַל, נאָר אַן אינטואיטיווער איינזען, און אַז אָט דער אינטואיטיוו געוואונע־נער געדאַנק, איז אַ סך געזינטער און לאָגישער, איידער די גאַנצע לאָגישע קלוגשאַפט פון דעם אַסימילאַטאָרישן וועלט־באַנעם.

די ווירקונג פון דעם דרייפוס־פּראָצעס אויף דר. הערצלען איז אַ באַדייטנדיקער מאָמענט אין אונדזער מאָדערנער יידישער געשיכטע, זי, די ווירקונג, האָט געפירט צו דער פאַרפאַסונג פון דעם צווייטן וויכטיקסטן דאָקומענט אין דער געשיכטע פון דעם טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק, וואָס קאָן אַוועקגעשטעלט ווערן האַרט לעם דר. פּינסקערס „אַוטאָ־עמאַנסיפּאַציע": דר. הערצלס „יידנשטאַט". און ווי אין דער „אַוטאָ־עמאַנסיפּאַציע" ווערט דער ענטפער אויף דעם טעריטאָריאַליס־טישן פּראָבלעם געגעבן ניט אין דעם זין פון „דאָס" לאַנד. וועגן ארץ־ישראל ווערט אויך אין הערצלס „יידנשטאַט" מיט אַ וואָרט ניט דער־מאָנט. געשטרעבט דאַרף ווערן צו אַ לאַנד, אַלץ איינס וואו, — דאָס איז אויך דער אויספיר אין דעם „יידנשטאַט".

אָבער פּונקט ווי ביי דר. פּינסקערן, האָט זיך אויך דר. הערצלס געדאַנק באַלד אַריינגעגאָסן אין יענעם קאַנאַל, וואָס איז פאַר דעם יידישן טעריטאָריאַליזם אויסגעגראָבן פון דורי־דורות. עס האָט ניט גענומען לאַנג, און אויך פאַר דר. הערצלען האָט זיך דער ענטפער: „אַ לאַנד" קאָנקרעטיזירט אין דעם ענטפער: „דאָס לאַנד", ארץ־ישראל. דערמיט איז באַשאַפן געוואָרן אַ נייער עטאַפּ אין דער פּאַלעסטינישער באַוועגונג, וואָס האָט אַריינגעגאָסן נייַ בלוט אין אירע אָדערן און זי אַוועקגעשטעלט אויף אַ ברייטערן און זיכערן יסוד.

## ב. ציוניזם און טעריטאָריאַליזם ביז צום וועלט־קריג

אַנהייב 1895 איז אין דער דרייפוס־טראַגעדיע אָפּגעשפּילט געוואָרן דער סוף פון איר ערשטן אַקט, די דעגראַדאַציע פון דעם „יידישן שפּיאָן״, וואָס ביי איר פּראָצעדור איז אין דר. הערצלס נשמה פאָר־געקומען דער פּלוצימדיקער איבערבראָך, אין זיין אַסימילאַטאָרישן לעבנס־בליק.

אין דעמזעלבן יאָר 1895, אין פרי־זומער, איז אַרויס זיין שריפט: „דער יודנשטאַאַט״, אין וועלכער עס ווערט געגעבן אַ ריין טעריטאָרי־אַליסטישער ענטפער אויף דער יידנפראַגע: אַן אייגן יידיש לאַנד, וואו דאָס זאָל ניט זיין; פּאַלעסטינע, צי אַרגענטינע. אָבער באַלד האָט זיך אויך ביי דר. הערצלען דער טעריטאָריאַליזם אָפּגעקלערט אין אַ ריין פּאַלעסטינישן זין. און אין אויגוסט 1897 איז שוין פון אים צונויפ־גערופן געוואָרן אין באַזעל אַ אַלוועלטלעך־יידישער קאָנגרעס, וואָס האָט פאַרוואַנדלט דעם פּאַלעסטינאָפּילנטום אין דעם „ציוניזם״ און האָט אויפגעהויבן די באַוועגונג אין יענער טעריטאָריאַליסטישער הויך, וואָס איז געווען אָנגעצייכנט אין דר. פּינסקערס „אויטאָ־עמאַנסיפּאַציאָן״ פון דעם יאָר 1882.

די פופצן יאָר, וואָס זיינען אַריבער צווישן פּינסקערס ערשטן רוף און הערצלס ערשטן באַזעלער קאָנגרעס, האָבן באַשאַפן פאַר הערצלס אידייען אַ סך אַ גרעסערן, הילכיקערן רעזאָנאַנס־באָדן, איידער דאָס האָט געהאַט דר. פּינסקער. אי די קעגנערשאַפט אַנטקעגן אונדזער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט אויף אַן אייגענער טעריטאָריע איז געוואָרן אַ שאַרפערע, אי צו די אָנהענגער פון אַט דעם אידעאַל האָבן זיך גענומען ציען מענטשן, וואָס וואָלטן פאַר הערצלס „יידנשטאַאַט״ אפילו אסור געחלומט וועגן אַזאַ שטעלונג אין דער יידנפראַגע.

דר. הערצלס ציוניזם האָט געהאַט אַנטקעגן זיך אי די אַלטע אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן דערשפּירט, אַז דאָס וועט אויפן שאַרפסטן אופן, פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט אָפּגעלייקנט ווערן זייער „אני מאמין״, אַז יידן זיינען ניט קיין „נאַציע״, נאָר אַ רעליגיעזע קהילה, און אַז עס וועט אָרגאַניזירט ווערן אַ קאַמף אַנטקעגן אים אויף אַן אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב; אי יענע טיילן פון דער אַלטער אָרטאָ־דאָקסיע, וואָס האָבן געזען אין דעם ציוניזם דעם שאַרפסטן אָנגריף אויף דעם גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכער גאולה; אי די „אחד־העמיסטן״, וואָס האָבן מיט רעכט געקאָנט מורא האָבן, אַז די נייע

באַוועגונג וועט ווידער אַרויסרוקן אויף דעם ערשטן פּלאַן די יידנ־פראַגע, די „שאלת היהודים“, און דערמיט אַפּרוקן אַן אַ זייט אָדער איבגאַנצן פאַרטונקלען די „יידנטום־פראַגע“, די „שאלת היהדות“; אי יענע גרופּן, וואָס האָבן זיך גענומען פאַרמירן אונטער דער פאָן פון דעם מזלות־נאַציאָנאַליזם.

דער הערצליאַנישער ציוניזם האָט אין דעם ערשטן באַזעלער קאָנגרעס געטריאומפירט איבער אַט די אַלע קעגנער. ער איז אַרויס מיט אַ „טרומף“־קאָרט, וואָס איז ניט געווען אַזוי גרינג צו שלאָגן: די יידישע פולע נאַציאָנאַלע באַפרייאונג זאָל אָנגעשטרעבט ווערן ניט נאָר מיט די מיטלען פון דער אייגענער יידישער טעטיקייט, „דער אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע“, נאָר אויך — און דער עיקר — אויף דעם וועג פון דער אַלוועלטלעכער פּאָליטיק. די יידנפראַגע איז ניט נאָר אַן אינע־ווייניקסטע יידישע פראַגע, נאָר אויף אַ פּלאַג פאַר די פעלקער, צווישן וועלכן יידן וואוינען. עס ליגט אויך אין זייערע אינטערעסן די יידישע פראַגע זאָל פאַרענטפערט ווערן דורך דער עמיגראַציע פון די יידן אין אַן אייגן יידיש לאַנד. קאָן מען דעריבער רעכענען אויף זייער הילף. דורך דעם דרוק פון פּאָליטישע מאַכט־פאַקטאָרן זאָל ביי דעם טערקישן סולטאַן אויסגעווירקט ווערן אַ „טשאַרטער“ אויף דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, וואו אונדזער פאָלק זאָל זיך איינאָרדענען אויף אויטאָנאָם־נאַציאָנאַלע יסודות. דער לעצטער פונקט האָט געהאַט אַ היפּש־רעאַלע אויסזיכט פאַר זיך, ווייל דאָס יידישע לעבן אין טערקיי איז שוין פון לאַנג־אָן געווען געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. איצטער דאַרף מען אָבער אויך פאַר־לאַנגען, אַז יענע אויטאָנאָמע יסודות זאָלן גאַראַנטירט ווערן אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך, כדי אויף אַזאַ אופן צו פאַרזיכערן די פרייע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק אין זיין אייגענעם היס־טאָרישן לאַנד.

אַזוי אַרום האָט דער הערצלשער פּאָליטישער ציוניזם ניט נאָר אויפגעהויבן די פּאַלעסטינאָפילישע באַוועגונג אויף איר פריערדיקער טעריטאָריאַליסטישער הויך אין פינסקערס געדאַנק, נאָר האָט אויך אָנגעצייכנט דעם פּראַקטישן וועג, ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן אים אויף דעם גרעסט־מעגלעכן מאַסשטאַב. די ניי־געשאַפענע אַלוועלטלעכע ציוני־סטישע אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפט אויסגעבויט ווערן, ווי דער אינסטרומענט, וואָס דאַרף דורכפירן אונדזער פולע נאַציאָנאַלע באַ־פרייאונג.

אַ באַרוישנדיקע אויפגאַבע און אַ באַרוישנדיקע אויסזיכט! עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס שוין דער ערשטער באַזעלער קאָנגרעס האָט צוגעצויגן צו זיך מענטשן אַפילו פון יענע לאַגערן, וואָס זיינען, לויט זייער מהות, אַבסאָלוט פיינטלעך דעם נאַציאָנאַל־יידישן געדאַנק: געוועזענע בירגערלעכע אַסימילאַטאָרן, סאָציאַליסטישע קאָסמאָפּאָליטן, יע, אַפילו אַזעלכע אַנאַרכיסטיש־געשטימטע ראַדיקאַלן, אַ בערנאַר לאַזאַר *).

די מאַיאָריטעט פון דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז באַשטאַנען פון רוסלענדישע און עסטרייכישע פּאַלעסטינאָפילן, וואָס זיינען בדרך כלל געווען אָנגעזאַפּט מיט דעם אחד־העמיסטישן גייסט. אָבער פון יענעם גייסט איז כמעט קיין שפור ניט געווען צו מערקן אין די פאַרהאַנדלונגען און באַשלוסן פון דעם קאָנגרעס. מען קאָן זאָגן: ער

*) פון די מיר פּערזענלעך באַקאַנטע רוסיש־יידישע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן קאָן איך אָנרופן נאָר צוויי, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן ווי דעלעגאַטן צו דעם ערשטן באַזעלער קאָנגרעס: דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט געליס און די אומפּאַרטייאישע סאָציאַליסטין, — מיט אַ נייגונג, צו „גלות־נאַציאָנאַליזם״, — מאַריאַשע ריינוס, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַ זייער חשובע ראָליע אין די בונדישע קרייזן. פאַר איר, ווי מסתמא פאַר נאָך אייניקע אַנדערע, איז דער ערשטער באַזעלער קאָנגרעס געווען אַ טרעפל, וואָס האָט זיי אַרויפגעפירט צום „בונד״, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין דעמזעלביקן יאָר 1897. אויך דער שרייבער פון אָט די שורות האָט זיך באַטייליקט אין דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. איך האָב מיך פאַרשריבן ניט ווי אַ דעלעגאַט, נאָר ווי אַ זשורנאַליסט, בין אָבער געווען טעטיק אין דער פאָר־קאָנפערענץ פון די רוסלענדישע דעלעגאַטן אונטער דעם פּאָרזיץ פון קאַהאַן־בערנשטיין (דעם ברודער פון דעם נאַראָדאָוואָלישן מאַרטירער). אויף יענער פאָר־קאָנפערענץ האָב איך געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל זיך גרינדען ווי אַ ליגע, צו וועלכער עס זאָלן קאָנען צושטיין אָנהענגער פון אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען אין דעם יידישן לעבן, אויב זיי זיינען מסכים מיט דעם ציוניסטישן ענד־ציל. דער ציוניזם זאָל אָבער בשום אופן זיך ניט קאָנסטיטואירן, ווי אַ באַזונדער פּאָליטישע פּאַרטיי. וואָלט אָט דער פאָרשלאַג אָנגענומען געוואָרן, וואָלט איך מיך פאַרשריבן ווי אַ דעלעגאַט. די רוסלענדישע פאָר־קאָנפערענץ האָט אָבער דווקא געוואָלט האָבן אַן אייגענע ציוניסטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל אַרויסטרעטן אין קאַמף אַנטקעגן אַלע אַנדערע יידישע פּאַרטייען און ריכטונגען אין דעם יידישן לעבן. עס איז הערין געלעגן די קאָנסעקווענטע אָפּלייקענונג פון אַ פּאָליטישער און אַ רעוואָלוציאָנערער יידישער אַרבעט פאַר די לעבנס־נויטן פון די יידישע מאַסן אין די גלות־לענדער. דאָס האָט מיך, ווי אויך אַנדערע יידישע סאָציאַליסטן, געטריבן אין דעם לאַגער פון די פאַרביטערטע שונאים פון דעם „פּאַלעסטיניזם״ אויך אין זיין ציוניסטישער געשטאַלט. געליס און ריינוס האָבן זיך באַלד נאָך דעם קאָנגרעס אָפּגעטרייסלט פון דער נייער אָרגאַניזאַציע.

איז געווען די פולסטע אַפּלייקענונג און אַבסאָלוטע פּאַרוואַרפונג פון דעם אחד־העמיזם.

די וויכטיקסטע אַריינפירנדיקע רעדעס, וואָס האָבן אָנגעשלאָגן דעם גרונט־טאָן פאַר די פּאַרהאַנדלונגען, האָבן גערעדט, — און ווי באַצויבערנד־שיין גערעדט, — וועגן דער יידנפראַגע, וועגן דעם אַנטי־סעמיטיזם און דער „יידן־נויט“, וועגן דער וויסטקייט, שעדלעכקייט און אומפּרוכפּערקייט פון די אַסימילאַטאָרישע אידעאַלן. ערגעץ האָט זיך אין זיי ניט דורכגעריסן דער אחד־העמיסטישער „אני־מאמין“, אַז דער עיקר פון דער יידישער ווידערגעבורט איז ניט דער ענטפער אויף דער „יידנפראַגע“! אַז אין פּראָגנט מוז אַרויסגערוקט ווערן די „יידנטום־פראַגע“. נאָר אין דר. נ. בירנבוימס רעפעראַט האָט זיך דורך אַ גרינגן נעפּל דורכגעלויכטן די גייסטיקע זייט פון דעם יידישן פּראָבלעם, דער צוריקקער ניט נאָר אין אונדזער אַלט לאַנד, נאָר אויך אין אונדזער אַלטער גייסטיקער וועלט, אין דעם סאָציאַל־עטישן וועלט־באַנעם פון אונדזערע גרויסע נביאים. אָבער אויך אָט דער שטאַנדפּונקט, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם ענטוזיאַזם פון די יינגערע דעלעגאַטן, איז אַנטוויקלט געוואָרן ניט אין קעגנזאַץ צו דעם ריינעם טעריטאָריאַליזם, — צו דעם אידעאַל פון אַן אייגענעם לאַנד פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק פון גאָר דער וועלט, — נאָר ווי אַ דערגאַנצונג צו אים.

און נאָך שאַרפער איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען די נייע ליניע פון דעם פּאָליטישן ציוניזם מיט יענע פּראַקטישע פּרינציפּן, אויף וועלכע עס איז געווען געבויט די פּאַלעסטינאָפילישע באַוועגונג, אַ דורכגעזאַפּטע מיט די אידייען פון אַן אחד העם. פאַר איר איז וויכטיק געווען אַן אָפּגעקליבענע עמיגראַציע פון מענטשן, וואָס זאָלן געבן דעם מאַטעריאַל פאַר אויסגעשטאַלטונג פון דעם יידישן „אויבער־פאָלק“. זי האָט זיך דעריבער ניט געקוואַפּעט דוקא אויף אַ גרויסער מאַסן־עמיגראַציע, וואָס וואָלט לייכטער געמאַכט די יידישע לאַגע אין רוסלאַנד און רו־מעניע. זי איז געווען צופרידן מיט אַ רעגלמעסיקער און פּלאַנמעסיקער קליין־קאָלאָניזאַציע, וואָס זאָל ביסלעכווייז געבן דעם נויטיקן באַזיס פאַר אַ „מרכז רוחני“. דר הערצל איז אָבער געווען אַן אַבסאָלוטער קעגנער פון דעם גאַנצן אחד־העמיסטישן פּירוש אויף דעם פּאַלעסטיניזם. דעריבער — אויך אַ קעגנער פון יעדער עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, איידער עס איז פּאָליטיש פאַרזיכערט געוואָרן דאָס רעכט פון דעם יידישן פאָלק אויף זיין לאַנד. און נאָך וויכטיקער תכלית האָט ער געקאָנט דערבליקן פאַר דער פאַרענטפערונג פון דער יידנפראַגע אין

דער קליין־קאָלאָניזאַציע אונטער דער אַבסאָלוטער, מיט קיין זאַך ניט איינגעגרענעצטער הערשאַפט פון דעם טערקישן סולטאַן. גאַנץ אַנדערע פּערספּעקטיוון האָבן זיך געטראָגן פאַר זיין גייסטיקן בליק. מיר ווילן, — האָט ער איינמאָל געזאָגט, — יעדע יידישע קהילה אַרויסנעמען „מיט די וואָרצלען״ פון די גלות־לענדער און זי אַריבערטראָגן און פאַר־פלאַנצן אין דעם אייגענעם לאַנד. אין דער ערשטער צייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז דער אחד־העמיזם פון די פּאַלעסטינאָפילן אַזוי ווי פאַרשטומט געוואָרן. דער איינציקער, וואָס האָט געשטורעמט אַנטקעגן דער נייער ריכטונג, איז געווען אחד־העם אַליין, וואָס האָט אָבער ניט געקאָנט גובר זיין דעם נייעם שטראָם. באַלד האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַן אינעווייניקסטער קאַמף צווישן דעם אחד־העמיזם און דעם פּאָליטישן ציוניזם אין דער ציוניסטישער באַוועגונג גופא, — דער עיקר, ווען עס האָבן זיך גענומען אַרויסווייזן די שוועריקייטן פון דעם הערצלשן פּאָליטישן וועג.

וועגן זיינע פּאָליטישע פּלענער, ווי אַזוי צו באַקומען דעם גע־האָפטן טשאַרטער, איז דר. הערצל געווען זייער קאַרג אין דערקלערונגען. „פּאָליטיק״ האָט ער פאַרשטאַנען אין דעם פּרימיטיוון זין פון די אייראָפּייאישע קאַבינעטן פאַר אויסלענדערשע ענינים, ד. ה. אין דעם זין פון דיפּלאָמאַטיע, פון געווינען מעכטיקע רעגירונגען, וואָס זאָלן אויסאיבן אַ דרוק אויף דער טערקישער רעגירונג.

מיר מוזן איצטער מודה זיין, אַז אַפילו דער וועג פון אַזאַ ענג־פאַרשטאַנענער פּאָליטיק איז געווען ניט קיין אַבסאָלוט־אוטאָפּישער. שווער צו גלויבן, אַז ווען אַלע איינפלוסרייכע כוחות פון דעם יידישן פאָלק, — זיינע פינאַנסיסטן, זיינע פּאָליטיקער, זיינע גייסטיקע שאַפער אויף אַלע פעלדער פון דער מאָדערנער קולטור, — וואָלטן צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג, — שווער צו גלויבן, זאָג איך אַז זיי וואָלטן ניט געקאָנט פאַראינטערעסירן אַ פּאָר גרויסמאַכטן, אַריינצוואַרפן זיך אין דעם ענין און אויסווירקן דעם נויטיקן טשאַרטער ביי דעם סולטאַן וואָס איז אגב געווען זייער להוט נאָך אַ היפשער סומע פון דעם קליב־גענדיקן מעטאַל *).

*) צו אַ געוויסער צייט איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז די טערקישע רעגירונג איז מרוצה געווען צו געבן די ציוניסטן דעם טשאַרטער פאַר דעם פּרייז פון הונדערט מיליאָן פראַנק (בערך אַ צוואַנציק מיליאָן דאָלאַר אין יענער צייט). הערצל האָט זיך מיט אָט דעם אָנבאָט געווענדט צו די ראָטשילדס. האָט מען אים געענטפערט: „ברענגט דעם טשאַרטער, וועלן מיר אייך געבן דאָס געלט״. איז ער מיט דעם ענטפער

אָבער קיינער פון די „גדולי ישראל", פון אונדזערע „אנשי השם", וואָס האָבן געקאָנט שפּילן אַן ערנסטע ראָליע אין הערצלס דיפּלאָמאַטישע חשבונות, זיינען ניט צוגעשטאַנען צו אים, און ניט אַ קליינע צאָל זייערע האָט אים דירעקט געשטערט, וואו זיי האָבן נאָר געקאָנט. דר. הערצל האָט זיך געוואָרפן, ווי אַ פיש אין אַ נעץ. די גאַנצע „פּאָליטישע אַרבעט" איז געלעגן אויף אים אַליין און אויף יענע צופעליקע מענטשן, וואָס האָבן אים פון צייט צו צייט געהאָלפן „עפענען אַ טיר", ווי דאָס האָט, צ. ב., געטאָן דער פּראָפעסאָר וואַמבערי, וואָס האָט אים צונויפגעפירט מיט דעם טערקישן סולטאַן. אונטער אַזוינע אומשטענדן זיינען שוין געווען אַ גוזמא יענע עטאַפּן, וואָס דר. הערצל האָט דערגרייכט אויף זיין דיפּלאָמאַטישן וועג: די פאַרבינדונגען מיט דעם גרויס-הערצאָג פון באַדען, די אַודיענציעס ביי דעם סולטאַן, דעם דייטשן „קאַיזער" און — שפּעטער ביי דעם ניט-געקרוינטן „צאַר" איבער רוסלאַנד, דעם צורר היהודים פּאָן-פּלעווע.

און וואָס שווערער עס איז געוואָרן דער פּאָליטישער וועג, אַלץ תקיפער איז געוואָרן ביי זיך דער אחד-העמיסטישער, חובב-ציונדיקער עלעמענט אין דער באַוועגונג, וואָס האָט מיט דער צייט אַרויסגעריסן ביי הערצלען איין קאָנצעסיע נאָך דער אַנדערער. אמת, יענע קאָנצעסיעס זיינען געווען פון אַ ריין-אידייאישן כאַראַקטער און האָבן ניט אָנגערירט דעם תוך פון הערצלס טעריטאָריאַליזם. אָבער מיר האָבן גענוג גרונט צו גלויבן, אַז דר. הערצל וואָלט ביסלעכווייז, שריט נאָך שריט, אָפּגעטראָטן פון זיינע גרויסע פּלענער, און, ניט אויפגעבנדיק דעם טעריטאָריאַליזם און די „גאולה שלימה", ווי אַ האָפענונג פאַר דער ווייטער צוקונפט, לסוף מסכים געווען אויף יענער פּראַקטישער אַרבעט, וואָס האָט זיך אין עניוותדיקע מאָסן געפירט אין ארץ-ישראל. דאָס וואָלט גריילעך געקאָנט געשען, ווען די געשיכטע וואָלט אונדז ניט אונטערגערוקט דעם קישינעווער פּאָגראָם פון 1903, וואָס האָט ווידער אַזוי בוילעט אַרויסגערוקט אין פראָנט די יידנפראַגע, און ענגלאַנדס פאָרשלאַג, צו באַזעצן יידן אין אַ טייל פון איר אַפריקאַנישן פּראָטעקטאָראַט, אוגאַנדע, אויף נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע יסודות. דאָס האָט

---

געלאָפן צוריק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. האָט מען אים געזאָגט: „ברענגט דאָס געלט, וועלן מיר אייך געבן דעם טשאַרטער". און נאָך אַזוינע אומפרוכפּערע אַרומלויפעניש פון צד צו צד איז זיך דער שידוך פאַנאַנדערגעגאַנגען... סי נאָן ע ווערא, ע בען טראָוואטא, ווי אַ באַלייכטונג פון דעם, וואָס מען האָט דעמאָלט פאַרשטאַנען אונטער „פּאָליטיק" און „אַ פּאָליטישן וועג".

ווידער אָפּגעפרישט די טעריטאָריאַליסטישע גרונט־שטרעבונג פון דעם ציוניזם, האָט אָבער לסוף אויפסניי ברעגענדיק געמאַכט די פראַגע: „אַ לאַנד, אָדער „דאָס" לאַנד?"

דער ענגלישער אוגאַנדע־פּראָיעקט איז ניט געווען געמיינט, ווי די באַשאַפונג פון אַן אייגענעם לאַנד פאַר אַלע יידן פון דער וועלט. שוין דער אַנגעבאָטענער שטח (אַ זעקס טויזנט קוואַדראַט מייל) האָט דייטלעך גערעדט, אַז דאָס קאָן זיין אַ ישועה ניט מער ווי פאַר אַ באַדייטנדיקן טייל פון יענע מאַסן, וואָס זיינען געצוואונגען צו עמי־גרירן פון די מזרח־איראָפּיאישע לענדער. אָבער עס קאָן אין אונדזערע אויגן גאָר קיין ברעקל ספק ניט זיין, אַז אויב די יידישע קאָלאָניזאַציע פון אוגאַנדע וואָלט געווען דערפאָלגרייך און אויב אַלע אַנדערע אומ־שטענדן — גינסטיק פאַר איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, וואָלט מצד ענגלאַנד ניט געווען קיין מניעה אויסצוברייטערן די גרענעצן פון דעם יידישן לאַנד אין אַ מאָס, אַ נויטיקער פאַרן גאַנצן פאָלק.

דער אוגאַנדע־פּראָיעקט איז געווען דער ערשטער ערנסטער אָנבאָט פון אַ יידישער טעריטאָריע, אַן אויסזיכט־רייכער פּלאַן, ווי אַזוי ראַדיקאַל צו פאַרענטפערן די יידישע פראַגע. אין וועג זיינען אים געשטאַנען ניט קיין טעכנישע, פינאַנציעלע אָדער פּאָליטישע אוממעגלעכקייטן. נאָר ריין היסטאָרישע אומשטענדן פון דעם יידישן לעבן: דער קליינער שטח, וואָס דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער געדאַנק האָט פאַרנומען אין דעם באַוואוסטזיין פון די פאָלקס־מאַסן, און דער איבערוואָג, וואָס דער אַחד־העמיסטישער געדאַנק האָט אין יענעם קליינעם שטח געהאַט איבער דעם ריין־טעריטאָריאַליסטישן דענקען.

עס איז ניט אינגאַנצן קלאָר דר. הערצלס אייגענע שטעלונג צו דעם ענגלישן אָנבאָט. אויף דעם באַזעלער קאָנגרעס פון 1903 איז הערצל געקומען מיט צוויי וויכטיקע אָפיציעלע דאָקומענטן, — די ערשטע ערנסטע פרוכטן פון זיינע דיפּלאָמאַטישע באַמיאונגען: דעם אוגאַנדע־אָנבאָט פון דעם ענגלישן קאָלאָניאַל־אָפּיס און דעם בריוו פּלעווּעס, אין וועלכן דער רוסישער מיניסטער זאָגט צו זיין הילף — אויסצוואווירקן דעם טשאַרטער אויף ארץ־ישראל. די דאָזיקע הילף איז אָבער געווען פאַרבונדן מיט אַ געהיימן תנאי: דר. הערצל זאָל פועלן ביי די יידישע רעוואָלוציאָנערן, זיי זאָלן אָפּשטעלן דעם קאַמף אַנטקעגן דעם רוסישן צאַריזם *).

---

*) איך ציטיר דאָ די וואָרטלעכע מיטטיילונג פון דר. הערצל, וואָס ער האָט מיר, בעתן קאָנגרעס, געמאַכט אין אַ פּריוואַט־אונטעררעדונג, צוליב וועלכער ער

עס לייגט זיך איצטער אויפֿן שכל, אַז דר. הערצל וואָלט גריילעך האָבן געוואָלט אויסנוצן זיינעביידע דערגרייכונגען אין די אינטע־רעסן פֿון אונדזער פֿאָלק: אַוועקלייגן דעם פֿונדאַמענט אי פֿאַר דעם אייגענעם יידישן לאַנד אין ארץ־ישראל, אי פֿאַר אַ קאָלאָניאַל־לאַנד אין אַפֿריקע, צוליב דער אין לעבן אָנגעוואַקסענער נויט אין אַ יידישער עמיגראַציע, וואָס האָט געמוזט באַדינט ווערן אויפֿן שטעל.

פֿאַר אָט די ביידע דערגרייכונגען איז אָבער ניט באַשערט געווען קיין לאַנגער לעבן. פֿאָן פּלעוועס פּוקסן־פּלאַן, אויסצונוצן דר. הערצלען, כדי אַריינצוטראָגן אַ צעטומלעניש און אַ דעמאָראַליזאַציע אין דעם לאַגער פֿון די יידישע רעוואָלוציאָנערן, האָט געפּלאַצט תיכף, ביי דעם ערשטן שריט, צו פֿאַרווירקלעכן אים: נאָך דעם קאָנגרעס האָט שוין דר. הערצל, אויף וויפֿיל מיר איז באַקאַנט, ניט געמאַכט קיין איין שריט אין דער אויסנוצונג פֿון פֿאָן־פּלעוועס פֿאָרשלאָג. און דער אוגאַנדע־פּראָיעקט האָט געפֿונען אַנטקעגן זיך אַ ביטערע קעגנערשאַפֿט מצד יענע ציוניסטן, וואָס פֿאַר זיי איז דער געדאַנק פֿון אַן אייגענעם לאַנד פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק קיינמאָל ניט געווען זייער אידעאַל; פֿאַר ווּעמען דער ווידעראויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל איז געווען אַ ראָמאַנטישער שטרעבן, צו פֿאַרווירקלעכן אַ „היסטאָרישע מיסיע": צונויפֿזאַמלען אָפּגעקליבענע טיילן פֿון אונדזער פֿאָלק דווקא אויף זיין היסטאָרישן לאַנד, כדי אויסצובויען פֿון זיי אַן אויבער־פֿאָלק און אַן אויבער־קולטור אין דער היסטאָרישער שפּראַך.

אַלץ, וואָס דר. הערצלען האָט זיך איינגעגעבן אויף יענעם קאָנגרעס, איז געווען דער באַשלוס צו שיקן אַן עקספּעדיציע, וואָס זאָל אויס־פֿאָרשן דאָס אוגאַנדע־לאַנד. און אויך דאָס האָבן פֿילע פֿאַרשטאַנען ווי אַ טאַקטישע מאַנעוורע, כדי ניט איבערצורייסן די פֿאַרבינדונגען מיט

האָט מיך טעלעגראַפֿיש אַרויסגערופֿן קיין באַזעל: „איך קום איצטער פֿון פֿאָן־פּלעווען. איך האָב דעם פּאָזיטיוון פֿאַרבינדלעכן צוזאָג פֿון אים, אַז ער וועט אין מאַקסימום פֿופֿצן יאָר אויסווירקן אַ טשאַרטער אויף פּאַלעסטינע. דאָס איז אָבער פֿאַרבונדן מיט איין תנאי: די יידישע רעוואָלוציאָנערן זאָלן אָפּשטעלן זייער קאַמף אַנטקעגן דער רוסישער רעגירונג. באַם (אין פֿאַל) אין פֿופֿצן יאָר פֿון דעם אָפּמאַך וועט פֿאָן־פּלעווע ניט אויסווירקן דעם טשאַרטער, זיינען זיי ווידער פֿריי צו טאָן, וואָס זיי געפֿינען פֿאַר נויטיק". פֿאַר די זייער אינטערעסאַנטע פּרטים פֿון יענער אונטערדעדונג שיק איך אָפּ צו מיין באַריכט וועגן איר: „איניקע שעה מיט דר. טעאָדאָר הערצל". מיינע „געזאַמלטע שריפֿטן", באַנד 7, ז. 7 ביז 40: די ציטאַטע איז פֿון ז. 12.

ענגלאַנד און האַלטן זי פאַראינטערעסירט אין דעם ציוניסטישן פּראָב־לעם *). די ראָמאַנטישע ציוניסטן האָבן מיט אַ ריכטיקן חוש געשפּירט, אַז אויב עס זאָל זיך אָנהויבן אַן ערנסטע דערפאָלגרייכע קאָלאָניזאַציע אין אוגאַנדע, פאַרלירט דעמאָלט די ארץ־ישראל־פראַגע יענעם אויבנאַן אין דער יידישער עפנטלעכקייט, וועלכן דער הערצלשער פּאָלי־טישער ציוניזם האָט אים פאַרשאַפט.

אַ דאַנק דעמזעלביקן ציוניזם, וואָס האָט ווידער אויפגעלעבט דעם טעריטאָריאַליסטישן אידעאַל, זיינען אָבער אַריין אין דער באַ־וועגונג עלעמענטן, ביי וועמען די ארץ־ישראל ראָמאַנטיק איז געשטאַנען אויף דעם צווייטן פּלאַן, פאַר וועמען דער עיקר פון דעם גאַנצן ענין איז געלעגן אין דער רעטונג פון דעם פאָלק דורך דער עמיגראַציע אין אַן אייגן לאַנד. פאַר זיי איז באמת ניט געווען קיין נפקא מינה, וואו דער טעריטאָריאַליזם זאָל געאָגראַפיש פאַרווירקלעכט ווערן. פאַר זיי איז געווען די הויפּט זאַך „אַ לאַנד", ניט „דאָס לאַנד". דער אוגאַנדע־פּראָיעקט האָט זיי באַוויזן בחוש, אַז אָט דער געדאַנק קאָן פאַרווירקלעכט ווערן מיט דער הילף פון אַ רעגירונג, וואָס האָט אומבאַזעצטע לענדערייען, פּאַסיקע פאַר אַ מאָדערנער קאָלאָניזאַציע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. אָט די ריין־טעריטאָריאַליסטישע עלעמענטן האָבן געשטימט פאַר דער עקספּעדיציע קיין אוגאַנדע, אין דער פולער האָפענונג, אַז זי וועט ברענגען אַ גינסטיקן באַריכט און אַז דער טעריטאָריאַליסטישער אידעאַל וועט אַריינטרעטן אין דער פאַזע פון זיין פאַרווירקלעכונג.

די פראַגע: „אַ לאַנד, אָדער דאָס לאַנד", איז געוואָרן די ברענענ־דיקסטע אין דער ציוניסטישער עפנטלעכקייט, וואָס האָט פאַנאַנדער־געשפּאָלטן די באַוועגונג אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן: די „ציוני־ציון", וואָס האָבן פון קיין אַנדער לאַנד ניט געוואָלט וויסן, אַ חוץ ארץ־ישראל, און די „טעריטאָריאַליסטן", וואָס אייניקע פון זיי האָבן זיך, אין דער היץ פון דער פּאָלעמיק, דערגעדט צו דעם אַבסורד: „יעדעס אַנדער לאַנד, אַבי ניט ארץ־ישראל".

און ווען, אויף דעם זיבעטן באַזעלער קאָנגרעס פון 1905, — שוין נאָך הערצלס טויט, — האָט די מאַיאָריטעט פון דעם קאָנגרעס ניט נאָר אָפּגעוואָרפן דעם אוגאַנדע־אָנבאָט, נאָר אויך פאַרוואָרפן יעדע טעריטאָריאַליסטישע שטרעבונג, ווייל זי גייט להיפּוך צו דעם ציוניסטישן

*) פאַרגלייך וועגן דעם דר. הערצלס דערקלערונגען אין דער אויבן־ציטירטער שריפט, ז. 27 און 28.

פּראָגראַם, און האָט, ווי אַ הנחה צו די טעריטאָריאַליסטן, פאַרענדערט די אַלטע ציוניסטישע פאָרמולע וועגן ארץ־ישראל מיט דעם צוגאָב: „און די שכנישע לענדער“, איז פאַר די טעריטאָריאַליסטן ניט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג, ווי אַרויסצוטרעטן פון דער ציוניסטישער פאַרטיי און גרינדן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע מיט זאַנגווילן בראש, וואָס האָט באַלד צוגעצויגן צו זיך וויכטיקע יידישע טוערס, סיי ענגלישע, ווי לוסיען וואָלף, סיי אַמעריקאַנישע, ווי אָסקאַר שטראַוס און סולצבערגער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לענדער־זוכעניש: מעסאָפּאָטאַמיע, קירענאַאיקאַ, אַנגאָלאַ און נאָך אַנדערע לענדער זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין באַטראַכט. עס האָט זיך גערעדט וועגן טעקסאַס אין די שטאַטן און וועגן אַלבערטאַ אין קאַנאַדע. אין דערזעלביקער צייט איז אָנגעגאַנגען דער הייסער קאַמף אין דער יידישער עפנטלעכקייט צווישן די ציוניסטן און די טעריטאָריאַליסטן. אָבער אָט די אַלע רייד און אָט די אַלע קאַמפן האָבן מיט יעדן יאָר אַלץ מער און מער פאַרלאָרן אין זייער אימפּעט. ביידע באַוועגונגען — די ציוניסטישע און די טערי־טאָריאַליסטישע, — זיינען אַריין אין אַ פּעריאָד פון ירידה. ביידע אָקרעטנטן האָבן זיך אַרומגעוויגט אויף איין אָרט, אָן אַן אויסזיכט, ווען עס איז צו דערגרייכן זייערע האָפנס. דעם ווינט פון זייערע לייוונטן האָבן אַרויסגענומען די רוסישע רעוואָלוציע פון די יאָרן 1906—1907 און דער כמעט לעגענדאַרישער אויפבלי פון דעם נייעם ישוב אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך גענומען פאַרמערן מיט אַן עמי־גראַציע פון די מזרח־לענדער אין די הונדערטער־טויזנטער אַלע יאָר.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט ניט נאָר רעוואָלוציאָניזירט די גרויסע יידישע מאַסן מיט דער אַרבעטערשאַפט בראש, נאָר האָט אויך צו אַ גרויסן טייל זי נאַציאָנאַליזירט. די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, וואָס איז ביז אַהער באַשטאַנען נאָר פון די „בונדיסטן“ און פון אייניקע אומבאַדייטנדיקע אַנדערע גרופּירונגען, האָט זיך פולשטענדיק פאַר־מערט מיט נייע באַטאַליאָנען, וואָס האָבן גענומען אַ טעטיקן אנטייל אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף: די „פּועלי־ציון“, „די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן“, די „יידיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פאַרטיי“ („סיי־מיסטן“), די יידישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. זיי אַלע, — אינאיינעם מיט דעם „בונד“, — האָבן אין דער ערשטער צייט גענומען וואַקסן, ווי אויף הייוון. זייערע אָנהענגער האָבן זיך געציילט אין די צענדליקער טויזנטער. און ביי זיי, ביי אַלעמען, איז אין דעם פאָדער־גרונט געשטאַנען דער קאַמף אַנטקעגן דעם צאַריזם. און ביי זיי, ביי

אַלעמען, האָבן אַן אַלץ גרעסערע ראָליע גענומען שפּילן די אידייען און האָפענונגען פון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם. אַפילו די בירגערלעך־ציוניס־טישע פּאַרטיי, אָדער די „אַלגעמיינע״ ציוניסטן, האָבן אין יענער צייט געפונען פאַר נויטיק אויפצוגעבן זייער אַבסאָלוט נעגאַטיווע שטעלונג צו דעם גלות־לעבן, און אויך דער „בונד״ האָט גענומען ערנסטער רעדן וועגן אַ קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די יידן אין רוס־לאַנד, פּוילן און ליטע.

די געוואַלטיקע עמיגראַציע אין אַמעריקע האָט אין איר שטראָם געטראָגן אַ היפּשן טייל פון אָט די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וואָס האָבן דאָ אין לאַנד געהאָלפן בויען אַן אייגנאַרטיק יידיש לעבן, מיט אַ שטאַרקער אייגענער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט פאַרשיידנאַרטיקסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס, מיט אַ שטאַרק־פאַרשפּרייטער פּרעסע, מיט פאַנאַנדערגעבליטע טעאַטער־אינסטיטוציעס, מיט אַן אויפגעוואַכטן גייס־טיקן לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין דעם געדרוקטן וואָרט, נאָר אַ סך מער אין דעם גערעדטן: אויף לעקציעס, פאַר־זאַמלונגען, מאַס־מיטינגען, עפנטלעכע דעבאַטן, פאַרשיידענע קאָנפע־רענצן און קאָנגרעסן.

דער גרונט־אינטערעס אין אָט די אַלע ברויזנדיקע לעבנס־אַרויסווייזן פון אונדזער פאָלק איז אָבער בשום אופן ניט באַשטאַנען אין אַ וועלכן עס איז שטרעבן צו אַן אייגענעם לאַנד. די טעריטאָרי־אַליסטן, — סיי פון דעם פּאַלעסטינישן, סיי פון דעם ריין־טעריטאָרי־אַליסטישן חדר, — זיינען דאָ ביז צו דער קריגס־צייט געווען גאַנץ קליינע מינאָריטעטן. די יידישע טעטיקייט איז דאָ ביז איבערן קאָפּ געווען פאַרנומען מיט די אָרטיקע אינטערעסן פון דעם יידישן לעבן: עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, קולטורעלע, סאָציאָלע. אויב עס האָט פון צייט צו צייט הילכיק דורכגעקלונגען אין דער יידישער גאַס אַ קאָנסעקווענט נאַציאָנאַליסטישע שטים, איז דאָס געווען די שטים פון דעם סאָציאַליס־טישן גלות־נאַציאָנאַליזם.

דאָס פּראָבלעם פון אַן אייגענעם יידישן לאַנד איז ווידער פאַר־בלאָסט געוואָרן אין דער יידישער עפנטלעכקייט. דער ציוניזם האָט זיך אַלץ מער איינגעשלאָסן אין די ענגע דלד אמות פון דעם אַחד־העמיזם און פון דער קליין־קאָלאָניזאַציע וואָס האָט ניט געקאָנט אַרויס־רופן קיין ברעקל ענטוזיאַזם ביי די מאַסן. דער בירגערלעכער טערי־טאָריאַליזם האָט ניט געמאַכט קיין איין שריט פאָרויס. זיין אָרגאַניזאַציע האָט גענומען פאַנאַנדערפאַלן; און די סאָציאַליסטישע טעריטאָריאַליסטן

זיינען געוואָרן אַלץ מער און מער דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט און די שטרעבונגען פון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם. בדרך כלל קאָן מען זאָגן, אַז די נאַציאָנאַל־געשטימטע בורזשואַזיע איז געוואָרן מער ציוניסטיש, אין אַן אחד־העמיסטישן זין, און די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט צו דעם גלות־נאַציאָנאַליזם. דער פּראָבלעם פון אַן אייגענעם יידישן לאַנד, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָפּלט אין די צווי וועגן, — דעם פּאַלעסטינישן און דעם טעריטאָריאַליסטישן, — איז כמעט ווי אינגאַנצן אַראָפּגענומען געוואָרן פון דעם סדר היום. דער נאַציאָנאַלער קאַמף האָט זיך אידייאיש געפירט מער אויף דעם פראָנט פון דער פריערדיקער אַלגעמיינער שאלה: אַסימילאַציע אָדער אַן אייגענע יידיש־נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ? און אויף אָט דעם פראָנט האָבן זיך באַלד גענומען אָנמערקן פאַראייניקונגס־טענדענצן צווישן אַלע נאַציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן אַנטקעגן דער אַסימילאַציע, מיט דער אַלץ גרעסערער וואָג, וואָס ווערט געלייגט אויף דעם וועלטלעכן כאַראַקטער פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן זיין. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּרואוון, אויסצובויען אַ נייעם דערציאונגס־סיסטעם אין יידיש און העברייאיש, אויף ריין־וועלטלעכע, פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע יסודות.

אַזוי האָט די לאַגע אָנגעהאַלטן ביז צו דעם וועלט־קריג. דער אויסברוך פון אָט דער קאַטאַסטראָפע און איר אויסוואַקסן צו די מאָסן פון אַ וועלטן־בראַנד האָט אַריינגעטראָגן אַ נייע ענדערונג אין אונדזער פּראָבלעם.

## ג. פּראָבלעמען פון גלות־נאַציאָנאַליזם

אין די פאַר יאָר פאַר דעם וועלט־קריג איז דער אינטערעס פון דער יידישער עפנטלעכקייט צו דעם פּראָבלעם פון אַ יידישער באַפרייאונג אין אַן אייגענעם יידישן לאַנד ווי אינגאַנצן פאַרחלשט געוואָרן. עס האָבן אויפגעהערט די טעריטאָריאַליסטישע אַרומזוכענישן אין די געאָגראַפישע אַטלאַסן, און דער ציוניזם איז אַריין אין דער עפּאָכע פון דעם „אחד־העמיזם", וואָס פאַר אים האָט ארץ ישראל געהאַט נאָר דעם באַדייט פון אַ „גייסטיקן צענטער", פון אַ געשיצטן פּלאַץ פאַר דעם אויסבוי פון אַ יידישער קולטור אין דער העברייאישער שפּראַך.

דער אינטערעס צו דער באַפרייאונג אין אַן אייגן לאַנד איז אָבער ווידער וואַך געוואָרן אין דער קריגס־צייט.

אין אָנהייב פון דעם וועלט־קריג האָט צאַר ניקאָלאַי געמאַכט אַ פריינטלעכן זשעסט צו דעם יידישן פאָלק. ווי די אויסלענדערשע צייטונגען האָבן דעמאָלט מיטגעטיילט, איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אַ פּראָקלאַמאַציע „צו מיינע ליבע יידן״, אונטערגעשריבן פון דעם קיסר אַליין. אין איר זאָל ער זיך האָבן געווענדט צו זיינע יידישע אונטער־טעניקעס, זיי זאָלן, אינאיינעם מיט אַלע „קינדער פון דער רוסישער ערד״, ביישטיין דעם אַלגעמיינעם פאָטערלאַנד אין דער צייט פון זיין העכסטער נויט. קיין פּאָזיטיווע צוזאָגן וועגן פאַרבעסערן די רעכטלעכע לאַגע פונעם יידישן פאָלק זיינען, ווי מיר געדענקט זיך, אין דעם באַריכט וועגן דער פּראָקלאַמאַציע ניט געווען. אָבער שוין דער פאַקט וואָס די פּראָקלאַמאַציע האָט אַוועקגעשטעלט די יידן אין איין ליניע מיט אַלע „קינדער פון דער רוסישער ערד״, האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן, — און איז אויסגעטייטשט געוואָרן, — ווי אַ רמז, אַז פאַר די יידן אין רוסלאַנד וועלן זיך אָנהייבן ליכטיקערע טעג.

ליידער האָב איך ניט געהאַט די געלעגנהייט צו זען די פּראָק־לאַמאַציע, אָדער צו האָבן פאַר זיך איר פולן טעקסט, און איך מוז מיך מודה זיין, אַז איך בין שטאַרק מסופק, צי אַזאַ מין דאָקומענט איז טאַקע פאַרעפנטלעכט געוואָרן. דער באַריכט אין די צייטונגען האָט געקאָנט שטאַמען פון אַ פּרעס־ביוראָ פון די „אַליאירטע״, און וועמעס אינטערעסן עס איז ווירקלעך געלעגן, צו מאַכן גלויבן דעם עולם, אַז דער רעאַקציאָנערער פּעריאָד אין רוסלאַנד וועט זיכער באַלד פאַרביטן ווערן אויף אַ ליבעראַלן רעזשים.

ווי די מעשה זאָל ניט האָבן געווען, דער שטראַל פון האָפענונגען אויף ליכטיקערע טעג פאַר רוסלאַנד האָט זיך באַלד אויסגעלאָשן. ספּעציעל איז געוואָרן פינצטער און גורל־שווער דער האָריזאָנט פון דעם יידישן לעבן אין יענעם לאַנד. די אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען, — ניט נאָר די גרויס־רוסישע, נאָר אויך די פּוילישע אין פּוילן און אין דעם יידישן תחום, — האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט פון דער אויפ־געררודערטער צייט און פונעם אויפגעפלאַמטן פּאַטריאָטיזם, כדי צו פירן אַ נייע אַטאַקע אויף דעם יידישן פאָלק און צו נעמען רעוואַנש פאַר דער מפּלה, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם האָט געקראָגן אין דעם באַרימטן „ביילִיס־פּראָצעס״.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מאוימדיקע באַשולדיקונגען אין

„שפּיאָנאַזש“ און „פאַרראַט“, טויט־שטראָפן און עקזעקוציעס אָן וועלכע עס איז פאַרמאַליטעטן, די עוואַקואירונג פון גאַנצע יידישע ראַיאָנען ביים פראָנט, וואָס האָט זיך אַלץ ווייטער גערוקט צו מזרח־צו. שפּעטער — דער „חורבן גאַליציע“, ווען די רוסישע אַרמייען זיינען אַריין טיף אין עסטרייך.

דער וועלט־קריג האָט בכלל געוועקט דעם נאַציאָנאַלן געפיל און אַרויסגערופן זיין אויפברויז ביי אַלע פעלקער פון דער ציוויליזירטער וועלט. דער עיקר אָבער האָט ער אַרויסגעבראַכט אָט די ווירקונג זיינע ביי די אונטערדריקטע פעלקער, וואָס אַרום דעם מזרח־פראָנט. ביי זיי האָט מיט אַ באַזונדער קראַפט גענומען רעדן דער פאַרלאַנג צו זעלבסטשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט אויף זייערע אייגענע לענדער. געטריבן קעגן דעם אייגענעם ווילן, צו קעמפן אַנטקעגן זייערע אייגענע ברידער פון יענער זייט גרענעץ, — פּוילן אַנטקעגן פּוילן, ליטווינער אַנטקעגן ליטווינער, קליין־רוסן אַנטקעגן קליין־רוסן, האָט זיי אָט דער ממשותדיקער פאַקט געמוזט אונטערטראָגן דעם לאָגיש־קלאָרן שלוס, אַז אויב זיי אַלע וואָלטן געווען פּאָליטיש־אומאָפּהענגיקע נאַציעס אויף זייערע אייגענע טעריטאָריעס, פולע באַלעבאַטים אויף זייער אייגענעם היסטאָרישן גורל, וואָלטן זיי, אמת, אפשר טאַקע ניט פאַרשוינט געבליבן פון דער וועלט־שרפה, — ווי אויך די נייטראַלע בעלגיע איז קעגן איר ווילן אַריינגעשליידערט געוואָרן אין איר; זיי וואָלטן אָבער פאַרהיט געוואָרן פון דעם שרעקלעכסטן אומגליק, צו זען, ווי זייערע קינדער ווערן אַנטקעגן זייער אייגענעם ווילן געטריבן פון ביידע זייטן גרענעץ צו שלאַכטן איינס דעם אַנדערן פאַר נאַציאָנאַלע אינטערעסן, וואָס האָבן קיין ברעקל שייכות ניט צו דעם לעבן פון זייער אייגענעם פאָלק.

ווי טיף האָט דעריבער געקאָנט זיין די בענקשאַפט נאָך זעלבסט־שטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט, נאָך זיין אַ באַלעבאָס אויף דעם אייגענעם גורל, ביי דער מזרח־אייראָפּייאישער יידנשאַפט, וואָס איז אויך פון ביידע זייטן גרענעץ געטריבן געוואָרן, זיך קעגנזייטיק אויסצו־שלאַכטן. אויף דער רוסישער זייט פון די גרענעצן זיינען די יידן באַהאַנדלט געוואָרן ווי אינעווייניקסטע שונאים. אויף זיי איז ביי יעדער געלעגנהייט געווען אָנגעגרייט די תליה פאַר דעם כלומרשטן שפּיאָן; די קויל — פאַר דעם כלומרשטן דעזערטיר; דער גירוש — פאַר דער טאָטאַל אומשולדיקער פרידלעכער באַפעלקערונג; די קאָנפיס־קאַציע פון איר האָב און גוטס פאַר די נויטן פון דעם קריג, די

פּאַגראָמעלעך און פּאַרגוואַלטיקונגען פון דער שיכורער סאָלדאַטעסקאַ פאַר „גלאַט אַזוי״. די אַלגעמיינע באַציאונג מצד דער מיליטערישער מאַכט איז געווען פול מיט האַס און חשד, סיי אין אירע „קאָמאַנדירנדיקע הויכן״, סיי אַפילו ביי די סאָלדאַטן, וואָס זיינען אינאיינעם מיט די יידישע זעלנער געוואָרפן געוואָרן אין דעם קאַלך־אויוון פון דעם קריג. האָט מען דאָס אַלץ אין אויג, וועט אונדז שוין גאָר ניט וואונדערן, וואָס אויך ביי דער יידנשאַפט האָט זיך שטאַרק אַ צאַפּל געטאָן דער לאַנג אָפּגעשוואַכטער נאַציאָנאַלער חוש, און וואָס ביי אייניקע האָט זיך געמוזט הייס פאַנאַנדערברענען דיזעלביקע תשוקה צו ווערן זעלבסט־שטענדיק און אומאָפּהענגיק; צו באַפרייען זיך פון דעם פרעמדן יאָך און ווערן דער באַלעבאָס אויף דעם אייגענעם לעבן אין דעם אייגענעם היסטאָרישן גורל, אין אַן אייגענעם יידישן לאַנד.

עס האָט אָבער דעמאָלט, אין דער קריגס־צייט, שוין ניט געקאָנט זיין קיין רייד און אַפילו ניט חלומען וועגן „אַ״ לאַנד, ערגעץ־וואו אויף דער נאָך ניט באַזעצטער לאַנד־קאַרטע. די לאַנד־בענקשאַפט ביי דער רוסישער יידנשאַפט האָט דעמאָלט ניט געקאָנט האָבן קיין אַנדער קאַנאַל, ווי נאָר דעם שוין אָביסל אויסגעגראָבענעם ציוניסטישן. די בליקן האָבן זיך געמוזט ווענדן צו דעם „לאַנד ישראל״, ווי „דאָס״ לאַנד איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער וועלט־שריפה, און די פּאָליטישע סיטואַציע איז געווען אַזאַ, אַז ביי אַ געוויסן אויסגאַנג פון דעם וועלט־קריג און ביי אַ צוועקמעסיקער אָנשטרענגונג פון דעם יידישן פאָלקס־ווילן, וואָלט דער ציוניסטישער אידעאַל געקאָנט פאַר־ווירקלעכט ווערן אין זיין גאַנצן גרויסן הערצליאַנישן פאַרמעסט.

דאָס דערקלערט אונדז, ווי אַזוי אויך ביי דעם יידישן, דורכאויס פרידלעכן, אַנטי־מיליטאַריסטישן פאָלק, האָבן, אין דער היץ פון דער זיך פאַנאַנדערגעברענטער לאַנד־בענקשאַפט, געקאָנט באַוויזן די פּלענער פון אַ וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי און אַ פּנחס רוטענבערג וועגן אייגענע יידישע לעגיאָנען, וואָס זאָלן, קעמפנדיק אויף דער זייט פון די אַליאירטע אַנטקעגן דייטשלאַנד און אירע פאַרבינדעטע, איינעמען ארץ־ישראל, אָפּרייסן זי פון דער טערקיי און עטאַבלירן זי, ווי אַן אייגענעם אומ־אָפּהענגיקן יידישן שטאַט.

אַט די רייך־מיליטערישע פּלענער, געבאָרן אין דער צייט פון דעם וועלט־בראַנד, געבאָרן ביי מענטשן, וואָס האָבן מער סימפּאַטיזירט מיט די אַליאירטע, איידער מיט דייטשלאַנד, זיינען שוין גאָר קיין חידוש ניט. אַ סך מער איז אַ חידוש, וואָס אַט די פּלענער האָבן געהאַט

אַזאַ שוואַכן אָפּקלאַנג ניט נאָר ביי דער מזרח־אייראָפּייאישער יידנשאַפט, נאָר אויך ביי דער אַמעריקאַנישער, צו וועלכער פּנחס רוטענבערג איז געקומען מיט זיין היסטאָריש־באַדייטנדיקער שליחות, און אַ סך מער חידוש איז, וואָס די פּלענער זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן אַזוי שפּעט און אין אַזאַ מיניאַטורער און פאַרהויקערטער פאָרם. דערקלערן דאַרף מען דאָס, ווי מיר דוכט, ניט מיט דעם פּאַציפיסטישן כאַראַקטער פון אונדזער פאָלק און זיין ווידערגעפיל פאַר יעדן בלוט־פאַרגיסן. אין יענער וואַנזיניקער צייט, ווען בלוט האָט זיך געגאָסן שטראָמענווייז. ווען אָט די בלוטיקע שטראָמען האָבן כמעט ביי אַלעמען אָראָפּגעשווענקט דעם דינעם קולטורעלן אנטראַג אין דער נשמה און האָבן אָפּגעדעקט אין אים די פּרימיטיווע חיה, האָבן אויך אין דער יידישער נשמה, אַדאַנק דער פאַרצווייפלטער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דאָס גאַנצע פאָלק, ניט זעלטן געגומען רעדן פון אירע תהומען די לאַנג פאַרטויבטע ירושה־שטימען פון זיינע ריין קריגערישע שבטים און פון זיינע מאַקאַבייאישע העלדן.

דעם שוואַכן אָפּקלאַנג, וועלכן די מיליטאַריסטישע זשאַבאָטינסקי־רוטענבערג־פּלענער האָבן געפונען ביי דעם פאָלק, דאַרף מען דערקלערן מיט גאַנץ אַנדערע אורזאַכן. די וויכטיקסטע פון זיי איז, נאָך מיין מיינונג נאָך, געלעגן אין דעם פאַקט, וואָס אַ יידישע אַרמיי פאַר איינגעמען ארץ־ישראל וואָלט געדאַרפט קעמפן אויף דער זייט פון די אַליאירטע און אין דער ערשטער ליניע דירעקט אַנטקעגן טערקיי. ביידע זאַכן זיינען אָבער געגאַנגען להיפוך צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דער מזרח־אייראָפּייאישער יידנשאַפט אין איר אינטערנאַציאָנאַלן איינשטעל. קעמפן אויף דער זייט פון די אַליאירטע האָט באַדייט אַ קאַמף פאַר דעם צאַריסטישן רוסלאַנד, דעם דעמאָלטיקן ערגסטן שונא פון אונדזער פאָלק, און אויך פאַר פראַנקרייך, צו וועלכער יידן האָבן ניט געקאָנט פילן קיין באַזונדערע סימפּאַטיעס: די אַנטיפּאַטיע צו איר האָט זיך ביי אונדז איינגעשטעלט נאָך אין די צייטן פון דעם „דרייפוס־פּראָצעס” און איז זיכער ניט געמינערט געוואָרן, אַדאַנק פראַנקרייכס ענגער פּאָליטישער פאַרבינדונג מיט דעם דם־שונא אונדזערן, דעם צאַריסטישן רוסלאַנד.

פון דער אַנדער זייט האָבן דייטשלאַנד מיט אירע פאַרבינדעטע געהאַט דאָס פולע רעכט אויף אונדזער פולסטער סימפּאַטיע. אויף דער דייטשער זייט אין דעם וועלט־קריג האָבן געקעמפט פעלקער און רעגי־רונגען, וואָס האָבן געדאַרפט צוגערעכנט ווערן צו די פריינט און

היטער פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן האָט אַ ברעקל ניט געאַרט דער מיליטאַריזם פון דעם דייטשן קייזער. האָס און פראָטעסט האָט ער געקאָנט אַרויסרופן נאָר ביי דער קליינער גרופּע ראַדיקאַלן, אָבער אויך ביי דער גרעסטער צאָל זייערער איז ער פאַרשטומט געוואָרן, ווען דער דייטשער מיליטאַריזם האָט זיך אַ קער געטאָן אַנטקעגן דער „גרעסערער צרה״ פאַר דער וועלט, דעם רוסישן דעספּאָטישן מאָנאַרכיזם. די גרויסע פאָלקס־מאַסן אונדזערע האָבן אין די פיר פאַרבינדעטע לענדער, — דייטשלאַנד, עסטרייך, טערקיי און בולגאַריע — געמוזט זען מוסטער־לענדער, אַבסאָלוט פרייע פון וועלכע עס איז יידן־פאַרפאָלגונגען. אין זיי אַלע איז די יידישע לאַגע געווען אַ געזיכערטע. אין עסטרייך האָט דאָס האַבסבורגישע הויז, אונטער דעם קיסר פראַנץ־יאָזעף, דערוואָרבן פאַר זיך די ליבע פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. און, ספּעציעל ביי די ציוניסטן, איז טערקיי, וואו יידן האָבן געהאַט ניט נאָר בירגערלעכע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע רעכט און וואָס איז געווען דער אויבערהאַר אויף דעם לאַנד פון זייער בענקשאַפט, אויף ארץ־ישראל, — ביי זיי, זאָג איך, איז די מאָהאַמעדאַנישע, די אַנטי־קריסטלעכע טערקיי געווען באַזונדערס איינגעבאַקן אין האַרצן.

דער ביבלישער „לו ישמעאל בני יחיה לפניך!״ („זאָל ישמעאל מיין זון בלייבן לעבן פאַר דיר״) איז געווען דער טיפסטער וואונטש פון דאָס רוב ציוניסטן, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געהאָפט, אַז דער טריאומף פון דער דייטשער קאָאַליציע אין דעם וועלט־קריג וועט צעשמעטערן דעם צאַריזם און ברענגען די יידישע באַפרייאונג אויך אין רוסלאַנד. עס איז דעריבער קיין ברעקל וואונדער ניט, וואָס די יידישע סימפּאַטיעס זיינען כמעט אינגאַנצן געווען אויף דייטשלאַנדס צד.

אין 1915 איז רוטענבערג געקומען אַהער פון איטאַליע, מיט דער מיטטיילונג, אַז דער איטאַליענישער מיניסטער לוצאַטי איז גרייט צו העלפן אַ יידישער אַרמיי, זי זאָל זיך איינזאַמלען און אויסבילדן אין איטאַליע און פון דאָרט אַריבערגעפירט ווערן אויף דעם ארץ־ישראל־פראָנט. רוטענבערגס אייגענער פאָרשלאַג איז אָבער געווען, עס זאָל צונויפגערופן ווערן אַן אַלוועלטלעכער יידישער קאָנגרעס, וואָס זאָל זיך דערקלערן פאַר דער פאַרטרעטערשאַפט פון דער יידישער נאַציע, אַריינטרעטן אין אונטערהאַנדלונגען וועגן ארץ־ישראל מיט ביידע קריגס־פירנדיקע צדדים און צושטיין, ווי אַ מיליטערישע מאַכט, צו יענעם צד, וואָס וועט פאַרזיכערן ארץ־ישראל פאַרן יידישן פאָלק, אָדער געבן בעסערע גאַראַנטיעס. אונטער דעם דרוק פון זיינע היגע חברים, האָט

פּ. רוטענבערג מסכים געווען, אַז צו דער פאָדערונג פון ארץ־ישראל זאָל אויך צוגעגעבן ווערן די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַר יענע יידן, וואָס וועלן פאַרבלייבן אין די גלות לענדער, — אַ פאָדערונג, פון וועלכער רוטענבערג האָט פריער ניט געוואָלט וויסן.

אין דער ערשטער צייט האָט אָבער רוטענבערגס פּראָפּאַגאַנדע געהאַט גאָר אַ קליינעם דערפאָלג. נאָר אַ קליינע גרופּע פון יידישע ראַדיקאַלן איז צוגעשטאַנען צו אים. און ניט קיין קליינע ראָליע אין אָט דעם קליינעם דערפאָלג האָט געשפּילט, רעכן איך, דער איינזען, אַז אַ יידישע אַרמיי קאָן, שוין מחמת רייך־טעכנישע אומשטענדן, אָרגאַניזירט ווערן נאָר אין אַ לאַנד פון די „אַליאירטע" און ממילא געהערן צו זייער צד און קעמפן אַנטקעגן דער דייטשער קאָאַליציע.

אין דער פּאָליטישער אָריענטאַציע פון דער אַמעריקאַנער יידנשאַפט איז אָבער פאָרגעקומען אַן איבערבייט תיכף נאָך אַמעריקעס אַריינטריט אין דעם קריג און נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון באַלפור דעקלאַראַציע, וואָס האָט צוגעזאָגט ארץ־ישראל דעם יידישן פאָלק אין דעם פאַל, ווען די אַליאירטע זאָלן געווינען דעם קריג. די ביידע היסטאָריש וויכטיקע פּאַסירונגען האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט צו רעאַליזירן רוטענבערגס פּלאַן פון יידישע לעגיאָנען. דורך דער באַלפור דעקלאַראַציע איז די פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניסטישן אידעאַל מיט אַמאָל אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויף דעם סדר היום פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. עס איז געווען, ווי הערצלס גייסט וואָלט ווידער לעבעדיק געוואָרן און גענומען מאַגנעטיש ווירקן אויף די גרויסע יידישע מאַסן. און אַמעריקעס אַריינטריט אין דעם קריג אויף דער זייט פון די אַליאירטע האָט געגעבן אַ מעגליכקייט די יידישע יונגע לייט, וואָס וואָלטן סיי ווי געמוזט רעקרוטירט ווערן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן, ווי אַ יידישער לעגיאָן, אונטער ענגלאַנדס אויבער־פירערשאַפט.

די ביידע היסטאָרישע פּאַסירונגען האָבן אָבער אויך געגעבן אַ נייעם אימפּעט דער יידישער קאָנגרעס־באַוועגונג וואָס איר טרייבנדיקער גייסט איז געווען פּנחס רוטענבערג. אין אַ העפטיקער, קאָלאָסאַלער און גלענצנדיקער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, וואָס האָט איבער די קעפּ פון די פירער זיך געווענדט דירעקט צו די מאַסן, האָט די קאָנגרעס־באַוועגונג געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון אַלע איר פריערדיקע קעגנער, — דער עיקר פון דעם אַסימילאַטאָרישן לאַגער. דער יידישער קאָנגרעס איז צונויפגערופן געוואָרן באַלד נאָך דעם אָפּשטעל פון דעם

קריג, און זיין ציל איז געווען, אויסצואווילן דעלעגאַטן, וואָס זאָלן פּועלן ביי דער פרידנס־קאָנפערענץ די עטאַבלירונג פון ארץ־ישראל, ווי אַ יידיש לאַנד, און די גאַראַנטירונג פון יידישע נאַציאָנאַלע רעכט אין די ניי־געשאַפענע אָדער איבערגעבויטע שטאַטן. די הויפּט־וואָג אָבער האָבן די יידישע האָפענונגען געלייגט אויף דער גרינדונג פון דעם יידישן לאַנד. דער טעריטאָריאַליסטישער פּראָבלעם: „אַ לאַנד אָדער דאָס לאַנד״ איז דעמאָלט צום ערשטן מאָל פאַרענטפערט געוואָרן אין אַ ריין ציוניסטישן זין: אַ יידיש לאַנד איז דער טייטש פּאַלעסטינע, ארץ־ישראל. אַלע אַנדערע טעריטאָריאַליסטישע פּלענער און אידייען זיינען לכתחילה גאָר ניט אַרויפגעקומען אויף דעם יידישן עפנטלעכן געדאַנק. דער שרייבער פון אָט די שורות האָט נאָך אַ סך שפּעטער זיכער געהאַט אַ רעכט צו דערקלערן אין אַן עפנטלעכער רעדע. „מיר זענען איצטער אַלע אייך, אַז פון אַלע „אוגאַנדעס״ איז די בעסטע „אַנגאָלאַ״ *) פּאַרט אַרץ־ישראל״. דאָס איז באמת געווען די שטימונג כמעט פון יעדן יידישן טעריטאָריאַליסט: ער איז געוואָרן פון גאַנצן האַרצן אַ „ציוני־ציוניסט״.

דער אַבסאָלוטער ענטפער אויף דער טעריטאָריאַליסטישער פראַגע אין אַ ריין־פּאַלעסטינישן זין האָט אָבער ניט געקאָנט אָנהאַלטן לאַנג. די באַלפור־דעקלאַראַציע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַן ענגלישן מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל, מיט דער אויפגאַבע אויס־צובילדן דאָרטן אַ „נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק״. אָבער די לעכערלעך־קליינע גרענעצן, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר אַ יידיש לאַנד, פאַר אַ פאָלק, אַ פופצן מיליאָן שטאַרק, — דערצו נאָך אין אַ טייל פון ארץ־ישראל מיט אַ גרויסער אַראַבישער באַפעל־קערונג, — און די אומקלאָרקייט פון דעם נאָמען גופא: „אַ נאַציאָנאַלע היים״, אין וועלכן מען קאָן אַריינטייטשן אי אַ גרעסערן שטאַט, אי אַ גאַנץ קליינעם ישוב, גענוג אויף אויסצובילדן אַ באַזיס פאַר אַ גייס־טיקער קולטור, — האָבן אַוועקגערויבט פון דעם מאַנדאַט זיין גאַנצן טעריטאָריאַליסטישן באַדייט. די אויסניכטערונג פון יענעם ענטוזיאַזם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע מאַסן אין דער צייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, האָט ניט לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיך. קריטישע שטימען האָבן זיך גענומען לאָזן הערן פון פריערדיקע באַגייס־

*) אַ טעריטאָריע אין זיד־אַפריקע, וואָס פּאָרטוגאַל האָט פאַרגעשלאָגן אַ יידישן עפנטלעכן טוער.

טערטע אָנהענגער. און די שטימען זיינען געוואָרן אַלץ ערנסטער און
ווירקזאַמער, זינט עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די פירער פון דער
ציוניסטישער באַוועגונג זיינען מרוצה אָנצונעמען אויך דעם מיני־
מאַלסטן אויסטייטש פון דעם טערמין: „אַ נאַציאָנאַלע היים״.

אַט די גוטוויליקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, צו זיין אַ
„מסתפק במועט״ אין אַ פּאָליטישן און טעריטאָריאַליסטישן זין, האָט
מען צו פאַרדאַנקען אין דער ערשטער ליניע דער פירערשאַפט פון
דר. חיים ווייצמאַן, וואָס איז באַלד נאָך דעם וועלט־קריג אויסגעוויילט
געוואָרן, ווי דער פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער
אָרגאַניזאַציע. דעם הויכן פּאָסט, צו זיין ממלא מקום פון אַ דר. הערצל,
האָט דר. ווייצמאַן באַקומען, אַדאַנק זיינער אַ טעטיקייט, וואָס האָט
לחלוטין גאָר נישט צו טאָן מיט די פּראָבלעמען פון דער יידישער
באַפרייאונג. ווי אַ כעמיקער אין אַן ענגלישער אוניווערזיטעט, האָט
ער דערפונדן אַ נייעם אויפרייס־שטאָף, אַ זייער וויכטיקן פאַר דער
קריגס־פירונג. אַ טרייער ציוניסט פון אחד־העמס ריכטונג, האָט ער
אָנשטאָט די פילע מיליאָנען, וואָס ער האָט געקאָנט באַקומען פאַר
זיין דערפינדונג, אויסגעווירקט ביי דער ענגלישער רעגירונג די
באַלפור־דעקלאַראַציע. און די נאָענטקייט צו דער ענגלישער רעגירונג
האָט אים אַרויפגעבראַכט אויף דעם שפּיץ פון דער ציוניסטישער
באַוועגונג, אין וועלכער ער האָט דורכגעפירט אַ מין סינטעז פון
דר. הערצלס פּאָליטישן ציוניזם מיט דעם אחד־העמיסטישן „מרכז
רוחני״: טאָקע אַ „טשאַרטער״ מיט פּאָליטישע גאַראַנטיעס, ווי דאָס
האָט פאַרלאַנגט דר. הערצל: טאָקע ארץ־ישראל זאָל זיין „אַ יידיש
לאַנד, פּונקט ווי ענגלאַנד איז אַן ענגליש לאַנד״ (דר. ווייצמאַנס פאָרמו־
לירונג אין יענער צייט), אָבער אַ יידיש לאַנד אין ארץ ישראל ווערט
געזיכערט ניט פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק פון גאָר דער וועלט, ווי צו
דעם האָט געשטרעבט דר. הערצל, נאָר פאַר יענע אויסדערוויילטע,
אָפּגעקליבענע טיילן פון דעם יידישן פאָלק, וואָס וועלן האָבן פּלאַץ
אין דעם ענגן שטח פון ארץ־ישראל און וועלן פירן דאָרטן אַ לעבן
„אין אַ יידישן גייסט״, בויענדיק אַן אייגנאַרטיקע יידישע קולטור אין
דער העברייאישער שפּראַך, ווי דאָס האָט געפאָדערט אחד־העם.

שוין גלייך ביי דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג
נאָך דעם קריג האָט ווייצמאַנס ריכטונג אַרויסגערופן אַ העפטיקע
קעגנערשאַפט אַנטקעגן זיך מצד די פאַרבליבענע הערצליאַנער, מיט
דר. מאַקס נאָרדוי בראש. אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן

האָט נאָרדוי פאַרלאַנגט, מען זאָל אַריבערפירן קיין ארץ־ישׂראל יענע מיליאָנען יידן פון מזרח־אייראָפּע, וואו עס האָט גראָד דעמאָלט געקאָכט ווי אין אַ קעסל, אַדאַנק די פוילישע, רוסישע און קליין־רוסישע בירגער־קריגן און וואו יידישע פּאָגראָמען האָבן זיך פאַנאַנדער־געפלאַקערט כמעט ווי אין כמעלניצקיס צייטן. אַמעריקע האָט אויס־געהאַלטן די חרוב געוואָרענע יידישע באַפעלקערונג סיי דורך דער אָרגאַ־ניזירטער הילפס־אַקציע פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק, סיי דורך די הונדערט טויזנטער יחידים, וואָס האָבן מיט אַ פרייער האַנט געשטיצט זייערע פאַראונגליקלעכטע קרובים און באַקאַנטע אין דער אַלטער היים. דר. מאַקס נאָרדוי האָט געפרעגט: פאַר וואָס ניט אויסגעבן אָט די פילצאָליקע מיליאָנען דאָלאַרס אויף אַריבערפירן אַ גרויסן טייל פון דער מזרח־אייראָפּיאישער יידנשאַפט אין דעם געזיכערטן האָפן פון ארץ־ישׂראל און שפּייזן זיי דאָרטן? די גרויסע מאַסן־עמיגראַציע וואָלט סוף־כל־סוף געמוזט פירן צו אַן אינטענסיווער מאַסן־קאָלאָניזאַציע, וואָס וואָלט גלייך פון אָנהייב אָן באַשאַפן אַ צאָלרייכע יידישע באַפעל־קערונג אין דעם יידישן לאַנד.

ס׳קאָן איצטער ניט זיין אונדזער אויפגאַבע פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין דער פּראַקטישער זייט פון נאָרדויס דעמאָלטיקן פאָרשלאָג. שוין דורך זיין אידייאישן באַדייט איז ער געגאַנגען להיפוך צו דעם גאַנצן גייסטיקן איינשטעל פון דעם ציוניזם, וואָס האָט נאָך פאַר דעם וועלט־קריג באַקומען אַ ריין אחד־העמיסטישן כאַראַקטער. אַ מאַסן־עמיגראַציע וואָלט גלייך פון אָנהייב אָן צעשטערט די האָפענונגען אויף אַן אָפּגעקליבענעם (אין אחד־העמס גייסט) צונויפשטעל פון דעם צו־קינפטיקן יידישן פאָלק אין ארץ־ישׂראל. און שוין מחמת דעם אַליין האָט דער נאָרדוישער פאָרשלאָג געמוזט פאַרוואָרפן ווערן. געזיגט האָט די ווייצמאַנישע ריכטונג, וואָס האָט דעם זין פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל סימבאָליש אויסגעדריקט אין דער צערע־מאָניע פון אָועקלייגן דעם ווינקלשטיין פאַר אַ יידישער אוניווערזיטעט אויף דעם הר הצופים. ס׳האָט געהייסן: אין ארץ־ישׂראל בויען מיר אַ „נאַציאָנאַלע היים״ ניט פאַר די לייבהאַפטיקע יידן פון דער וועלט, וואָס דאַרפן האָבן אַן אייגן לאַנד פאַר אַ זעלבסשטענדיקן לעבן און שאַפן, נאָר פאַר דעם „יידישן גייסט״, וואָס דאַרף האָבן אַ געשטיצטן פלאַץ, וואו זיך פאַנאַנדערצוויקלען אויף זיין אייגענעם, אָריגינעלן שטייגער.

וואָס ווייטער איז דר. ווייצמאַן אַלץ מער אָפּגעטראָטן פון דעם

אַלט־ציוניסטישן באַנעם. שוין אין אונדזערע צייטן, מיט אַ קנאַפּע פּאָר יאָר צוריק, האָט ער אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג אין ניו יאָרק דערקלערט, אַז, לויט זיין מיינונג נאָך, וועלן אין אַ הונדערט יאָר אַרום אין פּאַלעסטינע אַלץ נאָך ניט זיין מער יידן, איידער איצטער אין ניו יאָרק, ד. ה. אַן ערך אַנדערהאַלב מיליאָן. וויצמאַן רעכנט דעריבער, אַז דער צוואוואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל וועט אין דורכשניט זיין ניט מער, ווי אַ צען־צופּצן טויזנט נפשות אַ יאָר. ביי אַזעלכע חשבונות וועגן דער פאַרבינדונג פון יידישן פאָלק מיט זיין יידישן לאַנד, קאָן שוין אויך קיין רייד ניט זיין, אַז ארץ־ישראל זאָל זיין „אין דעמזעלביקן זין יידיש, ווי ענגלאַנד איז ענגליש". פאַר די הונדערט יאָר וועט די אַראַבישע באַפעלקערונג, וואָס איז איצטער איבער פינף מאָל אַזוי גרויס, ווי די יידישע, זיכער ניט אָפּשטעלן איר פאַרמערונג, און מען זעט ניט איין, ווי אַזוי די יידישע באַפעלקערונג זאָל מיט אַ דורכשניטלעכער פאַרמערונג פון אַ פופצן טויזנט אַ יאָר ניט נאָר נומעריש איבעריאָגן די אַראַבישע באַפעל־קערונג, נאָר אַפילו אָניאָגן זי. עס ווערט אויך דערביי באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט דער פּאָליטישער מאָמענט, וועלכן וויצמאַן האָט געהאַפּט צו פאַרבינדן מיט דעם „אחד העמיזם". פאַקטיש איז דער ציוניזם, אונטער דר. וויצמאַנס פירערשאַפט, אַראָפּגעזונקען צו יענעם קליין־קאַלאָ־ניזאַטארישן ציוניזם, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין דער פּאַרטיי אין די לעצטע יאָרן פון פאַר דעם וועלט־קריג.

אין אַט דעם אומשטאַנד האָבן מיר צו זוכן די דערקלערונג פאַר דעם לפי־ערך גאָר צרהדיקן מעמד, וועלכן די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך אויסגעקעמפט ביי דעם פאָלק פאַר דער צייט פון זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע. דער אָפּרוף פון דעם פאָלק, — סיי מיט מענטשן, סיי מיט געלט, — ווי אויך די ציוניסטישע דערגרייכונגען אין דעם לאַנד, — זיינען געוויס געוועזן זייער באַדייטנדיק, ווען מען פאַר־גלייכט זיי מיט דעם פריערדיקן „גאָרנישט". אָבער זיי זיינען דאָך אַזוי טרויעריק נישטיק, ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט דער לעבנס־נויט אונדזערער אין אַן אייגענעם לאַנד און מיט יענער ענטוזיאַסטישער שטימונג, וואָס די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט אומעטום אַרויסגערופן ביי אונדזערע פאָלקס־מאַסן.

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די ציוניסטישע פירער פלעגן אויף די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און... זאַמלונגען ניט אויפהערן אָנצוואוייזן אויף דעם חושכן מעמד פון דער יידנשאַפט אין מזרח־איראָפּע און אויף

דער גאולה, וואָס דער ציוניזם האָלט אָנגעגרייט פאַר זיי, פלעגן די פאַרזאַמלונגען טאַקע זיך ניט שלעכט באַזוכט, אָבער די זאַמלונגען האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט דעקן אפילו יענע צרהדיקע פאַרמעסטן, אויף וועלכע דער אחד־העמיזם האָט זיך געקאָנט אַרויפשווינגען. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דר. וויצמאַן האָט זיך געפילט געצוואונגען צוצוציען צו דעם אויפבוי אין ארץ־ישראל די ניט־ציוניסטישע און אַפילו אַנטי־ציוניסטישע און אַנטי־נאַציאָנאַלע גדולים פון דער ידישער ברייטהאַרציקער פילאַנטראָפּיע. עס איז באַשאַפן געוואָרן די „ציוניסטישע אַגענטור״ („איידזשענסי״) אין וועלכער עס זיינען אַריין אויך אַזעלכע קלאָר־אויסגעשפּראָכענע אַסימילאַטאָרן, ווי לואיס מאַרשאַל, פעליקס וואַרבורג, דער ראַבאַי שולמאַן פון דעם „טעמפּל עמנואל״ און אַ פּאַר סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גענאָסן פון דעם אַלטן אַסימילאַטאָרישן חדר.

די „איידזשענסי״, — אַט דער נייער אינסטרומענט אויף צו העלפן בויען ארץ־ישראל, — האָט גלייך ביי זיין עפנטלעכער עטאַבלירונג קלאָר און דייטלעך דערקלערט, אַז פאַר אים האָט דער גאַנצער ענין נאָר אַ ריין „גייסטיקן ווערט״; אַז אין דעם אויפבוי פון דעם ידישן ישוב אין ארץ־ישראל זעט ער נאָר די באַשאַפונג פון אַ געזיכערטן פּלאַץ פאַר דער אָפּהיטונג און ווייטערער אַנטוויקלונג פון אונדזערע „גייסטיקע טראַדיציעס״, — אַ נייטראַלער אויסדרוק, וואָס קאָן אויסגעטייטשט ווערן אי אין אַלט־רעליגיעזן זין, אי אין אַ מילדערן אחד־העמיסטישן.

קיין גרויסע טובה האָט אָבער די גרינדונג פון דער „איידזשענסי״ דעם ציוניזם ניט געטאָן. אונדזערע פאָלקס־מאַסן האָבן קיינמאָל ניט פאַרבונדן דעם ציוניזם מיט דעם ענטפער אויף דער „יידנטום־פראַגע״, דער „שאלת היהדות״. די סימפּאַטיע, וואָס דער ציוניזם פלעגט אַרויסרופן ביי זיי, דער צופלוס און אָפּפלוס אירער, איז תמיד געשטאַנען אין דירעקטער שייכות צו דעם גראַד, אויף וויפיל די מאַסן האָבן געקאָנט פאַרבינדן דעם ציוניסטישן אידעאַל ניט מיט דער „יידישקייט״־פראַגע, נאָר מיט דער יידן־פראַגע, מיט דעם ענטפער אויף דעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און רעכטלעכן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט גראַד אין דער צייט פון נאָך דעם וועלט־קריג זיך גענומען פאַנאַנדערוואַקסן כמעט אין יעדן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג.

דער לפי־ערך באַדייטנדיקער אויפשוואונג פון דעם ציוניזם, אין דער צייט פון דער אַזוי גערופענער „פערטער עליה״, ווען טויזנטער

קליינע יידישע קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין ארץ־ישראל, איז אויך ניט געווען קיין פּראָדוקט פון אַ באַזונדערן עגמת־נפש פאַר דעם גורל פון אונדזערע „גייסטיקע טראַדיציעס": דער אויפשוואונג איז געווען אַ דירעקטער אַרויסקום פון יענער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק, וואָס די דעמאָלטיקע גראַבסקי־רעגירונג האָט מיט אַלאַ פּליס געפּלאַנצט און געכאָוועט אין פּוילן.

און אויך איצטער ווערט די ציוניסטישע סימפּאַטיע אויפגעהאַלטן ביי אַ טייל פון אונדזערע פאָלקס־מאַסן, — דער עיקר, די אַרבעטאָרישע, — נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דעם ציוניסטישן אַגיטאַטאָר גיט זיך איין אָוועקצורוקן אין הינטערגרונט די „יידישקייט"־פראַגע און אַרויסצורוקן אין פאָדערגרונט דעם באַדייט פון דעם ציוניזם פאַר דעם ענטפער אויף די ממשותדיקע לעבנס־נויטן פון די יידישע מאַסן. דאָ ווערן זיי אָבער צו אַ גאָר גרויסן גראַד געשטערט דורך דער הערשנדיקער אידעאָלאָגיע אין דער ציוניסטישער פּאַרטיי און אין דער „אײדזשענסי", וואָס איז אין דער לעצטער צייט געצוואונגען געווען ניט איינמאָל צו דערקלערן, אַז „דער ציוניזם איז ניט קיין ענטפער אויף דער יידן־פּראַגע".

האָט מען דאָס אין אויג, קאָן אונדז בשום אופן ניט וואונדערן, וואָס אין דעם ציוניסטישן לאַגער האָבן זיך געגומען מערן אָפּאָזיציאָנעלע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך לסוף אַרויסגעקריסטאַליזירט אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער באַוועגונג, דער אַזוי גערופענער „רעוויזיאָניסטישער", וואָס איר הויפּט־פירער און אידעאָלאָג איז וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי.

זשאַבאָטינסקי, דערזעלביקער, וואָס האָט געאַרבעט פאַר דער גרינדונג פון אַ יידישער אַרמיי, און האָט געפירט, ווי אַן ענגלישער אָפיציר, אונטער דעם גענעראַל אַלענבי, דעם יידישן לעגיאָן קיין ארץ־ישראל, האָט געפאָדערט די קרבנות אין יידישן לעבן — און האָט אויך זיין אייגענעם לעבן געשטעלט אין קאָן — זיכער ניט צוליב דעם, אַז אין ארץ־ישראל זאָל באַשאַפן ווערן אַ „מרכז־רוחני", אַ צענטער פאַר דעם גייסטיקן „יודאַאיזם". ווי איינס ער זאָל ניט זיין מיט די אחד־העמיסטן אין זיין קולטורעלן איינשטעל, אין זיין טרוים, צו באַשאַפן אין ארץ־ישראל אַ גאַנץ ניי יידיש פאָלק, איז ער דאָך צופיל רעאַליסטישער פּאָליטיקער, ער זאָל ניט איינזען, אַז דער ציוניזם קאָן נאָר דעמאָלט האָבן אַ מאַגנעטישע ווירקונג אויף די פאָלקס־מאַסן, ווען ער זאָל קאָנען באַפרידיקן אַ וויכטיקע, ממשותדיקע לעבנס־נויט זייערע. מיט אַ „מרכז רוחני" און אַ וויצמאַנישן קליין־קאָלאָניזאַטאָרישן פאַר־

מעסט קאָן דעם יידישן פאָלק אין קיין פּרט ניט געדינט ווערן, — דאָס זעען די „רעוויזיאָניסטן" קלאָר איין. אָבער אויך זיי געפינען ניט פאַר מעגלעך אָוועקצושטעלן זיך מיט בײַדע פיס אויף דעם ריין טעריטאָריאַליסטישן שטאַנדפּונקט, ווי די מאָדערנע געשיכטע פון אונדזער פאָלק האָט אים אָוועקגעשטעלט פאַר דער יידישער עפנטלעכקייט און ווי ער האָט געהערשט ביי די גרינדער פון דער באַוועגונג, ביי אַ דר. פינסקער און אַ דר. הערצל. אויך די רעוויזיאָניסטן רעדן ניט וועגן אַ לאַנד פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, אָדער פאַר דער מאַיאָריטעט זיינער, דער צעשפּרייטער יידישער מאַיאָריטעט אין ארץ־ישראל, וואָס זאָל יענעם לאַנד געבן אַ מעגלעכקייט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַן אומאָפּהענגיקן זעלבסטשטענדיקן יידישן שטאַט. פאַר אַ יידישער מאַיאָריטעט אין ארץ־ישראל, ווי אַ באַזיס פאַר אַ יידישן שטאַט, איז אָבער גענוג אַ יידישע באַפעלקערונג פון אַ דריי־פיר מיליאָן, און מיט אָט דער ציפער רעכענען זיך די רעוויזיאָניסטן.

אַזוי אַרום, איז אויך דער רעוויזיאָניזם, אין זיין תוך, אַ פאַרלייקענונג פון דעם אָריגינעלן ציוניזם, וואָס איז געשיכטלעך אויסגעוואַקסן פון דער נויט, ראַדיקאַל צו פאַרענטפערן די פאַרשאַלטענע יידישע פראַגע. אַנשטאָט אַ לאַנד פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, ווי דר. פינסקער האָט געפאָדערט, אָדער „דאָס" לאַנד, — ארץ־ישראל, ווי אַ לייבהאַפטיקע מאַטעריעלע היים ווידער פאַרן גאַנצער יידישן פאָלק — צו וואָס דר. הערצל האָט געשטרעבט, האָבן די ווייצמאַניאַנער אַרויסגערוקט אַ „מרכז רוחני" פאַר אַן אַנדערהאַלבן מיליאָן יידן און די רעוויזיאָניסטן — אַ „יידנשטאַט" פאַר אַ דריי־פיר מיליאָן.

רעדנדיק וועגן אָט די צוויי „במקומס", אויף וועלכע דער ציוניזם האָט זיך אויסגעביטן, קאָנען מיר ניט דורכלאָזן דעם דריטן „במקום", וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט, — די „פועלי ציון" (פון רעכטן פליגל), וואָס האָבן זיך אין דער לעצטער צייט צונויפגעגאָסן מיט די „צעירי ציון". זייער ציוניסטישער אידעאַל איז — דער אויסבוי אין ארץ־ישראל פון אַ נייעם לעבן אויף די יסודות פון אייגענער יידישער אַרבעט און, אויף וויפיל מעגלעך, לויט די פאָדערונגען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. אויך אָט דער „במקום־ציוניזם" האָט דעמזעלביקן גרונטשטריך, וואָס די ערשטע צוויי. דאָס איז — די וואָג, וואָס ווערט אַריבערגעטראָגן פון דעם קוואַנטיטאַטיוון, נומערישן מאָמענט, — די פאַרענטפערונג פון דער יידישער פראַגע פאַר דער גרעסט־מעגלעכער

צאָל פון דעם יידישן פאָלק, — אויף דעם קוואַליטאַטיוון עלעמענט, דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון דעם יידישן לעבן אין ארץ־ישראל.

פאַר די ווייצמאַניאַנישע אחד־העמיסטן ליגט דער באַזונדערער־כאַראַקטער פון דעם יידישן לעבן אין ארץ־ישראל אין דעם אויסבוי פון אַן אייגענער יידישער קולטור אין דער העברייאישער שפּראַך. דערצו, רעכנט ווייצמאַן, איז גענוג אַ ישוב פון אַ מיליאָן אָדער אַ מיליאָן און אַ האַלב. די רעוויזיאָניסטן שטייען אויף דעמזעלביקן קולטורעלן שטאַנדפּונקט, וואָס די ווייצמאַניאַנער, זעען אָבער דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון דעם יידישן ארץ־ישראל־לעבן אין אַן אייגענעם, אומאָפּהענגיקן און פּאָליטיש־ווירקזאַמען שטאַט: נויטיקן זיך די רעוויזיאָניסטן אין אַ ברייטערער נומערישער גרונטלאַגע. די פּועלי ציון זעען דעם קוואַליטאַטיוון מאָמענט פון דעם יידישן לעבן אין ארץ־ישראל, — אַ חוץ דער העברייאישער קולטור, — אין דער פאַרווירקלעכונג פון אַ גרויסן אַלגעמיין־מענטשלעכן, סאָציאַל־עטישן אידעאַל. דאָ איז שוין די צאָל יידן, וואָס זאָלן בויען דעם סאָציאַליזם, נאָך ווייניקער וויכטיק, איידער אין ווייצמאַנס „מרכז רוחני".

מען זאָגט, אַז די יידישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל קאָן אין אַט דעם פּרט פון סאָציאַליסטישן בוי זיך באַרימען מיט גאָר וואונדערלעכע, גלענצנדיקע דערגרייכונגען. דער שרייבער פון אַט די שורות איז אפשר ניט ביכולת אָפּצושאַצן זייער ווערט, ווי זיי פאַרדינען, ווייל ער איז סוביעקטיוו געבונדן צו דעם אידעאַל פון אַן אייַנהייטלעכן, פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן לעבן פאַר אַלע יידן פון גאָר דער וועלט: דער קוואַנטיטאַטיווער מאָמענט, די גרויסע צאָל באַפרייטע יידן מוזן דערביי שפּילן די הויפּט־ראָליע. אָבער דאָס וועט מען דאָך מוזן מודה זיין דעם שרייבער פון אַט די שורות, אַז ווי ווערטפול יענע דערגרייכונגען זאָלן ניט זיין, געהערט זייער אָפּשאַץ גיכער אין אַ געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איידער אין אַ געשיכטלעכן איבערבליק איבער דעם אויפקום און דעם אינעווייניקסטן לאָגישן צונויפבונד פון די מאָדערנע יידישע פּראָבלעמען.

סאָציאַליסטישע אָדער האַלב־סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס און אַלערליי קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען קאָנען פון יידן געבויט ווערן אומעטום: אין ארץ־ישראל אַזוי גוט ווי אין קרים אָדער אין בירא־בידזשאַן, אָדער אַפילו דאָ אין אַמעריקע. און וואו נאָר דער סאָציאַליזם זאָל ניט גובר זיין דעם קאַפּיטאַליזם, וועט די יידישע באַפעלקערונג פון יענעם לאַנד מוזן איבערבויען, — אָדער לאָזן איבערבויען — איר לעבן אויף

סאָציאַליסטישע יסודות. די סאָציאַליסטישע קוואַליטעט פון דעם יידישן לעבן איז ניט קיין ספּעציפיש נאַציאָנאַל־יידישע פּראָבלעם, נאָר אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע. מיר וואָלטן דעריבער, אין די גרענעצן פון אונדזער איצטיקער אַרבעט, איגנאָרירט לאָזן אַ זייט דעם סאָציאַליסטישן „במקום־ציוניזם״. מיר טאָרן דאָס אָבער ניט טאָן דערפאַר, ווייל אין די גרענעצן פון דעם יידישן לעבן אין ארץ־ישראל שפּילן די באַשטרעבונגען פון די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער גאָר אַ געוואַלטיקע ראָליע.

אַז דער ישוב אין ארץ־ישראל בויט זיך, איז אַ פאַקט. אַז ער וועט אויך אויף ווייטער זיך בויען — און מסתמא נאָך אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב און אין אַ פאַרשנעלערטן טעמפּאָ — איז אַ השערה, וואָס האָט אַלע וואַרשיינלעכקייטן פאַר זיך. דער היסטאָרישער באַדייט פון דעם סאָציאַליסטישן „במקום־ציוניזם״ באַשטייט דערין, וואָס ער האָט דעם מאָוימדיק אַרומגעגרענעצטן ציוניסטישן געדאַנק אַוועקגעשטעלט פאַר אַ נייעם „על פרשת דרכים״, פאַר אַ נייער פאַנאַנדערגאַפּלונג פון וועגן: עס איז אויסגעוואַקסן אַ נייער פּראָבלעם: ווי זאָל דאָס יידישע לעבן אין ארץ־ישראל געבויט ווערן? אויף די אַלטע קאַפּי־טאַליסטישע יסודות, וואָס קראַנקן איצטער אומעטום אין אַלע קאַפּי־טאַליסטישע לענדער? אָדער זאָל מען דאָס יידישע לעבן גלייך פון אָנהייב בויען אויף אַ סאָלידן ריין־אַרבעטאַרישן פונדאַמענט, מיט דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליסטישע און קאָאָפּעראַטיווע אידעאַלן, אויף וויפיל נאָר מעגלעך? אָדער זאָל מען גאָר אַריבערטראָגן אַהין דעם ניי־קאַפּיטאַליסטישן, שאָוויניסטיש־פאַשיסטישן נוסח?

אין דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע גייען זיך פאַנאַנדער די צוויי עקסטרעמע ריכטונגען אין דער אָפיציעלער ציוניסטישער באַוועגונג: די יידישע סאָציאַליסטן, אָנגעפירט פון די רעכטע פועלי־ציון פון איין זייט, און די רעוויזיאָניסטן פון דער אַנדערער זייט. די יידישע סאָציאַליסטן שטרעבן צו בויען דעם יידישן בנין אין ארץ־ישראל אין דעם גייסט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, אָן וועלכן זיי זיינען אויך פאָרמעל אָנגעשלאָסן. די רעוויזיאָניסטן, אָנגעצונדן מיט דעם „פאַטאָס פון דער שטאַטס־אידייע״, זיינען נוטה צו געבן דעם ענטפער אין דעם ליכט פון דעם מאָדערנעם שאָוויניסטישן פאַשיזם, פאַר וועלכן „פאָלק״, „נאַציע״ און „שטאַט״ איז איין־און־איינציקע איינהייט און וואָס וויל אַלע קלאַסן, אויך די ניט־אַרבעטאַרישע, אַריינצעמענטירן לעולם ועד אין דעם אַלגעמיינעם שטאַטלעכן בנין. ווי דער פאַשיזם אומעטום,

ווייל אויך דער ציוניסטישער פאַשיזם פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי זיין אין דער ערשטער ליניע דער פאַרטרעטער פון די יידישע מיטל־קלאַסן. אין אָט דעם פּרינציפּיעלן קאָנפליקט איז די ציוניסטישע אַר־בעטער־פּאַרטיי, אין דער איצטיקער צייט, פאַרזיכערט מיט דער שטיצע פון דר. ווייצמאַנען און די אייגנטלעכע ווייצמאַניאַנער.

וועלכע ריכטונג עס וועט נעמען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם יידישן סאָציאַלן לעבן אין ארץ־ישראל, קאָן מען בשום אופן ניט פאָרויסזען. איין זאַך נאָר קאָן דאָ אַרויסגעהויבן ווערן אויף זיכער: אויף וויפיל דער בוי פון דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל וועט דאַרפן אָנקומען צו דער הילף פון דער יידנשאַפט אין די גלות־לענדער און אויף וויפיל אין יענער הילף וועלן שפּילן אַ ראָליע די יידישע פאָלקס־מאַסן, מיט דער אַרבעטערשאַפט בראש, וועלן זייער גאַנצע הילף און אַלע זייערע סימפּאַטיעס מוזן געהערן דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי: סוף־סוף איז דאָך אַפילו דער יידישער מיטל־קלאַס־מענטש ניט מחויב צו ברענגען קרבנות, וואָס זאָלן העלפן דעם יידישן מיטל־קלאַס צו לעבן אין ארץ־ישראל אויף דעם חשבון פון דער יידישער אַרבעט, און עס דאַרף אים ניט זיין שווער איינצוזען, אַז אַ נאָרמאַל לעבן פון אַ זעלבסטשטענדיקער פאָלקס־גרופּע קאָן געגרינדעט ווערן נאָר אויף דעם יסוד פון דער אייגענער פאָלקס־אַרבעט. קהלשע מיטלען קאָנען גיין נאָר אויף פאַרשטאַרקערן די פּאָזיציעס פון דער יידישער אַרבעט אין דעם דאָרטיקן יידישן ישוב, ווי גרויס אָדער ווי קליין ער זאָל ניט זיין.

דער קאָנפליקט צווישן דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און די שאָוויניסטיש־פאַשיסטישע „רעוויזיאָניסטן" שפּילט זיך אָפּ אויף דעם פעלד פון נאָך אַ פּראָבלעם, וואָס איז אויך אָנגעוואַקסן אין דעם ציוניזם גופא: די שטעלונג צו דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל. מיר האָפן צו רעדן וועגן דעם אין אַ באַזונדער אַרטיקל. אין דעם אַלגעמיינעם איבערבליק איבער די מאָדערנע יידישע פּראָב־לעמען קאָן די פראַגע ניט פאַרנעמען דעם געהעריקן פּלאַץ. אויפ־נעמענדיג ווידער דעם לאַגישן און היסטאָרישן פאָדעם פון אָט דעם איבערבליק, מוזן מיר דערווייל אונטערציען דעם סך־הכל פון דעם ביזאַהער געזאָגטן:

די באַלפור־דעקלאַראַציע און דער מאַנדאַט אויף אַ יידישער „נאַציאָנאַלער היים" אין ארץ־ישראל האָט לגמרי אָפּגעווישט יענע טעריטאָריאַליסטישע שטרעבונגען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט

אַ וועלכן עס איז אַנדער לאַנד. עס האָט זיך כמעט ביי אַלע טעריטאָרי־אַליסטיש־דענקענדיקע עלעמענטן פון אונדזער פאָלק איינגעשטעלט דער זיכערסטער גלויבן, אַז „אַ לאַנד״ מיינט „דאָס לאַנד״, ארץ־ישראל. דער ציוניזם האָט געיומטובט זיין העכסטן טריאומף. אָבער די הער־שנדיקע ריכטונג זיינע, די אחד־העמיסטישע, האָט ווידער אָוועקגעשטעלט אַ גרויסן פראַגע־צייכן צו דעם געוואונענעם רעזולטאַט. דער ציוניזם איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דרייעליי אָרטן „במקום ציוניזם״, און קיינער פון זיי קאָן ניט אַרויסטרעטן מיט דער זיכערקייט, אַז ארץ־ישראל איז „דאָס״ לאַנד פאַר דער מאַיאָריטעט יידן פון דער גאַנצער וועלט. נאָך מער: דער „מרכז רוחני״ ציוניזם און דער „יידנשטאַט״־ציוניזם פון די רעוויזיאָניסטן דערקלערן בפירוש, אַז דער ציוניזם האָט אין זינען דעם טעריטאָריעלן ענטפער נאָר פאַר אַ קלענערער אָדער גרעסערער מינאָריטעט פון דעם יידישן פאָלק. די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן פון די גלות־לענדער ווערן אין דעם ציוניסטישן חשבון ניט אַריינגערעכנט.

ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען?

מיר ווילן דאָ אַרויסהויבן די וויכטיקסטע מאָמענטן, וואָס האָבן דאָס, נאָך מיין מיינונג, מעגלעך געמאַכט.

קודם דאַרף מען דאָ דערמאָנען, אַז דער ציוניזם, ווי אַ טערי־טאָריאַליסטישער ענטפער אויף דער יידנפראַגע, איז אַרויסגעוואַקסן פון אַסימילאַטאָרישע און משכילימשע קרייזן. פרץ סמאָלענסקין, דער פאַרלויפער פון די ציוניסטישע אידעאַלן און דער ביטערסטער קריטיקער פון דער מענדעלסאָנישער אַסימילאַציע, איז אויך געווען אפשר דער גלענצנדיקסטער עקספּאָנענט פון דעם שפּעטערן פעריאָד אין דער השכלה־באַוועגונג. דר. פינסקער, דר. הערצל און דר. נאָרדוי זיינען שוין אויסגעוואַקסן אין דער ריינער אַסימילאַציע. זיי אַלע האָבן דערשפּירט די פעלערן פון דעם אַסימילאַטאָרישן וועג, זיינע אינע־ווייניקסטע ווידערשפּרוכן מיט דער רעאַלער ווירקלעכקייט, די ליידן, וועלכע ער האָט אָנגעגרייט סיי פאַר די מאַסן, סיי פאַר די אַסימילירטע געבילדעטע קרייזן, זיין אַבסאָלוטן באַנקראָט אין דער יידנפראַגע. אָבער פון דער אַנדער זייט זיינען די אַלע געווען איינגעגלויבט, אַז, וואָס פאַר צרות יענער וועג זאָל ניט ברענגען מיט זיך, מיט וואָס פאַר אַ טראַגישע קאָנפליקטן ער זאָל ניט מזכה זיין דאָס יידישע פאָלק, איז ער דער איינציקער וועג, וואָס איז אָנגעצייכנט פאַרן יידישן לעבן אין די גלות־לענדער. די אַסימילאַציע, ווי שלעכט זי זאָל ניט זיין, איז אַ היסטאָריש־

אומפאַרמיידלעכער פּראָצעס, פון וועלכן מען קאָן זיך אַרויסראַטעווען נאָר אין אייגענעם יידישן לאַנד.

אָט דער גלויבן אין דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דער אַסימילאַציע פאַר די יידן פון די גלות־לענדער איז פאַרבליבן ביי דער גאָר גרויסער מאַיאָריטעט ציוניסטן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג. און ווען דער גאַנג פון דעם נאַציאָנאַלן אויפבוי אין פּאַלעסטינע האָט צעשמעטערט די הערצלישע האָפענונגען פון אַ באַלדיקער „גאולה שלמה" פאַרן גאַנצן פאָלק און מען האָט זיך געגומען אויסאיינען מיט דעם געדאַנק פון אַ „שאר ישוב", אַז נאָר רעשטלעך פון דעם אסימילאַציאָנס־פּלאַקער וועלן זיך קאָנען אומקערן אין אַן אייגן לאַנד, איז דערמיט גופא אַרויס־געטראָגן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער טויט־אורטייל דער יידנשאַפט, וואָס וועט בלייבן אין די גלות־לענדער.

דערצו איז געקומען די אחד־העמיסטישע השפעה, מיט דעם אַריבערטראָגן די וואָג פון דער יידנפראַגע אויף דער יידנטום־פראַגע. אחד העם האָט געלערנט, ווי מיר האָבן דאָס פריער געשילדערט, אַז סוף־סוף וועט די יידישע לאַגע אין גלות ווערן גאַרניט אַזוי שרעקלעך, ווי די ציוניסטן מאָלן זי אויס. דאָס פּעסימיסטישע אָפּלייקענען די ווירקונג פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס אויף דער יידישער לאַגע, ווי מ. ל. ליליענבלום האָט באַזונדערס געזינדיקט דערין, — איז דורכאויס אומבאַרעכטיקט. ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער בירגער פון אַ וועלכן עס איז לאַנד, וועט אויך דער ייד געפינען זיין פּלאַץ אונטער דער זון. און אַ היפּשער טייל פון דעם יידישן פאָלק וועט זיך אויך גייסטיק אומקערן צו יענער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער יידישער קולטור, וואָס וועט זיך בויען אין ארץ־ישראל אין דער העברייאישער שפּראַך. העברייאיש וועט דינען ווי אַ קעגן־געוויכט אויסצובאַלאַנסירן זייער דרויסנלעכע אַסימילאַציע אין אַ פרעמדן לשון. פון אָט דעם שטאַנד־פּונקט באַזעען, איז אויך דער אחד־העמיזם אַ מין „שאר ישוב"־געדאַנק. רעשטלעך וועלן זיך פיזיש אומקערן צו דעם יידישן לעבן אין דעם יידישן לאַנד, און טיילן וועלן זיך נאָר נשמהדיק אומקערן צו דעם „יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט", וואָס וועט זיך אַנטוויקלען אין יענעם לאַנד. ווי גרויס וועלן זיין יענע טיילן? וואָס איז דער אונטערשייד! דער עיקר איז דאָך די קוואַליטעט, ניט די קוואַנטיטעט. פאַר די גרויסע מאַסן פון דער גלות־יידנשאַפט איז ניטאָ וואָס צו זאָרגן, אויב זיי וועלן, ווי מענטשן, זיך מענטשלעך איינאָרדענען, אַדאַנק דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס.

עס איז אין אַט דעם אחד־העמיסטישן געדאַנקען־גאַנג גאַנץ אָפן געלעגן די טענדענץ צו כשרן די רייך־שפּראַכלעכע אַסימילאַציע און ניט צו קימערן זיך וועגן דעם מאַטעריעלן גורל פון די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן אין די גלות־לענדער.

דיווירקלעכקייט פון דער נאָך־קריגס־צייט האָט אַרויסגעבראַכט געווען דערשיינונגען, אויף וועלכע עס וואָלטן זיך געקאָנט שטיצן סיי דער ציוניסטישער אָפּטימיסט, סיי דער ציוניסטישער פּעסימיסט. אין רוסלאַנד איז געפאַלן דער צאַריזם, און אינאיינעם מיט אים האָט געקראָגן אַ טויט־קלאַפּ דער אַנטיסעמיטיזם. טיילן פון רוסלאַנד זיינען געוואָרן זעלבסטשטענדיקע מדינות מיט אַ רעפּובליקאַנישן רעזשים: פּוילן, ליטע, לאַטוויע, עסטאָניע. דייטשלאַנד האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק. עסטרייך איז פאַנאַנדערגעפאַלן אין איינצעלנע רעפּובליקן. אין אַלע ניי־געשאַפענע, אָדער פּאָליטיש איבערגעבויטע לענדער איז די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג פאַרזיכערט געוואָרן אין זייערע קאָנסטיטוציעס. אין דייטשלאַנד האָבן זיך די יידן שנעל אַרויסגערוקט צו דעם פראָנט אויף אַלע פעלדער פון דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן. אין אייניקע לענדער האָבן יידן אויך באַקומען אויך געוויסע נאַציאָנאַלע רעכט.

אין אַלע יענע לענדער, — אַ חוץ ראַטנלאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן דער עקאָנאָמישער ווידעראויפבוי אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות, און די יידן האָבן גענומען זייער באַדייטנדיקן חלק אין דעם פּראָצעס. האַנט אין האַנט מיט דעם עקאָנאָמישן ווידעראויפבוי האָבן זיך שוין גענומען באַווייזן סימנים פון אַ שטאַרקערן דראַנג צו אַסימילאַציע מיט די הערשנדיקער פעלקער, אַפילו מיט יענע שפּראַכן און קולטורן, וואָס זיינען נאָר וואָס דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון הערשנדיקע און די שוואַכע וועגטלעך פון די נאַציאָנאַלע רעכט זיינען ניט געווען קיין גענוגע שמירה אַנטקעגן איר.

אין אַמעריקע האָבן זיך פאַרמאַכט די טויערן פאַר דער עמיגראַציע. די נאַציאָנאַליזירנדיקע ווירקונג פון אַ נייעם עמיגראַנטןצופלוס האָט אויפגעהערט. די פּאַקטישע אַסימילאַציע האָט זיך אַ גאַס געטאָן, ווי אַ רייסנדיקער שטראָם. דער אַלטער לעבנס־אינהאַלט האָט אָנגעהויבן נאָך האַסטיקער פאַנאַנדערצופאַלן. און אויך דאָ זיינען די נייע פאָרמען פון אַן אייגענעם נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון לעבן, וואָס האָבן זיך גראָד אין יענער צייט גענומען אינטענסיווער אויסבילדן, ניט געווען ביכולת אויפצונעמען אין זיך די עלעמענטן פונעם פאַנאַנדער־

פאַלן, ווי זיי זיינען דאָס נאָך ניט ביכולת עד היום. אין דערזעלביקער צייט איז דאָ אין לאַנד געוואַקסן דער יידישער עקאָנאָמישער וואויל־שטאַנד, ווי אין קיין לאַנד ניט, צו קיין צייט ניט אין אונדזער גאַנצן געשיכטלעכן לעבן. אויך די חשיבות און די וואָג פון דער יידנשאַפט אין אַמעריקע אין געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. נאָך קיינמאָל איז קיין טייל פון אונדזער פאָלק ניט געווען אין אַזאַ גלענצנדיקער לאַגע, ווי די אַמעריקאַנער יידנשאַפט אין דער נאָך קריגס־צייט ביז צו דעם גרויסן קראַך, — אַ גלענצנדיקן אין אַלע פּרטים, אַ חוץ דעם איינעם: דעם נאַציאָנאַלן. אים האָט הייס־הונגעריק געשלונגען די פּאָקטישע, סטיכישע אומבאַוואוסטזיניקע אַסימילאַציע.

האַנט אין האַנט מיט איר גאַנג האָבן זיך גענומען שטאַרקן די באַוואוסטזיניק אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, וואָס זיינען אויף אַ ווילע פאַרטויבט געוואָרן דורך דעם שטורעמדיקן אָנפאַל פון דער פּראָגרע־סיוו־נאַציאָנאַלער אַגיטאַציע, וואָס האָבן אָבער איצט ווידער געקאָנט האָפערדיק אויפהויבן זייער קאָפּ. און עס איז ווידער אויפגעפרישט געוואָרן די אַלטע אַסימילאַטאָרישע נביאות, אַז „אין צוואַנציק יאָר אַרום“ וועט אין אַמעריקע פאַרשווינדן יעדער זכר פון יידיש.

בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג, מענטשלעכער אויפטראָג מיט דעם יידן, אָפענע וועגן פאַר אים צו אַלע געזעלשאַפטלעכע הויכן, שטייגנ־דיקער עקאָנאָמישער וואוילשטאַנד און — אַסימילאַציע, ווי דער נאַטיר־לעכסטער פּראָדוקט פון דעם היגן לעבן און דער בעסטער פאַרבאַדינג פאַר אַלע היגע גליקן, — דאָס האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען פון אונדזער היגער לאַגע, ווי אונדזער צוקונפט דאָ אין לאַנד. מיר וועלן דאָ אויסגיין, אַזוי האָט געליאַרעמט יענע נביאות. מיר וועלן דאָ נאַציאָנאַל אויסשטאַרבן מיט דער „מיתת נשיקה“, דעם טויטלעכן קוש פון דער אַסימילאַציע.

און אַמעריקע איז אין דער צייט פון נאָך דעם קריג געוואָרן דער אמתער „נס לגוים“, אַ פאָן פאַר אַלע פעלקער. זי איז געוואָרן דאָס מוסטער־לאַנד. אַלע פעלקער רייסן זיך צו גיין אין אירע וועגן. אויך די אייראָפּייאישע לענדער, — די ניי־צוגעקומענע און די איבערגעבויטע, שטרעבן צו באַפעסטיקן זייערע רעפּובליקאַניש־דעמאָקראַטישע יסודות. אויך אין זיי בליט זיך פאַנאַנדער די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג. אמת, דאָס קומט פאַר ניט גראָדליניק, ניט פרידלעך־אָרגאַניש, נאָר אין זיגזאַגן, מיט שטורעמס, צוריקפאַלן, פּאָגראָמען, באָיקאָטן, אַלערליי נגישות אויף יידן. אָבער — קאָן מען דען זיין אין ספק, וואָס עס וועט,

אין דעם לויף פון דער אַנטוויקלונג, נעמען די אויבערהאַנט? אויך דאָרטן וועט מען אַרויף אויף דעם גלייכן וועג, און אויך דאָרטן איז דער גלייכער וועג אַנגעצייכנט דורך דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס: דעמאָקראַטיע, פרייהייט, יידישע גלייכבאַרעכטיקונג און גלייכשעצונג, אָפענע וועגן פאַר דעם יידן צו אַלע הויכן, — אין דער אינדוסטריע, דעם האַנדל, די ליבעראַלע פּראָפעסיעס און אַפילו אין דעם שטאַטס־דינסט — עקאָנאָמישער וואוילשטאַנד, און — די אַסימילאַציע, ווי דער נאַטירלעכסטער אַרויסקום פון די אומשטענדן און דער בעסטער פאַרבאַדינג צו אַ געזיכערטער צוקונפט.

פאַר דעם יידישן יחיד, ווי פאַר אַן איינצל־מענטשן, און ממילא אויך פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן, ווי איינצל־מענטשן, האָט מען שוין ניט וואָס צו זאָרגן. די יידן־פראַגע איז אין עצם פאַרענטפערט פאַר די גלות־לענדער. פאַרענטפערט אין דעם זין און לויט די אידעאַלן פון דעם פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישן פעריאָד. זאָרגן דאַרף מען נאָר פאַר דעם גורל פון דעם יידנטום, פאַר דער אָריגינעלער נאַציאָנאַלגייסטיקער אַנטוויקלונג, און דערויף איז דאָ דער ציוניזם, וואָס וועט ברענגען די גייסטיקע גאולה פאַר אַזוי פיל יידן, וויפיל עס וועט זיך לאָזן.

אַזוי האָט געקוקט דערויף דער אָפּטימיסט. אָבער אויך דער פּעסימיסט האָט געהאַט גענוג דערשיינונגען פון דער נאָך־קריגס־צייט, אויף צו באַרעכטיקן זיין שטאַנדפּונקט. דער עיקר, אין דעם אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, זינט דאָס לעבן אין די מזרח־אייראָפּייאישע לענדער האָט, נאָך פילע וואַקלענישן און אַרומשליידערונגען, זיך גענומען איינשטעלן אין פעסטערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאָרמען.

ניט גלענצנדיקער איז די יידישע לאַגע אין די צוויי גרויסע יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע: פּוילן און רומעניע. די פאַרזיכערטע רעכטן אין די קאָנסטיטוציעס בלייבן אויפן פּאַפּיר. שטילע, פאָרמעל געזעצמעסיקע דיסקרימינאַציעס מצד דער רעגירונג אויף אַלע פעלדער פון דעם שטאַטלעכן לעבן און פון די פּסעוודאָ־דעמאָקראַטישע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען; אָפענע באָיקאָט־באַוועגונגען מצד דער געזעלשאַפט; אַנטיסעמיטישע אויסברוכן און פּאָגראָמען, וואָס גייען ניט אַראָפּ פון סדר היום, — דאָס אַלץ פאַרמשפּט די יידישע באַפעלקערונג צום אונטערגאַנג דורך הונגער, נויט, בלוטיקע אָנפאַלן און קינסטלעכער איזאָלאַציע.

די קלענערע לענדער פון מזרח־אייראָפּע הויבן אַלץ מער אָן צו טאַנצן נאָך דעם פייפל פון די גרעסערע.

נאָך אַזאַ סך־הכל פון דער יידישער לאַגע, — אַ סך־הכל, אין וועלכן עס קאָנען אַריינגיין טויזנטער טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען און טיפערע אויספאָרשונגען פון אַלע זייטן פון דעם יידישן לעבן און דער שטעלונג פון דער אַרומיקער וועלט צו אים, — וואָס קאָן דען בלייבן פון דער גאַנצער גלות־יידנשאַפט?

אַזוי אַרום קומט אויך דער פּעסימיסטישער בליק אויפן גלות צו דעמזעלביקן אויספיר, וואָס דער אָפּטימיסטישער: די גלות־יידנשאַפט איז פאַרמשפּט צום טויט. און קאָמבינירט מען ביידע סך־הכלס אינ־איינעם, — ווי דאָס האָט געטאָן דר. ח. ווייצמאַן אין אַן עפנטלעכער רעדע אין זיד־אַפריקע, — באַקומט זיך אָט וואָס פאַר אַ טרייסטפולער רעזולטאַט:

די גלות־יידנשאַפט שטאַרבט שטאַרבט אויס. זי שטאַרבט אויס אָדער פון דער אַסימילאַטאָרישער „מיתת נשיקה”, אָדער פון דעם אַנטיסעמיטישן „דבר, חרב ורעב” („פּלאָג, שווערד און הונגער”), אָדער פון ביידנס קאָמבינירטער ווירקונג. עס איז שוין ניטאָ וואָס צו פּלאָגן זיך מיט דער יידנפראַגע אין די גלות־לענדער. פאַר יענע יידן, וועמען עס וועט זיך לעבן וואַרעם אונטער די זון־שטראַלן פון דעם „אלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס”, דאַרף מען ניט זאָרגן. פאַר יענע יידן, וואָס וועלן געטראָפן ווערן פון דער פּלאָג און פון דעם שווערד און פון הונגער, וועט ניט זיין קיין פּעולה אונדזער זאָרג.

אַזאַ טרייסטפולער אויסבליק אין דער צוקונפט פון די מיליאָנען יידישע פאָלקס־מאַסן, — נומעריש דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, — אַ חוץ די נישטיקע רעשטלעך, וועלכע דער ציוניזם ראַטעוועט אָפּ דאָס לעבן, — אַזאַ אויסבליק, זאָג איך, פון וועלכן דאָס בלוט ווערט פאַרקילט אין די אָדערן, האָט זיך געעוויטיקט אין אַ טעאָרעטישער באַלייכטונג, וואָס זאָל אָוועקנעמען פון אים זיין פּראַסטיקן הויך. אָט די באַלייכטונג, האָט זיך באַמיט אַרויסצוברענגען יצחק גרינבוים, איינער פון די וויכטיקסטע ציוניסטישע פירער אין פּוילן און איינער פון די סימ־פּאַטישסטע פּערזאָנען אין דער גאַנצער ציוניסטישער עפנטלעכקייט.

דער ציוניזם האָט ניט און קאָן ניט האָבן קיין אַנדער ציל פאַר זיך, ווי נאָר די פולע באַפרייאונג פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק. יצחק גרינבוים בלייבט טריי אָט דער גרונט־הנחה פון דעם הערצליאַנישן ציוניזם. ער שטעלט אָבער אַוועק די טעאָרעטישע פראַגע: ווער איז דאָס פאָלק? ווער דאַרף באַפרייט ווערן? זיינען דאָס די גרויסע פאָלקס־מאַסן? ניין, ענטפערט דר. גרינבוים, די גרויסע מאַסן זיינען „זאַמד

און שטויב״, פון וועלכע עס ווערט ערשט אויסגעקנאָטן אַ פאָלק. ווער קענט זיי אויס? די היסטאָרישע קרעפטן, וואָס שטרעבן באַוואוסט־זיניק צו פאַרווירקלעכן אַ וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע צוקונפט. דער עיקר, דער שטאַט. ער באַשאַפט די פורעמס, אין וועלכע דער זאַמד און שטויב פון די מאַסן ווערט געפורעמט אין ציגל. ער בויט פון די ציגל דעם נאַציאָנאַלן בנין פון אַ איינהייטלעכער קולטור אין אַן איינהייטלעכער שפּראַך.

יידן האָבן נאָך ניט קיין שטאַט. אָבער זיי האָבן שוין אַרויס־געבראַכט די אַנדערע באַוואוסטזיניקע, היסטאָריש ווירקנדיקע קרעפטן: די ציוניסטן, די בונדיסטן און אַלע אַנדערע ריכטונגען אין דעם יידישן לעבן, וואָס האָבן אַ וועלכן עס איז נאַציאָנאַל־יידישן אויסקוק, זיי זיינען אַ גאַנץ קליינע מינאָריטעט פון דעם, וואָס ווערט איצט מיט אומרעכט אָנגערופן: „יידיש פאָלק״. זיי דאַרפן איינזען, — פאָדערט דר. גרינבוים, — אַז זיי קאָנען ניט געשטאַלטן דעם נאַציאָנאַל־יידישן שטאַט. און פאַר אַזאַ יידישן שטאַט, וואָס האָט ניט וואָס צו רעכענען זיך מיט די מיל־יאָנען זעמדלעך פון שטויב, איז דאָ גענוג פּלאַץ אין ארץ־ישראל.

טראַכט מען זיך אַריין אין דר. י. גרינבוימס טעאָריע, איז גרינג צו באַמערקן, אַז דער „פּאַטאָס פון דער שטאַטס־אידייע״, — מיט וועלכער אויך אַ זשאַבאָטינסקי איז אָנגעצונדן, — און די אַסימילאַציע זיינען די צוויי צענטראַלע זיילן, דער „יכין״ און דער „בועז״ פון דעם גאַנצן בנין *), און די וויכטיקע ראָליע אין דעם בוי פון דער יידישער צוקונפט שפּילט... די אַסימילאַציע! זי שפּילט די טאָפּעלע ראָליע פון אַן אָפּקלייבנדיקער און שאַפנדיקער קראַפט. אין די גלות־לענדער וועלן „דער שטויב און דער זאַמד״ פון די מיליאָניקע יידישע מאַסן טיילס פאַרוויסט ווערן, ווי שטויב, אין דעם טראַגישן היסטאָרישן געראַנגל צווישן די רעאַקציאָנערע און פּראָגרעסיווע כוחות פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. טיילס וועלן זיי, אַדאַנק דער אַסימילאַציע, פאַרוואַנדלט ווערן, ווי זאַמד, אין דעם אויפבוי פון יענעם איינהייטלעך־נאַציאָנאַלן שטאַט, אין וועלכן זיי וואוינען.

די היסטאָריש ווירקנדיקע כוחות פון דעם יידישן פאָלק וועלן אָבער, אין זייער דראַנג צו אַ יידיש־נאַציאָנאַלער צוקונפט, געטריבן ווערן קיין ארץ־ישראל. אַ געוויסער טייל פון „זאַמד און שטויב״ וועט מיטגע־

*) „יכין״ און „בועז״ זיינען געווען די נעמען פון די צוויי צענטראַלע זיילן אין שלמה המלכס בית־המקדש.

שלעפּט ווערן מיט זיי, כדי דאָרטן זאָל פון אַלע יידן אויסגעפורעמט ווערן אַן איינהייטלעך נאַציאָנאַל־יידיש לעבן, אַדאַנק דער... שפּראַכלעכער אַסימילאַציע מיט דעם העברייאיש־רײדנדיקן קערן פון דעם נייעם ישוב.

דאָ דעקט זיך פאַר אונדז אויף נאָך אַ וויכטיקער קאַנאַל, — אפשר דער וויכטיקסטער, — וואָס פאַרבינדט אידייאיש דעם ציוניזם מיט דער אַסימילאַציע: דאָס זיינען — די אינטערעסן פון דעם העברייאישיזם. מיט דעם וואָרט „העברייאישיזם" מיין איך די איינגעשטעלטע באַש־טרעבונג פון דער ציוניסטישער וועלט, אַז העברייאיש זאָל זיין די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק. אין ארץ־ישראל זאָל זי זיין אויך די גערעדטע שפּראַך פון די מאַסן. אין חוץ־לארץ לפּחות די שאַפונגס־שפּראַך פון דער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג. אָבער דער העברייאישיזם געפינט אַ מעכטיגן אָביעקטיוון ווידערשטאַנד אין דער פאַרהערשאַפט פון דער יידישער שפּראַך אין דעם נאַציאָנאַלן לעבן פון די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן. אָט די פאַקטישע שפּראַכלעכע פאַרהערשאַפט פון יידיש האָט ביי אונדז אַרויסגערופן די נאַציאָנאַל־שפּראַכלעכע באַוועגונג פון דעם „יידישיזם", וואָס שרייבט צו דעם יידישן לשון דיזעלביקע ראָליע אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן, וועלכע די העברייאישיסטן ווילן אויסקעמפן פאַר העברייאיש. עס איז אויס־געוואַקסן אַ באַזונדער מאָדערנער פּראָבלעם, די שפּראַכן־פראַגע, וואָס וועגן איר וועלן מיר מוזן רעדן באריכות. דאָ, אין דעם איצטיקן קאַפּיטל, קאָנען מיר נאָר אָנווייזן די ווירקונג פון דעם שפּראַכן־קאַמף אויף די אַסימילאַטאָרישע נייגונגען אין דעם ציוניזם.

עס קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז די יידישע שפּראַך, מיט איר פירערשאַפט ביי די פאָלקס־מאַסן, דעם פאָנאַנדערבלי פון דער קולטור־רעלער שאַפונג אין איר און די יידישיסטישע באַוועגונג שטעלן מיט זיך פאָר דעם מעכטיקסטן ווידערשטאַנד פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם העברייאישיסטישן ענד־ציל. עס קאָן דעריבער אויך קיין ברעקל ספק ניט זיין, אַז עס ליגט אָביעקטיוו אין די אינטערעסן פון דעם העברייאישיזם, יידיש זאָל אינגאַנצן און וואָס גיכער פאַרשווינדן פון דער יידישער קולטורעלער שאַפונג און פון דעם פאָלקס ליפּן. אין דעם אַלגעמיינעם „חייב מיתה", וועלכן דער ציוניזם טראָגט אַרויס פאַר דער גלות־יידנשאַפט, שפּילט דעריבער אַ געוואַלדיקע ראָליע דער ספּעצי־עלער „חייב מיתה", וואָס ווערט אַרויסגעטראָגן פאַר דער יידישער שפּראַך.

דערפון טאָר מען בפירוש ניט מאַכן דעם אויספיר, אַז יעדער ציוניסט־העברייאישיסט איז תמיד גרייט בידים צו דערוועריגן יידיש, כדי פריי צו מאַכן, לאָז זיין אַ ווי שמאָלן שטעג פאַר דעם העברייאישיזם. הגם, מען מוז דאָך דאָ קאָנסטאַטירן, אַז אין ארץ־ישראל איז די גאַר גרויסע מאַיאָריטעט פון די ציוניסטן ניט נאָר גרייט דערצו, נאָר זי טוט דאָס טאָג־טעגלעך בידים דורך ספּעציעלע פאַראָרדנונגען און געזעלשאַפטלעכן באָיקאָט. עס זיינען דאָרטן שוין פאָרגעקומען אויך בלוטיקע אָנפאַלן אויף יידישיסטן מצד די פאַנאַטישע „מגיני השפה" („פאַרטיידיקער פון דער שפּראַך"). אויך אין מזרח־איראָפּיאישער „חוץ לארץ" זיינען פאָרגעקומען פאַסירונגען, וואָס קאָנען ניט כאַראַקטעריזירט ווערן אַנדערש, ווי באַוואוסטזיניקע שטרעבונגען צו שטערן די אַנטוויקלונג פון יידיש און פון דער קולטור־טעטיקייט אין יידיש. אָבער דאָס זיינען נאָר איינצעלנע אויסנאַמען. בדרך כלל דאַרף די שטעלונג פון דעם ציוניזם צו יידיש אין די גלות־לענדער באַטראַכט ווערן, ווי די שטעלונג פון אַ פיינטלעכער נייטראַליטעט, אין דער האָפענונג, אַז די פּראָצעסן, וואָס הערשן איצט אין דעם יידישן גלות־לעבן, וועלן סטיכיש אַפּראַמען פון וועג דעם געפערלעכן קאָנקורענט. דער וויכטיקסטער פּראָצעס איז אָבער דערביי די שפּראַך־אַסימילאַציע.

דערצו מוז נאָך צוגעגעבן ווערן די ווירקונג פון יענעם פּסיכאָלאָגישן איינשטעל אין דער שפּראַכן־פראַגע, וועלכן דער ציוניזם האָט באַקומען בירושה פון דער השכלה־באַוועגונג, דורך די משכילימשע קרייזן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו אים. אויך די השכלה האָט בדרך כלל, — איינצעלנע אויסנאַמען אָראָפּגערעכנט, — זיך באַצויגן מיט ביטול און האָס צו דעם „יידיש־דייטשן זשאַרגאָן". דער ביטול איז פאַרשוואונדן. דאָך מער איז אויסגעוואַקסן דער האָס.

אָט די אַלע פּסיכאָלאָגישע אונטערגרונט־שטרעמונגען און איבער־גרונט־שטרעמונגען האָבן געפירט דערצו, אַז אין דער ציוניסטישער שטעלונג צו דער גלות־יידנשאַפט, איז ניט נאָר אָטראָפּירט געוואָרן די פריערדיקע קריטיש־נעגאַטיווע שטעלונג צו דער אַסימילאַציע, נאָר עס האָט זיך אויך גאַנץ קלאָר אַרויסגערוקט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו איר, ווי צו אַ ברויזנדיקן, אַלץ אַראָפּשווענקענדיקן לעבנס־שטראָם, וואָס טראָגט מיט זיך רייכע וואַסערן אויך פאַר זייער ציוניסטישער מיל, — על־כל־פנים, ווי צו אַזאַ שטראָם, וואָס קאָן ניט איינגעהאַלטן ווערן אין זיין לויף.

פון אָט דעם פּרינציפּיעלן און פּסיכאָלאָגישן איינשטעל איז ניט

פריי אויך די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט, זיינען ניט פריי אויך פילע סאָציאַליסטישע קרייזן אין דעם לאַגער פון די „רעכטע" פועלי־ציון. נאָך מער: די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט, וואָס דאַרף צוגערעכנט ווערן צו דעם אַוואַנגאַרד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז בלי ספק אין דעם גאַר העכסטן גראַד דורכגעדרונגען, אויב ניט מיט דער וואונטשבאַרקייט פון דער אַסימילאַציע, איז מיט דעם געדאַנק פון איר אַבסאָלוטער אומפאַרמיידלעכקייט.

קלאָר איז אַרויסגעטראָטן אַט דער איינשטעל אין בן־גוריונס רעדע אויף דעם לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. דער אַנערקענטער פירער פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט האָט אין זיין רעדע געוואָרפן שאַרפע באַשולדיקונגען אויף דעם אַדרעס פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק, פאַרוואָס עס שטרעבט ניט מיט אַלע כוחות דערצו, אַז מער יידן זאָלן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. דאָס פאָלק דאַרף דאָך איינזען, אַז דער גורל פון אַ קליינעם יידישן ישוב אין דעם יידישן לאַנד קאָן דאָך ניט זיין קיין אַנדערער, ווי דער גורל פון דער גאַנצער אַלוועלטלעכער יידנשאַפט: אַסימילירט צו ווערן.

נעמט מען צונויף אינאיינעם אַט די אַלע מאָמענטן, — און עס זיינען געווען נאָך אַנדערע, וואָס האָבן געווירקט אין דערזעלבער ריכטונג, — קומט מען צו דעם אויספיר, אַז דער מאָדערנער ציוניזם איז, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אָנגעלאָדן מיט „נעגאַטיווער" ענערגיע בנוגע דער גלות־יידנשאַפט בכלל, און אַ „פּאָזיטיווער" ענערגיע, אין זיין שטעלונג צו דעם פּראָבלעם פון דער אַסימילאַציע, איז עס שוין גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס עס האָט געקאָנט אַרויסוואַקסן אַן אידייאישער „פיפטי־פיפטי"־אָפּמאַך צווישן דעם ציוניזם און דער אַסי־מילאַציע.

נאָך מער: באַטראַכט מען דעם ציוניזם אין דעם ליכט פון דער שפּראַכן־פראַגע, דעמאָלט דרינגט זיך אַרויף דער שלוס, אַז די אַסימי־לאַטאָרישקייט איז פאַרטראָטן אין אים מיט אַ סך מער, איידער פּופציק פּראָצענט. ער איז אַסימילאַטאָריש שיר ניט הונדערט־פּראָצענטיק, אויב מען זאָל דאָס וואָרט: „אַסימילאַציע" נעמען אין זיין ריכטיקן פּאָליטישן באַדייט, ווי דאָס ווערט געטאָן בנוגע די מאָדערנע רעגירונגען אין אינוויינעקסטער פּאָליטיק פון זייערע לענדער. אַסימילאַטאָריש ווערן אָנגערופן אַזעלכע רעגירונגען, וואָס שטרעבן דורכצופירן מיט זייער שטאַטלעכער מאַכט די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע, אַרויפצוצווינגען די

שפּראַך פון דעם הערשנדיקן פאָלק אויף אַלע אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג.

אין אַט דעם פּרט איז די הערשנדיקע ריכטונג איך דעם ציוניזם, זאָג איך, דורך־און־דורך אסימילאַטאָריש. זי באַרעכטיקט יעדן שטאַט, אויסצופורעמען, — מיט גוטן, צי מיט בייזן, — אַן איינהייטלעך־שפּראַכלעכע ספערע, אין וועלכער עס זאָל זיך אָפּשפּילן דאָס גאַנצע לעבן פון אַלע זיינע איינוואוינער. און דער הערשנדיקער ציוניזם נעמט אויך פאַר זיך אַליין דאָס רעכט, צו זיין אַסימילאַטאָריש אין דעמזעלביקן זין. אין זיין „יידנשטאַט" דאַרף הערשן נאָר איין שפּראַך־ספערע — די העברייאישע. אַלע אַנדערע שפּראַכן, וואָס ווערן גערעדט פון יידן, דאַרפן דערשטיקט ווערן אין איר. דערפון — די נעגאַטיווע שטעלונג צו דעם גלות־נאַציאָנאַליזם און די פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע אין די גלות־לענדער און די איינטיילונג פון דעם יידישן לעבן אין צוויי ממשלות: אין ארץ־ישראל זאָל הערשן דער יידישער נאַציאָנאַליזם. אין חוץ לארץ זאָל פירן די גרענדע און טאָן זיין אומפאַרמיידלעכע היסטאָרישע מיסיע — דער יידישער אסימילאַטאָר.

אַזוי־אַ האָט זיך ביי דער הערשנדיקער ריכטונג אין דעם ציוניזם אַרויסגעקריסטאַליזירט דער ענין אין דעם משך פון דער נאָך־קריגס־צייט ביז... ביז צו דער היטלעריסטישער קאַטאַסטראָפע אין דייטשלאַנד.

דער שווידערלעכער טריאומף פון דעם היטלעריזם, מיט דעם פאַנאַנדערפלאַקער פון אַזאַ אַנטיסעמיטיזם, מיט אַזעלכע לוסט־וואַנ־זיניקע פייניקונגען, — פיזישע און פסיכישע, — אַז אַפילו אַ טאָרק־ווען מאַדאַ וואָלט אַראָפּגעלאָזט זיינע בליקן צו דער ערד פאַר בושה, קאָן אין דער יידישער פראַגע ניט באַטראַכט ווערן אַנדערש, ווי דער פולסטער באַנקראָט פון די אַסימילאַטאָרישע אידעאַלן, וואָס זיינען אין דעם רעפּובליקאַניש־דעמאָקראַטישן דייטשלאַנד פאַרווירקלעכט גע־וואָרן ביז צו זייער פולסטער מאָס. די דייטשע יידן זיינען די ערשטע אַרויף אויף דעם אַסימילאַטאָרישן וועג און זיי זיינען די ערשטע דערלאַפּן צו זיין נאַטירלעכן ענד, וואָס ווייטזיכטיקע מענטשן, ווי אַן פּינסקער, האָבן שוין קלאָר אַרויסגעזען אין דעם אַנטיסעמיטישן אויסברוך פון דעם אַנהייב אַכציקער יאָרן, און האָבן דערפון געצויגן דעם לאָגיש ניט אָפּצופרעגנדיקן אויספיר, אַז אונדזער רעטונג קאָן באַשטיין נאָר אין זיך אָפּטרייסלען פון אַלע אַסימילאַטאָרישע אידעאַלן אין אַן אייגענעם אומאָפּהענגיק נאַציאָנאַלן לעבן.

ווי וועט דער היטלעריזם זיך אויסווירקן אין דער פסיכאָלאָגיע

פון דעם מאָדערנעם ציוניסם און דעם איצטיקן אַסימילאַטאָר, וואָס זיינען אין דער לעצטער צייט געוואָרן כמעט ווי צווילינג־ברידער ? — דאָס פּאַרויסצוזען איז גאָרנים אַזוי גרינג.

בעת מיר שרייבן דעם קאַפּיטל, איז דער אַכצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין פּראַג שוין כמעט ווי פאַרענדיקט. עס איז אָבער פון די פּרעס־באַריכטן ניט צו דערקענען, אַז אין דעם ציוניסטישן איינשטעל צו דער גלות־יידנשאַפט און צו דעם פּראָבלעם פון דער אַסימילאַציע זאָל שוין האָבן פאָרגעקומען אַ וואָסער עס איז ערנסטע ענדערונג.

עס וואָלט קיין בר־דעת ניט געוואונדערט, ווען אויף דעם קאָנגרעס וואָלטן די עלטערע טוער און פירער פון דער באַוועגונג זיך עפנטלעך געשלאָגן אין האַרצן על חטא פאַר זייער הפקר־שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון דעם גלות־לעבן, פאַר זייער צעלאָזענעם אַרומטרייבן זיך מיט דער אַסימילאַציע, פאַר זייער זינדיקן מיט איר „אין אַלע גערטנער און אונטער אַלע שאָטנדיקע ביימער", און נאָך מער פאַר אַלץ — פאַר יענעם גרויסן נאַציאָנאַלן פאַרברעכן, וואָס זיי האָבן פאַרוואָרפן אוגאַנדע, יענעם מקום מקלט, יענעם שטיק מוטער־ערד, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט אונדז אָנגעבאָטן (אויף אויטאָנאָמע יסודות!) אין דער צייט פון דעם קישענעווער פּאָגראָם.

זייט איר באמת משער, וואָס עס וואָלט געווען, ווען מיר וואָלטן זיך דעמאָלט ניט אָפּגעזאָגט פון אוגאַנדע. עס וואָלט געווען אַ יידיש־לאַנד פאַר דער עמיגראַציע פון פּוילן אין די יאָרן 1918, 1919, 1920 און — ווייס איך ווי לאַנג; אַ לאַנד, וואוהין עס וואָלטן אַריבער די מיליאָנען דאָלאַרס צדקה־געלט פון יענער צייט און וואָלטן געהאָלפן אויסבויען דעם פונדאַמענט פאַר אַ געזונט יידיש לעבן; אַ לאַנד פאַר די מיליאָנען פּוילישע און רומעניש יידן וואָס ווערן איצטער געהאַלטן אין סאָציאַלע הונגער־לאַגערן, אַרומגעצאַמט פון אַלע זייטן מיט די עלעקטריזירטע דראָט־צאַמען פון דעם אַנטיסעמיטיזם; אַ לאַנד, וואוהין אויך די דייטשע יידן וואָלטן זיך געקאָנט אַ לאָז טאָן אין דער איצטיקער צייט פון זייער פולסטן צונויפברעך. אַ לאַנד — אַ היים.

אמת, אפשר ניט קיין „נאַציאָנאַלע היים", פאַר וועלכער דער ייד דאַרף, ווי אַן אויסלענדער, בעטלען אַ וויזע; ניט קיין „מרכז רוחני", וואו יעדער ייד דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „כינור לשיריך", אין אַ קלינגענדיקער האַרף פאַר די באַצויבערנדיקע קלאַנגען פון דעם העברייאישן לשון. אָבער דערפאַר — אַן אמתע מאַטעריעלע היים, מיט אָפענע טויערן פאַר יעדן יידן, וואָס נויטיקט זיך אין איר.

אַט דעם על־חטא, אַט דעם רוף צו תשובה־טאָן, צו אָפּטרייסלען פון זיך די גאַנצע אַלט־ציוניסטישע עבר־ראָמאַנטיק, צו פּאַרוואַרפן די פון פינגער אויסגעזויגענע נאַציאָנאַלע טעאָריעס און אָנהויבן צו קוקן אויף אונדזער לאַגער איבער גאָר דער וועלט מיט אָפענע אויגן, מיט רעאַליסטישע בליקן, — אַט דאָס האָט מען געמאָגט דערוואַרטן פון די עלטערע פירערס אין דעם ציוניזם אין דער צייט פון דער מאוים־דיקסטער טראַגעדיע אין אונדזער געשיכטלעכן לעבן.

אַנשטאָט דעם — הערן מיר דעם באַרעכטיקן פאַרוואורף, אַז די ציוניסטן ווילן אויסנוצן אַט די טראַגעדיע נאָר, כדי אויסצובעטלען נאָך אַ פּאָר צענדליק טויזנט וויזעס (גאַנצענע צענדליקער טויזנטער!) פאַר דער דייטשער עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל. אַנשטאָט דעם — הערן מיר דעם אַלטן פּזמון וועגן דעם חושך פון גלות און וועגן דעם זוניקן לאַנד, ארץ־ישראל. אַקוראַט, ווי ווער עס איז קאָן באמת ערנסט גלויבן, אַז אַפילו נאָר אַלע דייטשע יידן, וועלן איצטער קאָנען קומען קיין ארץ־ישראל, „מאפלה לאור גדול״! רעכנט מען דאָך נאָר מיט אַן עמי־גראַציע פון אַ 250 טויזנט, פון וועלכע נאָר אַ הונדערט טויזנט (אויב עס וועט זיך איינגעבן!) זאָלן זיך באַזעצן אין דער „נאַציאָנאַלער היים״, און אַ 150 טויזנט זאָלן צעפּולווערט ווערן איבער גאָר דער וועלט, געוואָרפן ווערן אין דעם שויס פון דער זונה אַסימילאַציע, וואָס איז שוין איצטער אין אַלע לענדער טראַגעדיק מיט אַ היטלער.

און וואָס מיט די מיליאָנען פּוילישע און רומענישע יידן אין די סאָציאַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערס פון הונגער און פּיין? צום וויפילטן מאָל דאַרף מען דאָס אונטערטראָגן דעם ציוניזם די וועקסלען, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן און וואָס ער גיט דאָך אַלע ווילע אַרויס: — די התחייבות פאַר דער גאולה שלימה פון דעם גאַנצן פאָלק איבער גאָר דער וועלט?

נאָר, — מיין אָרעמע פען! האַלט איין דיין צאָרן און צער. ס׳איז אמת, טינט איז אַמאָל אַ גלגול פון טרערן און בלוט. אָבער דו ביסט אין די פינגער פון איינעם, וואָס שטרעבט איצטער צו זיין אַ קאַלט־בלוטיקער היסטאָריקער, אַ שילדערער פון פּראָבלעמען אין זייער היסטאָרישן אויפקום און אינווייניקסטן לאָגישן צונויפבונד. האַלט איין דיין אויפברויז!

מען קאָן ניט, זאָג איך, פאַרויסזען, ווי דער היטלעריזם וועט זיך אויסווירקן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם ציוניסט און פון דעם אַסימילאַטאָר. אָבער דאָס ציוניסטישע גרונט־פּראָבלעם, דאָס פּראָבלעם

פון דער פולער באַפרייאונג פאַר אַלע יידן פון דער וועלט, וועט איצטער מוזן ווידער אַוועקגעשטעלט ווערן אויף דעם סדר היום פון דער יידישער עפנטלעכקייט. אפשר וועט דאָס טאָן דער ציוניזם, ווי מען האָט אַ רעכט צו פאָדערן עס פון אים. אפשר וועט דאָס געטאָן ווערן אָן אים און אפשר — אַנטקעגן אים.

וועט ווידער אַרויפשווימען די ריין טעריטאָריאַליסטישע אידייע מיט טאָמער־אפשרדיקע פּערספּעקטיוון פון איין לאַנד פאַרן גאַנצן פאָלק? זייער ניט וואַרשיינלעך. דער טעריטאָריאַליזם איז שוין ביי אייניקע פון זיינע אָנהענגער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „פּאָלי־טעריטאָריאַליזם" (זייער אַן אויסדרוק), אין דעם שטרעבן צו מערערע טעריטאָריאַל קאָנצענטרירטע יידישע ישובים, ווי זיי ווערן איצטער געבויט אין ארץ־ישראל און אין דעם סאָוועטישן לאַנד.

אָבער ווען אפילו עס זאָל, — ווי איך גלויב און ווי מיר זאָלן שטרעבן דערצו, — ווידער אויפלעבן די אידייע פון „ארץ־ישראל און די שכנישע לענדער", וואו אונדזער פאָלק זאָל אינטערנאַציאָנאַל פאַרזיכערט ווערן מיט דער מעגלעכקייט, אויסצובויען אַ לאַנד פאַר דער גאָר גרויסער מאַיאָריטעט פון אונדזער צעשפּרייטן פאָלק, וועט דאָס אויך זיין אַן ענין לדורות און ניט קיין ענטפער דעם היינט, ווען מיר שטייען ביי דעם ראַנד פון אַן אָפּגרונט.

און דערצו: דער אויפבוי פון טעריטאָריאַל־קאָנצענטרירטע יידישע ישובים וועט נאָר דעמאָלט קאָנען פאַרזיכערט זיין, ווען די בויענדיקע קרעפטן, ד. ה. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, וועט שוין ניט שטיין מער ביי דעם ראַנד פון אַן אָפּגרונט און וועט ווערן אינעווייניקסט שטאַרק און קרעפטיק. דאָס קאָן אָבער געשען נאָר אין די גלות־לענדער גופא. און נאָר דורך דער אויפגעוואַכטער נאַציאָנאַלער זעלבסטטעטיקייט און נאָר דורך דער פאַראייניקונג פון די שאַפנדיקע כוחות, — דער אינטע־ליגענציע, — מיט די גרויסע פאָלקס־מאַסן אין איינאייניקער אייגענער קולטור־ספערע, אין אַן אייגענער יידישער שפּראַך, — טעאָרעטיש אַלץ איינס, צי אין העברייאיש, צי אין יידיש. און דער פאַרבאַדינג דערצו איז, נאַטירלעך, דער פאַרשאַרפטער קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַציע, וואָס רייסט אַוועק פון אונדז יענע שאַפנדיקע כוחות, גיט זיי אַוועק אין דער פרעמד און רייצט אויף די פרעמד אַנטקעגן אונדז.

אַ בליאַסק אויף אַזאַ איינזען האָט זיך, אין אונדזער „היטלע־ריסטישער" צייט שוין באַוויזן אין די ציוניסטישע קרייזן. ניט קיין קלענערער אויטאָריטעט, ווי דר. ח. ווייצמאַן, וואָס האָט זיך איצטער

געשטעלט די באמת גאָר וויכטיקע אויפגאַבע, אַרויסצופירן אַ פּערטל מיליאָן יידן פון דייטשלאַנד, האָט, ביי זיין לעצטן וויזיט קיין אַמעריקע אין אַן אינטערוויו געלאָזט פאַלן די באַמערקונג, אַז דער רעכטלעכער סטאַטוס פון יענע דייטשע יידן, וואָס וועלן פאַרבלייבן אין זייער וואוינלאַנד, וועט מוזן איבערגעבויט ווערן אויף יענע יסודות, אויף וועלכע עס רוט דאָס לעבן „פון די דייטשן אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע״.

אַלע ווייסן, וואָס דאָס זיינען פאַר אַ יסודות. די דייטשן אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע געניסן די רעכט פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט, מיט אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס פאַרזיכערט די דייטשן די דערהאַלטונג און אַנטוויקלונג פון זייער אייגענער קולטור און זייער אייגענער שפּראַך. דאָס זיינען יענע באַזונדערע רעכטן פאַר נאַציאָנאַלע און שפּראַכלעכע מינאָריטעטן, וועלכע די מאָדערנע פּאָליטיק האָט שוין אָפיציעל אַנערקענט אין דעם ווערסאַילער פרידנס־טראַקטאַט.

דר. וויצמאַן האָט יענע יסודות נאָך ניט אָנגערופן מיט זייער אייגנטלעכן נאָמען. משמעות, אַז די „אינעווייניקסטע צענזור״ פון דעם אַסימילאַטאָר פאַר דער גלות־יידנשאַפט האָט אים ניט דערלאָזט, אַרויפצוברענגען אָט די אַפּיקורסישע נעמען אויף זיינע ליפּן. אָבער זיי וועלן זיך מוזן געוואוינען, אָנצורופן זאַכן מיט זייערע ריכטיקע נעמען. און — ניט נאָר פאַר די דייטשע יידן, נאָר אויך פאַר אַלע יידן פון אַלע גלות־לענדער, אויף וועמען עס הענגט, — וואו נאָך גאָר הויך און וואו שוין גאָר נידעריק,ביים סאַמע נאַקן, — דער דאַמאָקלעס־שווערד פון דעם אַלץ וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם.

אַזוי אַרום פאָדערט באַפעלעריש די איצטיקע לאַגע, אַז די פּראָבלעמען פון דעם יידישן לעבן אין די גלות־לענדער זאָלן ווידער אַוועקגעשטעלט ווערן אויף דעם סדר־היום. און צו דעמזעלבן ציל פירט אויך, ווי מיר האָבן געזען, די אינעווייניקסטע לאָגיק פונעם ציוניסטיש־טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק.

סיי לאַגע, סיי לאָגיק טרייבן צו די פּראָבלעמען פונעם גלות־נאַציאָנאַליזם, וואָס צו זיי וועלן מיר איצט אַריבערגיין.

## ד. פּריוויליק־נאַציאָנאַלע פּאַראייניקונגען, אָדער שטאַטס־רעכטלעכע אויטאָנאָמיע?

דער גלות־נאַציאָנאַליזם שטרעבט דערצו, אַז אין אַ וועלכן לאַנד, צווישן אַ וועלכן פאָלק יידן זאָלן ניט וואוינען, זאָלן זיי זיך באַטראַכטן ניט ווי אַ וואָסער פּראָצענט פון דעם אַנדערן פאָלק, נאָר ווי „הונדערט פּראָצענט פון זיך אַליין", ווי אַ באַזונדערע יידישע „נאַציאָנאַלע איינס"; אַז זיי זאָלן דאָרטן קעמפן פאַר זייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג און זיי זאָלן דאָרטן בויען זייער אייגענעם לעבן אויף וועלטלעכע פּראָגרעסיווע יסודות אין אַן אייגענער יידישער שפּראַך.

די ערשטע פּראַגע, וואָס האָט געלאָזט לאָגיש אַרויסוואַקסן פון אַזאַ איינשטעל, האָט באַדאַרפט זיין: ווי זאָלן זיי פירן זייער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און ווי זאָלן זיי בויען דעם בנין פון זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן? זאָלן די יידישע קולטור־אַנשטאַלטן, די אינסטיטוציעס פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און די אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען, געבויט ווערן ווי פּריוויליקע יידישע פאַראייניקונגען, אין די גרענעצן פון די בירגערלעכע רעכט, וועלכע אַ מאָדערנער שטאַט דאַרף גאַראַנטירן פאַר זיינע קינדער — אַלץ איינס, צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט זיי געהערן? אָדער דאָס יידישע לעבן זאָל זיין געבויט אויף דעם יסוד פון נאַציאָנאַלע רעכט, פון אַ געוויסער „אויטאָנאָמיע", אָנערקענט און געשיצט פון דעם שטאַט אַזוי, אַז די אָפיציעלע אָרגאַנען פון דער יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג זאָלן, אין געוויסע גרענעצן, באַשטימט פון דעם שטאַט — האָבן דיזעלביקע צווינגנדיקע מאַכט איבער די יידישע יחידים, וואָס דער שטאַט האָט איבער זיינע בירגער?

אָט די פּראַגע איז אָבער ניט געשטאַנען פאַר די אויגן פון די, וואָס האָבן אין די אַכציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט זיך גענומען אַוועקצולייגן דעם יסוד פאַר דער גלות־נאַציאָנאַליסטישער ריכטונג אין אונדזער עפנטלעכן באַוואוסטזיין.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אָט דער נייער איינשטעל איז געבוירן געוואָרן אין דעם קרייז פון דער רוסישער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די געדאַנקען־וועלט פון דעם רוסישן סאָציאַליזם איז אויך געווען אַ געדאַנקען־וועלט פון די ערשטע יידישע גלות־נאַציאָנאַליסטן, וואָס פלעגן, אגב, אויף דעם העפטיקסטן אופן פּראָטעסטירן, ווען

מען פלעגט זיי רופן „נאַציאָנאַליסטן״. זיי זיינע געווען און פאַרבליבן אינטער־נאַציאָנאַליסטן און יעדן נאַציאָנאַליזם האָבן זיי באַטראַכט ווי די פאַרקערפּערונג פון דעם ערגסטן רעאַקציאָנערן גייסט.

אין דער געדאַנקען־וועלט פון דעם דעמאָלטיקן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד האָט אָבער דער שטאַטלעכער עלעמענט געשפּילט די קלענסטע ראָליע. פריער, אין די זיבעציקער יאָרן, אין דער צייט פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ״ („ערד און פרייהייט״), איז די הערשנדיקע ריכטונג געווען אַ ריין אַנאַרכיסטישע, וואָס האָט אינאיינעם מיט באַקוניניען לגמרי מבטל געווען דעם ענין פון שטאַט און שטאַטלעכן באַפעל. און דערנאָך, ווען די פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ („דער ווילן פון פאָלק״, אָבער אויך: „די פאָלקס־פרייהייט״) האָט אויפגענומען דעם פּאָליטישן קאַמף אַנטקעגן דעם רוסישן צאַריזם מיט דער פאָדערונג פון אַ „קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג״, פון פּאָליטישע פרייהייטן, און אַפילו מיט די אויסזיכטן פון „פאַרכאַפּן די שטאַטלעכע מאַכט״ אין די אייגענע הענט, האָט די נאַראָדאָוואָלישע יוגנט בכלל זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון, וועלכע ענדערונגען דער דאָזיקער וועג טראָגט אַריין אין דעם סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם. און די, וואָס האָבן יאָ געטראַכט וועגן דעם — די ראַדיקאַלסטע אָנהענגער פון „פאַרכאַפּן די מאַכט״ — האָבן זיך פאַרגעשטעלט דעם ענין אַזוי, אַז מיט דער פאַרכאַפּטער מאַשין פון דעם שטאַט ווערט אָפּגעשאַפט דאָס פּריוואַט אייגנטום אויף די מיטלען און געצייג פון דער פּראָדוקציע, ווערט מיטן וואָרצל אויסגעריסן די עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבעט; דערביי ווערן אָבער אויך פאַנאַנדערגעשלאָגן די קייטן און פאַנאַנדערגעריסן די פּענטעס, וואָס האַלטן איינגעשמידט דעם יחיד און בינדן זיין איניציאַטיווע. די אינדיווידועןבאַפרייט פונעם צאַריסטישן און קאַפּיטאַליסטישן יאָך, בויען דעמאָלט זייער לעבן אין פרייע קאָמונעס, פרייע אַסאָציאַציעס כנוסח טשערני־שעווסקי, אָדער כנוסח ראָבערט אָוען, צי פּרודאָן.

על־כל־פּנים איז געווען אויסגעשלאָסן, אַז דער שטאַט זאָל זיך אַריינמישן אין ענינים, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיט ריין עקאָנאָמישע פראַגן. און אויך אין עקאָנאָמישע פראַגן איז זיין ראָליע געווען באַגרענעצט העכסטנס אויף די אויפגאַבן פון אַ שומר, וואָס זאָל היטן, אַז די עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבעט זאָל זיך ניט ווידער אַריינרייסן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די ערשטע אָנזאָגער פון דער גלות־נאַציאָנאַליסטישער ריכטונג האָבן גראָד געהערט צו אָט דעם ראַדיקאַלן נאַראָדאָוואָלישן פליגל,

און עס איז דעריבער זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין זייער געדאַנקען־וועלט האָט אויך דער אויסבוי פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן ניט געקאָנט האָבן קיין אַנדער יסוד, ווי נאָר די פּרייוויליקע פּאַראייניקונגען פון יידישע אינדיווידועןֿ.

אויך דאָס יידישע לעבן פון די פאָלקס־מאַסן וואָלט אין יענער צייט ניט געקאָנט אונטערזאָגן קיין אַנדער וועג. אין די מזרח־צפונישע גובערניעס — אין ליטע און רייסן— האָט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק געפירט אַן אייגענעם, שאַרף־אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַלן לעבן אַן וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע רעכט און אנערקענטע אָרגאַנען פון אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. די דערציאונג — פון דעם דרדקי־חדר ביז צו די העכסטע ישיבות — איז געלעגן אין אייגענע הענט און האָט, מיט גאָר קליינע אויסנאָמען אין די גאָר גרויסע שטעט, אַריינגענומען דעם גאַנצן אויפוואַקסנדיקן דור; די יידישע יוריספּרודענץ — מיט די דין־תורהס ביי דעם רב און די בוררים־משפטים — האָבן געשפּילט אַ גרעסערע ראָליע אין לעבן, איידער די לאַדענישן אין אַ שטאַטס־געריכט; אַלערליי „שטרים", אין וועלכע קאָנטראַהענטן פלעגן זיך „אַפשרייבן", האָבן געהאַט נאָך אַ גרעסערן באַדייט, איידער אַ „קאָנ־טראַקט". אין עקאָנאָמישער זעלבסט־הילף — די פאַרשיידענע אייגענע חברות, מיט זייערע אסיפות, „קלפּיס (וואַלן), „נאמנים" (קאַסירן) און „בוררים" (ווילער). אַפילו די פּאָסט איז נאָך צום גרעסטן טייל געווען אַ ריין יידישע — דער עיקר ביים אַריבערשיקן געלט און ווערט־פולע זאַכן.

דער שטאַט פון דעם הערשנדיקן פאָלק איז דאָ געווען אַ שטער און אָפּטמאָל אויך אַ דירעקטער פיינט (ווי צ. ב. ביי „נעמען אין סאָלדאַטן"). וואָס וויניקער ער האָט זיך אַריינגעמישט אין לעבן, איז אַלץ געווען בעסער און יידישלעכער. די יידישע נאַציאָנאַלע סביבה האָט געהאַט אַלע בויטיקע אָרגאַנען פון אַ נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, הגם די מערסטע פון זיי — נאָר אין אַן עמבריאָנאַלן אָדער דעגענערירטן צושטאַנד. און אַט די אַלע פאָרמען פון דער יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג זיינען געווען געבויט אויף דעם יסוד פון פּרייוויליקער פּאַראייניקונג, אַן אַ ברעקל צומיש פון אַ וועלכער עס איז דרויסנלעכער צוואַנג; דער אַמאָליקער „קהל" מיט זיין מאַכט איז שוין לאַנג געווען פאַרשוואונדן פון אונדזער לעבן אין די אַכציקער יאָרן.

אמת, דער אינהאַלט, וואָס האָט אַנגעפילט יענע פאָרמען, האָט ניט געשטימט מיט אונדזערע אידעאַלן פון אַ פּראָגרעסיוון לעבן בכלל

און אַ סאָציאַליסטישן בפרט. אונדזער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע קריטיק פון דער אַלטער יידישקייט האָט זיך געווענדעט נאָר אויף אָט דעם רעאַקציאָנערן אינהאַלט. אָבער ניט אויף די סאָציאַלע פאָרמען און אויך ניט אויף דער יידישער שפּראַך, וואָס איז געווען די אַלגעמיינע פאָרם פון אַלע אַרויסווייזונגען פון דעם יידישן לעבן. גאַנץ גוט געדענק איך, צום ביישפּיל, אַז אין אונדזערע געשפּרעכן וועגן דער יידישער חדר־דערציאונג, האָבן מיר — די ערשטע פון די, וואָס האָבן שפּעטער זיך גענומען רופן: „גלות־נאַציאָנאַליסטן״ — באַזונדערס געשעצט דעם פאַקט, וואָס אין אונדזערע חדרים ווערן די קינדער אָוועקגעגעבן צו די דערציער אויף אַ גאַנצן טאָג — אַ שטריך, וואָס מיר האָבן געטראַכט, אַז ער דאַרף פאַרבלייבן אויך אין דער צוקונפט.

דער אינהאַלט פון דעם יידישן לעבן האָט אָבער געמוזט פאַרביטן ווערן, האָבן מיר געגלויבט, באַלד נאָך דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. און פאַרביטן ווערן וועט ער ניט אונטער דער בייטש פון דעם סאָציאַליסטישן שטאַט. דער שטאַט וועט נאָר אָפּשאַפן די עקספּלואַטאַציע פון מענטשלעכער אַרבעט און אַזוי אַרום ניט לאָזן פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג קיין אַנדער וועג, ווי נאָר די סאָציאַליסטישע. דער גאַנצער אינהאַלט אָבער פון דעם יידישן לעבן — דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און קולטורעלער — וועט זיך אויסגעשטאַלטן, אַדאַנק דער טעטיקייט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע, וואָס וועט זיך אומקערן צו איר פאָלק און וועט געווינען פאַר אירע אידעאַלן זיינע מוחות און הערצער, ווען זי וועט זיך אָנהייבן ווענדן צו אים אין זיין אייגענער שפּראַך.

איך אַזאַ געדאַנקען־וועלט איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר דער פראַגע: פּריוואַטע פאַראייניקונג אָדער „עפנטלעך־רעכטלעך״ געזי־כערטע אויטאָנאָמיע מיט די אָדער יענע פּרעראָגאַטיוון פון אַ שטאַט־לעכער מאַכט און אַ שטאַטלעכן צוואַנג. די „פּריוואַטע פאַראייניקונג״ איז ניט געווען קיין ענטפער אויף אַ פּראָבלעם, ווייל עס איז גאָרניט געווען אַזאַ פּראָבלעם. זי איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער אַקסיאָם, וועלכן מען האָט אויך גאָרניט פאָרמולירט.

פאַר דעם שרייבער פון אָט די שורות, וואָס פּרעטענדירט צו זיין איינער פון די ערשטע מאָדערנע „גלות־נאַציאָנאַליסטן״ — אויב ניט דער „סאַמע ערשטער״ — פאַר מיר, זאָג איך, האָט אָט דער ענין גענומען ווערן אַ פּראָבלעם ערשט ווען איך ביז געקומען קיין אויסלאַנד,

האָב איינינקע חדשים פֿאַרבראַכט אין בערלין און דערנאָך זיך באַזעצט אין שווייצאַריע.

אין בערלין האָט איך געלעבט אין דער גייסטיקער ספֿערע פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. איר סאָציאַליסטישע גדאַנקען־וועלט איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע, איידער די, וואָס איז אויבן געשילדערט געוואָרן. די „סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע״ איז דאָרטן ניט געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון דערווירקלעכקייט, ווי אין אונדזער געדאַנקען־וועלט, וואו זי האָט געדאַרפֿט אָט, מאָרגן־איבערמאָרגן, אַריבערטרעטן די שוועל. אויך זיינען פֿון יענער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ספֿערע שוין געווען אויסגערייניקט אַלע רעשטלעך פֿון דעם אַנאַרכיסטישן געדאַנקען־גאַנג. דער שטאַט און זיין דעמאָקראַטישע אויסבילדונג, — אי פּאַר איצטער, אי פּאַר דער ווייטער צוקונפֿט, — איז געשטאַנען אין דעם צענטער פֿון דעם סאָציאַליסטישן עפֿנטלעכן באַוואוסטזיין. נאָך ריכטיקער איז צו זאָגן: דער אידעאַל פֿון אַ דעמאָקראַטישן, שיר ניט אַלמעכטיקן שטאַט, איז געווען דער שוין אויסגעלייגטער, זעלבסט־פֿאַרשטענדלעכער וועג, אין וועלכן יענער סאָציאַליסטישער באַוואוסטזיין האָט זיך באַוועגט. אַ קאָנפֿראָנטירונג פֿון די צוויי פֿאַרשידענע סאָציאַליסטישע געדאַנקען־וועלטן, אַ קריטישע רעוויזיע פֿון ביידע האָט זיך אַרויפֿגעדרונגען פֿון זיך אַליין.

וואָלט דער שרייבער פֿון אָט די שורות שוין דעמאָלט געטראַכט וועגן דער רעוויזיע פֿון זיין יידיש־נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, וואָלט, — דוכט מיר איצטער, — אים געווען זייער גרינג איינצוזען, אַז די נאַציאָנאַלע פֿראַגע דאַרף באַטראַכט ווערן, ווי אַ פּראָבלעם פֿון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע, און דאָס וואָלט שוין דעמאָלט געקאָנט פֿירן צו דעם געדאַנק וועגן געוויסע באַזונדערע רעכט אויף אַ נאַציאָנאַלער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג, וואָס אין זיי זאָל אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט געפֿינען דעם נויטיקן שטאַטלעכן שוץ פֿאַר איר פֿרייער עקזיסטענץ און פֿרייער אַנטוויקלונג.

אָבער אין בערלין איז דער געדאַנק געווען פֿאַרנומען מיט אַלגעמיין־מענטשלעכע פֿראַגן, — פֿון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, — און די שייכות צווישן „דעמאָקראַטיע״ און „נאַציאָנאַליטעט״ איז גאָרניט אַרויפֿגעשוואומען אויף איר.

דעם ערשטן שטויס, צו פֿאַרנעמען זיך מיט אָט דער שייכות, האָט ערשט געגעבן דאָס לעבן אין שווייצאַריע. מערקווירדיקערהייט האָט דאָס געטאָן ניט דער ענטפֿער אויף דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, וואָס די

שווייצאַרישע דעמאָקראַטיע האָט פאַרווירקלעכט איז דעם לעבן פון אירע פאַרשיידענע פעלקער, נאָר אַ גאַנץ אַנדערער, „זייטיקער״ ענין.

שוין צו דעם סוף אַכציקער יאָרן, ווען איך בין געקומען קיין צוריך, האָט מען אין די דאָרטיקע סאָציאַליסטישע קרייזן גערעדט וועגן מינאָריטעטן־רעכט און דער נויטווענדיקייט צו פאַרזיכערן זיי אין אַ דעמאָקראַטישן רעזשים. אין זינען האָט מען דערביי געהאַט די נאַציאָ־נאַלע מינאָריטעטן. אין אַ באַזונדערן שוץ פאַר זיי האָט זיך די שווייַ־צאַרישע רעפּובליק ניט גענויטיקט. זיי האָבן געהאַט זייער שוץ אין די פונדאַמענטן פון דער שווייצאַרישער קאָנסטיטוציע, וואָס איז געבויט אויף דעם יסוד פון דער ווייטגייענדיקסטער לאָקאַלער זעלבסט־פאַר־וואַלטונג ניט נאָר אין די „קאַנטאָנען״ (ווי די היגע „שטאַטן״), נאָר אויך אין די שטעט און די דערפער פון יעדן „קאַנטאָן״.

ווען מען האָט גערעדט אין שווייצאַריע וועגן „מינאָריטעטן־רעכטן״, האָט מען געהאַט אין אויג פּאָליטישע מינאָריטעטן, די זאָרג, אַז ביי אַ פאָלק פון, זאָגן מיר, דריי מיליאָן ווילער, זאָל די מאַיאָריטעט זיינע פון, זאָגן מיר, 1,500,000, זיך מוזן רעכענען מיט די אינטערעסן און די וואונטשן פון דער מינאָריטעט, וואָס קאָן זיין אַזוי גרויס, ווי 1,499,999 מענטשן. באַזונדערט פּאַראינטערעסירט דערין איז געווען די שווייצאַרישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס איז נאָך כמעט אומעטום געווען אַ מינאָריטעט. זי האָט געשטרעבט דערצו, אַז איר שטים זאָל ניט דערשטיקט ווערן דורך דער מאַיאָריטעט אין די געזעצגעבנדע און פאַרוואַלטנדיקע קערפּערשאַפטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אַריינצוטראָגן קאָרעקטורן אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע, וואו עס האָט געהערשט דער כלל, אַז „די מאַיאָריטעט רעגירט״ און רעגירט נאָר דורך די פון איר אויסגעוויילטע רעפּרעזענטאַנטן.

די קאָרעקטורן זיינען באַשטאַנען אין דעם אַריינפיר פון „רעפער־רענדום״ און „איניציאַטיווע״, כדי צו געבן דער באַפעלקערונג גופא די מעגלעכקייט דורכצופירן יענע געזעצן, אין וועלכע זי איז פאַראינטע־רעסירט און צו פאַרוואַרפן יענע געזעצן, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן פון אירע פאַרטרעטער, אָבער מיט וועלכע זי איז ניט צופרידן. און נאָך אַ וויכטיקע קאָרעקטור האָט אַרויסגעאַרבעט די אַנטוויקלונג פון דעם דעמאָקראַטישן געדאַנק: דעם אַזוי אָנגערופענעם „פּראָפּאָרץ״, אָדער די „פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן״, אין וועלכע די פאַרטרעטער פון דעם פאָלק ווערן אויסגעוויילט ניט אינגאַנצן פון יענער פּאָליטישער ריכטונג, וואָס האָט די מאַיאָריטעט, נאָר — פּראָפּאָרציאָנעל צו יעדער ריכטונג,

וואָס געפינט זיך אין דעם פאָלק. אַזוי, צום ביישפּיל, אַז ווען אַ ווילער־שאַפט פון 100 האָט אַ מאַיאָריטעט־ריכטונג פון 60 און 4 מינאָריטעטן־ריכטונגען צו 10 און עס דאַרפן אויסגעוויילט ווערן 10 דעלעגאַטן, באַקומט די מאַיאָריטעט ניט די גאַנצע 10, נאָר ניט מער ווי 6. פון די איבעריקע פיר באַקומט יעדע מינאָריטעט צו איינעם. די באַוועגונג פאַר „רעפערענדום", „איניציאַטיווע", „פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן", און נאָך אַנדערע אויסבעסערונגען פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע, האָט זיך, — אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, — אַלץ מער און מער געשטאַרקט אין דעם לאַנד און האָט סוף־סוף דורכגעפירט אין לעבן אַלע אירע פאָדערונגען.

פאַר אַ געדאַנק, וואָס איז געווען באַשעפטיקט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין די גרענעצן פון יעדן שטאַט, איז געלעגן זייער נאָענט, אויפצונעמען דעם געדאַנק פון „מינאָריטעטן־רעכט" און איבערטראָגן אים פון פּאָליטישע מינאָריטעטן ביי איין־און־דעמזעלביקן פאָלק אויף נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין איין־און־דעמזעלביקן שטאַט, און ניט נאָר אין דעם פּרט פון וואַלן, נאָר אויך אין דעם פּרט פון פאַרטיילן די זאָרג און דעם שוץ פון דער שטאַטלעכער מאַכט אויף אַלע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן אונטער איר.

אָט די אויסשפּרייטונג פון דעם געדאַנק פון „מינאָריטעטן־רעכט" פאַר פּאָליטישע מינאָריטעטן אויך אויף נאַציאָנאַלע איז פאַר דעם שרייבער פון אָט די שורות געווען — אין אָנהייב פון די נייַנציקער יאָרן — דער קערנדל, פון וועלכן עס האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען געדאַנקען וועגן נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט, — דער עיקר בנוגע דעם פעלד פון זייער קולטורעלן און שפּראַכלעכן לעבן.

אין די פּאָליטישע מינאָריטעטן־רעכט איז שוין געווען אָנגעצייכנט אַ מוסטער פאַר יענעם גרונט־געדאַנק, וואָס דאַרף אַוועקגעלייגט ווערן אין דעם יסוד פון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט. די פּאָליטישע מינאָריטעטן־רעכט, אין דער פאָרם פון דער „פּראָפּאָרץ", זיינען ניט געבונדן אַן אַ וועלכער עס איז לאָקאַליטעט, אָדער טעריטאָריע. די אָנהענגער פון אַ פּאָליטישער ריכטונג (זאָגן מיר: דער סאָציאַליסטישער) קאָנען זיין צעזייט און צעשפּרייט איבער דעם גאַנצן לאַנד. אין דעם אינסטיטוט פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן ווערן זיי אַלע פאַראייניקט אין איין פּאָליטישער „איינס". איז אויסגעוואַקסן די שאלה: צי קאָן ניט געמאָלט זיין, אַז די אָנהענגער פון אַ וועלכער עס איז נאַציאָנאַלער מינאָריטעט, אויך צעזייטע און צעשפּרייטע איבער דעם גאַנצן לאַנד, זאָלן דורך אַ וועלכן

עס איז דעמאָקראַטישן אינסטיטוט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, — אַן אַנדערקענטן פון דעם געזעץ, — פאַראייניקט ווערן אין איין נאַציאָנאַלער „איינס״?

דער אַריינטראַכט אין דעם ענין האָט תיכף געלאָזט דערבליקן, אַז עס קאָנען געמאָלט זיין פאַרשיידנאַרטיקע מעטאָדן, ווי אַזוי אַזאַ אינסטיטוט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג מיט געוויסע, פון דעם שטאַט אָנדערקענטע רעכט, זאָל דורכגעפירט ווערן אין לעבן. דער געדאַנק האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט אויף דער קריטישער דורכמוסטערונג פון אַלע מעגלעכע מעטאָדן און אויף דער אויסאַרבעטונג פון יענע פּרטים, וואָס וואָלטן געווען אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו די נאַציאָנאַלע לעבנס־נויטן פון דעם יידישן פאָלק. ער האָט זיך באַנוגנט מיט דער געוואונענער געוויסהייט, אַז אַזעלכע מעטאָדן זיינען דאָ און אַז זיי מוזן ניט געבונדן זיין מיט דער וואוינונג אין אַ באַשטימטן ראיאָן. (איצטער רופט זיך אָט דער געדאַנק „פּערסאָנאַל־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע״, אין דעם אונטערשייד פון אַ לאָקאַלער אויטאָנאָמיע, ווי זי איז אויסגעבויט אין שווייצאַריע און בויט זיך איצטער אויס אין רוסלאַנד), און אויך דאָס איז קלאָר איינגעזען געוואָרן אין יענער צייט, וועלכע איך שילדער דאָ, אַז אין דעם יסוד פון אַזעלכע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט מוז דער געדאַנק פון אַ פּראָפּאָרציאָנעלן חלק אין אַלע פאַרטיילן פון אַ שטאַטלעכער מאַכט זיין געבויט אויף דעם יסוד פון אַבסאָלוטער גלייכבאַרעכטיקונג און גלייכצייטיק פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין אַ וועלכן עס איז שטאַט. אַ שטאַט מיט פילע פעלקער דאַרף זיין געבויט ווי אַ פרייער בונד פון אַלע זיינע פעלקער, אַ בונד פון גלייכבאַרעכטיקטע נאַציאָנאַליטעטן, אין וועלכן קיין איינע פון זיי זאָל ניט האָבן קיין ברעקל נאַציאָנאַלן איבערוואָג איבער קיין אַנדערער, אַלץ איינס, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די צאָל פון יעדער איינער. דאָס איז דערזעלביקער פּרינציפּ, וואָס איז שוין געווען דורכגעפירט כמעט אַבסאָלוט אין דער שווייצאַרישער רעפּובליק, — נאַטירלעך, אויף דעם יסוד פון לאָקאַלע אויטאָנאָמיעס. דאָס איז אויך דער פּרינציפּ, וואָס ווערט טעאָרעטיש אָנדערקענט אין דעם איצטיקן ראַטענלאַנד.

איך האָב געזאָגט: דער געדאַנק האָט זיך ניט פאַרטיפט אין דער פראַגע וועגן די מעטאָדן און די פּרטים פון אַ פּערסאָנאַל־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס איר גרונט־פּרינציפּ, — ווען ניט דער נאָמען, — איז שוין קלאָר געשטאַנען פאַר די אויגן. אויף דעם „סדר היום״ פון

דעם געדאַנק איז געשטאַנען אַן אַנדער פראַגע, — דאָס לאַגיש־ערשטע וויכטיקסטע פּראָבלעם פון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם. די שאלה איז געווען: פאַרוואָס זאָל מען בכלל פאַרבייטן דעם פּרינציפּ פון פרייוויליקער פאַראייניקונג אויף דעם פּרינציפּ פון שטאַטלעכקייט, מיט זיין אומ־פאַרמיידלעכער צוואַנג? ס'איז אמת, אַז מען מוז מאַכן אַ הנחה דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וויניקסטנס, אין דעם פרט, אַז מען קאָן ניט רעכענען אויף אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע פון היינט אויף מאָרגן, וואָס עס זאָל ניט זיין דער גורל פון די פעלקער אין אַן אויסגעבויטער סאָציאַליסטישער אָרדענונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, מוז אָנ־גענומען ווערן, אַז צווישן דעם איצטיקן רעזשים און דעם סאָציאַליסטישן וועלן פאָרקומען געוויסע איבערגאַנגס־שטופן און אַז אין זיי וועט מען זיך דאַרפן רעכענען מיט דער איצטיקער איינטיילונג פון דער מענטשהייט אין פאַרשיידענע פעלקער*).

פאַר דעם „איצטער" און פאַר די איבערגאַנגס־שטופן דאַרף פאַר־ענטפערט ווערן די נאַציאָנאַלע פראַגע. אָבער — פאַרוואָס זאָל דער ענטפער ניט געזוכט ווערן אין פרייוויליקע פאַראייניקונגען, וואָס שליסן אויס יעדן אַריינמיש פון דעם שטאַט, מיט זיין צוואנג? אָדער פאַרוואָס ניט — די אינסטיטוטן פון ריין לאָקאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג, ווי אין שווייצאַריע?

דער ענטפער אויף אָט דער שאלה האָט אונטערגעזאָגט מיין באַקאַנטשאַפט מיט די רוסיש־יידישע סאָציאַליסטן פון די שווייצאַרישע קאָלאָניעס. איך האָב פריער אויך געקענט רוסיש־יידישע סאָציאַליסטן. זיי זיינען געווען אַסימילאַטאָרן. זיי האָבן זיך באַטראַכט פאַר רוסן. אָבער זיי זיינען ניט געווען אַזוי אַסימילירט, אַזוי רוסיפיצירט, ווי די, וועלכע איך האָב אָנגעטראָפן אין שווייצאַריע, — דער עיקר די, וואָס זיינען

---

*) אָט דער געדאַנק קלינגט דורך אין אָט וועלכע שורות פון מיין רוסישער בראָשור: „יעווריי ק'יעוורייאַם" („אַ ייד צו יידן") פון דעם יאָר 1892. אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דער רוסיש־יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע הייסט עס דאָרטן: „פאַר דעם בליק, וואָס איז געווען אָנגעשטרענגט אויף דער צוקינפטיקער הערשאַפט פונעם סאָציאַליזם, וואו „עס איז ניטאָ קיין יודעער און קיין העלענען", איז פאַרשוואונדן געוואָרן יענע איבערגאַנגס־עפּאָכע, ווען די „יודעער" און די „העלענען" דאַרפן דאָך קומען צו אַ וועלכן עס איז הסכם, ווי אַזוי צו לעבן אינאיינעם אין איין און דערזעלביקער מדינה, — און נאָך דערצו אין אַזאַ פיל־שפּראַכיקער מדינה, ווי רוסלאַנד, — און קיינער זאָל ניט ווערן דערביי „באַעוולהט". פגל. מיינע „געז. שרי.", באַנד זעקס, ז. 46.

געקומען פון דרום־רוסלאַנד, פון די גרויס־רוסישע „גובערניעס" און פון סיביר. מיינע באַקאַנטע סאָציאַליסטן פון צפון־מזרח־ראַיאָן האָבן, ביי זייער גאַנצער דרויסנלעכער אַסימילאַציע, נאָך ניט איבערגעריסן זייער פאַקטישן צובונד צו דער יידישער סביבה, צו זייערע נאָענטע קרובים און באַקאַנטע, וואָס האָבן געפירט אַ ריין יידישלעכן לעבן. זייער „אַסימילאַציע" איז געווען אַן אידייאישע זאַך, וואָס האָט געקאָנט אַרויסגעשלאָגן ווערן מיט אידייאישע מיטלען. זייער צוריקקער צו דעם יידישן פאָלק און צו די פאָרמען פון זיין נאַציאָנאַלן לעבן וואָלט דעמאָלט געקאָנט דורכגעפירט ווערן אויף דעם גרינגסטן אופן. אָבער די פאַר־מיר־נייע פאָרטרעטער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גאַנץ אַנדער פסיכאָלאָגישן טיפּ. זיי זיינען שוין געווען דורך־און־דורך „רוסן", דערצויגענע פון קינדוויז אָן אין אַ רוסישער שפּראַך־ספערע. אויך די פון דרום־רוסלאַנד, וואו יידן האָבן דאָך געוואוינט אין גרעסערע מאַסן, און אויך דורך־און־דורך פּאָלאָניזירטע יידן פון דעמזעלביקן טיפּ איז געווען אָנצוטרעפן אין די פוילישע „קאָלאָניעס" אין שווייצאַריע.

מען האָט געמוזט איינזען, אַז אויך די צפון־מערבשע יידנשאַפט, וואָס איר נאַציאָנאַלע לעבנס־קראַפט איז געשטאַנען פאַר מיר מחוץ פון יעדן ספק, קאָן אונטערפאַלן אונטער דער ווירקונג פון דעם־זעלביקן צעשטערנדיקן אַסימילאַציע־פּראָצעס און אַז ביי די פּריוואַליקע פאָראייניקונגען וועט דער אויבערבוי אויף פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע יסודות מוזן אַרויסרופן אַן אומגעהויערן אָנשטרענג פון דעם נאַציאָנאַלן ווילן צו אַן אייגענער עקזיסטענץ, אַן אומגעהויערע פאַרשווענדונג פון שאַפנדיקער ענערגיע ניט צוליב קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר צוליב דער אייגענער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג. צו וואָס אַזאַ פאַרשווענדונג פון ענערגיע, וואָס איז נויטיק פאַר דער געשטאַלטונג פון אַ חשובן מענטש־לעכן לעבן אין געוויסע נאַציאָנאַל־יידישע פאָרמען? פאַרוואָס ניט אַראָפּנעמען די דאָזיקע לאַסט פון אונדזערע אַקסלען און אַרויפלייגן זי אויף יענער מאַכט, וואָס מוז ביז צו דעם סאָציאַליזם סיי־ווי־סיי שפּילן אַן אומגעהויערע ראָליע אין דעם היינט און אין דעם איבערגאַנג צו דער סאָציאַליסטישער צוקונפט: אויף דער מאַכט פון אַ דעמאָ־קראַטישן שטאַט?

די וויכטיקייט פון אַזאַ אויסוועג איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך אַזאַ איבערקלער:

וואָס מער די יידישע אינטעליגענציע וועט זיך אַסימילירן, וועט זי

מוזן פאַרלאָזן דעם היסטאָרישן גורל פון איר פאָלק אויף „גאָטס באַראָט“. אָבער דאָס שטודיום פון דער יידישער געשיכטע פאַרשטאַרקט אַלץ מער און מער דעם בליק, אַז „גאָטס באַראָט“ וועגן דעם יידישן גורל איז ביזאַהער געווען אַן „אַנטוועדער־אָדער“: אָדער לעבן אין אַן אייגענעם לאַנד, ווי אַ פריי און זעלבסטשטענדיק פאָלק — און דעמאָלט דאַרף דאָס פאָלק ניט אויסגעבן קיין איין ברעקל איבעריקע ענערגיע אויף זיין נאַציאָנאַלן קיום, אָדער — לעבן צעשפּרייט צווישן די אַנדערע פעלקער — און דעמאָלט וועט דאָס פאָלק מוזן אויסגעבן זיין גאַנצע ענערגיע אויף דער אויסאַרבעטונג און אָפּהיטונג פון אַ באַזונדער סיסטעם מנהגים און דינים, וואָס וועלן, ווי הויכע דיקע מויער־ווענט, אים אָפּצאַמען פון דער איבעריקער מענטשהייט און וועלן, ווי אַ שטאָלענע נעץ, זיך איינשניידן אין דעם גוף פון יעדן איינצעלנעם ייִדן.

וועגן אַן אייגענעם לאַנד פאַר אונדזער פאָלק איז דאָך ניט שייך אַפילו צו חלומען (אַזוי זיכער אין דעם איז דעמאָלט געווען דער „גלות־נאַציאָנאַליסטישער“ געדאַנק!) בלייבט די אַנדער אַלטערנאַטיווע: אַ שטענדיק זיך פאַרשאַרפנדיקער שולחן־ערוך־יידישקייט. און וואָס מער די אַסימילאַציע וועט אָוועקרייסן פון אונדז אונדזער אינטעליגענציע, אַלץ מער וועלן די מאַסן פון דעם פאָלק שפּירן די בויט אין אַ רעליגיעזער שטאָלענער נעץ, אין הויכע, קינסטלעך־אויפגעבויטע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פעסטונגען.

כדי צו באַפרייען דאָס פאָלק פון אָט דער נאַציאָנאַלער לעבנס־נויט זיינער, מוז מען די זאָרג פון דעם קיום הלאום צום גרעסטן טייל אַרויפוואַרפן אויף דעם דעמאָקראַטישן שטאַט, וואָס זיין פּראַג־רעסיווער חוב איז, צו זאָרגן פאַר אַלע זיינע איינוואוינער, פאַר דער מאַיאָריטעט, אַזוי גוט ווי פאַר דער מינאָריטעט. און אויב איצטער, אונטער דעם דרוק פון דעם סאָציאַליזם, אַרבעט מען אויס אינסטי־טוציעס, וואָס זאָלן פאַרזיכערן די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַ פּאָליטישער מינאָריטעט, דאַרף מען נאָך מער זיך מיען, אויסצואַרבעטן אַזוינע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן אָפּשאַפן די איבערוואָג פון די הערשנדיקע פעלקער איבער די אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן. דאָס דאַרף זיין דער ביישטייער פון דעם סאָציאַליזם אין דעם ווייטערדיקן אויסבוי פון דער דעמאָקראַטיע. ער, דער אויסגלייכער און באַפרייער פון דער מענטשהייט, דאַרף אויך אָפּשאַפן די אומגלייכהייט אין דער נאַציאָנאַלער לאַגע פון די פאַרשיידענע פעלקער. ער דאַרף אַנשרייבן אויף זיין פאָן די זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט פאַר יעדן פאָלק.

אָבער: — קאָן דער סאָציאַליזם, לויט זיין אינעווייניקסטן טעאָ־רעטישן מהות, נעמען אויף זיך אַזאַ אויפגאַבע? אין די ערשטע יאָרן פון דעם יידישן „גלות־נאַציאָנאַליזם״, ווען זיין גרונט־געדאַנק האָט זיך אויסגעבילדעט נאָך אין רוסלאַנד, אין אַן אַטמאָספערע, אין וועלכער דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק איז געווען דער פאַרהערשנדיקער, איז, אַט די שאלה, ווי מיר האָבן אויבן געזען, גאַר קיין שאלה ניט געווען. דער בנין פון דער צוקונפט וועט זיך, נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, בויען אויף די יסודות פון פרייוויליקע פאַראייניקונגען. ווען די הערשנ־דיקע פעלקער וועלן פאַרלירן זייער שטאַטלעכע אויבערמאַכט אין אַלע וויכטיקע ענינים פון דעם לעבן, — וואָס וועט דעמאָלט שטערן יעדער נאַציאָנאַלער מינאָריטעט צו בויען איר סאָציאַליסטישן לעבן אין אירע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען, אין איר שפּראַך, אויף איר נאַציאָנאַלן שטייגער? אַ שאלה ווערט דאָס, ווען מען טראָגט אַריין אין דער פריערדיקער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט יענע גרונט־פּרינ־ציפּן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס זיינען באַרעכטיקט פאַר דעם „היינט״ און פאַר דער איבערגאַנגס־צייט. זאָל דער שטאַט נעמען אויף זיך די זאָרג פאַר די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, כדי אַלע זיינע פעלקער זאָלן קאָנען לעבן פרידלעך און ברידערלעך און קיין פאָלק זאָל ניט האָבן קיין ברעקל אויבערוואָג איבער אַן אַנדער פאָלק? — אַט דאָס איז געוואָרן די צענטראַלע שאלה.

דער דעמאָלטיקער סאָציאַליזם האָט, מיט קליינע אויסנאַמען, גע־ענטפערט אויף אַט דער שאלה מיט אַ קרעפּטיקן: ניין! דעם „ניין״ האָט מען געקאָנט הערן פון אַלע סאָציאַליסטישע פירער אין מערב־אייראָפּע, און נאָך קרעפּטיקער האָט ער געקלונגען אין די ליפּן פון די רוסיש־יידישע סאָציאַליסטן. פאַר זיי, פאַר אַלעמען, האָט דער אינטערנאַציאָנאַליזם געהאַט דעזעלביקן באַדייט, וואָס אַנטי־נאַציאָנאַליזם, וואָס ריינער קאָסמאָפּאָליטיזם: די פולע אָפּשאַפונג פון אַלע נאַציאָנאַלע און שפּראַכלעכע אונטערשיידן.

ס׳איז צוליב דעם נאָך שאַרפער געוואָרן די נויט, גרינטלעך איבער־צוקוקן די חשבונות צווישן דעם נאַציאָנאַליזם און דעם סאָציאַליזם און — ווי אַ טייל פון אַט דער אַרבעט — געווינען אַ קלאָרן איינבליק אין יענעם זין, וואָס עס האָבן אַריינגעלייגט אין זייער „אינטערנאַציאָ־נאַליזם״ די גרינדער און פירער פון דעם ערשטן אַרבעטער־אינטער־נאַציאָנאַל, מאַרקס, ענגעלס, באַקונין און זייערע תלמידים.

צום גליק האָבן אין דער ביבליאָטעק פון דעם צוריכער אַרבעטער־

פאַריין „איינטראַכט״ זיך געפונען אַ היפּש ביסל שריפטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שיכות צו יענער עפּאָכע. זיי האָבן געמוזט דורכשטודירט ווערן קודם כל. ווי גרויס איז אָבער געווען די איבערראַשונג ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גייסט, וואָס האָט באַהערשט דעם אינטער־נאַציאָנאַל איןביידע זיינע פליגלען, דעם „מאַרקסיסטישן״ און דעם באַקונינסטישן, איז געווען הימל־ווייט פון קאָסמאָפּאָליטיזם, וועלכן זיי האָבן אָנגעגריפן זייער העפטיק, און אַז דער אינטערנאַציאָנאַליזם איז פאַרשטאַנען געוואָרן גראָד ווי ער האָט געזאָלט פאַרשטאַנען ווערן, — ווי אַ פרייער בונד פון זעלבסטשטענדיקע, גלייכבאַרעכטיקטע פעל־קער.

די וויכטיקסטע דאַטן וועגן דעם האָב איך אַ סך שפּעטער פאַר־עפנטלעכט אין דער דייטשער אַרבעט: „דער סאָציאַליזמוס און די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע״. דאָ זאָלן געבראַכט ווערן נאָר אַ פּאָר שטעלן פון דעם זשורנאַל „פאָרבאָטע״, דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער דייטשער (מאַרקסיסטישער) סעקציע אין דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אין דעם אַכטן נומער פונעם יאָר 1868 הייס עס: „די באַ־שטרעבונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט האָט אומעטום, ווי אַ פאָרבאַדינג, די פרייע און איינהייטלעכע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג״. אין דעם צווייטן נומער פון 1866 האָט עס געהייסן: „יעדע נאַציע מוז אין דער אייגענער היים מאַכן ריין די שטוב, ד. ה. קודם כל דורכפירן איר נאַציאָנאַלע אויפגאַבע״, וואָס באַשטייט „אין פּאָליטישער פרייהייט כלפּי פנים און נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט כלפּי חוץ״. אין דעם אַרטיקל: „צו דער דערקלערונג פון אונדזער אויפגאַבע״ פון דעם יאָר 1868 ווערט געזאָגט: „אפילו דער קלענסטער נאַציאָנאַליטעט מוז צו יעדער צייט געזיכערט ווערן אַ פרייע און זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ״.

פון דיזעלביקע שריפטן האָט מען זיך געקאָנט דערוויסן, אַז דער „גענעראַל־ראַט״ פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, אָנגעפירט פון קאַרל מאַרקסן, האָט זיך תמיד איינגעשטעלט פאַר אַלע באַפרייאונגס־באַוועגונגען פון די אונטערדריקטע פעלקער; אַז דער אינטערנאַציאָנאַל האָט גענומען אונטער זיין שוץ דעם קאַמף פון די פלאַמאַנער אַנטקעגן דער אַסימי־לאַציע אין פראַנצויזיש, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַ גרויסן טייל פון דער פלאַמאַנישער בורזשואַזיע, און אַז די מיטגלידער פון דעם אינטער־נאַציאָנאַל האָבן באַטראַכט די פאָרם פון זייער אָרגאַניזאַציע, ווי „אַ צוגרייטנדיקע פאָרם פאַר דער צוקונפט״.

גראָד דאָס איז געווען זייער אַ וויכטיקער פּונקט פאַר דער טעאָריע פון דעם „גלות־נאַציאָנאַליזם״. די אָרגאַניזאַציע פון דעם אינטער־נאַציאָנאַל איז געווען ניט לויט די שטאַטן — ווי דאָס איז אין די איצטיקע אינטערנאַציאָנאַלן, — נאָר לויט די שפּראַכן. פּרינציפּיעל האָט מען פאַרוואָרפן אַלע שטאַטס־גרענעצן, דער „צענטראַל־קאָמיטעט פון דער דייטשער צונג״ האָט געלאָזט וויסן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאָנגרעס אין אייזענאך (1869), אַז „דערווירקונגס־קרייז פון אַ נאַציאָ־נאַלער צענטראַל־פאַרוואַלטונג ווערט ניט געהאַלטן אין די גרענעצן פון אַ שטאַט, נאָר שפּרייט זיך אויס לויט דעם געברויך פון דער נוגעדיקער שפּראַך״. און עס איז טאַקע געווען אַזוי, אַז דער דייטשער אַרבעטער פאַריין אין ניו־יאָרק און די דייטשע סעקציע אין סאַן־פראַנציסקאָ האָבן געהערט צו דער דייטשער צענטראַל־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט געהאַט איר זיץ אין זשענעווע, אין שווייצאַריע.

די דייטשן אין אַמעריקע זיינען זיכער געווען אַ „נאַציאָנאַלע מינאָריטעט״. דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם האָט זיי אָבער אַריינ־געקערפּערט ניט אין דער ענגליש־אַמעריקאַנישער סעקציע, נאָר אין דער סעקציע פון זייער פאָלק, דעם דייטשן. אַזוי וואָלט אויך די יידישע נאַציע געקאָנט אין דער צוקונפט בילדן אַ פרייע נאַציאָנאַלע איינהייט, זייענדיק צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. דער יידישער „גלות־נאַציאָנאַליזם״ האָט זיך ניט געגרויטיקט אין קיין באַזונדערער טעריטאָריע.

אין דער צוקונפט וואָלט די נאַציאָנאַלע לאַגע פון דעם אַלוועלט־לעכן יידישן פאָלק ניט געווען קיין אַנדערע, ווי די נאַציאָנאַלע לאַגע פון אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן קינדער, צעשפּרייטע איבער גאָר דער וועלט.

פון דער אַנדער זייט אָבער איז געווען קלאָר, אַז וואו אַ נאַציאָנאַלע גרופּע זאָל זיך ניט געפינען, דאַרף זי דורכפירן דעם פאַרבאַדינג פון „נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט כלפּי חוץ״ אָדער לכל הפּחות די פאַרזיכערונג פון „אַ פרייער און זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ״. אין דעם „היינט״ און אין די איבערגאַנגס־שטופן מוז מען זיך אָבער רעכענען מיט דעם איצטיקן שטאַט און זיינע גרענעצן און ממילא מוז די דאָזיקע פאַרזיכערונג פון אַ נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט געשען אויף די יסודות פון געוויסע נאַציאָנאַלע רעכט.

עס איז אויך געוואָרן קלאָר, אַז גראָד אין דער דורכפירונג פון די נאַציאָנאַלע רעכט און דער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג ליגט יענער ענטפער, וועלכן דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם האָט שוין

אין די זעכציקער יאָרן געפֿונען און געגעבן אויף דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

די געפֿונענע דאַטן וועגן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָב איך דעמאָלט נאָך ניט פֿאַרעפֿנטלעכט. עס וואָלט געווען ניט גענוג, צו באַרופֿן זיך אויף אַלטע אויטאָריטעטן, ווי הויך זיי זאָלן ניט זיין געשעצט. עס האָט געדאַרפֿט אַרויסגעאַרבעט ווערן די טעאָרעטישע באַרעכטיקונג פֿון זייער שטעלונג, ווי אַ סינטעז פֿון נאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם און ווי אַ קאַמף־פֿראָנט אַנטקעגן ביידע ריכטונגען. דאָס איז ניט געווען קיין גרינגע אַרבעט און זי האָט פֿאַרלאַנגט צייט. אָבער די געוואונענע רעזולטאַטן האָבן שוין געגעבן די מעגלעכקייט צו צוטרעטן צו דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון דעם יידישן גלות־נאַציאָנאַליזם צווישן די רוסיש־יידישע סאָציאַליסטן אין אויסלאַנד. די פּראָפּאַגאַנדע וואָס איז געפֿירט געוואָרן אין דעם געגרינדעטן „פֿעריין פֿיר וויסנ־שאַפֿט און לעבן דאָס יודישן פֿאָלקעס" האָט שוין געהאַט אַ פֿעסטע פּלאַטפֿאָרם אונטער זיך. זי האָט געטענהט, אַז דער אמתער זין פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם איז ניט די אָפּשאַפֿונג פֿון פֿעלקער, נאָר זיין פֿאַר־ברידערונג, אַז יידן זיינען אַ פֿאָלק, הגם זיי האָבן ניט קיין לאַנד, און אַז דער ציל פֿון זייער באַפֿרייאונגס־קאַמף אין יעדן לאַנד דאַרף זיין ניט נאָר בירגערלעכע רעכט און פֿרייע נאַציאָנאַלע פּראַיוויניקונגען, נאָר בפֿירוש ומפֿורש אויך „נאַציאָנאַלע גלייכע רעכט מיט אַלע פֿעלקער".

אין דער ערשטער צייט איז אָבער אָט די פֿאָרמול נאָך ניט אָנגע־ווענדט געוואָרן אין דער פּראָפּאַגאַנדע. אויך אין דעם „יעוורייי ק'יעוו־רייאַם", וואָס האָט געפֿרואווט געבן אַ קליינעם קיצור פֿון די וויכטיקסטע פּונקטן, קומט נאָך ניט פֿאָר יענע אַזוי באַדייטנדיקע און וויכטיקע פֿאָרמול. די הויפּט־וואָג ווערט געלייגט אויף דער נעגאַטיווער זייט, אויף דער קריטיק פֿון דעם „מערב־אייראָפּיאישן שאַבלאָן", ד. ה., אויף דער קריטיק פֿון דער ריין־בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, ווי אַ מיטל צו פֿאַרענטפֿערן די יידישע פֿראַגע. די ריין־רעכטלעכע זייט פֿון דער יידיש־סאָציאַלער „ווידערגעבורט" ווערט דאָרטן מער אָנגעטייט איידער פּינקטלעך פֿאָרמולירט. אַזוי הייסט עס דאָרטן, אַז מיר דאַרפֿן שטרעבן צו „דערגרייכן גלייכע רעכט פֿאַר יידן אויף באַדינגונגען, וואָס זאָלן ניט גיין להיפּוך צו די אויפֿגאַבן פֿון דעם אינעווייניקסטן לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק" און עס ווערט געפֿאָלעמיזירט אַנטקעגן דער יידישער אינטעליגענציע, פֿאַרוואָס זי פֿאָדערט ניט פֿאַר דעם יידישן פֿאָלק „אַ גלייכבאַרעכטיקטן, זעלבסטשטענדיקן בונד מיט אַלע פֿעלקער, וואָס

וואוינען אין רוסלאַנד*), אין תוך איז דאָס, נאַטירלעך, ניט קיין אַנדער זאַך ווי די מאַקסימאַלע פּראָגראַם פון אַ יידישער אויטאָנאָמיע.

דער אויסדרוק „נאַציאָנאַלע רעכט״, ווי קעגנזאַץ צו ריין בירגערלעכע רעכט, איז אָבער באַלד אַרויסגעשפּרונגען אין איינער פון די וויכטיקע עפנטלעכע דיסקוסיעס, וואָס די בראַשור האָט אַרויסגערופן. גראָד אַ קעגנער פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם האָט אָנגעווענדט די פּאַרמול, ווי אַ מסיח לפי תומו, מסתמא זוכנדיק דעם קירצעסטן אויסדרוק פאַר דעם ענין. און אָט דער אויסדרוק איז פאַרבליבן אין דער פּראָפּאַגאַנדע.

תחילת איז געווען זייער שווער דורכצוברעכן די אַסימילאַטאָרישע און קאָסמאָפּאָליטישע פעסטונגען סיי ביי דער יידישער, סיי ביי דער ניט־יידישער אינטעליגענציע. ס׳איז אָבער געווען אַ געוואַלטיקער אונטערשייד אין זייערביידנס שטעלונג. די יידישע סאָציאַליסטן האָבן געקעמפט ניט נאָר אַנטקעגן דער מעגלעכקייט פון איבערבויען רוסלאַנד אויף אינטערנאַציאָנאַל־פעדעראַטיווע יסודות, וואו יידן, ווי אַ באַזונדער נאַציאָנאַליטעט זאָלן באַטראַכט ווערן, ווי אַ גלייכבאַרעכטיקט פאָלק מיט אַלע אַנדערע. זיי האָבן אויך געלייקנט, אַז דאָס איז געוואונטשן. די קליינע פעלקער רוסלאַנדס, — און צו זיי האָט מען אויך צוגעציילט די קליין־רוסן און ווייס־רוסן, — אַ פּשיטא שוין די יידן, — דאַרפן זיך איינגאַנצן צונויפגיסן מיט דעם גרויס־רוסנטום. אַן אויסנאַם פלעגט געמאַכט ווערן נאָר צוליב פּוילן.

גאַנץ אַנדערש איז געווען די שטעלונג פון יענע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, ווי פּ. וואָלכאָווסקי, ר. קעלטשעווסקי, ס. סטעפּניאַק, נ. טשאַיקאָווסקי און ל. שישקאָ, וואָס זיינען דעמאָלט געשטאַנען אויף דער שפּיץ פון דעם „פאָנד פאַר דער פרייער רוסישער פּרעסע״, וואָס זיינען אויך אַלע געווען הייסע אָנהייגער פון דער יידישער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג כנוסח מערב־איראָפּע. זיי האָבן אַרויסגעגעבן די בראָשור און גענומען אויף זיך איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין רוסלאַנד. אין זייער פאָרוואָרט צו איר האָבן זיי געלאָזט דורכבליקן, אַז דער שטאַנדפּונקט אירער סיי בנוגע דעם יידישן פאָלק, סיי בנוגע אַלע אַנדערע רוסלענדערשע פעלקער, איז אַ געוואונטשענער. זיי מאַכן נאָר דעם פאָרוואורף דער בראַשור, פאַרוואָס זי שטעלט צו גרויסע פאָדערונגען צו די יידישע „קאָמפּאַטריאָטן״ (די אַנערקענונג פון דער

---

*) ד. ג. ז. 42 און 47.

יידישער נאַציאָנאַליטעט!) און פאַרוואָס זי איז „צופיל נוטה, צוליב דעם געוואונטשענעם, אַרויסצולאָזן פון אויג דאָס מעגלעכע ביי די געגעבענע סאָציאַלע און פאָליטישע באַדינגנוגען“*).

ביסלעכווייז האָבן אָבער די אידייען, — דער עיקר די פאָדערונג פון „נאַציאָנאַלע רעכט“, — גענומען זיך דורכברעכן אַ וועג. אייניצעלנע יידישע סאָציאַליסטן (ווי צ. ב., דער שפּעטערדיקער בונדיסט, בלומשטיין) זיינען אַריבער אויף אָט דעם שטאַנדפּונקט, און אין דעם יאָר 1897 זיינען שוין געקומען קיין אויסלאַנד אַ פּאָר פאַרטרעטער פון דעם נאָר וואָס געגרינדעטן יידישן „בונד“, — „דזשאַן“ (מיל) און „צמח“ (קאָפּעלסאָן), — וואָס האָבן בפירוש אָנגענומען די פאָרמול: „נאַציאָנאַלע רעכט פאַר יידן“. אָט דער פאַקט האָט מיר געגעבן דאָס רעכט צו שרייבן אין אַן אַרטיקל פאַר דעם „יידישן אַרבעטער“, דעם צענטראַל־בלאַט פון דער פאַרטיי, — „ציוניזמוס אָדער סאָציאַליזמוס“, — אָט וועלכע שורות: „אָנשטאָט נאָר בירגערלעכע גלייכע רעכט, די גלייכע רעכט מיט אַלע מענטשן, וואָס די בורזשואַזיע האָט אויך געפאָדערט, האָבן די יידישע סאָציאַליסטן אויפגעשריבן אויף זייער פאָן נאַציאָנאַלע גלייכע רעכט מיט אַלע פעלקער און זיי זיינען אָנגעגרייט צו שטרייטן אָט פאַר דעם העכסטן אידעאַל פון דעם יידישן פאָלק“ **).

דער איינדרוק פון די געשפּרעכן מיט די בונדיסטישע חברים איז דעמאָלט געווען, אַז דער גאַנצער „בונד“, אָדער זיכער זיין גרעסטע מאַיאָריטעט, שטייט אויף אָט דעם קלאָרן שטאַנדפּונקט פון „נאַציאָנאַלע רעכט“. און אָט דער איינדרוק האָט געמוזט נאָך פאַרשטאַרקט ווערן, אַ דאַנק דער נאָטיץ, מיט וועלכער די רעדאַקציע פון דעם „יידישן אַרבעטער“ האָט באַלייט דעם אַרטיקל. עס הייסט דאָרטן: „מיר פאַרטיידיקן קרעפּטיק דעם פּרינציפּ, אַז די יידישע נאַציע, זאָל, ווי אַלע אַנדערע נאַציעס, באַזיצן גלייכע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע רעכט. מיר קעמפן אַפילו דערפאַר“. ספיקות האָט די רעדאַקציע אַרויסגעזאָגט נאָר וועגן דער צוקונפט פון דעם „זשאַרגאָן“ און וועגן דער נויטיקייט פון אַן אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער־סעקרעטאַריאַט, — פאַר וועלכן דער אַרטיקל האָט זיך איינגעשטעלט.

---

*) זע דעם פאָרוואָרט, ד. ג. אונטערגעשטראָכן פון מיר.

**) זע געז. שר., בד. פינף ז. 51. דער „בונד“ האָט דערנאָך אַרויסגעגעבן דעם אַרטיקל אין אַ באַזונדער בראָשור אָן דעם פינפטן קאַפּיטל. די ציטירטע שטעלע געפינט זיך אָבער אויך אין דער בראָשור.

אַרום יענער צייט — אין 1897 — איז שוין — אין די וויכ־טיקסטע פּונקטן — פּאַרטיק געוואָרן דער „חשבון״ צווישן דעם סאָ־ציאַליזם און דער נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע. די אַרבעט אונטער דעם־זעלביקן נאָמען איז אָבער אָפּגעדרוקט געוואָרן ערשט אין האַרבסט 1899, אין פּערנערסטאָרפערס „דייטשע וואָרטע״, און איז אין אַ באַ־זונדער אָפּדרוק פאַרטיילט געוואָרן צווישן די דעלעגאַטן פון דעם באַ־רימטן „ברוינער פּאַרטיי־טאָג״ פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע, וואָס האָט געדאַרפט באַשליסן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראגע אין עסטרייך.

אין דעם סוף פון יענער אַרבעט הייסט עס: „עס ליגט אין דעם אינטערעס פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, אַז עס זאָל אַנטדעקט ווערן די באַרעכטיקונג פון די נאַציאָנאַלע פאָרמען און אַז צו זייער שוץ זאָלן דורכגעפירט ווערן תקנות. גראַד ווייל יעדעס פאָלק שטעלט מיט זיך פאָר אַ קולטור־ספערע, האָט עס דאָס רעכט און די פליכט, זיך אַרומצוריינגלען מיט אַזעלכע שטאַטלעכע און פעלקער־רעכטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן אים געבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַלע זיינע באַשאַפערישע פאָרמען און אַנצואווענדן זיי אויף דעם איב־האַלט פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור״.

אַזוי אַרום איז אין דער „אומלעגאַלער״ יידיש־סאָציאַליסטישער עפנטלעכקייט לסוף פאַרענטפערט געוואָרן דאָס ערשטע פּראָבלעם פון דעם „גלות־נאַציאָנאַליזם״. די פראַגע: „פּריוויליקע פאַראייניקונגען אָדער „נאַציאָנאַלע רעכט״, מיט שטאַטס־רעכטלעכע גאַראַנטיעס און פּרעראָגאַטיוון.

אין דער זעלבער צייט אָבער, אין 1898, איז אויך אין דעם „לע־גאַלן״ טייל פון דער יידישער עפנטלעכקייט, אין דער רוסיש־יידישער פּרעסע, פאָרגעקומען אַ קאָלאָסאַל־וויכטיקע ענדערונג. איינער פון אירע וויכטיקסטע וואָרט־פירער, שפּעטער דער באַרימטער יידישער היסטאָריקער, ש. דובנאָוו, אַ געוועזענער הייסער אַנהייגער פון נאָך בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג און אַסימילאַציע, האָט זיך ראַדיקאַל באַפרייט פון זיין פריערדיקן אַסימילאַנטנטום און האָט אין זיינע „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום״ מיט גרויס טאַלאַנט, שוואונג און ליבע צו אונדזער פאָלק, אויפגעהויבן דעם קאַמף אַנטקעגן אַסי־מילאַציע און פאַר די „נאַציאָנאַלע רעכט״.

געשען איז דאָס, ווי מיר דערוויסן זיך, אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון די גייסטיקע שטרעמונגען אין דער „אומלעגאַלער״ וועלט, אָבער

מסתמא ניט אָן דער איינווירקונג פון דעם אַלגעמיינעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן געדאַנק, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם באַזעלער ציוניס־טישן קאָנגרעס פון 1897.

דובנאָווס פּאַרדינסט פאַר דעם ענטפער אויף אונדזער פּראָבלעם באַשטייט ניט נאָר דערין, וואָס ער האָט זיך געמיט, אונטערצובויען אונטער אים אַ סאָלידן, געשיכטס־פילאָסאָפישן פונדאַמענט, אַ באַגרינ־דעטן מיט דער גאַנצער געשיכטע פון אונדזער פאָלק (אין זיין איי־גענער באַלייכטונג). דער טעאָרעטישער אונטער־בוי איז, ווי יעדע טעאָריע, אַ זאַך פון סוביעקטיוון איינזען און סוביעקטיווער צושטימונג. פאַר דעם אַלגעמיינעם קאַמף איז נאָך וויכטיקער געווען דער פאַקט, וואָס דובנאָוו האָט אויסגעאַרבעט אַ סיסטעם פון קאָנקרעטע פאָדע־רונגען, אַ דעטאַלירטן פּראָגראַם, ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן די יידישע נאַציאָנאַלע רעכט, — אַ זאַך, וואָס האָט אין די פריערדיקע אַרבעטן וועגן דעם ענין לחלוטין געפעלט. אָט דער פּראָגראַם האָט שפּעטער אַרויסגערופן דערגאַנצונגען און פאַרבעסערונגען מצד אַנדערע קעמ־פער און, אַ דאַנק אָט דעם קאָנקרעטן איינשטעל, האָט דער „גלות־נאַציאָנאַליזם" באַקומען זיין יורידישן און פּאָליטישן אָפּקלער און זיין באַשטימטע פאָרם, ווי אַ קאַמף פאַר אַ יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אין אָט דעם זין פאַרדינט דובנאָוו זיכער דעם זייער ערנפולן נאָמען: „דער פאָטער פון דעם יידישן אַוטאָנאָמיזם".

דער צונויפגוס פון אָט די צוויי געדאַנקען־שטראָמען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער „אומלעגאַלער" און פון דער אָפיציעל „לע־גאַלער" יידישער עפנטלעכקייט, האָט געפירט דערצו, אַז די פאָדערונג פון „נאַציאָנאַלע רעכט" איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם סדר היום פון דעם יידישן באַפריאונגס־קאַמף, — דער עיקר, אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, ווען די יידיש־סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען האָבן געשפּילט אַזאַ אומגעהויער וויכטיקע ראָליע אין דעם יידישן לעבן.

דער „גלות־נאַציאָנאַליזם" איז געוואָרן אַ היסטאָרישע באַוועגונג, וואָס האָט שוין אַ היפּשע געשיכטע הינטער זיך. ווי די ציוניס־טישע באַוועגונג, האָט אויך דער „גלות־נאַציאָנאַליזם", אויפצואווייזן אַ גאַנצע צאָל פון זיינע „עליות" און זיינע „ירידות", זיינע נצחונות און זיינע מפּלות.

1932

# טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ און פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס

אין דעם יאָר 1908 איז אין טשערנאָוויץ אָפּגעהאַלטן געוואָרן די באַרימט־געוואָרענע אַלוועלטלעך־יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ. נאָך אַן איבעררייס פון באַלד דרייסיק יאָר (זומער 1937), זאַמלט זיך צונויף אין פּאַריז אַ צווייטער אַלוועלטלעך־יידישער צונויפקום, וואָס טראָגט שוין ניט דעם נאָמען „שפּראַך־קאָנפערענץ", נאָר „קולטור־קאָנגרעס".

עס איז איצטער ניט מיין אויפגאַבע צו שילדערן דעם גורל פון יענע שטרעבונגען, צו וועלכע טשערנאָוויץ האָט געגעבן אַזאַ מעכטיקן שטויס — אַ גורל, וואָס גיט איצטער אַ רעכט צו שטעלן דעם טראָפּ ניט אַזוי אויף דעם ענין יידישע שפּראַך, ווי פיל מער אויף דעם ענין קולטור אין דער שפּראַך־ספערע. אָבער אַ פּאָר ווערטער וועגן דעמאָלט און איצטער, וועגן די דעמאָלטיקע אויפגאַבן און די איצטיקע, מוזן דאָ געזאָגט ווערן.

די צונויפרופער פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן געהאַט אין זינען ניט נאָר די יידישע שפּראַך, נאָר אויך די קולטור אין איר. עס איז ניט געווען נאָר אַ פילאָלאָגישע קאָנפרענץ. עס האָט געדאַרפט פאָרמולירט ווערן די שטעלונג פונעם יידישן פאָלק און דער יידישער עפנטלעכקייט צו יידיש, ווי אַ שפּראַך, און צו איר נאַציאָנאַלן באַדייט. עס האָבן געזאָלט אויף דער קאָנפערענץ אויסגעאַרבעט ווערן פּאָליטישע

---

רעפעראַט פון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי אויפן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס איז פּאַריז. צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד האָט ד״ר זשיטלאָווסקי נישט געקאָנט פאָרן צום קאָנגרעס. דער רעפעראַט איז געלייענט געוואָרן דורך ז. ווײַנפּער, דער דעלעגאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, שבת דעם 11טן סעפּטעמבער, 1937. דער רעפעראַט איז אַריינגעגעבן געוואָרן אין דעם בוך נאָך דעם, ווי די ערשטע בויגנס זיינען געווען אָפּגעדרוקט. דעריבער איז ער נישט אויסגערעכנט אין דער אינהאַלט־פאַרצייכעניש.

און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען פאַר דעם אויסבוי פון דער קול־טור אין דער יידישער שפּראַך־ספערע, און עס האָט געזאָלט באַשאַפן ווערן אַן אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל דורכפירן אָט דעם אויסבוי.

לויט די אומשטענדן פון יענער צייט, האָט דעמאָלט נאָר דער ערשטער טייל פון אָט די אויפגאַבן געקאָנט, נאָך לאַנגע און העפטיקע דיסקוסיעס, דורכגעפירט ווערן מיט מער אָדער ווייניקער דערפאָלג. יידיש איז אין טשערנאָוויץ דערקלערט געוואָרן פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, און דערמיט גופא איז געגעבן געוואָרן דער העפטיקער קלאַפּ צו יענעם נבזהדיקן איינשטעל פון כמעט דער גאַנצער יידישער אינטע־ליגענץ, וואָס האָט זיך באַצויגן צו יידיש מיט ביטול אָדער האַס, ווי צו אַ „זשאַרגאָן".

די טשערנאָוויצער שפּראַך־רעזאָלוציע, ביי איר קאָמפּראָמיסלעכ־קייט, האָט באַדייט, אין דער ערשטער ליניע, די דעמאָקראַטישע דערהוי־בונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. יידיש פאָלק איז געוואָרן גלייכבאַ־דייטנדיק דער עיקר מיט די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן; זייער שפּראַך איז אין דער רעזאָלוציע דערהויבן געוואָרן אויב נאָך ניט צו דער מדרגה פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, דער יידישער, איז צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, לפּחות אַ גלייכער אין איר נאַציאָנאַלן באַ־דייט מיט העברייאיש. דאָס האָט אָבער אויך באַדייט דעם העפטיקסטן קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע.

די אויפגאַבע צו רעאַביליטירן דעם כבוד און די חשיבות פון יידיש, ווי פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק, האָט איינ־געשלונגען די גאַנצע צייט פון דער קאָנפערענץ. פאַרגעסט ניט, אַז אַפילו אונדזער גרויסער י. ל. פּרץ האָט אויף דער קאָנפערענץ פאַר־טיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז יידיש איז נאָך ניט קיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, ווייל זי איז נאָך ניט די שפּראַך פון דער „אינטעליגענציע"...

פאַר די קולטור־אויפגאַבן און די דיסקוסיעס וועגן דער אַלוועלט־לעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל געשאַפן ווערן, איז ניט געבליבן קיין צייט. און באַלד נאָך דער קאָנפערענץ האָט זיך אויפגעהויבן דער אי־דייאישער שפּראַך־קאַמף אין אונדזער עפנטלעכקייט, מיט דעם איינ־זייטיקן העברייאישיזם, ווי דעם העפטיקסטן, הגם ווייט ניט דעם איינ־ציקן, אָנגרייפער אין דעם קאַמף, — וואָס האָט זיך אייגנטלעך ניט פאַרענדיקט ביז אויף דעם היינטיקן טאָג.

אַ געוויסע ראָליע אין אָט דעם העפטיקן אידייען־קאַמף האָט גע־

שפּילט דער אומשטאַנד, וואָס די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט, לויט די אומשטענדן, געלייגט די הויפּט־וואָג אויף דעם ענין שפּראַך, וואָס איז די אַלגעמיינסטע פאָרם פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור־ספערע, און ניט אויף די ענינים פון דער מענטשלעכער קולטור גופא, ניט אויף די וויכטיקסטע ענינים פון אַ מענטשלעכן לעבן בכלל און פון אַ נאַ־ציאָנאַלן לעבן בפרט.

די קעגנער, וואָס האָבן ניט אַרויסגעלאָזן פון אויג דעם אמת, אַז שפּראַך איז אַ דרויסנדיקע פאָרם, און אַז דער עיקר פון אַ זאַך איז ניט איר דרויסנדיקע פאָרם, נאָר דער אינהאַלט, וואָס איז איינגעקליידט אין איר, האָבן רעוואָלטירט אַנטקעגן „טשערנאָוויץ״, וואָס מאַכט אַזאַ גרויסן ווען פון אַ „ליידיקער כלי״. מען האָט געטענהט: ניט דאָס איז וויכטיק ווי עפּעס ווערט געזאָגט. וויכטיק איז וואָס עס ווערט געזאָגט.

הינטער אָט דעם זייער וואָגיקן אַרגומענט האָבן פּאַרפּעסטיקט זייערע פּאָזיציעס אי אַ סך העברייאישיסטן, אי — אין אַ נאָך גרעסערער מאָס — דאָס רוב אַסימילאַטאָרן. אָבער אָט דער זייער וואָגיקער אַר־גומענט, וואָס האָט געפאָדערט מען זאָל זיך אינטערעסירן נאָר מיט דעם אינהאַלט און ניט מיט דער פאָרם, איז זייער וואָגיק נאָר אויף דעם ערשטן בליק. אַ טיפערער איינבליק אין די ענינים „אינהאַלט״ און „פאָרם״ באַווייזט אונדז, אַז „פאָרם״ איז דאָס רוב גאָר ניט אַזאַ גלייכ־גילטיקע זאַך, ווי דאָס דוכט זיך אויס אין פלוג.

מיר קאָנען זיך נאַטירלעך ניט אַריינלאָזן אין דער טיפער חקירה וועגן „אינהאַלט״ און „פאָרם״, וואָס אַ היבש ביסל וויכטיקע זייטן פון אָט דעם פּראָבלעם זיינען אין דעם טעאָרעטישן געדאַנק נאָך עד היום ניט אויפגעקלערט געוואָרן אויף אַ באַפרידיגנדיקן אופן.

דאָ זאָלן נאָר קאָנסטאַטירט ווערן אייניקע וויכטיקע פּונקטן, וועל־כע מען לאָזט געוויינטלעך אַרויס פון אויג. איינמאָל דאַרף מען גע־דענקען, אַז אומעטום, סיי אין דער נאַטור, סיי אין דער קולטור־וועלט, קאָנען די צוויי באַגריפן „אינהאַלט״ און „פאָרם״ ניט אָפּגעטיילט ווערן איינס פון דעם אַנדערן, סיידן נאָר אין דעם אַבסטראַקטן דענקען, צוליב די אינטערעסן פון דעם טעאָרעטישן פאָרשן. עס איז אין ערגיץ ניטאָ קיין ריינער „אינהאַלט״, וואָס זאָל ניט האָבן אַ וועלכע עס איז „פאָרם״, און עס איז אין ערגעץ ניטאָ קיין ריינע „פאָרם״, וואָס זאָל ניט האָבן אין זיך וועלכן עס איז „אינהאַלט״.

צווייטנס, מוז מען איינזען, אַז גאָר אין אַ סך וויכטיקע פאַלן —

דערהויפּט אין דער קולטור־וועלט — זיינען „אינהאַלט“ און „פאָרם“ ניט קיין אַבסאָלוטע באַגריפן, נאָר רעלאַטיווע. דאָס, וואָס פון איין שטאַנדפּונקט און פאַר איין געדאַנקלעכן אינטערעס איז „אינהאַלט“, ווערט פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט און פאַר אַן אַנדער געדאַנקלעכן אינטערעס באַטראַכט, ווי „פאָרם“, און פאַרקערט.

לאָמיר נעמען, ווי אַ ביישפּיל, יענע שאַפונג פון דער מענטש־לעכער קולטור, וואָס באַשטייט אין פּראָדוצירן קליידער. וואָס איז דאָ אינהאַלט, וואָס איז דאָ פאָרם? דער „אינהאַלט“ זיינען אין דער ערשטער ליניע — די מאַטעריעלע שטאָפן, דורך וועלכע עס דאַרף באַפרידיקט ווערן אַ מענטשלעכע קולטורעלע באַדערפעניש צו טראָגן קליידער. די „פאָרם“ זענען די פאַרשיידענע פאַסאָנען — מענערשע, ווייבערשע, קינדערשע, אין וועלכע די שטאָפן קליידן זיך אין די פאַרשיידענע פּראָדוצירטע מלבושים.

די פאַרטיקע קליידער ווערן פאַנאַנדערגעפירט אין לאַגערן און קראָמען. דאָרט ווערט סיי זייער אינהאַלט, סיי זייער פאָרם אַ נייער אינהאַלט פאַר אַ העכערן קרייז פון פאָרמען. זיי, ווי נאָך אַנדערע מאַטעריעלע פּראָדוקטן, באַקומען אַ באַשטימטע פאָרם פון דעם עקאָ־נאָמישן לעבן, וואָס רופט זיך אָן די סחורה־באַלעבאַטישקייט. ווי מאַרקס באַווייזט עס אויפן קלאָרסטן אופן, זענען סחורות נאָר אַ באַ־שטימטע היסטאָרישע פאָרם, וועלכע די פּראָדוקטן נעמען אָן, כדי פאַרטיילט צו ווערן צווישן די קאָנסומענטן. דער פּראָדוקט, ווי אַן אינהאַלט, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סחורה, ווי אַ פאָרם.

אויב די קליידער און אַ סך אַנדערע סחורות ווערן פּראָדוצירט פון לוין־אַרבעטער פאַר באַלעבאַטים, ווערן זיי, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס אָנגעוויזן, באַטראַכט ווי פאָרמען, זיי ווערן אַן אינהאַלט פאַר נאָך אַ ברייטערן פאָרם־קרייז, וועלכן די וויסנשאַפט רופט אָן — די קאַפּי־טאַליסטישע פּראָדוציר־פאָרם.

אָבער אויך די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־פאָרם, אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע אויסגעשטאַלטונגען און פאָרמען פון אַ קולטורעלן לעבן און שאַפן, ווערן אַן אינהאַלט פאַר נאָך אַ ברייטערן קרייז פון פאָרמען, וועלכע מיר אַלע רופן אָן מיט דעם נאָמען: די פּאָליטישע פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי די מאָנאַרכישע פאָרם, די רעפּובלי־קאַנישע פאָרם, דער פאַשיזם.

רייסט זיך דאָ איבער דער פאַרוואַנדלונגס־פּראָצעס פון אינהאַלט און פאָרם, פאָרם און אינהאַלט? ניין. די פּאָליטישע פאָרמען ווערן פון

זייער זייט אַן אינהאַלט פאַר דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון דער פּאָליטישער טעטיקייט, פאַר דעם פּאַרטיי־קאַמף, פאַר דער פאַרווירקלעכונג אין לעבן פון דער אָדער יענער פּאָליטישער פאָרם. און אויך אָט די היסטאָרישע טעטיקייט פון איבעראַנדערשן די פּאָליטישע פאָרמען ברענגט אַרויס אירע פאָרמען: רעפאָרמען, רעוואָלוציעס, פאַרשווערונגען, אויפשטאַנדן, דעמאָנסטראַציעס א. ד. ג.

דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן. וואָלטן מיר געהאַט צייט און חשק צו טעאָרעטישע אַנאַליזן, וואָלטן מיר געקאָנט נאָך ווייטער שפּינען דעם פאָדעם און באַווייזן, ווי אויך אָט די פאָרמען ווערן אַן אינהאַלט פאַר אַנדערע פאָרמען. זאָל יעדער איינער זיך פּרוּוון אָפּגעבן אַ פולן דין וחשבון וועגן „אינהאַלט״ און „פאָרם״ אין אַזאַ קולטור־דערשיינונג, ווי, זאָגן מיר, אַ טעאַטער־שפּיל פון „אוריאל אַקאָסטאַ״. זאָל ער זיך אַריינטראַכטן אין די געדאַנקלעכע אינטערעסן, וואָס זיינען פאַרבונדן ערשטנס, מיט דעם סיפּור המעשה; צווייטנס, מיט דער אידייע, וואָס האָט זיך איינגעקליידט אין אים, דעם קאַמף פון אַלט אַנטקעגן ניי; דריטנס, מיט דער שיינקייט פונעם יידישן לשון, וואָס האָט זיך דאָ איינגעקליידט אין דער איבערזעצונג; פערטנס, אין אייגנטימלעכן כאַראַקטער פון דעם אַקטיאָרס טאַלאַנט, וואָס קליידט זיך איין ניט נאָר אין דער ראָליע פון „אוריאל אַקאָסטאַ״, ווי אין אַ פאָרם, נאָר אין די פאַרשיידענע אַנדערע ראָליעס פון זיין רעפּערטואַר. — זאָל דאָס אַלץ איינער פּרוּוון דורכטראַכטן, און ער וועט איינזען, ווי קאָמפּליצירט עס איז דער ענין פון „אינהאַלט״ און „פאָרם״, פון דעם „וואָס״ און „ווי״, און ווי זיי בּיידע בייטן זיך מיט זייערע ערטער לויט דעם שטאַנדפּונקט פון דעם געדאַנקלעכן אינטערעס.

הונדערטער און הונדערטער ביישפּילן, דער עיקר פון דער קולטור־וועלט, וואָלט איך געקאָנט ברענגען און, אַנאַליזירנדיק זיי, באַווייזן, אַז זיי זיינען דאָס רוב אַ קרייז, אַ ספערע, וואָס איז אָנגעפילט מיט אַלץ קלענערע און קלענערע קאָנצענטרירטע און צונויפגעקייטלטע קרייזן אָדער ספערעס. און יעדע ספערע איז אַ „פאָרם״ פאַר דעם אינעווייניקסטן קרייז, וואָס ליגט אין איר, און אַן „אינהאַלט״ פאַר אַ גרעסערער ספערע, וואָס נעמט זי אַרום.

אין דער גאַנצער נאַציאָנאַלער קולטור פון אַ פאָלק האָבן מיר אָבער אַן אַלגעמיינעם אינהאַלט, וואָס פילט אָן אַלע ספערעס, און אַן אַלגעמיינע פאָרם, די גאָר גרעסערע ספערע, די וואָס נעמט אַרום אַלע אינהאַלטן: דער אַלגעמיינער אינהאַלט איז דאָס מענטשלעכע לעבן, אַן

אויסגעפורעמטער אין דעם קולטור־פּראָצעס פון דער מענטשהייט. די אַלגעמיינע פאָרם איז די שפּראַך־ספערע, אין וועלכער אָט דאָס מענטש־לעכע קולטורעלע לעבן שפּילט זיך אָפּ.

זיכער האָט טשערנאָוויץ ניט געהאַט אין זינען אַ ליידיקע שפּראַך־ספערע, ווען די קאָנפערענץ האָט געלייגט די הויפּט־וואָג אויף איר. קיין איין דעלעגאַט צו דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט ניט באַטראַכט יידיש, ווי אַ ליידיקע כלי, זאָגן מיר, ווי אַ שיינע, אַלט־גריכישע וואַזע, וואָס ווערט געשעצט צוליב די הויכע מעלות פון איר דרויסנדיקער געשטאַלט, און בלייבט שטיין אַ ליידיקע, לא להשתמש בה, אלא לראותה בלבד; אגב, אויך דאָס דאַרף ניט פאַרגעסן ווערן, אַז טשערנאָוויץ האָט דורך זיינע עפנטלעכע רעדעס אין יידיש, אויפ־געעפנט די אויגן פון אַ סך יידישע אינטעליגענטן גראָד אויף דער שיינקייט פון דער יידישער שפּראַך און האָט דערמיט געבראַכט זייער פיינשאַפט צו דעם „זשאַרגאָן". „עס קלינגט" ווי אַן אייראָפּייאישע שפּראַך" — האָבן פאַרפּלעפטע „מבינים" געזאָגט אויף די רעדעס פון דעם באַרימטן „באַנקעט". אָבער זיכער ניט צוליב דער שיינקייט פון יידיש איז זיך צונויפגעקומען די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער אינהאַלט, וואָס פילט אָן און דאַרף אָנפילן די שיינע כלי, די גאַנצע שפּראַך־ספערע, איז דאָס מענטש־לעכע לעבן פון דעם יידישן פאָלק, סיי פון זיינע פאָלקס־מאַסן, סיי פון זיין אינטעליגענץ, דאָס מענטשלעכע לעבן, מיט אַלע זיינע קאָנצענט־רישע אָדער צונויפגעקייטלטע ספערעס, אין וועלכע „אינהאַלט" און „פאָרם" בייטן זיך אַזוי אָפט מיט זייערע ערטער, לויט די פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן און אינטערעסן.

און פונדעסטוועגן איז אַבסאָלוט אמת, אַז טשערנאָוויץ האָט געהאַט צו טאָן כמעט ווי נאָר מיט דער פאַרטיידיקונג פון דער אַלגעמיינער פאָרם און ניט פון אַ וועלכן עס איז „אינהאַלט". אָבער אויך אָט די איינזייטיקייט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל אומפאַרשטייענישן אין דעם שפּראַכן־קאַמף, געפינט איר באַרעכטיקונג אין אַ דריטן מאָמענט פון דעם זעלביקן טעאָרעטישן ענין: „אינהאַלט" און „פאָרם". סיי פון דער נאַטור־וועלט, סיי פון דער קולטור־וועלט קאָנען מיר ברענגען הונדערטער ביישפּילן, וואו די פאָרם איז שוין גאָר ניט קיין ריין דרויסנ־דיקע, גלייכגילטיקע זאַך.

דאָס רוב כעמישע שטאָפן, מיט וועלכע מיר זיינען באַקאַנט אין דער טאָגטעגלעכערווירקלעכקייט, ווי צ. ב. וואַסער, קומען באַקאַנטלעך

פאַר אין דריי פאַרשיידענע פיזיקאַלישע צושטאַנד־פאָרמען: דער סאָלי־דער (אייז), דער פליסיקער (וואַסער) און דער אַזוי אַנגערופענער גאַז־פאָרמיקער, אָדער לופט־פאָרמיקער (דאַמף). קיינער וועט ניט לייקענען, אַז יעדע פאָרם האָט גאַנץ באַזונדערע אייגנשאַפטן און אופנים פון רעאַלער ווירקונג. עס איז שוין אַ גרויסע נפקא־מינה, צי לעבעדיקע ברואים זאָלן שטילן זייער דאָרשט מיט פליסיקן וואַסער, צי גאָר מיט הייסן דאַמף. די פראַגע וועגן פאָרם איז שוין דאָ גאָר ניט קיין גלייכ־גילטיקע זאַך. און דאָס אייגענע איז אויך מיט די קולטור־דערשיינונגען. נעמט די פאָליטישע זייט פון לעבן אין אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט: מאָנאַרכיע, רעפובליק, דעמאָקראַטיע, פאַשיזם ווערן, ווי מיר האָבן געזען, אָנגערופן פאָליטישע פאָרמען. נעמט די סחורה־פאָרם פון די פראָדוקטן. נעמט די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־פאָרם. קען דען ווער לייקענען, אַז אויך זיי, ווי די פיזיקאַלישע צושטאַנד־פאָרמען, האָבן זייערע אייגנשאַפטן און זייער כאַראַקטעריסטישע אופנים פון רעאַלער ווירקונג?

אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַ פאָלק קומען פאָר גאַנצע היסטאָרישע פעריאָדן, ווען סיי די קאָנסערוואַטיווע שיכטן פון אַלע מינים, סיי ביי די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אויך פון אַלע מינים קאָנ־צענטרירט זיך דער עפנטלעכער אינטערעס גראָד אויף דער פראַגע וועגן פאָליטישער, עקאָנאָמישער אָדער סאָציאַלער פאָרם. די פאָרם ווערט דאָ דער הויפּט אינהאַלט פון דער עפנטלעכער טעטיקייט אָפט פאַר אַ גאַנצן היסטאָרישן פעריאָד. און אַזוי איז דאָס אויך מיט דער שפּראַך, ווי אַ פאָרם. ביי אַלע פעלקער, וואָס לעבן ווי מינאָריטעטן צווישן אַנדערע, און ווילן אויפהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, קאָנצענ־טרירט זיך אויף דעם זעלביקן אופן דער עפנטלעכער אינטערעס גראָד אויף דעם ענין פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך־פאָרם.

טשערנאָוויץ האָט דעמאָנסטרירט פאַר דער יידישער וועלט, אַז אויך פאַר די יידישע מיעוטים איז געקומען די צייט צו קאָנצענטרירן דעם אינטערעס פון דער יידישער עפנטלעכקייט אויף דער פראַגע וועגן יענער שפּראַך־פאָרם, דער אַלגעמיינער פאָרם, אין וועלכער עס זאָל זיך אויסדריקן דאָס לעבן און שאַפן פון דער יידישער קולטור־ספערע.

די שפּראַכן־פראַגע איז שאַרף אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם סדר־היום און האָט געפירט צו דער דיפערענצירונג פון דער יידישער עפנטלעכקייט אין פאַרשיידענע לאַגערן: דעם „יידישיסטישן“, דעם העב־רייאישיסטישן, דעם אַסימילאַטאָרישן אָדער לאַנד־שפּראַכלעכן, און די

פאַרשיידענע מיטל־ריכטונגען, וואָס האָבן געשטרעבט צו דער אָדער יענער פּשרה צווישן די דריי.

איז דאָס געווען נאָר אַ פראַגע פון „פאָרם״, וואָס האָט קיין ברעקל שייכות ניט צו דעם אינהאַלט פון דעם יידישן לעבן?

די דעלעגאַטן צו דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ זענען געווען אָנהענגער פון די פאַרשיידנסטע ריכטונגען אין דער יידישער עפנט־לעכקייט. זיי אַלע האָבן געהאַט זייערע אייגענע אידייען וועגן די אינהאַלטן פון אַ יידישן לעבן. אָבער זיי אַלע האָט פאַראייניקט די זאָרג פאַר דעם גרונט־באַדינג פון אַ יידישן לעבן, ווי אַ לעבן פון אַ באַשטימטן פאָלק. זיי אַלע האָבן געשפּירט, אַז כל־זמן מיר בלייבן לעבן ווי נאַציאָנאַלע מיעוטים אין די פאַרשיידנסטע וואוין־לענדער, איז אַ קולטור־לעבן אין דער אַטמאָספערישער לופט פון דער לאַנד־שפּראַך אַ סם־המוות פאַר אונדזערע לונגען; אַז די הויפּט־אויפגאַבע פאַר אונדזער פאָלק, — ד״ה אין דער ערשטער ליניע, פאַר אונדזערע פאָלקס־מאַסן, — דאַרף באַשטיין אין אויסקעמפן און איינבויען אַן אייגענע זעלבסט־שטענדיקע עקזיסטענץ און פרייע אַנטוויקלונג, ווי אַ פאָלק, ד״ה ווי אַ באַזונדערע שאַפנדיקע אייגס, גייסטיק אַריינגעגלידערטע אין דעם קולטור־שאַפנדיקן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, שטייענדיק אונטער זיין השפעה און ווירקנדיק צוריק אויף אים.

מיט איין וואָרט: די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז געווען דורכ־געדרונגען מיט דעם גייסט פון קאַמף אַנטקעגן אַסימילאַציע, פון קאַמף פאַר דער אייגענער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג און ווייטערער פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. דער צוועק פון דער טשערנאָוויצער קאָנ־פערענץ איז געווען די באַשאַפונג פון אַזאַ אַלוועלטלעכער „גייסטיק־נאַציאָנאַלער הײם״, אין וועלכער עס זאָלן זיך קאָנען קולטורעל אויס־לעבן אַלע קלאַסן און שיכטן פון דעם יידישן פאָלק, דעם צעשפּרייטן איבער גאָר דער וועלט; אַ גייסטיק־נאַציאָנאַלע טעריטאָריע — „יידיש־לאַנד״ ווערט דאָס איצטער אָנגערופן — וואָס איר אַטמאָספערע איז די פרישע געזונטע לופט פון דער פאָלקס־שפּראַך, וואו מיט יעדן אָטעם וואָס מען אָטעמט, מיט יעדן וואָרט, וואָס מען רעדט אַרויס, האַלט מען אויף דאָס לעבן, דאָס זיין אויף דער וועלט ווי אַ פאָלק.

ס׳איז ווי אַ גאַנץ פּרוכפּער לאַנד וואָלט געווען פאַרפלייצט מיט אַ מבול. איך האָב דאָ אין זינען דעם מבול פון אַסימילאַציע. די אויפ־גאַבע איז געווען איינצודעמבען דאָס לאַנד פון דעם אַרומיקן ים און אויסצופּאָמפּען די פאַרפלייצונג פּונקט ווי די האָלענדער האָבן איינגע־

דעמבעט דעם „זאדער־זעי״ און אויסגעפּאָמפּעט די וואַסערן פון אַט דעם ים. וואָס פאַר אַ זין וואָלט דאָס געהאַט, ווען די האָלענדער, איידער זיי זיינען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, וואָלטן אָנגעהויבן פירן וויכוחים, וואָס מען זאָל פלאַנצן אויף דעם ניי־געוואונענעם באָדן, פון וועלכער אַרכיטעקטור מען זאָל בויען די הייזער, וועלכע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּרינציפּן עס זאָלן הערשן אין דעם ניי געוואונענעם לאַנד?

דער קאַמף אַנטקעגן דער פאַרפלייצונג איז געווען און איז נאָך עד היום דער אַלגעמיינער פאַרבאַדינג פון אַלע מעגלעכע אינהאַלטן פון אַ מענטשלעכן לעבן, און פאַר די באַלד 30 יאָר זינט „טשערנאָוויץ״ קומט פאַר אונדז פאַר דער גרויסער היסטאָרישער פּראָצעס פון אַט דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַטאָרישער פאַרפלייצונג, די איינדעמבונגען דאָ און דאָרט, דער אויסבוי פון קולטורעלע אינדזלען מיט פּרעכטיקע בנינים אויף זיי, די איינפעסטיקונג פון קולטורעלע פּאָזיציעס.

מען באַקלאָגט זיך איצטער אויף אַ קריזיס אין דער יידישער קולטור־שאַפונג און אין דער אויסברייטערונג פון דעם „יידישלאַנד״. מיר דוכט זיך, אַז אַט די „איכהס״ שטאַמען מער פון די יינגערע דורות און ניט פון די עלטערע. מיר, די עלטערע, געדענקען נאָך די צייט, ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין יידישע וועלטלעכע שול מיט יידיש, ווי די שפּראַך פון די לימודים; ווען מען האָט נאָך ניט געקאָנט טראַכטן וועגן אַ טעגלעכער צייטונג אין יידיש; ווען די שיינע ליטעראַטור איז געווען באַהערשט פון שמרס און בלאָשטיינס שוין גאָר ניט קיין שיינע ראָמאַנען; ווען וועגן דער איבערזעצונג פון אַזאַ קאַפּיטאַל ווערק, ווי קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל״, אָדער דאַרווינס „אַנטשטייאונג פון די מינים״, אָדער שפּינאָזאַס „עטיק״, אָדער ספּענסערס פילאָסאָפיע, האָבן נאָר איינצעלנע געקאָנט טרוימען; ווען שרייבן אַ גרויס פילאָסאָפיש ווערק אין יידיש האָט גאָר קיינעם ניט געקאָנט אַרויפקומען אויפן זינען.

ווי ווייט איז יענע צייט פון אונדז! וויפיל מיליאָנען יידן איבער גאָר דער וועלט לעבן זיך איצטער אויס קולטורעל אין דער יידישער שפּראַך־ספערע און באַפרידיקן זייערע קולטורעלע נויטן אין יידיש! מען לייענט יידישע טעגלעכע צייטונגען כמעט איבער גאָר דער וועלט; מען גייט אויף יידישע לעקציעס, פאָרלעזונגען, פאַרזאַמלונגען, מען באַזוכט יידישע טעאַטער־שפּילן, אַפילו יידישע טאָן־פילמען, און מען הערט זיך צו צו יידישע ראַדיאָ־שטונדן. יאָ, אַפילו ערנסטע ביכער ווערן פאָרט געדרוקט און פאַרקויפט. און אַזאַ אויסלעבן זיך אין דער גייסטיקער שפּראַך־ספערע פון יידיש וואַקסט און שפּרייט זיך פאַנאַנדער אין

אַלע לענדער פון דער וועלט, וואו עס געפינען זיך גרעסערע אָדער קלענערע קיבוצים פון מזרח־אייראָפּיאישע יידן.

אין אַן אַנדער אָרט האָב איך געשריבן: „עס וואָלט זיכער געווען פון גרויס אינטערעס צו קאָנען געווינען אַ קלאָרן איבערבליק איבער דעם פאַרנעם פון יידיש אין דער איצטיקער יידישער וועלט. עס קאָן גרייך זיין, אַז די גערעדטע יידישע שפּראַך־ספערע האָט זינט דעם וועלט־קריג פאַרלאָרן אַ געוויסן טייל פון איר שטח, אָדער געבליבן סטאַביל, ניט געקוקט אויף דעם צוואוואוקס פון דער יידישער באַפעל־קערונג. און אפשר איז אויך פאַראַן אַ צוואוואוקס פון דעם שטח. קיין סטאַטיסטיק וועגן דעם האָבן מיר נישט. מען קאָן אָבער אָננעמען, אַז אַ געוויסער צוריקגאַנג פון יענעם שטח איז באמת פאַרגעקומען, אַדאַנק די אָביעקטיוו־ווירקנדיקע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן אין דעם יידישן לעבן און נאָך מער אַדאַנק דער אַסימילאַטאָרישער און דער ציוניסטיש־העברייאישיסטישער אידעאָלאָגיע. לויט דעם גורל פון דער אייגענער שפּראַך־ספערע ביי די אַנדערע מינאָריטעטן־פעלקער, מוזן מיר אויך ביי אונדז אָננעמען, אַז גראָד דער „אידעאָלאָגישער פאַקטאָר" שפּילט אומעטום אַ שטאַרקע היסטאָרישע ראָליע סיי אין דעם צע־שטערנדיקן זין, סיי אין דעם אויפהאַלטנדיקן און אַנטוויקלענדיקן.

„האָט מען אָט דעם צושטאַנד אין זינען, קאָנען מיר מיט זיכערקייט קאָנסטאַטירן, אַז די אַסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע האַלט ביי אונדזער פאָלק אין פאַרשווינדן, ניט אין אָנוואַקסן. די אינעווייניקסטע לאָגיק פון אונדזער אָביעקטיווער לאַגע צווישן די פעלקער ברענגט, זינט דעם וועלט־קריג, פון זיך אַליין אַרויס אַ שטאַרקן נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס, וואָס טרייבט צו דער באַהעפטונג מיט דעם יידישן פאָלק, און אין דער אינעווייניקסטער לאָגיק פון אָט דעם נאַציאָנאַליזירונגס־פּראָצעס ליגט די דערנענטערונג צו די יידישע פאָלקס־מאַסן, צו זייער לעבן און זייער שפּראַך־ספערע יידיש. מיר קאָנען קאָנסטאַטירן אַזאַ דערנענטערונג אין אַ היפּש ביסל פּריערדיקע, ריין אַסימילאַטאָרישע קרייזן".

קאָן דאָ באמת גערעדט ווערן וועגן אַ קריזיס?

נאָר — קריזיס, צי ניט קריזיס. דער פאַקט אַליין, וואָס עס ווערט גערעדט וועגן אַ קריזיס אין אונדזער קולטור־לעבן באַווייזט, אַז אין דער יידישער שפּראַך־ספערע, פאַר וועלכער טשערנאָוויץ האָט געקעמפט, איז שוין באַשאַפן געוואָרן אַ יידישע קולטור־ספערע אין אירע פאַר־שיידענע אַרויסצווייגונגען — אַ קולטור־ספערע וואָס וואַקסט סיי אין

דער קוואַנטיטעט פֿון דעם געבֿרויכטן יידישן וואָרט, סיי אין דעם באַדייט אירן פֿאַר אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. די אַלגעמיינע שפּראַך־פֿאָרם, וואָס איר באַדייט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין טשערנאָוויץ, האָט זיך אָנגעפֿילט מיט אַ נייעם קולטורעלן אינהאַלט. אָט דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט, אַז „פֿאַריז״, די אידייאישע פֿאָרזעצונג פֿון טשערנאָוויץ, זאָל אַריבערטראָגן דעם טראָפּ פֿון דער שפּראַך אויף דער קולטור, פֿון דער „פֿאָרם״ אויף דעם „אינהאַלט״, און אַז אָנשטאָט אַ שפּראַך־קאָנפֿערענץ, זאָל זיך צונויפֿקומען אַ „קולטור־קאָנגרעס״.

אַדאַנק דעם אָביעקטיוון קאַמף, וואָס דאָס יידישע לעבן האָט אומ־באַוואוסטזיניק געפֿירט אַנטקעגן דער אַסימילאַטאָרישער פֿאַרפֿלייצונג, אַדאַנק דעם אויסבוי פֿון דער קולטור אין יידיש, וואַקסט איצטער פֿאַר אונדז אויס אַ נייע אויפֿגאַבע. זי קאָן פֿאַרגליכן ווערן צו דער קאָלאָני־זירונג פֿון אַ גרויסער, וואַלדיקער און אין דער זעלבער צייט זומפּיקער געגנט, וואָס האָט זיך אויפֿגעדעקט פֿון אונטער אַ פֿאַרפֿלייצונג. די געגנט ווערט קאָלאָניזירט דורך איינצעלנע גרופּעס. יעדע האַקט אויס שטח, טריקנט אויס אירע זומפּן, גראָבט אויס אירע ברונימער, בויט אויס אירע הייזער, און עס קומען אָפּט פֿאָר אומפֿאַרמיידלעכע גרענעץ־קריגערייען פֿון רעכטלעכע שטרייטיקייטן. די אַלע גרופּעס מוזן אָבער געדענקען, אַז דער זומפּ פֿאַרסמט די לופֿט פֿון דער גאַנצער געגנט. און מער פֿאַר אַלץ מוזן זיי האָבן אין זינען, אַז עס זיינען נאָך ניט אינגאַנצן איינגעדעמבעט געוואָרן יענע שטראָמען, וואָס האָבן געבראַכט די גאַנצע פֿאַרפֿלייצונג, און אַז זיי, די שטראָמען, קאָנען נאָכאַמאָל אָנשוועלן צו אַ מבול. זעען די גרופּעס איין, אַז יעדע פֿון זיי, וואָס טריקנט אויס אַביסל זומפּ אָדער דעמבעט איין אַ טייל פֿון אַ שטראָם, טוט אין לעצטן סך הכל אַ נוצלעכע אַרבעט פֿאַר דער קולטיווירונג פֿון דער גאַנצער געגנט, הייבן זיי אָן צו פֿאַרשטיין, אַז פּונקט ווי עס זיינען אומפֿאַרמיידלעך זייערע סכסוכים, איז פֿאַר זיי נאָך אַ גרעסערער געבאָט פֿון נויטווענדיקייט די קעגנזייטיקע הילף. שטרעבן זיי צו קומען צו אַ געמיינשאַפֿטלעכער פֿאַרשטענדעניש, צו העלפֿן איינער דעם אַנדערן אין וואָס זיי אַלע נייטיקן זיך, און אויסצואַרבעטן צוועקמעסיקע פּלענער פֿאַר יענע אויפֿטועך, וואָס יעדע גרופּע באַזונדער מוז, לויט דער טבֿע פֿון דער אַרבעט גופֿא, טאָן אויף דעם זעלביקן אופֿן.

דער נמשל ליגט דאָ אויף דער האַנט. טשערנאָוויץ, איינהערנדיק זיך אין דעם רוף פֿון דעם לעבן, אין די לעבנס־נויטן פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, האָט אַרויסגעלאָזן דעם רוף צו קולטיווירן „יידישלאַנד״,

— אַ קולטור־געגנט פול מיט אָפּגעלעבטע טראַדיציעס, ווי צעפוילטע ביימער אין אַ וואַלד, פול מיט אָפּגעשטאָנענע השגות, און אַלטע עם־הארצות, ווי פאַרשימלטע זומפּן, — אַ קולטור־געגנט, אויף וועלכער עס טראָגן זיך פאַרפליייצונגס־שטראָמען סיי אַסימילאַטאָרישע, פון די פאַרשיידענע לאַנדשפּראַכן, סיי איינזייטיק העברייאיסטישע פון די איי־גענע היסטאָרישע קוואַלן. דער רוף פון טשערנאָוויץ האָט ניט געקאָנט זיין קיין אַנדערער, ווי נאָר דער קאַמף אַנטקעגן יענע שעדלעכע, לעבנס־געפערלעכע שטראָמען. זיין אינהאַלט האָט געמוזט זיין דער רוף צום קאַמף פאַר דער אַלגעמיינער „פאָרם" פון אַ פאָלקס־קולטור־לעבן, פאַר דער שפּראַך־ספּערע פון די פאָלקס־מאַסן.

אָבער אַן אַלגעמיינע שפּראַך־פאָרם קאָן זיך ניט פאַרווירקלעכן אין לעבן, סיידן זי ווערט רעאַליזירט אין באַשטימטע קולטורעלע אינהאַלטן, אין באַשטימטע קולטור־אַרבעטן, אין דערציאונג, קונסט, ליטעראַטור, טעכניק, פּאָליטיק, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע, אין באַשטימטע אָרגאַני־זאַציעס, פּאָליטישע פאַריינען, רעליגיעזע ריכטונגען, אָרדנס און פאַר־באַנדן א. אַ. וו.

זיינען אויפגעקומען פאַרשיידענע גרופּעס מיט פאַרשיידענע אינטע־רעסן און האָבן יעדערע, לויט איר שטאַנדפּונקט און אינטערעס, גענומען אָנפילן מיט די פאַרשיידנאַרטיקסטע אינהאַלטן די אַלגעמיינע שפּראַך־ספּערע, אויף די פאַרשיידנסטע פעלדער פון מענטשלעכן לעבן. אַזוי אַרום איז געוואָרן ברענענדיק דאָס פּראָבלעם צו פאַרנעמען זיך מיט דעם גורל פון די פאַרשיידענע אינהאַלטן. אין וואָס באַשטייט דאָס פּראָבלעם? יעדע אַרבעט פון יעדער גרופּע, אָדער פּאַרטיי, אָדער קלאַס, וואָס ווערט געטאָן מיט די מיטלען פון דער יידישער שפּראַך, אָדער אין דער סביבה פון דער יידישער שפּראַך־ספּערע, איז אַ יידישע קול־טורעלע אַרבעט.

ווייל קולטור איז אַלץ, וואָס קומט אַרויס פון אַ מענטשלעכן שאַ־פונגס־פּראָצעס, אַ מאַטעריעלן צי אַ גייסטיקן.

אָבער די קולטור־אַרבעטן, לויט פאַרשיידענע ריכטונגען אויף די פאַרשיידנסטע פעלדער פון דעם מענטשלעכן שאַפן, לייקענען אָפּ זייער אָפּט איינס דאָס אַנדערע, זיי זיינען אָפּט פון אַ גאַנץ קעגנזעצלעכן אינהאַלט; זיי מוזן אָפּט באַקעמפן איינס דאָס אַנדערע. איז — ווי זאָל זיין? ווי זאָל דורכגעפירט ווערן די פאַראייניקונג פון „פאָרם" און „אינהאַלט" אין דער יידישער קולטור? וועלכע אינהאַלטן זאָלן אָנפילן און וועלכע טאָרן ניט אָנפילן די יידישע שפּראַך־פאָרם? אָט

די פראַגע איז אַרויסגעשוואומען נאָך טשערנאָוויץ, שוין ביי די אָנ־הענגער פון דער יידישער שפּראַך־ספערע גופא — אַ פראַגע, וואָס האָט אַרויסגערופן און רופט נאָך איצטער אַרויס גאַנץ העפטיקע דיס־קוסיעס. די צרה אָבער מיט אָט דער פראַגע איז, וואָס דער פרינציפּ פון אַן אַלגעמיינער שפּראַך־פאָרם גיט אונדז ניט קיין ברעקל אָנדייט, מיט וועלכן באַשטימטן אינהאַלט זי זאָל אָנגעפילט ווערן.

איך וויל מיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף פילע ביישפּילן, וואָס באַווייזן די ריכטיקייט פון אָט דעם געדאַנק. נעמט נאָר די קינדער־דערציאונג. זי קאָן זיין אַ רעליגיעזע אָדער אַ פרייזיניקע ; אַ בורזשואַזע אָדער אַ סאָציאַליסטישע : אַ טרוקענע, אוטיליטאַריש־„תכליתדיקע״, אָדער גאָר, זאָגן מיר, אַ ריין עסטעטישע, צי מאָראַלישע. שטעלט איר אַוועק די גרונט־פאָדערונגען, די קינדער־דערציאונג זאָל פאָרקומען אין דער יידישער שפּראַך, זעט איר ניט איין, פאַרוואָס איין אָרט דערציאונג זאָל זיין מער מיוחס איידער אַן אַנדער אָרט. די בכורה ווערט געגעבן איינער אָדער דער אַנדערער ניט אין די אינטערעסן פון דער שפּראַך־פאָרם, נאָר אין די אינטערעסן פון אַ באַשטימטן אַנדערן קולטור־אינהאַלט.

דער ענטפער אויף דעם פּראָבלעם ווערט גרינגער, ווען מיר זעען איין, אַז די אַלגעמיינע שפּראַך־פאָרם פון אַ פאָלקס־קולטור קען האָבן נאָר אַן אַלגעמיינעם קולטור־אינהאַלט, און דאָס איז, ווי מיר האָבן פריער געזען, די גאַנצע מענטשלעכע קולטור, אין אַלע אירע פאַר־שיידענע אויסגעשטאַלטונגען און ריכטונגען, אין אַלע באַשטימטע אינ־האַלטן, אין אַלע פּראָדוקטן פון אַ מענטשלעכן שאַפונגס־פּראָצעס. אָבער זיי אַלע, ווי זיי זאָלן ניט זיין סתירהדיק איינס צום אַנדערן, האָבן פונדעסטוועגן געמיינשאַפטלעכע אויפגאַבן, וואָס שטאַמען פון דער אַלגעמיינער שפּראַך־ספערע גופא. נעמט ווידער ווי אַ ביישפּיל די דערציאונג. זי מוז זיין אין יידיש. יידיש מוז געגעבן ווערן ווי אַ לימוד אין דער דערציאונג. אָבער די בעסטע מעטאָדן ווי צו לערנען יידיש זיינען, אונטער די אומשטענדן אין וועלכע מיר געפינען זיך, די זעל־ביקע, צי מען לערנט אין יידיש די יידישע רעליגיע, אין דעם אָדער יענעם נוסח אירן, צי דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, אין דעם אָדער אין יענעם נוסח זיינעם. אָדער נעמט די פראַגע פון דעם יידישן בוך, ווי אַזוי צו באַשאַפן פאַר אים די גרעסט מעגלעכע פאַרשפּרייטונג. אויך דאָ, אין די פאַרשפּרייטונגס־מעטאָדן, איז קיין חילוק ניט, צי דאָס בוך איז קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל״ אָדער די איבערזעצונג פון דעם „זוהר הקדוש״.

אָדער די פראַגע וועגן דעם עקאָנאָמישן מעמד פון די קולטור־שאַפער אין יידיש — אַלץ איינס צי דער אינהאַלט פון זייערע שאַפונגען איז רעליגיעז אָדער וועלטלעך אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיש צי־קאָמוניסטיש. און אַזוי איז דאָס מיט אַלע אַנדערע פעלדער פון דער מענטשלעכער קולטור. אין אַלע פון זיי זיינען פאַראַן פּראָבלעמען, וואָס זיינען די זעלבע פאַר אַלע ריכטונגען. וואָס איז דערפון געדרונגען? דערפון איז אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, אַז אין דעם אַלגעמיינעם אינהאַלט פון דער יידישער קולטור־ספערע, אין דער מענטשלעכער קולטורעלער שאַפונג בכלל, זיינען אַלע קולטורעלע אַרבעטן, אינהאַלטן און ריכטונגען גלייך באַרעכטיקט, אויב זיי נעמען אָן פאַר זיך דעם תנאי, אַז די שאַפונג זאָל האָבן פאָרגעקומען אין דער יידישער שפּראַך צי אָריגינעל, צי איבערזעצט פון אַן אַנדער שפּראַך, אָבער זי זאָל האָבן פאָרגעקומען און זיין אַרויסגעבראַכט אין דער שפּראַך־ספערע פון יידיש, אויב מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט יענע קונסט און טעכנישע פּראָדוקטן, וואָס דריקן זיך ניט אויס אין אַ מענטשלעכן וואָרט.

אָט די אַלע גלייכבאַרעכטיקטע ריכטונגען האָבן געמיינשאַפטלעכע אויפגאַבען: צו פאַרטיידיקן די עקזיסטענץ גופא פון דער קולטור־ספערע אין יידיש, אויסברייטערן איר ממשלה אויף אַלץ ברייטערע פעלדער פון דעם מענטשלעכן שאַפן, צו הייבן איר חשיבות דורך דיי׳ס מענטשלעכן ווערט פון אירע אינהאַלטן, אויסצוקעמפן איר רעכט אויף אַ פרייער אַנטוויקלונג אומעטום, און — דער עיקר — צוצופירן די גרויסע פאָלקס־מאַסן צו אירע קוואַלן, אויפצוהייבן זייער קולטורעלן מעמד, מאַכן זיי פאַר די אמתע באַלעבאַטים פון אונדזער היסטאָרישן גורל און אַזוי אַרום — דורך דער דורכפירונג פון די אַלע אויפגאַבן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם „אינהאַלט״ פון דער יידישער קולטור — אויפצוהויבן די חשיבות פון דעם גאַנצן פאָלק אונדזערן און מאַכן אים ניט נאָר פאַר אַ גלייכבאַרעכטיקטן, נאָר אויך פאַר אַ קולטורעל גלייכווערטיקן ברודער אין דער פאַרברידערטער משפּחה פון דער מענטשהייט.

די אָנהענגער פון דער קולטור־ספערע אין יידיש קאָנען ניט בילדן קיין פּאַרטיי אין אונדזער לעבן, אָבער זיי מוזן בילדן אַ באַזונדערע, גוט אָרגאַניזירטע ריכטונג. עס קאָן ביי זיי ניט געמאָלדן ווערן קיין איינהייטלעכער פראָנט אין אַלע קאַמפן פון אונדזער צייט. אַנשטאָט אַן איינהייטלעכן פראָנט מוז מען שטרעבן צו אַ פאָראייניקטן פראָנט

פון אַלע ריכטונגען, וואָס זאָל האָבן זיין ציל די דורכפירונג פון אַלע נאָר וואָס כאַראַקטעריזירטע אויפגאַבן.

אָט דאָס איז די אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר פאַריז, ווי די נייטיקע פאָרזעצונג און דערגאַנצונג צו טשערנאָוויץ. און — הלוואי האָט „פאַריז" ניט קיין קלענערע ווירקונג אויף דעם גאַנג פון אונדזער קולטור־רעלער אַנטוויקלונג, ווי דאָס האָט געהאַט „טשערנאָוויץ!"

און האָפן מעגן מיר זיכער, אַז די ווירקונג וועט זיין נאָך אַ גרעסערע און באַדייטנדיקערע, ווייל „פאַריז" דאַרף אָוועקלייגן דעם יסוד פאַר דער פאַראייניקונג פון אַלע אונדזערע קולטור־שאַפנדיקע כוחות, כדי צו דערגרייכן דעם העכסטן אידעאַל פון אַ פאָלקס־קולטור־ספערע: זי זאָל זיין אי אַלזייטיק, אַרומנעמענדיק אַלע צווייגן פון אַ מענטשלעכן שאַפן, אי רייך אין אירע דערגרייכונגען אויף אַלע אָט די פעלדער, אי אַלוועלטלעך יידיש, אַריינגעמענדיק אין איר ספערע אַלע טיילן און שיכטן פון דעם פאָלק איבער גאָר דער וועלט, אי באַפרוכפּערנדיק דורך צוציען די גרויסע מאַסן צו אירע קוואַלן, — אַלץ מעלות, וואָס יעדע קולטור־ספערע פון אַ פּראָגרעסיוון פאָלק האָט שוין איצטער — מעלות, וואָס קאָנען אָבער אין זייער גאַנצן סכום און פאַרנעם ניט דערגרייכט ווערן ביי אונדז אין דער העברייאישער קולטור־ספערע, ווייל זי איז ניט פאַר די גרויסע פאָלקס־מאַסן, און ניט אין יענע קולטור־ספערעס, וואָס ווערן געשאַפן אין די לאַנד־שפּראַכן.

די לעצטערע מוזן זיך באַשעפטיקן מיט די ד' אמות פון ריין יידישע ענינים און מוזן על פי טבע זייערער אויסשליסן די אַלגעמיין מענטשלעכע שאַפונג. זיי קאָנען דעריבער ניט זיין אַלזייטיק. נאָר די קולטור־ספערע אין יידיש קאָן פאַרווירקלעכן אַלע יענע מעלות, וואָס אַ קולטור פון אַ פאָלק דאַרף האָבן: צו זיין באַפרוכפּערנדיק פאַר די גרויסע פאָלקס־מאַסן, צו זיין רייך אין אַלע אירע דערגרייכונגען. ועל כולם — צו זיין די אַלגעמיינע גייסטיקע אַטמאָספערע, וואָס בינדט אַלעמען צונויף אין איין קולטור־שאַפנדיקער נאַציאָנאַלער איינס און לאָזט יעדן איינעם פריי צו פאַרטיידיקן אין איר זיינע אינטערעסן און זיינע אידעאַלן. די קולטור־ספערע אין יידיש שטרעבט אָביעקטיוו צו פאַרווירקלעכן אָט די אַלע מעלות. זי טוט דאָס אָבער דאָס רוב סטיכיש. „פאַריז" דאַרף באַשאַפן די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן באַוואוסטזיניק און פלאַנמעסיק, כדי דער קולטור־אידעאַל פון אַ פאָלק זאָל אויך ביי אונדז פאַרווירקלעכט ווערן אין זיין פולער מאָס.

1937

# ביישטייערער פאַר דעם דאָזיקן ד״ר ח. זשיטלאָווסקי־בוך

## ניו־יאָרק

לעאָ אויערבאך
וואָלף און דזשעני איווענסקי
יאַשאַ און ד״ר מאַניאַ אייזענבערג
מאיר און לובא אייזענבערג
ב. איצקאָוויטש
ר. אַלפער, ברענטש 184
יעקב אלשאנסקי
היימאַן און סאַראַ אַקון
יוסף אַראַנאָוו
באָרוכאָוויטש איקוף קלוב
לייב באַרטאָוו
דזשוליוס באַרנבוים
סאָפיע בובריק
ש. בודין
רבקה בוכהאָלץ
א. בלאַט
דזשאָו בלום
אבנר בערנשטיין
בראָנזוווילער איקוף
(אין אָנדענק פון שלמה גאָלד)
ברוך ברוידע
שרה גאָלדבערג
בנימין און בעלא גאָלדווירט
יהושע און רחל גאָלדין
זכריה גאָלדמאַן
יאַנקל גאָלדמאַן
איטשע גאָלדבערג
מוליע גורין
מ. ה. גינסבערג
ב. גלוקאָפּט
נ. געצעלס
משה און טייבל גראזול
משה גראָס
אסתר גרינבערג
ראוז גרעליק
יאַנקל און צייטל דאָראָשקין
מאַקס און פייגל דאָראָשינסקי
פרעד דאָוגלעס
ה. און קלאַראַ דוליצקי
י. דזשאַגניאַטינסקי
עטל דייווידסאָן
מאיר און רחל דייוויס
שמואל דעמבוס
ה. דעניעלס
אברהם האָראָוויץ
בערטא האָרן
פעני האָרן
נ. הייקין
וועלוול וואולקאַן
פאולין וואַסערמאַן
וויינמאַן
טשאַרלז וויינטרויב
באָריס און לאה ווינער
ב. וויינערס אַ פריינט
ז. און זיטא וויינפער
הערשל וויס
וואָלף און רבקה ווייס
אל און איווא ווין
אהרן און אידא וויניק
ש. ווינער
אברהם ווישאַ
וו. ווישינסקי
ט. ווענדי
מ. ווענגראַ
עני זאַלצמאַן
דוד זאסלאוו
רחל זוסמאַן
י. זעלדין
זשיטלאָווסקי ברענטש 60
חנה סענעש לייענקרייז
ישראל און פעני טאבאטשניקאָוו
לינע טווין
יעקב טוטשין
יוסף און בערטא טענדלער
לואיס יאַבקאַ
דוד יאַנישעווסקי
אַברהם יאַכנעס
מאיר כאָריטאָן

מיכל כהן
יוסף בראַמאָוו
לייענקרייז צענטראַלע
א. ליכטנשטיין
ישראל לעווין
מינע לעסער
הערי מאַנאָוויץ
מ. מאַנליכט
א. מאָסאָף
הערי מאַרשאַק
בער און רחל מורינסאָן
נחמן און כיענע מייזיל
סאָניע מייזעל
סאַראַ מיסיראָף
ה. מענדעלסאָן
יעקב און שרה מעסטל
חיים שלמה און בראָניא נאַגאָשינער
פּ. נאָוויק
יאָסל און דוניע נודעלמאַן
לאה נעלסאָן
מאָריס סאַנדלער
פיליפ און דינה סאַנדלער
גדליה סאַנדלער
חנה סאַפראַן
לייזער סאפרין, אין זיין אָנדענק
ה. סטאַראָבין
ראוז סטיין
דר מ. סילווער
פישל סיגאל
מאַקס סלאַווין
סיימאָן און סערע סלאַווסקי
מינע סמאָלער
פעני סעגאַל
בען ספיוואַק
אידיט ספילמאַן
עני עטקינס
אברהם עסטערזאָן
ראובן עקהייזער
וויליאַם עקסטיין און פרוי
יחזקאל פאָלאַק
פרענק און בעסי פאליי
לעאָן פיינקין
ה. פסיגאָדאַ
הערבערט און פעני פעילי
ברכה פערלשטיין

סעם פערלאָוו
מענדל און טאַניאַ פראַגער
פרץ הירשביין איקוף קלוב
י. ל. פרץ לייענקרייז
מאָריס און רעי פאוסט
אליהו און דזשעני פורמאַן
דזשאַנעט פיינמאַן
דאָראַ פילמוס
סיימאָן פעדערמאַן
ל. פעלד
קעי פראנט
קלמן פרידמאַן
דזש. פרענקל
ס. צעפקין
יאָסל קאָהען
סאָפיע קאָהען
פרענסיס קאָהען
דוד און מאַלי קאַפּילאָוו
רעי קאַפּלאַן
אברהם קאַפּלאַוויץ
לילי קאַץ
שמואל און יודיף קאָרן
יעקב קוואַט און פרוי
עד. און פעני קויפמאַן
ס. קויפמאַן
פרענק און ראוז קוירק
מ. קירשנער
מאניא קליינבערג
משה קיש
אַלעקס קליינמעץ
הערי קליפ
דוד קעס
הערי קעסלער
א. ס. קראַוועץ
שרה ראַבאַי
עד. ראטקין
יצחק ראזענבוים
ביילע ראָזענבערג
פּ. ראָזענבערג
מאָריס און העלען ראָזענפעלד
יצחק אלחנן און איידע ראָנטש
משה רויזמאַן
מאָריס ריטשמאַן
בען און בערטאַ ריפין
אסיא רובין

ד״ר ל. שאַצאָוו
יוסף און ראַשע שאַפּירא
אדם שאַפּירא, ראשע שאַפּיראָס אייניקל
יודל און חנה שאפּירא
בת שבע שיינהאוז
שפרה שיינקמאַן
שטשופּאַק
ד״ר ס. ל. שילדס
גרשון און לינא שמוקלער
לובא און דוד שעפּקאָוויטש
אברהם שענאַק
אהרן און אַדעלאַ שעק
יעקב שפּיגל
אברהם און שרה שקאָלניק

## וועסט ניו־יאָרק

אברהם חיים באַנדעל
פעליא באַנדעל
פּנחס גיסקע
ישראל גלאַנצערניק
יעקב הייבער
נחום וואָלטער
שמעיה וואַרטסקי
מרים וואַרטסקי
בעסי און מילטאָן מענספּילד
פראַניע פּערלע אין נאָמען פון נח פּערלע
ישראל און חוה שורעק
נאָרט האַדסאָן איקוף קלוב

## שיקאַגאָ

משה באַקאַל
הערמאַן בוש
גרישא און אנא בלום
משה בעקער
סידני און בראָניע גאָלדין
ק. גאלין
יעקב און פריידע גאָלדענבערג
מאַקס און פייגל דאַרינסאָן
פיליפּ און אסתר האוזער
פעני הייקין
נייטן העלד
קונצע וואַרסא
אסתר ווייילאַנד
סאָפיע זאַסלאָוו
ד״ר יצחק און אסתר טאַלמי

אברהם און מריאַן טאַלמי
שמחה לייב טאַלמי
מאַקס טאָרג
ד״ר ה. לובין
סאול לעפּ
בען און אסתר מילער
מאיר און שאַרלאָט מעלאַמעד
סאוט סייד זשיטלאָווסקי איקוף קלוב
קאַרל סיידאָוו
מאיר און שאַרלאָט סענדערס
שרה פּאַט, אין אָנדענק פון אברהם פּאַט
הערי פּשעניץ — אין זיין אָנדענק
מאָריס און סאָניע פליישמאַן
חיים און גניע ציפּאָרין
הערי און לאהקע קאָהען
שמואל י. קרושקאָ
מ. שוואַרץ
הערי שלאָסבערג

## מאָנטרעאל

נ. אַרטענבערג
יוסף בעקער
בצלאל חייט
ש. לאַפּיצקי און פרוי
די עלבלינגס
די פּרעסמאַנס
ש. קאַך
שלום און שפרה קרישטאלקע
נחמן און ליזע רעזניק
מ. שאַטאן
דניאל שאפירא
שלום און סאָניע שטערן

## קליוולאַנד

נחום גאָגאָליק
יעקב גאַלאַנט
י. א. דוכאַן
דוד טאַבאַקמאַן
בעסי ניומאַן
יצחק ניומאַן
ס. סאַפּערשטיין
מאָריס פּערל
ישראל קאָרענמאַן
מאָריס קרעמער
סעם ראַדין

## מאָנטיסעלא

יודל און שרה גאָלדשטיין
מאָנטיסעלאָ קולטור קלוב
ל. אַפּריל
י. ברענער
בעני לעשנער
ס. שעוויטס
טש. לערמאַן, סאַוט פאָלסבוירג

## דעטראָיט

אברהם און נעלי בערניקער
רבקה האנדעלמאַן
חיה גאָלדע עסטרין
אייזיק און פלאָראַ קעסלער
יהושע און שפרה קעסלער
רבקה שוחט
די שניידערמאַנס

## לאָס אַנדזשעלעס

שמואל און דבורה בעקער
יעקב און נאַדיאַ לון
קלמן מרמר
ל. נאָוויקאָוו
סעם און ראוז סטעפּקין
אהרן פעדער
ש. און בוזי סעקולער
חיים קאַטיליאַנסקי
מענדל און בעקי קאַנטאָר
וויליאַם קעסנער
נתן קרעמער

## פילאַדעלפיע

י. בראַנשטיין
מענדל גאַדיק
מעקס גאַז
ש. דאווידסאָן
מיני סילווערמאַן
א. שולמאַן
י. קיווניק

## ראָטשעסטער

מאיר אוןביילע ציוויקין
יעקב ראַקסין
מאָריס פליישער

## מיאַמי ביטש

רוט האָלטמאַן
חיים און חוה הירשאָף
רבקה טאָבי
יהודה און סלאַווע מאָנסעט
פייגע סטעמפּעלמאַן
יצחק און לאהקע סטענדער
יעקב און אסתר פעלדמאַן
הערי פּערסאָן
סילוויא שענדלאָוו

## פּאַסעיק

יעקב און שרה גאַרבער
דוד און דאָרא סעלאָף
וואָלף סעלאָף
איידא עטקין
לואי און נחמה ערליך
וועלוול און שרה קוסטין
לואי ראָטבאַרד
משה ראָזעף

## באָסטאָן און אומגעגנט

באַרדען, טשעלסי
אסתר וויסבערג, טשעלסי
(אין נאָמען פון זשיטלאָווסקי גרופּע)
ד״ר ה. ב. סטעלער, טשעלסי
(אין נאָמען פון זיין זון יאסי)
בעלאַ לאַן, ניוטאָן סענטער
כאַסיע שאַפּירא, ניוטאָן סענטער
חיים שאַפּיראָ לייענקרייז, ניוטאן סענטער
שלום עליכם לייענקרייז, דאָרטשעסטער
מ. פיליפּ בענדזשאַמין, ראַקסבורי

## באהיא, בראַזיל

יאָסל העלפגאָט
אהרן העלפגאָט
לייב מילמאַן
חיים סאַפּאַלניק
חיים דוד פיכמאַן
מאַרקוס קערצמאַן
חיים ראַבינאָוויטש
לייזער ראַשקאָווסקי

## קאַלגאַרי

חיים אייזענשטיין
יענקל סטיין
ג. פרידמאַן
זיסל שיינין

## סאַן־פראַנציסקא

ראוז געווירץ
א. טאַבאַטשניק
באַוער־פּאַוער לייענקרייז
ג. סירעס

## פון פאַרשידענע שטעט

מיטיא און עטיע מייליכזאָן, קאַראַקאַס
אברהם ניסניעוויטש, טאָראָנטא
ג. און אנא וואָרבין, פּעטאַלומאַ
צינע עפּלבוים, לעאָניא, נ. דזש.
זאַקי און אסתר זאַכאַריע, סקארסדעיל
משה און פראַדל מילענקי, טאַמס ריווער
הערי און שפרה סופּאַק, מינעאַפּאָליס
מ. גרין, באַלטימאָר
לואיס אַלבערט, מאונט וואוירנאָן
אַנאַ ווייסמאַן, מאונט וואוירנאָן
א. פיין, דענווער